# דער
# מאַמעס
# שבתים

חיים גראַדע

Digitized by the Internet Archive
in 2012 with funding from
National Yiddish Book Center

http://archive.org/details/nybc201659

חיים גראַדע

# דער מאַמעס שבתים

## דערציילונגען

צווייטע אויפלאַגע

ציקאָ פערלאַג
ניו־יאָרק

# חיים גראדע



# דער מאמעס שבתים

ציקא ביכער־פארלאג
ניו־יארק

CHAIM GRADE

# DER MAMES SHABOSIM

MY MOTHER'S SABBATHS

שער־בלאַט און געצייכנטע אותיות צו יעדן אָפּטייל — איליאַ שאָר

Second Edition

Copyright, 1959

by

CHAIM GRADE

New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

266

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אַדרעס:

CYCO-BICHER FARLAG

25 East 78th Street

New York, N. Y.

די דערציילונגען וועגן מײַן מוטער
ווידמע איך מיט ליבשאַפֿט
מײַנע ברידער אין שיקאַגאָ —
די זין פֿון אונדזער פֿאָטער
ר׳ שלמה מרדכי ב״ר ירוחם.

# דער גאָרטן

ר׳ ברוכל און בלומעלעס קינדער לעבן אין אַרגענטינע. זייערע פאָטאָגראַפיעס הענגען אויף דער וואַנט אין אַ האַלבן קרייז, און אונטער זיי הענגט דאָס בילד פון חפץ־חיים, ווי אַ שטערן אין סערפּ פון דער לבנה. דער צדיק פון ראַדון איז אַ קליין יידעלע מיט גרויסע אויגן פול מיט צער און גוטסקייט, אַנגעטאָן אין אַ הויכן ווינטערדיקן היטל. ווען בײדע אַלטיטשקע קוקן אויף די פאָטאָגראַפיעס פון זייערע זין און זייער בליק פאַלט אויפן צדיק פון ראַדון, פאַרריכט בלומעלע דאָס טיכל אויפן קאָפּ, אירע האָר זאָלן זיך ניט אַרויסזען, און ר׳ ברוכלען דאַכט זיך אַז ער הערט דעם חפץ־חיים זיפצן:

„איי קינדערלעך, קינדערלעך, היינט־מאָרגן קומט משיח און איר זייט נאָך ניט גרייט".

ביי ר׳ ברוכלען ציטערט די אַש־גרויע באָרד, ער קוקט אויף די פאָטאָגראַפיעס פון זיינע זין און מורמלט:

— ווער ווייס צי זיי היטן דאָרט יידישקייט, ווער ווייס צי זיי היטן אָפּ שבת.

ר׳ ברוכל איז אַלע זיינע יאָרן אַ חברה־מאַן אין חברה־פועלים, וואו עס דאַוונען די פרומע בעלי־מלאכות. זינט ער איז געקומען אויף דער עלטער און די קינדער האָלטן אים אויס, האָט ער אויפגעהערט אַרבעטן. איינמאָל אין יאָר ווערט ער צוריק אַ בעל־מלאכה. דאָס איז אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור ווען ער העלפט בויען די סוכה. אמת, ער אַליין קלאַפּט ניט די ברעטער און לייגט ניט אַרויף דעם סכך, אָבער ער דערלאַנגט די אייזערנע פאַרראָסטע נעגל, וואָס ער היט אָפּ פון יאָר צו יאָר אין אַ בלעכענער כלי. ווען די שכנים באַרעכענען וויפל די סוכה האָט אָפּגעקאָסט און וויפל יעדער שכן דאַרף געבן צושטייער, פאַרגעסט מען אָן דעם חלק וואָס עס האָט אַריינגעטראָגן ר׳ ברוכל. פאַרדריסט עס אים און ער דערמאָנט:

— און מיינע נעגל?

די שכנים לאכן און ווינטשן אים ער זאָל אויך איבעראַיאָר דערלעבן צו דערלאַנגען זיינע פאַרראָסטעטע נעגל.

ר׳ ברוכל איז אַנומלט פאַר פסח געווען זייער קראַנק, זיין אויסגע־טריקנטער גוף האָט אַזוי געגליט און געפיבערט, אַז די שכנים האָבן גע־מיינט: בלומעלע בלייבט שוין אַן אַלמנה. אַלטערקע דער גענדזלער, אַ פראָסטער חי־וקים, האָט געחוזקט פון די שכנים:

— איר וועט דאָס יאָר דאַרפן צונויפקלעפּן די סוכה מיט שפּייעכץ, סיידן ר׳ ברוכל וועט אייך לאָזן ירושה זיינע פאַרזשאַווערטע טשועקעס.

האָט גאָט געטאָן אַ נס און ר׳ ברוכל איז אַרונטערגעקראָכן פון בעט. דאַרף ער זיך דאָך פרייען, איז ער גאָר אומעטיק. די שכנים, טראַכט ער, קוקן אויף אים ווי אויף אַ בייז וואונדער.

ר׳ ברוכל גייט מיט קליינע טריטעלעך איבער די קרומע שטיינער און זיינע הענט הענגען אַרונטער, ווי די אַראָפּגעלאָזטע קייטן פון וואָגט־זייגער אין זיין שטיבל. אָט באַלד גייט אויס די אָנגעדרייטע צייט און דער פּאָמ־פּעדיקל וועט זיך אָפּשטעלן. אים קומט אַנטקעגן אַלטערקע דער גענדזלער, וואָס האָט פּונקט איצט געמאַכט אַ שנעפּסל און איז גוט אויפגעלייגט:

— נו, ר׳ ברוכל, זיך אַרויסגעדרייט פון מלאך־המות? איר קענט נאָך אַזוי אַריינציען אַ יאָר און אפשר די גאַנצע צוויי.

ר׳ ברוכל לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ אַ פאַרשולדיקטער און פאַרענט־פערט זיך:

— לייב דער שענקער איז דאָך עלטער פון מיר, אַ סך עלטער.

— אַ משל! — צעלאַכט זיך אַלטערקע, — לייב דער שענקער ציט יעדן טאָג אַריין אַ האַלבע קוואַרט בראַנפן, איז אַז מען גיסט אַריין גאָפּט, ברענט דער לאָמפּ. איר זאָגט אשר־יצר און ווישט די פינגער, ווישט, ווי איר וואָלט זיי געמאַלקן. פרעג איך ביי אייך: ווי לאַנג קענט איר נאָך אָפּנאַרן דעם מלאך־המות?

ר׳ ברוכל גייט אַוועק אַ פאַרדאגהטער: ווי קען ער האָבן פאַראיבל אויפן גענדזלער הלמאי ער איז אים גרויס אין די אויגן, אַז אַפילו אין חברה־פועלים איז מען אים אויך יום־טוב מער ניט מכבד מיט דאַוונען ביים עמוד פון פאַרנט. דער אַלטער רבי ר׳ הירשעלע, עליו השלום, וואָלט ניט דערלאָזט אַוועקנעמען די חזקה ביי אַ חברה־פועלימניק, ווייל זיין קול איז שוואַך. ער, ברוכל, האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט צאָלן חברה־געלט און אויך ניט דערלאָזט זיינע קינדער זאָלן מורד במלכות זיין. אַמאָליקע יאָרן, בעת אַלע יינגלעך פלעגן לויפן אויף דער גאַס און שרייען: „דאָלאָי ניקאָלאַי!" פלעגט ער זיינע יינגלעך אָװעקשלעפּן אין קלויז. יעדן שבת פאַרטאָג, דער שלאָף האָט זיי נאָך געקלעפּט אויף די אויגן, האָט ער זיי געשלעפּט צום דאַוונען און אויפן וועג זיי צוגעהאַלטן ביי די הענט,

די קונדסים זאָלן זיך ניט צעלויפן. נאָכן דאַווענען האָט ער פון קעשענע אַרויסגענומען טייגעכץ, אַריינגעשטופּט זיי אין די מיילער שטיקער רעציסניק, און זיי אַוועקגעזעצט לעבן זיך ביים טיש הערן ווי דער רבי לערנט חיי־אדם. די קינדער זיינען זיך צעפאָרן, די אַלטע בעלי־בתים זיינען אויסגעשטאָרבן, און ביי אים האָט מען צוגענומען זיין חזקה אויפן יום־טובדיקן דאַווענען פון פאָרנט, ווייל זיין קול איז שוואַך.

אין אַזעלכע טרויעריקע מחשבות גייט דורך דער אַלטיטשקער דאָס הייפל און פאַרקערעוועט זיך פּאַמעלעך צום טויער.

פון איין זייט טויער זיצט זיין ווייב בלומעלע און פון דער צווייטער זייט זיצט מיין מאַמע.ביידע האַלטן אַרום זיך קאָשיקעס אויפּס מיט קערבלעך גרינס און מען קריגט זיך צוליב אַ קונה. מענטשן וואונדערן זיך: ביידע ווייבער זיינען דאָך שותּפטעס, היינט וואָס איז דער חילוק ביי וועמען דער קונה קויפט? לאָזט זיך אויס, אַז עס איז יאָ אַ חילוק. קיין איינע פון זיי וויל זיך ניט אָפּשלאָגן פון אירע באַלעבאָסטעס, טאָמער צעטיילט מען זיך מיט מזל ווידער, ווי עס טרעפט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, זאָלן אירע באַלעבאָסטעס ניט זיין צוגעוואוינט צו דער געוועזענער שותּפטע. און אויך גלאָט אַזוי אָן אַ פאַרוואָס ווילט זיך ניט שטיין מיט די הענט אין די פאַרטעך־קעשענעס, בעת אַנטקעגנאיבער איז אַ צוּנויפגעלויף. אַמפּערט, מען זיך, מען וואַרפט זיך פאַר פאַרלעגענע חטאים, ביז מען נעמט זיך צו דער משפחה:

— וואָס רייסט איר איין וועלטן, — זאָגט מיין מאַמע, — די קינדער אייערע שיקן דאָך אייך, ברוך השם, צום לעבן.

דערהערט בלומעלע אַז מען רעדט פון אירע קינדער, ווערט איר פאַרבעלמעט אויג אָנגעצונדן, זי שפּרינגט אויף פון איר בענקעלע און לויפט צו צו מיין מאַמען:

— וואָס פאַרגינט איר מיר ניט מיינע קינדער? זאָל אייער קדיש גיין אַרבעטן, וועט איר ניט באַדאַרפן שלעפּן פון מיר מיינע קונדן. אייער חיימקע וועט אַזוי זיין אַ רב ווי איך בין אַ רביצן.

— זאָלץ אין די אויגן, פעפער אין נאָז, — שפּרינגט אויף די מאַמע פון איר בענקעלע און אירע לענגלעכע מאַנדל־אויגן ווערן גרין פון כעס, — געהערט אַ העזה פון אַ יידענע! איר שטעכט מיין חיימקע. טפו, טפו, טפו, — שפּייט זי אָפּ דריי מאָל פאַר אַן עין־הרע.

דאָ קומט אונטער מיט קליינע טריטעלעך ר' ברוכל. בלומעלע דערזעט איר אַלטיטשקן און לויפט אים אַנטקעגן:

— איך ווייס ניט, ברוך, וואָס וועלע וויל האָבן פון מיין לעבן. מיר זיינען שותּפטעס, איין קעשענע, נאָר ווען איך לייז, ווערט זי אַ פאַרברענטע.

זינט דער אַלטיטשקער איז אויפגעשטאַנען פון זיין קראַנקייט, האָט ער מורא פאַר אַ קללה און וויל זיך ניט מישן. קוקט ער אַריין אין זיין ווייבס קאָשיקעס מיט די צוגעפוילטע עפּל און אין אירע גרינס־קערבלעך מיט די פּאַראַיאָריקע בינטלעך ציבעלעס, קאַרטאָפל מיט בערדלעך, קרויט, מערן, און די יחסנים, די בני־זקונימלעך, די הײַ־יאָריקע פרישע רויטע רעטעכלעך. אויך מיין מאַמעס שעמער באַשטייט פון די זעלבע אַרטיקלען. ר׳ ברוכל נעמט זיך אָן פאַר דער שיטערער אַש־גרויער באָרד, ווי ער וואָלט זי פאַרגליכן צו די אַרויסגעשפּראָצטע בערדלעך אויף די קאַרטאָפל, און דערביי טראַכט ער, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין קיין צמחים. זיי האָבן ניט קיין נשמה. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת שטאָמלט ער אַרויס:

— די השגחה עליונה טיילט איין איטלעכן וואָס אים קומט און וויפל אים קומט. וואָס זשע האָט איר זיך צו קריגן? זאָל איינע פאַרקויפן אויפּס און די אַנדערע גרינס.

ער האָט שוין ניט קיין ציינער און מען הערט קוים וואָס ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן, אַ סימן אַז ער איז אין כעס, און זאָגט שטרענג צו דער ווייב:

— טשעפּע זיך ניט מיט ווענען, זי איז אַן אַלמנה און איר ייִנגל איז אַ יתום.

— טשעפּע ניט דעם זיידן, ער איז אַ יתום, — קרימט אים איבער בלומעלע, — דו האַלסט דאָך שטענדיק מיט מיינע שונאים. ווענעס זון איז שוין ניט קיין ייִנגל, ער האָט מער כח ווי איך און דו אינאיינעם. איר חיימקע וועט אַזוי זיין אַ רב ווי איך בין אַ רביצן.

— צי מיין חיימקע וועט זיין אַ רב ווייס איך ניט, נאָר אָן אַ היטל גייט ער ניט, — זאָגט די מאַמע.

זעט בלומעלע אַז איר שותפטע שטעכט זי שוין אַפילו מיט דעם וואָס אירע קינדער שטייען אויף די צוגעשיקטע פאָטאָגראַפיעס אָן היטלען און די שניר גייען אין די אייגענע האָר, ווערט בלומעלעס פאַרבעלמעט אויג נאָך רויטער, און זי צעלאַכט זיך מיט אַ גרויס געלעכטער:

— ר׳ חוזק האָט אייך געלאָזט גריסן. די גאַנצע וועלט ווייס, אַז אייער תכשיט האָט צונויפגעשלעפּט ליידיקע קעסטלעך און זיי אָנגעפילט מיט ערד פון סעדל ביי די „אַלטע באָסאַקעס״. איר אַליין האָט אים געגעבן געלט איינצוקויפן אַלערליי מינים זוימען צו פאַרזייען די קעסטלעך. אייער זון, דער רב, מישטיינס געזאָגט, אַרבעט ביי זיך גאָרטן מיט די בלימעלעך ווי אַן אמתער גוי.

— איז וואָס זאָל איך טאָן אַז ער האָט פון מיר געריסן די הויט. אַזוי לאַנג, ביז איך האָב אים פאָרט געמוזט געבן געלט איינצוקויפן זריעה? —

פאַרענטפערט זיך די מאַמע אַ צעטומלטע און פאַרשעמטע, — איך זע גאָרניט וואָס ער האָט דאָ אַזוי חוטא בעגל געווען. דער הויף איז אַ היל־צערנער קאַסטן, די איינציקע גרינקייט איז דער שימל אויף די דעכער, האָט ער פאַרפלאַנצט אַ פּאָר וואַזאָנעס. איר אַליין, דאַכט זיך, האָט אויך הנאה פון די קוויטן.

— פון אייערע רייד קומט אויס אַז איך בין אַ רכילותניצע, אָבער ווער עס ווייס — דער ווייס, אַז אייער גערטנער באַגיסט זייַנע בלימלעך אום שבת. פרעגט ביי מיין ברוכן, אויב איר גלייבט מיר ניט.

— אמת, אמת, — שאָקלט ר׳ ברוכל מיטן קאָפּ, — איך האָב אַליין געזען. באַגיסן איז אַ תולדה פון אַן אַב מלאכה, אַן אמתער חילול שבת.

די מאַמע בלייבט אַ צעמישטע, אויף דעם האָט זי זיך ניט געריכט. ענטפערט זי מער אַ וואָרט ניט, לאָזט אויף הפקר איר געשטעל, און גייט מיך אויפזוכן אויסצולאָזן צו מיר איר ביטער האַרץ.

אַ קלייניקייט, רעדט זי צו זיך, די בלומעלע איז דאָך אַ גזלנטע. זי האָט זיך אָנוסטן ניט געשטערט מיר צו דערציילן, אַז איר בכור האָט זיך אַמאָל פאַרפוילט אויפצושטיין צום דאַווענען, האָט זי אים אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ אַ קישן און ר׳ ברוכל האָט אים אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז ער האָט געחלשט. טאָמער האָב איך איין שטיקל ייִנגל, וויל זי איך זאָל אים פאַרהוקען. אויף אַן איינגעבויגענעם בוים שפּרינגען אַלע ציגן. זי האָט אַ מאַן, נעמט ער זיך אָן פאַר איר. ווער זאָל זיך אָננעמען פאַר מיר, מיין בן־יחיד וואָס איז צוליב בלימלעך מחלל שבת?

אין דער זעלבער צייט שטיי איך ביי מיינע קעסטלעך און באַגיס די געוויקסן. אַרום מיר שטייען הויף־שכנים און לצעווען:

— מיר וועלן נאָך דערלעבן פון אים נחת, — זאָגט אַלטערקע דער געגנדזלער, — ער וועט שטיין אויף דער גאַס און פאַרקויפן די מאַדאַמען בוקעטן פון זיין אייגענעם גאָרטן, ווי דער באָד־גוי אויפן שול־הויף ביים מרחץ פאַרקויפט פרישע בעזעמלעך.

— וואָס האָט איר צו אים? — נעמט זיך כלומרשט אָן פאַר מיר אַ צווייטער, — ער וויל ניט זיין מאַמע זאָל דאַרפן אָנקומען צו אַ גערטנער. ער וועט איר צושטעלן גרינס פון זיינע אייגענע וואַזאָנעס.

איך ענטפער ניט, נאָר אַרבעט מיט פליס און פאַרביסנקייט. מיר גייט אין לעבן מיך פאַרזיי זאָל געראָטן. בלויז איין מענטש לאַכט ניט פון מיר, אונדזער הויף־וועכטער סנעזשקאָ, אַ גוי אַ שיכור. ווען ער איז שיכור, שרייט ער: „בעסער זיין אַ פּאַרובאַק אויפן דאָרף, איידער אַ סטאַראָסטע ביי יידן״. אָבער ווען ער איז ניכטער, לערנט ער מיך ווי אומצוגייען מיט די פלאַנצן:

— בידלאָ! דו האָסט אַריינגעזעצט צופיל קערנער אין איין קעסטל.

דאָס איז דיר ניט דיין מאַטקעס קאַשיקעס, וואו פלוימען און קאַפּוסטאַ פוילן אינאיינעם. אַז די זון באַקט, דאַרף מען די יונגע גערוויקסן איינדעקן. דעק איין בעסער. דאָס איז דיר ניט קיין זשידאָווסקע יאַרמלקע אויפן שפּיץ פּאַטילניצע.

— אַ פּאַטאַפּאַלנאַסט פון אַ יינגל! אין אים איז אַריין אַ דיבוק, — באַשליסן די שכנים און צעגייען זיך. אויך סנעזשקאַ גייט אַוועק. עס קומט צו די מאַמע, שטייט איבער מיר און רעכנט אויס אויף די פינגער מיינע חטאים:

— מזיק, זע וויפל איך טראָג פון דיר אַריבער. קליינערהייט האָסטו געפירט מלחמות מיט די יינגלעך אויף דער גאַס. די טאַטעס פון די צע־מזיקטע יינגלעך פלעגן אַריינלויפן צו מיר מיט אַ געשריי: „איך וועל אייער ממזר אַ פּוס אויסדרייען", און איך האָב דיך געמוזט פאַרשטעלן מיט מיין פאַרטעך. דערנאָך איז אין דיר אַריין אַ משוגעת צו האָדעווען פייגל, ווי די באַרוועסע שקצימלעך וואָס טראָגן אַרום טויבן אין די בוזעמס. שפּעטער האָסטו ערגעץ־וואו געקראָגן אַ גרויסן קודלאַטן שוואַרצן הונט און מיט אים זיך אַרומגעשלעפּט טאָג און נאַכט. איצט ביסטו געוואָרן אַ פּויער מיט אַ גאָרטן. טאָמער איז עס נאָך ווייניק, באַגיסטו דיינע בלימלעך אום שבת. דו ווייסט ניט אַז מען טאָר ניט? תלמיד־חכם מיינער!

טאָג און נאַכט בין איך געשטאַנען אויפן הויף און אָפּגעהיט מיין גאָרטן, אַז די יינגלעך זאָלן אים ניט צעשלעפּן, באַלעגאַלעס זאָלן ניט איבערקערן די קעסטלעך ווען זיי פאָרן אַריין מיט די ברייטע וועגענער. אָבער איך האָב מיין גאָרטן ניט אויסגעהיט.

איינמאָל אינדערפרי האָב איך געפונען די ערד אויסגעשאָטן און די פלאַנצן צעטראָטן. דער הויף־וועכטער סנעזשקאַ, וואָס האָט מיך געלערנט ווי אומצוגיין מיט די גערוויקסן, איז שפּעט ביינאַכט געקומען אַ טויט־שיכורער און אַלץ חרוב געמאַכט. די שכנים האָבן מער ניט געחוזקט פון מיר ווי פריער; זיי האָבן באַדויערט וואָס דער הויף איז געבליבן נאַקעט, אָן אַביסל גרינס. אַלטערקע דער גענדזלער האָט געשאָלטן דעם סטאַראָזש:

— דער אַנטיסעמיט פאַרגינט ניט קיין יידישע קינדער אַ בינטל גראָז. גראָז זאָל אים וואַקסן פון קאָפּ.

די מאַמע ווייס ניט, זאָל זי טרויערן אָדער זיך פרייען:

— אפשר וועט ער איצט צוריקגיין אין בית־מדרש לערנען?

# דער אוצר

דער ברוגז צווישן די שותּפֿטעס האָלט אָן אַ גאַנצע וואָך. קומט צו אַ קונה צו דער מאַמען, רעדט זי קנאַפּ און מיט פּאַראיבל, ווי איינער זאָגט: גיי צו בלומעלען. יענע ווידער נעמט אויף דעם קונה נאָך קעלטער, ביז דער קונד ווערט רעכט אין כּעס און אַנטלויפֿט אינגאַנצן. זאָלן אים אַזוי ניט פֿעלן די קלינגערס ווי עס פֿעלן ניט קיין פּאַרקויפֿערס פֿון פּאַרפֿוילטע עפּעלעך.

פֿרייטיק פּאַרנאַכט נעמט יעדע שותּפֿטע אַריין אירע קאָשיקעס באַזונדער, און אויף די פּלייצעס זיצט אַ האָרב: נאָך הבֿדלה דאַרף מען זיך אויסרעכענען — און דאָ רעדט מען ניט צווישן זיך. שבת מנחה־צייט זעצן זיך בײדע שכנות אַרויס אויף די שוועלן פֿון זייערע הייזקעס מיט די ספֿרים אויף עבֿרי־טייטש. בײדע לייענען הויך און מיט אַ ניגון, ניט פּאַרטויבט צו ווערן פֿון שיכורן געשריי וואָס טראָגט זיך פֿון וועכטערס שטיבל. דער סטאָראָזש סנעזשקאָ האָט פּאַררופֿן צו זיך זיין דאָרפֿישע משפּחה און מען הוליעט ביי אים לכּבֿוד זונטיק שוין באַצייטנס.

מיר וואוינען אין הינטערשטן חדרל פֿון אַ קוזניע. אונדזער חדרל איז אָן אַ פֿענצטער, און אַ גאַנצע וואָך קאָפּטשעט דאָרט אַ נאַפֿט־לעמפּל אַפֿילו בייטאָג. שבת, ווען די בעלי־מלאָכות אַרבעטן ניט, זיצן מיר אין דער פֿאָדערשטער שטוב, אין וואַרשטאָט. איך זיץ אַ פּאַראומערטער, טראַכט פֿון מיין חרובֿן גאָרטן, און די מאַמע אויפֿן שוועל לייענט דעם לבֿ־טובֿ:

דער מנהג איז שבת צונאַכט שפּעט צו דאַווגען מעריבֿ, ווייל די רשעים קומען ניט אין גיהנום ביז די אונטערשטע קהילה זאָגט אָפּ ויהי־נועם, ואתּה־קדוש. דען אום פֿרייטיק צונאַכט, ווען קהל זאָגט ברכות, קומט דער מלאך הדומה און רופֿט אויס: רשעים, גייט אַרויס פֿון גיהנום. ווען ישׂראל מאַכט שבת, גייען די רשעים אַרויס פֿון פֿייער אין אַ טייך וואַסער און קילן זיך. דאַרום קומט דער מנהג, אַז דער וואָס זיין פֿאָטער און מוטער זיינען געשטאָרבן, טאָר קיין וואַסער ניט טרינקען אום שבת צווישן מנחה און מעריבֿ, דען אין דער זעלבער צייט גייען זיי אין וואַסער צו קילן זיך.

— דו הערסט, חיימקע? — דרייט די מאַמע אויס דעם קאָפּ אין שטוב אַריין און רעדט שטיל, בלומעלע זאָל ניט דערהערן, — דו הערסט וואָס עס שטייט געשריבן? און דו האָסט, ווי איז מיר, באַגאָסן דיינע בלימלעך אום שבת.

די מאַמע זיפצט אָפּ און לייענט ווייטער:

שבת צונאַכט זינגט מען אליהו הנביא צוליב צוויי טעמים. איינס, אום שבת קומט ניט משיח און אליהו הנביא, דאַרום אַז דער שבת איז אויס, זינגען מיר אליהו הנביא, ער זאָל קומען און אונדז אַ בשורה זאָגן אויף דער גאולה. דער אַנדערער טעם איז, אליהו הנביא זיצט מיט פיל טויזנטער מלאכים אום מוצאי שבת און שרייבט אויף אַלע די וואָס האָבן שבת געהאַלטן, און פאַרקערט, די וואָס האָבן, חס ושלום, מחלל שבת געווען... דו הערסט, חיימקע?

בלומעלע זיצט אויף איר טרעפּל מיטן מנורת־המאור. די מעשענע שפּאַקולן אויף די שטריקלעך פאַלן איר כסדר אַראָפּ אויף דער שפּיץ נאָז. איר קליין איינגעדאַרט קעפּל איז איינגעגראָבן אין די גרויסע געלע בלעטער, וואָס זיינען אינדערמיטן איבערגעטיילט מיט אַ שוואַרצן פּאַס, אויבן אויף לשון־קודש, אונטן אויף עברי־טייטש.

דאָס דערמאָנט איר דעם מויער פון רייכן אויפּס־סוחר. אויף די איי־בערשטע גאַרנס וואוינט ער מיט זיין משפּחה אין אויסגעפּוצטע סאַליעס. ווען בלומעלע קומט דאָרט אַרויף, מוז זי שטיין אין פירהויז ווי אַ בעט־לערקע, און זי איז איבערגעשראָקן פון דעם פרעמדן שווערן לשון וואָס עס רעדן צווישן זיך דעם הורטאָווניקס געבילדעטע שניר און טעכטער. אָבער אונטן אין אויפּס־קעלער אינאיינעם מיט אַלע מאַרק־ווייבער איז היימיש, אַ מחיה. מען קען זיך דינגען מיטן הורטאָווניק וויפל דאָס האַרץ גלוסט, און טאָמער דערמאָנט ער פּאַראַיאַריקע חובות, דערלאַנגט מען אים אַזאַ אויסגאָב, אַז ער ווערט אַנטשוויגן. אַקוראַט אַזוי, ניט צו פאַרגלייכן, זעט איר אויס דער מנורת־המאור מיטן שוואַרצן פּאַס אינדערמיטן, אויבן אויף לשון־קודש און אונטן אויף עברי־טייטש:

מיר געפינען אין מדרש תנחומא, מעשה ברבי עקיבא. עס האָט גע־טראָפן אַ מעשה מיט רבי עקיבאן דאָס ער איז געגאַנגען אויפן בית־הקברות און האָט באַגעגנט אַ מענטש וואָס זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ווי קויל, און ער האָט געטראָגן האָלץ אויף זיין אַקסל, און איז דערמיט געלאָפן אַזוי ווי אַ פערד. האָט רבי עקיבא גוזר געווען אויף אים ער זאָל בלייבן שטיין און געזאָגט צו אים: מיין זון, פאַרוואָס טוסטו אַזאַ שווערע אַרבעט? ביסטו אַ קנעכט, וועל איך דיך אויסלייזן, טוסטו דאָס פון אָרעמקייט, וועל איך דיך רייך מאַכן. ביסטו פון מענטשן אָדער פון מזיקים? האָט יענער גע־ענטפערט: איך בין אַ מת און יעדן טאָג מוז איך האַקן האָלץ און מען

פאַרברענט מיך דערמיט. זאָגט רבי עקיבא צו אים: וואָס איז געווען דיין מלאכה ביים לעבן? זאָגט דער מת: איך בין געווען אַן אויפמאַנער פון צינזן, פלעג איך די עשירים נושא פנים זיין און די אָרעמע־לייט פלעג איך הרגענען... דו הערסט, ברוכל? — רעדט אויך בלומעלע אַריין אין שטוב.

ר' ברוכל ליגט אויפן בעט און זיין אויסגעטריקנטער גוף כאַפּט אין זומערדיקן פאַרנאַכט אַ ציטער, קרעכצט ער און אויקעט:

— איך בין ניט געווען קיין אויפמאַנער פון צינזן, איך האָב קיינעם ניט געהרגעט, איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אַן אָרעמאַן. אוי טאַטע אין הימל!

ר' ברוכל איז בטבע אַ שטיקל כעסן, דערצו נאָך טרייסלט אים ווי אין אַ קדחת, גיט ער זיך אַ זעץ־אויף אויפן געלעגער, וואַרפט מיט די מאָגערע הענט און פאַטשט מיט די ווייכע ליפּן:

— דו, דו ביסט אין אַלץ שולדיק. עפּעס אַ האָר שווערסטו זיך, איך זאָל אַזוי דערלעבן צו זען מיינע קינדער אין אַרגענטינע. איך בעט זיך ביי דיר ווי ביי אַ גזלן, לאָמיר ניט פאָרן מעבר לים אין דער גויאישער מדינה, מיינע ביינער זאָלן זיך ניט דאַרפן קייקלען, לאָמיר פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווילסטו דווקא פאָרן קיין אַרגענטינע, און איך וועל זיך שוין מוזן קייקלען.

בלומעלע ענטפערט ניט, זי וויל ניט מיין מאַמע זאָל דערהערן ווי זי קריגט זיך מיט איר מאַן. די מאַמע האָט דאָך איר אויפגעוואַרפן אַז אירע זין שטייען אויף די פאָטאָגראַפיעס אַן היטלען. פאַררוקט בלומעלע העכער אויף דער נאָז די מעשענע ברילן, פאַרלירט אַ שטיק פון דער מעשה און לייענט ווייטער ווי אַזוי רבי עקיבא איז געגאַנגען פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער איז געקומען קיין אַלדוקאָ, וואו עס האָט געוואוינט שושמירא, די ווייב פון געשטאָרבענעם. און ער האָט געפונען דעם זון פון בר־מינן וואָס איז נאָך געווען אַן אומבאַשניטענער. און ער האָט אים מל געווען און גע־זעצט זיך מיט אים לערנען תורה. אין דער שעה האָט מען דעם מת לויז געלאָזט פון די יסורים. און ער איז געקומען אין חלום צו רבי עקיבאן און געזאָגט צו אים: דיין דעה זאָל רוען אין גן־עדן וואָס דו האָסט מיך מציל געווען פון גיהנום... דו הערסט, ברוכל?

— אַז איך האָב ניט קיין כח צו גיין הערן אַן אמתן מגיד, מוז איך הערן מיין ווייבס מגידות, — קרעכצט ר' ברוכל און קוקט אויפן וואַנט־זייגער וואָס האָט אַ ציפער־בלאַט מיט יידישע אותיות. דער פּאַמפּעדיקל גייט הין־און־צוריק איינגעהאַלטן, ווי אויך ער וואָלט זיך געהיט ניט צו מאַכן קיין האַסטיקן טראָט אום שבת. די זשאַווערדיקע קייט מיט דער וואָג לאָזן זיך פּאַמעלעך אַרונטער אַלץ נידעריקער און נידעריקער. נאָך

הבדלה, אם ירצה השם, וועל איך אָנציִען דעם זייגער, טראַכט דער אַל־טיטשקער. אוי ווען מען קען עס אויך אַ מענטשן אַזוי אָנציִען, ער זאָל וויטער גיין און קלאַפּן. ר׳ ברוכל שטאַרקט זיך, קריכט אַראָפּ פון הימל־בעט מיט דעם הויכן שטוים בעטגעוואַנט און גיסט אָפּ נעגל־וואַסער. צייט צו גיין מנחה דאַווענען.

אויך איך שטאַרק זיך אויף מיין טרויער, גיי אַרויס אויפן הויף און קוק זיך אַרום. פון מיין גאָרטן איז קיין זכר ניט געבליבן. די צעבראָכענע הילצערנע קעסטלעך מיט די צעטראָטענע געוויקסן האָט מען שוין אַוועק־גענומען און אָפּגערייניקט דעם הויף פון דער צעשאָטענער ערד. בלומעלע דערזעט מיך און פאַרמאַכט דעם ספר.

— חימקע, אפשר וועסטו אַריינגיין צו מיר פאַרזוכן מיין פלוימען־קאָמפּאָט? מיין ברוך האָט זיך צו דעם ניט צוגערירט. דיין מאַמע איז טאַקע אויף מיר אין כעס, נאָר דיר האָב איך דאָך קיין שלעכטס ניט גע־טאָן. מעגסט מיך פאָלגן, איך האָב עלטערע אייניקלעך פון דיר.

אין דער רגע שאַרט זיך אַרויס אויפן הויף ר׳ ברוכל. רופט זיך אָפּ צו אים די מאַמע:

— ר׳ ברוך, אַ געזונט אין אייך, ביי מיר שטייט אין אויוון אַ טשייניק הייסע טיי פאַר אייך. זייט מיך ניט מבזה. וואָס איך ווינטש אייך, מעג מיר אָנקומען. איז וואָס האָט זיך אייער בלומעלע אויף מיר צו ברוגזן?

— וואָס אַ מענטשן איז באַשערט, דאָס איז אים באַווערט, — כאַפּט זיך אַרויס בלומעלע.

און ווער עס זשאַלעוועט ניט אויף שבת, דעם באַצאָלט דער שבת, — גיט צו די מאַמע, — ווי מיר געפינען ביי יוסף מוקיר שבת, אַזוי דאַכט זיך האָט ער געהייסן. ער האָט געקויפט אַ טייערן פיש און דאָרט געפונען אַ פּערל די ווערט פון דרייצן קאַסטן גאָלד. היינט וואָס האָבן מיר זיך צו קריגן, זאָגט איר אַליין, בלומעלע?

— טאַקע וואָס האָבן מיר זיך צו קריגן? — שטעלט זיך אויף בלו־מעלע אַ דערפרייטע, — וועלינקע, קומט אַריין צו מיר עסן פלוימען־קאָמ־פּאָט.

— קומט איר, בלומעלע, פריער צו מיר טרינקען אַ גלעזל טיי. אַ שאָד, ר׳ ברוך, וואָס איר איילט זיך צו מנחה. גיי מיט אים מיט, — ווינקט מיר די מאַמע איך זאָל ניט לאָזן אַליין דעם שוואַכן אַלטיטשקן. איר פּנים שטראָלט פון שמחה וואָס זי האָט שלום געמאַכט מיט דער שותפטע, אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרצן.

— איי ווייבער, ווייבער, — שאָקלט ר׳ ברוכל מיטן קאָפּ און לאָזט זיך גיין מיט קליינע טריטעלעך.

מיר גייען פאַרביי דעם הויף־וועכטערס שטיבל און איך דערזע דאָרט

פּויערים מיט וואָנצעס און צעפלאָמטע פּנימער. דער סטאַראָזש סנעזשקאָ קוקט אויף מיר דורכן פענצטער און שטשירעט מיט די ציין. ער קוועלט אָן וואָס ער האָט צעטראָטן מיינע פּלאַנצן.

— דער רוצח לאַכט נאָך פון מיר. איך וועל נעמען אַ שטיין און אים דערלאַנגען אין קאָפּ, — שריי איך אויס צו ר׳ ברוכלען.

— זאָל דיר דער אייבערשטער אויסהיטן, דער סטאַראָזש מיט זיין קאָמפּאַניע וועלן מאַכן אַ פּאָגראָם, — ציטערט דער אַלטיטשקער, — ווי רעדסטו זיך עס אָפּ אַזעלכע דיבורים אַז דו ועסט אים וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ. אַ ידיש יינגל זאָל האָבן אין זיך אַזאַ גויאישע רציחה! איך פאַרשטיי נאָך ווען אַ רופא פאַרנעמט זיך מיט קרייטעכצער און גראָזן פאַר רפואה־וועגן, אָבער וואו איז עס געהערט געוואָרן אַ לערנערל זאָל פאַרגעסן די גמרא און זיך פאַרנעמען מיט בלימלעך? טראַכט בעסער, חיימל, ווי גוט עס איז צו זיין אַ ייד. זיי הולטייעווען, שיכורן, פרעסן חזיר, און מיר גייען דאַווענען מנחה. קום זשע גיכער, קום זשע גיכער.

דער אַלטיטשקער טרייבט עס אונטער זיך אַליין, ער קען קוים שטעלן קליינינקע טריטעלעך און האַלט זיין האַנט אויף מיין אַקסל ניט אומצופאַלן. דאָס געסעלע מיט די פאַרלאָדנטע קלייטלעך גליוועט אין דער בלויער שטילקייט, שטייט מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי ביי שמונה־עשרה. מאָכיק־הויקערדיקע דעכלעך זעען אויס ווי געבויגענע פּלייצעס פון בערדיקע יידן וואָס שטופּן זיך הערן אַ מגיד, און אויך די ברוק־שטיינער גלאָצן צום הימל מיט פאַרפרומטע פאַרשפּיצטע פּנימער. אַ דריי־קאַנטיק בוידעם־פענצטער פאַררייסט דעם קאָפּ צו די בלויע הייכן, ווי אַ זקן אין אַ הויכער יאַרמלקע וואָלט געזוכט אַ שטערן מען זאָל שוין מעגן דאַווענען מעריב און ציילן ספירה. אָבער ס׳איז נאָך צו פרי, דאָס קאַלכווייסע בית־מדרשל דאַוונט ערשט מנחה. מיר דערהערן אינדרויסן דאָס שלעפּעריקע קול פון בעל־תפילה. ר׳ ברוכל, אַנגעשפּאַרט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, בייגט זיך אי־בער מיר אַריבער, זיין שיטערע באָרד ציטערט אויף מיין באַק, און ער זינגט־מיט מתיקותדיק מיטן חזן: אתה אחד ושמך אחד — — —

**ווען** איך קום פון מעריב, טרעף איך ביי אונדזער טויער צווי פּאָלי־ציאַנטן. אויפן הויף איז אַ מהומה. סנעזשקאָ דעם וועכטערס ווייב שטייט מיט פאַרבראָכענע הענט און קלאָגט זיך פאַר די יידישע שכנות.

— איך בעט זיך ביים אים: סטעפאַן, פאַרגעס אָן דאָרף. און ער: ניין, איך וויל זיין אַ פּאַן פאַר זיך, ניט קיין סטאַראָזש ביי די זשידקעס. איך בין, זאָגט ער, אַ פּאָליאַק און אַ קאַטאָליק, האָט ער פאַררופן צו זיך זיין ברודער און יענער איז געקומען מיט זיינע זין. זאָגט צו אים מיין

סטעפאַן: גיב מיר אָפּ אַ העלפט פון שטוב, פון פעלד און פון די בהמות. ענטפערט אים זיין ברודער: פאַרוואָס זאָל איך דיר געבן אַ העלפט? דיר האָט זיך פאַרוועלט זיין אַ פּראַנט אַ שטאָטישער. איך האָב, זאָגט ער, די שטוב איבערגעבויט, אין סאָד אַרבעט אַריינגעלייגט, און מיט מיין ברויט די חזירים געקאָרמעט. פאַרוואָס זאָל איך דיר אַ העלפט געבן? האָט מען גאַנצע גלעזער סאַמאָהאָן געטרונקען, מיין קאָלבאַס אויפגעפרעסן, געשוויצט און זיך געשוואָרן. צום ענדע האָט דער שוואָגער מיין סטעפּאַנען מיט אַ מעסער דערלאַנגט. זיינע צוויי זין האָבן נאָך געשריען: שטעך טיפער! סטעפּאַן האָט די קליידער אין בלוט איינגעשמירט און דעם סאַמאָהאָן אויס־געמייקעט. האָט מען אים אין שפּיטאָל אַוועקגעפירט, און דער מערדער מיט זיינע בייסטרוקעס זיינען זיך צעלאָפן. ס'איז אַן אומגליק צו מיר. ווער וועט איצטער דעם הויף אויסקערן און דעם טויער עפענען? יעדע נאַכט קומט אַן אַנדער שכן נאָך צוועלף דעם זייגער, קריך אַראָפּ פון בעט אַ נאַ־קעטע, זוך אין דער פינצטער דעם שליסל און קיין צען גראָשן גיט מען ניט. מען זאָל שטעכן אַן אייגענעם ברודער! איינגעבראָכן זאָל ער ווערן, דער שוואָגער מיינער, גוטער פּאַן יעזוס!

ווען די מאַמע דערזעט מיך אין געזעמל אַרום דער קערערקע, פאַלט זי אַרויף אויף מיר, ווי איך וואָלט פון טויט לעבעדיק געוואָרן. זי שלעפּט מיך אַריין אין שטוב און קוים וואָס זי אָטעמט.

— גאָטעניו, וויפל יסורים איך טראָג עס אַריבער פון דיר. בעת איך האָב דערהערט דעם טומל אויפן הויף, איז אין מיר דאָס האַרץ אָפּגעשטאָרבן. איך האָב געמיינט אַז דו ביסט אינמיטן פון געשלעג אונטערן מעסער.

— איך בין דאָך אַוועק מיט ר׳ ברוכלען צום דאַוונען.

— ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, אַז דו ביסט אין קלויז ביים דאַוונען, וואָלט מיר די נשמה אויסגעגאַנגען, נאָר אַ קשיה אויף דיר. זעסטו שוין וואָס עס קומט אַרויס פון גערטנערייַ? דער סטאָראָזש האָט אויך געוואָלט האָבן אַן אייגענעם גאָרטן, סעדער און פעלדער. ס'איז אַ גרויס רחמנות אויף אים, ביי זיין בלייבעניש. איצטער, מיין זון, נעם זיך צוריק צו דער הייליקער תורה. דיין טאַטנס ספרים ליגן אין קעסטלעך אונטער דיין בעט. געוואַלד, די ענגשאַפט, די ענגשאַפט! אַז מען דאַרף זיך שטיקן אין אַ קעמערל אין אַ קוזניע.

די מאַמע צעוויינט זיך.

— זינט דעם טאָג פון דיין געבוירן האָט דיין טאַטן, עליו השלום, געצומען גיין אַלץ ערגער און ערגער, ווי דאָס וואָלט געווען פון זיין ליבן נאָמען אַן אויסלייזונג פאַר דיין לעבן. פון די ליכטיקע זאַלן האָבן מיר זיך געמוזט אַריינקלייבן אין קעלער אויף דער זאַוואַלנער גאַס, און פון דאָרט אַהער אין וואַרשטאַט, ביים שלאָסער פון הינטן.

דער מאַמעס טרערן שטיקן מיך. איך זאָל זיך ניט צעווייגען, ווער איך אומגעדולדיק, בייז.

— וואָס ווילסטו? איצט איז פּאָר שבועות, און יאָרצייט נאָכן טאַטן פאַלט אויס ערב ראש־השנה, כ״ה אלול. איך וועל דאַווענען ביים עמוד, איך וועל זאָגן קדיש, איך וועל מיט דיר גיין אויפן פעלד.

— און אַ גאַנץ יאָר דאַרפסטו ניט לערנען? פון דיין טאַטנס גאַנצער עשירות, פון די שאַפעס אָנגעפּאַקט מיט זילבערוואַרג זיינען געבליבן נאָר זיינע ספרים. שטייען זיי ביי דיר אונטערן בעט אינאיינעם מיט די אַלטע שיך.

איך בייג זיך אַרונטער אונטערן בעט און אַנשטאָט אַ קעסטל מיט ספרים, שלעפּ איך אַרויס אַ קעסטל מיט בלומען, נאַסטורצעס.

בעת איך האָב פאַרזעצט מיינע פלאַנצן, האָט מיר אויפן הויף אויס־געפעלט אָרט וואו אוועקצושטעלן אַלע מיינע וואַזאַנעס, האָב איך איינע פון זיי אַרונטערגערוקט אונטערן בעט. די ערשטע צייט פלעג איך עס אַרויסנעמען באַגיסן, שפּעטער בין איך אַזוי צעפלאָמט געוואָרן פון מיין אויפגעבליטן גאָרטן אויפן הויף, אַז איך האָב פאַרגעסן וועגן די געוויקסן אונטער מיין געלעגער. איצט קוק איך אַ פאַרגאַפטער אויף די אויפגע־שפּראָצטע נאַסטורצעס. זייערע שטענגלעך זיינען שמאָל, הויך און ווייך, די בעכערלעך געל־שווינדזיכטיק, די בלעטער פון אַ וואַסער־קאָליר, אָן זאַפטיקער גרינקייט.

— ווי קען עס זיין אַז אונטער אַ בעט אָן זון און אָן רעגן זאָלן אויס־וואַקסן בלומען? — רוף איך אויס פאַרוואונדערט.

— ווייל דו האָסט זיי ניט באַגאָסן אום שבת, זיינען זיי געוואַקסן אַפילו אין דער פינצטער, — געפינט ווידער די מאַמע אַן אויסרייד מיך צו מוסרן, — אין דעם קענסטו זען די ניסים פון אייבערשטן.

— אָבער זיי זעען אויס ווי געשטאָרבענע, — זאָג איך און קריך ווידער אַרונטער אונטער מיין געלעגער. איך שלעפּ אַרויס אַ קעסטל מיט אַ גאַנצן שטויס דינע קונטרסים באַדעקט מיט שטויב.

— אַזוי פיל הגדות! וואָס האָט דער טאַטע באַדאַרפט אַזוי פיל הגדות?

— פאַר די תלמידים זיינע, — ענטפערט די מאַמע, — עפּעס אַ קליי־ניקייט! דיין טאַטע פלעגט גיין אין אַ צילינדער מיט אַ ברייטער צעקעמ־טער שוואַרצער באָרד, און פאַר די שענסטע בעלי־בתים איז געווען אַ כבוד ווען ער האָט אַריינגענומען זייערע קינדער אין זיין חדר.

— מאַמע, ווידער אַ פּאַק ביכלעך. דאָס איז דיקדוק. פון די ביכלעך לערנט מען ווי מען דאַרף ריכטיק ריידן לשון־קודש.

— ס'איז ניט קיין וואונדער, דיין טאַטע האָט געקענט אויף אויס־

ווייניק גאַנץ תנ״ך. איך בין דאָך ניט שולדיק אַז דו ווייסט ניט, אַז צו דיין טאַטן איז אַמאָל געקומען אַ רוסישער מיניסטער אָנקוקן ווי מען לערנט אין אַ יידישן חדר. די יינגלעך האָבן דעמאָלט געלערנט די פרשה אין חומש, וואו עס ווערט דערציילט ווי אַזוי די מלאכים זיינען געקומען צו אברהמען אים אָנזאָגן אַז זיין ווייב וועט געבוירן אַ יינגל. האָט דיין טאַטע געזאָגט צום מיניסטער אויף רוסיש, אַז אַקוראַט ווי די מלאכים האָבן זיך געוויזן צו אברהמען אין געשטאַלט פון מענטשן, בעט ער דעם מיניסטער ער זאָל אַרויסווייזן זיין חסד צו יידישע מלמדים. דיין טאַטע האָט געמוזט אַזוי ריידן, נאָר ס׳האָט אים מסתמא געגנוג בלוט געקאָסט דאָס פאַרגלייכן אַ מלאך מיט פאָניען... און וואָס איז דאָס פאַר אַ ספר?

— דאָס איז פון רמב״ם. ער איז געווען אַ פילאָזאָף און אַ גרויסער דאָקטאָר אין מצרים.

— זעסטו ווי מען קאָן זיין אי אַ געבילדעטער מענטש און אי אַ פרו־מער ייד. איצט פאַרשטייסטו שוין וואָס פאַר אַ טאַטן דו האָסט געהאַט? און אַזאַ מענטש האָט אויף דער עלטער געמוזט ווערן אַ נאַכט־וועכטער! — 
צעווייניט זיך ווידער די מאַמע בעת זי דערמאָנט זיך ווי אַזוי דער טאַטע איז יעדע נאַכט אַרויסגעגאַנגען אויף דער וואַרטע אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, און מיט אַ גראָבן שטעקן געקלאַפּט אין די קראָמען, נאָכגעקוקט די שלעסער. נאָר ווי שלעכט אים איז ניט געווען, האָט ער פונדעסטוועגן אַריינגעקוקט אין די ספרים. איז פאַרוואָס זאָל איך ניט לערנען? איך האָב דאָך פון טאַטן געירשנט אַן אוצר ספרים, אַן אוצר!

# בלומעלע

ס׳איז אַריבער דער זומער און נאָך סוכות בין איך אָוועק־געפאָרן אין אַ ישיבה. פאַר מיין אָפּפאָר האָט מיך די מאַמע אַריינגעפירט זיך געזעגענען מיט איר שותפטע און איר מאַן. ר׳ ברוכל האָט מיך גע־בענטשט, זיך געשאָקלט איבער מיין קאָפּ מיט אויפגעהויבענע הענט און געמורמלט:

— רבונו של עולם, איך ווייס, אַז קיין סך זכותים האָב איך ניט ביי דיר. אָבער איין זכות האָב איך, איך בין געווען אַ גאַנץ לעבן אַ בעל־מלאכה, אַ נהנה מיגיע כפּי. דעריבער בעט איך דיר, העלף דעם זון פון דער אָרעמער אַלמנה ער זאָל מצליח זיין אין לערנען.

די מאַמע האָט שטאַרק געוויינט. בלומעלע האָט זי געטרייסט און זיך אַפילו אָנגעברוגזט:

— ער פאָרט אין אַ ישיבה דריי טריט פון אייך, און איר קלאָגט ווי מען וואָלט אים צוגענומען אין סאָלדאַטן. נישקשה, ער וועט ניט פאַר־פאַלן ווערן. יידן זיינען אומעטום פאַראַן, און אַז אַ יינגעלע לערנט תורה, האָט ער חן ביי לייטן. וואָס זאָל איך שוין זאָגן? איך האָב אָוועקגעשיקט מיינע קינדער ניט אין אַ דערבייאיק שטעטל לערנען תורה; אויף יענער זייט ים האָב איך זיי אָוועקגעשיקט, אין אַ מדינה וואו עס לעבן נאָך די ווילדע מענטשן.

צוריקגעקומען פון ישיבה בין איך אַ וואָך פאַר פסח, און אומגעריכט אויסגעוואַקסן אין טויער, וואו די מאַמע איז געזעסן ביי אירע קאָשיקעס. דער צווייטער האַלבער טויער, וואו עס פלעגט זיצן בלומעלע מיט איר סחורה, איז געווען ליידיק.

די מאַמע זעט מיך ניט. זי זיצט אַ פאַרגליווערטע מיט פאַרבראָכענע הענט און רופט ניט קיין קונדן. איר פנים איז געוואָרן איינגעצויגענער, די האָר, וואָס קריכן אַרויס פון אונטער איר שייטל — גרויער, און איר געשטאַלט איינגעהויקערטער.

— מאַמע.

זי עפנט ברייט אירע לענגלעכע גרינע אויגן און קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, ווי זי וואָלט מיך ניט דערקענט. מיטאַמאָל גיט זי אַ צאַפּל און פאַלט אַרויף אויף מיין האַלדז:

— ר׳ ברוכל און בלומעלע זיינען געשטאָרבן.

— ווען? — שטאַמל איך אַרויס אַ דערשראָקענער.

— דעם ווינטער. אין איינע דריי חדשים. בלומעלע איז געשטאָרבן ערשט מיט דריי וואָכן צוריק.

אינמיטן העלן טאָג נעמט די מאַמע אַוועק פון טויער אירע קאַשיקעס און גייט מיט מיר אַריין אין שטוב. זי זעצט זיך אַוועק מיר אַנטקעגן, שאָקלט זיך, ווי אַן אָבל אויף אַ שבעה־בענקעלע, און וויינט אויס פאַר מיר די געשיכטע וועגן טויט פון דער אַלטיטשקער פּאָר:

— איינמאָל שבת אינדערפרי איז בלומעלע אויפגעשטאַנען ווי אַלעמאָל, אַרויסגענומען דאָס טשייניקל טיי פון אויוון און געוואַרט, ר׳ ברוכל זאָל אַרויסקומען פון אַלקערל, אויסטרינקען אַ גלעזל טיי און גיין צום דאַווענען. זי וואַרט און וואַרט, ער גייט ניט אַרויס. הערט זי זיך איין, ער קרעכצט ניט און טרייסלט זיך ניט. אים האָט לעצטנס, נעבעך ווידער געשווידערט און געוואָרפן פון קעלט. מיך קעלטערט אויך כסדר, איך פיל אַ פראָסט אין די ביינער. איך ווייס ניט צי איז עס פון האַרעוואַניע און ניט דערשלאָפן, אָדער פון תמיד אַליין זיין אין די נעכט, איך ווער פאַרטויבט פון דער שטילקייט. און אפשר איז עס שוין פון עלטער, איך בין מער ניט קיין יונגינקע, מיין זון... בלומעלע איז אַריינגעלאָפן אין אַלקערל און געפונען איר אַלטיטשקן אַן איינגעשלאָפענעם אויף אייביק. ר׳ ברוכל איז געשטאָרבן אום שבת ווי אַן אמתער צדיק.

מוצאי שבת ווען מען האָט דעם בר־מינן אָפּגעהויבן, האָט אים בלומעלע געוואָלט אונטערלייגן צוקאָפּנס אַ קישן, אים זאָל ווייכער זיין צו ליגן. זי איז, ווייזט אויס, צעמישט געוואָרן פון צער. די גאַנצע נאַכט איז זי געזעסןביים מת און כסדר גערעדט צו מיר, צו די שכנים, וואָס זיינען אַריין אויף אַ ווילע, און צו די תהילים־זאָגער:

„איך וועל זיך שוין מער ניט אַמפּערן מיט מיין ברוכן וואו מיר זאָלן פאָרן. איך וועל שוין מער ניט שרייען: לאָמיר פאָרן קיין אַרגענטינע צו אונדזערע קינדער. און ער וועט מיך שוין מער ניט איבערשפּאַרן: לאָמיר פאָרן קיין ארץ ישראל צו די אָבות. ער איז אַוועק אין אַן אַנדער וועג, אין אייביקן וועג״.

איך האָב זיך ביי איר געבעטן: בלומעלע, גייט לייגט זיך צו אַ ווילע. האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ ניגון:

„לייגן וואָלט איך זיך געלייגט לעבן מיין אַלטיטשקן, האָט אָבער דער

איבערשטער ניט געוואָלט אונדזערע נשמות צונעמען אין דער זעלבער צייט. וועלינקע", זאָגט זי צו מיר, „אַ יונגערמאַן גרייט זיך צו דער חתונה אַלע זיינע בחורשע יאָרן, און די עצם חופּה וקדושין דויערט אַ פּאָר מינוט. אַ מענטש שרעקט זיך פאַרן טויט אַ לעבן־לאַנג, און פון דער פּטירה ביז דער קבורה דויערט אַ מעת־לעת. פאַרוואָס ווערט דאָס באַגרעבעניש אַזוי אָפּגעכאַפּט? פאַרוואָס מוז עס דווקא מאָרגן זיין די לוויה? זאָל מיין אַל־טיטשקער זיין ביי מיר כאָטש נאָך איין טאָג".

איך האָב איר געוואָלט ענטפערן, אַז וועגן לעבן און די מעשים טובים פון אברהם אָבינו איז דאָ אין דער תורה גאַנצע סדרות, און וועגן זיין אויסגיין און זיין קבורה ניט מער ווי עטלעכע פּסוקים. נאָר איך האָב איר גאָרניט געזאָגט, וואָרום מען טאָר ניט טרייסטן קיין אָבל ווען דער מת ליגט נאָך פאַר זיינע אויגן. זי האָט גערעדט עפּעס ווי אויסן זינען. זי זאָגט צו מיר:

„זעט, וועלינקע, דער זייגער איז שטיין געבליבן. קיין מייסטער האָט ניט געקענט אַזוי פאַרריכטן דעם זייגער ווי מיין אַלטיטשקער. איצט האָט דער פּאַמפּעדיקל זיך אָפּגעשטעלט און די יידישע אותיות אויפן ציפער־בלאַט האָבן צוגעמאַכט זייערע אויגן".

ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון שבעה, האָט זי זיך מיט איינמאָל באַ־רויקט, נאָר האַנדלען מיט אויפּס האָט זי מער ניט געוואָלט:

„וועלע, לאָמיר אַרויסגיין פון שותפות", האָט זי געזאָגט.

האָבן מיר זיך אויסגערעכנט און איינע די אַנדערע איבערגעבעטן פאַר די נאַרישע קריגערייען. זי איז אַוועק צום הורטאָווניק און אים באַצאָלט אַלע פאַרלעגענע חובות, וואָס ער האָט זיך פון זיי לאַנג מיאש געווען, און באַצאָלט האָט זי אויך פאַר מיר.

דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער, אָנגעטאָן די מע־שענע שפּאַקולן און געשריבן מיט אַ בלויען בלייפעדער אַ בריוו צו אירע קינדער. זי האָט זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן אָפּהיטן קדיש נאָכן טאַטן און זיי באַ־פוילן גלייך אַרויסצושיקן געלט, זי זאָל קענען קויפן פאַר זיך אַ קרקע לעבן איר מאַנס קבר און באַשטעלן פאַר ביידן אַ מצבה.

נאָך שלושים האָט בלומעלע געגומען אַלץ אויספאַרקויפן און פאַר זיך איבערגעלאָזט נאָר די נייטיקסטע זאַכן. זי איז אַוועק אין חברה־פּועלים, דאָרט וואו ר' ברוכל איז געווען אַ חברה־מאַן, און באַצאָלט מען זאָל לער־נען משניות נאָכן נפטר יעדן אינדערפרי נאָכן דאַווענען. דעם שמש האָט זי געגעבן באַזונדער, ער זאָל זאָגן קדיש נאָך איר מאַן און אויך נאָך איר, ווען איר צייט וועט קומען. אויף די קינדער האָט זי זיך ניט געוואָלט פאַר־לאָזן.

„איך וויל ניט קומען צו גאָט קיין באָרוועסע", האָט זי געזאָגט.

די שכנים האָבן זיך געוואונדערט: „בלומעלע, וואָס פּאַרקויפֿט איר אויס די שטוב? איר בלייבט דאָך ביי די פּוסטע פיר ווענט". לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַרויסצוגיין פון דער דירה און זיך אַריינקלייבן אין אַ קליין צימערל ביי פרעמדע מענטשן.

„איך האָב וויניק צייט", האָט זי געזאָגט. „איך דאַרף זיך אויסריכטן אין וויטן וועג, וויל איך זיין אַליין מיט מיינע ספרים".

דער הויף האָט געוואוסט, אַז דאָס רעדט זי ניט פון פאַרן קיין אַר־געגטינע צו די קינדער; פון אויסריכטן זיך אין אייביקן וועג האָט זי גע־רעדט. זי האָט זיך צעזעגנט מיט די שכנים און געדונגען אַ טרעגער מיט אַ האַנט־וועגעלע פאַר איר בעטגעוואַנט. זי אַליין האָט אין איין האַנט גע־טראָגן אירע ספרים און אין דער צווייטער האַנט דעם אַלטן וואַנט־זייגער. כאָטש זי האָט אים מער ניט אָנגעצויגן, האָט זי זיך ניט געוואָלט מיט אים שיידן. זי איז געשטאַנען אויפן הויף און אַלע שכנים האָבן געהערט ווי זי טענהט:

„איך וועל שוין מער ניט זוכה זיין צו זען ווי מיין אַלטיטשקער דער־לאַנגט זיינע טשוועקעס צו דער סוכה. ער האָט די טשוועקעס אָפּגעהיט פון יאָר צו יאָר אין אַ כלי. איך וועל שוין מער ניט שטיין אין טיר פון דער סוכה און הערן ווי מיין אַלטיטשקער מאַכט קידוש. איך וועל שוין מער ניט טראָגן פאַר אים די מאכלים אין דער סוכה".

אָט אַזוי האָט בלומעלע ניט אויפגעהערט נאָכאַנאַנד צו טענהן און דער גאַנצער הויף האָט מיטגעוויינט.

די מאַמע זיצט קעגן מיר מיט פאַרבראָכענע הענט און ציט אויס איטלעך וואָרט פאַראָבלט־וויינענדיק. איך קוק זיך אַרום אין אונדזער קוזניע־שטיבל. פאַר דער צייט וואָס איך בין ניט געווען אין דער היים, זיינען די ווענט נאָך שוואַרצער געוואָרן. די הילצערנע בעלקעס פון סופיט קרעכצן און פלאַצן. דער טינק פאַלט שטיקערווייז און דער רויך פון בלאָז־זאַק הענגט ווי אַ וואָלקן. ווי פינצטער דאָ איז און אומעטיק! און מיך טוט אַ ציִ צוּ־ריק אין שטעטל צו דער ישיבה. דורך די פענצטער פון דאָרטיקן בית־מדרש זעט מען ווינטער־צייט אַ הויכן הימל, צעפינקלטע שניי־פעלדער, אַ טונקלבלויען וואַלד און אַ געפרוירענעם זילבערנעם טייך, וואָס רינגלט אַרום דאָס שטעטל פון אַלע זייטן.

די מאַמע, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען מיינע מחשבות, גיט אַ שמייכל דורך דעם נעפּל פון טרערן, וואָס הענגט איבער איר פּנים:

— איך ווייס, מיין זון, איך ווייס, אַז דו האָסט צו מיר תרעומות וואָס איך נעם דיך אויף מיט אַזעלכע בשורות. איך וואָלט דיך באַדאַרפט אויס־פרעגן ווי דו האָסט געלערנט און וואָס דו מאַכסט. איז אָבער מיין האַרץ אַזוי איבערגעלאָדן, אַז איך ווייס ניט פון וואָס פריער צו רידן. אַ שטיין

האָט אויך אַרום זיך קליינע שטיינדעלעך — און איך בין אַ גאַנצן ווינטער געווען איינע אַליין.

אַריינגעקליבן האָט זיך בלומעלע ביי פרעמדע מענטשן אין אַ קליין צימערל אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן. יעדן שבת בין איך צו איר געגאַנגען זען וואָס זי מאַכט. געוואוינט האָט זי ווייט פון דאַנען, לעבן פיש־מאַרק ביי דער ווילענקע. בלומעלע פלעגט מיך אויפנעמען מיט כּיבוד, זיך נאָכגעפרעגט אויף די שכנים, אויף מיינע פאַרדינסטן און וואָס דו שרייבסט פון ישיבה. לעצטנס האָסטו זעלטן געשריבן, און אַז דו האָסט שוין יאָ געשריבן, איז עס געווען קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, איך האָב קוים געקענט דורכקריכן... ווען מיר האָבן אָפּגעשמועסט, האָב איך גענומען ביי בלומעלען איינס פון אירע ספרים, און ביידע האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט זאָגן אַ יידיש וואָרט. פאַרן אַוועקגיין האָט זי מיר שטענדיק דערמאָנט:

„ניט איטלעכער איז משה רבנו, וואָס האָט אַליין פאַרשריבן דעם טאָג פון זיין טויט. קיינער ווייס ניט זיין צייט. טאָמער מאַכט זיך עפּעס, זאָלט איר בעטן אייער זון, ער זאָל מיך האָבן אין זינען ביים לערנען. געדענקט, ווענלינקע, מיר זיינען געווען שותּפטעס".

און אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט איר געזאָגט. איינמאָל איז געווען אַ וואָך פון פרעסט, פון זאַווערוכעס און שניי ביז איבער די קני. איך בין געווען דורכגעפרוירן, די פיס געשוואָלן פון אַרומלויפן אויף די מערק, האָב איך זיך דעם שבת פאַרפוילט און בין ניט געגאַנגען צו בלומעלען. אַ גאַנצע וואָך האָט מיר געצופּט ביים האַרצן, אָבער ווי קען איך אַוועקוואַרפן די פרנסה, אַז מען איז פאַרשקלאַפּט ביי די קאָשיקעס און דער הורטאָווניק מאָנט שוין נייע חובות. דעם אַנדערן שבת איז געווען נאָך אַ גרעסערער פראָסט און ווינט, נאָר איך האָב מער אויף גאָרניט געקוקט. אָנגעטאָן די וואָליקעס, זיך איינגעדרייט אין טיכער און זיך אַוועקגעשלעפּט אַזש ביז דער ווילענקע. איך בין קוים דערקראָכן אַהין — און בלומעלען שוין ניט געפונען.

זי איז איינגעשלאָפן אַזוי ווי ר' ברוכל. אירע בעלי־בתּים, פרעמדע מענטשן, האָבן געלאָזט וויסן אין צדקה־גדולה און דעם שמש פון חברה־פּועלים. דער שמש איז געקומען מיט אַ פּאָר אַלטע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געדאַוונט אינאיינעם מיט ר' ברוכלען, און מען האָט בלומעלען אין איילעניש אַוועקגעפירט און באַהאַלטן אויפן גוטן אָרט לעבן איר מאַן, אויף דער קרקע, וואָס זי האָט זיך אָנגעגרייט.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן? מיין צער, מיין ווייטיק און פאַרדראָס איז גאָרניט אויסצודערציילן. מילא, מיט אירע בעלי־בתּים וועל איך זיך דאָך ניט שטעלן קריגן. זיי האָבן דען געוואוסט וואָס פאַר אַ צדיקת זיי האָבן געהאַט ביי זיך? אַ יידענע צאָלט זיי, לאָזן זיי זי וואוינען. אָבער צום שמש

האָב איך אויסגעלאָזט אַלע מיינע צרות. איר האָט דאָך, זאָג איך צו אים, אַ האַרץ פון אַ טאַטער. ווי גיט מען עס ניט צו וויסן דעם הויף אַז בלומעלע איז געשטאָרבן? ענטפערט ער מיר, אַז עס איז געווען אַ פראָסט מיט אַ שניי, און אַז ער איז געגאַנגען אויף מסירת נפש וואָס ער איז בכלל געקומען צו דער לוויה. ער האָט ניט גערעכנט, אַז די שכנים וועלן איינשטעלן דאָס לעבן און קומען אין אַזאַ וועטער. אַזוי זאָגט ער, און גיי טענה זיך אויס מיט אים! נאָך אַ גליק וואָס אים איז איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אין אַלמער, האָט ער דאָרט געפונען בלומעלעס אייביקע קליידער, וואָס זי האָט זיך צוגעגרייט. מער וואָלט ניט געפעלט מען זאָל בלומעלען באַהאַלטן אין פרעמדע תכריכים. דער שמש האָט גלייך געשריבן צו אירע קינדער און ער אַליין זאָגט אויך קדיש, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט.

הערסטו, מיין זון, בלומעלע איז דאָך שוין אויף דער אמתער וועלט און איר איז דאָך שוין אַלץ איינס, נאָר זאָגן וועל איך דיר, אַז איר איז געגאַנגען אין לעבן צו האָבן אַן עלנטע קבורה. זי האָט געזוכט אַן אָפּקומעניש. זי איז געווען, זאָל זי מיר מוחל זיין, זייער אַ שטרענגע צו זיך און צו אַנדערע. וויבאַלד אירע קינדער גייען ניט אין זייער טאַטנס וועג, האָט זי גענומען אויף זיך אַ שטראָף און געוואָלט, אַז קיינער זאָל זי ניט באַגלייטן. איך האָב גוט געקענט מיין שותפטע און שכנה, אָפּגעשיידט זאָל זי זיין.

נאָר מיר ליגט אָט אָ־דאָ אין האַרצן אַ קנויל און איך קען אים ניט אויסווינען. ווען איך וואָלט געווען אויף איר לוויה, וואָלט איך זי באַקלאָגט און באַטענהט און מיר וואָלט גרינגער געוואָרן. אַזוי גלייבט זיך מיר גאָרניט אַז זי איז שוין ניטאָ.

זון מיינער, קדיש מיינער, נאָך מיין קאָפּ זאָלסטו בלייבן, געדענק אָן איר ביים דאַוונען און לערנען. איך האָב קעגן איר ניט איינמאָל געזינדיקט. איך האָב זי מקנא געווען וואָס אירע קינדער העלפן איר און איך מוז פאַרשוואַרצט ווערן. איז אַז דו וועסט זי האָבן אין זינען ביים דאַוונען און לערנען, וועט זי מיר מוחל זיין, און פאַר דיר זיין אַ מליץ יושר.

די מאַמע הייבט זיך אויף, גייט צו צום ווינקל און נעמט אַרויס אַ פעקל ספרים מיט דעם אַלטן זייגער, וואָס איז געהאַנגען ביי דער אַלטיטשקער פאַר אויף דער וואַנט.

— אָט דאָס האָבן מיר אָפּגעגעבן בלומעלעס בעלי־בתים. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז די זקנה האָט זיי וויפל מאָל געבעטן, אַז ווען עס וועט זיין נאָך אַלעמען, זאָל מען איר געוועזענער שותפטע אָפּגעבן אירע ספרים, און פאַר דיר האָט זי געלאָזט דעם זייגער מיט די ידישע אותיות.

איז וועדליק מיין שכל טראָגט, קומט מיר אויס, אַז דו טאָרסט בלומעלען ניט פאַרשעמען. דו דאַרפסט דעם זייגער אָנציען און אים אויפ־

הענגען אויף דער וואַנט. ער זאָל ווידער גיין און דיר באַווייזן די ריכטיקע צייט. דער זייגער איז פון אַלטקייט אַביסל פאַרראָסט און פאַרזשאַווערט, אָבער ווען דו וועסט אים אויסרייניקן, וועט ער דיר באַווייזן פונקט צו דער ריכטיקער צייט וואָס דו האָסט צו טאָן. דו זאָלסט אים ביים רייניקן נאָר ניט קאַליע מאַכן.

איך קוק אויף דעם ציפער־בלאַט מיט די יידישע אותיות און שוויג אַ פאַראומערטער. ווען איך בין צוריקגעפאָרן פון ישיבה, האָב איך גע־טראַכט מיט יינגלשן שטאָלץ ווי אַזוי מיין מאַמע וועט זיך מיט מיר גרייסן, און וואָס פאַר אַ שמחה מיין צוריקקער וועט זיין ביי ר׳ ברוכלען און בלו־מעלען, וואָס האָבן מיך אַרויסבאַגלייט מיט ברכות און טרערן.

איך דערזע ווידער פאַר מיינע אויגן דאָס שטעטל מיט דעם גרויסן וואַלד, וואָס רוישט געהיים ביים ראַנד פון הימל.

ווי טרויעריק עס איז דער זון־פאַרגאַנג אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד. ערשט נעכטן האָט זיך די שקיעה פאַרבאָרגן הינטער די געדיכטע צווייגן, און היינט זוכן די זון־שטראַלן אומזיסט די קרוינען פון דיביימער. פון הונדערט־יאָריקע שטאַמען זיינען געבליבן בלויז וואָרצלען וואָס פוילן אין דער ערד.

# נייע שכנים

אַלטערקע דער גענדזלער האַלט אַ טיש אין דער גענדזליאַרניע אויף אונדזער הויף. ס׳איז ניט מער ווי אַ גלייכע זאַך ער זאָל זיך אַריבערקלייבן נעענטער צו זיין פּרנסה אין דער ליידיקער דירה פון ר׳ ברוכלען און בלומעלען. קומט אינדערפרי מוז ער לויפן פון דער צענטער גאַס עפענען די יאַטקע, און אַז מען וואוינט דאַנעבן, קען מען אויך בעסער אַכטונג געבן, גנבים זאָלן ביינאַכט ניט צעשלעפּן די סחורה, זאָגט אַלטערקע דער גענדזלער.

די שכנים אָבער וויסן דעם אמת, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ תירוץ. ער האָט זיך אויסגעבייטלט און פאַרשילט זיינע יאָרן, וואָס ער מוז זיך אַריינקלייבן אין שלומפּאַרסקן הויף. די הויף־איינוואוינער זיינען גאָרניט אַזוי צופרידן פון נייעם שכן. נאָר מיין מאַמען האָט געטראָפן אַ גליק! איר וועט מער ניט זיין אַזוי אומהיימלעך־אומעטיק. זינט ר׳ ברוכל און בלומעלע זיינען געשטאָרבן, שרעקט מיין מאַמען זייער הייזל ווי דאָס טהרה־שטיבל אויפן בית־עולם.

אַלטערקע איז אַ נידעריק־געפּאַקטער און אַ קיילעכדיקער, ווי אַ פּעסל זויער־קרויט. פיס האָט ער קרומע, ווי אין אים וואָלט אַריין אַ גילגול פון קאַטשקענע לאַפּקעס. זיין ווייב איז אַ הויכע דיקע יידענע מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגאַנעס, ווי די קולאַקעס. דער דריטער אין דער משפחה איז דער שוואַרצער קאָטער, אַן אָפּגעגעסענער און אַ פוילער. ער ליגט אויף דעם בלעכענעם טיש, לעבן פאַרבלוטיקטן האַק־מעסער, ביי די לייביקע אַרומגעפליקטע גענדז, און רירט ניט אָן, מען זאָל זאָגן, אַ פּופּיקל, אַ פליגעלע, אַ העלדזעלע. ער גייט מיט געלאַסענע טריט שפּאַצירן איבערן הויף און אָטעמט קוים פון פעטקייט, ווי זיין באַלעבאָסטע.

ליזע, אַלטערקע דעם גענדזלערס ווייב, רופט מען „די מאַדאַם״. זי רעדט מיט די קונדן זייער אידל, און פריינדלט זיך ניט מיט קיין יענטעס. מיט אַ געהויבענעם קונה שמועסט זי רוסיש. בלויז איינמאָל האָט דער

הויף געגאַפט פון שטוינונג וואָס פאַר אַ פּאַמוניצע פון זידלערייען זי קען אויסגיסן.

דאָס איז געשען ווען די וואַרשעווער סוחרים האָבן געבראַכט די פורן מיט די געפרוירענע גענדז. די וואַרשעווער האָבן געשריען אויף זייער לשון: „מיר האַנדלען אויף נאמנות!״ נאָר ליטוועטשקעס גלייבן ניט קיין פּוילישע. האָבן די גענדזלערקעס געמאַכט יד אחת: קיינער גיט ניט מער. זאָלן זיך די פּוילישע דריפּקעס וואַרגן מיט זייערע עופות. פּלוצים האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ליזע האָט הינטן אַרום אָפּגעקויפט די סחורה אין גלייכן געלט. דעמאָלט איז עס פאָרגעקומען דער גרויסער קריג. די ווייבער האָבן געליאַרעמט:

— מיר, די ערלעכע נאַראָנים, גלייבן איר, מיר שטייען שטאָל און אייזן, נעמט זי און ווערט מיט די סוחרים קוצעניו־מוצעניו. ווי געפעלט אייך די מאַדאַם, וואָס איז געבאַקן אײדל און רעדט הוילע רוסיש?

איז דער זיס־פאַרקילטער שמייכל אַראָפּ פון ליזעס פּנים און זי האָט אַ פליוכע געטאָן: „שלומפּערס פּראַנצעוואַטע!״ די אשת־חיילניצעס, די פאַרקויפערקעס מיט די גרויסע מיילער, האָבן זיך אָפּגעטרייסלט, ווי אונטער זייערע פאַטשיילעס אויף די האָר און די נאַקנס וואָלט אַריינגעקאַפּעט ברודיק רעגן־וואַסער.

נאָך אַ גרעסערע קריגערײַ איז פאָרגעקומען צווישן איר מאַן און דעם שחיטה־שטיבל. די שוחטים האָבן געטענהט, אַז די געבראַכטע געקוילעטע סחורה האָט זיי אָפּגעקוילעט. קיינער וועט מער ניט שעכטן אַ הינדל, נאָר וואַרפן זיך קויפן פּוילישע גענדזנס וואָס איז בזיל הזול. האָט זיך אַלטערקע געוואָרפן שלאָגן אַ שוחט. ס׳האָט געהאַלטן דערבײַ מען זאָל אים אסרן. זינט דער מעשה איז ער אש־להבה אויף די שוחטים. ער קלערט, אַז זיי האָבן אים פאַרשאַלטן. אַ סימן האָט ער, ער האָט זיך געמוזט אַרויסקלייבן פון זיינע ליכטיקע זאַלן און זיך אַריינקלייבן אין אַרעמאַנסקן הויף.

פונדעסטוועגן איז ער ביי זיך ניט געפאַלן און גלייך דעם ערשטן שבת באַווייזט ער וואָס ער קען.

מנחה־צייט נעמט די מאַמע אירע ספרים און זעצט זיך אַרויס אויפן שוועל לייענען. אונדזער קאָץ מיטן ווייסן פלעק אויף דער נאָז זעצט זיך אויך אַוועק דאַנעבן מיטן עק אונטער זיך, גענעצט זיך אויס און היט זיך דערבײַ ניט צו כאַפּן קיין פליגן אום שבת. די מאַמע דערזעט דורך דער אָפענער טיר פון אַנטקעגן ווי ליזע שטעלט אַוועק אויף אַ בענקל אַ שיסל קאָכעדיק וואַסער.

פרעגט זיך:

וואו האָט די מאַדאַם איצט גענומען הייס וואַסער?

אָבער וויבאַלד פון קוימען גייט ניט קיין רויך, ווייל די מאַמע ניט פאַרזינדיקן אירע יאָרן און חושד זיין אַ יידישע טאָכטער, אַז זי האָט בשתיקה געמאַכט פייער אויף דער פּליטע.

דערזעט זי אָבער ווי ליזע צעלאָזט די האָר, צוזאָגט זיי, ווי אַ יונג מיידל, רייסט זיי מיטן קעמל און שעמט זיך גאָרניט צו שטיין פאַרן מאַן אַ האַלב נאַקעטע. אַזאַ מחלל שבתניצע! ערגערט זיך די מאַמע. דאָך שווייגט זי, וואָרום ליזע קען איר גריילעך אַ זאָג טאָן: וואָס האָט איר אַריינצושטעקן אייער נאָז אין אַ פרעמדער שטוב?

איר איז אַ ווייטיק אין האַרצן צוצוזען ווער עס האָט זיך באַזעצט אין ר׳ ברוכל און בלומעלעס דירה, און זי וויל אַריינגיין צוריק אין שטוב, זי זאָל עס ניט דאַרפן צוקוקן. נאָר אין קוזניע איז טונקל, מען קען זיך ביים לייענען די אויגן אַרויסנעמען. דערצו איז איר גלאַט ניט צום האַרצן לכבוד שבת זיך אַוועקזעצן אין וואַרשטאַט ביים בלאָז־זאַק צווישן קאַסטנס מיט קוילן, פּודיקע האַמערס, שרופשטאָקס מיט אויפגעריסענע גזלנישע מיילער און שטאָלענע זעגן מיט חיהשע ציין. בלייבט די מאַמע זיצן אויפן שוועל און פּרואווט זיך פאַרטיפן אין טייטש־חומש.

קומט אַרויס אַלטערקע דער געגנדזלער אַ פאַרפוצטער, באַטראַכט לאַנג זיינע שמאַלציקע פינגער, ציט אַרויס אַ קליין מעסערל פון טאַש און נעמט זיך אַרומשנײַדן די נעגל. דערביי רופט ער מיט אַ בנעימותדיק קול:

— ליזע ביסט פאַרטיק?

רופט זיך אָפּ די מאַמע מיט ווייכקייט און אַפילו מיט הכנעה:

— ר׳ אַלטער, היינט איז דאָך שבת.

— איז וואָס? — מאַכט ער זיך תמעוואַטע.

— איר ווייסט ניט, אַז שבת טאָר מען ניט שנײַדן קיין נעגל?

— איז וואָס איז עס אייער באַבעס עסק? — פרעגט ער.

די מאַמע שטעלט איין דאָס לעבן:

— איר פאַרקויפט דאָך יידישע קינדער כשרע עופות.

מער דאַרף מען ניט. ער ווערט אַן אָנגעצונדענער און צעשרייט זיך:

— וועט איר ביי מיר ניט קויפן קיין קישקעלעך, גבירטע מיינע! פאַרמסרט מיך פאַר די שוחטים. פאַרמסרט מיך פאַר אייער זון, דעם באַנק־קוועטשער. ליזע, ווי געפעלט דיר די נייע דבורה־אסתר די צדיקת?

— וואָס רעדסטו מיט אַ שלעפּערקע? — ענטפערט ליזע פון שטוב אַרויס.

די מאַמע הייבט זיך אויף, נעמט אירע ספרים און ציט זיך צוריק אין קוזניע. זי וועט זיך ניט פאַרשטערן דעם הייליקן טאָג און אַריינ־

גייט אין אַ קריגעריי מיט דעם גראָבן פּליגל. דער גענדזלער שרייט איר נאָך:

— איך וועל נאָך באַלד פאַררייכערן אַ ציגאַר.

— דאָס מויל קאָן אייך נאָך אַהינטער שטיין, — גיט אים די מאַמע אַ ברכה און קלאַפּט צו די טיר. אונדזער קאַץ באַווייזט קוים אָפּצושפּרינגען און כאַפּט אַוועק איר עק, ער זאָל ניט בלייבן פאַרקוועטשט אין דער טיר. די קאַץ בלייבט זיצן אַליין אײנדרויסן אויף דער שוועל.

די מאַמע זעט דורכן פענצטער ווי די מאַדאַם קומט אַרויס פון איר שטוב אָן אויסגעסטראָיעטע און איבער איר גרויסן קאָפּ מיטן קליינעם היטעלע שפּרייט זי אויס אַ זומערדיק געבלימלט שירעמל. קיין רעגן גייט ניט און די זון באַקט ניט, דאָך טראָגט זי אום שבת דעם זיידענעם לופטיקן שירעמל צו באַווייזן אים אויף דער ברייטער גאַס. זי זעט אויס ווי אַ גרויסע הילצערנע פאַס מיט אַן איבערגעקערטער שיסל פון אויבן, און איבער דער שיסל אַ פלאַך טעלערל. איר קורצער מאַן טענצלט אונטער, פאַררוקט זיין לינקע האַנט אין איר אָרעם, אין דער רעכטער האַנט האַלט ער אַ שפּאַציר־שטעקן, און זיין בויך באַמבלט זיך פאָראויס. פון הינטן גייט זיי נאָך דער אָפּגעגעסענער קאָטער. ער גייט מיט פאַרגנבטע שטילע טריט, זיינע בעלי בתים זאָלן אים ניט באַמערקן.

דער קאָטער איז קלוג, אָבער ליזע איז נאָך קליגער. זי שטעלט זיך אָפּ, דרייט זיך אויס פּאַמעלעך מיט איר גאַנצן גוף און איר מאַן דרייט זיך מיט. ליזע זאָגט גאָרניט, נאָר אַלטערקע פאַרשטייט וואָס זי מיינט און ער איז מכבד דעם קאָטער מיטן שטעקן. דער קאָטער פאַרשטייט אויך וואָס מען מיינט, און מיט ברייטע באַלעבאַטישע טריט גייט ער רויִק צוריק אין הויף ווי עס וואָלט גאָרניט געשען.

אַלטערקע שטעלט זיך אָפּ, זיין שטערן קנייטשט זיך, אין די קנייטשן ליגט אַ טיפער געדאַנק און וויקט זיך דאָרט, ווי געקרשטן אין אַ הינערשער וואָליע. סוף כל סוף ווערט דער האַרטער געדאַנק ווייך, און דער גענדז־לער שלינגט אים אַרונטער.

— דו ווייסט, ליזע, פאַרוואָס די וועלט האָט אַזוי פיינט אַ קאַץ און האָט האָלט אַ הונט? ביידע האָבן נעגל, נאָר די קאַץ באַהאַלט זיי אין די סאַמעטענע קישעלעך און דער הונט ווייזט זיי אָפן. די וועלט האָט פיינט אַזעלכע צבועקעס ווי די שוחטים.

פון איר מאַנס קלוגשאַפט צעשפּרייט זיך דער שמייכל אויף ליזעס פנים ביז צו די אויערן. באַלד ווערט איר צעגאָסן פנים צוריק פאַרקילט. זי מוז איינבייגן איר שווערן גוף, דעם גרויסן קאָפּ און דאָס לופטיקע שי־רעמל, זי זאָל קענען דורכגיין דורך דער שמאָלער קאַליטקע, ווייל לכבוד

שבת איז דער טויער פֿאַרמאַכט. ביידע שטופּן זיך דורך, גלייכן זיך אויס, און לאָזן זיך אויף אַ שפּאַציר אויף דער ברייטער גאַס.

דער קאָטער קוקט זיך אַרום אין הויף און דערזעט אויף אונדזער שוועל די קאַץ, וואָס היט זיך ביים גענעצן ניט צו כאַפּן קיין פליגן אום שבת. דער קאָטער גייט פֿאַרביי פֿאַרמחט, כלומרשט, גיט אומגעריכט אַ שפּרונג און אַ ביס דער קאַץ אין רוקן. די מאַמע אין שטוב ביי דער טונקעלער שויב, פֿאַרטאָן אין טייטש־חומש, דערהערט אַ געשריי. זי לויפט האַסטיק צו דער טיר און לאָזט אַריין די קאַץ, וואָס קוקט זיך אַרום ניט טויט ניט לעבעדיק און נעמט לעקן איר געביסענעם רוקן.

מער איז די מאַמע ניט אַרויס שבת פֿאַרנאַכט אויפן שוועל מיט אירע ספרים.

# דאָס ווייסע טיכל

אויף אַנדערע פרויען איז קענטיק דער יום־טוב אין די פּוטערנע קראַגנס, סאַמעטענע קליידער, בראַשקעס באַזעצט מיט קליינע פּערעלעך און גילדענע האַנט־קייטעלעך — ירושות פון באָבעס. אויך די מאַמע האָט אַ שוואַרצע שאַל און אַ יאַקל אויף פּערלמוטערנע קנעפּ, נאָר דער עיקר איז איר יום־טוב קענטיק אין איר ווייס טיכל. זי פאַרוויקלט אין דעם איר רעדלהיימער מחזור מיט די גלאַנציקע ברוינע טאָוולען. דאָס בלאַנקע טיכל איז ביי איר ווי דער ווייסער פּרוכת, וואָס מען הענגט־אויף אויפן אָרון־קודש, כדי צו דערמאָנען אין יום הדין, אַז גאָט איז מוחל די עוונות.

דער מאַמעס יום־טוב איז איר ווייס טיכל, און מיין שמחת החג איז אַ צוויגל ווינטרויבן, ווי אַ הענגל געפרוירענע טוי־טראָפּנס, און אַ רויטע שטיק אויפגעשניטענע זאַפטיקע קאַוונע, פול מיט שוואַרצע יאָדרעס. די מאַמע קויפט עס לכבוד ראש השנה, איך זאָל מאַכן אויף דעם שהחינו. זי אַליין איז אויך טועם פון די טייערע פּירות, און חוץ דעם עסט זי אויף דורך דיביידע טעג יום־טוב אַ פלוים מיט אַ באַרנע. ייִנגלוויז האָב איך זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן: פון וואַנען נעמט עס די מאַמע אַזאַ כח אין זיך און אַזוי פיל געדולד אַ גאַנצן זומער ניט צו פאַרזוכן פון אויפּס אין אירע קאָשיקעס, אַז זי זאָל קענען מאַכן שהחינו אויף די פּרוכט צום נייעם יאָר?

ראש השנה אין ווייבער־שול שיינט זי אַרויס ליכטיקער פון אַלע גבירטעס מיט די פּוטערנע קראַגנס. קיין זאַגערקע איז זי ניט, קיינער האָט זי ניט געדונגען אויסצובעטן אַ גוט יאָר פאַרן כלל ישראל, נאָר די אָרעמע ווייבער שטופּן זיך אַרום איר און האָרכן ווי זי זאָגט די מעשה פון חומש, וואָס מען לייענט היינט אין דער תורה:

שרה די האָרענטע האָט פאַרטריבן איר דינסטמויד הגר מיט איר קינד אין מדבר. און הגר האָט געבלאָנדזשעט ביז דאָס וואַסער איז אויס־

געגאַנגען פון איר לאַגל. און זי האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קינד אונטער איינעם פון די ביימלעך. און זי אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט ווייט פאַר אַ בויגן־שאָס, זי זאָל ניט דאַרפן צוזען ווי דאָס קינד שטאַרבט. און זי האָט אויפגעהויבן איר קול און געוויינט. און אַ מלאך פון הימל האָט גערופן צו הגרן און איר געזאָגט, אַז פון איר זון וועט אַרויסקומען אַ גרויס פאָלק. און גאָט האָט געעפנט הגרס אויגן און זי האָט דערזען אַ קוואַל וואַסער. און זי האָט אָנגעטרונקען איר יינגל.

אַפילו די ווייבער וואָס קענען ניט קיין עברי ווייסן פון דער מעשה און זיי זיפצן: ס'איז אַלע מאָל ביטער דעם געמיינעם. אין האַרצן האָבן זיי טענות צו שרהן פאַרוואָס זי איז אַזוי שלעכט געווען צו איר דינסט־מויד. די אָרעמע יידענעס זעען טאַקע איין, אַז גאָט איז אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער און ער קען אויך זיי העלפן, ווי ער האָט געהאָלפן דער דינסט־מויד הגר. דער מוסר השכל פון דעם איז זיס, ווי חלה מיט האָניק, וואָס מען עסט ראש השנה ביינאַכט. אָבער לאַנג אַריינטראַכטן אין דעם האָבן זיי קיין צייט ניט, וואָרום זיי ווילן הערן וואָס די מאַמע לייענט ווייטער.

זי לייענט ווי אַזוי די מלאכי השרת זיינען געקומען צו גאָט און גערעדט צו אים: רבונו של עולם, האָב ניט קיין רחמנות אויף הגרס זון, אויף ישמעאלן. ווען מען וועט פאַרטרייבן פון זייער לאַנד די קינדער פון ישראל, וועלן די קינדער פון ישמעאל אַנטקעגן קומען אין מדבר די פאַרשמאַכטע יידן מיט געזאַלצענע פיש, און אַנשטאָט וואַסער, וועלן זיי די פאַרטריבענע געבן צו טרינקען לאָגלען אָנגעפילט מיט ווינט. איז גלייכער ישמעאלקע זאָל שטאַרבן קליינערהייט פון דאָרשט, איידער עס זאָלן פון אים אַרויסקומען אַזעלכע רשעים, די ערביים, די איינוואוינער פון מדבר. האָט גאָט ברוך הוא געענטפערט די מלאכי השרת, אַז מען משפט אַ מענטשן פאַר דעם, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן און ניט פאַר דעם, וואָס ער, אָדער זיינע קינדער, וועלן טאָן שפּעטער.

פון דער מעשה האָבן די מאַרק־זיצערקעס און סחורה־אויסטראָגערקעס אינגאַנצן ניט געוואוסט, און זיי זיינען זייער גערירט און געטרייסט. ווער קען קאָווירן פאַר היינטיקע קינדער, בפרט נאָך אַז מען איז אַן אָרעם מענטש? דאַרף מען טאַקע דאַנקען און לויבן אים, וואָס מען טאָר זיין נאָמען ניט דערמאָנען אומגעוואַשן, וואָס ער חשבונט ניט פאָראויס אויף שפּעטער.

די רייכע באַלעבאָסטעס האָבן מחזורים מיט זילבערנע ווינקלען אויף די טאָוולען, נאָר וואו דער חזן האַלט ווייסן זיי ניט. פון צייט צו צייט

קומט אַרונטער פון מזרח אַ ברייטע באַלעבאָסטע צו דער אויפּס־פּאַרקוי־פּערקע, וואָס זיצט אין מערבדיקן ווינקל, סאַמע ביי דער טיר:

— וועלינקע, אַ גוט יאָר אויף אייך, וואו האַלט מען איצטער?

די מאַמע טוט פלינק און געניט אַ מיש די גאָלד־געליישטע בלע־טער פון גבירישן מחזור און טראַכט דערביי: זאָל איך אַזוי וויסן וואו איך האַלט מיטן רבונו של עולם, ווי איך ווייס וואו מען האַלט אין די תפילות.

ליזע די גענדזלערקע שטייט אויף איר „שטאָט”, קוקט אַריין אין סידור אַ צעטומלטע, זי ווייס ניט וואו מען האַלט. אָבער אַרונטערגיין פרעגן ביי מיין מאַמען וועט זי ניט. די גענדזלערקע האָט מורא, אַז די אויפּס־פּאַרקויפּערקע זאָל אין איר ניט דערלעבן קיין נקמה. ליזע האָט דאָך געצוואָגן און געקעמט אירע האָר אום שבת, און די מאַמע, זי זאָל עס ניט דאַרפן צוזען, איז אַנטלאָפן מיט איר טייטש־חומש פון הויף אין שטוב אַריין.

קומט צו ונתנה־תוקף, ווערט אַרום דער מאַמען אַזאַ באַפאַל פון גבירטעס מיט מחזורים, אַז ווען אַזוי פיל קונדן וואָלטן זיך געשטופּט אַרום אירע קאָשיקעס, וואָלט זי אַליין געוואָרן אַ גבירטע. אירע איינ־געבויגענע באַקן גליען פון איינגעהאַלטענער זיסער אויפרעגונג. פריער האָט זי זיך געשעמט הויך צו וויינען, עס זאָל ניט אויסקוקן, אַז זי קלאָגט מער ווי אַנדערע אויף איר ביטערן מזל פון אַן אלמנה. נאָר ביי דעם „מי יחיה ומי ימות” ווערט דער קוואַל פון אירע טרערן זיך קענען פריי אַ גאַס־טאָן פון אירע אויגן. מיטאַמאָל נעמט זי זיך אומרואיק אַרומ־קוקן, און די ווייבער אַרום איר, וואָס האָבן איר היינט אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, פרעגן ביי איר מיט גרויס גינציקייט:

— וועלינקע, וואָס זוכט איר?

— איך זוך מיין טיכל.

די מאַמע וואָס גרייט זיך וויינען האָט זיך. אַרומגעזען, אַז עס איז איר פאַרלאָרן געגאַנגען איר ווייס טיכל, און עס גיט איר אַ טיאָכקע אין האַרצן: אַן אבידה אויפן נייעם יאָר. עס זאָל נאָר אויספאַלן צום גוטן. ליזע דערזעט ווי די מאַמע קוקט צו איר אַריבער, נעמט זי זיך אויך אַרומקוקן און געפינט אויף איר פענצטער אַ ווייס טיכל. אַ דערפרייטע טוט זי עס אַ כאַפּ און איילט דערמיט צו דער מאַמען, ווי מיט אַ שלום־פאַן:

— אָט דאָס זוכט איר?

— יאָ, ליזע, אינדערפרי, איידער די באַלעבאָסטעס זיינען געקומען, האָב איך זיך צוגעזעצט ביי אייער פענצטער אָפּזאָגן פון פאָרנט. דאָ

ביי דער וואַנט איז טונקל און די ראיה ביי מיר איז אַזוי אויך אָפּגע־שוואַכט.

— ווערלינקע, — זאָגט ליזע אַ פאַרציטערטע פאַרן יום הדין, — איר זאָלט האָבן נחת פון אייער זון. וואָס זאָגט מען איצטער? איר זייט דאָך אַ קענערקע אין די שוואַרצע פינטעלעך. אין אַזאַ טאָג ווי אין דעם היינטיקן קומען ניט צונויף קיין אַנדערע קענטעניש.

ליזע מיינט עס אַנטקעגן דעם וואָס זי קען רוסיש.

די מאַמע טוט האַסטיק אַ מיש אין ליזעס סידור און טראַכט דער־ביי, אַז אָפּהיטן שבת איז אַ גרויסער עיקר ביי טאָן תשובה. מען קען ניט אויסקויפן ראש השנה מיט פרומער פרעפּלעניש די זינד פון אַ גאַנץ יאָר.

אין ווייבער־שול ווערט שטיל ווי אין אַ וואָרקנדיקער טויבן־נעסט ערב שטורעם. אין חלל הענגט אַ וואָלקן פון אָנגעזאַמלטער ביטערניש. פון פאַרדריקטע הערצער דערהערט זיך אַ שלוכצעניש. עס הילכט אָפּ אַ דונער. דער חזן פאַנגט אָן ונתנה תוקף קדושת היום, און איידער דער שליח־ציבור דערגייט צום „מי יחיה ומי ימות”, טרינקט זיך שוין די ווייבער־שול אין אַ מבול פון געוויין.

## יום־כיפור

צו מנחה גיט דער שמש אַ פּאַטש אין שולחן: מען לאָזט אָפּ די מתפללים אויף אַ האַלבער שעה.

פון עזרת נשים איילן אַרויס די יונגע ווייבעלעך, וואָס דאַרפן אָנ־קאָרמען די עופעלעך. די עלטערע באַלעבאַסטעס בלייבן אויף די ערטער, רוען אָפּ און שמועסן צווישן זיך וועגן שניר און איינקלעך. די אָרעמע ווייבער בלייבן אויך אין שולכל. אַזוי איז מען תמיד פאַרהאָרעוועט און מען שמעקט ניט אָריין אין אַ מקום קדוש, איז וויל מען כאָטש יום־כיפור אָפּזיצן דעם טאָג אין בית־מדרש. דערפאַר איז ביי זיי אַ גרויס וואונדער וואָס גראָד וועלע די אויפס־פאַרקויפערקע בינדט צוזאַמען אירע ספרים אין איר וויס טיכל, לאָזט עס ליגן אויף איר „שטאָט” און גייט אַרויס פון קלויז.

די מאַמע גייט אַרונטער אין שטוב געבן דער קאַץ עסן. אַ בעל־חי איז ניט מחויב צו פאַסטן.

ווען די מאַמע איז נאָך ביי דער קאַליטקע פון טויער, דערהערט זי ווי די קאַץ שרייט. די קאַץ דערשנאַפּט אויף אַ גרויסן מהלך איר באַלע־באָסטעס טריט, און גראַבלט אין דער פאַרשלאָסענער טיר. טוט די מאַמע אַ שמייכל, דעם איינציקן שמייכל דורך דעם גאַנצן יום־כיפורדיקן טאָג.

איר ווערט וואַרעם אויף דער נשמה, וואָס אַ לעבעדיק באַשעפעניש האָט זיך צו איר צוגעבונדן. ווען דען קען זי זיך פאַרטרויען אין איר עלנט? איר בן־יחיד גייט לעצטנס אַרום אַ פאַרכמורעטער, פאַרזונקען אין מרה־שחורה. ער זיצט שטענדיק אין דער קוזניע און לייענט, לייענט. סיי ווי סיי, זעט זי, אַז צו־פרום וועט ער ניט זיין, בעט זי זיך ביי אים: וואָס זיצסטו כסדר אין דער קאַנורע? גיי אַרויס אַ ביסל שפּאַצירן. פון אַנדערע בחורימלעך בלויערט דאָך. ענטפערט ער איר ניט און ווערט נאָך מער פאַרכמורעט.

זי עפנט די טיר און די קאַץ שפּרינגט אויף איר אַרויף. די מאַמע נעמט אַרויס פון שאַפקע דאָס שיסעלע מיט ברויט פאַרווייקט אין מילך נאָך פון נעכטן, שטעלט עס אַוועק פאַר דער קאַץ און רעדט צו איר:

— פּוסט־און־פּאַסניצע, וואָס ליגסטו כסדר אין דער קאַנורע? גיי אַרויס אַביסל שפּאַצירן.

די מאַמע כאַפּט זיך, אַז זי רעדט צו דער קאַץ ווי צום זון, להבדיל. איך בין גאַר אויסגעוועפּט, טראַכט זי און דערהערט אַ מיאַאוקען. ליזע האָט דעם קאָטער פאַרשלאָסן אין שטוב און ער מיאַאוקעט אַ הונגעריקער.

באַלעמוטשעט זי ניט און גייט גלייך צוריק אין ווייבער־שול. ליזע שמועסט מיט אַנדערע מאַדאַמען פון איר גלייכן וועגן קליידער און וועגן דער האָרעוואַניע וואָס זי וועט האָבן ערב סוכות ביי די גענדז. זי דערזעט ווי די מאַמע שפּאַנט צו איר מיט שטרענגער ערנסטקייט, דער־שרעקט זי זיך אַ ביסל. זי ווייס באמת ניט וואָס אַזוינס זי האָט ווידער פאַרבראָכן קעגן יידישקייט. שבת תשובה איז זי ניט אַרויס שפּאַצירן מיט איר שירעמל, און איר מאַן איז געגאַנגען מיטן טלית דאַווענען. די מאַמע רופט זי אַוועק אָן אַ זייט:

— ליזע, איר האָט פאַרשפּאַרט אייער קאָטער. גייט גיט אים עסן, ער איז ניט מחויב צו פאַסטן.

— איך וועל פאַרשפּעטיקן צו מנחה, — זאָגט ליזע אין שרעק זי זאָל ניט פאַרזאַמען אויסבעטן אַ גוט יאָר.

— ס'מאַכט ניט אויס, — פּסקנט די מאַמע זיכער ביי זיך ווי אַ רביצן, — דער אייבערשטער וועט וואַרטן אויף אייך. אייערע תפילות וועלן אַרויפגיין גלייך מיט אַלעמענס.

ליזע פאָלגט, זי גייט געבן דעם קאָטער עסן. ביים גיין האַלט זי איר קאָפּ אַזוי אויסגעצויגן, שטייף און גלייך, אַז ווען מען שטעלט אויף אים אַרויף אַ לאָמפּ אַ פולן מיט נאַפט, וואָלט ער ניט אַראָפּגעפאַלן.

דער עולם קלייבט זיך צו מנחה. די מאַמע, אָנשטאָט זיך נעמען צו דער תחינה, קוקט אַריין דורכן פאַרהענגל אין מאַנסבילשן בית־מדרש.

אַלטע בעלי־בתים, איינגעוויקלט אין טליתים און קיטלען, זיצן אָנגעשפּאַרט אָן די דעמבענע שטענדערס און רוען אָפּ. אַנדערע כאַפּן אַריין אין דער הפסקה אַ פּרק משניות. יונגע לייט שטייען אין אַ קופּקעלע און שמועסן. מער ניט איר זון שטייט איינער אַליין הינטער דער בימה און רעדט ניט מיט קיינעם. ער זעט אויס בלייך, פאַרטראַכט און איז פאַרוואַקסן. ווערט זי זייער טרויעריק און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ מורמלט זי:

— רבונו של עולם, די וועלט זאָגט, אַז אַ מאַמעס האַרץ פילט. איך אָבער ווייס ניט, וואָס עס דריקט אים, מיין זון. איז דען דיין תורה אַזוי שווער, אַז זי נעמט אַוועק די פרייד פון אַ יונגנמאַן? איך ווייס וואויל, אַז מיר קומט ניט קיין זון אַ גרויסן לערנער. טאָ זאָל ער כאָטש זיין אַן ערלעכער ייד, אַ בעל מלאכה, ווי ר׳ ברוכל, עליו השלום.

פון אַלע קולות אין דער מאַנסבילשער שול און פון עזרת נשים הער איך בלויז דער מאַמעס תחינהדיקע שטים. די דינע פעדים פון איר געוויין ציען זיך צו מיר און בלייבן הענגען אויף מיר, ווי האַרבסטיקער שפּינוועבס בלייבט הענגען אויף צעקרימטע צווייגן. איך שטיי הינטער דער בימה און קען ניט דאַווענען: פאַרוואָס איז זי אַזוי הכנעהדיק קעגן אַלעמען? פאַרוואָס מיינט זי שטענדיק, אַז זי איז שולדיק קעגן גאָט? פאַרוואָס קען איך זי ניט אויסלייזן פון איר מאַטערניש, זי זאָל אַזוי ניט איינקוואַרן אין היץ און אין קעלט ביי אירע קאָשיקעס? זי שפּייזט מיך, איינגעגלייבט אין מיין פרומקייט, און איך נאַר זי — — — —

**מוצאי** יום־כיפּור, ווען דער עולם גייט פון קלויז, וואַרטן אָפּ די זין זייערע מאַמעס וואָס זיינען אָפּגעשוואַכט פון פאַסטן, און די קינדער פירן זיי אונטער די הענט. מיין מאַמע גייט שטענדיק אַליין, זי איילט זיך צוצוגרייטן זיסע טיי פאַר מיר, איך זאָל מאַכן הבדלה, און אָנוואַרעמען דאָס עסן איך זאָל זיך אָפּפאַסטן. אָן זיך אַליין פאַרגעסט זי.

דאָס מאָל ווען זי גייט אַרויס פון וויבער־שול, בלייבט זי שטיין צעטומלט און פאַרוואונדערט. איך וואַרט אויף איר, נעם אַרויס פון איר האַנט דעם מחזור וואָס איז איינגעוויקלט אין איר ווייס טיכל, און פיר זי אונטערן אָרעם אַהיים. אין דעם שמאָלן שול־געסל שטייען יידן און זיינען מחדש די לבנה. איך שטעל זיך ניט אָפּ. טוט זי אַ שוואַכן איבערגעשראָקענעם לאַך:

— כיבוד אם איז טאַקע אַ גרויסע מצוה, נאָר דו וואָלסט בעסער געטאָן ווען דו ביסט אויפן פולן יאָר מחדש די לבנה.

— איך בין ניט דער תנא, וואָס זיין מאַמע האָט געוואַשן זיינע פיס און געטרונקען דאָס וואַסער. איך קען זיך ניט מוחל זיין, וואָס איך האָב דיך געלאָזט ביז איצט זיך מקריב זיין פאַר מיין לערנען.

די מאַמע שווייגט, זי דערפילט אַ פייכטקייט אין די אויגן, ווי דער אויסגעשעפּטער ברונים פון אירע טרערן וואָלט אין איין רגע אַנגעקוואָלן אויפסניי. זי האָט פאַראויסגעפילט ניט קיין גוטס. ראש השנה האָט זי פאַרלוירן דאָס טיכל און ליזע האָט עס געפונען און איר אָפּגעגעבן. דאָס איז אַ שטראָף פון הימל, זי מוסרט ליזען, בעת איר אייגענער זון... זי האָט מורא צו טראַכטן ווייטער און נעמט ביי מיר אַוועק דעם מחזור, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן אַז איך זאָל נישט פאַרלירן איר לעצטע נחמה — דאָס ווייסע טיכל.

# אַ נאַכט אָן שלאָף

ס'איז פרייטיק־צונאַכט. אין די קליינע פּאַרגרינטע קו־פּערנע לייכטערלעך האָבן אויסגעברענט די ליכט. דאָס פלעמל פון נאַפט־לעמפּל צאַפּלט און צוקט. רויטלעכע ליכט־שטרייפן פאַרוועבן דאָס צימערל אין אַ סודותדיקער שטילקייט. אויפן סופיט און אויף די ווענט ליגן גרויסע שאָטנס איינגעוואַקסן איינע אין די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן דאָ געהויערט פון ששת ימי בראשית.

די גאַנצע דאַנערשטיקע נאַכט האָט די מאַמע ניט צוגעמאַכט קיין אויג, געגרייט דעם שבת. פרייטיק איז זי געשטאַנען ביז ליכט־בענטשן אין טויער און זיך ניט צוגעזעצט אויף אַ רגע, טאָמער לאָזט זי דורך אַ קונה. נאָך קידוש האָט זי זיך צערעדט וועגן מיינע צוויי שוועסטערלעך, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן. ביי דער וועטשערע איז זי אַוועקגעפאַלן אַ טויט־מידע. איך האָב אַראָפּגעשלעפּט די שווערע שיך און די אַניטשעס פון אירע דורכגעפרוירענע פיס. זי האָט אויסגעטאָן דאָס שיטל און אין חושכדיקן צימערל האָבן אַ בלענד־געטאָן אירע ווייסע פּאַסמעס האָר. טאַפּנדיק ווי אַ בלינדע איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן געלעגער, זיך צונויפ־געקאָרטשעט און איינגעשלאָפן אין די קליידער.

איך זיץ איבער אַ בוך, פּרואוו זיך פאַרטיפן אין לייענען און קען ניט צונויפקניפּן די שורות. אין מיין מח דריבלען זיך די זכרונות וואָס די מאַמע האָט אויפגעוועקט.

מיין ייננגסטע שוועסטערל געדענק איך קוים. זי איז אויסגעגאַנגען אין וויג נאָך אידער זי האָט געקענט אַרויסשטאַמלען אַ וואָרט. דאָס צווייטע שוועסטערל איז אַלט געווען זעקס יאָר ווען זי איז געשטאָרבן.

איך זע פאַר מײַנע אויגן ווי די מאַמע און איך, אַ ניין־יאָריק יינגל, האַלטן זי פאַר די הענטלעך און שרײַען:

— עטעלע!

דאָס מיידעלע האָט זיך ניט אָפּגערופן. אירע שוואַרצע געקרייזטע האָר האָבן זיך צעשאָטן אויפן קישן, און אירע גרויסע אויפגעריסענע שוואַרצאַפּלען האָבן געגלאַנצט ווי גלאָז. זי האָט מער ניט געוויינט און ניט געמאַנט קיין שטיקל ברויט.

ס׳איז געווען ערשט נאָך דער מלחמה. מײַן טאַטע איז געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל. די מאַמע, געשוואָלן פון הונגער, האָט קוים געשלעפּט די פיס. טיפוס האָט געבושעוועט אין אַלע שטיבער, אַנידערגעלייגט גאַנצע משפּחות. אויף אונדזער געשריי איז קיינער פון די שכנים ניט אַריין. די מאַמע, אַ פאַרחלשטע, האָט מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעקרעכצט:

— גיי צו דער מומען. בעט זי, זי זאָל קומען.

די מאַמע האָט געהאַט טענות צו איר שוועסטער פאַרוואָס זי העלפט אונדז ניט. בין איך געלאָפן צו דער מומען, ווי זי וואָלט נאָך געקענט ראַטעווען עטעלען, און דעם גאַנצן וועג געוויינט אויפן קול. אַ פּוילישע פרוי מיט איר יינגל האָבן געקניט פאַר דער הייליקער מוטער, וואָס איז געהאַנגען איבער דעם אָסטראָבראַמער טויער. ווען דאָס שייגעצל האָט מיך דערזען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און נאָכגעקרימט ווי איך וויין. זײַן מאַמע האָט צו מיר אויסגעדרייט איר פאַרפרומט פּנים — און זיך צע־לאַכט. איך בין אַנטשוויגן געוואָרן אַ דערשלאָגענער, געגומען גיין פּאַמעלע־כער, ביז איך האָב אָפּגעזוכט דאָס געסל, וואו מײַן פעטער און מומע האָבן געהאַלטן אַ געוועלבל.

דער פעטער, אַ הויכער ייד ביז דער סטעליע, איז געשטאַנען אײַנ־געוויקלט אין טלית און געדאַוונט. איך בין צוגעפאַלן צו אים און אַרויסגעכליפּעט:

— עטעלע איז געשטאָרבן.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיר, אַרויפגעלייגט אויף מײַן קאָפּ זײַנע שווערע האַריקע הענט און אַ שלוכץ געטאָן. איך האָב געוואוסט אַז דער פעטער איז אַ גוטער, האָב איך אַרומגעכאַפּט זײַן קני, זיך געטוליעט צו אים און געכליפּעט. דער פעטער האָט מיך צאַרט אויפגעהויבן, און איז האַסטיק אַריין דורך דער הינטער־טיר אין קרעמל, וואו די מומע איז געשטאַנען. איך האָב געהערט ווי ער זידלט זי און זי וואַרטשעט, האָט ער אַ געשריי־געטאָן:

— גיי, גיב עסן דײַן שוועסטערס יינגל. זײַ ניט קאַרג, דו הערסט!

די מומע איז אַריין פון קראָם, מיך גאָרניט איבערגעפרעגט, נאָר

אירע אויגן־שפעלטעלעך אין איר געקנייטשט און געפּאַלדעוועט פּנים זיינען געוואָרן נאָך קלענער. זי האָט זיך פיל געשאַרט איבער דער שטוב און געגרייט פאַר מיר דאָס עסן. דער הויכער פעטער, איינגעהילט אין טלית, האָט זיך שטום געשאָקלט און געטייטלט מיט די שווערע האָריקע הענט צו דער סטעליע, געמאָנט עפּעס ביים הימל. ווען איך האָב געגעסן, האָט ער מיר זייטיק נאָכגעקוקט. דערזען, אַז איך לאָז־איבער אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, האָט ער זיין ברייטע דלאָניע צוגעטראָגן צו זיין מויל און געזאָגט: נו־אָ! איך זאָל אויפעסן אינגאַנצן.

דערווייל האָט די מומע זיך אָנגעטאָן, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די הויכע קאַלאָשן, דאָס האַלבע פעלצל, אַריינגעקוקט אין קראָם, צי ווייזט זיך ניט קיין קונה — און ניט געהאַט קיין חשק אַוועקצוגיין. דער פעטער האָט געדאַווענט און יעדע מינוט זיך אויסגעדרייט צו איר אומגעדולדיק און בייז. לסוף האָט ער אויסגעצויגן צו דער טיר אַ האָרטן לאַנגן פינגער און מיט רוגזה אַ ברום־געטאָן: נו־אָ! זי זאָל די מינוט גיין.

אין גאַס האָב איך זיך געריסן פאָרויס ווי אַ ווינט, נאָר די מומע האָט ניט געקענט אַרויסקריכן פון טיפן שניי. זי האָט כסדר געאויקעט און געאָכצעט, געמאַכט אַ פּראָבע ווי זי וועט וויינען ביי אונדז אין שטוב. אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ פויער מיט אַ פורל האָלץ. די מומע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעטאַפּט דאָס האָלץ צי עס איז ניט נאַס, און געמיטלעך זיך געדונגען מיטן פויער. ווען זיי האָבן זיך אויסגעגלייכט, האָט די מומע צו מיר זיך אָפּגערופן:

— גיי אַהיים און זאָג דער מאַמען אַז איך קום באַלד. איך וועל נאָר אָפּפירן דעם ערל צו מיין קראָם. די האָלץ־בינטלעך איז אונדזער חיונה. מיר ווילן אויך ניט שטאַרבן פון הונגער.

ווען איך בין צוריקגעקומען, איז מיין שוועסטערלס פּנים שוין געווען צוגעדעקט מיט דער מאַמעס שוואַרצער שאַל. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן און שפּילט מיט מיר אין באַהעל־טעניש, נאָר מיך האָט געשראָקן די פאַרשטייפטקייט פון אירע בלייכע פינגערלעך. די מאַמע איז געזעסן אינמיטן שטוב אַ פאַרגליווערטע. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויפגעשוידערט און מיך אַ פרעג־געטאָן:

— האָסט אָפּגעגעסן?

און מיט אַן אויסגעלאָשן קול, אָן געוויין און אָן געשריי, האָט זי גערעדט צו מיר, ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— פינף זין האָט דיין טאַטע געהאַט מיט זיין ערשטער פרוי, און דו, מיין קינד, ביסט דער זעקסטער, זיין בן־זקונים. נאָר דיין טאַטע האָט

געבענקט נאָך אַ טאָכטער. האָט מיך דער אייבערשטער באַשאָנקען מיט צוויי טעכטערלעך, איך זאָל געפינען חן אין דיין טאַטנס אויגן. איז מיין עופעלע, געשטאָרבן נאָך אין וויג, און היינט איז מיר אַוועקגענומען גע־וואָרן טעטלע. ווי וועל איך קומען צו דיין טאַטן אין שפּיטאָל און אים אָנזאָגן די בשורה? ווי וועל איך אים קענען קוקן אין די אויגן? גאָט אין הימל, פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי פאַרשעמט!

ווען די מומע איז געקומען, האָט זיך ביי מיין מאַמען געעפנט דער קוואַל פון טרערן. זי האָט פאַרבראָכן די הענט און געיאָמערט:

— אַ שוועלבעלע איז אין אַ קעלער אַריינגעפלויגן, טעטלע איז געווען מיין שוועלבעלע. איצט איז זי צוריק אַרויסגעפלויגן. קוק, שוועסטער מיינע, — האָט די מאַמע אָפּגעדעקט דעם שוואַרצן שאַל פון טעטלעס פּנימל, — מיין טעכטערל וויל ניט צומאַכן אירע ליכטיקע אויגן. זי וויל אַז איר ליכטיקייט זאָל בלייבן אין מיין שטוב.

דער מומעס אויגן־שפּעלטעלעך האָבן זיך אינגאַנצן פאַרמאַכט. אין די ריטשקעס פון איר געקנייטשט און געפּאַלדעוועט געזיכט האָבן זיך גע־קייקלט טרערן. זי האָט גענומען שרייען מיטן פעטערס קול:

— קום צו מיר, וועסט מיר העלפן אין קראַם. אויב דו וועסט מיך ניט פאָלגן, וועסטו דעם ייִנגל דיינעם אויך אָנווערן. ס'איז אַ ביטערע צייט.

די מאַמע האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט טיף אָפּגעזיפצט ווי זי וואָלט געזאָגט: איך האָב געדאַרפט אַ קינד פאַרלירן דו זאָלסט אויף מיר רחמנות האָבן.

דאָס פּלעמל אין נאַפט־לעמפל ציטערט, ווי עס וואָלט מיטגעלעבט מיט מיינע טרויעריקע דערמאָנונגען. די קופּערנע פאַרגרינטע לייכטערלעך אויפן טיש, אונטער די ריזיק־צעוואַקסענע שאָטנס, זעען מיר אויס, ווי מיינע צוויי שוועסטערלעך וואָלטן זיך געהאַלטן ביי די הענט און גע־בלאָנדזשעט אין אַ ביינאַכטיקן וואַלד. די מאַמע לאָזט אַרויס פון שלאָף אַ פאַרשטיקט געשריי און רייסט מיך אַרויס פון די זכרונות. איך שפּרינג־אויף און נעם זי וועקן. איין אויגנבליק בלייבט זי ליגן אַ פאַרשטאַרטע, ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט צו אַ וויטן געהיימען גערויש. מיטאַמאָל גיט זי זיך אַ זעץ־אויף און שעפּטשעט:

— איך האָב זיי ניט געפונען.

— וועמען? וועמען האָסטו ניט געפונען?

— מיינע קינדערלעך. איך האָב זיי געזוכט אויפן אָנשיט, וואו מען

לייגט די אָרעמע־לייט. ווי האָב איך זיי געקענט געפינען? דאָס רעגן־וואַסער שווענקט דאָרט אַרונטער די קברים און איך ווייס אפילו ניט וואו זיי ליגן. מיין עופעלע האָט דער קברן אַוועקגעטראָגן אין אַ קעסטעלע, און אויף עטעלעס לוויה האָט מיך מיין שוועסטער ניט געלאָזט גיין. "ווי וועסטו גיין, אַז דו ביסט געשוואָלן פון הונגער?" — האָט זי געזאָגט. האָט זיך מיר געחלומט ווי איך בלאָנדזשע אויפן בית־עולם צווישן די הויכע ביימער, און דער ווינט פאַרשיט מיך מיט פאַרוויאַנעטע בלעטער. די בלעטער דרייען זיך אַרום מיר ווי גרויסע פייגל, פאַרוויקלען מיך און לאָזן מיך ניט גיין ווייטער.

— דו האָסט זיך היינט, מאַמע, צערעדט וועגן עטעלען און איצט קומט זי דיר צו חלום. פאַרוואָס האָסטו זיך פלוצעם דערמאָנט אָן איר?

— איך האָב זי קיינמאָל ניט פאַרגעסן. וואָס עלטער דו ווערסט, מיין זון, אַלץ מער טראַכט איך פון דיין שוועסטערל. דו ווערסט צוואַנציק יאָר, און עטעלע, דיר צו לאַנגע יאָר, וואָלט איצטער געוואָרן אַכצן, אַ כלה־מיידל.

— און וואו וואָלט זי געלעבט, אָט דאָ מיט אונדז אין דער קוזניע? און וואָס וואָלט זי אָנגעטאָן? אַ כלה־מיידל דאַרף זיך פוצן, און איך גיי אַפילו זומער אין מאַנטל, אַז מען זאָל ניט אַרויסזען מיין צעריסענעם אָנצוג. שטעל זיך פאָר, מאַמע, וויפיל זי וואָלט געליטן פון אונדזער אָרעמקייט.

— עס קען זיין, אַז אין איר זכות וואָלטן מיר געוואָרן אויפגעריכט. זי וואָלט געווען אַ בריה און מיר געהאָלפן אין דער פרנסה. אפשר אין איר זכות וואָלסטו ניט אַוועק פון דער תורה. דו וואָלסט איר געבראַכט אַ חתן פון דער ישיבה, דיינעם אַ חבר.

די מאַמע נעמט ציטערן:

— דעק מיך איין, מיין זון, מיך טרייסלט. אַמאָל פלעגסטו פרייטיק־צו־נאַכט לערנען, איז עס מיר געווען אַ היילונג אין האַרצן. אָבער זינט דו האָסט זיך אָפּגעקערט פון דער תורה, קומט מיר אויס אַז איך לעב אין אַ שטוב אָן אַ מזוזה, און דעריבער מאַטערן מיך אַזעלכע שווערע חלומות. נעם אַרויס אַ סידור, זינג פאָר מיר שיר השירים און פאַרטייטש עס מיר. איך געדענק ווי דיין טאַטע האָט געלערנט שיר השירים מיט זיינע תלמידים אין חדר, און דער ניגון איז צעגאַנגען אין מיינע גלידער. אַז דו וועסט לערנען, וועט מיר ווערן וואַרעמער, און די מחשבות וועלן מיך אַזוי ניט פייניקן.

איך נעם אַרויס אַ תנ"ך און מיט אַ פאַראומערטן ניגון הייב איך אָן אונטערזינגען:

— שיר השירים אשר לשלמה.

איך זינג מיט טראָפּ און פּאַרטייטש די פּסוקים. מיר דאַכט זיך, אַז די מאַמע איז איינגעשלאָפן, איר אָטעם ווערט שטילער, און שטילער ווערט אויך מיין קול. איך קוק זיך אַרום אין אונדזער שטיבל. דורכן פענצטער פון דער קוזניע נעמט אַריינשלאָגן אַ גרוי ליכט. דער פרימאָרגן ראַנגלט זיך מיט דער פינצטערניש, ווי די מאַמע מיט אירע חלומות. אין גלעזערנעם לעמפּל טריקנט דער נאַפט. דאָס פלעמל רייכערט און וואַרפט זיך אין גסיסה. די שאָטנס אויף די ווענט באַוועגן זיך, וועקן זיך פון שלאָף, און די מאַמע נעמט זיך ווידער וואַרפן אומרואיק. צעזינג איך זיך אויפסניי און פאַרענדיק דאָס ערשטע קאַפּיטל פון שיר השירים:

— ביסט שיין מיין געליבטער און ליבלעך. גרין איז אונדזער געלעגער. אונדזערע הויז־באַלקנס זיינען צעדערן און די וואַנט־ברעטער ציפּרעסן.

די מאַמע זעצט זיך אויף, אירע אויסגעמאָגערטע באַקן גליען, אַ שווייס באַדעקט איר שטערן, אויף איר פּנים שלאָגט אַרויס דער פּראָסט און דאָס אייז, וואָס ליגט אין אירע ביינער אַ גאַנצן ווינטער. אויף אירע אויסגעהאַרעוועטע הענט קריכן אַרויס אָנגעשוואָלענע אָדערן, ווי אָפּגעדעקטע וואָרצלען. אירע אויגן בלאָנדזשען איבערן חדרל, און זי מורמלט:

— איך האָב געגנבעט... וואָס קוקסטו אויף מיר אַזאַ דערשראָקענער? איך בין ניט משוגע און רייד ניט פון שלאָף. בעת מיין שוועסטער האָט מיך אַריינגענומען, איך זאָל איר העלפן אין איר קראָם, איז געווען אָפּגערעדט, אַז איך זאָל ביי איר עסן. „ווען איך וועל קענען, וועל איך דיר עפּעס געבן אויך פאַר דיין יינגל”, האָט זי געזאָגט. אָבער איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן ביז זי וועט מיר געבן, און איך האָב בשתיקה גענומען אַ שטיקל הערינג, אַ בייגל. איך האָב ניט געוואָלט דו זאָלסט אויסגיין פון הונגער ווי עטעלע. דער פעטער האָט געוואוסט פון דעם, פאַר אים האָב איך זיך ניט געהיט, און ער אַליין פלעגט מיר אַמאָל אַ וואונק־טאָן איך זאָל נעמען, די שוועסטער זאָל ניט וויסן. פון איר האָב איך געגנבעט.

— מאַמע, וואָס טוט זיך מיט דיר היינטיקע נאַכט? דו ברענסט פון פיבער. דו זאָגסט דאָך אַז דער פעטער האָט געוואוסט, און ער איז דאָך געווען דער באַלעבאָס. דו האָסט כשר פאַרדינט דאָס שטיקל ברויט וואָס דו האָסט גענומען פאַר מיר.

— איך ווייס אַליין ניט וואָס ס'איז מיט מיר היינטיקע נאַכט. פון

איבערגעמאַטערטקייט קען איך ניט איינדרימלען. זינג נאָך אַ שטיקל פון שיר השירים. טו עס מיר צוליב, מיין זון.

איך לייען ניט מער כסדר, נאָר דאָרט וואו עס פאַלן מיינע פאַר־נעפּלטע בליקן:

— על משכבי, אויף מיין געלעגער אין די נעכט האָב איך געזוכט דעם וואָס מיין זעל האָט ליב; איך האָב אים געזוכט און האָב אים ניט געפונען... ביסט שיין, מיין געליבטע, ביסט שיין, דיינע אויגן זיינען טויבן דורך דיין שלייער... דיינע האָר ווי אַ סטאַדע ציגן... ווי אַ רויטער פאָדעם זיינען דיינע ליפּן.

די מאַמע קוקט זיך אַרום אין חדרל, און ציט אויס די ווערטער פאַרמרה־שחורהט:

— שולמית, די מלכה פון שיר השירים, זוכט איר חתן, און איך זוך די קברימלעך פון מיינע קינדער. עטעלע האָט אויך געהאַט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן. ווען איך האָב זי צוגעדעקט מיט מיין שאַל, האָט איר טויט פנימל אַרויסגעשיינט, נאָר אירע ליפּן זיינען ניט געווען ווי אַ רויטער פאָדעם. אירע ליפּעלעך זיינען געווען פאַרטריקנט און פאַרברענט.

די מאַמע קוקט מיך לאַנג אָן און פרעגט:

— דו טראָגסט ניט אויף מיר קיין באַהאַלטענעם כעס?

— פאַרוואָס?

— פאַר דיין טאַטן, מיין זון.

זי ציט צו מיין קאָפּ צו זיך און אירע טרערן וואַשן מיינע באַקן:

— ווען דיין קראַנקער טאַטע איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, האָט ער באַדאַרפט אַ מענטשן ביי זיין בעט וואָס זאָל אים אָפּהיטן. און איך האָב דעמאָלט טאָג און נאַכט געהאָרעוועט ביי מיין שוועסטער. טראָגסטו ניט קיין האַרץ אויף מיר?

איך האַלט לענגער ניט אויס און נעם שרייען:

— דו מאַכסט מיך משוגע. דו ביסט דאָך אַ פרומע, ווייסטו דען ניט אַז אַפילו ווען דער מת איז נאָך ניט באַגראָבן, טאָר מען ניט קלאָגן אום שבת? דער טאַטע פלעגט מיר זאָגן, אַז ער האָט אין זיין לעבן ניט געזען אַזאַ איבערגעגעבענע פרוי ווי דו ביסט. און דו זוכסט אויף זיך בכיוון חטאים. דו ביסט קראַנק. איר וועל גיין זוכן אַ דאָקטאָר. איך וועל אויפֿ־וועקן אונדזערע שכנים, איך וועל צושטעלן וואַסער, דיר געבן אַ הייסע גלאָז טיי.

די מאַמע באַרואיקט זיך מיט אַמאָל און זאָגט שטרענג:

— רוף ניט קיינעם. איך וויל ניט מען זאָל צוליב מיר מחלל שבת זיין. דער אייבערשטער איז דער בעסטער רופא.

זי גלעט מיך איבערן קאָפּ און שמייכלט:

— איך האָב געהערט מיט וואָס פּאַר אַ זיסקייט דו האָסט געלערנט. אין צאינה־וראינה שטייט געשריבן, אַז די מלכה פון שיר השירים איז די הייליקע תורה. נאָר סתם אַזוי איז עס אויך זייער שיין און איידל. מיינסט אַוודאי אַז איך פאַרשטיי שוין גאָרניט? ס׳איז צייט, מיין זון, דו זאָלסט פאַרשאַפן דיין מאַמען אַביסל נחת און זיך צוקלייבן אַ כלה. ס׳איז שוין צייט.

# די משפחה

ייִנגלווייז האָט יעדן שבת די מאַמע מיך מיטגענומען צו איר שוועסטער אויף טשאָלנט. דאָס האָט געהערט צו דער מאַמעס פאַרדינסטן פאַר האַרעווען אַ גאַנצע וואָך אין איר שוועסטערס קליים. נאָכן עסן האָט זיך שטענדיק איבערגעחזרט דער זעלבער שמועס. די מומע האָט זיך אָפּגערופן צו דער מאַמען:

— דו האָסט שוין איינמאָל אַ מאַן. אַ ייד אַן אַלמן זאָל האָבן אַזאַ טרייפן וועלער צו נעמען אַ מיידל, וואָס איז מיט אַ העלפט יינגער פון אים. זיינע זין פון דער ערשטער ווייב האָסטו געהאָדעוועט, די קעפּ זיי גע־צוואָגן, און אַז זיי זאָלן זיך נישט שעמען פאַר דער גאַס, זיי זיינען דאָך געוועזן גרויסע בחורים, פלעגסטו די טיר פאַרשליסן. זיינע קינדער זיינען זיך צעפאָרן, און דיין ברויט־געבער, דיין פאַרזאָרגער, לאָזט דיך מיט דיין יינגל זיך מאַטערן.

די מומע האָט תמיד אָנגעפאַנגען דעם שמועס ווען דער פעטער האָט געהאַלטן אינמיטן בענטשן, ער זאָל זיך נישט קענען אַריינמישן. דער פעטער האָט איבערגעריסן זיין פאַרדבקהט שאָקלען זיך, געטרייסלט מיט די שווערע האַריקע הענט און געברומט: נו־אַ! ער האָט געקוקט מיט כעס אויף דער מומען, וואָס צינדט אָן אום שבת דאָס פייער פון מחלוקת צווישן מאַן און ווייב.

די מאַמע, וואָס האָט שוין אויך געבענטשט, האָט ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט פאַרענטפערט דעם טאַטן:

— וואָס זאָל ער פאַרט טאָן, אַז ער ליגט קראַנק צוגעשמידט צום בעט און קען זיך ניט רירן פון אָרט? ווען איך בין צו אים אָנגעקומען, האָט ער געהאַט דעם שענסטן חדר אין שטאָט. ס'איז מיין פינצטערער מזל! די קינדער פון אַמעריקע האָבן אויפגעהערט שרייבן צוליב דער מלחמה. זיין עלטערער זון, וואָס איז דאָ געבליבן, בעט זיך ביי אים: טאַטע, קום צו מיר. נאָר איך לאָז אים ניט, איך וויל ניט בלייבן אַליין.

— ווען איך בין צו אים אָנגעקומען! — האָט די מומע איבערגעקרימט

ווי די מאַמע רעדט, — אַ דינסט קומט אָן. דו אַליין קוקסט אויף זיך, ווי דו וואָלסט ביי אים געווען אַ דינסט. ווען איך האָב פאַר אים חתונה געהאַט, דאַרפסטו זאָגן.

אויפן וועג אַהיים, האָט די מאַמע מיר אָנגעזאָגט:

— דו זאָלסט, חס ושלום, ניט איבערדערציילן דעם טאַטן וואָס די מומע האָט געזאָגט.

דער פעטער מיט דער מומען זיינען אַוועקגעפאָרן צו זייערע קינדער אין אויסלאַנד, און די מאַמע האָט מער ניט געהאַט ביי וועמען זיך צו פאַרדינגען אויף אַרבעט. דעמאָלט ערשט האָט זי מסכים געווען אַז דער טאַטע זאָל וואוינען ביי זיין זון אויף שניפּישאָק.

מיין שטיף־ברודער „מאַיסיי" איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרץ פאַרשפּיצט בערדל. „אַזוי האָט אַמאָל אויסגעזען דיין טאַטע, נאָר זיין באָרד איז געווען נאָך שוואַרצער און געדיכטער", פלעגט מיר די מאַמע זאָגן. נאָר מיר האָט זיך עס ניט געוואָלט גלייבן, וואָרום זינט איך האָב דעם טאַטן געדענקט איז ער געווען ווייס ווי מילך. מיין ברודער האָט רייך חתונה געהאַט. טייבל, זיין ווייב, האָט געשטאַמלט און זיך דערמיט שטאַרק געשעמט. זי איז געווען אַ שטילע, אַ איידעלע און פלעגט אויפנעמען די מאַמע מיט גרויס גינציקייט.

דאָך האָט די מאַמע זיך ניט געפילט היימיש אין מיין ברודערס אויסגעפוצטע חדרים. יעדן שבת, ווען מיר זיינען ביידע געגאַנגען אַהין, האָט זי מיר אָנגעזאָגט ווי איך זאָל זיך דאָרטן האַלטן. איך זאָל ניט לויפן איבער די צימערן, איך זאָל קיין זאַך ניט צעברעכן, איך זאָל ניט ריידן צו הויך און בכלל זיצן לעבן טאַטן אין זיין חדר מיוחד.

— ס'איז מיר גענוג פינצטער און ביטער, אַז דו האָדעוועסט זיך אַ גאַנצע וואָך אָן השגחה.

פון אונדזער געסל ביז אַרויף שניפּישאָק דאַרפן מיר דורכגיין אַ האַלבע שטאָט. אויפן וועג האַלט מיך די מאַמע ביי דער האַנט און שמועסט מיט מיר:

— מיר דאַרפן דאַנקען און לויבן גאָט וואָס דער טאַטע קען שוין אַרונטערקריכן פון בעט און זיך אויסגלייכן. ס'איז געווען אין דער מלחמה, ווען דיין טאַטע האָט שוין מער ניט געהאַט קיין חדר. וועלכער באַלעבאָס האָט עס געקענט שיקן זיין יינגל לערנען? די שענסטע יידן האָבן געהונ־גערט. איז דיין טאַטע אַרויס אין גאַס מיט אַ האַנט־קעסטל האַנדלען. איז ער איינמאָל אומגעפאַלן און מען האָט אים געבראַכט אַהיים אין אַ קאַרעטקע אַ האַלב־פּאַראַליזירטן. נאָר דו געדענקסט עס ניט, דו ביזט דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ פּיצל.

די מאַמע ווייס ניט, אַז אין מיין זכרון האָט זיך טיף איינגעקריצט יענער זומער אויפדערנאַכט. איך בין אָנגעלאָפן פון גאַס אַ פאַרשטיפטער. אַרום אונדזער שטוב איז געווען אַ געדראַנג פון מענטשן. מען האָט גע־קוקט אויף מיר און זיך געשושקעט. איך האָב זיך אַריינגעשטופט אין שטוב און דערזען ווי מיין טאַטע זיצט אָנגעשפאַרט אַן ווענטל פון דער קאַנאַפּע, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די באָרד און די פיס הענגען אים שווער און שטיף אַרונטער. אַרום אים פאָרען זיך צוויי מענטשן אין ווייסע כאַ־לאַטן, און די מאַמע ברעכט מיט די הענט. דערנאָך האָט זיך דער הויף און די שטוב אָפּגעליידיקט. די מאַמע איז ערגעץ אַוועקגעלאָפן נאָך רפואות און איך בין געבליבן אַליין מיטן טאַטן אין דער פוסטער האַלב־טונקעלער שטוב. איך האָב דערפילט אַן אומהיימלעכע שטילקייט און מיך איז באַ־פאַלן אַ ציטערניש. איך האָב געקוקט אַ דערשראָקענער אויף מיין טאַטנס אומבאַוועגלעכע אויגן און אין דער זעלבער צייט געווען פאַרגאַפט פון זיין האַנט־קעסטל מיט דער סחורה, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע בלאַנקע שערעלעך, לעדערנע בייטעלעך, זייגער־קייטעלעך, מעסערלעך און ראַזיר־מכשירים. איך האָב ניט געקענט אָפּרייסן מיין בליק פון די חפצים, ביז איך האָב דערהערט ווי דער טאַטע כאָרכלט אַרויס:

— צי מיר אַראָפּ די קאַמאַשן.

דאָס איז געשען ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ פּיצל, ווי די מאַמע זאָגט. אָבער אויך איצטער ווען איך בין שוין עלטער, קוק איך אין אַלע זייטן מיט יינגלשער פאַרגאַפונג, און די מאַמע מינטערט מיך:

— וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? יעדן שבת קענסטו זיך ניט אָפּ־רייסן פון אָט דעם פענצטער.

מיר גייען פאַרביי אַ געשעפט, וואו מען פאַרקויפט פייגל, און איך בלייב שטיין אַ צוגעשמידטער. אין דער אָפענער טיר זיצט דער באַלע־באָס. אים פעלן בײדע פיס, דאָך גייט ער אַן קוליעס. זיין פיר־קאַנטיקער איבערשטער טייל פון גוף שטייט אויפן שוועל ווי אַ קאַסטן. אויפן פנים איז ער אַ שיינער, אַן אָפּגעראַזירטער, אַ צעשמייכלטער מיט אַ געדיכטער טשופרינע. ווען מיר גייען פאַרביי, טוט ער געשיקט אַ הויב אַרויף זיין האַלבן קערפּער אויף אַ שטול, וואָס שטייט לעבן אים, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט באַווייזן, וואָס פאַר אַ קונץ־שטיק ער קען, כאָטש ער האָט ניט קיין פיס.

די ערשטע צייט האָב איך זיך געשראָקן פאַרן קריפּל, נאָר ער האָט מיך דערקענט פון וואָך צו וואָך און צוגעוואונקען. האָב איך זיך צו אים

צוגעוואוינט און געקראָגן צוטרוי צו זיין קיילעכדיק פריש פּנים מיט דעם קינדישן שמייכל.

דורך דער אָפענער טיר זע איך וואונדער. דריי פערטל שטוב פאַרנעמט אַ גרויסער דראַטענער שטייג אָנגעפּילט מיט אַלערליי מינים טויבן. אין די ווינקלען הענגען קליינע הילצערנע שטייגעלעך מיט פאַרביקע פּאַפּוגייען און קאַנאַריקעס. די שטוב איז פול מיט וואָרקעניש, מיט צווייטשעריי און אויך מיט דעם געליאַרעם פון אָפּגעריסענע שקצימלעך וואָס באַקוקן די פייגל.

נאָך לענגער פאַרהאַלט איך זיך ביים פענצטער. אין אַ שטייגל זיצט אַ וועווערקע אויף אַ דראָט און אויפן דראָט איז אָנגעטאָן אַ רעדל. די ווערקע אַרבעט אימפּעטיק מיט די פיסלעך, דאָס רעדל דרייט זיך, און הינטער איר לאָנגן פוכיקן עק לויפן די מיילן — אין שטייגל. אַזאַ נאַר, טראַכט איך, זי מיינט, אַז זי קלעטערט אויף ביימער. אין פענצטער שטייען אויך גלעזערנע קעסטלעך אָנגעפילט מיט וואַסער און דאָרט שווימען אַרום גאָלדענע פישלעך. אין אַ משונהדיקער בייכיקער כּלי וויקלען זיך און דרייען זיך לאַנגע גרויע וואַסער־שלענגלעך.

— קום שוין, — שלעפּט מיך די מאַמע, — הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, דו וועסט נאָך ווערן אַ פייגל־כאַפּער, אַ גאַלוביאַטניק, דיך ציט עפּעס צו שטאַרק צו די טויבן. אַ גרויל נעמט מיך אַרום ווען איך קוק אויפן באַלעבאָס אָן די פיס. ער פאַרמאָגט הונדערטער פייגל וואָס קענען פליען, און ער אַליין קען אַפילו ניט גיין. דו קוק בעסער אויף דער כאַר־שול. דו זעסט, איבער דער טיר הענגט אַ שטיינערנער טאָוול מיט די עשׂרת הדברות. און איינע פון די עשׂרת הדברות איז: „גיב אָפּ כּבוד דיין פאָטער און מוטער”. ווען דיין טאַטע וואָלט געווען געזונט, וואָלט ער דיך אָפּגעגעבן צום חזן פון כאַר־שול דו זאָלסט זינגען אין כאָר. דו האָסט דאָך אַ קולכל ווי אַ גלעקל. וואָס האָסטו זיך שוין ווידער אָפּגעשטעלט?

איך דערזע נייע וואונדערלעכע זאַכן. פון איין זייט גאַס איז אַן אַרומגעצאַמט פעלד, וואו עס שטייען אַקערס, קאָסעס און שנייד־מאַשינען. זיי זעען מיר אויס ווי אַרויסגעריסענע ציין פון ריזיקע חיות. אויף דער אַנדערער זייט גאַס וואוינט אַ קריסטלעכער מצבה־קריצער. אויף אַ פּלעצל איז אָנגעוואָלגערט שטיקער מאַרמאָר און גראַניט. אַ מלאך מיט צעשפּרייטע פליגל פלאַטערט אַרויס פון אַ ווייסן שטיין. אַ מאַרמאָר־זייל וויקלט זיך, ווי אַ בלויער רויך. אין גראַניט שלאָפט אַ פרוי מיט הייליקע פאַרגלאָצטע אויגן און פרום־צונויפגעלייגטע הענט. אויף אַ געשליפענעם טאָוול איז איינגעקריצט אַ צלם מיט גאָלדענע בוכשטאַבן.

— קום שוין, — ציט מיך די מאַמע אַוועק, — אַלץ וויל ער זיין:

אַ פייגל־כאַפּער, אַ מצבה־קריצער, אַ פּויער אין פעלד, נאַר לערנען וויל ער ניט.

ווען מיר גייען אַריבער דעם בריק איבער דער ווילִיע, קען איך זיך ניט אָפּטרייסן פון די שווימער, וואָס שפּרינגען פון הויכן ברעג, גייען וואַסער־טריט און לייגן קלאַפּטער. די מאַמע האַלט מיך פעסט ביי דער האַנט און קוקט זיך אַרום אומרואיק ווי איך וואָלט בדעה געהאַט צו שפּרינגען אין טייך:

— גאָט אין הימל ווייס וויפל מאָל דאָס האַרץ אין מיר ציטערט, ווען דו ווערסט פאַרפאַלן אויף האַלבע טעג. איך מיין נאַר, אַז דו ביסט זיך געלאָפן באָדן. איבל דיר זאָגן דעם אמת, עס דאַרף ביי מיר גאַרניט זיין קיין וואונדער וואָס דיך ציט אַזוי שטאַרק צום טייך און צו ווערן אַ פּויער אין פעלד. אויך דיין טאַטן האָט זיך אַמאָל פאַרגלוסט אַוועקוואַרפן דעם חדר און ווערן אַ באַלעבאָס פון אַ פאָלוואַרעק. ער האָט אויסגעשטעלט אַ סך וועקסלען און געקויפט אַ פאָלוואַרעק מיט אַ ציגעלניע, וואו מען ברענט ציגל. דער סוף איז געווען... פרעג גאַרניט וואָס דער סוף איז געווען. יידן האָבן דאָך אין קייסערס צייטן ניט געטאָרט קויפן קיין ערד, האָט עס דער טאַטע געטאָן דורך אַ גוי, געמאַכט דעם ערל פאַר אַ שותף כלומרשט, און יענער האָט צוגענומען אי דאָס געלט אי די ערד.

ווען מיר קומען אַרויף צו מיין ברודער, גיי איך מיט דער מאַמען אַריין צו דעם טאַטן אין זיין באַזונדערן חדר. עס קומט צולויפן אַראַנטשיק, מיין ברודערס זון און מיין פּלימעניק, אַ ביינערדיק יינגל אין מיין עלטער. מיר נעמען זיך יאָגן איבער די צימערן — און אומגעריכט פאַל איך אַריין אין זאַל.

איך בלייב שטיין אַ צעטומלטער. ביים טיש זיצט מיין ברודער מאָיסיי, אים אַנטקעגן זיין ווייב טייבל און אויבן־אָן — איר ברודער, איסאַק דער אַפּטייקער. מען טרינקט טיי, מען עסט פּרוכט און מען שמועסט געמיטלעך.

איסאַק דער אַפּטייקער האָט אַ פּאָר קאַלטע פיש־אויגן, אַ רויט פּנים און לאַנגע פאַרשפּיצטע וואָנצעס, ווי די טאַפּערס פון אַ ראַק. ער אַליין זיצט אומבאַוועגלעך ווי אַ ליימענער גולם, נאָר זיינע וואָנצעס לעבן מיט זייער אייגן לעבן. אָט בלייבן זיי שטיין אין דער לופטן פאַרגליווערטע, און אָט נעמען זיי אַרומגיין איבער זיין רויט פּנים. ער קומט צו מיין ברודער צוגאַסט יעדן שבת, דאָך קוקט ער מיך אָן פאַרחידושט מיט זיינע קאַלטע פיש־אויגן, ווי ער וואָלט מיך געזען דאָס ערשטע מאָל. זיינע וואָנצעס דרייען זיך אויס אין פראַגע־צייכנס און ער פרעגט ביי מיין ברודער:

— ווער איז ער?

— איר דאַרפט שוין וויסן, איסאַק, דאָס איז מיין פּאַטערס זון פון דער צווייטער פרוי.

אַזוי זאָגט מיין ברודער מאַיסיי צו זיין שוואָגער און שמייכלט צו מיר, ווי אים אַליין וואָלט געווען מאָדנע, וואָס ער האָט אַ ברודערל אין זיין יינגלס עלטער.

— מאַיסיי, — זאָגט דער אַפּטייקער, — אייער פּאַטער איז, דאַכט זיך, אַ געבילדעטער מענטש, אַ העברעאישער לערער, ניט קיין אַלטמאָדישער פאַרשמאַלצענער מלמד, איז פאַרוואָס לאָזט ער דאָס יינגל זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן? מען דאַרף אים אָפּגעבן אין אַ אינטערנאַט און שטרענג באַשטראָפן.

מיין ברודער הערט אויף שמייכלען. פון פאַרדרוס ציט זיך אויס לענגער זיין שוואַרץ־באַבערדלט פּנים, נאָר ער האַלט זיך איין ניט צו ענטפערן דעם שוואָגער.

— זיין מוטער איז זייער אַן ערלעכע פרוי, — מישט זיך אַריין טייבל.

עס דויערט לאַנג ביז זי שטאַמלט עס אַרויס, און ווי עס צו פאַרדעקן, טוט זי פלינק אַ נעם אַן עפּל פון דער וואַזע און דערלאַנגט אים מיר:

— עס.

ביי דעם איינציקן וואָרט פאַראיקעט זי זיך ניט. איסאַק דער אַפּטייקער וויל אויך, וויזט אויס, פאַרריכטן די מערכה, רופט ער זיך אָפּ:

— אַזאַ איינער, ווען ער וועט אויפוואַקסן, דאַרף פאַרן קיין פּאַלעסטינע. מיר דאַרפן דאָרט אַזעלכע, זיי זאָלן טריקענען די זומפּן.

מער באַוויליגט ער ניט אויף מיר אַ קוק צו טאָן. ווען איך גיי אַרויס פון זאַל, טרייסט מיך מיין פּלימעניק אַראָנטשיק:

— דו הער ניט מיין אָנקל. זאָל ער אַליין פאָרן טריקענען זומפּן. איך האָב אים פיינט. עס הערט זיך פון אים רפואות און ער עקזאַמינירט מיך שטענדיק. פּאַפּאַ האָט אים אויך פיינט.

— דו ווייסט, — זאָג איך צו מיין פּלימעניק, — איך האָב געזען אַ שטוב מיט זייער אַ סך פייגל אין שטייגן.

— מען דאַרף אַלע פייגל אַרויסלאָזן אין דרויסן, — ענטפערט ער.

— און וואָס וואָלסטו געטאָן מיט די שלאַנגען? — פרעג איך אים, — איך האָב דאָרט געזען אין אַ גלעזערנעם קאַסטן שלאַנגען, אַזעלכע לאַנגע פאַרדרייטע, ווי דיין אָנקל איסאַקס וואָנצעס.

— שלאַנגען דאַרף מען צעקוועטשן, — ענטפערט אַראָנטשיק האַרט און זיכער.

— דו ווייסט, — באַרים איך זיך פאַר מיין פּלימעניק, — די מאַמע וויל מיך אָפּגעבן פאַר אַ זינגער אין כאָר־שול. דאָרט טראָגט מען ציליג־

דערס און ביי דער טיר שטייט אַ גויאישער שווייצאַר אין אַ לאַנגן ראָק מיט זילבערנע קנעפּ. ס׳איז נאָר מאָדנע וואָס ווען מיר גייען פאַרביי, איז דאָרט צוגעמאַכט. ווען דאַוונען זיי?

— מען דאַרף ניט דאַוונען, — זאָגט אַראָנטשיק, — קום צום זיידן. ביי אים וואַקסט האָר אויף דער נאָז און איך רייס זיי אויס.

דער טאַטע קען שוין אַרונטערקריכן פון בעט, זיצט ער אויף אַ שטול און פרעגט אויס מיין מאַמען ווי איר איז געגאַנגען דורך דער וואָך. ווען איך און אַראָנטשיק קומען אַריין אין זיין צימער, נעמט ער אונדז ביידן אויף אַ פאַרהער:

— איך האָב אַריינגעשטעלט אַ גלאָז מילך צווישן די טאָפּל־פענצטער פון דער קיך. ווער פון אייך האָט אַראָפּגענומען די סמעטענע פון דער זויער־מילך?

— איך, — ענטפערט אראָנטשיק מיט העזה, — אויב דו ווילסט, קענסטו עס דערציילן מאַמאַ.

מיין מאַמע רופט מיך צו און רעדט צו מיר שטיל, מען זאָל ניט הערן אין די זייטיקע צימערן:

— ווייַ איז צו מיר! מיט אַזאַ אויסזען און מיט אַזאַ הילוך ביסטו אַריין אין זאַל? איך דאַרף זיך דאָך באַגראָבן אַ לעבעדיקע פון חרפּה.

אין חדר קומט אַריין טייבל איבערבעטן דעם טאַטנס געלעגער און איבערלייגן די באַנדאַזשן אויף זיינע קראַנקע פיס. זי אַרבעט פלינק און געשיקט ווי אַן אמתער דאָקטאָר. די מאַמע שטייט אָן אַ זייט אַ פאַר־חידושטע, אַ פאַרלוירענע, אַ צערודערטע פון דעם טאַטנס קרעכצן, און זי פאַרגעסט אַפילו אָנצוואווינטשן אַל־דאָס־גוטס „אונדזער שנור״.

נאָכדעם הייבט זיך אָן אַ דינגעניש. טייבל וויל אַז די מאַמע זאָל אַריינגיין אין זאַל, מאַיסיי וויל זי זען, אָבער ער קען ניט איבערלאָזן אַליין איסאַקן. דערהערט ווער עס איז דער גאַסט, וויל די מאַמע בשום אופן ניט אַריינגיין. עס קומט איר אויס, אַז דער אַפּטייקער קרימט זיך שטענדיק ווען ער דערזעט זי, ווי אים וואָלט ניט אָנגעשטאַנען די אָרעמע משפּחה. זי ווייס אויך ניט ווי צו ריידן מיט מיין ברודער. איר מאַנס קינדער, וואָס זיינען אין אַמעריקע, האָט זי געהאַדעוועט, נאָר מאַיסיי, דער עלטערער, האָט געלערנט אין דער פרעמד, איז איר שווער אים צו זאָגן „דו״, און ער פרעגט זי שטענדיק מיט אַ שמייכל: „פאַרוואָס אירצט איר מיך?״ די דינגעניש מיט טייבלען האַלט אָן לאַנג, ביז דער טאַטע הייסט דער מאַמען זי זאָל גייך, אויב ניט אין זאַל, איז אין עס־צימער. דעם טאַטנס חשבון איז,־אַז איך מיט דער מאַמען זאָלן דערוויל אָפּעסן.

פאַרנאַכטלעך ווען מיר גייען אַהיים, טראָג איך אַ פּעקל עסנוואַרג וואָס

טייבל האָט מיר אַריינגעשטופּט. די מאַמע, וואָס איז אין עס־צימער געזעסן ווי אַ פרעמד אָרעם־מענטש, קומט צו זיך פון איר פאַרלוירנקייט ערשט אינדרויסן און זי צערעדט זיך:

— איכל דיר זאָגן דעם אמת, מיין לייבלעכע שוועסטער, זאָל זיך איר גרינג שלוקעכצן, האָט פאַר מיר ניט געטאָן קיין העלפט וואָס טייבל טוט. טייבל איז אַ ביסל אַ געשטראָפטע, איר קומט אָן, נעבעך, שווער אַרויסצוריידן אַ וואָרט, און איך שטעל זיך פאָר וויפיל זי האָט עס מיידל־ווייז אָפּגעווייינט אויף איר פעלער. דערפאַר פאַרשטייט זי און פילט־מיט אַ צווייטן. זי האָט אַ גרויסן זכות אין הימל, אַז דער אייבערשטער האָט איר באַשערט אַזאַ מאַן ווי מאָיסיי און זי געבענטשט מיט אַ קינד, מיט אַראָנטשיקן. איכל דיר זאָגן דעם אמת, אַראָנטשיק איז דאָך נאָך מער שטיפער ווי דו. מיט וואָס פאַר אַ העזה ער ענטפערט עס אַלעמען. נאָר דו דאַרפסט אויף אים זיך ניט פאַרקוקן, דיין וועג דאַרף זיין אַן אַנדערער.

**איינמאָל** אין אַ מיטן מיטוואָך, איז די מאַמע אַריינגעלאָפן אין שטוב, מיך אַ נעם געטאָן ביי דער האַנט און אַרויסגעיאָמערט:

— קום צום טאַטן, גיך.

די גאַסן וואָס האָבן יעדן שבת, ווען איך בין געגאַנגען צום טאַטן, אויסגעזען ליידיקלעך, ברייט און אויסגעפּוצט, זיינען איצט אינמיטן וואָך געווען געדיכט מיט מענטשן, פול מיט וועגענער און געליאַרעם. ביי דער מאַמען האָבן זיך געפּלאָנטערט די פיס און זי האָט כסדר געמורמלט:

— רבונו של עולם, ווי וועט ער עס אויסהאַלטן? ווי וועט ער עס אַריבערטראָגן? זיין שטיצע אויף דער עלטער האָסטו צוגענומען... חיימקע, דו וועסט איצט דאַרפן פאַרבייטן ביי דיין טאַטן אויך דיין עלטערן ברודער. מאָיסיי איז געשטאָרבן... ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בערלין אַזאַ מונטערער, ער האָט נאָך באַרואיקט טייבלען און דעם טאַטן: אַ קליינע אָפּעראַציע, האָט ער געזאָגט, וואַסער אין אַ זייט... און איז געשטאָרבן אונטערן מעסער.

די מאַמע האָט איבערן גאַנצן וועג געבראָכן מיט די הענט און זיך געריסן פאָרויס. איך בין איר נאָכגעלאָפן אָן אָטעם און זיך געשראָקן פאַר דער מינוט ווען מיר וועלן אַריינגיין אין שטוב.

געפונען האָבן מיר אַ ליידיקע דירה. אין די טונקעלע חדרים האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, די שטאָרן אויף די פענצטער זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט, די טישטעכער פון די טישן — אַראָפּגעצויגן, און די שפּיג־לען פאַרהאָנגען מיט ווייסע ליילעכער. מיר זיינען אַריינגעלאָפן צום טאַטן

אין צימער. ער איז געזעסן אויפן בעט, די באַנדאַזשירטע פיס אויפן דיל, און געקרעכצט:

— נפלה עטרת ראשנו אוי־נא לנו כי חטאנו.

די מאַמע האָט מיך צוגעשטופט צום טאַטן, ווי זי וואָלט אים גע־וואָלט טרייסטן מיט דעם וואָס איך לעב. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי אַ בלינדער נעמט אָן אַ שטעקן, זיין מילך־ווייסע באָרד האָט געציטערט און ער האָט איבערגעחזרט:

— וועלע, עס איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ. ווי צו אונדז, איך האָב געזינדיקט.

מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז טייבלס ברודער, דער אַפּטייקער, איז געקומען און אַוועקגענומען זיין שוועסטער מיט אַראָנטשיקן צו זיך אין שטוב. די מאַמע און איך זיינען געבליבן אין די פאַרלאָזענע שטיבער ביז איבער די שבעה־טעג. נאָך שבעה איז צוערשט געקומען דער אַפּ־טייקער און דערציילט פון זיין פּלאַן, אַז טייבל זאָל די צימערן פאַרדינגען סטודענטן. זי וועט קאָכן פאַר די שכנים און האָבן צושטייער אויף חיונה. ער פון זיין זייט וועט אויך אונטערהעלפן זיין שוועסטער, אָבער אויף אויסהאַלטן איר געוועזענעם שווער וועט איר מער ניט קלעקן.

נאָך שבעה, ווען טייבל מיט אַראָנטשיקן זיינען צוריקגעקומען אַהיים, האָב איך מיט דער מאַמען אַריינגעזעצט דעם טאַטן אין אַ וואָגן און ער איז צוריקגעפאָרן צו אונדז אין שטוב.

אויפן וועג האָט די מאַמע אַנטפּלעקט פאַר דעם טאַטן דעם סוד, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט פון אים פאַרשוויגן. דער באַלעבאָס האָט אונדז די דירה פאַרדונגען בתנאי דער טאַטע זאָל זיין אַ וועכטער, ער זאָל ביינאַכט אַרויסגיין אויף דער וואַרטע אָפּהיטן די קראָמען. זינט דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן, האָט עס געטאָן די מאַמע. אָבער די קרעמער ווילן ניט אַ יידענע פאַר אַ וועכטערקע, און אַזוי ווי קיין דירה־געלט צאָלן מיר ניט, האָט דער באַלעבאָס אַריינגעזעצט אין אונדזער דירה אַ שמיד. דער שמיד פאַרנעמט ניט מער ווי די פאָדערשטע שטוב. אונדז איז געבליבן דאָס הינטערשטע חדרל און די קיך.

דער טאַטע האָט זיך צוריקגעקערט מיט אונדז אין דער קוזניע, אין הינטערשטן חדר, וואָס האָט ניט קיין פענצטער. ער איז געלעגן אַ קראַנקער אין דער פינצטערניש און זיך געשטיקט מיטן רויך פון בלאָז־זאַק, מיטן אייזן־זשאַווער. דער גוף איז אים געשוואָלן געוואָרן און פון די פענכערס אויף זיינע פיס איז גערונען וואַסער. ער האָט גאָרניט געגעסן און אינגאַנצן אויפגעהערט צו ריידן. נאָר פאַרן טויט, ס׳איז געווען דאָנערשטיק, האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ זאָג געטאָן צו דער מאַמען:

— דו זאָלסט מיך ברענגען צו דער קבורה מאָרגן, פרייטיק, דו זאָלסט רו האָבן דעם שבתדיקן טאָג.

די מאַמע פלעגט שטענדיק דערמאָנען דעם טאַטנס לעצטע ווערטער און צוגעבן מיט אַ קרעכץ:

— זיין ברכה איז ניט מקוים געוואָרן. איך האָב ניט קיין רו אַפילו אום שבת.

# אַראָנטשיק

## I

די מאַמע הוידעט אויף די הענט אַ בלאַס יינגעלע מיט פולע בעקלעך און גרויסע שוואַרצע אויגן. דער מאַמעס פּנים איז פאַרגאָסן מיט אַ פאַרטרערטער ליכטיקייט. אירע ליפּן ציען זיך, ציען זיך צום קינדס פנימל, נאָר זי פאַרגינט זיך ניט עס אַ קוש צו טאָן. זי לאָזט מיך איבער פאַר אַ שומר ביי אירע קאָשיקעס אין טויער, און טראָגט דאָס יינגעלע ווייזן די שכנים אויפן הויף.

אַלטערקע דער געגנדזלער איז אַוועק מאַכן אַ שנעפּסל מיט גוטע ברידער, און ליזע, זיין ווייב, זיצט אַ פאַרגולמטע ביים בלעכענעם טיש. זי שילט אין האַרצן איר מאַן, וואָס האָט שפּילקעס אין לייב און קען ניט איינזיצן אַ רגע. צווישן די אַרומגעפּליקטע צוגעפּרוירענע עופות ליגט דער שוואַרצער קאָטער. די קאַנטיקע אָפּגעגעסענע מאָרדע האַלט ער באַגראָבן צווישן די אויסגעשטרעקטע לאַפּקעס, און אין איינעם מיט זיין באַלעבאָסטע כאַפּט ער אַ דרימל. ליזע טשוכעט זיך, זי מיינט אַ מאַדאַם איז צוגעקומען — און דערזעט מיך מאַמען מיט אַ קינד אויף די הענט:

— אונדזער אוראייניקל, אונדזער אוצר, — קוועלט די מאַמע פון פרייד.

פון דערשטוינונג ווערט ליזעס פאַרקילט פּנים ברייט צעגאָסן און אויך דער קאָטער הייבט אויף פאַרוואונדערט זיין קאַנטיקע מאָרדע:

— אויף וויפיל איך וויס, — געגנעצט ליזע, — קענט איר נאָך נישט האָבן קיין אוראייניקל. וויפיל זייט איר דען, פינף און זעכציק, אָדער די גאַנצע זיבעציק?

— אַן ערך אין די יאָרן, — ענטפערט די מאַמע.

אין דער אמתן איז די מאַמע ניט מער ווי פינף און פופציק. נאָר ווייל זי זעט אויס אַ סך עלטער, וויל זי ניט מען זאָל אויף איר לייגן דעם רחמנות און איז צופרידן ווען מען שאַצט זי מער.

ליזע איז אויסגעקאָכט אין די שניר און אייניקלעך פון אירע מאַדאַ־מען, אָבער איר פּאַסט ניט צו וויסן קיין פּרטים אין די משפּחה־ענינים פון אירע הויף־שכנות, די אָרעמע וויבער. דעריבער פּרעגט זי מיט אַ גנעדיגן שמייכל:

— אויב איר זייט אַפילו די גאַנצע זיבעציק, קענט איר נאָך אַלץ ניט האָבן קיין אוראייניקל און אויך ניט קיין אייניקל. אויף וויפיל איך ווייס, איז אייער זון נאָך אַ בחור.

די פראַגע איז גאָר קיין פראַגע ניט, וואָרום די מאַמע זאָגט דאָך ניט „מיין אוראייניקל”, נאָר „אונדזער אוראייניקל”, זי מיינט, איר מאַנס אוראייניקל. וויבאַלד אָבער ליזע איז אַזוי פאַראינטערעסירט, דערציילט איר די מאַמע, אַז דאָס יינגעלע, משהלע, איז דער זון פון אַראָנטשיקן. אַראָנטשיק איז דער זון פון מאָיסייען, און מאָיסיי איז דער זון פון איר מאַן, עליו השלום, און מיינער אַן אמתער ברודער, ווייל די קינדער רעכענען זיך נאָכן טאַטן.

ליזעס אַרויסגעזעצטע אויגאַנעס ווערן קלענער, און אויך דער קאָטער לאָזט אַראָפּ זיין קאַנטיקע מאָרדע צווישן די לאַפּקעס. ביידע ווילן זיי שלאָפן. דער מאַמעס חשבון איז אַ צו לאַנגער, אַ צו פאַרוויקלטער, און וואָס פאַר אַ יחוס קען זיין ביי אָרעמע־לייט? נאָר ווען ליזע, וואָס רעדט מיט אירע מאַדאַמען הוילע רוסיש, דערהערט דעם נאָמען מאָיסיי, שטאַרקט זי זיך אויף איר דרימל:

— וואָס טוט אייער מאַנס זון, אָט דער מאָיסיי?

דער מאַמעס פּנים ווערט מיט איינמאָל פאַרוואָלקנט און פאַראָבלט. זי ענטפערט מיט אַ געבראָכן קול:

— מאָיסיי טוט שוין גאָרניט. ער איז געשטאָרבן נאָך ביי מיין מאַנס לעבן. איצט זיינען זיי שוין ביידע אין גן־עדן. ווי צום טאַטן, וואָס דאַרף זאָגן קדיש נאָך זיין זון.

די מאַמע קומט צוריק מיט משהלען. אירע לענגלעך־גרינע אויגן איבער די הויכע קינבאַקן זיינען איצט צוויי אויפגעשטראַלטע זונען. זי קלייבט אויס פון די קאָשיקעס דאָס שענסטע עפּעלע און שטעקט עס משהלען אַריין אין איין הענטל, אין צווייטן הענטל לייגט זי אַריין אַ גרויסע זילבערנע מטבע, און אין די קעשענעס פון זיין געשטריקט יאַקעלע שטופּט זי אַן אַזוי פיל פּירות, וויפיל דאָרט קען אַריין. זי האָצקעט אים און טאַנצט מיט אים:

— משהלע, מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינדעלעך, דיינע בעקעלעך זאָלן זיך אַזוי רויטלען, ווי דאָס עפּעלע. אַ דאַנק דיר רבונו של עולם פאַר דעם נחת וואָס איך האָב דערלעבט.

צום טויער קומט צו יודעס, אַראָנטשיקס ווייבל. זי קומט אָפּנעמען

משהלען, וואָס זי האָט אָנגעטרויט מיך מאַמען. יודעס איז אַ יונג ווייבל מיט קורץ־געשוירענע האָר, און שיך טראָגט זי אויף נידעריקע אָפּצאָסן. זי רעדט צו איטלעכן אָן צערעמאָניעס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאַרטיי־חברטע.

— איך האָב זיך געוואונדערט, — זאָגט זי אויפגערעגט, — פאַרוואָס עפּעס בעט מיך אַראָנטשיקס אָנקל איך זאָל קומען אין אַפּטייק מיטאָג־צייט ווען אַראָנטשיק איז ניטאָ? לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט מיך גערופן זאָגן, אַז אויב אַראָנטשיק וועט ווייטער זיין אָנפירער ביי די אָנגעשטעלטע, וועט ער, דער ליבהאַרציקער אָנקל, אים אָפּזאָגן פון דער שטעלע. האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב ניט קיין מורא פאַר זיינע סטראַשונקעס. אַראָנטשיק האָט ביי אים ניט געפרעגט, צי ער זאָל מיט מיר חתונה האָבן, און אַראָנטשיק וועט ביי אים ניט פרעגן, צי ער זאָל זיין אַ טוער אין פאַראיין. ער ציטערט, דער בורזשוי, פאַר אַ סטרייק. טייבל, מיין שוויגער, איז אויך אויף מיר אין כעס, ווייל זי האַלט מיט איר ברודער, דעם אַפּטייקער. און איר, וועלע, גיט נאָך געדעכט מיין שוויגער.

— יודעסל, — זאָגט די מאַמע, — אייער שוויגער מיינט דאָך אייער טובה. טייבל איז געבליבן אַ יונגע אלמנה און האָט ניט חתונה געהאַט צוליב אַראָנטשיקן, וויל זי, איר זאָלט אַראָנטשיקן אָפּהאַלטן ער זאָל ניט קריכן אין פייער. דער אָנקל קען אים נאָך טאַקע אָפּזאָגן פון דער שטעלע.

— אָפּהאַלטן? — שרייט יודעס, — איך וויל אים ניט אָפּהאַלטן! אַראָנטשיק זאָגט, אַז ער האָט נאָך יינגלוויז פיינט געהאַט אָט דעם אָנקל זיינעם. מיין שוויגער דאַרף אויך פיינט האָבן איר ברודער. וואָס האָט ער געטאָן פאַר איר, אַ קעכין פאַר שכנים האָט ער זי געלאָזט זיין.

די מאַמע דערלאַנגט יודעסן איר יינגעלע, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סגולה יענע זאָל זיך באַרואיקן און אַזוי הויך ניט שרייען:

— הערט איר, יודעסל, — צעשיינט זיך די מאַמע פון גליק, — האָט איר אַ יינגעלע! מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינדעלעך. קלוג איז עס ווי די וועלט. פינגערלעך האָט עס קלעפּיקע, זיסינקע. אוי, משהלע, משהלע, נחת מיינער!

ווען יודעס גייט אַוועק מיטן קינד, פאַרשווינדט דער מאַמעס גאַנצע פרייד און זי זאָגט צו מיר אַ פאַרצאָגטע:

— זעסטו, מיין זון, וואָס עס קומט אַרויס ווען מען האָדעוועט זיך אַן אַ טאַטן? דו ביסט געוואָרן אַ שרייבער און אַראָנטשיק אַ גאַנצער מאַכער ביי די אַרבעטער. דו ביסט דאָך אַ קאָפּ־מענטש, וואָלסטו מיט אים באַדאַרפט איבעררעדן. דערצייל אים וואָס פאַר אַ זיידן ער האָט געהאַט,

וואָס פאַר אַ טאַטן. מאַיסיי איז דאָך גאָר געווען אַ ציוניסט. ווען די ענגלענדער האָבן צוגעזאָגט ארץ ישראל פאַר יידן, איז ביי יידן געווען ששון ושמחה און איך בין מיט אַלע שכנות פון אונדזער הויף מיט־געגאַנגען אין קריינגעלס זאַל. זיץ איך אין דער הייך מיט אַלע ווייבער, ערשט איך טו אַ קוק: אויף דער סצענע זיצט מאַיסיי אינאיינעם מיט די שענסטע לייט פון שטאָט. אָנגעטאָן איז ער אין אַ פראַק, מיט אַ בלום אין דער קלאַפּע, און זיין שיינקייט פאַרלייכט דעם זאַל. נאָר איך זאָג ניט קיינעם, אַז ער איז אונדזער זון. רופט זיך אָפּ אַ יידענע: זעט ווי שיין ער איז. פאַרגעס איך און עס כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס: גיט אים ניט קיין עין הרע... איז טאַקע ניט צו פאַרדענקען טייבלען מיט איר ברו־דער, וואָס די זיינען אומצופרידן הלמאי אַראַנטשיק מישט זיך מיט די פּאַרטייצעס.

ביסלעכווייז ווערט דער מאַמעס פאַרצאָגט פּנים צוריק אויסגעלייטערט, ווי דאָס אוראייניקל משהלע וואָלט געווען די זון, וואָס לאָזט איבער אירע שטראַלן אויף נאָכדעם ווי זי פאַרשווינדט.

— הערסטו מיין זון, — צעשמייכלט זי זיך, — ס'איז שוין צייט אַז דו זאָלסט אויך נאָכטאָן דיין פלימעניק. איי, וועל איך עס אַרומטראָגן דיין זונעלע! איי, וועל איך עס טאַנצן אין די גאַסן!... וואָס לאַכסטו?

## II

— אָנאָ, איך בעט דיך, גאָט יתברך, שיק מיין דערנערונג, און דו זאָלסט שפייזן מיך און מיין הויזגעזינט און כל ישראל מיט כבוד און נחת רוח און ניט מיט צער, מיט כבוד און ניט מיט בזיון. און באַשירעם מיך פון דערשרעקענישן און פורעניותן, און דו זאָלסט מיך מציל זיין פון בלבולים און אַלע בייזע באַגעגענישן. אָנאָ, איך בעט דיך, דו זאָלסט באַגליקן מיין מזל דאָס יאָר און אַלע ראש חודש און אַלע וואָך לטובה ולברכה והצלחה. און גיב מיר חן וחסד אין דיינע אויגן און אין לייטנס אויגן, דאָס קיינער זאָל פון מיר ניט האָבן צו ריידן. אַצינד הייב איך אויף מיינע אויגן צום הימל און גאָר מיין צעבראָכן האַרץ טו איך דיר זאָגן, ווי דוד המלך עליו השלום האָט געשריבן, אַ צעבראָכן האַרץ און אַ פאַרשטויסן האַרץ זאָלסטו ניט פאַרשעמען, אמן, כן יהי רצון.

די תחינה זאָגט די מאַמע יעדן שבת ערב ראש חודש. איך קען דעם נוסח, איך קען דעם זינגעוודיק־וויינענדיקן ניגון. פון דער פאַדערשטער שטוב, וואו זי שטייט ביים וואַרשטאַט און בענטשט ראש חודש כסלו,

פאַלן אַריין קאַלטע ליכט־שטראַלן אין דעם פינצטערן הינטערשטן קוזניע־קעמערל וואו איך שלאָף. דער שלאָף קוועלט פון מיינע יונגע גלידער, ווי דער שווייסיקער פעך פון אַ בוים וואָס גליט אין דער זון. איך הער ווי די מאַמע זאָגט איר תחינה, און מיט פאַרקלעפּטע אויגן פיל איך, אַז איך שמייכל, ווי איך וואָלט געדרעמלט ערגעץ אויף אַ זומערדיק פעלד און געהערט דאָס געזשום פון אַ מחנה גאָלדענע בינען.

דאָס געזשום פון דער מחנה גאָלדענע בינען קומט נעענטער, נעענטער, גייט איבער אין אַ שטעכיק בייז געמורמל — און אַ פּאַס ליכט שניידט זיך אַריין אין מיינע אויגן. איך רייס אויף די שוואַרצאַפּלען און דערזע צוויי מענערישע פיגורן. איך דערהער אַ רויע שטים אויף פּויליש:

— אויפשטיין!

די קעלט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון ווינטערדיקן דרויסן, טשוכעט מיך אויס. הינטער די צוויי אומבאַקאַנטע דערזע איך מיין מאַמען אַ פאַרשטומטע פון שרעק.

— אַנטשולדיקט, מיר זיינען פון דער דעפענסיווע, — זאָגט איינער זיס און העפלעך, — איך באַדויער וואָס איך האָב אייך געמוזט אויפוועקן.

— מיר האָבן אַ באַפעל דאָ צו מאַכן אַ רעוויזיע, — ברומט אַרויס דער צווייטער מיט דער רויער שטים, — דאָ איז פינצטער, פּשאַ קרעוו, ווי אין אַ קאַרצער. צינדט אָן פייער.

— היינט איז ביי אונדז שבת, מיר טאָרן ניט אָנצינדן קיין פייער, — זאָגט די מאַמע הכנעהדיק־שטיל.

— מיר וועלן מוזן אַריינציען עלעקטרע אויסצוראַמען די קראַמאָלע, — שפּאַסט דער ערשטער, — וואו איז דאָ אַ לעמפּל?

ער צינדט אָן דאָס לעמפּל, וואָס שטייט אויפן טיש. דער נאַפט האָט דורך דעם פּרייטיק־צו־נאַכט אויסגעברענט און דער קנויט רייכערט. די געהיים־אַגענטן קוקן זיך אַרום אין דער ענגער טונקלעניש מיט חשד און אומווילן. זיי לייכטן מיט זייערע עלעקטרישע קעשענע־לאָמפּן. דאָס חושכניש ווערט איבערגעקרייצט מיט צוויי ליכט־פּאַסן ווי מיט אַ גאָלדענעם צלם.

דער ערשטער אַגענט שלעפּט אַרויס פון מיין טאַטנס אַלמער אַ פּאָר פאַרשטויבטע ספרים, דרייט זיי איבער מיט די קעפּ אַראָפּ און פרעגט ביי מיר:

— וואָס זיינען עס פאַר אַ ביכער?

— דאָס זיינען ביכער געשריבן אויף העברעאיש.

— פּאָ העברייסקו קען איך ניט לייענען, — זאָגט ער, — איך קען לייענען פּאָ זשידאָווסקו, טאַטעלעך, מאַמעלעך...

ער בלעטערט די ספרים זייער פאַראינטערעסירט, כלומרשט, און אומגעריכט גיט ער תמעוואַטע אַ פרעג:

— און וואו האַלט איר די געהיימע צירקולאַרן פון דער פּאַרטיי?
— איך געהער ניט צו קיין פּאַרטיי.
— איך האָב געפּאַקט! — שלעפּט אַרויס דער צווייטער פון טיש־קעסטל אַ פּעקל בריוו און עטלעכע פאַרשריבענע העפטן, — וואָס איז עס?
— בריוו און לידער. איך בין אַ שרייבער.
— דאָס ווייסן מיר, — זאָגט שפּיציק און גיפטיק דער ערשטער, — איר זייט פון די שרייבער, וואָס העצן קעגן פּאַנסטוואָ פּאָלסקי. אַדאַם מיצקעוויטש איז געווען דער גרעסטער פּאָעט אין דער וועלט און ער האָט געשריבן: ליטוואָ! אויטשיזנאָ מאָיאָ! און איר ווילט אָפּגעבן אונדזער פאָטערלאַנד צו די באָלשעוויקעס. מיר וועלן אין אייערע בריוו זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעפענסיווע. קומט אַריבער אין יענער שטוב, דאָרט איז ליכטיקער, מיר וועלן אויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל. יאַן, — ווענדט ער זיך צום צווייטן, — גיב נאָר גוט אַ זוך. איך בין זיכער אַז דו וועסט ביים פאַן שרייבער געפינען פּראָקלאַמאַציעס, אַ רויטע פאַן און אַ רעוואָלווער.
איך ווייס, אַז דאָס איז דער אופן ווי געהיים־אַגענטן ריידן, כדי צו צעטומלען. איך טו אַ טראַכט, אַז זיי נעמען מיך ניט ערנסט. זיי זיינען געקומען ניט אינמיטן נאַכט, נאָר אינדערפרי, און זוכן אויבנאויפיק, ווינצלען זיך.
אין וואַרשטאַט, ביים שיין פון שנייאיקן כסלו־טאָג, באַטראַכט איך דעם אַגענט, וואָס איז אַרויס מיט מיר אויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל. ער איז אַ קליינער מיט גרויע אייגעלעך, געשאָרן קורץ און שטעכיק ווי אַ יאָזש. אָנגעטאָן איז ער נעט און ריין. ער ווישט לאַנג און מיט ערגערניש זיינע הענט וואָס ער האָט איינגעשטויבט ביי די ספרים, באַטראַכט פאַרזיכטיק דאָס בענקל צי עס איז ציכטיק און זעצט זיך אַוועק שרייבן.
עס קומט אַריין דער צווייטער אַגענט און הינטער אים די מאַמע. דער אַגענט איז הויך געוואקסן און זיין ברייט פּנים איז גלאַנציק. ער האָט אַ פּאָר דיקע אָפּגעשטאַנענע ליפּן, ווי צוויי ברעטער, גרויסע ציין און געדיכטע גזלנישע בלאָנדע ברעמען. ער באַקוקט דאָס געצייג פון וואַרשטאַט, נעמט אין זיינע אייזערנע הענט אַ פּודיקן האַמער און לאָזט אים אַרונטער מיט דער גאַנצער קראַפט אויף דער קאָוואַדלע, וואָס שטייט אויף אַ קלאָץ אינמיטן שטוב. די קאָוואַדלע ענטפערט אָפּ מיט אַזאַ קלינגעריי, אַז עס נעמען ציטערן די שויבן. דער יאָזש, וואָס איז פאַרטאָן אין שרייבן, שפּרינגט אויף. זיינע אייגעלעך נעמען אַרומלויפן איבער דער שטוב, ווי דאָ וואָלט אויפגעריסן אַ פאַרבאָרגענע באָמבע. ער דערזעט זיין קאָלעגע מיטן האַמער און צעשרייט זיך:
— יאַן, הער אויף.
יאַן צעלאַכט זיך. ער הייבט אויף אַ גרויסע צוואַנג, שטעלט זיך

אוועק מיר אנטקעגן, צעשפרייט די פיס און עפנט די צוואנג פאמעלעך, פאמעלעך, דערנאך גיט ער האסטיק א צי צונויף די העגטלעך. די שארפע קלאמערס שליסן זיך צוזאמען ווי דאס גרויזאמע מויל פון א חיה רעה. ער נעמט א שטאלענע זעג און מיט א קרומען שמייכל באטראכט ער אירע געדיכטע קליינע ציין. לסוף שרויפט ער פאנאנדער דעם שרויפשטאק און פארשרויפט אים צוריק אזוי שטארק, אז זיין פנים ווערט בלוי פון אנשטרענגונג.

איך קוק אויפן אגענט און דערפיל א וויטיק אין האלדז, אין די פינגער, ווי ער וואלט איינגעקלעמט מיינע אברים אין צוואנג, אין שרויפשטאק. מיר דאכט זיך, אז די גאנצע סצענע ווייזט דער אגענט פאר מיר, איך זאל זען וואס ער קען. אונדזער וואַרשטאַט זעט מיר אויס אן אינקוויזיציע־קאמער, איך בין דער פארמשפטער און ער איז דער תליון. ער דרייט זיך אויס צו מיר און זאגט מיט א גנבהשן וואונק:

— מיט אזעלכע פיילן און זעגן קען מען זיך איינברעכן אין דער שטארקסטער קאסע.

— יאן, — רופט זיך אפ דער יאזש, — האסט ניט געפונען קיין פראקלאמאציעס, א רויטע פאן און א רעוואלווער?

— דער שרייבער האט עס גוט פארשטעקט, — ענטפערט יענער.

— פארטיק, — זאגט צו מיר דער יאזש, — שרייבט אונטער.

איך טו א קוק אויף דעם באשריבענעם בויגן און נעם די פעדער.

— שרייב ניט אום שבת! — כאפט מיך די מאמע ביי דער האנט. איר פנים איז הארט און אנגעשפאנט. אירע קאנטיקע קינבאקן קריכן ארויס נאך בייניקער.

איך דערקלער דעם אגענט, אז די מאמע לאזט מיך ניט אונטערשרייבן אום שבת.

— וואס נאך? — צעלאכט זיך דער יאזש, — איר העצט די ארבעטער, רופט צו א בונט, דאך שרייבט איר ניט אין זשידאווסקין סובאטו. איר מוזט אונטערשרייבן. געזעץ איז געזעץ.

— מיר פארשטייען אייערע מאכינאציעס, — דונערט יאן דער תליון,

— איר ווילט שפעטער לייקענען אז די פאפירן זיינען אייערע.

די מאמע שטייט צווישן מיר און דעם תליון, ווי א שפערל וואס פארשטעלט מיט אירע פליגעלעך אירע אראפגעפאלענע ניט באפעדערטע עופעלעך קעגן א גרויסן בייזן קודלאטן הונט.

— מיין מאן איז געווען א ראבין און איך ווער מיין זון ניט לאזן אונטערשרייבן אום שבת.

זי דרייט זיך אויס צו מיר און רעדט מיט א טרוקענעם פייער:

— וואס מיינע אויגן זעען ניט — זעען זיי ניט, נאר איך זאל בעסער

בלינד ווערן, איידער איך זאָל דיך זען אונטערשרייבן אום שבת. היינט איז שבת ערב ראש חודש.

— וועל איך אים פאַרהאַלטן, — זאָגט דער יאָזש.

— אַרעסטירן! — ליאַרעמט דער תליון.

די מאַמע זעצט זיך אַראָפּ אויף אַ בענקל און נעמט וויינען:

— מיין זון העלפט מיר ביי די קאָשיקעס. גוטע מענטשן, לאָזט אים אָפּ, ער איז ביי מיר איינער.

דער יאָזש נעמט אייליק אַרומשמייען, ער וויל געווינען דער מאַמעס צוטרוי און ביי איר עפּעס אַרויסקריגן:

— אייער זון דאַרף ניט אונטערשרייבן, דאַרף ניט אונטערשרייבן. מיר געפעלט זייער וואָס איר זייט אַ גלייביקע. ווער עס גלייבט אין גאָט, דער איז ניט קיין בונטאָווּשטשיק. מיר אַרעסטירן ניט אייער זון, מיר פאַר־האַלטן אים בלויז. צו אים האָבן מיר גאָרניט, מיר ווילן אים בלויז אויס־פרעגן. זאָגט נאָר, וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג האָט אייער זון מיט דעם אַראָנטשיק? — גיט דער יאָזש ראַפּטום אַ פרעג ביי דער מאַמען.

די מאַמע קוקט אויף אים אַ פאַרגליווערטע. זיין לעצטע פראַגע דערשרעקט זי מער ווי מיין אַרעסט. זי הייבט זיך אויף פּאַמעלעך, ווי פאַרשטיינערט פון זיינע קליינינקע שפּיזיקע אייגעלעך, און פרעגט איבער:

— האַ? וואָס אַראָנטשיק?

— איר זייט אַ קלוגע באַבע, — שמייכלט כיטרע דער יאָזש, און פריילעך ווענדט ער זיך צו מיר, — איר זייט פאַרטיק?

— איך בין פאַרטיק. מיין מאַמען לאָזט צורו, זי פאַרשטייט אַפילו ניט וואָס איר רעדט צו איר.

— שווייגן! — טופּעט מיט די פיס דער תליון.

די מאַמע ציט אויס מיט תחנונים אירע הענט צו די צוויי שפּיקעס:

— אונדזער פלימעניק אַראָנטשיק איז פון זייער אַ פיין הויז. זיין טאַטע איז געשטאָרבן און זיין מוטער איז אַ געבילדעטע פרוי. ער האָט אַן אָנקל אַן אַפּטייקער.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, — שמייעט דער יאָזש, — דער אַראָנטשיק איז אַ באַוואוסטער בונטאָווּשטשיק, ער האָט אַרויסגערופן ביי זיין אָנקל אַ סטרייק, טאַקע ביי דעם אַפּטייקער. מיר וועלן אייער זון ניט שלאָגן, נאָר אויספרעגן. לאָמיר גיין!

— איך גיי אויך, — שרייט אויס די מאַמע און נעמט זוכן די פאַט־שיילע. נאָר אירע אויגן זיינען פאַרטונקלט און זי געפינט ניט איר טוך.

— בלייבן! — קאָמאַנדעוועט דער תליון.

— זון מיינער, — קלאַמערט זיך אָן מיר די מאַמע, — שרייב ניט אונטער אום שבת. וויפיל מאָל האָט מען מיר און מיין שותּפטע בלומעלען

געמאַכט פּראָטאָקאָלן פאַר שטיין אָך אַ פּאַטענט, פאַר אַרויסגיין פון טויער, זיינען מיר געגאַנגען אָפּזיצן און ניט באַצאָלט קיין געלט. האָב ניט קיין מורא. אַז דו וועסט נישט מחלל שבת זיין, וועט דיר גאָרניט געשען.

— ניט ריידן צווישן זיך, — שטופּט זי אָפּ דער תליון און איך גיי אַרויס פון שטוב אינאיינעם מיט די אַגענטן.

אין „צענטראַלקע״, די תּפיסה אויפן הויף פון דער דעפּענסיוווע, בין איך איבערגעשלאָפן בלויז איין נאַכט. אויף מאָרגן, נאָך אַ פאַרהער, האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט. איך האָב זיך געאיילט אַהיים אַ דערפרייטער, געוואָלט וואָס גיכער באַרואיקן די מאַמע.

ווען איך בין צוגעקומען צו אונדזער הויף, איז דער טויער געווען לידיק, די מאַמע איז ניט געשטאַנען מיט איר סחורה. איך האָב דורכגעיאָגט דעם הויף און אויפגעריסן די טיר פון אונדזער שטוב.

די מאַמע איז געזעסן אויף אַ בענקל און געוויגט אויף די הענט משהלען, אַראָנטשיקס ייִנגעלע, נאָר אירע אויגן זיינען געווען פאַרטרערט, ווי זי וואָלט גאָרניט געזען אַז זי האַלט אויף די הענט איר נחת, דאָס אוראייניקל. זי האָט זיך אַפילו ניט דערפרייט וואָס זי זעט מיך אַ באַפרייטן.

— מען האָט צוגענומען אַראָנטשיקן, — האָט זיך דער מאַמעס גאָמבע געטרייסלט פון קוים איינגעהאַלטענעם געוויין, — טייבל און יודעס האָבן איבערגעלאָזט אויף מיינע הענט משהלען און זיינען אַוועקגעלאָפן צו דער תּפיסה.

# ראַמיילעס־הויף

די מאַמע האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט: זי וועט זיך ניט מישן. ערשטנס, וואָס פאַרשטייט זי? זי איז ניט מער ווי אַן אַלטמאָדישע יידענע. היינטיקע צייטן זאָגן די אייער, אַז זיי זיינען קליגער פאַר די הינער. צווייטנס, וועט ער זי דען פאָלגן? וואָס דאַרף זי איר זון זאָל געשטרויכלט ווערן אין אַן עבירה און טאָן פונקט פאַרקערט ווי זי וועט אים הייסן. איז זאָל ער חתונה האָבן מיט וועמען ער וויל. עס זאָל נאָר זיין מיט מזל, גאָטעניו!

זעען זעט זי, אַז ס'איז ניט צו פאַרזינדיקן. אין די אָוונטן קומט ער, גאָט צו דאַנקען, שפּעט אַהיים. און ווען ער שטייט לעבן איר אין טויער, האַלט ער אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ דאָ צו איינער. וואָס גייט פאַרביי מיט אַ סעריאָזנעם פּנים, כאָטש נעם און מאָל זי אויף אַ בילד, און דאָ צו אַ צווייטער, וואָס שמייכלט צו אים גאָר פריינדלעך. ס'איז דאָך צו שטוינען: ווי לאַנג איז עס ווי ער איז געווען אַ קליין יינגל און אַ לערנערל? ווען האָט ער עס באַוויזן זיך צו באַקענען מיט אַזוי פיל פריילינס?

זי ווייס, אַז ס'איז וווּיט צום געלעכטער. היינטיקע קינדער שטייען אָפּ ביז האַלבער נאַכט אין די טויערן, מען פלאַפּלט, מען כיכיקעט, און צום סוף האָט מען חתונה: ער — מיט אַן אַנדערער, זי — מיט אַן אַנדערן.

איין מיידל, זעט זי, האָט זיך צו איר זון צוגעקלעפּט אויף אַן אמת, ביילקע די וועש־נייטאָרין. זי איז טאַקע אַ פיין מיידל, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, און אַז זי איז אַן אידל קינד קען זען אַפילו אַ בלינדער. נאָר עפּעס אַן אומעט ליגט אויף איר, דערצו שטאַמט זי פון גלובאָקע, וואָס ליגט סאַמע ביי דער גרענעץ פון די באָלשעוויקעס. קען מען שוין פאַרשטיין מיט וואָסערע געדאַנקען די דאָרטיקע מיידלעך טראָגן זיך אַרום.

די מאַמע ציטערט, אַז אָט די ביילקע זאָל אָקאָרשט ניט זיין פון די פאַרטייצעס ווי אַראָנטשיקס ווייבל, יודעס. ווען יודעס וואָלט מיידלוויז ניט אַרומגעלאָפן מיט אַ פאָן אויף דער גאַס, וואָלט זי נאָך דער חתונה איינגעהאַלטן אַראָנטשיקן, און ער וואָלט איצט ניט געזעסן אין תפיסה.

איז מער פעלט איר ניט, אַז אויך איר זון זאָל אַריינקריגן אַזאַ ווייב. נאָר אַריינוואַרפן אַ וואָרט, ווער רעדט נאָך שטעלן זיך צווישן זייביידן... חלילה!

ביילקע וואווינט אין ראַמיילעס הויף אויף אַ בוידעם־שטיבל. פון איר פענצטער צו דער אַנטקעגן־איבערדיקער וואַנט קען זי דערלאַנגען מיט דער האַנט, אַזוי שמאָל איז דער דורכגאַנג צווישן די מויערן. אַנטקעגן־איבער, אין פענצטער פון דבורה־אסתרס קלויז, זעט ביילקע אַן אַלטיטשקע אין אַ גרויסן פּאַרוק, וואָס וואַקסט אויף איר איינגעדאַרט קעפּל, ווי טרוקענער מאָך אויף אַ דאַך. זי האַלט אין איר האַנט איין אָפּגעבראָכענעם מעשענעם בריל און זאָגט, זאָגט פון אַ דיקן קרבן־מנחה־סידור. אין צווייטן פענצטער פון חברה־תּורה שטייט אַן אַלטיטשקער איינגעוויקלט אין אַ טלית. זיין פּנימל איז קליין און צעקנייטשט, נאָר אויפן שטערן טראָגט ער אַ גרויסן פּירקאַנטיקן של ראש מיט געשליפענע בתּים, וואָס פינקלען דורך דער שויב, און ער שעפּטשעט נאָכאַנאַנד מיט די פאַרוויאַנעטע ליפּן.

ווי פרי ביילקע זאָל ניט אויפשטיין, דערזעט זי גלייך דעם זקן מיט דער זקנה, דעם שמש מיט דער שמשטע, וואָס זיינען אַ גאַנצע וואָך די איינציקע דאַוונער אין זייערע פּוסטע קלייזלעך.

ביילקע רוקט אַרויס דעם קאָפּ און קוקט אַרונטער אין הויף. דער קרומער שפּיציקער ברוק איז גלאַנציק שוואַרץ און גליטשיק פון צע־טראָטענעם קויל. וויפל שניי עס זאָל ניט אָנפאַלן, וועט דער צעריבענער קויל אַרויסקריכן פון אונטערן שניי, אָט אַזוי ווי די גרינע שימל־פלעקן שלאָגן אַרויס אין די נאַסע קעלערן אויף די ווענט, וויפל מאָל מען זאָל זיי ניט אָפּקאַלכן. יידענעס איינגעדרייט אין פּאַטשיילעס זיצן צווישן זעק מיט קוילן און דאַרע בינטלעך האָלץ אַרומגעבונדן מיט שטרוי. די ווייבער בייגן זיך אָן איבער די פייער־טעפּ, בלאָזן מיט אַלע כוחות, נאָר אַנשטאָט דער זשאַר זאָל זיך צעגליען, פאַלט זיי אויף די פּנימער און פאַרשיט זייערע אויגן דאָס אויסגעקילטע אַש. אויף דער צווייטער זייט הויף זיצן יידן אין זייערע קרעמלעך צווישן שווערע פּודיקע בונטן פאַרראָסטע שלעסער, קייטן און זאַוויעסעס. די יידן, צונויפגעהויקערט, אַן אַרבל פאַר־רוקט אין אַן אַרבל, גליווערן מיט שטעכיקע קני און פּלייצעס צווישן דעם אייזן־ברוכוואַרג, ווי דער זשאַווער וואָלט שוין אויפגעגעסן זייערעביינער.

ביילקע טוט אַ קוק אַרויף און דערזעט אַ גרויען פּאַס הימל, ווי דאָרט וואָלט געהאָנגען אַ ניט אויסגעדרייטער ליילעך און אַראָפּגעקאַפּעט

מיט געלבלעכע זייף־מולינעס. פון אַזאַ הימל ווערט ביילקען נאָך טריבער אויפן האַרצן און זי פאַרקוקט זיך אויף די אַרומיקע הייזער.

זי מוז זיך וואונדערן: ווי אַזוי צעפאַלט זיך עס ניט אַט דער געפּלאָנטער פון טרעפּ, באַלקאָנען, סלופּעס און דעכער? זיי קריכן איינע איבער די אַנדערע, ווי אונטן וואָלט געווען אַ שרפה, זיי זעען אויס ווי קנוילן רויך, וואָס האָבן זיך אויף אַ רגע פאַרוואַנדלט אין בוידעם־שטיבלעך, און איך זי, ביילקען, אַרויפגעטראָגן הויך, הויך. באַלד וועלן זיך די קנוילן רויך צעגיין און זי וועט אַראָפּפאַלן אין אַן אָפּגרונט ווי אין אַ חלום.

אַן אייזערנער לייטער דראַפּעט זיך אויף אַ בלינדער וואַנט און קען ניט דערקלעטערן צום שמאָלן טירל ביים סאַמע דאַך. צו וועלכן שכן געהערט אָט דאָס געהיימע טירל? קלערט ביילקע. אפשר וואוינט דאָרט אַ פאַרוואַקסענער מענטש, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, און אפשר קומען דאָרט פאָר אין די נעכט זיצונגען פון „יאַטשייקעס”? דער טינק פון אַ מויער־ווינקל איז אָפּגעשפרונגען און די אָפּגעדעקטע רויטע ציגל זעען אויס ווי געפרוירענע שטיקער רויע פלייש. בלעכענע וואַסער־רערן וויקלען זיך איבער די ווענט, הענגען אַראָפּ, ווי שלאַנגען פון צוויגן מיט אויפגעריסענע מיילער. אַ קוימען האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן פאַר־שוואַרצטן האַלדז און קוקט מיט קנאה אויף די ווייטע צעפינקלטע גבירישע דעכער מיט די ווייס געקאַלכטע בייכיקע קוימענס. ביילקע קען ניט אָפּרייסן איר בליק פון אַ פאַרקראַטעוועט פענצטער, מיט אויסגעזעצטע שויבן, פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס. פאַרוואָס מוז זיין דאָס פענצטער פאַר־קראַטעוועט, קלערט זי, וואָס קען מען פון דאָרט אַרויסגנבענען, דעם דלות?

זי קוקט אַריבער די געוועלבטע געטאָ־טויערן און דערזעט אין די געדרייטע געסלעך אַ געווימל פון מענטשן. דאָרט שוויבלט און גריבלט מיט קרעמערלעך און הענדלער, וואָס לויפן אַרום ווי שוואַרצע טאַראַ־קאַנעס. ביילקע פאַרטראַכט זיך:

אַ שאָד וואָס איר פענצטער גייט ניט אַרויס אויף דער יאַטקעווער גאַס. פון דאָרט קען מען קוקן אויף די קרייץ־בערג ביי דער ווילענקע און אויפן שלאָס־באַרג. זומער־צייט זעט מען די גאַנצע געגנט איינגע־טונקט אין גרינס, און איצט, ווינטער־צייט, בלענדט פון דער ווייטן דער פרישער שניי. ביינאַכט זיינען די דריי קרייצן באַלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. אָבער דאָ, ביי איר פענצטער, שאָקלט זיך און קלאַפּט אין ווינט אַן אויסגעלאָשענער צעבראָכענער לאַמטערן און גאַנצע נעכט קען זי ניט אַנטשלאָפן ווערן.

ביילקע בייגט זיך אַריבער איבער דער ניי־מאַשין און דערמאָנט זיך

אָן איר שטעטל גלובאָקע. אין איר מאַמעס שטרויענעם שטיבל איז ענג, אירע שוועסטערלעך לויפן דאָרט אַרום באָרוועסע ביז אין טיפן האַרבסט, און עס קלעקט ניט פאַר אַלע קינדער ראָזעווע ברויט מיט קאַרטאָפל. אָבער דערפאַר איז די געגנט דאָרט פול מיט וועלדער, מיט טייכן, און דער הימל איבערן קאָפּ איז אַ הויכער.ביילקע כאַפּט זיך, אַז די צייט גייט איר אָוועק אין ניוועץ, די אַרבעט גייט ניט היינט. שפּאַרט זי אָן דעם קאָפּ אָן „פערדל" פון דער ניי־מאַשין און פאַרטרוימט זיך וועגן ראַטן־פאַרבאַנד.

פון גאַנץ פּוילן ציען זיך יאַטן מיט יאַטעכעס קיין ווילנע. פון ווילנע פאָרט מען צו דער סאָוועטישער גרענעץ און מען גנבעט זיך אַריבער אין רויטן ווייס־רוסלאַנד. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט געעפנט זיינע טויערן און לאָזט אַריין די יוגנט פון פּוילן, וואָס גייט אַרום אָן אַרבעט. דעם ערשטן מאַי און אין טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע הערט זי אין געהיים, צוזאמען מיט אַנדערע חברים, די סאָוועטישע ראַדיאָ. זי הערט די פריילעכע לידער, די רויט־אַרמייאישע מאַרשן, און זי שטעלט זיך פאָר די דעמאָנסטראַציעס מיט די פענער און צעפלאַמטע פּנימער פון די בירגער, וואָס גייען און זינגען, גייען און טאַנצן. זי ווייס, אַז אַ סאָוועטישער אַרבעטער פון פאַרוואָרפנסטן דאָרף קריגט „אַ קאָמאַנדיראָווקע" קיין מאָסקווע. דאָרט גייט מען אין די גרויסע טעאַטערס, מען שפּאַצירט אויפן קרעמל־פּלאַץ און מען באַזוכט דעם חבר לענינס מאַוזאָליי. אין ראַטן־פאַרבאַנד קען יעדער דערגרייכן צו וואָס ער שטרעבט. וויל איינער ווערן אַן אינזשינער, ווערט ער אַן אינזשינער. וויל איינער ווערן אַ דאָקטאָר, ווערט ער אַ דאָקטאָר. זי וואָלט בייטאָג געאַרבעט אין פאַבריק און ביי־נאַכט זיך געלערנט.

ס'איז ניט לייכט אַריבערצוגיין איבער דער גרינער גרענעץ. די סאָוועטן אויף יענער זייט לאָזן אַריין, אָבער אויף דער זייט שטייען די פּאָליאַקן, און די שפּיקעס פון דער פּוילישער דעפענסיווע כאַפּן די איבערוואַנדערער, שלאָגן זיי און שרייען: „איך ציט, היניטישע זין, קיין באָלשעוויע? איר וועט נאָך אין רויטן גן־עדן קראַפּירן פון בענקשאַפט נאָך די פּוילישע תפיסות!" נאָר די יוגנט שטעלט זיך ניט אָפּ, מען האָט דאָ חתונה און מען גייט אַהין זאַלבעצווייט. אַ מיידל קען זיך ניט לאָזן איינע אַליין אין אַזאַ וועג, זיך אָנפאַרטרויען די פויערים, די אַריבער־פירער, און אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אויך בעסער ווען מען קומט מיט אַ חבר.

ביילקע הייבט אויף דעם קאָפּ. דאָס קאַלטע שטאָלענע „פערדל" פון דער ניי־מאַשין האָט ניט אָפּגעקילט אירע צעהיצטע מחשבות. אירע

פאַנטאַזיעס לויפן אַזוי גיך, ווי דאָס ווייסצייַיג אונטערן נאָדל, און צום טאַקט פון איר פוס, וואָס דריקט אויף דעם טרעטער, זינגט זי דאָס ליד וועגן דעם נייעם באַגליקטן לעבן פון די סאָוועטישע פּראָלעטאַריער.

טוט אַ קוק אויפן שטיבל, וואָס שטייט דאָ ניט ווייט,
ווער האָט עס געבויט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס מיט ליים און מיט ציגל באַנייט?
אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס.

אין אָוונט, ווען ביילקע טראָגט אָפּ די אַרבעט, דרייט זי זיך לאַנג אַרום אונדזער טויער, ביז זי טרעפט מיך. אַלע, דאַכט זיך, זעען ווי איך שפּאַציר אַוועק מיט ביילקען, מער ניט די מאַמע שטייט די גאַנצע צייט אויסגעדרייט צו איר סחורה, צו דער וואָג, ווי זי וואָלט אונדז גאָרניט באַמערקט. אַלטערקע דער גענדלזער זאָגט אַרויס הויך אויפן קול זיין השערה:

— דער געוועזענער קלויזניק פאַסט ניט קיין תעניתים.

אין שיין פון דער לבנה זעען אויס די געטאָ־געסלעך ווי אויסגעוועבט פון שטראַלן און שאָטנס. די הייזלעך רוקן זיך צונויף נאָך ענגער, ליגן צונויפגעטוליעטע, ווי זיי וואָלטן פון אַ פרעמד ניט פאַרגינעריש אויג אָפּגעהיט דעם סוד פון מיר און ביילקען. מיר שטייען אויף די געדרייטע טרעפּ פון אָ צווייטן גאָרן, פאַרזונקען אין שטילער קושעניש.

איבער אונדז, אין פינצטערן קאָרידאָר פון דריטן גאָרן, שטייט נאָך אַ פּאָרל, לאהלע מיט איר בחור, פּסחקע דער שטעפּער. ביילקע און לאהלע האָבן זיך ליב ווי לייבלעכע שוועסטער און שלאָפן אין איין בעט. לאהלע איז אַ דאַר מיידל מיט אַ דורכזיכטיקער הויט און שוואַכע בלייכע הענט, אַ פלאַנץ, וואָס איז אַרויסגעוואקסן צווישן די שטיינער פון ראַמיילעס הויף. אויגן האָט זי גרויסע און טונקעלע איבערגעפּולט מיט בלויער פּייכטקייט. זי גייט אַרום אַ שטילע, אַן איבערגעשראָקענע, און פאַרדאגהט איז זי, ווי איר פאַרשטאָרבענע מוטער וואָלט זי איבערגעלאָזט צו פאַרזאָרגן אַ פולע שטוב מיט קליינע שוועסטערלעך. אין דער אמתן איז זי ביי איר טאַטן אָ בת יחידה.

פּסחקע דער שטעפּער זעט אויס נאָך מער דערשלאָגן ווי לאהלע, ער איז פאַרשעמט צוליב זיין מאַנסבילשער שוואַכקייט. זיי קענען זיך אַ סך צייט, לענגער ווי איך מיט ביילקען, און ווען מיר ביידע שטייען נאָך שיכור פון אונדזער פאַרליבטקייט, הער איך ווי דאָס אויסגעניכטערטע פּאָרל מיט אַ גאָרן העכער שמועסט אין דער אויסגעהוילטער שטילקייט.

לאהלעס קול:

— דער טאַטע מיינער זאָגט, אַז ער וועט אונדז מער ניט לאָזן אַרומ־גיין. אויב דו וועסט מיט מיר ניט חתונה האָבן, וועט ער דיך אַרויסיאָגן פון שטוב.

פסחקעס קול:

— איך ווייס אַליין, אַז מיר דאַרפן חתונה האָבן. מיר האָבן זיך דאָך ליב. נאָר זאָג מיר: פון וואַנען וועלן מיר לעבן? איך אַרבעט עטלעכע חדשים אין יאָר, און דו — דאָס אויך ניט. וואו וועלן מיר וואוינען?

לאהלעס קול:

— איך האָב צוזאַמענגעקליבן פון מיין אַרבעט הונדערט מיט פיפציק זלאָטעס, און דער טאַטע וועט אונדז דערלייגן, ער וועט לייען אין גמילות־חסד־קאַסע. דאָס געלט וועט קלעקן צו קויפן וואַרעמע קליידער פאַר אונדז ביידן און צו באַצאָלן די אַריבערפירער קיין רוסלאַנד. דאָרט וועלן מיר שוין זיין באַזאָרגט מיט אַ דירה און מיט אַרבעט. ניט אמת, פסחל?

פסחקעס קול:

— אמת, לאהלע, אַזוי דערציילן אַלע אינסטרוקטאָרן, וואָס קומען פון מינסק. איך האָב זיי ניט געזען, נאָר מען גיט עס איבער אין זייער נאָמען.

לאהלעס קול:

— און דו באַדאַרפסט ניט האָבן קיין דערלויבעניש פון דער פאַרטיי אָוועקצופאָרן?

פסחקעס קול:

— איך דאַרף ביי קיינעם ניט פרעגן. איך בין דאָך ניט קיין אָרגאַ־ניזירטער פאַרטיי־חבר, נאָר אַ סימפּאַטיקער.

ביילקע רוקט זיך פון מיר אַוועק מיט דער כוונה, איך זאָל הערן וואָס עס טוט זיך צווישן איבערגעגעבענע טרייע חברים. פסחקע מיינט אויף אַן אמת צו בויען אינאיינעם מיט לאהלען אַ פריי לעבן אין ראטן־פאַרבאַנד. פסחקע איז ניט אַזאַ איינער, וואָס וויל שטענדיק שטיין אין פינצטערן פוילן אין אַ פינצטערן קאָרידאָר און פירן מיט זיין חברטע.

— וואָס האָט פסחקע געזאָגט? — פרעג איך איבער אינדערשטיל ביי ביילקען, — ער דאַרף ניט נעמען, זאָגט ער, קיין דערלויבעניש פון דער פאַרטיי אָוועקצופאָרן? און ווער דאַרף יאָ?

— חברים פון די קעמערלעך, וואָס פירן אָן מיט דער אַרבעט, —

ענטפערט ביילקע נאָך שטילער, — אַזעלכע חברים טאָרן ניט אַוועקפאָרן אַן אַ דערלויבעניש פון צענטראַל־קאָמיטעט, סיידן אַז עס דראָט זיי אַריינצופאַלן, דעמאָלט מעגן זיי אַנטלויפן און זיך ראַטעווען אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ביילקע טוליעט זיך צו מיר און ציטערט פון פרייד:

— אוי, איז דאָרט אַ גוט לעבן! די איבערוואַנדערער צעשיקט מען אַ טייל קיין דאָנבאַס און אַ טייל אויפן אוראַל אין די זאַוואָדן.

— פאַרוואָס לאָזט מען ניט יעדן פאָרן וואו ער וויל?

— ווייל פאַר גנבענען די סאָוועטישע גרענעץ קומט אַ שטראָף.

— מען גנבעט דאָך בלויז פון דער פוילישער זייט, די סאָוועטן לאָזן דאָך אַריין.

— אָבער אַ שטראָף קומט דאָך פאַר אַריבערגיין אומלעגאַל די סאָוועטישע גרענעץ. דאַרף מען דערפאַר אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר אין דאָנבאַס, אָדער אויפן אוראַל, — ענטפערט ביילקע מיט גרויס קענטשאַפט און מיט גרויס גינציקייט.

— אָבער פאַרוואָס קומט אַ שטראָף, אויב זיי אַליין לייגן פאָר מען זאָל קומען? — זאָג איך אַן אויפגערייצטער פון איר שעפּסענער פרומ־קייט, — דו פאַרשטייסט דען ניט, אַז די אינסטרוקטאָרן נאַרן אייך און אַז דאָס איז בלויז אַ תּירוץ? מען לאָזט לכתחילה אַריין נאָר צוליב דעם, ווייל מען וויל האָבן אומזיסטע אַרבעטער אין די קוילן־שאַכטעס פון דאָנבאַס און אויפן אוראַל.

ביילקע, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן אַז דאָס פּאָרל אויבן זאָל ניט דערהערן, פּרואווט מיך באַרואיקן:

— סיביר איז ניט די אַמאָליקע סיביר, וואו דער צאַר פלעגט פאַרשיקן רעוואָלוציאָנערן. סיביר איז איצט אַזוי ווי קרים. מען פאָרט אַהינצו פון גאַנץ רוסלאַנד אויף אָפּרו. אַלע אַרבעטער האָבן אין רוסלאַנד רעכט אויף אָפּרו.

און כדי מיך נאָך מער צו באַרואיקן, נעמט זי אונטערזינגען:

טוט אַ קוק אויפן ברויט וואָס איז היימיש און פריש,
ווער האָט עס פאַרזייט, ווער האָט עס?
ווער האָט עס פון פעלדער געבראַכט אויפן טיש?
אַ נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס.

— הער, ביילקע, דער גאַנצער אויפטו פון ליד איז אין גראַם „ווער האָט עס — און בלאָטעס״. דאָס ליד אַליין איז אַ באַשטעלטע פריילעכקייט ווי ביי אַ בדחן. ווער עס גלייבט אין גאָט — און דו גלייבסט אין די שדים פון די גלובאָקער בלאָטעס. מיר איז קאַלט. אַ גוטע נאַכט.

— גיי ניט אַוועק, — ווערט ביילקע אַ פאַרצאַפּלטע, — מיר איז אויך קאַלט. דערוואַרעם מיר די הענט.

אַ זילבערנע פראַסטיקע לבנה קוקט אַריין דורך דעם פענצטער אויף די געדרייטע שמאָלע טרעפּ און ווינקט צו מיר:

„ווי לאַנג איז דער שיעור צו שטיין אויף די טרעפּ, זיך צעקריגן און שלום זוכן? תכלית, יונגערמאַן, תכלית. צייט צו שטעלן די פיר פלעקענער".

— שדים פון די גלובאַקער בלאַטעס, זאַגסטו, — שעפּטשעט ביילקע און טרערן ציטערן אין איר קול. — הלוואי וואָלט אין גלובאַקע געווען אַ גאַנץ יאָר בלאָטעס, וואָלט מיין טאַטע נאָך איצטער געלעבט. אין אַט אַזאַ ווינטערדיקער לבנה־נאַכט, ווי די היינטיקע, איז ער געפאָרן האַנדלען אין דאָרף. ער איז אַרויפגעפאָרן מיט פערד און שליטן אויפן געפרוירענעם טייך, דאָס אייז האָט זיך איינגעבראָכן, און מיין טאַטע האָט זיך דער־טרונקען. ווען איך קוק אויף דער לבנה ווי זי שיינט אַזוי ליכטיק און אַרום איז אַזוי רואיק, טראַכט איך, אַז אין אַזאַ ליכטיקייט און רואיקייט האָט מיין טאַטע ניט געקענט חושד זיין, אַז דאָס געשליפענע אייז איז אַזוי דין און וועט זיך איינברעכן אינמיטן טייך.

— אמת, ביילקע, אמת, ווען די לבנה שיינט אַזוי ליכטיק און אַרום איז אַזוי רואיק, קען מען בשום אופן ניט חושד זיין, אַז דאָס געשליפענע אייז איז דין און וועט זיך איינברעכן אינמיטן טייך, — אָטעם איך אויף אירע געפרוירענע פינגער, זיי צו דערוואַרעמען.

נאָך האַלבער נאַכט, ווען איך קום אַהיים, איז אין אונדזער הינטערשטן קעמערל פינצטער. איך זע ניט דער מאַמעס פנים, נאָר אין דער פאַר־טייעטער שטילקייט פיל איך, אַז זי שלאָפט ניט.

אין פענצטער פון אונדזער פאָדערשטער שטוב שטייט די לבנה, ווי זי וואָלט מיר בגנבה נאָכגעגאַנגען פון ראַמיילעס הויף. איר פנים איז נאָך ברייטער ווי פריער און זי שמייכלט מיט אַ בוימל־פרומען שמייכל פון אַ גבאיטע, אַ בעל־מצווהאַטניצע:

„צייט צו שטעלן די פיר פלעקענער. תכלית, יונגערמאַן, תכלית".

די מאַמע אָבער זאָגט גאָרנישט.

# פרייטיק נאָך האַלבן טאָג

פרייטיק נאָך האַלבן טאָג איז ביי אַלטערקע דעם גענדזלער אַ יאַריד. אַ האַלץ־העקער וואָלט מיד געוואָרן, נאָר ניט אַלטערקע. מיט דעם בלוטיקן האַק־מעסער שפּאַלט ער די גענדז, און ליזע, זיין ווייב, רעדט מיט די מאַדאַמען רוסיש.

די מאַמע זיצט ביי אירע קאַשיקעס און קען זיך ניט אָפּוואונדערן: ווי קומט עס, וואָס די מאַדאַמען דאַרפן הון, אינדיק, גענדז און דאַרפן ניט קיין גרינס, קיין אויפס?

— מאַלאַגער ווײַנטרויבן, פלעשער ווײַן, ווער קויפט, ווער קויפט? — צעשרייט זיך די מאַמע.

די מאַדאַמען ווערן נייגעריק. זיי ווייסן, אַז די יידענע אין טויער האַנדלט מיט ציבעלע, כריין און צוגעפוילטע פּרוכטן. טוען זיי אויף טשיקאַוועס אַ קוק אין אירע קאַשיקעס און שיסן אויס מיט אַ געלעכטער:

— אירע צוגעפּרוירענע עפּעלעך רופט זי מאַלאַגער ווײַנטרויבן, פלעשער ווײַן.

די מאַמע ווערט אַנטשוויגן און מוסרט זיך פאַרוואָס זי איז מקנא דער גענדזלערקע. זי לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווי זי וואָלט באַשלאָסן ניט צו קוקן וואָס עס טוט זיך ביי ליזען, און פאַרטראַכט זיך בכיוון וועגן אַנ־דערע זאַכן:

זי האָט ניט צו איר זון. יעדן פרייטיק פאַרנאַכט העלפט ער איר אַריינגעמען די קאַשיקעס און מאַכט פאַר איר קידוש. אָפטמאָל ווען זי גייט ‎פון מאַרק, וואַרט ער זי אָפּ און שלעפּט צום טויער די סחורה. פונדעסטוועגן וואָלט איר געווען טויזנט מאָל מער ניחא, ווען ער בליבט ביים לערנען און העלפט איר ניט טראָגן די שווערע קאַשיקעס. פאַר אַ תלמיד־חכם פּאַסט עס ניט.

זי מאַמע האָט די גאַנצע דאָנערשטיקע נאַכט זיך ניט צוגעלייגט, געגרייט דעם שבת. דרימלט זי איצט איין — און דערפילט גלייך אַז עמעצער האָט זיך לעבן איר אָפּגעשטעלט. עפנט זי די אויגן אַזוי שטיל ווי אַ טויב און דערזעט לעבן זיך דעם אייער־הענדלער, ר׳ מאיר.

ר׳ מאיר טראָגט פאַנאַנדער אין גבירישע שטיבער פרישע אייער. פרייטיק נאָך האַלבן טאָג איז ער שוין פריי און איילן זיך אַהיים באַדאַרף ער ניט, וואָרום ער איז אַן אלמן. דערזעט ער, אַז די מאַמע זיצט אין טויער און קיין קונדן, ברוך השם, באַלאַגערן זי ניט, שטעלט ער זיך אָפּ, נעמט אַרונטער פון אָרעם דאָס געפּלאָכטן קערבל און שטעלט עס אַוועק אָן אַ זייט, מען זאָל ניט צעברעכן די געבליבענע אייער, וואָס די באַלע־באָסטעס האָבן אויסבראַקירט.

ר׳ מאיר איז אַן ערלעכער ייד און די מאַמע שטעלט זיך אויף פאַר אים, ווי פאַר אַ תלמיד חכם.

— וואָס קאָסט ביי אייך אָט־די פּרי? — פרעגט ער, און מיט צוויי פינגער, פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט געטאַפּט אַן אתרוג, נעמט ער אַרויס פון קאָשיק אַ ווינטערדיק עפּעלע מיט אַ געל־צעקנייטשטע הויט.

זאָגט אים די מאַמע, אַז אָט דאָס עפּעלע קאָסט גאָרניט.

ענטפערט ער, אַז אומזיסט וועט ער ניט נעמען, ווייל אין פּסוק שטייט, אַז ווער עס האָט פיינט מתנות, דער וועט לעבן. אויב אָבער די מאַמע וועט ביי אים נעמען אַן איי, וועט ער מסכים זיין צו נעמען אָט דאָס עפּעלע, וואָס ער האַלט אין דער האַנט.

טוט די מאַמע אַ קוק אין געפּלאָכטענעם קערבל און זאָגט ר׳ מאירן, אַז ער וועט זיך גריילעך אָפּנאַרן צו נעמען אַזאַ צעקנייטשט פּאַראַיאָריק עפּעלע און געבן אַן איי, וואָס איז פריש און לויכט ווי די זון.

ענטפערט ר׳ מאיר, אַז מען דאַרף עס גאָרניט פאַרגלייכן. דאָס זיינען פאַרשיידענע מינים פון עסנוואַרג. דער אייבערשטער איז אַ כל יכול, האָט ער אויף דער וועלט אַ גרייטן און אַ פולן טיש, כדי יידן זאָלן קענען מאַכן אַלערליי ברכות.

ר׳ מאיר ווישט אַרום דאָס עפּעלע, פאַרגלייזט די אויגן און מאַכט די ברכה „בורא פּרי העץ". די מאַמע פאַרלייגט די הענט אונטערן פאַרטעך, ענטפערט מיט גרויס כוונה אָמן... און ווערט רויט ביז צו אירע האָר־וואָרצלען אונטער דעם שייטל. זי זעט ווי אַלטערקע קריגט פּייכטע שמאַלציקע אייגעלעך, און אויף ליזעס צעגאָסן פּנים צעלייגט זיך אַ שמייכל. דאַכט זיך, אַז דער גענדזלער מיט זיין ווייב זיינען אַזוי פאַרנומען מיט די קונדן, אַז ביידע האָבן ניט ווען די נעז אויסצושנייצן, פונדעסט־וועגן קלעקט זיי צייט זיך איבערצואווינקען וועגן דער אלמנה און דעם אלמן, וואָס שטייען אין טויער און שמועסן געמיטלעך.

ר׳ מאיר ברענגט מזל, דריי באַלעבאָסטעס שטעלן זיך אָפּ ביי די קאָשיקעס. אָבער מיין מאַמען, וואָס האָט שוין אונטערגעשפּאַרט איר האַנט אונטער דעם קינבאַק, געקראָגן אַ פאַרפרומט פּנים, און זיך געגרייט

אינמיטן פרייטיק פאַרנאַכט צו הערן תורה, ברענגען די צוגעקומענע קונדן אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט. ווי לאָזט מען עס שטיין ר׳ מאירן פונקט אינמיטן דרינען ווען ער זאָגט תורה? נאָר ר׳ מאיר באַליידיקט זיך ניט. אַדרבא, ער רעדט צום ווייבל, וואָס איז אַן איינגעגעסענע דינגערקע:

— אַז וועלע בעט איך צען גראָשן פאַר אַ בינטל ציבעלעס, דאַרפט איר זיך ניט דינגען. וועלע וועט איך ניט באַרייסן.

דאָס ווייבל קריגט עפּעס דרך ארץ פאַרן מאַנסביל און באַצאָלט די גאַנצע צען גראָשן. ווערט ר׳ מאיר נאָך האָפערדיקער ביי זיך און פרעגט ביי דער צווייטער באַלעבאָסטע:

— וויפיל אַנטאָנאָוועקעס ווילט איר, אַ קילאָ?

פלינק, ווי אַ געניטער הענדלער, שיט ער אָן די עפּל אין אַ פּאַפּירן זעקל און דערלאַנגט עס דער מאַמען, זי זאָל אָפּוועגן. פון גרויס צעטומלט־קייט גיט די מאַמע אַן איבערוואָג, און ר׳ מאיר ערגערט זיך:

— דאָס זייט איר ניט מחויב, ניט על פי דין און ניט על פי יושר.

די מאַמע הערט שוין אַפילו ניט וואָס די דריטע באַלעבאָסטע פאַר־לאַנגט. זי שטייט אַ זייטיקע, ממש ווי אַ פרעמדע, און קוקט ווי ר׳ מאיר ספּראַוועט זיך מיט דער איינקויפּערקע.

אין דער זעלבער צייט באַוויזט זיך אויף דעם אַנדערן עק גאַס דער גבאי ר׳ נתן־נטע. ער גייט פון דער מקוה אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אָפּגעטובלטער, און טראַכט דערביי, אַז עס איז אַ קנאַפּער פאַרגעניגן צו האָבן צו טאָן מיט די קרעמערלעך פאַר ליכט־בענטשן. אויב זיי האָבן ניט קיין מורא פאַר חילול־שבת, וועלן זיי נתפעל ווערן פאַר אַ גבאי? נאָר עס איז פאַרפאַלן, מען מוז זיך מוסר נפש זיין, הייסן פאַר־מאַכן די געוועלבער.

ר׳ נתן־נטע גייט פאַרביי אַ שפּייז־געוועלב און דערזעט, אַז דאָס פענצטער איז פאַרלאָדנט און די טיר — דריי פערטל צוגעמאַכט. דער קרעמער כאַצקל דאַוונט ביי מיר אין בית־מדרש, קלערט ר׳ נתן־נטע. קומט יום־טוב, איז כאַצקל דער ערשטער בעלן אויף אַן עליה. ימים נוראים קויפט ער פּתיחה. פונדעסטוועגן, ביי זיין גאַנצער צידקות האַלט ער נאָך אַלץ אָפן אַ קאַפּיטשקע דאָס געוועלב, ר׳ נתן־נטע שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין דער טיר — און בלייבט נבהל ונשתומם.

די קראָם איז פול געפּאַקט מיט קונים און שטיל איז דאָרט ווי אין אַן אויער. משמעות, אַז די קונים ווייסן, אַז מען דאַרף זיך היטן פאַר די שומרי־שבתניקעס. כאַצקל דער חנוני איז אַזוי פאַרטאָן מיט וועגן, מעסטן און ציילן געלט, אַז ער דערזעט ניט דעם גבאיס לאַנגע געפלאָכטענע

באָרד, וואָס הענגט אין דער שמאָלער שפּאַרונע פון דער קראָם־טיר. אין ר׳ נתן־נטען זידט עס און קאָכט, נאָר ער וואַרט, ער וויל זען, וואָס פאַר אַ העוויה דער קרעמער וועט מאַכן ווען ער וועט דערזען אים, דעם גבאי ר׳ נתן־נטע.

סוף כל סוף דערזעט דער קרעמער די לאַנגע געפלאָכטענע באָרד, וואָס הענגט אין שפּאַלט פון דער טיר.

— ר׳ כאַצקל, היתכן? — שרייט אויס דער גבאי.

דער קרעמער ווערט לחלוטין ניט צעמישט און ענטפערט אַ פאַר־נומענער:

— באַלד מאַך איך צו.

— די קונדן טרייבט אַרויס! — קאָמאַנדעוועט ר׳ נתן־נטע.

— אָט די מינוט, — איז מסכים כאַצקל. ער לויפט אַרויס פון הינטער דער טאָמבאַנק און דערזעט, אַז אין דרויסן שטייען ווייבער, ווילן אַריין אין קראָם און קענען ניט. דער שומר־שבתניק פאַרשטעלט זיי מיט זיין רוקן. גיט דער קרעמער האַסטיק אַן עפן אויף די טיר, און דער גבאי קוליעט זיך שיר ניט איבער. הינטער אים שטופּט זיך אַריין אַ גאַנצע כאַפּטע יידענעס.

— איר קוועטשט זיך דאָך ביים דאַוונען מיט פאַרמאַכטע אויגן, — ליאַרעמט ר׳ נתן־נטע אויסער זיך פון כעס.

כאַצקל מאַכט צו די אויגן, טאַקע ווי ער וואָלט געדאַוונט, און צע־שאָקלט זיך אַנטקעגן דעם גבאי:

— איר צאָלט מיינע וועקסלען? איר צאָלט מיינע שטייערן?

— איר צאָלט וועקסלען, איר צאָלט שטייערן, נאָר די נדבות אין קלויז באַצאָלט איר ניט, — זאָגט גיפטיק ר׳ נתן־נטע.

ווען מען וואָלט כאַצקלען געזאָגט, אַז ער גיט אַ פאַלשע וואָג, אַז ער באַרייסט די קונים, וואָלט עס אים אַזוי ניט פאַרדראָסן ווי ר׳ נתן־נטעס ווערטעלע, אַז ער, כאַצקל, באַצאָלט ניט פאַר פּתיחה. ער טרייסלט מיט די הענט ווי אַן אָפּגעבריטער און קוויטשעט מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— אַרויס פון מיין קראָם!

פון אַזאַ עזות פאַרלירט ר׳ נתן־נטע דאָס לשון. ער ווערט זיך אַפילו ניט ווען דער קרעמער שטופּט אים פּראָסט־פּשוט אַרויס אין גאַס און קלאַפּט צו די טיר.

— אים איז גוט צו ריידן, — טענהט כאַצקל צו די באַלעבאָסטעס, — ער האָט אַן אייזן־געשעפט, קען ער צומאַכן זיין סקלאַד אין צייט. וואָס דאַרף שלעסער און שטאַבעס פונקט ערב שבת פאַר ליכט־בענטשן? זאָל ער אָקאָרשט האַלטן אַ שפּייז געוועלבל און פאַרקויפן לאחדים. דאָ איז סוכות, האָלט פאַרמאַכט די ערשטע צוויי טעג. אַ טאָג נאָך יום־טוב איז

שבת. אויף צומאָרגנס איז זונטיק. איך רייד שוין ניט פון די אַנדערע גויאישע חגאות. וואו האָט דער גבאי זיין יושר, פרעג איך אייך? וואו איז זיין מענטשישקייט, פרעג איך ביי אייך?

— ר' כאַצקל — שלאָגט אים איבער אַ יידענע, — איך האָב ניט קיין צייט. די פיש ווערן ביי מיר פאַרברענט.

דער קרעמער נעמט אויפסניי וועגן, מעסטן און ציילן געלט אין איילעניש, ער וויל פאָרט ניט פאַרשפעטיקן צו קבלת שבת.

מה נאמר ומה נדבר, קלערט דער גבאי, אויב כאצקל רעדט צו אים אַזוי, היינט ווי וועלן שוין ריידן אַנדערע? גייט ער פאַרביי די געוועלבער און טוט אַפילו ניט קיין בליק אין זיי. מיין כפרה! — טראַכט ער. נאָר ווען ר' נתן־נטע קומט צו צו אונדזער הויף, ווערט ער ביי זיך תקיפותדיקער. דער הויף איז זיינער, ער איז דערווירט, און די שכנים וועלן ניט האָבן קיין העזה אים אַנטקעגן צו ריידן.

אָבער זיין גאַנצע תקיפות פאַרשווינדט, ווען ער דערזעט דעם באַפּאַל פון קונים אין אַלטערקעס יאַטקע. איטלעכס מאָל בעת ר' נתן־נטע מאָנט דירה־געלט, ענטפערט אים דער געגנדזלער: קומט מאָרגן. מאָנען צו שטאַרק האָט ר' נתן־נטע מורא, וואָרום אויב אַלטערקע האָט זיך געקענט וואָרפן שלאָגן אַ שוחט, וועט ער אים אוודאי ניט שאַנעווען. עס איז אַ קל וחומר. רעדט שוין דער בעלעבאָס און גבאי מיט אַ ווייך קול:

— צייט צו פאַרמאַכן די יאַטקע.

אַלטערקע ענטפערט ניט, ער הערט ניט כלומרשט.

— צייט שבת צו מאַכן, — זאָגט יענער נאָכאַמאָל.

ליזע הערט אויף צו ריידן רוסיש מיט די מאַדאַמען און טוט בלויז איין קוק אויף איר מאַן. אַלטערקעס פנים ווערט בלוי ווי אַן אַרומ־געפליקטער צוגעפרוירענער אינדיק און ער גיט אַ ברום מיט רציחה:

— קומט מאָרגן.

דער גבאי ר' נתן־נטע דערוועגט זיך ניט איבעררייד אַ וואָרט. עס איז סכנת־נפשות, טראַכט ער און טרעט אָפּ. ער לאָזט זיך שוין גיין אין בית־מדרש, דערזעט ער ווי די אויפס־פאַרקויפערקע שטייט אין טויער און שמועסט מיט דעם אייער־הענדלער.

— מיין זון איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן, — קלאָגט זיך די מאַמע פאַר ר' מאירן, — נאָר כיבוד־אם היט ער אָפּ.

— כיבוד־אם איז גאָר אַ גרויסע זאַך, — פסקנט ר' מאיר, — די טעכטער מיינע האָבן פיין חתונה געהאַט, זיי בעטן זיך ביי מיר: טאַטע, וואָס טויג דיר האַנדלען? קום צו אונדז. נאָר איך וויל ניט אַריינקוקן אין זייערע טעפּלעך צי זיי היטן כשרות.

— צו קינדער איז גוט צו קומען צו גאַסט אויף יום־טוב, — זאָגט די מאַמע, — בעסער אַ שטרויענער מאַן, איידער גאָלדענע קינדער.

— אַזאַ צדיקת זייט איר עס? — דערהערט די מאַמע אַ רוגזהדיקע שטים; דער גבאי לאָזט אויס צו איר זיין אָנגעזאַמלטן כעס, — אַבי איך רעכן איר ביליג דעם טויער. איך האָב געמיינט, אַן אָרעמע אלמנה, אַ פרומע יידענע, וועט זי אָפּהיטן שבת. אסור לרחם! מען טאָר אויף אַזעלכע קיין רחמנות ניט האָבן.

— עס איז דאָך נאָך צען מינוט צו ליכט־בענטשן, — זאָגט די מאַמע אַ צעטומלטע.

זי האָט זיך ניט וואו אַהינצוטאָן פון חרפּה. מען זאָל איר דאַרפן דער־מאָנען, אַז עס איז שבת! דערצו הערט עס נאָך ר׳ מאיר. און פּונקט אין דער מינוט ווען זי שטייט און שמועסט מיטן אלמן, קום איך אונטער. זי קוקט מיך אָן אַ פאַרלוירענע און אַ פאַרשולדיקטע, ווי איך וואָלט זי געכאַפּט ביי דער גרעסטער עבירה. ר׳ מאירן איז אויך ניט ניחא צו שטיין און הערן דעם גבאיס טענות, און נאָך ווייניקער איז אים צום האַרצן, וואָס איך קוק אים אָן... ווערט ער ניט אין אַ כהרף עין. די מאַמע נעמט פאַנאַנדער דאָס געשטעל אין גרויס איילעניש:

— טראָג די קאָשיקעס אין שטוב אַריין, — זאָגט זי צו מיר.

דער גבאי שטייט אַן אויסגעגלייכטער, די הענט אַהינטער, מיט אַ בליק פון אַ גענעראַל וואָס קוקט אויף זיינע פאַרזינדיקטע זעלנער, און רעדט הויך אויפן קול:

— איך פאַרמאַך מיין אייזן־געשעפט מיט צוויי שעה פריער, און איר קענט זיך ניט אָפּרייסן פון אייערע פאַרפוילטע עפּעלעך. ניט קיין וואונדער, וואָס אייער זון איז אויסגעוואקסן אַזאַ מופקר. ווי איך זע, טראָגט איר אי אַ פּאַרוק און אי אַ טיכל, איר ווילט דערמיט מסתמא זיך אויס־קויפן ביים רבונו של עולם, וואָס אייער תכשיט גייט בגילוי הראש, אָן אַ היטל.

— אַוועק פון דאַנען! — טו איך זיך אויף אים אַ וואָרף, — אַ ווערדע האָט ביי גאָט אייער פרומקייט! איר שינדט דאָך די הויט ביי די אָרעמע שכנים.

— איך וועל דיר אָפּהאַקן הענט און פיס און אָנטאָן קייטן, — צעשרייט זיך ר׳ נתן־נטע, — דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט, אַז דו שרייבסט אין בלאַט קעגן בעלי־בתים? בונטאָווטשיק, דו וועסט נאָך ביי מיר פאַרפוילט ווערן אין תפיסה.

— בלוט־זויגער! — שיס איך אַרויס.

דער גבאי בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל. דער בענקאַרט פון אָט דער אביונטע, וואָס זיצט אין זיין טויער, וואוינט אין זיין דירה, אָט

דער ממזר רעדט עס אַזוי צו אים, דעם באַלעבאָס פון הויף? ניין, ער גלייבט ניט זיינע אייגענע אויערן. אַרום אונדז ווערט אַ געזעמל פון פאַרבייגייער. אַלטערקע דער גענדזלער וואַרפט אַוועק די אינדיקעס מיט אַלע מאַדאַמען און קומט צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער. ער קוועלט אָן פון מיין זידלען דעם באַלעבאָס, דעם שומר שבתניק, וואָס האַלט מיט אַלטערקעס שונאים, מיט די שוחטים. נאָר די מאַמע כאַפּט מיך אַרום מיט ציטער־דיקע הענט, איך הער ווי איר האַרץ וואַרפט זיך, פון צער און אויפרעגונג קען זי קוים ריידן:

— קינד מיינס, פאַרזינדיק ניט דיינע יאָרן, ער איז דאָך אַן אַלטער ייד.

— איך בין אַ בלוט־זויגער? — עקט זיך דער גבאי און רעדט צו די פרעמדע פאַרבייגייער וואָס גלאָצן אויף אים, — די שכנים וואוינען ביי מיר יאָרן לאַנג און צאָלן ניט קיין פרוטה. טאָמער זאָג איך אַ וואָרט, סטראַשען זיי מיך, אַז זיי וועלן מיך אַריינשטעלן אין בלאַט. ווען איך בין ניט קיין שומר שבת, וואָלטן זיי דאָך געצאָלט ווי די טאַטינקעס. זיי ווייסן, אַז איך האָב מורא פאַר חילול השם, מען זאָל ניט באַריידן פרומע יידן, רייטן זיי אויף מיר.

אַלטערקע דער גענדזלער רייבט זיך די הענט פון נחת און רייצט זיך מיטן גבאי:

— גייט אַוועק. ער וועט איך נאָך שלאָגן. איר שפּילט זיך מיט אים!

דער גבאי קלערט מיט שרעק: אַ קשיה אויף אַזאַ אַפּיקורוס. און איך האָב עס אים אַמאָל אַריבערגעלאָזט איבערן שוועל פון מיין בית־מדרש! מען דאַרף אויסברענען דאָס אָרט, וואו ער איז געזעסן.

ר׳ נתן־נטען איז אָבער באַשערט נאָך אַמאָל שרעק. אָט אַזוי ווי ער גייט אין מיטן גאַס, דערזעט ער פּלוצים ווי ווייבער מיט קאָשיקעס אין די הענט לויפן איבערגעשראָקענע, ווי עופות מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע פליגל. ר׳ נתן־נטע קוקט זיך אַרום ניט טויט און ניט לעבעדיק.

די פאַרקויפערקעס, וואָס האָבן ניט קיין קרעמל, קריגן ניט קיין פּאַטענט, קיין דערלויבעניש צו האַנדלען. שטייען זיי אויף דער גאַס און היטן זיך פאַר אַ פּאָליציאַנט. נאָר די פּאָליציאַנטן אין די טונקל־בלויע מונדירן האָבן אַ טבע זיך אונטערצוגנבענען שטילערהייט. אומגעריכט דערזעט אַ יידענע אַ שוואַרצן גלאַנציקן שטיוול, וואָס גיט אַ בריק אין איר קאָשיק. די סחורה צעשיט זיך אין רינשטאָק און דער פּאָליציאַנט צישעט אַרויס:

— פּאַטענט מאַש?

די אַנדערע הענדלערקעס נעמען אַנטלויפן, אַ קייט פון פּאָליציי־לייט

צאַמט אַף די גאַס פון אַלע זייטן און די הענדלערקעס פאַלן אַריין די פּאָליציי־לייט אין די הענט.

עס ווערט אַ מהומה, אַ געוויין, די סחורה וואַלגערט זיך צעשאָטן איבערן ברוק און די ווייבער פירט מען אין קאָמיסאַריאַט, אין פּאָליציי.

דער גבאי קומט צו זיך פון אומוויסטן פחד און ער פירט אויס דעם מוסר השכל:

ווען די הענדלערקעס וואָלטן אָפּגעהיט צו דער צייט פאַר שקיעת החמה, וואָלטן זיי פאַרשפּאָרט דעם עונש פון הימל, צו זיצן צו ליכט־בענטשן אין תפיסה.

און ר' נחמן־גבאי גייט אַוועק אין באַלויכטענעם בית־מדרש צו קבלת־שבת.

די מאַמע איז פון די באַגליקטע. זי האַנדלט אין טויער, קריגט זי אַ באַמטענע. מען פירט פאַרביי די אַרעסטירטע פאַרקויפערקעס און איר האַרץ ווערט צעריסן פון יסורים. זי איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון סקאַנדאַל און איר פּנים פלאַמט פון חרפה. זי קוקט אַראָפּ צום ברוק און אירע טרערן קאַפּען, ווי די שטיינער וואָלטן געווען אירע בענטש־ליכט.

# װעלװל דער שנײדער

— בײלקע האָט געפֿרעגט אױף דיר, — זאָגט צו מיר די מאַמע, — זיבן יאָר איז די שנור אין שטוב און װײס ניט, אַז די קאָך איז אָן אַן עק. טאָג־אײַן טאָג־אױס גײסטו שפּאַצירן מיט בײלקען און איך װײס ניט, אַז זי װאױנט בײ װעלװלען דעם שנײדער.

כאָטש די מאַמע האָט בײ זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי װעט זיך ניט מישן אין מײַנע עסקים מיט בײלקען, פֿאַרגעסט זי עס לעצטנס. איר פּנים קריגט אַלץ מער אַ יום־טובדיקן אױסזען, װי אַ מחותנתטע װאָס קלערט װעלכע קלײד זי דאַרף אָנטאָן צו דער חופּה.

— װאָס איז די שמחה, אַז בײלקע װאױנט בײ װעלװלען דעם שנײדער? — פֿרעג איך.

— איך מײן גאָרניט, — זאָגט די מאַמע, — װעלװל דער שנײדער, ניט אים מײן איך, די װאַנט מײן איך, איז אַ ייד אַ כּעסן און אַ מרה־שחורהניק. זײַן װײַב ראָכע האָט זיך געענוג אָנגעליטן. איך זאָג גאָרניט, איך זאָג נאָר, אַז אױב בײלקע קומט אױס מיט אים, מוז זי זײַן זײער אַן אײדל און שטיל קינד.

די מאַמע כאַפּט זיך, אַז זי האָט שױן צופֿיל גערעדט. אײ, די צונג, די צונג! זי איז װײך און דרײט זיך פֿון זיך אַלײן, װי אַ װינט־מיל. אַ װערטעלע זיך אָפּצורײדן װאָסערע חורבנות די צונג האָט אָנגעמאַכט. צוליב אַן איבעריק װאָרט פֿאַרלירט מען די־װעלט און יענע־װעלט.

— צוריקגעשמועסט, — זאָגט די מאַמע, — איז װעלװלען ניט צו פֿאַרדענקען. כאָטש ער איז כּל ימיו אַן אָרעמאַן, איז ער אַן ערלעכער ייד ביז גאָר, און דערצו נאָך אַ פֿײַנער בעל־תּפֿילה, קען דאַװנען בײַם עמוד. זײַן טאָכטער לאהלע מוז אױך זײַן אַן ערלעכע װי גאָלד און אַ פֿאַרליטענע. זי איז בײלקעס אַ חברטע, און עס פּאַסט צו זאָגן: װײַז מיר דײַן חבֿר, װעל איך דיר זאָגן װער דו ביסט.

װעלװל דער שנײדער האָט אַ נאָמען פֿון אַ ייד אַ כּעסן און אַ מר נפֿש. איך קען אים זינט איך בין געװען אַ ייִנגל. ער האָט געדאַװנט

אין חברה פועלים אינאיינעם מיט אונדזער שכן ר׳ ברוכל. איינמאָל אין אַ שמחת תורה, ווען בלומעלע, אונדזער שכנה, האָט מיך און מיין מאַמען פאַרבעטן אויף כיבוד, האָט זיך געעפנט די טיר און איר אַלטיטשקער, ר׳ ברוכל, האָט זיך אַריינגעוואַקלט. בלומעלע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— ברוכל, ביסט ניט אַליין.

בלומעלע האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז איר מאַן האָט געמאַכט אַ שנעפּסל מיט די בעלי־מלאכות לכבוד יום־טוב. עס דרייט זיך אים דער קאָפּ און ער זעט פאַר זיך אַ צענדליק ברוכלעך. האָט זי געזאָגט: ביסט ניט אַליין. הינטער אים האָט זיך אָפּגערופן אַ בייזלעך קול:

— ער איז טאַקע ניט אַליין.

וועלוול דער שניידער, אַ דאַרינקער, אַ בייניקער, מיט אַ קליין בערדעלע און אַ גרויסן הויקער, האָט אונטערגעהאַלטן ר׳ ברוכלען, ער זאָל ניט פאַלן.

בלומעלע האָט זיך געפילט געקרענקט הלמאי וועלוול רעדט מיט אַזאַ קול און מיט אַזעלכע העוויות, ווי ער וואָלט אָפּגעחוזקט, וואָס איר אַלטיטשקער קען זיך קוים האַלטן אויף די פיס. האָט זי זיך אָפּגערופן מיט קענטיקן פאַרדרוס:

— נו, און איר האָט גאָרניט אויסגעטרונקען לכבוד שמחת תורה?

— אויסגעטרונקען און געבליבן ניכטער, — האָט וועלוול געענטפערט אַ פאַרכמורעטער, — אַן אומגליק, איך קען ניט ווערן שיכור.

— איר, וועלוול, זייט שטענדיק אומצופרידן, אַפילו אום יום־טוב זייט איר זויער, — האָט געזאָגט בלומעלע.

— און מיט וואָס זאָל איך זיך פרייען? די תורה וואָס איך האָב געלערנט אַ גאַנץ יאָר? — האָט וועלוול געענטפערט אַ נאָך מער פאַר־דאגהטער.

— וואָס מאַכט עפּעס אייער ראָכע?

— וואָס קען זי מאַכן, אַז זי האָט אַ מאַן אַ שלים־מזל, אַ לעכל־נייער? — האָט וועלוול זיך געצופּט דאָס בערדל, און מען האָט געזען אַז די גריזאָטע עסט אים אויף אַ לעבעדיקן.

וועלוול איז אַוועק און אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויפן כיבוד, וואָס בלומעלע האָט פאַר אים געשטעלט.

בלומעלע האָט איר אַלטיטשקן געלייגט שלאָפן און גערעדט צו דער מאַמען:

— מען קען מיינען, אַז מיין ברוכל איז אַ שיכור. אַז ער טרינקט אויס אַ גלעזל סאָדע־וואַסער, פאַרדרייט זיך אים דער קאָפּ. איך האָב אין מיין לעבן געזען אָרעמע לייט, נאָר אַזאַ פאַרביטערטן מענטשן ווי

ווערלען, האָב איך נאָך ניט געזען. און אַ ווייב האָט ער אַ צדיקת. דער איבערשטער זיצט אויבן און פּאַרט צונויף אונטן. נאָר אַזאַ ראָכע קען אויסקומען מיט אַזאַ מרוק.

ראָכע איז געווען אַ הויכע דיקלעכע יידענע מיט אַ קורצן אָטעם און אַ פאַרשולדיקטן שמייכל אויפן פּנים, ווי זי וואָלט געווען אַ בעל חוב דער גאַנצער וועלט. כאָטש אַ בעל חוב איז זי געווען בלויז בלומעלען. ראָכע פלעגט ביי איר נעמען אַ גמילות חסד בשתיקה, וועלוול, איר מאַן, זאָל ניט וויסן. בלומעלע ווידער האָט געטראַכט, אַז וויבאַלד אירע קינדער פון אַרגענטינע העלפן איר, מעג זי זיך פאַרגינען און געבן צדקה מיטן אויסרייד אַז זי לייט עס אַ הלוואה, ראָכע זאָל ניט פאַרשעמט ווערן.

צופיל אַרבעט האָט וועלוול קיינמאָל ניט געהאַט, איז ער יעדן זונטיק אינדערפרי אַראָפּ אויפן שול־הויף און געזוכט מודעות וועגן נפטרים. וועלוול איז געווען אַ גרויסער בריה, ער האָט באַוויזן צו זיין אין איין טאָג אויף עטלעכע לוויות. ווען מען האָט אים געזען אויף דער גאַס לויפן אַ פאַרשמייעטן מיט זיין שטעקעלע, האָט מען זיך געפרעגט:

— ווער איז געשטאָרבן?

אויף לוויות איז וועלוול געווען שטאַרק קענטיק. פון אַרויסטראָגן דעם בר־מינן ביז סתימת הגולל האָט ער געהאַלטן אין איין קאָמאַנדעווען: שטעלט אַוועק דעם אָרון! נעמט אַרויס די מיטה! און דער גאַנצער עולם מלווים האָט אים געפאָלגט. מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט אין דעם גרויס פּראַקטיקע. ביים הספד האָט ער געזיפצט און געקרעכצט ניט ווייניקער ווי נאָענטע קרובים. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איי איז דאָס געווען אַ הספד! איך האָב זיך געשמאַק אויסגעוויינט.

שטאָט האָט זיך געוואונדערט:

אָט דער וועלוול איז די גרויס ווי אַ פייג און האָט אַ קול פון אַ לייב, איז פאַרוואָס ווערט ער ניט קיין חזן אויפן פעלד, אָדער, לכל הפּחות, אַ טהרה־ייד, אַ באַגרעבער? ער וואָלט כאָטש געהאַט חיונה, דער לאַטוטניק.

— איר הערט דאָך וואָס ער זאָגט, — האָט אַ ייד געענטפערט, — ער טוט עס, זאָגט ער, כדי געשמאַק זיך אויסצואוויינען. ביי דער ניימאַשין זיצט ער, ווי אַלע זיינע שיפן וואָלטן אים אונטערגעגאַנגען. טאָמער אָבער ווערט דער בית־עולם זיין פּרנסה, וועט עס ביי אים ווערן אויס יום־טוב, אויס פאַרגעניגן. איר שפּילט זיך מיט אַ הויקער!

נאָך ר' ברוכל און בלומעלעס טויט, האָט וועלוולס ווייב, ראָכע, מער ניט געהאַט ביי וועמען צו נעמען אַ גמילות חסד, און איר קורצער

אָטעם איז געוואָרן נאָך אָפּגעהאַקטער. איינמאָל, ווען זי האָט זיך קוים אַרויפגעשלעפּט אויף די שמאָלע געדרייטע טרעפּ פון זייער בוידעם־שטיבל, האָט זי זיך צוריק אַראָפּגעגליטשט — און שוין ניט אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט.

אויף די זעלבע בוידעם־טרעפּ, וואו ראָכע האָט זיך אַמאָל אויס־געגליטשט, איז איצטער געשטאַנען איר אויסגעוואַקסענע בית־יחידה מיט איר חתן, פּסחקע דער שטעפּער, און אין לבנהדיקע נעכט האָבן ביידע געחלומט פון פאָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. וועלוול איז צוגעשטאַנען, אַז איידער די קינדער פאָרן אַוועק, זאָלן זיי חתונה האָבן. לאהלע האָט געהאַלטן מיט איר טאַטן, און פּסחקע האָט נאָכגעגעבן.

בעת די מאַמע האָט מיר געזאָגט אַז ביילקע האָט געפרעגט אויף מיר, בין איך צו איר אַרויף. זי איז ניט געווען אין שטוב. איך האָב געטראָפן בלויז וועלוולען אַן איבערגעבויגענעם איבער דער ניי־מאַשין.

— זיי זיינען אַלע אַוועק אָפּריידן מיט אַ קאַפּעליע קלעזמער, — האָט וועלוול געזאָגט פאַרמרה־שחורהט, — מיין חתן האָט זיך מיט איינמאָל פאַרעקשנט, אַז ער וויל פידלען און פויקן. איר, זאָגט ער צו מיר, ווילט ניט אָפּלאָזן אייער טאָכטער אָן אַ חופּה, און איך וויל ניט קיין חופּה אָן קלעזמער.

און וועלוול דערציילט מיר איבער דעם גאַנצן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין צוקונפטיקן איידעם, פּסחקע דעם שטעפּער:

— אַ חופּה, זאָג איך צו אים, שטעלט מען ביים ראַבינער, אָבער אַז מען רופט קלעזמער, איז עס אַן אמתע חתונה. מען דאַרף דינגען אַ זאַל, פאַרבעטן געסט, געבן צו פרעסן אַ סך אומזיסטע פרעסער, און אויך די קלעזמער דאַרף מען באַצאָלן. לאהלעס אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, זאָג איך צו אים, וועט קוים קלעקן פאַר אייך ביידן צו קויפן וואַרעמע קליידער אויפן וועג. די הלוואה וואָס איך וועל קריגן אין דער גמילות־חסד־קאַסע, וועט אַוועקגיין אויף הוצאות הדרך. די אַריבערפירער, די בלוט־צאַפּער, ווילן אַ מטמון מיט געלט.

ניין, זאָגט ער, איך וויל אַ חתונה מיט קלעזמער.

דו דערציילסט דאָך, זאָג איך צו אים, אַז זינט מען האָט אין רוסלאַנד אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, איז נאָר מען זינגט און נאָר מען טאַנצט דאָרט אין די גאַסן. פאָרסט דאָך אַהין, וועט דיר דאָרט ניט אויספעלן קיין פריילעכקייט און קאַפּעליעס.

האָט זיך מיין חתן איינגעשפּאַרט: נאָר קלעזמער.

און איך פאַרשטיי אים! קיין טאַטן האָט ער ניט, קיין מאַמען האָט

ער ניט, און נעמען נעמט ער אַ מיידל פון אַ בוידעם אין ראַמיילעס הויף. נדן קריגט ער קדחת מיט כשרע פּאָדעם. האָט ער זיך צעבונטעוועט קעגן גאָט און וויל כאָטש איין טאָג אין זיין לעבן ניט זיין קיין אָרעמאַן.

הכלל, ער האָט אויסגעפּירט. ער איז נאָך אַ בעל־רחמים, האָט ער אַביסל אַרונטערגעלאָזט, איך זאָל ניט דאַרפן דינגען קיין זאַל. בין איך אַרומגעלאָפן אַ פאַרסמטער, ביז איך האָב געפונען אַ באַלעבאָס וואָס איז מסכים, אַז ביי אים אין שטוב זאָל זיין די שמחה. דערנאָך איז געקומען דיין ביילקע מיט אַ גדולה, אַז זי האָט אַזעלכע שפּילער, וואָס מען דאַרף זיי ניט באַצאָלן. די פּאָרלעך וואָס טאַנצן, באַצאָלן זיי. ביילקען ווילט זיך זייער מיט דיר טאַנצן... און דו, טאַטע, זאָגט צו מיר מיין לאהלע, דו וועסט זינגען, דו האָסט דאָך אַ שטים. אַוודאי וועל איך זינגען, זאָג איך צו איר, איך וועל זינגען „שושנת יעקב צהלה ושמחה״, דו ביסט ביי מיר אַ רויז; אַ רויז וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ראַמיילעס הויף.

אין ראַטן־פּאַרבאַנד, רופט זיך אָפּ מיין חתן, זיינען ניטאָ קיין טוכלע הויפן, דאָרט זיינען גלעזערנע געביידעס. דער ראַטן־פּאַרבאַנד, זאָגט ער צו מיר, איז אַזוי גרויס, אַז דאָרט גייט קיינמאָל ניט אונטער די זון. ווען זי גייט אונטער ביי די באָלשעוויקעס אין מערב, גייט זי אויף ביי די באָלשעוויקעס אין מזרח. אַ מדינה, זאָגט ער, אַ זעקסטל פון דער וועלט.

קוק איך אויף אים און קלער: פּסחקע דער שטעפּער דאַרף אַ מדינה אַ זעקסטל פון דער וועלט. ער קלייבט זיך, ווייזט אויס, דאָרט צו ווערן שלמה המלך, וואָס רייט אויף אַ וואָלקן, עסט אָנבייסן אין ירושלים און וועטשערע ביי דער מלכה שבא.

זעט פּסחקע, אַז די לענג און די ברייט פון זיין ממשלה האָט ביי מיר אַ קנאַפּע ווערט, האָט ער פאַר מיר אַן אַנדער נחמה.

אין ראַטן־פּאַרבאַנד, גיט ער מיר צו פאַרשטיין, וואָלט איר ניט געשטאַנען הינטער דער בימה. דאָרט וואָלט איר געווען אַ באַלעבאָס גלייך מיט אַלע בעלי־בתים. איר וואָלט יעדן טאָג געקענט דאַוונען ביים עמוד.

ווי געפעלט דיר דער חכם? ער מיינט, אַז עס קרענקט מיך ביזןביין וואָס איך דאַוון ניט ביים עמוד.

און וועלוול צעלאַכט זיך מיט אַ בייסיק געלעכטערל.

זינט איך געדענק אים, האָט ער זיך ניט געביטן, זיין בערדל איז ניט געוואָרן גרויער און זיין פּנים ניט עלטער, נאָר דער הויקער אויף זיין בייניקן רוקן איז אויסגעוואַקסן. וועלוול הוסט מיט אַ טרוקענעם הוסט. בעת מעשה בייגט זיך אין זיין געבויגענע פּלייצע נאָך מער און דער האָרב טוט אַ שפּרונג, אַ שפּרונג, ווי אויף זיין רוקן וואָלט געזעסן אַ

לעבעדיק באַשעפעניש, אַ גרויסע זשאַבע, וואָס יאָגט אים כסדר. אונטער ער זאָל שטעפּן, הוסטן און ריידן:

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט געשטופּט צום ברעטל. ביי אַ לוויה, אויב דער בר־מינן איז אַ פּראָסטער אָרעמאַן, בין איך זיך טאַקע מתעסק; אויב דער מת איז אַ רב, אַ פּרוש, און עס איז אַ כבוד צו זיין פון די נושאי המטה, שטיי איך פון דער וויטן און הער די הספּדים. אָבער צו דאַוונען יום־טוב ביים עמוד, פאַרשטיי איך אַליין, אַז עס זיינען דאָ בילכערע. מען זאָגט אַפילו, אַז איך האָב אַ שטאַרק קול. נאָר אין מיין קול, ווייס איך, איז ניטאָ קיין תחנונים, רק כעס, רק טענות. אמת, אַז איך הער אַ גוטן ספּדן, קען איך זיך צעוויינען, אָבער איך אַליין, אַז איך דאַוון, שריי איך ווי אַ רוצח. שטיי איך אַ באַגראָבענער אין מיין ווינקל און עס פאַלט מיר אַפילו ניט איין אַ קוק צו טאָן צום עמוד. איך ווייס, אַז נעילה דאַוונט ר׳ קלמנקע, מוסף דאַוונט ר׳ זלמנקע, שחרית דאַוונט ר׳ זרחל, און פון פאָרנט דאַוונט ר׳ ברוכל.

מאַכט זיך אַ מעשה, ר׳ ברוכל קען ניט גיין צום ברעטל. דאָס איז געווען בערך אַ יאָר פאַר זיין פּטירה. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מת, מער ניט בלומעלע האָט אים ״אָפּגעשריען״. ווען מען ״שרייט אָפּ״ מיך, וואָלט איך יענעם דערהרגעט. וויניק זיך אָנגעמאַטערט אויף דער פּאַס־קודנער וועלט? אָבער ר׳ ברוכל איז ניט אַזאַ גזלן ווי איך, ער איז אַן עולה תמימה, אַ גוטינקער, אַ שטילינקער, אַ נכנע, און דאַוונען יום־טוב ביים עמוד, קען זיין אַ זכות אין הימל אַריינצוציען נאָך אַ יאָר. נאָר אַז ער איז אָפּגעשלאָפט און מען הערט פאָרט ניט וואָס ער פּרעפּלט, זאָגט צו מיר דער גבאי: ווּעלוול, גיי צום עמוד. ס׳איז פּונקט ניט געווען קיין אַנדער ייד, וואָס איז מער מרוצה צו קהל ווי ווּעלוול. טראַכט איך: ווער זאָל גיין צום ברעטל, איך? מיין אויסזען, מיין הילוך, מיין חשיבות? זאָגט צו מיר דער גבאי נאָך אַמאָל: ווּעלוול, גיי! טראַכט איך: ווער וועט אָפּזאָגן, איך? דער נגיד וואָס איך בין, די צדקה וואָס איך גיב אויפן בית המדרש? ווועל איך כאָטש מנדב זיין אַ דאַוונען. גיי איך. ווי איך האָב געדאַוונט, האָב איך געדאַוונט. אַ גרויסע מעשה! אָפּזאָגן פון פאָרנט, איז ווי אויסנייען לעכלעך, להבדיל, און איך גיי צוריק אויף מיין אָרט הינטער דער בימה.

נאָכן דאַוונען זע איך ווי ר׳ ברוך רוקט זיך צו מיר מיט פּיטשע־מאָנטשיקע טריטעלעך. קלער איך, ער איז אָפּגעשוואַכט, וויל ער איך זאָל אים אָפּפירן אַהיים. ווּעמען דען וועט ער בעטן, אַ רייכן בעל־מלאכה, וואָס איילט זיך מאַכן קידוש? ערשט ר׳ ברוכל גייט אַרויס מיט טענות. לעבן מיין שטוב איז דאָ אַ בית־מדרש, זאָגט ער, און איך האָב זיך געשלעפּט

אַהער, ווייל איך האָב דאָ אַ חזקה צו דאַווענען יום־טוב ביים עמוד. האָסטו צוגענומען מיין חזקה, זאָגט ער. האָסט, וועלוול, מבייש געווען אַן אַלטן חבר, זאָגט ער. דו הערסט אַ מענה לשון?

פרעג איך ביי דיר, — נעמט וועלוול רייסן פון כעס מיט די ציין די פעדים פון אַ שלעכט אויסגענייט לעכל, — צו אַ באַלעבאָס וואָלט ר' ברוכל אויך אַזוי גערעדט? דאַכט זיך, אַזאַ שוואַכינקער, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים, איינגעבויגן איז ער ביז צו דער ערד, נאָר אַלץ שטאַרקער און חשובער פון מיר. צו אַ שניידער וואָלט ער אַזוי ניט גערעדט. אַפילו צו אַ לאַטוטניק פון לייבע־לייזערס הויף וואָלט ער אַזוי ניט גערעדט. נאָר צו מיר, דעם קהלשן באָק, דעם קאַזיאָנעם לוויה־גייער, דעם פינפטן ראָד צום וואָגן, צו מיר, דעם קינצלער וואָס נייט לעכלעך פאַר די טאַנדעטניקעס — צו מיר מעג מען ריידן, וואָס דאָס שפּייעכץ ברענגט אין מויל אַריין.

**ווען** וועלוול רעדט, פיל איך ווי מיר וואָלט אָנגעוואַקסן אַ גרויע באָרד, און איך זיץ אין אַ מושב זקנים מיט אַלטע לייט, וואָס פירן צווישן זיך ברוגזן פון אַמאָליקע צייטן. איך קוק אויפן שניי, וואָס פאַלט אויפן קרומען דאַך־פענצטער פון בוידעם־שטיבל, און איך טראַכט, אַז דער ווינט קערט איצט אָפּ דעם שניי פון ר' ברוכל און בלומעלעס קברים. זייערע מצבות טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, ווי די צוויי אַלטיטשקע ביים לעבן.

— מיר קוקט אויס, אַז איר זייט מגזם, — זאָג איך צו וועלוולען, — איר אַליין האָט געזאָגט, אַז ר' ברוכל איז געווען אַן עולה תמימה און געוואָלט האָבן אַ זכות אין הימל. דעריבער האָט ער זיך געשראָקן, וואָס ער האָט ניט זוכה געווען צו דאַווענען ביים עמוד. ניט ער האָט אייך מבטל געווען און ניט די גבאים פון חברה פועלים ווייזן אייך אַרויס ביטול. מסתמא דאַכט זיך עס אייך אויס.

— אַוודאי ווייזן זיי עס מיר ניט אַרויס, — טוט וועלוול אַ שפּרונג, — איך וואָלט זיי די אויגן אויסגעקאַלופּעט! נאָר איך ווייס וואָס זיי קלערן אין האַרצן. און אויב זיי קלערן עס ניט, קלער איך אַליין, אַז מיר קומט ניט קיין כבוד. און קיין עולם הבא קומט מיר אויך ניט. מיין עולם הזה זעסטו דאָך! נאָר אויך עולם הבא קומט מיר ניט אַפילו אַ ברעקל. די תורה וואָס איך לערן און די צדקה וואָס איך גיב, קענסטו נאָך פאַר־ענטפערן: אַן אָרעמאַן און אַן עם־האָרץ. אָבער ווער לאָזט מיך ניט זיין קיין רך לב און אַ נוח לבריות, ווי עס איז געווען ר' ברוכל? זעסטו מיין ראָכע, עליה השלום, איר קומט עולם הבא, איר קומט גן עדן.

זי האָט געליטן און גענומען אויף זיך די יסורים: זי האָט געשמיכלט. און ניט בלויז פון דחקות, אויך פון מיר, איר משוגענעם מאַן, דעם רשע מרושע, האָט זי געליטן; צוליב איר מסכים זיין מיט די צרות, צוליב איר שמייכלען שטענדיק האָט זי פון מיר געליטן. איך שריי צו איר: וואָס שמייכלסטו? חכמה מיינע, וואָס פאַרשטייסטו וואָס איך פאַרשטיי נישט? גיי צום דאָקטאָר פון הקדש, זאָל ער דיך אויסהיילן פון דיין נאַרישן שמייכל. דאָס איז ביי דיר אַ חולאת, אַ מין געליימטקייט אַרום מויל. האָב איך צו איר געשריען. איך זע ווי אירע ליפּן ציטערן, אָט וועט זי זיך, דאַכט זיך, שוין צעוויינען — און שמייכלט ווידער.

נאָר אויף בלומעלעס לוויה האָט זי אַזוי געוויינט, ווי אַ מאַמע וואָלט איר געשטאָרבן. ס'איז געווען אַ פראָסט און אַ ווינט, וועלף צו טרייבן. אַפילו איך, דער קאַזיאָנער לוויה־גייער, האָב דעם טאָג ניט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון טיר. דווקא אין אַזאַ טאָג קומט אַרויף דער שמש פון חברה־פועלים און ברענגט מיר אַ בשורה, אַז בלומעלע איז געשטאָרבן. קלער איך: ווער וועט עס גיין אין אַזאַ ברענענדיקן פראָסט צו איר לוויה? ס'איז אַ מת מצווה. גיי איך, און מיין ראָכע גייט מיט. אויפן פעלד איז כמעט קיינער נישט געווען. נאָך ר' ברוכלס טויט, האָט בלומעלע זיך דאָך אַרויסגעצויגן פון אייער הויף, פאַרקליבן זיך ערגעץ וואו אויף פּאָפּלאַוועס, און דער שמש האָט זיך געפוילט אין אַזאַ פראָסט צו גיין אָנזאָגן אַפילו דיין מאַמען. אויפן פעלד איז די זאַווערוכע און די קעלט נאָך גרעסער. איילט מען זיך מיט דער קבורה, קיין הספדים זאָגט מען ניט, און קיינער פאַרגיסט ניט קיין טרער. בלומעלע האָט אויסגעלעבט אירע יאָרן. מער ניט מיין ראָכע צעגייט פון געוויין. זי בייגט זיך איבערן אָפענעם קבר און רעדט אַריין: בלומעלע, גאָט זאָל אייך באַצאָלן. וואָס באַצאָלן און פאַרוואָס באַצאָלן — ווייס איך ניט. מיר קומען פון בית עולם, דערציילט מיר ראָכע, אַז בלומעלע פלעגט איר אָפטמאָל געבן אַ גמילות־חסד, איך זאָל ניט וויסן. דו וואָלסט דאָך געשריען, אַז מיר האָבן ניט פון וואַנען אָפּצוגעבן, זאָגט צו מיר ראָכע. בין איך ווידער דער רשע און דער בעל גאווה.

ערשט ווען ראָכע איז געשטאָרבן, איז פון איר פּנים אַראָפּ דער שמייכל. זי האָט טויטערהייט אויסגעזען אַזוי בלאַס און פאַרמאַטערט, ווי מען וואָלט פון איר אַראָפּגענומען קייטן, וואָס זי האָט געטראָגן אַ גאַנץ לעבן. אַז אַ מענטש פאַרקיטעוועט און פאַרגיפּסעוועט זיין פּנים מיט אַ שמייכל כלומרשט, ער זאָל ניט קאָנען שרייען פון ווייטיק, איז אַ וואונדער אַז ראָכע האָט געהאַט אַ קורצן אָטעם? איצט ציטער איך, מיין לאה זאָל אָקאָרשט ניט נעמען שמייכלען ווי די מאַמע אירע.

נאָר זינט ראָכע איז געשטאָרבן גיי איך מער ניט אויף לוויות. איך

זוך ניט קיין מצוות פון הלווית־המת. מיר קומט ניט קיין עולם הבא. איך קען אויך מער ניט וויינען ביי די הספדים, אויסגעטריקנט געוואָרן ווי אַן אַלטער צעבער, און טאָמער וואָלט איך נאָך געקענט לאָזן אַ טרער, פאַרגין איך זיך אַליין ניט די הנאה פון זיך אויסוויינען.

מילא, פסחקע איז אַן אַפּיקורוס. ער בונטעוועט זיך קעגן גאָט, קעגן דער וועלט און פּאַרט צו די באַלשעוויקעס. איך, וועלוול, האָב ניט די העזה צו ווערן אַן אַפּיקורוס. נאָר איין קשיה וויל איך ביי דיר פרעגן: אַז משיח וועט קומען, שטייט אין די ספרים, וועט ער רייטן אויף אַן אייזעלע און האַלטן שבת ביי אַן אָרעמאַן. קומט אויס, אַז משיח קען נאָך פאַרפאָרן צו אַ יידן, וואָס וואוינט אויף אַ בוידעם, צו אַן אביון וואָס מען רופט אים ניט ר' זאב און ניט ר' וועלוול, נאָר וועלוול? צו אַזאַ יידן וועט משיח פאַרפאָרן? עס גלייבט זיך עפּעס ניט.

דו קענסט ניט איינזיצן, זע איך, דיר האָבן צוגעגעסן מיינע רייד ווי אַ ביטערע ציבעלע. ביסט גערעכט, איך בין אַ פּלוידער־זאַק. מיר ווערט אָבער אָפּטמאָל ניט גוט פון מיינע געדאַנקען. איך פיל אַ גרימעניש אין בויך און מוז זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. מיינסטו, אַז פון ריידן אָדער פון לאַכן מיט יאַשטשערקעס ווערט כאָטש גרינגער? אַ האָר ניט!

וועלוול פאַרבייסט די ליפּן אַזוי שטאַרק אַז די האָר פון זיין שטעכיק בערדל שטעלן זיך אויף, ווי אַ הויפן נאָדלען וואָלטן זיך פאַרשטאָכן אין זיין גאָמבע. ער זיצט לאַנג אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטרויערטער, און זאָגט לסוף:

— די מיידלעך האָבן שוין באַדאַרפט זיין צוריק. וויזט אויס, אַז עס איז ניט לייכט צו קריגן אומזיסטע קלעזמער. און ווען וועסטו פּראַווען אַ חתונה מיט ביילקען? אַז דו וועסט חתונה האָבן, וועסטו אויך דיין מאַמען מאַכן גרינגער. דו מיט ביילקען וועלן פאָרן צו די באַלשעוויקעס אינ־איינעם מיט מיין לאהלען און פסחקען, און דיין מאַמע וועט שטעלן אַ חופּה מיט ר' מאירן, דעם אייער־הענדלער.

— פון וואַנען וויס איך עס? אַלע וויסן עס, — זאָגט וועלוול, — ר' וויס אַליין ניט צי מיך פאַרדריסט, וואָס וועלוול האָט מיך שוין פאַר־שלייערט מיט ביילקען און אַוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד, אָדער ווייל מיין מאַמע קלייבט זיך שטעלן אַ חופּה מיטן אייער־הענדלער.

— פון וואַנען וויס איך עס? אַלע וויסן עס, — זאָגט וועלוול, — ר' מאיר איז אַ ייד, וואָס אַלע בעלי־בתים בענטשן זיך מיט אים, וועט דייך מאַמע האָבן אַ מאַן אי פאַר גאָט און אי פאַר לייטן. מיט וועמען דען זאָל דיין מאַמע שטעלן אַ חופּה, מיט מיר?...

# דער נסיון

שבת אינדערפרי קומט די מאַמע פון דאַוונען מיט אַן אָנגעצויגן פּנים און אַראָפּגעלאָזטע אויגן. זי גייט אַריין אין שטוב אַ שווייגנדיקע, לייגט אַוועק דעם סידור אויפן וואַרשטאַט און גיט אָנגעשטרענגט אַ מורמל מער צו די קוזניע־ווענט ווי צו מיר:

— גוט שבת.

איך זע, אַז זי איז צעקלעמט. זי טוט ניט אויס דאָס אָפּגעקראָכענע האַלבע פוטערל, איר שבתדיקער פּוץ זינט איר חתונה, און זעצט זיך אַרונטער אויף אַ בענקל אַ פאַראומערטע.

— ס'וואָלט געווען גלייכער ווען דו אַליין רעדסט מיט מיר, און שיקסט ניט צו מיר קיין שלוחים, — זאָגט זי נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת.

— וואָס פאַר אַ שליח האָב איך צו דיר געשיקט?

— דו האָסט געשיקט צו מיר וועלוולען דעם שניידער.

קוק איך זי אָן פאַרוואונדערט, און פון מיין בליק פאַרשטייט זי, אַז איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. דערציילט זי מיר, אַז וועלוול דער שניידער, וואָס דאַוונט אין חברה פּועלים, האָט דעם שבת געדאַוונט ביי אונדז אין קלויז. ווען זי איז אַרויס פון ווייבער־שול, האָט ער אויף איר געוואַרט און גענומען ריידן צו איר ביז און מיט פּאַראיבל, ווי וועלוול קען, אַז זי דאַרף ניט פאַרווערן איר זון חתונה האָבן מיטביילקען און פאָרן מיט איר קיין רוסלאַנד. אָט האָב איך אַן איינציקע טאָכטער, האָט ער געזאָגט, און איך לאָז זי אַוועק מיט איר מאַן צו די באָלשעוויקעס. און אַז ביילקע האָט ניט קיין נדן, דאַרף זי פאַרזיצן? האָט וועלוול געפרעגט.

— און איך פרעג ביי דיר, — רעדט צו מיר די מאַמע באַהאַרצט, — איך האָב ווען־ניט־איז אויף מיין מויל געבראַכט, דו זאָלסט ניט חתונה האָבן מיט ביילקען? ער איז דאָך גערעכט, וועלוול, און אַז ביילקע איז אַן אָרעם מיידל, דאַרף זי פאַרזיצן? איכל דיר זאָגן דעם אמת: איך האָב גאָרניט צו די אָרעמע מיידלעך, וואָס פירן ליבעס. ווי דען זאָלן זיי חתונה האָבן, אויב ניט דורך ליבעס, שדכנים זאָלן זיי שיקן? מער ניט די הייַנטיקע בחורים זיינען שילועס. זיי נעמען אַ יידישע טאָכטער, צעברעכן

איר דאָס האַרץ און וואַרפן זי דערנאָך אַוועק, זי זאָל באַווײנען אירע יאָרן, ווי עס זינגט זיך אין די לידער. האָב חתונה מיטביילקען, אדרבא, זי געפעלט מיר זייער. זי איז אַ שיינע, אַן איידעלע און אַ פּראַצאַוויטע, ניט קיין אָנגעפּאַרבטע ליאַלקע. אָבער פאַרוואָס זאָלט איר אַוועקפאָרן און מיך לאָזן אַליין?

— מאַמע, איך האָב קיינמאָל ניט געבעטן ביי װעלוולען ער זאָל מיט דיר ריידן, און ביילקע האָט עס ביי אים אויך ניט געבעטן. ער וויל מיר זאָלן פאָרן אינאיינעם מיט זיינע קינדער, זיי זאָל זיין פריילעכער.

— ביילקע וועט ביי מיר זיין ווי אַן אייגענע טאָכטער, — זאָגט די מאַמע אַ דערפרייטע און ציט אָפּ דעם אָטעם, איר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, — איכל נאָך דערלעבן נחת פון אייך און אַרומטראָגן אַן אייניקל אויף מיינע הענט. בלומעלע, עליה השלום, פלעגט אין אירע קינדערס בריוו געפינען איינגעקלעפּט ברעקלעך לעקעך. ביי אונדז איז אַ שמחה געווען, שיקן מיר דיר כיבוד, האָבן די קינדער געשריבן. און מיין שותפטע, אָפּגעשיידט זאָל זי זיין, פלעגט, נעבעך, וויינען אי פון צער און אי פון פרייד. אָפטמאָל זיינען די בריוו געווען פאַרשריבן מיט אַזעלכע דריידלעך, וואָס אַ קענער פון אַלע זיבעציק לשונות וואָלט עס ניט געקענט איבערלייענען. דאָס האָבן אירע שניר גענומען זייערע קינדערלעך, אַריינגעשטעקט אַ פּען צווישן די פינגערלעך, און געפירט מיט די הענטלעך איבער די בייגעלעך פּאַפּיר — אַ גרוס צו דער באָבען. פאַרשטייסטו דאָך ווי בלומעלען איז געווען אויפן האַרצן, וואָס זי איז ניט זוכה אויסצוקושן אירע אייניקלעך. דעריבער וואונדערט מיך גאָרניט, וואָס זי האָט געוואָלט פאָרן צו אירע קינדער קיין אַרגענטינע און זיך געאַמפּערט מיט איר ר׳ ברוכלען וואָס האָט געוואָלט פאָרן דווקא קיין ארץ ישראל. אָבער איך, מיין זון, וויל קיין רוסלאַנד צו די באָלשעוויקעס ניט פאָרן, זאָלסט מיך אָפּגילטן! איך האָב געהערט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דאָרט צוגעמאַכט אַלע קלויזן. חוץ דעם האָב איך געהערט, אַז זיי לאָזן ניט אַריין קיין אַלטע לייט. זיי נעמען אַריין נאָר אַזעלכע, וואָס קענען אַרבעטן. איז ניט גלייכער, מיין זון, איר זאָלט דאָ בלייבן און איך זאָל נאָך דערלעבן נחת פון אייך? דער אייבערשטער קען אייך אויך דאָ העלפן. דער אייבערשטער איז אומעטום. און ווי־ניט־ווי וועסטו דאָ בלייבן ביי יידיש־קייט מער ווי דאָרטן, — פירט אויס די מאַמע ווייך און מיט געבעט.

— ביילקע וועט מיט מיר פאָר קיין פאַל ניט חתונה האָבן, אויב איך וועל ניט פאָרן מיט איר קיין רוסלאַנד.

— האַ? פאַרוואָס?

— ביילקע זאָגט, אַז דאָ וועט זי שטענדיק פאַרשוואַרצט ווערן ביי

דער ניי־מאַשין, אָבער אין רוסלאַנד וואַרטן אויף איר גליקן. דעריבער וויל זי דאָ בשום אופן ניט בלייבן.

די מאַמע בלייבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אירע הענט ליגן אין איר שויס ווי אָפּגעחלשטע, און זי קוקט אויף אירע אויסגעהאַרעוועטע פינגער, וואָס זיינען צעשפּאָלטן פון פראָסט און אויסגעקרימט פון פּראַצע.

— איז דאָך וועלוול דער שניידער גערעכט, — זאָגט זי אַ צערו־דערטע, — דו ווילסט מיך ניט לאָזן אַליין, דעריבער ווילסטו ניט חתונה האָבן מיטביילקען און אַוועקפאָרן. קוקט אויס, אַז איך בין די שולדיקע און צוליב מיר וועסטו אַוועקוואַרפן דיין כלה, די יתומה.

— דערווייל איז זי נאָך ניט מיין כלה.

— וואָס הייסט, זי איז ניט דיין כלה? דו ביסט דאָך מיט איר אַרומגעגאַנגען און איר פאַרדרייט דעם קאָפּ? נו, איך מיין... אַ קוש, אַ גלעט האָסטו איר קיינמאָל ניט געגעבן?

— דאָס יאָ — זאָג איך.

דער מאַמעס פּנים צעשיינט זיך, זי טוט אויף מיר אַ קוק, ווי זי וואָלט זיך געחידושט: זינט ווען איז עס איר יינגל געוואָרן אַ גאַנצער מאַנסביל? נאָר באַלד ווערט זי צוריק ערנסט. מיט וואָס האָט זי זיך, מישטיינס געזאָגט, צו גרויסן, מיט דעם וואָס ביי איר זון איז רעכט צוליב אַ שטיף און אַ לאַך פאַרדרייען אַ מיידל דעם קאָפּ? זי טוט אויס דאָס האַלבע פוטערל, וויקלט זיך אַרום מיט דער פאַטשיילע און קלייבט זיך גיין נאָכן טשאָלנט.

— מאַמע, — רוף איך זי צוריק, — איך דאַרף נאָך מיט דיר עפּעס ריידן. דיין גאַנץ לעבן האָסטו געטראַכט בלויז וועגן מיר, אַן זיך האָסטו פאַרגעסן. ווי לאַנג איך בין געווען אַ יינגל, האָסטו ניט געוואָלט איך זאָל האָבן אַ שטיף־טאַטן. ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָסטו געוואָלט אַריבערוואַרטן ביז איך וועל חתונה האָבן. איצטער, אַז צווישן מיר און ביילקען איז גאָרניט געוואָרן, וויל איך ניט דו זאָלסט ווייטער וואַרטן. דו ווילסט שטעלן אַ חופּה מיט ר׳ מאירן?

די מאַמע נעמט אַוועק איר האַנט פון דער טיר־קליאַמקע און בלייבט שטיין צו מיר מיטן רוקן.

— דו וועסט ניט טראָגן קיין האַרץ אויף מיר, אויב איך וועל שטעלן אַ חופּה מיט ר׳ מאירן?

— וואָס דיר פאַלט איין! ר׳ מאיר איז אַן איידעלער ייד און איך ווייס, אַז ער וועט דיך האַלטן ערלעך. וועסטו שטעלן אַ חופּה מיט ר׳ מאירן?

די מאַמע גייט צוריק פון דער טיר מיט אָפּגעשוואַכטע פאַמעלעכדיקע טריט, ווי זי וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון קראַנקן־בעט.

— ר׳ מאיר, — זאָגט זי שטיל, — איז אַ פײַנער ייד. ווען ער ברענגט זײַן סחורה צו די באַלעבאָסטעס, בעטן זיי אים זיצן, האָבן הנאה פון שמועסן מיט אים און זײַנען אים מכבד מיט אַ גלאָז טיי.

— זעסט, מאַמע, איך זאָג אויך דאָס זעלבע. אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט ר׳ מאירן, וועסטו נעמען לעבן אויך פאַר זיך, ניט בלויז פאַר מיר.

— איך וועל האָבן ווער עס זאָל פאַר מיר קידוש מאַכן, — זאָגט זי נאָך שטילער, — דו, מײַן זון, מאַכסט קידוש צוליב מיר, ניט ווײַל דער אײבערשטער האָט אַזוי געהייסן, און דו בענטשסט ניט נאָכן עסן.

— און ר׳ מאיר וועט דיר אויך העלפן ביי דער פרנסה, — זאָג איך.

— און ר׳ מאיר וועט מיר אויך העלפן ביי דער פרנסה, — חזרט זי איבער, — ער איז, קיין עין הרע, אַ ייד אַ בר־מזל. ווען ער שטעלט זיך אָפּ ביי מײַנע קאָשיקעס, נעמען גיין צו מיר קונים פון אַלע זײַטן. און אַז ער זאָגט די ווײַבער אַ מקח אויף מײַן סחורה, דינגען זיי זיך ניט מיט אים. מען האָט פאַר אים דרך ארץ.

— ער איז אַליין אויך אַ פאַרדינער, — גיב איך צו.

— אַ סך אַ גרעסערער פון מיר, — שטימט איין די מאַמע שטאַרק צופרידן, — כאָטש ער טראָגט אַרום זײַן סחורה אין אַ קאָשיקל, מאַכט ער מער ווי איך פון מײַן גאַנצער קראָם.

— און קיין דינסט ביי זײַנע קליינע קינדער וועסטו אויך ניט דאַרפן זײַן. ער האָט אויסגעגעבענע טעכטער.

— און פײַן אויסגעגעבן! — רופט זי אויס מיט אַזאַ שטאָלץ ווי ר׳ מאירס טעכטער וואָלטן געווען אירע לײַבלעכע פּלימעניצעס, — איך וועל ניט דאַרפן זײַן קיין שטיף־מאַמע.

די מאַמע ווייסט ביז היינט ניט, צי זי האָט יוצא געווען פאַר אירע שטיף־זין. איר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז זיי קוקן אויף איר קרום, וואָס זי פאַרנעמט זייער מאַמעס אָרט. האָט זי זיך קיינמאָל ניט צוגערירט צו די קליידער, וואָס זײַנען געבליבן פון דער געשטאָרבענער, און געווען איבערגעגעבן איר מאַנס זין מער ווי זי איז עס צו איר בן־יחיד. ווי מען זאָל זיך ניט פירן מיט אייגן בלוט און פלייש, וועט מען גאָרניט זאָגן, נאָר אַז מען קומט אָן צו אַ מאַן מיט קינדער, איז טאָמער אַ האָר, זאָגט די וועלט: אַ שטיף־מאַמע.

און די מאַמע פאַרענדיקט אירע געדאַנקען אויפן קול:

— איך וואָלט מער קיינמאָל ניט חתונה געהאַט מיט אַ יידן אַ מטופל מיט קינדער.

— איז וואָס בלײַבט, מאַמע, וועסט שטעלן אַ חופה מיט ר׳ מאירן?

זי קוקט מיך אָן צעטומלט, ווי זי וואָלט לגמרי פאַרגעסן פון וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן דעם שמועס.

— און דו?

— איך וועל זיך אַרויסקלייבן אין אַ צימער.

— ניין, — זיפצט זי אָפּ, — איך וועל קיין חופּה ניט שטעלן ווי לאַנג דו האָסט ניט חתונה.

— אָבער פאַרוואָס? איך קען דאָך אַרויסגיין וואוינען באַזונדער. נאָר אויב דו ווילסט דורכאויס, וועל איך בלייבן וואוינען מיט אייך צוזאַמען. איך וועל גוט אויסקומען מיט ר׳ מאירן, איך זאָג עס דיר צו.

— ניין, — שאָקלט זי מיטן קאָפּ, — איך וועל קיין חופּה ניט שטעלן ווי לאַנג דו האָסט ניט חתונה. איך דאַרף ניט מען זאָל ריידן פון מיר, אַז איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטן, ביז מיין זון וועט געפינען זיין זיווג. איך וויל עס אויך ניט טאָן דיין טאַטן, עליו השלום. און איך ווייס גאָרניט, צי ר׳ מאיר וואָלט געוואָלט זיין מיט דיר צוזאַמען. איך וויל ניט קיין מאַן מיט קינדער, איז פאַרוואָס זאָל ער וועלן אַן אלמנה מיט אַ זון? דערצו האָסטו נאָך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון יידישקייט, און ר׳ מאיר איז זייער אַ פרומער. איך בין אַ מאַמע — לייד איך, אָבער ער איז ניט דיין טאַטע. האָב איך געקלערט, אַז דו וועסט געפינען דיין באַשערטע, וועל איך זיך אויך גרינגער מאַכן.

— ווילסטו איך זאָל חתונה האָבן מיט ביילקען און אָוועקפאָרן מיט איר קיין רוסלאַנד? אַנדערש וועט זי ניט באַשטיין.

— ווי מיינסטו? — ציטערן אירע ליפּן, — איך וויל אָוועקלאָזן פון זיך דעם איינציקן זון אַבי חתונה האָבן, ווי מיינסטו, בן יחיד מיינער?

— איך ווייס אויך, אַז אַ מאַמע איז איינע, — גלעט איך זי איבערן שייטל און קוש זי.

— קוש מיך ניט, איך בין ניט קיין ספר תורה, — זאָגט זי שטרענג און אירע באַקן צוקן, איר גאַמבע שפּרינגט, ווי זי וואָלט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג זיך ניט צו צעוויינען, — דו האָסט געקענט אַרומגיין מיט אַ מיידל, וואָס איר ציט ניט ווי מיט צוואַנגען צו די באָלשעוויקעס, און איך זאָל ניט דאַרפן אויסקלייבן צווישן דיר און ר׳ מאירן. נאָר אַזוי איז שוין מיין פינצטערער מזל, איך זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד.

און די מאַמע גייט אַרויס נאָכן טשאָלנט.

ווען זי קומט צוריק, איז איר פּנים טרוקן און רויט, ווי זי וואָלט געוויינט. זי שטעלט אַוועק דעם טאָפּ, טוט אויס די פאַטשיילע און גרייט צום טיש.

— דער טשאָלנט איז קאַלט געוואָרן און דער בעקער האָט צו מיר געהאַט טענות, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג באַדאַרפט אויף מיר וואַרטן.

דו פֿאַרדרייסט מיר דעם קאָפּ מיט דיינע נאַרישקייטן, — זאָגט זי מיט כעס. איר קינבאק איז האַרט און איר שטערן געקנייטשט, ווי זי וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט אַרויסצושלאָגן זיך פֿון קאָפּ אַלע חלומות.

ביסלעכווייז גייט אָפּ די פֿאַרשטייפּטקייט פֿון איר געזיכט, אירע לאַנגע וויעס לאָזן זיך פּאַמעלעך אַרונטער, און זי נעמט אונטערשמייכלען.

— אַ מאָדנער ייד וועלוול דער שניידער. ער איז, דאַכט זיך, געקומען ריידן וועגן דיר און ביילקען, נאָר ריידן רעדט ער אויך פֿון ר׳ מאירן. ווען אייער זון וועט אָוועקפֿאָרן, וועט איר חתונה האָבן מיטן אייער־הענדלער, זאָגט צו מיר וועלוול מיט אַ מאָדנער אויפֿגעבראַכטקייט. ר׳ מאיר איז אַ ייד מיט אַ הדרת פּנים, אַ הויכער, אַ גלייכער, ניט מיט קיין אויסגעצופּט בערדל, זאָגט ער צו מיר, און בשעת מעשה צופּט ער טאַקע זיין בערדל. אַן אַנדערער וואָלט ניט דערמאָנט זיין אייגענעם פֿעלער, און ער רעדט אָפֿן פֿון זיין געבויגענער פּלייצע. ר׳ מאיר, זאָגט ער צו מיר מיט רוגזה, איז דאָך אייבערשטע פֿון שטויסל ביי די באַלעבאָסטעס, און ניט קיין לעכל־נייער פֿון אַ בוידעם אין ראַמיילעס הויף. און ער כעסט זיך, וועלוול, ער עקט זיך. אַבי איך האָב געמיינט, אַז נאָר צווישן אונדז, הענדלערקעס אויף דער גאַס, איז דאָ קנאה. נאָר צוריק געשמועסט איז אים איצט ניט צו פֿאַרדענקען, ער לאָזט אָוועק זיין טאָכטער און בלייבט אַליין.

זי בלייבט זיצן אַ פֿאַרטראַכטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— מאַמע, פֿאַרוואָס עסטו ניט?

— עס ווילט זיך מיר ניט עסן, דאָס האַרץ איז מיר פֿאַרלייגט. דו — עס. דער טשאָלנט איז אַ ביסל אויסגעקילט, נאָר געראָטן איז ער, ווי פֿאַר אַ גאָר געהויבענעם גאַסט.

זי דרייט אָוועק דעם קאָפּ פֿון טיש און רעדט מיט אַ טרויעריקן שמייכל צו אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט, וואָס ליגן אין שויס:

— ר׳ מאיר קען נעמען אַ יונגע פֿרוי, אַפֿילו אַ גבירטע, ער זאָל ניט דאַרפֿן אַרומטראָגן קיין אייער אין קאָשיק. איך הויב ניט אָן צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס ער וויל דווקא מיך. עס וואָלט געווען אַ געלעכטער איך זאָל פֿון אים פֿאַרלאַנגען, ער זאָל וואַרטן ביז מיין זון וועט חתונה האָבן. ער וועט קריגן אַ רייכערע פֿון מיר און אַ ייִנגערע פֿון מיר.

# מען געזעגנט זיך

לאהלעס חתונה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קריגערײַ צווישן דער כלהס טאַטע און די קלעזמער. דער פּלייטיסט, אַ הויכער יונג מיט אַ הונגעריק פּנים, האָט געשריען:

— שלעפּער! איר זייט אַנדערש ניט געוואוינט ווי נאָר צו פּלייטן און פידלען? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז די טענצער וועלן באַצאָלן. וואו זיינען זיי, אייערע טענצער און אייערע מחותנים? ס'איז דאָך געווען אַ לוויה ניט קיין חתונה.

— גזלנים, איר מאָנט נאָך? — האָט זיי וועלוול ניט פאַרשוויגן, — און אַז עס זיינען ניט געקומען קיין מחותנים, האָט איר באַדאַרפט אויפ־פרעסן די גאַנצע וועטשערע? טאָמער האָב איך צוגעגרייט איין פלעשל כרמל־ווין, האָט איר עס אויסגעזשליאָקעט און ניט איבערגעלאָזט אַ לעק, איך זאָל האָבן צו באַנעצן דעם פאַרטריקנטן גומען.

די קלעזמער זיינען אַוועק און געגעבן אַזאַ טראַסק מיט דער טיר, אַז די פענצטער האָבן זיך געטרייסלט. דער באַלעבאָס פון דער דירה איז געוואָרן אַ פאַרצאַפּלטער, ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און געקלאָגט:

— וואָס האָט איר צו מיר? איך האָב אייך געגעבן מיין דירה, מיינע כלים, וואָסי, איך האָב געוואָלט פאַרדינען אַ מצווה. דאַרפט איר מיר נאָך די שויבן אויסברעכן?

— אַז מען וויל פאַרדינען אַ מצווה, דאַרף עס קאָסטן, — האָט אים וועלוול האַרט געענטפערט.

און צו זיין איידעם, פּסחקע דעם שטעפּער, האָט וועלוול אַזוי גע־זאָגט:

— ס'איז דיין קאָפּ! דיר האָט זיך פאַרוואָלט אַ חתונה מיט קלעזמער. הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן! זע אָקאָרשט אַז פון דער פרייַלעכקייט און פון די קאַפּעליעס, וואָס וואַרטן אויף דיר אין רוסלאַנד, זאָל זיך ניט אויסלאָזן ווי פון דער היינטיקער שמחה.

אין די אויסגעליידיקטע שטיבער האָבן די אַנגעצונדענע לאָמפּן

טעמפּ געגלאָצט מיט אַ געלבלעך פּייכטן גלאַנץ. דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן אויסצולעשן די עלעקטרע:

— מיין בלוט ברענט! ס'איז שוין האַלבע נאַכט, אויס חתונה!

וועלוול דער מחותן האָט נאָך אַלץ געזוכט קרבנות פאַר זיין ביטער געמיט, האָט ער געיאָדעט ביילקען:

— דו, דו ביסט שולדיק! דו ביסט געשפּרונגען ווי אַ ציג: פאַרלעך וועלן טאַנצן. צום סוף האָסטו ניט געטאַנצט, אַפילו ניט מיט אים, — האָט ער געטייטלט מיט אַ פינגער אויף מיר.

די איינציקע, וואָס האָט וועלוולען געענטפערט, איז געווען זיין אנטוישטע און פאַרשעמטע טאָכטער. לאהלע האָט געהאַט תרעומות צום טאָטן:

— דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט זינגען. ביים עמוד און ביי דער אַרבעט זינגסטו, נאָר אויף דער חתונה פון דיין איינציקער טאָכטער ביסטו געזעסן פאַראומערט און געזיפצט.

בעת איך בין אַרויס אין דרויסן מיט ביילקען, האָט זי מיך ניט געלאָזט איך זאָל זי נעמען אונטערן אָרעם:

— דו האָסט מיך ניט ליב. די גאַנצע צייט ביסטו געזעסן אַ ברוגזער, ווייל מען האָט געקוקט אויף אונדז ביידן ווי אויף חתן־כלה. איבעראַכטאָג שבת צונאַכט פאָרן לאהלע און פסחקע אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי פאָרן דורך גלובאָקע, וועל איך מיטפאָרן און בלייבן אין דער היים ביי דער מאַמען.

ביילקע האָט זיך פון מיר אַרויסגעגליטשט און איז אַוועק אַהיים איינע אַליין.

אַ גאַנצע וואָך בין איך אין די אָונטן געזעסן אין שטוב. די מאַמע האָט מיר זייטיק נאָכגעקוקט, געוואָלט עפּעס פרעגן — און זיך אָפּגע־האַלטן. שבת צונאַכט האָב איך צו איר אַ זאָג געטאָן אַ פאַרכמורעטער:

— היינט ביינאַכט פאָרן אַוועק לאהלע און איר מאַן.

— און ביילקע? — פרעגט די מאַמע.

— ביילקע פאָרט־מיט ביז גלובאָקע, זי וועט בלייבן אין שטעטל ביי איר מאַמען.

— ביילקע פאָרט ניט קיין רוסלאַנד? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז זי וועט מיט דיר בשום אופן ניט חתונה האָבן, אויב דו וועסט מיט איר ניט פאָרן קיין רוסלאַנד? — רופט אויס די מאַמע אַ דערשטוינטע.

— דאָס איז ריכטיק, — ענטפער איך אומגעדולדיק, — אָבער אַן

מיר וויל זי ניט פאַרן קיין רוסלאַנד, און אין ווילנע וויל זי אויך ניט בלייבן, פאָרט זי צוריק אין איר שטעטל גלובאָקע.

— ניטאָ וואָס צו הערן, — שרייט אויס די מאַמע, — זי וואָלט מיט דיר געבליבן דאָ. דו פאַרשטייסט טאַקע ניט, אָדער דו מאַכסט זיך עס כּלא ידע? אויב דו וואָלסט געווען גרייט מיט איר צו פאָרן, וואָלט זי אין דעם געזען אַ סימן, אַז דו האָסט זי ליב. אָבער אַזוי ווי דו ביסט צו איר געוואָרן וואָסערדיק און בלייבן אַליין מיט וועלוולען איז איר אומעטיק, פאָרט זי צוריק אין שטעטל.

די מאַמע נעמט טרויעריק שאָקלען מיטן קאָפּ:

— די אָל איז אַרויסגעקראָכן פון זאַק. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דו האָסט זי מער ניט ליב. איי מיין זון, מיין זון, מילא, אַז איך לייד פון דיר, בין איך אַ מאַמע. איך האָב ר' מאירן געזאָגט: ווי לאַנג מיין זון האָט ניט חתונה, קען איך ניט קלערן פון שטעלן אַ חופּה. נאָר פאַר ביילקען טוט מיר ווייַ דאָס האַרץ. וואַרט, — טוט זי זיך אַ כאַפּ, — דו האָסט געזאָגט, אַז זי פאָרט אַוועק היינט ביינאַכט אינאיינעם מיט וועלוולס טאָכטער און איר מאַן. גייסטו זיך גאָרניט געזעגענען?

— ביילקע איז מיט מיר צעקריגט — ענטפער איך.

די מאַמע שטעלט זיך האַסטיק אויף און גייט צו צו אירע קאָשיקעס. זי קלייבט אויס דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון איר סחורה און מאַכט אַ פּעקל.

— וואוהין גייסטו? — פרעג איך.

— איך גיי זיך געזעגענען מיט וועלוולס קינדער און איבערבעטן ביילקען. אויב דו האָסט גאָט אין האַרצן, זאָלסטו די מינוט מיטגיין.

די מאַמע שטייט מיט אַן אויסגעצויגן שטרענג פּנים, ווי זי וואָלט באַדאַרפט באַשליסן אַ גורל־זאַך. מיט אַמאָל גייט זי געשווינדט אַריין אין צווייטן חדר, איך הער ווי זי פּאָרעט זיך דאָרט ביים צעפּאָרענעם אַלטן וועש־אַלמער, און זי קומט צוריק אַרויס מיט אַ צונויפגעלייגטן טישטעך:

— איך האַלט עס יאָרן און יאָרן, — צעשפּרייט זי אויף די הענט אַ געשטריקטן טישטעך, — אין דער ביטערער מלחמה־צייט האָב איך גענומען אויסדריבלען די ברעגעס, איך זאָל האָבן פּאָדעם מיט וואָס צו פאַרנייען דיינע בגדים, אַ קנעפּל, אַ גוואַלד־ריס, צי סתם אַ לאָך. דו ביסט געווען אַ מזיק און עס איז שטענדיק פון דיר געהאנגען שטיקער. איטלעך מאָל ווען איך האָב אויסגעדריבלט אַ אוצר, האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מער וועל איך עס ניט טאָן, און מיט אַ וואָך שפּעטער — געטאָן דאָס זעלבע. געדענק איך ווי איינמאָל האָסטו זיך צו מיר אָפּגערופן: מאַמע, טשעפּע ניט דעם טישטעך, האַלט עס פאַר מיין כלה. דו ביסט געווען

נאָך גאָר אַ ברעקל, און מיך האָט אַזוי פאַרדריקט ביים האַרצן, אַז איך האָב זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זינט דעמאָלט האָב איך דעם טישטעך מער ניט אָנגערירט. כאָטש ער איז געוואָרן שמעלער און קירצער, איז ער נאָך אַלץ זייער שיין, געמאַכט לויט די שענסטע מוסטערן. קומט מיר אויס, אַז איך דאַרף עס אָפּגעבן ביילקען. זי איז טאַקע ניט דיין כלה, נאָר דו האָסט זי פאַרשעמט. ווען, מיין זון, וועסטו שוין ווערן אַ געזעצטער מענטש און באַרעכענען פריער וואָס דו טוסט? קום!

מיר גייען דורך די פינצטערע איינגעשנייטע געסלעך און די מאַמע זיפּצט די גאַנצע צייט. וואָס נעענטער מיר קומען צו וועלוולס בוידעם־שטיבל, זיפּצט זי אַלץ העכער און טענהט צו מיר:

— איך ווייס ניט וואָס פון דיר איז געוואָרן, דו האָסט דאָך אַמאָל געלערנט, וואו איז דיין תורה און וואו איז דיין יושר? אויב דו ווילסט ניט פאָרן קיין רוסלאַנד, איז מסתמא ווייסטו, אַז דאָרט טויג ניט, היינט פאַרוואָס רעדסטו ניט אָפּ לאהלען מיט איר מאַן?

— הער מיך אויף צו פּייניקן, — שריי איך אויס, — דיר איז וויניק וואָס דו מאָנסט ביי מיר פאַר ביילקען, מאָנסטו נאָך אויך פאַר וועלוולס משפּחה. איך וויל ניט פאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל איך פיל, אַז פאַר מיר טויג דאָרט ניט. געוועזן בין איך דאָרט ניט, און אַלע דער־ציילן גליקן, איז וואָס ווייס איך צו זאָגן וועלוולס טאָכטער? איר מאַן פּסחקע איז אַן אַרבעטער און ער איז אַזוי איינגעגלייבט אין רוסלאַנד, ווי דו אין משיחן. טאָמער וואָלט ער פּלוצים חרטה געקראָגן, וואָלט ערשט דעמאָלט געווען דער אמתער אומגליק. דאָ האָבן זיי ניט וואו צו וואוינען און ביי וואָס צו פאַרדינען. זיי האָבן חתונה געהאַט כדי אוועקצופאָרן. דו זאָלסט זיך דאָרט ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָרום דו וועסט אָנ־מאַכן צרות.

— אָסור זאָל מיר זיין! — פאַרשטעלט זיך די מאַמע דאָס מויל, — מיר איז נאָר זייער ניט צום האַרצן, וואָס וועלוול קען אויף מיר קוקן מיט קנאה הלמאי דו בלייבסט מיט מיר, און ער שיקט אַוועק זיין איינציקע טאָכטער.

ביי וועלוולען טרעפן מיר ביים פאַרפּאַקן זיך. ביילקע טוט אַ פריינד־לעכן שמייכל צו מיין מאַמען, און אַ צערודערטע נעמט זי צונויפלייגן אירע זאַכן אין אַ רענצל. זי איז עפּעס צו שטאַרק פאַרטאָן און זוכט כסדר אַרום זיך, ווי איר וואָלט פאַרלאָרן געגאַנגען אַן אוצר פון אונטער די הענט. פּסחקע פאַרוויקלט די פיס מיט אָניטשעס און ציט אַרויף אַ פּאָר נייע הויכע שטיוול, זיין נדן. אויפן בעט ליגט אויסגעשפּרייט זיין מאַנטל,

אונטערגעניית מיט אַ גאַנצער וואַטעוואָוקע, און אַ פּוטערן היטל מיט לאַנגע אויערן. די דאַרינקע לאהלע איז ניט צו דערקענען. זי האָט אָנגעטאָן אַ האַלב טוץ אונטערקליידלעך און איז אָנגעבלאָזן ווי אַ שוואַנגערע יידענע. זי שלעפּט קוים די גרויסע וואַליקעס מיט די גלאַנציק־שוואַרצע קאַלאָשן. איר טאַטע האָט אַרויסגענומען די פּאַטשיילעס, וואָס זיינען געבליבן פון זיין ווייב ראָכע, און ער וויל פועלן ביי לאהלן זי זאָל זיך איינוויקלען אין אַלע טיכער:

— דו פאָרסט אין רוסישן סיביר, — זאָגט ער און לויפט אַרום איבערן שוואַך באַלויכטענעם בוידעם־שטיבל, ווי אונטער אים, אַ שטאָק נידעריקער, וואָלט געווען אַ שרפה. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן מיין מאַמען און שרייט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַריבערהילכן דעם רעש פון וואַסער־פּאָמפּעס, וואָס לעשן אַ פייער:

— האַ, אויסגעפּירט? שיק אַוועק די איינציקע טאָכטער, און דו בלייב אַליין אויף דער עלטער, ווייל דאָ דאַרף זי מיט איר מאַן שטאַרבן פאַר הונגער. און דאָרט? אַלץ וואָס איך ווייס, איז וואָס יינגלעך ריידן, אַז דאָרט איז אַ גן־עדן. האַ, אויסגעפירט, אַז פאַרברענט זאָל זי ווערן, די וועלט!

די מאַמע וויל וואָס זאָגן, הוסט אָפּ ווי זיך אָנצונעמען מיט מוט, נאָר זאָגט גאָרניט. זי שטייט פאַרשלאָגן אין אַ ווינקל אַ פאַרשולדיקטע, און וועלוול שרייט נאָך העכער:

— אוי בין איך מקנא ר' ברוכלען! ווען איך שטאַרב עס מיט אַ יאָר צען צוריק, וואָלט מיר היינט גוט געווען. מיין הויקער וואָלט שוין געווען צעפוילט און די נשמה אויסגעלייטערט. ר' ברוכל איז שוין דאָס זייניקע איבערגעקומען. און מזל האָט ער געהאַט — אַ וועלט! ער איז געשטאָרבן פאַר בלומעלען, און איך האָב באַדאַרפט אַרויסבאַגלייטן פריער מיין ראָכע אויפן פעלד, און איצט באַגלייט איך אַרויס מיין טאָכטער אין גן־עדן.

לאהלע צעווייַנט זיך, די מאַמע ווישט זיך די אויגן, און ביילקע פאַרגראָבט נאָך טיפער דעם קאָפּ אין רענצל. אָבער פּסחקע, אָנגעטאָן אין גאַליפע הויזן און נייע הויכע שטיוול, פּילט זיך מאַנסביליש־שטאַרק, זאָגט ער שטרענג צו לאהלען:

— וויין ניט. מען קען דערהערן.

לאהלע ווערט אַנטשוויגן. די פּוילישע דעפענסיווע ווייס, אַז דער שטראָם קיין רוסלאַנד גייט דורך ווילנע, און שפּיאָנען לויערן אויף אַלע וועגן. דאַרף מען זיין אָפּגעהיט, ווייל ווענט האָבן אויערן. פּסחקע נעמט שטיל איינטענהן מיט זיין ווייבל און איר טאַטן. די מאַמע גיט מיך אַ שלעפּ ביים אַרבל:

— גיי צו צו ביילקען.

איך דערנעענטער זיך צו ביילקען און דערפיל, אַז מיינע ליפּן ווערן טרוקן. מיר איז אַ שאָד וואָס זי פּאַרט אַוועק.

— ביילקע, — מורמל איך, — אויב דו פאָרסט ניט קיין רוסלאַנד, קענסטו דאָך בלייבן דאָ. איך וועל דיר העלפן קריגן אַן אַנדער קוואַרטיר. דו זאָלסט ניט דאַרפן וואוינען אויפן בוידעם ביי ווצלוולען.

— ניין, — שמייכלט זי אומעטיק, — איך וועל בעסער צוריקפאָרן קיין גלובאָקע. דו האָסט מיך ניט ליב. ווען דו האָסט זיך באַקענט מיט מיר, ביסטו געווען ניט לאַנג אַוועק פון ישיבה, און איך בין אפשר געווען די ערשטע מיידל וואָס דו האָסט געטראָפן. אָבער וואָס אַ טאָג לענגער, ווערסטו אַן אַנדערער. איך פאַרשטיי: דו ביסט אַן אינטעליגענט, און איך בין אַ פּשוטע מיידל, אַ שניידערקע.

ביילקע דערזעט ווי די מאַמע קומט צו צו אונדזער ווינקל, מאַכט זי אַ פריילעך פּנים און איר קול ווערט מונטערער, ווי זי וואָלט געוואָלט טרייסטן מיין מאַמען, וואָס זעט אויס זייער דערשלאָגן:

— אין גלובאָקע זיינען אַרום און אַרום פעלדער, וועלדער און טייכן. עס גייט צו זומער, און דאָ דורכן פענצטער זע איך נאָר אָפּגעקראָכענע געלע ווענט, בוידעמער און שוואַרצע קוימענס, ניט קיין זון און ניט קיין הימל, וויל איך פאָרן אַהיים. מיין מאַמע האָט זיך פאַרבענקט נאָך מיר און איך האָב זיך אויך פאַרבענקט נאָך מיינע קליינע שוועסטערלעך.

— ביילקע, — זאָגט די מאַמע, — איך האָב דיר געבראַכט אַ מתנה, אַ טישטעך. וועסט עס האָבן אויסצושפּרייטן אויפן טיש ווען דער אייבערשטער וועט דיר העלפן. זאָג מיר ניט אָפּ, איך בעט דיך, טו מיר די געפעליקייט. איך גיב עס דיר מיטן גאַנצן האַרצן, ווי דו וואָלסט געווען מיין זונס כלה. מיין ניט, ביילינקע, אַז איך וויל דערמיט אויסקויפן מיינע עבירות. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זיך ניט געמישט. איך האָב דיך ליב ווי אַן אייגענע טאָכטער, און הלוואי וואָלסטו געווען מיין שנור. נאָר מסתמא איז עס ניט באַשערט. לאָז אַלעמען גריסן, און ווי גאָט איז דיר ליב, בעט דיין מאַמען זי זאָל מיך און מיין זון ניט שילטן.

ביילקע האַלט אין דער האַנט דעם צונויפגעלייגטן טישטעך, קוקט אויף מיר, אויף מיין מאַמען, און דער שמייכל אויף איר פּנים פאַרזינקט אין אירע ציטערנדיקע מויל־ווינקלען.

— און דאָס, ביילינקע, — שטופּט איר די מאַמע דאָס צוגעגרייטע פּרוכט־פּעקל, — איז פאַר דיר און לאָהלען אויפן וועג.

איידער ביילקע באַוויזט צו ענטפערן, בלייבן אַלע פאַרשטומט און דערשראָקן. ווצלוול פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, צעשפּרייט די הענט און לאָזט אַרויס אַ יאָמער־קול, ווי ער וואָלט געזאָגט סליחות ביים עמוד אין אַן אלולדיקן פאַרטאָג:

— אַל תשליכנו לעת זקנה ככלות כוחנו אַל תעזבנו! אוי רבונו של עולם, פאַרלאָז מיך ניט אויף דער עלטער ווען איך וועל ניט האָבן מער קיין כח צו נייען קנעפּל־לעכלעך אין פּויערשע בגדים. אוי רבונו של עולם, מען גלייבט דאָך מיר ניט, אַז איך בין שוין אַ זקן, מען מיינט, אַז איך בין נאָך אַ יונגערמאַנטשיק. די רשעות עסט מיך אויף און לאָזט מיך ניט אַלט ווערן. די רשעות מאַכט מיך ביינעק און מאָגער. ווער וועט רחמנות האָבן אויף אַ בייזן יידן? אַל תשליכנו לעת זקנה...

— שווער, מען וועט דערהערן, — טרייסלט זיך פּסחקע.

— טאַטע, איך פאַר ניט, — צעכליפּעט זיך לאהלע.

— טאַקע, פאַרוואָס זאָלסטו פאָרן? — זעצט זיך וועלוול אַראָפּ אויף אַ בענקל אַ צעמישטער, — אָט איז וועלע, אויך אַן אָרעם־מענטש, און לאָזט ניט אַוועק איר איינציקן זון. ליגט כאָטש אָפּ אויף אַ וואָך.

דעם שטילן פּסחקען איז איצט ניט צו דערקענען. ער איז, משמעות, איינגאַנצן אַרויס פון די כלים, אויב ער רעדט צו וועלוולען מיט אַזאַ העזה:

— שווער, איר פירט זיך אויף ווי אַ יידענע. וואָס הייסט אָפּליגן? דאָס איינגעלייגטע געלט וועט פאַרפאַלן ווערן און די אַריבערפירער וועלן אונדז מער ניט נעמען פאַר קיין שום געלט. אויסער דעם ווערט אינגיכן פאַרמאַכט די גרענעץ. דער ראַטן־פאַרבאַנד וויל מער ניט אַריינלאָזן. עס גייען אָפּ די לעצטע פּאַרטיעס.

— פאָרט! פאָרט! שפּרינגט אויף וועלוול, — פון וואָס וועט איר דאָ לעבן? די מינוט זאָלסטו אויפהערן וויינען, — שרייט ער צו לאהלען.

— טאַטע, דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט זיך פאָטאָגראַפירן און מיר מיטגעבן אַ פאָטאָגראַפיע, — כליפּעט לאהלע נאָך שטאַרקער.

— כ׳וועל צושיקן, כ׳וועל צושיקן, — נעמט וועלוול אַרומלויפן אין איילעניש, — גיכער, גיכער, איר קענט נאָך פאַרשפּעטיקן די באַן.

לאהלע און פּסחקע האָבן קליינע פּעקלעך. ווען מען גייט דורך דער גרינער גרענעץ קען מען קיין סך ניט מיטנעמען. איך טראָג ביילקעס רענצל און אַלע, איינע הינטער די אַנדערע, לאָזן מיר זיך פאָרזיכטיק אַרונטער איבער די געדרייטע טרעפּ.

די אָנגעפּעלצטע לאהלע קען זיך קוים באַוועגן. זי איז געפּענטעט אין דער גרויסער וואָלענער פאַטשיילע, וואָס איז פאַרקניפּט הינטער איר רוקן, און פון איר קליין פּנימל זעט זיך אַרויס בלויז איר שפּיץ נעזל. זי בלייבט שטיין אויף די טרעפּ און קוקט אַרויס דורכן פענצטער, ווי זי וואָלט געזוכט די לבנה, וואָס האָט אַנומלט אַריינגעלויכטן ווען זי און פּסחקע האָבן זיך געקושט אויף די טרעפּ. נאָר די לבנה באַווייזט זיך ניט, דער הימל איז פאַרכמאַרעט און אינדרויסן איז פינצטער. פון אַ פענצטער

אין ראַמיילעס הויף פאַלט אַ מוטנע וואַסערדיקע שיין און באַלויכט ערטערווייז די אָפּגעשיילטע ווענט. לאהלע באַפרייט איר מויל פון דער וואַלענער שטיקעניש און שעפּטשעט:

— מענטשן, ווער איך עס בענקען נאָך ראַמיילעס הויף!

וועלוול, וואָס שטאָלפּערט הינטער מיר, קרעכצט מיר אַריין אין אויער, זיין טאָכטער זאָל ניט דערהערן:

— אוי בין איך מקנא ר' ברוכלען! ווען איך שטאַרב עס מיט אַ יאָר צען צוריק, וואָלט מיר היינט גוט געווען. מיין הויקער וואָלט שוין געווען צעפוילט און די נשמה אויסגעלייטערט.

אינדרויסן זאָגטביילקע צו מיין מאַמען:

— אַ דאַנק וואָס איר זייט געקומען און אַ דאַנק פאַר די מתנות, לאָמיר זיך צעקושן.

— מיר וועלן גיין צו דער באַן, — זאָגט די מאַמע.

— עס טויג ניט, — מישט זיך אַריין פּסחקע, — ס'איז אַ צו גרויסער עולם. די שפּיקעס דרייען זיך אַרום אויפן וואָקזאַל.

מען זעגנט זיך, מען קושט זיך, און די קליינע קאָמפּאַניע שלייכט אַרויס פון הויף. ביילקע גייט מיט פּסחקען און לאהלע מיט איר טאַטן. וועלוול וואַקלט זיך, פּלאָנטערט מיט די פיס, שפּרינגט אונטער און נעמט לויפן פאָראויס, אַז לאהלע קען אים קוים נאָכהאַלטן. זיי פאַרקערעווען ביי א ראָג און פאַרשווינדן.

איך און די מאַמע בלייבן שטיין אין ברודיקן שניי פון ראַמיילעס הויף און שווייגן. אַנטקעגן איבערן וועג הויערט דער אויסגעלאָשענער שול־הויף, אַרום און אַרום איז טויט־שטיל, און בלויז אַ צעבראָכענער לאַמטערן שאָקלט זיך און לאָזט פון זיך אַרויס פאַרראָסטע יענע־וועלטיקע קולות.

# אַ בריוו

די מאַמע האָט געהאַט אָפּגערעדט מיט וועלוולען, אַז גלייך ווי עס וועט אָנקומען דער ערשטער בריוו פון זיין טאַטער און איידעם, וועט ער קומען מיטן בריוו צו אונדז אין שטוב. נאָר ווען עס איז אַדורך אַ חודש און וועלוול האָט זיך ניט באַוויזן, האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט:

— גיי אַריבער צום שנײַדער און ווער געוואויר. ס'איז גלאַט אַ מצווה אַרײַנצוגיין צו אים. קענסט דאָך וועלוולען, ער וועט באַדיי זיצן ווי אַ וואָלקולאַק אין זיין בוידעם־שטיבל און ניט אַרויסגיין צווישן מענטשן.

איך בין געגאַנגען און געפונען זיין בוידעם־שטיבל פאַרשלאָסן. בין איך געגאַנגען אַ צווייט מאָל און ווידער געטראָפן די טיר צוגעמאַכט. ווען איך האָב עס דערציילט דער מאַמען, האָט זי זיך דערשראָקן:

— ווער ווייס וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אַ מענטש אייניקער אַליין.

מיט וועלוולען גופא האָט קיין זאַך ניט פּאַסירט. ער איז בלויז גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן אויספרעגן ביי מענטשן וואָס ווייסן, פאַרוואָס ער קריגט ניט קיין בריוו פון זיינע קינדער. דערוואויסט האָט ער זיך גאָרניט. האָט ער געגומען קומען טאָג־איין טאָג־אויס צו מיין מאַמען אין טויער. ער איז צוגעקומען אָן אַ גוט־מאָרגן און געזאָגט בלויז איין וואָרט:

— ניטאָ.

אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע, איז וועלוול אַוועק אָן אַ גוטן־טאָג.

איינמאָל איז ער צו מיט אַ פאַרסודעטן שמייכל אויפן פּנים. די מאַמע האָט דערפילט אַ טויבן ווייטיק אין די אויערן, דערוואַרטנדיק זיין מרה־שחורהדיקן „ניטאָ". געזאָגט האָט ער עפּעס אַנדערש:

— מיר קומט אַ מזל־טוב.

— מזל־טוב! — האָט די מאַמע אויסגעשריען און פון אירע אויגן האָבן אַ שפּריץ געטאָן טרערן, — מזל־טוב! וואָס שרייבן די קינדער?

וועלוול האָט נאָך אַלץ פיל־דייטיק געשמייכלט און רואיק געענט־פערט:

— מיר קומט אַ מזל־טוב. מיינע קינדער זיינען... שפּיאָנען.

און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ אומהיימלעך שפּיציק געלעכטערל, אַז די מאַמע האָט אַזש אויפגעשוידערט.

— איך האָב אַזוי לאַנג געזוכט, ביז איך בין דערקראָכן צו זייערן אַ גדול. האָט ער מיר געזאָגט, אַז די חברים פון רוסלאַנד האָבן מורא, אַז צווישן די אַריבערגעקומענע זאָלן ניט זיין קיין שפּיאָנען. דעריבער לאָזט מען קיינעם ניט שרייבן אַהיים, מען זאָל ניט אַרויסטראָגן קיין סודות פון גן־עדן.

— אָבער דאָס הייסט דאָך ניט, אַז דווקא אייערע קינדער זיינען שפּיאָנען, — האָט די מאַמע קוים געפונען כח אַרויסצוברענגען אַ וואָרט.

— ניין, דאָס הייסט ניט, אַז מיינע קינדער זיינען שפּיאָנען, דערוויל איז עס נאָר אַ חשד. און אפשר זאָגט מיר ניט אויס זייער גדול דעם אמת. אפשר ווייס ער, אַז מען האָט דאָרט לאהלען מיט פּסחקען שוין איינגעזעצט.

וועלוול האָט גערעדט געלאַסן, ווי וועגן אַ לאַנג פאַרגאַנגענעם אומגליק, און מיט דער זעלבער געלאַסנקייט איז ער אַוועק אַ געבויגענער ביזקל דער ערד.

פּרייטיק צונאַכט, איך מיט דער מאַמען האָבן זיך נאָר־וואָס געזעצט צום טיש, עפנט זיך די טיר און עס שלייכט אַריין אַ שאָטן, וועלוול:

— איך האָב אַ בריוו.

דאָס שמייכעלע, וואָס צוקט אויף זיינע ליפּן, זאָגט ניט אָן קיין גוטס. וועלוול האָט, משמעות, הנאה צו פּייניקן זיך און אַנדערע. ווען ער זעט, אַז מיר שווייגן, נעמט ער שטיל לאַכן מיט זיין שפּיציק מטורפדיק געלעכטערל:

— איך האָב אַ בריוו פון ביילקען. זי לאָזט אייך, וועלע, האַרציק גריסן און דיך אויך. און אַ טענה האָט זי צו מיר: לאהלע און פּסחקע האָבן איר הייליק צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן איר שרייבן, און זיי האַלטן ניט קיין וואָרט. לאהלען מוז דאָרט גיין זייער גוט, אויב זי האָט אַזוי גיך פאַרגעסן אָן איר, איר חברטע, שרייבט ביילקע.

וועלוול הערט אויף כיכיקען, שווייגט אַן אויגנבליק, און רעדט ווייטער מיט פאַרגליווערטן טרויער:

— גאָט שפּילט מיט מיר אַ שפּיל. איך זיץ אויפן בוידעם ביי מיין

ניי־מאַשין, שטעפּ, און רייד צו זיך אַליין: וואַרט ניט, קיין בריוו וועט ניט זיין, עלעהיי דו האָסט קיינמאָל ניט געהאַט קיין טאַכטער. מיטאַמאָל דערהער איך טריט. אָן גאַנג דערקען איך, אַז דער מענטש דאָרט איז ניט צוגעוואוינט צו אונדזערע געדרייטע טרעפּ, ער זוכט, קלאַפּט אין פאַר־מאַכטע טירן און שילט אויף פּויליש. רייסט זיך אין מיר אָפּ דאָס האַרץ און אין קאָפּ גיט מיר אַ שווינדל: דער בריוו־טרעגער. בשעת מעשה טראַכט איך: קיין קשיה ניט. יעקב אבינו האָט אויך אַ סך יאָרן באַוויינט און באַקלאָגט יוספן, און לסוף האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עוד יוסף חי, יוסף לעבט נאָך. איך עפן די טיר... אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, אַ בריוו! מיינע הענט טרייסלען זיך, איך קען ניט עפענען דעם קאָנווערט, און פאַר די אויגן איז מיר פינצטער. דערווייל גייט דער בריוו־טרעגער אַוועק. ערשט ווען ער איז שוין אונטן, כאַפּ איך זיך: סטייטש, אַ מענטש זאָגט מיר אָן אַזאַ שמחה, דאַרף מען אים באַדאַנקען. יאָג איך אים נאָך און דערלאַנג אים אַ זלאָטע. קוקט ער מיך אָן ווי אַ משוגענעם און גייט אַוועק. לויף איך צוריק אַרויף די טרעפּ אין שטוב און געפין ניט דעם בריוו. איך זוך אים אויפן טיש, אויף דער מאַשין, אַרום שוועל, ניטאָ. עס באַשלאָגט מיך אַ שוויס. מסתמא איז עס געווען אַן אויסדוכטעניש, אַ שד. ערשט איך האַלט דעם בריוו אין דער האַנט. איך רייס אים אויף און פאַרשטיי ניט וואָס איך לייען. טו איך אַ קוק אויף דער חתימה... נו יאָ, פון ביילקען.

וועלוול נעמט אַרויס פון בוזעם־טאַש אַ פּעקל צונויפגעלייגטע ביי־געלעך פּאַפּיר, ציט פאַרזיכטיק אַרויס אַ קאָנווערט און דערלאַנגט עס מיך מאַמען מיט אַזאַ אויסזען, ווי אינעווייניק וואָלט געלעגן דאָס יאָר־קוויטל מיט דעם גזר־דין „מי לחיים ומי למות”. די מאַמע קוקט אויפן שניידער און האָט מורא צו עפענען דעם קאָנווערט. איך בין זיכער, אַז דאָס איז ביילקעס בריוו. שטרעק איך אויס די האַנט איבערן טיש און נעם אים ביי דער מאַמען. מיך וואונדערט, וואָס דער קאָנווערט איז ציכטיק־ווייס, ניט באַשריבן מיט קיין אַדרעס און ניט באַקלעפּט מיט קיין מאַרקעס. איך ציי אַרויס וועלוולס פאָטאָגראַפיעס.

וועלוול נעמט ווידער כיכיקען מיט זיין געלעכטערל פון אַ באַזוע־סענעם:

— מיין לאהלע האָט פאַרן פאָרן געמאָנט ביי מיר אַ פאָטאָגראַפיע. האָב איך זיך „אָפּגעמענטשלט”. איצט, אַז מיינע קינדער האָבן פאַרגעסן צו שרייבן וואו זיי האַלטן שבת, וועל איך דעם האַלבן טוץ פאָטאָגראַפיעס אויפהענגען אויף די ווענט פון מיין בוידעם און זיך שפּיגלען אין מיין שיינער צורה.

וועלוול שטרעקט אויס צו מיר די האַנט און קנאַקט פריילעך מיט

צוויי פינגער, ווי ער וואָלט דערוואַרט איך זאָל אים דערלאַנגען צו ציילן אַסיגנאַציעס. איך דערלאַנג אים די בילדער. ער טאַשט זיי איבער מיט פאַרזשמורעטע אויגן און רוקט אונטער איינע פון זיי דער מאַמען:

— איר זעט, וועלע, אויף דער פאָטאָגראַפיע האָב איך נאָך קיין הויקער. געגאַנגען בין איך צו אַ גרויסן קינצלער אין דעם פאַך, און געזאָגט צו אים: איך וועל נתנען וויפיל איר וועט זינגען, נאָר זעט עס זאָל אַרויסקומען אַ וועלוול אָן אַ הויקער. האָט ער מיך כסדר איבערגעזעצט פון איין אָרט אויפן צווייטן, געהאַלטן אין איין מושטירן, און איך האָב געפאָלגט ווי אַ חדר־ייִנגל. ער אַליין, דער קינצלער, האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ אַ שמאַטע, ווי אַן אמתער מכשף, פאַרגראָבן דעם פּרצוף אין אַ קעסטל מיט אַ גרויסע גלעזערנע אויג, און קאָמאַנדעוועט מיט זיין באַהעלפער: ציגד אָן דאָס ליכט! לעש אויס! עס האָט געבליצט און געקנאַקט ווי אין גיהנום, ביז עס איז אַרויסגעקומען אַ וועלוול אָן אַ הויקער. מיין לאהלע, האָב איך געטראַכט, וועט זיך וועלן באַרימען פאַר מענטשן, אַז זי איז ניט געבוירן פון אַ שטיק, איז זאָל זי זיך ניט דאַרפן שעמען מיט אַ טאַטן אַ הויקער.

אָבער נישקשה, דער אייבערשטער פאַרלאָזט מיך ניט. פון מיין בת־יחידקע הער איך טאָקע ניט (אַ מצווה אויף איר! האָט זי ניט באַדאַרפט זיין אַ שפּיאָנקע!) נאָר מיר איז געבליבן אַ בן־יחיד און ער טרייסט מיך אין מיין עלטער: מיר איז געבליבן דער הויקער. און ער וואַקסט אויף מיין קאָפּ, כאָטש אויף דער פאָטאָגראַפיע זעט מען אים ניט. מיין הויקער וועט נאָך זוכה זיין, ·מיטן אייבערשטנס הילף, מיך איינצובייגן ביזקל דער ערד, מיך אַריינצולייגן אין דער ערד, און ערשט דעמאָלט וועט פאַר אים זיין אַן אָפענע וועלט. ער וועט אַראָפּשפּרינגען פון מיין פּלייצקעלע און אָוועקשפּרינגען איבער די גאַסן, ווי אַ גרויסע זשאַבע, וואָס איז אַרויס פון זומפּ און לוסטיק דערשפּרונגען ביזקל אינמיטן מאַרק אונטער די קאָפּיטעס פון אַ פערד. ער קען זיך גאָרניט דערוואַרטן, ביז איך וועל איינגעמען אַ מיתה משונה, דער בן־יחיד מיינער. ביינאַכט ווען איך ליג אין געהאַקטע צרות, מאַכט ער אַ פּראָבע. איך דערפיל אין מיין רוקן — אַ גרוב. דאָס האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון מיין פּלייצקעלע און טענצלט אַרום איבערן בוידעם־שטיבל ס'איז אים זייער פריילעך, דעם הויקער מיינעם.

— ר׳ וועלוול, הערט אויף צו עסן זיך אַליין לעבעדיקערהייט, — קען די מאַמע מער ניט אויסהאַלטן, — איך האָב היינט אַ וועטשערע, מעדני מלך. געפילטע פיש, מעג עס עסן דער קייסער. וואָס האָט איר האָלט, ר׳ וועלוול, אַ מיטל־שטיקל צי אַ קאָפּ? איך האָב אַ הינערשע יויך מיט אַן „אויג״, און אַ גוט שטיקל עוף. איך האָב דאָס מאָל צוגעגרייט מער, פּונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען באַ־

שיינען מיין שבת. גייט וואַשט זיך, ר׳ װעלוול, איך וועל אָנעקלייגן פאַר איך אַ פּאָר גאַנצע חלהלעך צו מאַכן קידוש.

— גוט, — זאָגט ער און בלייבט זיצן פאַרשטיינערט, פאַרזונקען אין מחשבות.

די מאַמע וויל זיך אויפהייבן פון טיש, צוטראָגן פאַרן אורח עסן, נאָר וועלוול נעמט ווידער פייניקן זיך אַליין, בלייבט זי זיצן:

— ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּאָליאַקן, זיינען זיי אַהער געקומען באָרוועס, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און געשוואָלן פון הונגער. איז דאָך אַ קשיה, — נעמט וועלוול אונטערזינגען שטיל און אומעטיק, ווי אַן אלמן, וואָס זינגט אין זיין פוסטער שטוב „שלום עליכם מלאכי השלום״, — ווען האָבן די באָלשעוויקעס באַוויזן אַזוי רייך צו ווערן, זיי זאָלן נאָך קענען באַגליקן אַנדערע, יונגעלייט וואָס גייען אַרום אין פּוילן אָן אַרבעט, אַז בסך הכל איז ניט מער ווי אַ יאָר פּופצן זינט זיי אַליין זיינען אַרומגעגאַנגען באָרוועס? און נאָך אַ גרעסערער וואונדער איז, פאַרוואָס האָב איך די קשיה ניט געפרעגט פריער, איידער מיינע קינדער זיינען אַהינצו אַוועקגעפאָרן? דערפאַר קומט מיר מען זאָל האַלטן מיינע קינדער פאַר שפּיאָנען! — שרייט ער אויס, שפּרינגט אויף און לאָזט זיך צו דער טיר.

— ר׳ וועלוול, — לויפט אים נאָך די מאַמע, — מאַכט כאָטש קידוש.

— איר האָט פאַרגעסן די פאָטאָגראַפיעס, — רוף איך אים נאָך. נאָר ער איז שוין ניטאָ.

די מאַמע בלייבט זיצן אַ פאַראומערטע און קוקט אויף די בלוילעך־געפרוירענע פלעמלעך פון די בענטש־ליכט. פּלוצים טוט זי זיך אַ כאַפּ:

— ניט אום שבת ריידנדיק, מאָרגן ביינאַכט זאָלסטו, למען השם, גלייך אָנשרייבן אַ בריוו צו ביילקען, זי זאָל זיך ניט דערוועגן פאָרן אַהינצו. האָב רחמנות אויף אַ יתומה און אויף איר מאַמען.

— פאַר ביילקען דאַרפסטו ניט זאָרגן, זי וועט די גרענעץ ניט קענען אַריבערגיין אַפילו ווען זי זאָל וועלן. די רוסן לאָזן מער נישט אַריין.

— ס׳קומט אויס, — זיפצט אָפּ די מאַמע, — אַז ביילקעס מאַמע דאַרף דיך ניט שילטן, נאָר בענטשן, וואָס דו האָסט ניט חתונה געהאַט מיט איר טאָכטער, און איר זייט ניט געפאָרן קיין רוסלאַנד. עס איז גאָרניט אָפּצושאַצן די רייד פון אונדזערע חכמים. איך האָב געלייענט אין די ספרים אַ מעשה וועגן צוויי חברים, וואָס האָבן געזאָלט אָרויף אויף איין שיף. האָט זיך איינער פאַרשטאָכן מיט אַ דאָרן און ניט גע־קענט פאָרן. האָט ער געהאַט תרעומות צו גאָט און געשאָלטן זיין וויסטן מזל. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער געהערט, אַז די שיף מיט זיין חבר

איז אונטערגעגאַנגען, האָט ער געדאַנקט דעם אייבערשטן וואָס האָט אים געמאַכט ער זאָל זיך פאַרשטעכן אַ פוס.

די מאַמע פאַרציט אַרום האַלדז די עקן פון איר קאָפּ־טיכל, ווי זי וואָלט וועלן פאַרשטייפן איר קינבאַק, וואָס נעמט אונטערשפּרינגען פון צער און אויפרעגונג.

— אַ פאַרשטערטער שבת, — מורמלט זי, — עס זאָל מיר נאָר ניט פאַררעכנט ווערן. דער מענטש וואָס האָט ניט געקענט פאָרן מיט דער שיף, דאַרף טאַקע לויבן און דאַנקען השם יתברך, וואָס ער איז ניצול געוואָרן, נאָר אויף זיין חבר וואָס איז דערטרונקען געוואָרן, איז אַ גרויסער רחמנות. און נאָך אַ גרעסערער רחמנות איז אויף זיין ווייב און קינדערלעך, וואָס וואַרטן אויף אים. ווער רעדט נאָך אַז עס בלייבט אַן אַלטער טאַטע, קען אים טרייסטן נאָר איין גאָט אין הימל. מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער פאַר וועלוולען.

# דער תרגום־שני

קומט שבת נאָך פּורים, איז די מאַמע „אַ בעל חוב איבערן קאָפּ״. ווער ווייס צי זי וועט באַוויזן איבערצולייענען די וואָך־סדרה. פון פּורים איז געבליבן ניט פאַרענדיקט מגילת אסתר, און זי האָט נאָך אַפילו זיך ניט צוגערירט צום תרגום שני. דער מאַמעס יצר הרע איז אַזוי גרויס צו די אויסטערלישע סיפּורים וועגן שלמה המלך מיטן אויער־האָן און דער מלכה שבא, אַז זי מאַכט אַ קנייטש אויף דער וואָך־סדרה, און הויבט גלייך אָן פון תרגום שני.

— והוה ביומי, און עס איז געווען אין די טעג פון אחשורוש, וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כוש, איבער הונדערט זיבן־און־צוואַנציק מדינות. אחשורוש איז איינער פון די צען מלכים, וואָס האָבן רעגירט איבער דער גאַנצער וועלט און וועלן נאָך רעגירן. דער ערשטער קעניג איז מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, זיין קעניגרייך זאָל באַלד געגרייסט ווערן איבער אונדז. דער אַנדערער איז נמרוד. דער דריטער איז פּרעה מלך מצרים. דער פערטער איז דער מלך שלמה. דער פינפטער איז נבוכדנאצר מלך בבל. דער זעקסטער איז אחשורוש. דער זיבעטער איז אַלכסנדר מלך יון. דער אַכטער איז מלך רוים. דער נײַנטער איז מלך המשיח. דער צענטער וועט זיין מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

די מאַמע קוקט אַרויס דורכן וואַרשטאַט־פענצטער אין פּאַרוויינטן דרויסן. אין די לינדע וועטערן פון פאַר־פרילינג, ווען אויף אונדזער הויף נעמט שמעלצן דאָס אייז, זעען אויס די הייזקעס, אַרויסגעקראָכן פון אונטערן צעפאַלענעם וואַטענעם שניי, ווי בעטלער אין צעריסענע בגדים. די מאַמע פילט אַ קעלט אין די ביינער, ווי דער שניי וואָלט איינגעטייעט אין איר לייב. זינט וועלוולס באָזוך, פאַראַכטאָגן פרייטיק צונאַכט, ליגט איר אויפן האַרצן אַ שטיין. זיצט זי אַ פאַרטראַכטע און האַלט די הענט אויף די בלעטער פון ספר, די אותיות זאָלן זיך ניט צעפליען און אַוועק־טראָגן די וואונדער־מעשיות.

גראָד די שיינע געשיכטעס פון תרגום שני ברענגען די מאַמע צו

טרויעריקע מחשבות. זי וואַרפט אַ בליק צו מיר, איר גלוסט זיך אַראָפּ־ריידן פון האַרצן, נאָר איך זיץ אויסגעדרייט צו איר מיט אַ האַרטן אַקסל, פאַרגראָבן אין אַ בוך. זעט זי דאָך קלאָר, אַז איר זון האָט פאַר איר ניט קיין צייט אַפילו אין שבתדיקן טאָג, רעדט זי צו זיך אַליין, צו אירע הענט, וואָס ליגן אויפן טייטש־חומש, און ווער עס וויל הערן — דער זאָל הערן.

— ווייזט אויס, אַז די וועלט איז פון אייביק אָן אַזוי באַשאַפן, עס זאָלן זיך כסדר בייטן מלכים און מלוכות. פריער נמרוד, דערנאָך פּרעה — און דאָס רעדעלע דרייט זיך. דער וואָס איז היינט אונטן, איז מאָרגן אויבן. אין ווילנע גופא האָבן מיר, נאָך דער מלחמה פון רוס מיטן דייטש, געהאַט גאַנצע זעקס מלוכות אין צוויי יאָר צייט. דעם ערשטן ברוך הבא האָבן געמאַכט די פּוילישע לעגיאָנערן, די המנס, ימח שמם. דערנאָך זיינען געקומען די גדולים, ווי מען האָט גערופן די באָלשע־וויקעס. דערנאָך די פּאָליאַקן. דערנאָך ווידער די גדולים, וואָס האָבן געפירט פאַר אַ הענטעלע זייערע יורשים, די ליטווינער אין די הילצערנע שיך, די קלומפּעס. און שבת נאָכן טשאָלנט אַ בולבע־טייגעכץ, ווי עס זינגט זיך... ווידער די פּאָליאַקן.

וואָס אמת איז אמת, קיין פּאָגראָמען האָבן די גדולים ניט געמאַכט. פאַרקערט, איטלעך מאָל ווען זיי זיינען אַריין, האָבן זיי געראַטעוועט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם. די היגע פּאָליאַקן האָבן שוין געראַבעוועט יידישע געשעפטן, און ווען די גדולים קומען אַריין מיט אין שעה שפּעטער, וואָלט זיך געגאָסן יידיש בלוט ווי וואַסער. איז ניט קיין וואונדער וואָס קינד און קייט איז זיי אַרויס אַנטקעגן. ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויך די בעלי־בתים האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון די גדולים צוליב אַ מעשה וואָס איז זיך פאַרלאָפן.

די מאַמע דרייט זיך אויס צו מיר מיטן ספר אויף די קני. איר קול ווערט העכער, און עס אַרט זי ניט מער וואָס זי שטערט מיר אין די „סתרי תורה פון די צעלאָזענע ראָמאַנען".

— איינמאָל האָט אַ רוסישער סאָלדאַט אָפּגעשטעלט אַ יידן און ביי אים פון דער האַנט אַראָפּגענומען אַ זייגערל. גראָד איז פאַרבייגעפאָרן אַ קאָמיסאַר אויף אַ פערד. לויפט דער ייד צום קאָמיסאַר, דערציילט אים די מעשה און ווייזט אויפן סאָלדאַט מיטן פינגער. דער קאָמיסאַר קריכט אַראָפּ פון פערד, נעמט אַרויס דעם פּיסטאָלעט און הייסט דעם סאָלדאַט זיך שטעלן אויף די קני אינמיטן גאַס. יענער האָט געוויינט, געבעטן רחמים פאַר זיין ווייב און קינדערלעך, נאָר עס האָט אים ניט געהאָלפן. דער קאָמיסאַר האָט אים אַריינגעשאָסן אַ קויל און אים נאָך אַ בריקע געטאָן מיטן שטיוול. מענטשן וואָס זיינען געווען דערביי, האָבן דערציילט,

אַז ווען מען האָט דעם געשאָסענעם אַוועקגעטראָגן אַ גאַנצע שעה שפּעטער, האָט ער נאָך געכאָרכלט.

דער מאַמעס קול ווערט שרייאיק, דאָס פּנים אויסגעצויגן, אירע אויגן ברענען מיט אַ גרינעם פייער, און זי האַלט אין איין פאַרריכטן דאָס שייטל אויפן קאָפּ. זי היט זיך פונדעסטוועגן, זי זאָל פון גרויס צעהיצטקייט און אויפגעבראַכטקייט ניט בלייבן אין די אייגענע האָר שבתביים טייטש־חומש.

— איך ווייס ניט צי דער ייד, וואָס האָט געמסרט דעם סאָלדאָט, האָט דערנאָך חרטה געהאַט אָדער ניט. אויב דער מסור האָט ניט חרטה געהאַט, און ער איז שוין געשטאָרבן, מעג אים די ערד אַרויסוואַרפן! נאָר אַז יידן קרעמער זיינען געוועזן צופרידן — דאָס האָב איך אַליין געזען. מיר האַלטן ניט פון דעם, וואָס די רויטע ווילן צונעמען די קראָמען, האָבן זיי געזאָגט, נאָר דאָס, וואָס ביי די רויטע איז ניט קיין חילוק אַ ייד צי אַ גוי, און זיי לאָזן ניט ראַבעווען, דאָס געפעלט אונדז זייער. רעכט אויף דעם פּאַניע, האָט ער ניט געזאָלט גזלען, אים קומט דער טויט! אָט מיט די ווערטער האָבן זיי גערעדט די קרעמער, די שיינע יידן.

איך בין געשטאַנען ביי מיין קאָשיקל און געשוויגן. אַ ברירה האָב איך געהאַט? אז דער אייבערשטער האָט מיר געהאָלפן איך זאָל ניצול ווערן פון דער מלחמה, און איך האָב אַ קראַנקן מאַן מיט קינדערלעך, מעג איך דען איינשטעלן דאָס לעבן צוליב סתם רידן? נאָר וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך וואָלט דעמאָלט אָנגעשפּיגן אָט די יידן אַ פולע צורה. די הענט האָבן מיר געציטערט, איך האָב געוואָלט שרייען, די האָר זיך אויסרייסן. רבונו של עולם, האָב איך געבעטן שטילערהייט, גיב מיר כח איך זאָל קענען שווייגן.

גוואַלד, גוואַלד, וואָס פון יידן איז געוואָרן! יידן זאָלן שטיין אין גאַס און עס זאָל זיי ניט אַרן אַ האָר, ווען מען שיסט אַ מענטשן צוליב אַ זייגערל. דער קאָמיסאַר איז אַן ערלעכער שופט, זאָגן זיי. און איך האָב געקלערט, אַז דער שופט, וואָס הרגעט אַ מענטשן, ווייל ער האָט גע־גנבעט אַ זייגערל, איז טויזנט מאָל ערגער פון דעם גנב. און יידן, וואָס קענען אָנקוועלן פון אַזאַ משפּט, פון אַזאַ רציחה, האָבן גזלנישע הערצער! — שרייט אויס די מאַמע אויסער זיך און אַ שוים שלאָגט איר אַרויס אויף די ליפּן.

— קאָך זיך ניט אַזוי, — רוף איך אויס, — וואָס האָסטו פּלוצים זיך דערמאָנט אַ מעשה פון פאַר פופצן יאָר?

— וואָס זאָגסטו מיר, קאָך זיך ניט אַזוי? — שפּרינגט אויף די מאַמע און קלאַפּט צו דעם טייטש־חומש, — וואָס זאָגסטו מיר, אַז דאָס איז אַ מעשה פון פאַר פופצן יאָר? חכם מיינער פון דער מה־נשתנה,

דער זעלבער קאָמיסאַר זאָגט דאָך איצטער, אַז לאהלע און פסחקע זיינען שפּיאָנען.

דער מאַמעס פּנים איז אויסגעקרימט פון אויפגעזאָטענעם כעס, זי ווישט אַרום דעם שוים פון די מויל־ווינקלען און רעדט האַסטיק.

— קיין דאגות האָבן מיר ניט געפעלט, האָב איך דורך די יאָרן פאַרגעסן דעם סאָלדאַטיק מיטן זייגערל. נאָר זינט וועלוול האָט געבראַכט די פינצטערע בשורה וועגן זיינע קינדער אין רוסלאַנד, אַז מען האַלט זיי דאָרט פאַר שפּיאָנען, האָב איך זיך דערמאָנט די מעשה מיט אַלע פּיטשעווקעס.

איך בין דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטע און אויסגעפּרעגט ביי מענטשן ווי עס האָט אויסגעזען דער סאָלדאַטיק. מען האָט אויף מיר געגלאָצט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס : צו וואָס באַדאַרפט איר עס וויסן, ער איז אַ קרוב אייערער? גיי דערצייל זיי, אַז אין מיר איז אַריין אַ דיבוק, גאָט זאָל שומר ומציל זיין, טאָג און נאַכט האָב איך פון אים געטראַכט, ווי איך וואָלט גאָר ניט געהאַט מיינע אייגענע צרות. איך האָב זיך אים אויסגעמאָלט אַ קליינינקן, אַ פריילעכן, אַ פּויערל. קומט ער קיין ווילנע און גייט אַרויס אין גאַס, זעט ער, מען האַנדלט, מען וואַנדלט, אַלע פענצטער זיינען פול מיט סחורה, נאָר ער גייט אַרום אין לאַפּטשעס, אָדער גאָר באָרוועס. טראַכט ער ביי זיך : איך בין געלאָפן קיין ווילנע מיט אַ ביקס און געראַטעוועט די יידן פון אַ פּאָגראָם, וועל איך ביי זיי נעמען אויף אַ פּלעשל בראַנפן. און אפשר האָט ער געוואָלט ברענגען דאָס זייגערל אין דאָרף אַריין צו זיין ווייב און קינדער, זיי זאָלן זען אַז ער איז אויסגעוועזן אַ וועלט. און אפשר האָט ער גאָרניט געטראַכט, נאָר עס איז פון אים אַרויסגעשפּרונגען די מלחמה, די ווילדקייט. מסתמא האָט ער פריער געדינט ביים קייסער, און דאָרט האָט ער ניט געזען און ניט געהערט מען זאָל ניט טאָרן ראַבעווען אין אַן איינגענומענער שטאָט. קורץ פון דער זאַך, אים האָט זיך פאַרגלוסט אַ זייגערל. קומט אים דערפאַר דער טויט?

— פאַרוואָס האַסטו, מאַמע, פאַרגעסן די רציחות, וואָס עס האָבן אָפּגעטאָן די פּאָליאַקן ווען זיי זיינען אַריין? זיי האָבן גלייך דערשאָסן צען יידן אויף ליפּאָווקע, געראַבעוועט, אַרעסטירט און געממיתט. אין יענע טעג זיינען אומגעקומען זיבעציק יידן. דאָס האַסטו פאַרגעסן, און דו געדענקסט נאָר דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט דערשאָסן אַ סאָלדאַט, כדי איינצושרעקן די אַנדערע סאָלדאַטן, זיי זאָלן ניט גנבענען און רויבן.

— קאָפּ מיינער! — שיסט אויס די מאַמע, — וואָס פאַרגלייכסטו די פּאָליאַקן די פּאָגראָמטשיקעס מיט אַזאַ איינעם, וואָס האָט אָנגעטאָן אַ הויכע היטל מיט אַ רויטן שטערן און איז געוואָרן אַ שופט? דער שוחט

שעכט און בלייבט געּרעכט! דערנאָך איז ער צוריק אַרויפגעקראָכן אויפן פערד, פאַרריסן דעם קאָפּ אין הויכן היטל מיטן רויטן שטערן און איז אַוועקגעריטן מעשה העלד. און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז ער האָט געוואָלט איינשרעקן די סאָלדאַטן, איז נאָר צום לאַכן, כאָטש עס איז אַז אָך און ווי צום געלעכטער. ווען די סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס האָבן זיך דערוואוסט, אַז מען האָט געשאָסן זייערן אַ ברודער דורך אַ יידישער מסירה, זיינען זיי אונדז געוואָרן דם שונאים, אין דעם בין איך זיכער! און אַז מען הרגעט צוליב אַ זייגערל, קען מען אויך הרגענען צוליב אַנדערע זאַכן, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. דער סוף איז געווען זייער אַ ביטערער.

אַז די מלוכות האָבן זיך גענומען בייטן, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַן אַנדער מלוכה, איז געקומען אַ צעמישעניש אויך אויף דעם געלט. ביי מיר ווי ביי מיר. דעם רוסישן קייסערס רובלס זיינען ביי מיר ניט געבליבן, קיין דייטשישע מאַרקן — אויך ניט. נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער יאַריד מיט די קערענקעס, מיט די זלאָטעס און מיט די ליטן, האָט מען טאַקע געקענט משוגע ווערן. נעכטן האָסטו אָפּגעלייזט צענדליקער טויזנטער אין קערענקעס, זיך געלייגט אַ מיליאָנער — און אויפגעשטאַנען אַ בעטלער. דורך דער נאַכט זיינען אַריין די פּאָליאַקן, און פון דיין געלט איז געוואָרן אַש און בלאָטע. איז ווען די גדולים זיינען אַריין אַ צווייט מאָל, האָט די שטאָט ניט געוואָלט נעמען זייערע מטבעות.

שטיי איך איינמאָל ביי מיין קאָשיקל און עס פאָרט פאַרביי אַ קאָזאַק. שוואַרץ איז ער און הויך, אַ ריז. דערצו טראָגט ער נאָך אַ הויכע פּאַפּאַכע, האַלט אין דער האַנט אַ לאַנגע פּיקע און רייט אויף אַ ווייסן פערד, איך זאָג דיר — עוג מלך הבשן. בייגט ער זיך אַראָפּ פון פערד און בעט ביי מיר גאָר פריינטלעך אַ פונט עפּעלעך. וועג איך אָפּ און דערלאַנג אים די סחורה. איך האָב זיך געמוזט שטעלן אויף די שפּיץ־פינגער, פאַררייסן דעם קאָפּ און אויפהייבן די הענט, איך זאָל קענען דערלאַנגען צו אים. פרעגט ער וויפיל עס קאָסט און באַצאָלט מיט סאָוועטסקע געלט. טראַכט איך ביי זיך: אַ קאָזאַק אין אַ פּאַפּאַכע מיט אַ פּיקע אויף אַ פערד, בעט איידל אָפּוועגן און באַצאָלט וויפיל מען פאַרלאַנגט פון אים — פיין, זייער פיין! מילא, וועט ביי מיר בלייבן די סאָוועטסקע געלט.

אָבער די קרעמער מיט די גרויסע געשעפטן ווילן ניט נעמען די נייע מטבעות. די סאָלדאַטן דרייען זיך אַרום מיט פולע קעשענעס געלט און קיינער פאַרקויפט זיי ניט. מען האַלט די סחורה פאַרשטעקט און מען לאָזט אַריין קונדן דורך דער הינטער טיר. גייען איינמאָל אַריין אין אַ שניט־קראָם צוויי קונים, אָנגעטאָן זיינען זיי ניט ווי די גדולים אין

וואָיענע קליידער, נאָר ווי אַלע מענטשן, און בעטן מען זאָל זיי ווייזן סחורה. דער קרעמער ווייס ניט מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן, ווייזט ער זיי. קלייבן זיי אויס געלאָסן וואָס זיי ווילן, דינגען זיך ניט, און הייסן אָפּשניידן אַזוי פיל און אַזוי פיל שטאָף. ווען עס קומט צום באַצאָלן, גיבן זיי סאָוועטסקע געלט. אָבער דער קרעמער פאַרלאַנגט פּוילישע זלאָטעס, אָדער „לאָקשן״, ווי מען האָט גערופן דאָלאַרן. בקיצור, די צוויי האָבן דעם קרעמער אַוועקגעפּירט און מען האָט אים דערשאָסן.

אויף די סוחרים איז געפאַלן אַן אימה און אַ פּחד. די זעלבע, וואָס האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם קאָמיסאַר דעם ראַזבויניק און זיין העלדישקייט, זיינען איצטער געוואָרן פאַרציטערטע. סטייטש, מען זאָל נעמען אַ מענטשן און אים שיסן צוליב אַזאַ זאַך. די שיינע בעלי בתים האָבן ניט פאַר־שטאַנען, אַז דער קאָמיסאַר וואָס שאַנעוועט ניט קיין אייגענעם ברודער, וועט זיי אַוודאי ניט שאַנעווען.

איך בין אַ פּראָסטע יידענע, נאָר איך ווייס, אַז ווען יעקב אבינוס צען זין זיינען אין די הונגער־יאָרן געקומען קיין מצרים קויפן תבואה, און דער שני למלך האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען מרגלים, אויסקוקערס, האָבן יעקב אבינוס זין געזאָגט איינע צו די אַנדערע: מיר זיינען שולדיק! מיר האָבן קיין רחמנות ניט געהאַט אויף אונדזער ברודער יוספן, ווען ער האָט זיך ביי אונדז געבעטן מיר זאָלן אים ניט אַריינוואַרפן אין גרוב. אָבער די ווילנער קרעמערלעך, וואָס זיינען געוואָרן פאַרציטערטע ווען מען האָט דערשאָסן אַ יידן אַ סוחר, איז ניט געקומען אויפן זינען דער סאָלדאַטיק, וואָס פוילט, נעבעך, אין דער ערד צוליב אַ צאַצקע אַ זייגערל. כאָטש אַלע האָבן געקענט זען, ווי אויף דער האַנט, אַז עס ציט זיך אַ שנירעלע פון יענעם ערשטן קאָמיסאַר דעם ראַזבויניק, ביז צו די צוויי פאַרשטעלטע קאָמיסאַרן, וואָס האָבן אומגעבראַכט דעם שניט־סוחר. און דו, מיין זון, זעסט אויך ניט, אַז דאָס זעלבע שנירעלע ציט זיך ביז איצטער, ביז וועלוולס קינדער, וואָס מען לאָזט זיי ניט שרייבן קיין בריוו צו זייער אַלטן טאַטן, און אפשר האָט מען זיי דאָרטן שוין איינגעזעצט, ווי וועלוול איז חושד. ניטאָ וואָס צו ריידן, ס׳איז איינמאָל אַ פיינע וועלט!

אַזוי פאַרענדיקט די מאַמע איר דערציילונג, כאַפּט אַפילו ניט איבער דעם אָטעם, נאָר עפנט גלייך דעם טייטש־חומש און נעמט לייענען אויפגערעגט, ווי דער תרגום שני וואָלט געווען דער המשך פון אירע רייד.

— הוא אחשורוש, ער איז דער אחשורוש, וואָס אין זיין צייט איז שוואַרץ געוואָרן דאָס פּנים פון ישראל ווי דער זוים פון אַ טאָפּ. ער איז דער רשע און טיפּש אחשורוש, וואָס צו ערשט האָט ער געטויט זיין ווייב

ושתי אויף דער עצה פון זיין ליבהאָבער המן, און דערנאָך האָט ער געטויט זיין ליבהאָבער המן צוליב זיין ווייב אסתר.

ביסלעכווייז באַרויקט זיך די מאַמע, און ווען זי דערגייט צו די וואונדער און גרויסקייט, וואָס ווערן דערציילט וועגן מלך שלמה, איז איר פּנים אויסגעלייטערט ווי דער הימל נאָך אַן אויסגעלאָדענעם שטורעם. זי לייענט די באַשרייבונג פון דער שטול, וואָס דער מלך שלמה איז אויף איר געזעסן און געטאָן משפּטן גערעכטע משפּטים.

— די שטול איז געמאַכט געוואָרן מיט גרויס מייסטערשאַפט און קיין שום מייסטער אין דער וועלט קען אַזאַ שטול ניט מאַכן. און טרעפּ זיינען געוועזן אַרויפצוגיין צו דער שטול.

אויף דער ערשטער טרעפּ איז געלעגן אַ גאָלדענער אָקס און קעגן אים איז געלעגן אַ גאָלדענער לייב. אויף דער צווייטער טרעפּ איז געלעגן אַ גאָלדענער וואָלף און קעגן אים איז געלעגן אַ גאָלדענער שעפּס. אויף דער דריטער טרעפּ איז געלעגן אַ גאָלדענער לעמפּערט און קעגן אים איז געלעגן אַ גאָלדענער קעמל. אויף דער פערטער טרעפּ איז געלעגן אַ גאָלדענער אָדלער און קעגן אים איז געלעגן אַ גאָלדענע פּאַווע. אויף דער פינפטער טרעפּ איז געלעגן אַ גאָלדענער שפּאַרבער און קעגן אים איז געלעגן אַ גאָלדענע טויב.

און דאָס אַלץ באַדייט, אַז ביים משפּט דאַרף דער שלאָפער ניט מורא האָבן פאַרן שטאַרקן.

# דער טאָג פון די בעטלער

## I

אין אַ מאָנטיקדיקן אינדערפרי פון חודש ניסן, פאַרשמעקט פלוצים מיט אלולדיקן ווינט, מיט כמאַרעס און בית־עולם.

היינט איז דער טאָג פון די בעטלער.

אַלטערקע דער גענדזלער קאָכט שוין באַצייטנס. ווי נאָר ער דערזעט פון אַראָפּצו יאַטקעווער גאַס אָנקומען דעם ערשטן אָרעמאַן, שטעלט ער זיך אַוועק אין טויער אָנקוקן „די כאַסינקע״.

— די מחותנים גייען, די שנאָרער, — רעדט ער צו מיין מאַמען — טאָמער איז ווייניק צום־גדליה און ערב יום־כיפור אויפן זאַרעטשער בית־עולם, קומען זיי אויך אַהערצו. און ווען? פונקט ערב פסח, ווען מען וואַרט אויף לייזונג.

— זיי קענען דאָך ניט לעבן אַ גאַנץ יאָר מיט די ערב יום־כיפור־דיקע נדבות, — ענטפערט אים די מאַמע אויסשטעלנדיק איר סחורה. אָבער זי האָט גלייך חרטה וואָס זי לאָזט זיך אַריין אויפן ניכטערן האַרצן אין אַ שמועס מיטן גענדזלער. ער איז גרייט אויפן באַגינען אָנצוהייבן אַ קריג:

— זע, זע דעם נעבעך וואָס זי לייגט אויף זיי. יעדערער פון די שלע־פּער האָט אַ קניפּל, זיי האָבן באַהאַלטענע אוצרות.

דער ערשטער שטעלט זיך אָפּ לעבן מיין מאַמעס קאָשיקעס אַ שטאָט־נאַר, וואָס בייטאָג וואַלגערט ער זיך אויפן שול־הויף און ביינאַכט פּוילט ער, איינגעדרייט אין פאַרלייזיקטע שמאַטעס, ערגעץ וואו אין אַ פּירהויז. ער לאַכט מיט אַ גרויס צעעפנט מויל אָן איין צאָן, און פון זיינע פליי־שיקע ליפּן רינט אַראָפּ דער גאַווער. ווען ער איז אַ בר־דעת, וואָלט די מאַמע אפשר פאַראיבל געהאַט, וואָס ער קומט שטראָמעלעוואָי אידער זי האָט נאָך געהאַט „אַ פּאַטשאַטעק״, אָבער אַזוי ווי ער איז אַ געשטראָפטער, גיט זי אים אַ מטבע און באַגלייט אים מיט אַ זיפץ:

— זיין שכל געזאָגט געוואָרן אויף די וואָס ווינטשן אונדז בייז.

— צו אַט דעם לעקיש האָב איך גאָרניט, — שענקט אים אויך עפּעס אַלטערקע, — מען זעט גלייך, אַז ער טויג ניט אַפילו צו זיין אַ שוחט אין שחיטה־שטיבל.

דער גענדזלער פאַרגעסט קיינמאָל ניט אַ שטאָך צו טאָן מיין מאַמען. זי גייט דאָך אין אַ פאַרוק, האַלט זי מסתמא מיט זיינע שונאים, די שוחטים.

אַז אַלטערקע האָט אַ האַרץ פון אַ טאַטער, ווייסט מען. דערפאַר איז דער קרעמער כאַצקל אַ מזג־טוב. לייגט ער אַוועק לעבן זיך אויפן טיש אַ קופּקעלע קופּערנע גראָשנס, ער זאָל האָבן אונטער דער האַנט אַ נדבה און ניט דאַרפן פאַרלירן קיין צייט. ער וואַרפט אַ צופרידענעם בליק אויפן היפּשן קרענצל קונים, וואָס וואַרט מיט אומגעדולד ער זאָל נעמען מעסטן, וועגן, און אַ צווייטן בליק וואַרפט ער אויף דער אָרעמאַנסקער האַנט, וואָס שטרעקט זיך אויס צו אים נאָך אַ נדבה.

כאַצקל בלייבט אַ געפּלעפטער.

עס שטופּט זיך צו אים אַ דלאַניע האַרט און ברייט, ווי אַ לאָפּעטע. אין דער זעלבער רגע באַמערקט ער אַ צווייטע האַנט מיט צעשפּרייטע שפּי־ציקע פינגער, ווי אַן אייזערנער היי־גאָפּל. אַ דריטע האַנט, מיט אַ בינטל פאַרקראַמפּטע געלע פינגער, צאַפּלט זיך, וויינט און מאָנט יושר. איידער ער קומט נאָך צו זיך, ציט זיך אויס צו אים אַ קנופּ פון האַרטן צענויפ־געוואַקסענעם פלייש אויף אַן אויסגעטריקנטן ביין. דער האַנט־געלענק אַן די פינגער שטופּט זיך צום קרעמער: נאַ, זע, האָב הנאה.

כאַצקל דערפילט אַ שטעכעניש אין האַרצן, אַ קלעמעניש אין ברוסט און אַ וואַרגעניש איז האַלדז, ווי די אַלע קאַליקעס און קריפּלס וואָלטן זיין לייב געריסן שטיקערווייז. ער וואַרפט געלט אין די צעעפענטע דלאַניעס און טרעט־אָפּ אַהינטער, ווי ער וואָלט געוואָרפן שפּייז פאַר צערייצטע חיות. די בעטלער זאָגן ניט קיין וואָרט און לאָזן זיך צוריקגיין צו דער טיר מיט אַזאַ פאַרשטייפטער שטומקייט, ווי זיי וואָלטן געווען מתים, וואָס זיינען אַרויס פון די קברים איינצומאָנען זייער חלק עולם הזה.

דעם קרעמער באַפאַלט אַן אימה, ער האָט מורא אויפצוהייבן די אויגן און אַריינקוקן די אָרעמע־לייט אין די פּנימער. קוקט ער גאָך אַ פאַר־גולמטער ווי זיי גייען אַרויס פון זיין געוועלב.

איינער שפּאַנט אומבאַוועגלעך, ווי ניט ער וואָלט געשטעלט טריט, נאָר ווי דער דיל אונטער אים וואָלט זיך אָוועקגערוקט. אַ צווייטער, אַ הינקעדיקער, גיט זיך אַ בייג אַראָפּ אויף זיין איינגעבראָכענעם פוס ביזקל דער ערד, טוט באַלד אַ פלאַטער אַרויף מיט בײדע הענט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עפּעס זיך אָנצוכאַפּן, ער זאָל ניט איינ־

זינקען. ביי אַ דריטן איז דער גוף פֿאַרגליווערט, נאָר זיין האַלדז און קאָפּ וואַרפֿן זיך אין אַ קאָנוואולסיע. אַ פֿערטער... אַ פֿינפֿטער...

כאַצקל זעט ווי זיינע קונים קרימען זיך, זיי איבלט צום ברעכן. רוקן זיך אַרויס פֿון געוועלב און האַלטן זיך ביי די נעזער. פֿון די אָרעמע־לייט טראָגט זיך אַ געשטאַנק פֿון השתנה, אַלערליי דומפּיקע ריחות פֿון הינטער־הויפֿן און אָפּטריטן, טוכלע און פֿייכטער שימל, ווי אין קראָם וואָלטן געשטאַנען טונען מיט פֿאַרפֿוילטן אָפּפֿאַל.

כאַצקל האַלט עס לענגער ניט אויס און ער צעשרייט זיך מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן, אַ סימן, אַז ער איז שטאַרק אין כעס:

— פֿאַרוואָס גייט איר ניט אין באָד? אין מרחץ פֿאַרוואָס גייט איר ניט?

און נאָך איין זאַך וויל ער וויסן:

— זאָגט מיר, ווען איז אייער טאָג: מאָנטיק אָדער דאָנערשטיק? לאָמיר איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל וויסן, ווען גייט איר איבער די הייזער?

— מאָנטיק! — פֿאַרקרימען זיך אין אַ געיאָמער צענדליקע פּרצופֿים,
— מאָנטיק איז אונדזער טאָג.

— אַ ליגן! — טופּעט כאַצקל מיט די פֿיס, — היינט איז מאָנטיק, זאָגט איר אַז אייער טאָג איז מאָנטיק. דאָנערשטיק וועט איר זאָגן, אַז אייער טאָג איז דאָנערשטיק. און ווען איז מיין טאָג? ווען וועט איר מיר לאָזן לייזן אַ גראָשן?

דער קרעמער איז אויסער זיך. ער זעט, אַז די שלעפּער ווילן צע־טראָגן זיין האָב־און־גוטס. נעמט ער זיך טרייסלען פֿון גרים־צאָרן און טיקעט אויף צוויי בעטלער מיט אַ פֿינגער:

— איר זייט ביי מיר היינט שוין געווען. איר — אויך. איך פֿאַרשטיי זיך אויף אייערע שמד־שטיק, איר גייט אַרויס און שטעלט זיך ווידער אין דער ריי.

— מיר זאָלן אַזוי היינט האָבן אַ גוטע לייזונג, ווי מיר זיינען ביי אייך ניט געווען זינט פֿאַראַכטאָגן מאָנטיק, — שווערן זיך די בעטלער.

כאַצקל קוקט אַ פֿאַרלאָרענער. קיין איין קונד איז ניט פֿאַרבליבן אין קראָם, נאָר די ריי פֿון די קבצנים דרייט זיך ווי אַ שלאַנג אַריין און אַרויס, אָן אַן אָנהייב, אָן אַן ענד. זיי גייען מער ניט איינציקווייז; זיי גייען שוין פּאָר־ווייז, זאַלבעדריט, זאַלבעפֿערט. דאָס איז האָט אָפּגעלאָזט און די ווייליע איז אַרויס פֿון די ברעגעס. אַ היישעריק איז אים באַפֿאַלן. וויי, וויי, דער שול־הויף גייט, דער הקדש גייט, אַלע אָרעמאַנסקע אַכסניות און פֿאַרדריפּעטע זאַוואולקעס גייען!

— געוואַלד! — רייסט זיך כאַצקל ביי די האָר — יידן, ראַטעוועט! זיי ווען מיך דערפירן צו בעטל־ברויט. איך אַליין וועל אויך דאַרפן נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הייזער.

פון גרויס פּאַריאושטקייט כאַפּט כאַצקל דעם הויפן מיט די קופּערנע מטבעות און לויפט אַרויס אינדרויסן ביי זיין שוועל:

— גיכער! — יאָגט ער אונטער די אויסגעצויגענע קייט פון די קבצנים און טיילט זיי צו איינציקע פּרוטות, — גיכער! איך זע, אַז איר האָט צייט, ווי שבת נאָכן טשאָלנט. טאַטע אין הימל, אַ קייט לאַנג ווי דער יידישער גלות. גלות, ווען ענדיקסטו זיך?

דאָס וואָס עס קומט פאָר ביי כאַצקלס שפּייז־געוועלב, איז אַ שפּיל־כעל קעגן דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי מיין מאַמעס טויער. אָבער דאָ איז גאָר אַ פאַרקערטע וועלט.

פאַרבייגייער באַלאַגערן אַ בלינדן אַלטיטשקן און פאַרשיטן אים מיט נדבות. ער האָט אויסגענומען, דער אַלטיטשקער, קודם כל מיט דעם, וואָס ער גייט ניט מיט דער מחנה שנאָרערס, נאָר ער גייט זיך זיין אייגענעם וועג; צווייטנס, זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ייד אַ באַלעבאָס און נאָך געגעבן צדקה פאַר אַנדערע. דערצו מאָנט ער ניט מיט חוצפּה, ווי אַ געבוירענער שלעפּער, מיט תחנונים בעט ער:

— גיט אַ נדבה אַ בלינדן, גיט אַ נדבה אַ בלינדן.

און יידן, רחמנים בני רחמנים, גיבן. אַרום דעם אַלטיטשקן איז אַזאַ געדראַנג, ווי מען וואָלט דאָ געכאַפּט אַ מציאה און איינגעקויפט עולם הבא בזיל הזול. עס געפינען זיך נייגעריקע יידיקגייער, וואָס ווילן וויסן מער פּרטים און פרעגן אים אויס:

— איר זייט אַ נשרף, ר׳ ייד?

— איר האָט איינינקלעך קיילעכדיקע יתומים?

— איר זייט אַ ניט־היגער, זיידע? וואו האַלט איר זיך אויף?

נאָר אויף אַלע קשיות האָט דער אַלטיטשקער איין תירוץ:

— גיט אַ נדבה אַ בלינדן, גיט אַ נדבה אַ בלינדן.

מיטאַמאָל נעמט זיך איינער אַריינשטופּן אין געזעמל, ער אַרבעט שווער מיט די פויסטן און טרעט מענטשן אויף די פיס. דער עולם קוקט זיך אום און דערזעט נאָך אַן אַלטיטשקן, וואָס יאָמערט:

— וואָס טוט זיך דאָ, וואָס טוט זיך דאָ? ווער זאָגט עס, אַז ער איז אַ בלינדער? איך בין אַ בלינדער!

דער ערשטער אָרעמאַן איז, ווייזט אויס, צו זיין בלינדקייט נאָך אַביסל טויבלעך אויך. כאַפּט ער אָן דעם צווייטן אָרעמאַן ביים אַרבל און וויינט:

— גיט אַ נדבה אַ בלינדן, גיט אַ נדבה אַ בלינדן.

— גיט איר — מיר! גיט איר — מיר! איך בין אויך אַן אביון, — שרייט דער צווייטער, — איך בין אַ היגער און איר זייט אַ פרעמדער. איך בין אַן אמתער סגי־נהור און איר זייט אַ פאַרשטעלטער, אַ ליגנער. אין אייער קול הער איך, אַז איר זייט ניט קיין בלינדער.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, ווערט דער ערשטער אַ פאַרציטערטער, ער נעמט כליפּען און טענהן צום אַרומיקן עולם:

— אוי, ס׳אַר אַ גזלן ער איז! אוי, ס׳אַר אַ גזלן ער איז! וואָס אַרט עס אים, אַז מען העלפט אַ זקן?

ער נעמט זיך אַרויסרוקן פון רעדל מיט גיכע טריט. דער צווייטער לויפט אים נאָך און קלאַפּט מיט זיין שטעקן אין ברוק:

— כאַפּט אים! ער איז ניט קיין בלינדער. האַלט אים! ער איז אַ קעשעניק.

— טפו זאָלן זיי ווערן, — שפייט אויס איינער פון געזעמל, — אַזעלכע זשוליקעס. זיי לאַכן פון אַ שטאָט און שאַרן גאָלד אין די גאַסן. הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

— מיינע רייד, — פּאַטשט זיך אַלטערקע אין בייכל. ער שטייט אין טויער און לאַכט אין די הויפּנס פון די „פּוכקע לבבות״, וואָס לאָזן זיך אַרייננאַרן אין זאַק פון יעדן שווינדלער. מיך וועט מען ניט פירן ביי דער נאָז, קלערט ער און גייט אַריין אין הויף, אין דער געגנדזליאַרניע, וואו ליזע, זיין ווייב, זיצט הינטער דעם בלעכענעם טיש און וואַרט אויף מאַדאַמען.

אין הויף קומען אַריין צוויי אויסגעמאָגערטע שוואַרצע יידן, ווי די מלאכי חבלה, זיי שטעלן זיך אָפּ פאַר דעם געגנדזלער און פרעפלען עפּעס אין די וואָנצעס. אַלטערקע קוקט זיי אָן מיט חשד און רופט אויס:

— איר זייט דאָך תהלים־זאָגער. גייט זעצט זיך אויפן שול־הויף, אויף די טרעפּלעך פון דער קברנישער קלויז, און וואַרט אויף אַ שמחה, אויף אַ געשטאָרבענעם.

— און אַז די גבירים ווילן פאַרט ניט שטאַרבן, זאָלן מיר מתפלל זיין, גאָט באַהיט, אויף לוויות? — פרעגט איינער פון זיי, ווייך און מיט הכנעה.

— בעסער גיט, — זאָגט האַרט דער צוויטער, — איר זאָלט צו אונדז ניט דאַרפֿן אָנקומען. צדקה תציל ממות.

אַלטערקע דערשרעקט זיך ניט אויף קאַטאָוועס, און דערלאַנגט יעדן צו פֿינף גראָשן. אויך ליזע, וואָס זיצט די גאַנצע צייט די הענט פֿאַרלייגט אויף דער ברוסט, מיט אַ פֿאַרקילטן גענעץ אין די פּעטע מויל־ווינקלען, דערפֿילט פֿון די תהלים־זאָגערס אַנצוהערעניש ווי מוראַשקעס לויפֿן איבער איר אַנגעגאָסענעם שווערן גוף, און זי בעטלט ביי די צוויי שוואַרצע יידן:

— זאָגט תהילים, מיר זאָלן זיין געזונט און האָבן פּרנסה.

ווען דאָס פּאָרל גייט אַוועק, וואַרפֿט זיך ליזע אַרויף אויף איר מאַן.

— דו מיינסט, אַז אַלע זיינען דיר די שוחטים. מיט וועמען הייבסטו זיך עס אָן, מיטן מלאך המות?

אין הויף קומט אַריין אַ הויכער יונג אין אַ לעדערנער קורטקע, מיט אַ בולבעוואַטן פּנים, פֿול מיט פּרישטשעס און אַ פֿאַרבעלמעט אויג. דאָס צווייטע אָפֿענע אויג איז בלאַנק ווי אַ מעסער און שטעכט זיך אַריין אין אַלטערקען. ער ציט אויס אַ נעבעכדיקע האַנט כלומרשט, נאָר בשעת מעשה ווייזט ער אַ האַרטן עלנבויגן.

— גיי אַרבעטן, — זאָגט אַלטערקע.

אַרום דעם יונגס בעלמע לייגן זיך אויס אַ סך קנייטשלעך, ווי דאָס אויג וואָלט אים זייער געשמאַרצט, און זיין צווייט אָפֿן אויג ווערט נאָך גרעסער, בלאַנקער. ער רוקט זיך צו אַ טריט נעענטער צום נידעריקן, פֿול־געפּאַקטן גענדזלער, נעמט אים אָן ביים הויזן־רימען און גיט אים אַזאַ צי, אַז אַלטערקע דערפֿילט אַ טרייסלעניש אין בויך. דער יונג צעלאַכט זיך, ווי ער וואָלט עס געטאָן סתם אַזוי אין אַ וויץ און זאָגט געלאַסן:

— מיט עצות בין איך פֿאַרזאָרגט. גיט אויף אַ טרונק בראָנפֿן, וועט פֿאַר אייך זיין גלייכער.

אַלטערקע מעסט־אָפּ דעם יונג מיט די אייזערנע אַקסלען און פֿאַרשטייט, אַז אָט דער אונטערוועלטניק איז גרייט אויף אַ געשלעג. איך בין קעגן אים אַ הענדעלע און וועל אַרויסגיין אָפּגעפּליקט אויף לייטיש געלעכטער, טראַכט אַלטערקע און מיט פֿאַרביסענע ליפּן דערלאַנגט ער דעם יונג אַ פּאָר מטבעות.

דער אונטערוועלטניק באַטראַכט לאַנג די פּאָר מטבעות אויף זיין ברייטער דלאָניע, ווי ער וואָלט זיי געהאַט בדעה אַראָפּצושלינגען, און זאָגט קאַלט:

— ווייניק!

אין דעם גענדזלער קאָכט־אויף דאָס בלוט. ער טוט אַ קוק אויפֿן בלעכענעם טיש, וואו עס ליגט דער האַק־מעסער. גריילעך וואָלט ער איצט אַ פּאַכע געטאָן מיטן האַק־מעסער דעם נאַכאַלניק פֿאַר די אויגן. יענער, ווי ער וואָלט עס פֿאַרשטאַנען, גיט זיך אַ רוק צום גענדזלער נאָך נעענטער און צישעט אַרויס:

— וויניק, זאָגט מען איך.

ליזע זעט, דאַכט זיך, גאָרניט, זי שלאָפֿט מיט אָפֿענע אויגן, ווי אַ סאָווע. נאָר אומגעריכט גיט זי אַ געשריי צום מאַן:

— דערלייג אים און זאָל ער גיין!

אַלטערקע דערלאַנגט דעם יונג נאָך אַ צענערל און מאַכט אַ גוטע מינע, ער זאָל ניט אַרויסגיין דער פֿאַרשפּילטער:

— אז איך האָב צו טאָן מיט אַ פֿיינעם מענטשן, בין איך אויך אַ גוטער ברודער.

ווען דער בלאָטער יונג גייט אַוועק, שיט נאָך ליזע זאַלץ אויף איר מאַנס וואונדן:

— דו מיינסט, אַז אַלע זיינען דיר דער הויז־ווירט, וואָס דו הוקעסט אויף אים בעת ער קומט מאָנען דירה־געלט? מיט וועמען הייבסטו זיך עס אָן, מיט אַ כוח־גייער? ער קען געבן מיט אַ מעסער אין זייט.

אין הויף פֿאַלט אַריין אַ יידענע מיט אַ הויכן געקנייטשטן שטערן און אַ פֿרום־געבויגענעם רוקן. זי כאַפּט זיך אָן מיט אירע גרויסע, אָדער־דיקע הענט אָן ראַנד פֿון בלעכענעם יאַטקע־טיש, ווי זי וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אָן אָרון־קודש, און זי צעשאָקלט זיך:

— יידישע קינדערלעך, גיט אַ נדבה. אין די הייליקע ספֿרים שטייט געשריבן, אַז מען זאָל געבן צדקה צו אָרעמע־לייט. ווער עס וויל דאָס ניט גליבן, דער זאָל נעמען אַ ספֿר מוסר, וועט ער עס זען באַשיידלעך. אַן אָרעמאַן וואָס נעמט צדקה, טוט דעם געבער אַ גרעסערע טובֿה, ווי דער געבער טוט מיט דעם אָרעמאַן.

— טוט מיר ניט קיין טובֿה, — צעריטשעט זיך דער גענדזלער, — גייט אַרבעטן. ס'איז ערבֿ פּסח, ווערט אַ קנעטערקע, אַ וועלגערקע אין אַ פּאָדריאַד. גייט פֿליקן פֿעדערן אין שחיטה־שטיבל. וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? איך האָב היינט גענוג געגעבן.

— די חכמים זאָגן, — ענטפֿערט אויף דעם די יידענע מיט אַ ניגון פֿון אַ זאָגערקע, — ווען אַן עני קומט נאָך צדקה, זאָלסטו אים ניט מדחה זיין: איך האָב שוין היינט געגעבן, קום אַן אַנדערש מאָל. נייערט דו זאָלסט אים ניט אָוועקלאָזן ליידיק. גאָט ברוך הוא שיקט אַ מלאך ער זאָל זיך צוקוקן צי דער עושר גיט דעם אָרעמאַן צדקה מיט אַ גוטן

געמיט און מיט שמחה, אָדער מיט אַ טרויעריק פּנים. אויף דעם זיינען פאַראַן פיל פּסוקים...

פון רציחה ווערן ביי אַלטערקען אָנגעשוואָלן די הויט־זעקלעך אונטער די אויגן. עס פעלט אַ האָר, ער זאָל אָנכאַפּן די יידענע ביים קאַרק און זי אַרויסשליידערן פון הויף אויף צוויי שפּענדלעך. אָבער צו זיין גרויסן חידוש דערזעט ער ווי אויף ליזעס פּנים צעגיסט זיך אַ ברייטער שמייכל און איר מויל פאַרלויפט מיט זיסער מילך, מיט האָניג און מיט גוטע ריידעלעך:

— וואָס ווילט איר, ליבע פרוי, אַ נדבה? איר דאַרפט אַזויפיל זיך ניט בעטן, — פאַררוקט ליזע איר האַנט אין פאַרטעך־קעשענע און קלינגט מיטן מינץ.

ביי אַלטערקען איז דער קאָפּ ניט אויסגעדאַרט, ער קוקט זיך אַרום — אַהאַ, ער פאַרשטייט! צום טיש דערנענטערט זיך אַ מאַדאַם אין אַ הוט מיט אַ פעדער, און אַ דינסט מיט אַ קאָשיקל גייט איר נאָך פון הינטן. ליזע וויל זיך אַרויסשטעלן פיין פאַר דער מאַדאַם און ציילט דער יידענע אויף דער האַנט:

— ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ניט פיר.

די יידענע שאָקלט־צו מיטן קאָפּ ביי יעדער פּרוטה, זי איז מסכים. און דערווייל מאָלט זי אויף איר געדיכטן מענה־לשון:

— מענטשן דאַרף מען ציילן „ניט איינס, ניט צוויי", עס זאָל זיי ניט שאַטן קיין עין־הרע, נאָר געלט דאַרף מען ניט זשאַלעווען. די צדקה, וואָס ווייבער גיבן, איז מער אָנגענומען און באַווילִיקט פון דער צדקה וואָס מאַנסבילן גיבן. דאָס וואָס מיר גיבן די אָרעמעלייט איז גלייך ווי מיר וואָלטן עס געגעבן דעם אייבערשטן. קיין שום מענטש איז קיינמאָל נישט אָרעם געוואָרן, ווייל ער האָט צופיל צדקה געגעבן. מיר געפינען אין דער גמרא...

אַלטערקע פאַרשטאָפּט זיך די אויערן און לויפט אַרויס פון דער גענדזליאַרניע ווי אַן אונטערגעשאָסענער. ער ווייס, אַז ווען ניט די מאַדאַם, וואָלט זיין ווייב געגעבן פון אַ גילדן רעשטע אָט־דער פרומער שנאָרערקע. נאָר אַז מען דאַרף, קען זיין ליזע אָנשטעלן אַ פּנימל פון קאַנדל־צוקער. אָבער ער קען עס מער ניט אויסהאַלטן. ער בלייבט שטיין אין טויער און גיסט אויס זיין האַרץ פאַר מיין מאַמען:

— הערט איר, וועלע, איר רעדט דאָך אויך כסדר ווי אַ רביצן, נאָר אַנטקעגן יענער גבאיטע זייט איר — דרויב. גייט, גיט אַ קוק ווי זי גיסט מיט בוימל, ווי זי שנאָרעט מיט פּסוקים. איך זאָג אייך, מען קען קריגן אַ פּאַפּלעקציע.

## II

די מאַמע זיצט אַ פאַרדאגהטע, זי ווערט אַלץ מער פאַרזאָרגט וואָס אָפּטער זי מוז אַריינשטעקן די האַנט אין קעשענע און טיילן אירע בלוטיקע גראָשנס. פריער איז געגאַנגען אַ סדרה פון סתם אָרעמע־לייט. איצטער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע וואַנדערניש, מיט אַ קלינגערײַ און אויס־רופעניש, ווי מוזיקאַנטן וואָס גייען פאַר אַ פאָלק סאָלדאַטן.

אַלטערקע דער גענדזלער שטייט אין טויער און רופט אויס, ווי אַ בדחן אויף אַ חתונה רופט אויס דרשה־געשאַנק:

— די צדקה־פושקעס גייען, די צדקה־פושקעס!

עס קומט צו אַ ייד מיט גרויע געדיכטע פּאות און אַ ברייטער צעשויבערטער באָרד. זיין פּנים איז ממש פאַרפּלייצט מיט קודלעס האָר און עס זעען זיך אַרויס בלויז אַ פּאָר גרויסע אָפּגעשטאַנענע אויערן. ער קלאַפּט מיט דער פּושקע:

— גיט פאַר חברה־תורה. צוליב ביטול תורה ווערט חרוב די וועלט.

די מאַמע וואַרפט אַריין קליינגעלט.

— דערלעבט איבעראַיאָר, — דאַנקט איר דער ייד.

— אמן, — ענטפערט די מאַמע, — און איר זאָלט דערלעבן צו הערן דעם שופר של משיח. גיט אַ ברכה אויך פאַר מיין זון.

— איר זאָלט זוכה זיין צו זען ווי אייער זון ווערט גרויס אין דער תורה.

די מאַמע ווערט צעטומלט, אַזוי ווייט פאַרלאַנגט זי ניט. זי וואָלט געווען צופרידן איר זון זאָל כאָטש דאַווענען דריי מאָל אין טאָג. פון אירע מחשבות שלאָגט זי אַרויס אַ צווייטער ייד, וואָס באַווייזט זיך אין טויער גלייך נאָך דעם ערשטן.

דער נייער צדקה־קלייבער איז אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אין אַ שווער, קיילעכדיק באַראַשקען היטל. פון אונטער זיין לאַנגן טראַנטעוואַטן מאַנטל, וואָס פּלאָנטערט זיך אים צווישן די פיס, צופּט אַרויס דער ווינט די וואַטע פון צעפּאַלענעם אונטערשלאַק. אַרומגעגאַרטלט איז ער מיט אַ שטריק און זיין אונטערגעבונדענער אָפענער בוזעם איז אָנגעשטאָפּט מיט שטיקלעך עסנוואַרג, וואָס ער קריגט מן הצד, פאַר זיך גופא.

— גיט פאַר תומכי־תורה. פאַרן עון פון ביטול תורה שטאַרבן קליינע קינדערלעך, — קלאַפּט ער מיט דער פּושקע.

דער ייד זאָגט עס אַרויס זינגעוודיק, כמעט טאַנצנדיק, אָבער אויף מיין מאַמען פאַלט אַן אימה פון דער האַרבער התראה, דערלאַנגט זי דעם יידן אַן עפּעלע, אין פּושקע וואַרפט זי אויך עפּעס אַריין און ווינטשט אים נאָך צו:

— איר זאָלט מער ניט דאַרפֿן אָנקומען צו לייטן.

— איך קלאָג זיך ניט, איך האָב מיין אויסקומעניש בכבוד, — ענטפֿערט דער ייד אין די טראַנטעס, — קיין למדן בין איך ניט, נאָר איך האָב געהערט דעם רבין זאָגן ביים טיש, אַז אָרעמקייט איז שיין פֿאַר יידן ווי רויטע בלומען וואָס באַצירן אַ וויס פֿערד. — און דער פּריילעכער קבצן שרייט שוין צו עמעצן אַנדערש, — גיט פֿאַר תומכי־תורה! גיט פֿאַר תומכי־תורה!

צום טויער דערנענטערט זיך אַ דריטער ייד אין אַ האַרטן קאַפּעליוש, אין אַ האַרטן גומענעם האַלדז־קראַגן, מיט אַ פּאָר גאָלדענע ברילן און אַפֿילו מיט אַ פֿוטערנעם קאָלנער. ער שרייט ניט, קלאַפּט ניט מיט דער פּושקע, נאָר טראָגט זי פֿאַרזיכטיק איןביידע אויסגעשטרעקטע הענט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַן אתרוג מיט אַ לולב.

די מאַמע זעט, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַן איידעלן יידן. דאָך וויל זי וויסן וואו עס גייט אַוועק איר שווער־פֿאַרהאָרעוועטער גראָשן.

— פֿאַר וועמען, רבי?

— פֿאַר מרביצי־תורה, — ענטפֿערט דער ייד, — בעת דער מלחמה זיינען מיט די בעזשענצעס פֿון דער ליטע געקומען קיין ווילנע אויך אַ סך רבנים און דאָ געמאַכט אַן אכסניה של תורה.

— און ווער זיינען חברה־תורה און תומכי־תורה? — פֿרעגט די מאַמע.

דער ייד פֿאַרריכט די גאָלדענע ברילן אויף דער נאָז, קעמט אויס מיט די פֿינגער די וואָנצעס, איין גלעט אַהער, איין גלעט אַהין, און נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת קומט ער צו דער החלטה — ניט צו ריידן קיין לשון־הרע:

— בעת דער מלחמה זיינען מיט די בעזשענצעס פֿון דער ליטע געקומען קיין ווילנע בעלי־מוסר פֿון סלאָבאָדקע, עילוים פֿון טעלז און מתמידים פֿון פּאָניעוועזש. לערנען, משמעות, אָט די בחורים אין חברה־תורה און אין תומכי־תורה.

אָפּגעזאָגט דאָס זייניקע און באַקומען אַ נדבה, גייט דער ייד אַוועק מיט געלאַסענע טריט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ תלמיד־חכם פֿון זאַמוט.

מיין מאַמען אַרט אַ קשיה, רעדט זי צו זיך אַליין אויפֿן קול:

— די מעשה מיט די בעזשענצעס איז אַ מעשה פֿון פֿאַר פֿופֿצן יאָר; נאָך דער מלחמה זיינען דאָך די רבנים צוריקגעפֿאָרן אין זייערע שטעט. ווער־זשע איז געבליבן?

— די פּושקע איז געבליבן, — וואַרפֿט אַריין אַלטערקע.

די מאַמע האָט געפֿרעגט אַזוי זיך. דער געגנדזלער אָבער קען נאָך מיינען, אַז צוליב אַ גראָשן וואָס זי שענקט, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, איז

זי חושד אַן אײדעלן יידן אין מי־יודע וואָס. ענטפערט זי אַלטערקען בייזלעך, איר קריכט שוין פון האַלדז זיינע חכמות:

— ניט אַלע רבנים זיינען צוריקגעפאָרן אין זייערע שטעט. אַנדערע האָבן פאַרנומען זייערע ערטער, אָדער זיי אַליין האָבן מער ניט געוואָלט זיין קיין רבנים. עס זיינען דאָ אַזעלכע ערלעכע יידן וואָס האָבן מורא צו פּסקענען שאלות. דערצו האָבן מיר אין ווילנע ראמיילעס ישיבה, די פּרושים פון גאונס קלויז, די פּרושים פון ר' שאולקעס קלויז און דעם וועד־הישיבות.

— פאַר די קלאָפּט מען באַזונדער מיט דער פּושקע, — זאָגט אַלטערקע, — קיין אַנשיקענישן פעלן ניט.

עס קומט צו אַ ייד מיט אַ געלער באָרד און מיט געלע האָר־בינטלעך אויף די פינגער. אין אַ קאָשיקל טראָגט ער בינטלעך געלע כפול־שמונהדיקע ציצית, ארבע כנפותלעך, טלית־קטנס און ספרים:

— קויפט ארבע־כנפותלעך פאַר די אייניקלעך.

— איך האָב נאָך ניט קיין אייניקלעך, — טוט די מאַמע אַ שמייכל, — מיין זון האָט נאָך ניט חתונה געהאַט.

— טאָ קויפט זשע ביי מיר אַ טלית קטן פאַר אייער זון, — ווערט דער ייד אַ לעבעדיקער, — זעט אַ סחורה! ריינע וואָל און אַן אייל די לענג, ווי עס דאַרף זיין לויטן ווילנער גאון.

די מאַמע, ווי זי וואָלט באַהאַלטן אַ גנבה, וואַרפט אַ זייטיקן בליק אויף אַלטערקען, צי לאַכט ער ניט פון דעם וואָס דער ייד באַט איר אַן אַ טלית־קטן אַן אייל די לענג. קיין קירצערן וועט דאָך איר פרומער זון ניט אָנטאָן... צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. אַלטערקע האָט זיך אַרויסגערוקט פון טויער אינדרויסן און גאַרניט געהערט. שטעקט זי אַריין דעם יידן אַ מתנת־יד, אַבי ער זאָל וואָס גיכער אַוועקגיין.

— קיין נדבות נעם איך ניט, — זאָגט דער איינגעגעסענער ייד, — דערלייגט עפּעס און קויפט ביי מיר אַ תחינה. אַ נייע תחינה פון אַ היינטיקן מחבר, געדרוקט מיט גרויסע אותיות מרובעות, ניט מיט קיין הילצערנע שריפט ווי די אַמאָליקע.

— ניין, — ענטפערט די מאַמע אומגעדולדיק, — איך האָב זיך מיינע תחינות פון פאַרצייטיקע יידן און קיין היינטיקע דאַרף איך ניט.

דער רומל־סוחר ווערט אַוועקגעשטופּט פון אַ פלינקן יונגמאַנטשיק אָן אַ באָרד און אָן פּאות, נאָר מיט אַ פּושקע:

— גיט פאַר די שקיעה־זייגערס.

— וואָס הייסט? — פרעגט די מאַמע אַ פאַרבליפּטע.

— אָט דאָס הייסט! — רופט אויס דער יונגערמאַן מיט גרויס

צופרידנקייט, וואָס ער קען מאַכן פּירסום זיין מוסד. ער פּאַררוקט די פּושקע אונטער דער פּאַכווע און רעכנט אויף די פינגער:

— אַז מען דאַרף געבן פּאַר באָד און הקדש — פאַרשטייט איר. פאַר געווינערינס, פאַר אָרעמע כלות, יתומים און אלמנות — פאַר־שטייט איר. פאַר פּת־לחם און פּאה בית־לחם — פאַרשטייט איר. נאָר אַז מען מוז האָבן אויפן שול־הויף דריי שקיעה־זייגערס, איינער זאָל ווייזן ווען מען דאַרף פּרייטיק פאַרמאַכן די קראָמען, דער צווייטער — ווען מען דאַרף בענטשן ליכט, דער דריטער — ווען מען מעג מוצאי שבת דאַווענען מעריב; און אַז דריי זייגערס באַדאַרפן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיי אָנדרייען, און אַז אַ מענטש קאָסט געלט — דאָס פאַרשטייט איר ניט.

די מאַמע הערט ניט מער וואָס דער יונגערמאַנטשיק רעדט, זי קוקט אָנגעשטרענגט און איבערגעשראָקן אויף עמעצן וואָס גייט אינמיטן גאַס.

## אינמיטן

גאַס גייט כייקע די מויד. איר הילצערן פּנים איז רויט אָנגעפּאַרבט, אין אירע האָר שטעקן פּאַפּירענע בלימעלעך, איר קליידל, שמאָל און קורץ, איז הויך אַרויפגעצויגן אויף איר אָנגעבלאָזענעם שפּיציקן בויך און עס זעען זיך אַרויס אירע ליטקעס מיט די בענדלעך אויף די וואָלענע געשטרייפּטע זאָקן. אירע דאַרע קני זיינען ווי צונויפגעוואַקסן אינאיינעם, שטעלט זי די פיס אין דער ברייט און וויגט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער.

מיין מאַמעס פּנים ברענט פון חרפּה און זי דרייט אַוועק דעם קאָפּ זי זאָל ניט דאַרפן צוקוקן די געפאַלנקייט פון אַ יידישער טאָכטער. ניט געדאַכט זאָל עס ווערן, טראַכט די מאַמע, די מויד איז ווידער שוואַנגער. יאָר־איין יאָר־אויס האָט זי אין הקדש אַ קינד. די קינדער נעמט מען אַוועק אין די יתומים־הייזער. מען זאָל זיי לאָזן ביי כייקען, קען זי זיי דערשטיקן, זי איז דאָך אַ משוגענע. פונדעסטוועגן געפינען זיך אויף איר בעלנים. הינט זיינען עס, ניט קיין מאַנסבילן.

די קרעמער, וואָס זיינען היינט אַ גאַנצן טאָג פאַרמרה־שחורהט צוליב דעם באַפאַל פון די אָרעמע לייט, ווערן מיטאַמאָל פריילעך און פאַרשייט. זיי קוקן נאָך דער מויד און ווינקען זיך איבער כיטרע. איינער נעמט לוסטיק אונטערברומען אַ ניגונדל. אַ צווייטער טוט פּילדייטיק אַ זיפצל, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַן אויפטוער ער איז עס געווען אַמאָל. אַ סוחרל מיט אַ קמץ־בערדל גיט אַן אויסגעלאַסענעם פייף — און דערשרעקט זיך. ניט ווילנדיק איז פון אים אַרויסגעשפּרונגען דער באָד־יונג פון אונטערן קמץ־בערדל.

דאָס פּעטע בייכל אַרויסגערוקט פאָרויס, די הענט פאַרשטופּט אין

די הויזן־קעשענעס, שטייט אַלטערקע אינמיטן גאַס און באַטראַכט די מויד מיט אַ פאַרזשמורעט אייגל, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ גרויסן מבֿין:

— מען דאַרף האָבן צו איר אַ קופּערנעם יצר־הרע, — שפּייט ער אויס.

כייקע הערט ניט און זעט ניט וואָס אַרום איר טוט זיך. זי גייט גלייך צו אונדזער טויער און בלייבט שטיין ביי מיין מאַמעס קאָשיקעס:

— וואָס ווילסטו? — פרעגט די מאַמע האַרט און מיט אומווילן.

צו אַלע אירע מעלות, איז נאָך כייקע אַ האַלב שטומע, בעבעט זי אַרויס:

— אַן ע... פּע... לע.

ראַפּטום גיט זי זיך אַ בייג אַן און כאַפּט אַרויס פון עמער דעם גרעסטן קוואַס־עפּל, וואָס דאַרף מיט זיין שיינקייט צוציען קונים.

— אָ־אָ־אָ־דעם, — זאָגט זי.

די מאַמע רייסט אַרויס פון כייקעס האַנט דעם עפּל מיט אַ געשריי:

— קעקערע פון דיר פאַרגינען זיך עס ניט.

די מויד בלייבט שטיין מיט אַן אָפן מויל און בייזע אויגן. זי מאַכט אַ פויסט און סטראַשעט:

— וואַרט!

— זי וועט אויף איך אָנרייצן אירע ליובאָווניקעס, — קאַטשעט זיך אַלטערקע פון געלעכטער.

די מויד שטאָלפּערט אַוועק. ביי מיין מאַמען גייט אָפּ דער כעס און עס פאַרקלעמט איר ביים האַרצן: אַ גאָטס־רחמנות. קלייבט זי אויס אַ פּאָר קליינע ווינטערדיקע עפּעלעך און יאָגט נאָך די מויד:

— נאַ דיר.

כייקע נעמט די עפּעלעך, באַטראַכט זיי לאַנג מיט אַן אַנטוישט פּנים און ציט אויס די ווערטער:

— זע וואָס זי גיט מיר.

און טוט אַ שליידער די עפּעלעך אויף דער ערד.

די מאַמע זעט ווי איר סחורה קייקלט זיך אַריין אין רינשטאָק און שווימט אַוועק מיטן בלאָטיקן צעגאַנגענעם שניי.

— משוגענע! — שרייט זי אויס.

— משוגע צו שלאָגן יענעמס קאָפּ, ניט די אייגענע, — האַלט זיך אַלטערקע ביי די זייטן פון געלעכטער.

די מאַמע זעצט זיך אַראָפּ אויף איר בענקעלע אַ פאַראומערטע. זי האָט ניט קיין חרטה, וואָס זי האָט כייקען ניט געלאָזט צונעמען דעם גרעסטן קוואַס־עפּל. זי זאָל זיין אַזאַ ברייטע געבערקע, האָט גאָט אַליין איר ניט געהייסן, בפרט, אַז די סחורה איז געבאָרגט ביים הורטאָווניק.

מער ניט, איר פֿאַרדריסט הלמאי זי האָט ניט געקענט איינהאַלטן איר כעס. ווען זי זידלט אָפּ אַ מאַדאַם, וואָס שטעלט זיך אַוועק אין אַ מאַרק־טאָג אָפּדינגען אַ גראָשן אויף אַ בינטל ציבעלע, האָט זי ניט קיין חרטה אויף איר האַסטיקייט אַפֿילו אין די עשרת ימי תשובה. אָבער דאָס וואָס זי האָט זיך געוואָרפֿן אויף אַ האַלב שטומען מענטשן מיט אַזאַ געשריי, איז אַ גרויסע עבירה. קנאַפּ ניט געראָטענע קינדער ווערן געבוירן אין באַלע־באַטישע שטיבער? נאָר ווען עס זיינען דאָ טאַטע־מאַמע, וואָס גיבן אַכטונג, ווערן ניט אַזעלכע ניט־דערבאַקענע קינדער צו שאַנד און צו שפּאָט. אָבער כייקע איז חוץ איר פּעלער אויך אַ יתומה און שטאַמט פֿון אַזאַ דלות וואָס קיין בן־אדם קען זיך עס ניט פֿאָרשטעלן. ניט אומזיסט שטייט געשריבן אין די ספרים, אַז ווען מען זאָל אַרויפֿלייגן אַלע יסורים פֿון דער וועלט אויף איין וואָגשאָל און די יסורים פֿון אָרעמקייט אויף דער אַנדערער וואָג־שאָל, וואָלטן די יסורים פֿון אָרעמקייט אַלץ אַריבערגעוואויגן.

## III

אַלטערקע דער גענזלער מאַכט מיט דער האַנט־פּלאַך אַ דע־כעלע איבער די אויגן, ער זאָל קענען בעסער זען, און קוקט אין דער ווייט, ווי אַ שיפּס־קאַפּיטאַן קוקט אויפֿן הימל, וואו עס באַווייזט זיך אַ קליין וואָלקנדל, אַן אָנזאָג אויף אַ געפֿערלעכן שטורעם.

— דער גיהנום גייט! — שרייט אויס דער גענדזלער, — „ראַספּוטין" מיט זיינע זיבן ווייבער.

כאַצקל דער שפּייז־קרעמער, וואָס איז קוים מיט צרות פּטור געוואָרן פֿון די קאַראַוואַנען בעטלער, צעעפֿנט ברייט די טיר אויסצולופֿטערן זיין געוועלב פֿון די אָרעמאַנסקע ריחות, קונים זאָלן קענען אַריינקומען. ווען ער דערהערט דעם גענדזלערס אַלאַרם, ווערט ער אַ פֿאַרצאַפּלטער:

— יידן, מאַכט צו די קראָמען, אַ פּאָגראָם!

ווי דאָס סיבירער פּויערל ראַספּוטין, וואָס האָט עולה לגדולה געווען ביים רוסישן צאַר, האָט פֿאַרדרייט דעם קאָפּ די שענסטע פּרינצעסינס, אַזוי האָט איינער פֿון די ווילנער שנאָרער געוואונען די הערצער פֿון זיבן בעטלערקעס. האָט אים די שטאָט אַ נאָמען געגעבן „ראַספּוטין", און אַנדערע רופֿן אים אַפֿילו „דער קייסער".

ראַספּוטין צעשטעלט זיינע זיבן ווייבער אויף די ראָגן פֿון די רייכע גאַסן און זיי לאָזן ניט דורך קיין מענטשן. זיי גיבן בלויז איין קוק אויף אַ פֿאַרבייגייער, ווייסן זיי וויפֿל געלט ער האָט אין זיין טאַש, מעג ער אויסזען אַ נעבעכל און גיין אָנגעטאָן אין שמאַטעס. ווער רעדט ווען זיי

דערטאָפּן אַ כלל־טוער, אַ גבאי פון צדקה גדולה אָדער אַ פּרנס פון דער קהילה, גייט ער אַרויס פון זייערע הענט — אַ נאַקעטער. טאָמער איז דער ייד אַ האַרטער בעל דבר און קיין גוטע רייד רירן אים ניט, באַפאַלן אים די בעטלערקעס ווי די וועלפיכעס:

— בלוט־צאַפּער, גיט אונדז אָפּ די מיליאָנען וואָס אַמעריקע שיקט פאַר אונדז.

דער שיינער ייד זעט, אַז אַ שטאָט שטעלט זיך אָפּ קוקן אויף אים, ווי אויף אַ געכאַפּטן מאַרעוויכער, ווי אויף אַ הענדלער מיט פאַלשע בריליאַנטן, פּרוּווט ער זיך אויסקויפן ביי די ווייבער:

— נעמט אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, אַבי לאָזט מיך אַרויס אַ לעבעדיקן.

אין די געסלעך אַרום די יאַטקעס באַווייזן זיי זיך זעלטן. וואָס קענען זיי, מישטיינס געזאָגט, דאָרט פאַרדינען? דעריבער זעט אויס צו זיין ריכטיק אַלטערקעס השערה:

— מאָלט איך, אַז זיי האָבן היינט געהאַט אַ שוואַרצן טאָג, אויב זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט אַהער.

אויף דער רודניצקער גאַס איז שוין אַ גרויס געהודער. דריי בעט־לערקעס פלינדערן אויס אַ געשעפט. צוויי שפּרינגען אַרום אַ פאַרבייגייער אין אַ ווייכן סאַמעטענעם קאַפּעליוש מיט אַ שירעם אין דער האַנט, און נאָך צוויי באַלאַגערן אַ מאַדאַם מיט פּעקלעך:

— האַרעלע, שענקט עפּעס! — כליפּעט איינע.

— מאַדאַמעלע, ראַטעוועט! — חלשט די צווייטע.

— איר גיט אַ נדבה צי ניט? — שרייט אַ דריטע מיט אַ רוצחישער שטים פון אַ וואַלד־גזלן, וואָס איז באַפאַלן אַ סוחר אין וועג און אים צוגעשטעלט אַ מעסער צום האַלדז.

— קיינער ענטפערט ניט! — לאָזט אַרויס אַ געיאָמער די פערטע, ווי אַ פאַרמשפּטער וואָס האָט דערזען פאַר זיינע אויגן די תליה.

דער פאַרבייגייער שטעלט־אויף דעם שירעם, זיך צו שיצן פון שטורעם, און אַנטלויפט. אויך די מאַדאַם מיט די פּעקלעך לאָזט זיך לויפן אַ פאַרסאָפּעטע. די בעטלערקעס באַגלייטן זיי מיט ברכות:

— זע ווי ער וואַרפט מיט די הענט, וואַרפן זאָל אים ניין איילן די הייך.

— זע די פּעקלעך וואָס זי טראָגט, מען זאָל זי טראָגן שטיקערווייז.

די רייכע באַלעבאָסטעס, וואָס קריכן פויל אַרום איבער זייערע שטיבער דעם גאַנצן פרימאָרגן און ערשט נאָך האַלבן טאָג לאָזן זיי זיך אַרויס איינקויפן, ווייסן גאָרניט פון שטורעם, וואָס בושעוועט אין גאַס. זיי שטייען רואיק אין אַלטערקעס יאַטקע און שמועסן געמיטלעך מיט ליזען. אַלטערקע אַליין שטייט אין טויער, די פיס צעשפּרייט און האַרט ווי אַ פעלדז: ער

ווען די שלעפּערקעס ניט אַריינלאָזן אין דער גענדזליאַרניע. טאָמער רייסן זיי זיך אַריין אין אונדזער הויף, וועלן די באַלעבאָסטעס זיך צעלויפן ווי איבערגעשראָקענע גענדז. שטייט ער אויף דער וואַך, זיין קורצער געפּאַל־דעוועטער האַלדז איז רויט־אָנגעבלאָזן פון כעס, און כדי צו שטילן זיין יוכע, טשעפּעט ער זיך צו מיין מאַמען:

— קלעמט זיך ניט, וועלע, עס וועט נאָך זיין ערגער. היינט, מאָנטיק, איז דער מאַניפעסט פון די בעטלער. אָבער מיר האָבן נאָך ביי גאָט אַ טאָג פרייטיק, דער טאָג פון יחסנים, פון געפּאַלענע בעלי בתים און קרומע רוקנס. ווילנע קלינגט איבער דער גאַנצער וועלט מיטן ווילנער גאון און מיט אירע שנאָרער.

אַלטערקע פאַרענדיקט ניט, ער גיט זיך האַסטיק אַ רוק צום ווינקל טויער און פאַרשטעלט דעם וועג פאַר איינעם, וואָס וויל זיך אַריינשלייכן אין הויף אומבאַמערקט.

פאַר דעם גענדזלער שטייט — ראַספּוטין אַליין.

ראַספּוטין האָט דערשמעקט, אַז ער קען אין דער גענדזליאַרניע אָפּלעקן אַ פעטביינדל ביי די רייכע באַלעבאָסטעס. ער האָט אָבער מיטן קוק פאַרשטאַנען, אַז דער גענדזלער היט דעם אַריינגאַנג. האָט ער זיך געוואָלט אַריינגנבענען אין טויער, ווי אַ פיינטלעכער חייל גנבעט זיך אַריין אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג, ווען אירע וועכטער שלאָפן. האָט אַלטערקע אים באַמערקט באַצייטנס און צעשטערט זיינע פּלענער.

אין אַלטערקען קאָכט עס, דאָך רעדט ער צו דעם בעטלער אַזוי איידל, אַזוי איידל ווי ליזע, זיין ווייב, רעדט צו אירע מאַדאַמען אויף רוסיש:

— איך זע, אַז איר בלאָנדזשעט. מעג איך אייך פרעגן וועמען איר זוכט?

זינט די וועלט איז אַ וועלט, האָט נאָך קיינער ניט אָפּגעזאָגט ראַספּוטינען אַ נדבה. ווען אַלע זיינע קונצן העלפן ניט מער, גיט ער אַ קנייטש מיטן שטערן און פון זיך אַליין פאַרקאַשערן זיך זיינע אויגן־דעקלעך, וואָס זיינען בלוטיק־רויט פון אָנגעצונדענער טראַכאָמע. דעם דורכגייער באַפאַלט אַזאַ עקל, אַז ער לאָזט זיך אויסבייטלען ביז אַ גראָשן.

ראַספּוטין זעט איין, אַז ער קען דעם גענדזלער ניט אויסמיידן, קוקט ער אים אָן מיט זיינע שמאָלע אויגן־שפּעלטלעך און באַשליסט... מלחמה.

די גאַס האַלט איין דעם אָטעם, ס'איז אַלעמען גוואַלדיק טשיקאַווע דער פאַרמעסט.

ראַספּוטין פאַרריכט אויפן האַלדז דאָס שאַלקעלע וואָס האָט אַ סך קניפּלעך, ווי יעדע פון זיינע זיבן ווייבער וואָלט געמאַכט איין קניפּעלע ער זאָל זיך ניט פאַרקילן. דערנאָך הוסטלט ער אָפּ און טוט אַ שפּרונג־צו אויף די שפּיץ־פינגער אַזוי פלינק און ווייך, ווי אַ שד אויף די הינערשע

פיס. ער בייגט איין נידעריק די קני, דער קורצער גענדזלער זאָל קענען ווי אַ געביטער אַראָפּקוקן אויף אים, דעם שנאָרער, און ער שטרעקט אויס די דלאָניע:

— גיט אַ נדבה!

אַלטערקע קוקט אַריין אין דער דלאָניע, באַטראַכט די מזל־שטריכן אויפן בעטלערס האַנט, טוט אַ גענעץ און פרעגט איבער, ווי ער וואָלט ניט געהערט:

— וואָס ווילסטו, איך זאָל אַריינכראַקען?

דער בעטלער, וואָס האָט שוין געמאַכט אַ רחמנות־פּנימל און פאַר־קאַשערט די טראַכאָמע־אויגן־דעקלעך אַרויסצורופן ביים גענדזלער עקל, טוט מיטאַמאָל זיך אַ רוק־אָפּ אַהינטער און פרעגט איבער העכסט פאַר־וואונדערט:

— ווער, איך?

— מיט וועמען דען רייד איך, מיטן ווילנער ראַבינער? — ציט דער גענדזלער מיט די אַקסל, — וואָס ווילסטו?

— פאַרך! — הילכט־אָפּ איבער דער גאַנצער גאַס דעם בעטלערס אויסגעשריי, — כאַמולע! וועמען זאָגסטו עס „דו"?

אַלטערקע בלייבט אַ געליימטער, אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכט. ראַספּוטינען קען מען שפּייען אין פּנים, זאָגט ער אַז עס גייט אַ רעגן, און דאָ שלאָגט ער זיך מיט דער פויסט אין דער ברוסט:

— דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט? דו ווייסט ווער איך בין?

אַלטערקען ווילט זיך אַ שליידער טאָן ראַספּוטינען ווי אַ בינטל הינערשע קישקעס, נאָר ער פאַרגינט עס ניט זיינע שכנים, די קרעמער, וואָס שטייען אַרום טויער און עס גייט זיי אויס די כוחות, זיי חלשן עס זאָל קומען צו אַ סקאַנדאַל. ס'איז פאַר מיר אַ קנאַפּער כבוד צו פאַרפירן אַ געשלעג מיט אַ בעטלער, טראַכט אַלטערקע. ער פּרוווט די גאַנצע זאַך פאַררייבן מיט אַ חכמהלע און חוזקט גוטמוטיק פון ראַספּוטינען.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן מיט וועמען איך רייד? זאָג מיר טאַקע, ווער ביסטו?

— ווער בין איך? — פרעגט איבער ראַספּוטין און בלייבט אַ רגע אָן לשון, ווי ער וואָלט זיך בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען ווער ער איז, — ווער איך בין? אַ כאַמולע ביסטו! ווער איך זאָל ניט זיין, וועל איך זיך פון דיר ניט לאָזן דוצן.

ווען אַלטערקע ווערט אין כעס, קען ער דורסן אַ מענטשן, נאָר אויף לייטיש געלעכטער וויל ער ניט קומען. אים פאַלט איין, אַז ראַספּוטין האָט אים דאָ אָפּגעשפּילט די סצענע, כדי אַרויסצוקריגן אַ נדבה. נעמט ער אַרויס אַ מטבע און זאָגט מיט פאַראַכטונג:

— וואָס פּראָוועסטו דיינע הינטישע שטיק? נעם וואָס מען גיט דיר און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!

— איך האָב דיך אין דער ערד מיט דיין געלט! — צעשרייט זיך ראַספּוטין נאָך העכער.

אין דער מינוט לויפן אָן פון די אַרומיקע געסלעך די זיבן בעט־לערקעס פאַרשוויצטע, מיט צעשויבערטע האָר און הונגעריקע אויגן. זיי דערזען דעם געגנדזלער מיט דער מטבע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. גיבן זיי זיך אַ וואָרף צו אים, ווי אַ מחנה שוואַרצע ראָבן, ווי צעווילדעוועטע מכשפות:

— שענקט אַ נדבה!

— ניט נעמען! — גיט באַפעלעריש אַ געשריי ראַספּוטין.

די ווייבער קוקן זיך אום דערשראָקן און דערשטוינט. זיי דערזען אַ געזעמל מענטשן פון איין זייט, דעם געגנדזלער אין טויער פון דער צווייטער זייט, און אין דער מיט שטייט אַ שטאָלצער, אַן אויסגעגלייכטער זייער מאַן און קייסער. די בעטלערקעס עפענען די מיילער און עס טוט אַ פלייץ אַ מבול קללות.

— ווערט אַנטשטומט! — קאָמאַנדעוועט ראַספּוטין. — בעטלט ניט אין אָט־דער פאַרשטונקענער גאַס. גייט!

די ווייבער ווערן שטיל ווי די שעפעלעך, פאַרריכטן זיך די האָר, די טיכער אויף די קעפּ, און נעמען הכנעהדיק אַוועקגיין איינע הינטער דער אַנדערער. דער לעצטער גייט ראַספּוטין מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, שענקט ניט קיין איין בליק די אַרומיקע נייגעריקע.

דער געגנדזלער שטייט אַ באַגראָבענער. ער וועט דאָך ניט נאָכלויפן מיט געביילטע פויסטן דעם בעטלער, אָפּטרעטן ווידער פון טויער אַ פאַר־שפּילטער, לאָזט אים ניט זיין גאווה. צו זיין טרייפענעם מזל קומט אים צו הילף זיין ווייב. זי איז געווען די גאַנצע צייט פאַרטאָן מיט אירע קונדן אין דער געגנדזליאַרניע, האָט זי ניט געהערט וואָס עס קומט פאָר אינדרויסן.

— אַלטער! — דערטראָגט זיך איר שטים פון הויף. — אַלטער, וואו ביסטו?

— וואָס דאַרפסטו מיך, ליזע? — שרייט ער בכיוון הויך, די גאַס זאָל הערן אַז מען רופט אים. ער קוקט אָן מיט ביטול זיינע שכנים און ווייזט מיט אַ פינגער אין דער זייט, וואו די בעטלערקעס זיינען אַוועק־געגאַנגען:

— איר זייט ווערט איינע די אַנדערע, — צעלאַכט ער זיך אַלעמען אויף להכעיס און גייט אַריין אין הויף.

די קרעמער, וואָס האָבן פריער זיך איינגעהאַלטן, אויס מורא אַלטערקע

זאָל זיך מיט זיי ניט אָפּרעכענען, קווען אָן אָפּן פון נקמה ווי נאָר ער גייט אַוועק.

— אומעטום שטעקט ער אַריין די נאָז, נאָר קיינער וויל ניט האָבן צו טאָן מיט זיין גרויס מויל, האָט ער זיך אָנגעריסן אויף נאָך אַ גרעסערן פּיסק. איי, האָט אים ראַספּוטין אָפּגעבאָדן! אַ מצווה אויף אים.

— ראַספּוטינען קען מען וואַרפן אַ געפּגרטע קאַץ אין פּנים און עס אַרט אים ניט, וואָס־זשע האָט ער זיך דאָס מאָל אַזוי אויפגעקאָכט?

— ראַספּוטין איז געוואוינט מען זאָל אים אָפּטרייבן ווי אַ זלידנע פליג, ניט וועלן געבן קיין נדבה. אָבער דאָ זעט ער, אַז אַלטערקע רייצט זיך מיט אים, האָט אין אים אויפגעקאָכט זיין האָנאָר. ער איז דאָך דער קייסער פון די בעטלערס.

כאַצקל דער שפּייז־קרעמער זיפצט אָפּ און זאָגט מיט פאַרהויבענע אויגן צום הימל:

— הלוואי וואָלט ראַספּוטין פאַרווערט אַלע קבצנים צו שנאָרן אויף אונדזער גאַס, ווי ער האָט עס געטאָן מיט זיינע ווייבער.

די מאַמע מישט זיך ניט אין שמועס. זי זיצט ביי אירע קאָשיקעס און טראַכט: אַ בעטלער איז אויך אַ מענטש, און אַז מען איז אים מבייש, האָט ער אויך אַ גאַל.

זי כאַפּט זיך, אַז עס איז אַוועק דער טאָג און זי האָט נאָך היינט כמעט גאָרניט געלייזט, נעמט זי רופן קונים:

— קוואַס־עפּל, קוואַס־עפּל! פלעשער וויין, פלעשער וויין...

# ווייבער ביים טשאָלנט

## I

אַ גאַנצע וואָך אין טויער ביי די קאָשיקעס האָט ניט די מאַמע דעם קאָפּ צו די מעשיות פון די ווייבער, אָבער אַז עס קומט שבת, ווייס איך שוין, אַז ווען זי וועט צוריקקומען פון דער בעקעריי מיטן טשאָלנט, וועט זי ברענגען אַ באַרג מיט נייס.

כאָטש זי איילט זיך ניט אין דער בעקעריי, אַזוי ווי זי איילט זיך אין עזרת־נשים צום דאַווגען, טרעפט זי נאָך פונדעסטוועגן אַ קופּקעלע לשון־הרעניצעס וואָס שטייען און פּלאַפּלען.

די ערשטע „זאַגערקע" איז דאָ מאַריאַשע, אַ יידענע אַ קאָך־לעפל, אַ שלומפּער. מען זעט זי קיינמאָל ניט קיין פּאַרקעמטע, קיין אָנגעטאָנענע ווי עס באַדאַרף צו זיין, נאָר שטענדיק אין אַ פּאַטשיילע אַריבערגעוואָרפן אין איילעניש איבער די צעפּאַטלטע האָר, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן, און אַלץ פאַלט איר פון די הענט. זי האָט אַ פולע שטוב מיט קליינוואַרג און טאָג און נאַכט גייט דער הויף כאַדאַראַם פון דעם געליאַרעם, וואָס אירע קינדער הייבן אויף. שפּעט אין אָוונט דערהערט מען פון איר שטוב אַ געשריי, אַ בראַזגעריי פון גלאָז, גיבן זיך די שכנים אָפּ מזל־טוב: מאַריאַשעס מאַן ברעכט אין אַ נאָווינע טעלער און וואַרפט אַלץ אָן דער ערד.

מאַריאַשעס מאַן קומט פון דער אַרבעט אַ פאַרהאָרעוועטער און טרעפט אין שטוב אַ הקדש. דאָס געפעס שטייט שמוציק נאָך פון אייער־נעכטן, די צעקנאָדערטע בעטן זיינען ניט פאַרבעט, די קינדער וואַלגערן זיך אַרום הונגעריקע און מאַריאַשע איז ניטאָ. זי לויפט אַרום פון שכנה צו שכנה און וואָשט איבער אַלעמענס קויטיקע וועש. ערשט אַ שטיק אין דער נאַכט פאַלט זי אַריין אין שטוב אַ פאַרשמייעטע, אַ צעפלאַמטע, און וויל דעם מאַן פאַרשטאָפּן דעם טרייפענעם האַלדז מיט אַ הערינג אָפּ־

געבאַקן אויף קוילן, וואָס זי דערלאַנגט אים צום טיש אינאיינעם מיטן אַש. ברעכט ער די טעלער.

איר גרויסער טאָג איז שבת ביים בעקער, דאָרט קיניגט זי, און ווען די מאַמע קומט אַריין אָפּנעמען דעם טשאָלנט, שטראַלט־אויף מאַריאַשעס פּנים:

— גוט שבת אייך, וועלע. כאַצקל דער קרעמער האָט אָנגעזעצט.

די מאַמע קוקט זי אָן מיט אומצוטרוי. די ווייבעלעך מיט די טשאָלנט־טעפּ אין די הענט נעמען זיך בשתיקה שטורכען מיט די עלנ־בויגנס. זיי קוועלן אָן פון וועלעס תמימות.

— איר זעט מיר אויס, וועלע, גאָר אַ נעכטיקע, — זאָגט מאַריאַשע, — איר זיצט ביי די קאָשיקעס און זעט ניט וואָס עס טוט זיך ביי אייך אונטער דער נאָז.

דאָס גיט מאַריאַשע אַ שטאָך דער מאַמען, אַז צייטנווייז שלאָפט זי אײַן ביי איר סחירה אין טויער און פאַלט שיר ניט אַראָפּ פון איר בענקעלע.

— די גאַנצע וועלט ווייס, — דרשנט מאַריאַשע ווייטער, — אַז כאַצקל וויל ניט צאָלן. די מקחים שטייגן אין טאָג אַריין און די באַלע־באַסטעס האָבן ביי מיר אָנגענומען אויף די ביכלעך אַ פאַרמעגן, זאָגט ער. די שטייערן און די פּראָטאָקאָלן האָבן מיך צוגעדריקט, זאָגט ער, און די שקצים, וואָס לאָזן ניט אַריין קיין פּויערים אין יידישע קראָמען, האָבן מיך אינגאַנצן דערשטיקט.

— וואָס־זשע איז אויף אייך אַזאַ שמחה אַז אַ ייד האָט אָנגעזעצט? — פרעגט די מאַמע.

— קיין שמחה איז עס ניט, — פאַרשנירלט מאַריאַשע אַ פּאָר פרומע ליפּעלעך, — נאָר מען קען פלאַצן פון געלעכטער. די הורטאָווניקעס, די געלט־מאָנער, האָבן כאַצקלען געוואָלט צערייסן ווי אַ הערינג. וואָס דערציילט איר אונדז מעשיות וועגן די פּוילישע  ב ּאָ י ּ ז א ו ו ק ע ס, האָבן זיי צו אים געשריען, ווען האָט אין אייער קראָם אריינגעשמעקט אַן ערל? האָט ער זיי געענטפערט אַ וויינענדיקער: ניט נאָר די שקצים, נאָר אויך די יידישע אָרעמע־לייט, די בעטלער, די וואָס גייען מאָנטיק איבער די הייזער קלייבן נדבות, האָבן צעטראָגן מיין האָב־און־גוטס.

מאַריאַשע איז אַ מאַידים קונציק נאָכצוקרימען כאַצקלען ווי ער רעדט, און די שבתדיקע ווייבעלעך מיט די טשאָלנט־טעפּ אין די הענט פּאַסמאַ־קעווען זיך. אָפּגעשפּילט די סצענע ווי כאַצקל רעדט, טוט מאַריאַשע אַ זאָג צו די פאַרשייטע ווייבעלעך:

— מען דאַרף זיך היטן פאַר די צדיקימלעך ווי פאַר פייער. כאַצקל דאַוונט דאָך מיט פאַרקוועטשטע אויגן.

דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף אויף מיין מאַמעס פרומקייט. ווייל

זיך אָבער די מאַמע ניט אָנהייבן מיט אַזאַ באַריידערקע, נעמט זי דעם טשאָלנט און גייט האַסטיק אַרויס.

זי קומט צוריק אין שטוב אַן אויפגעבראַכטע, שטעלט אַוועק דעם טאָפּ און רעדט מיט כעס:

— זי האָט שוין איינמאָל אַ גיפטעלע, די מאַריאַשע, טאָמער עפּעס וואָס, איז שולדיק די תורה. אַזאַ רכילותניצע!

די מאַמע וויקלט אָפּ די שמאַטע פון טאָפּ, נעמט אַראָפּ דאָס שטערצל און ווערט נשתומם:

— פאַרביטן דעם טשאָלנט, — זאָגט זי מיט פאַרדרוס, — און וויסטו מיט וועמען? טאַקע מיט מאַריאַשען. טו אַ קוק אויף דעם גרויסן טשוגון, וועסטו אַליין דערקענען, אַז דאָס איז מאַריאַשעס. קיינער פון אונדזערע שכנים האָט ניט אַזאַ גרויס הויזגעזינט ווי זי. מיר זיינען געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער און איך בין אַזוי צעטומלט געוואָרן פון אירע שטעך־ווערטלעך, אַז די אויגן זיינען מיר פאַרשטעלט געוואָרן.

די מאַמע לייגט צוריק אַרויף דאָס שטערצל אויפן טאָפּ און כאַפּט בעת מעשה אַ קוק אינעווייניק:

— וואָדען? מאַריאַשעס טשאָלנט! אירע זולל־וסובאס, ווי זי רופט די קינדער אירע, האָבן האָלט נאָר גרויסע בעבלעך מיט קליינינקע קאַרטאָפּעלעך. זי האָט נעכטן איבערגעדרייט מיין זאַק מיט די בולבעס און האָט אַרויסגעשלעפּט די סאַמע קלענסטע. און אָט איז איר לאָקשן־קוגל. מסתמא אויף אייער, שמאַלץ, מיט צימרינג און ראָזשינקעס. איר מאַן איז אַ פאַרדינער, קען זי זיך פאַרגינען.

— פאָלג מיר, מאַמע, לאָמיר אויפעסן איר לאָקשן־קוגל. זי האָט זיכער גענומען אַן אַנדער טאָפּ נאָך אַ גרעסערן פון אירן און אַוועק־געגאַנגען.

— פאַרלאָז זיך אויף מיר, — זאָגט די מאַמע, — מאַריאַשע שטייט נאָך אין דער בעקעריי און פּלוידערט. יעדן שבת קומט זי די ערשטע און גייט אַוועק די לעצטע.

די מאַמע גייט צו דער טיר און רעדט מיט געשטיגענעם פאַרדרוס:

— די גאַנצע דאָנערשטיקע נאַכט מאַך איך ניט צו מיט קיין אויג און גרייט דעם שבת, איז מיינס ביי מיר אָנגעלייגט מער ווי דעם קייסערס פּאָטראָוועס.

און שוין אויף יענער זייט שוועל, גיט זי צו:

— איך ווייס, מיין זון, אַז דיר איז ניט קיין חילוק אין וועלכער יאַטקע מען קויפט דאָס פלייש, און עס אַרט דיך קנאַפּ, צי מען האָט עס גענוג געווייקט און געזאַלצן, איך ווייס.

די מאַמע טרעפט נאָך אין דער בעקעריי צווי ווייבער, מאַריאַשען מיט דער צוקערניצע, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געעפנט אַ געוועלב אויפן ראָג פון אונדזער גאַס, וואו עס לויפן זיך צונויף דריי זאַווואַלקעס. אַלע אַרומיקע קרעמער און סוחרימלעך קומען אַריין אין דער צוקערניע נאַשן זיסוואַרג, סאָדע־וואַסער און לימאָנאַד, דערביי כאַפּט מען אויך אַריין אַ שמועסל, חברט זיך מאַריאַשע מיט דער נייער שכנה. וואָרום דער שכל איז מחייב, אַז פּונקט ווי אַלע אַרומיקע געסקעס לויפן זיך צונויף ביי דער סעלצערסקע, אַזוי מוזן ליגן אין די הענט פון דער צוקערניצע די פעדעם פון אַלע היימישע פּליאָטקעס.

דעם בעקער איז מיאוס געוואָרן צו וואַרטן ביז די פּלוידערזעק וועלן אָפּטרעטן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן די לאַנגע לאָפּעטע און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— הענגט זיך און טרענקט זיך! ווען איך האָב אַזעלכע ווייבער, גיב איך זיי איין סם. שטיינער וועלן אייערע מאַנען עסן, ניט קיין קוגלען.

דער בעקער איז אַריין דורך דער הינטער־טיר צו זיך אין שטוב און געלאָזט די פּאָר ווייבער אין דער פוסטער בעקעריי מיטן אויסגעקילטן אויוון און די ליידיקע מעל־פאַרשטויבטע פּאַליצעס.

— האָט קיין פאַראיבל ניט, — זאָגט די מאַמע צו מאַריאַשען, — מיר האָבן פאַרביטן די טעפּ.

— טאַקע? — מאַכט יענע גרויסע אויגן, — און איך האָב גאָרניט באַמערקט. כאַ־כאַ־כאַ, ביי כיענען דער טענדלערקע האָט זיך אַרויסגע־כאַפּט, אַז זי עסט דעם טשאָלנט ביז מיטוואָך. כיענע איז אַ ייִדענע וואָס האַנדלט מיט שמאַטעס אין דורך־הויף, — קלערט־אויף מאַריאַשע דער נייער שכנה, דער צוקערניצע, — וואָס עפּעס ביז מיטוואָך? פרעג איך ביי כיענען. ענטפערט זי מיר, אַז שבת עסט זי נאָר דעם „פּאַרך" פון טשאָלנט. וואָס הייסט ביי אייך דער „פּאַרך" פון טשאָלנט? פרעג איך ביי איר. איר ווייסט ניט, מאַכט זי צו מיר, אַז דער קוגל, וואָס איז צו־געקלעפּט צום טאָפּ פון אויבן, הייסט דער „פּאַרך"? מיין באָבע האָט עס נאָך אַזוי גערופן, מאַכט זי צו מיר. אַ פאַרצייטיקע יענטע, כאַ־כאַ־כאַ.

די מאַמע נעמט איר טאָפּ פון טיש און האָט בדעה אַוועקצוגיין. מאַריאַשע כאַפּט דעם טשוגון, וואָס די מאַמע האָט אָפּגעבראַכט, און באַ־קוקט אים מיט חשד.

— וועלע, — פאַרקרימט מאַריאַשע די ליפּעלעך און איר נאָז בערגלט זיך, — איר האָט דאָך אַראָפּגעריסן דאָס שטריקל און דאָס פּאַפּיר פון טאָפּ.

— איך האָב זיך פריער ניט אָנגעשטויסן אַז דער טאָפּ איז ניט מיי־נער, — זאָגט די מאַמע.

— ס'מאַכט גאָרניט אויס, — שמייכלט מאַריאַשע זייער פריינדלעך און פאַרוויקלט איר טשאָלנט אין אַ טוך, ווי מען פאַרוויקלט אַ קינד, ער זאָל ניט געפרוירן ווערן אויפן פראָסט. — וואָס איילט איר זיך אַזוי, וועלע? הערט איר, אַ פרויענצימער זאָל מען גאָרניט געבוירן ווערן. איך רייד וועגן ליזען דער גענדזלערקע רייד איך.

— וואָס האָט דען בײַ איר געטראָפן? — חידושט זיך די מאַמע, — נעכטן איז זי אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין דער גענדזליאַרניע און היינט האָב איך זי אויך געזען דורכן פענצטער.

— איר זייט דאָך, וועלע, גאָר אַ פאַרחלומטע, — ווערט מאַריאַשעס דאָרע שפּיציקע גאָמבע נאָך שפּיציקער, — איר האָט נעכטן ניט געהערט דעם טומל, וואָס ליזע האָט מיט מיר געמאַכט צוליב אַ העלדזעלע, צוליב אַ ביסל דרויב?

— נו? — פרעגט די מאַמע אומגעדולדיק.

— איך האָב צו ליזען גאָרניט, — טוט מאַריאַשע אַ זיפץ מיט מיט־געפיל, — ליזען איז נעבעך דאָס האַרץ זייער צעקלעמט און פאַרביטערט.

די מאַמע זעט איין, אַז כאָטש מאַריאַשע ציט די עצמות, איז עס אַ מעשה פון גאָרניט. פּוסטע פּיש.

— הכלל, וואָס איז געשען? — פרעגט די מאַמע טרוקן, — איך האָב ניט קיין צייט דאָ אָפּצושטיין אַ גאַנצן טאָג. מיין זון וואַרט אויף מיר מיטן עסן.

— איער זון וועט פון הונגער ניט שטאַרבן, — לאַכט זיך אויס מאַריאַשע. נאָר ווען זי זעט אַז די מאַמע פאַרנעמט זיך אויף אַן אמת אַוועקצוגיין, פאַרשטעלט זי איר דעם וועג:

— כאַסקע די קצבטע קענט איר?

— נו?

מאַריאַשע בייגט זיך אָן און שושקעט מיין מאַמען עפּעס אַריין אין אויער. די מאַמע קריגט אַלע קאָלירן. לכתחילה דריקט אויס איר פּנים אומצוטרוי, דערנאָך — שטוינונג, אַ רגע שפּעטער — שרעק, לסוף באַ־גיסט זי אַ שעמעוודיקע רויטקייט.

מאַריאַשע כאַפּט איבער דעם אָטעם, ווייזט אויף דער צוקערניצע און זאָגט הויך אויפן קול:

— זאָל זי זאָגן.

די צוקערניצע איז אַ גאַנץ שיין שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל. אירע גע־דיכטע אַרויפגעטורעמטע לאָקן מאַכן נאָך בולטער איר הויכן ווייסן שטערן. מער ניט אירע גרויסע אויגן שטייען אומבאַוועגלעך, גלאַנציק־בייז, און אויף איר האַלדז זיינען קענטיק אַ סך צונויפגענייטע שניטן. די גאַנצע

צייט שווייגט זי ווי אַ פאַרגולמטע, נאָר מיטאַמאָל נעמט זי ריידן מיט אַ באַסאָווען מאַנסבילשן קול, ווי אין איר וואָלט געזעסן אַ דיבוק:

— כאַסקע די קצבטע איז אַלטערקע דעם געגנדזלערס ליובאַווניצע.

— זאָל ער אַזוי וויסן פון זיין קאָפּ, ווי ער ווייס וואָס ער טוט, — צעשאָקלט זיך מאַריאַשע, — ליזע, זיין ווייב, איז אַ מאַדאַם, און כאַסקע די קצבטע איז אַ פּאַסקודסטווע.

— וואָס אַזוינס האָט אַלטערקע אין איר דערזען? — רעדט די מאַמע צו זיך אַליין.

— איך פרעג אויך דאָס זעלבע, — צעזינגט זיך מאַריאַשע, — ליזע איז די אידלקייט אַליין, אַ געלאַסענע, אַ געבילדעטע, די מאַדאַמען גייען צו איר ווי צו אַ גוטן יידן, און אַלטערקע איז, דאַכט זיך, געלעגן אונטער איר קנאָפּל. לאָזט זיך אויס, אַז זיין גאַנצע גינציקייט איז ניט ווערט קיין שישקע פּולווער. ער האָט פאַרביטן אַזאַ גאָלדענע ווייב אויף אַ שטיק פלייש מיט צוויי אויגן.

— מילא אַלטערקע איז אַלטערקע, — קוועטשט די מאַמע מיט די פּלייצעס, — נאָר כאַסקע, ווי טוט זי עס אַזאַ זאַך, אָפּריידן אַ מאַן פון אַ ווייב? זי איז, אַוודאי, מיט אַ העלפט יאָרן יינגער פון אים.

— איר זאָלט עס ריידן? — זאָגט מאַריאַשע באַהאַרצט, און טרערן קומען איר אָזש אין די אויגן פון גערירטקייט, וואָס זי קען זיך אויפסניי פּאַנאַנדערשמועסן, — כאַסקע לעבט דאָך פון דעם וואָס זי רעדט אָפּ מענער פון זייערע ווייבער. זי דרייט אַראָפּ אַ מאַנסביל דעם קאָפּ מיט איין דריי. וואָס אַרט עס זי אַז אַלטערקע איז נאָכאַמאָל אַזוי אַלט ווי זי, אַבי ער קויפט איר מתנות. זי האָט שוין לאַנג קיין ליובאַווניק ניט געהאַט, פלעגט זי אַרומגיין ווי אַ צויג אין די ניין טעג מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. נאָר זינט זי האָט אַראָפּגעדרייט אַלטערקען דעם קאָפּ, גייט זי ווידער אַרום מיט די הענט אין די באָקעס, וויגט זיך אויף די פולע זייטן און וואַרפט מיט די קאַסאָקע אויגן אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ פּנים האָט זי רויט ווי אַ בוריק, אַ „דעק" האָט זי ווי אַ קופּערנער קעסל, אויפן שפּיץ קאָפּ טראָגט זי אַ היטעלע, ווי אַ נאַכט־טעפּל, און אויף דער האַנט האַלט זי אַ גרויסן רידיקול, מסתמא אַלטערקעס אַ מתנה פון ליזעס פּראַצע. זי קוקט אַלעמען אַריין אין די אויגן מיט אַ געלעכטערל, ווי איינער זאָגט: ווערט צעפּלאַצט. צעפּלאַצט זאָל זי אַליין ווערן, טאַטע־פאָטער!

די מאַמע פילט אַז זי איז מחלל שבת דורכן הערן אַזאַ מענה־לשון, נאָר זי קען זיך ניט רירן פון אָרט. איצט דערמאָנט זי זיך, אַז ליזע גייט אַרום די לעצטע צייט עפּעס אָפּגעלאָזן, און דאָס שטענדיקע שמייכעלע אויף אירע ליפּן איז געוואָרן איינגעטריקנט. מען קען קיינמאָל ניט וויסן יענעמס געמיט, טראַכט די מאַמע.

— זאָל זי זאָגן, — ווייזט מאַריאַשע אויף דער צוקערניצע, — כאַסקע שטייט ניט אָפּ האַלבע טעג אין אייער סעלצערסקע און טרינקט ניט אויס גאַנצע סאַפּאָנען סאָדע־וואַסער מיט אַלערליי סאָקן, ציטרין, קאַרשן און מאַלינעס?

— אמת! — רופט אויס די צוקערניצע מיט איר באַסאָווען מאַנסבילשן קול פון אַ דיבוק. דערביי בלייבט איר פּנים פאַרגליווערט, ווי זי וואָלט טאַקע געווען אַן עדות פון יענער־וועלט.

מאַריאַשע נעמט סוף כל סוף איר טשאָלנט פון טיש און זאָגט מיט גרויס טריישאַפט און מיט גרויס ליבשאַפט צו דער צוקערניצע:

— אַ גוטן שבת אייך, פּרוי לאַפּקין. מען דאַרף גיין.

די מאַמע לאָזט זיך צו דער טיר די ערשטע מיטן קאַלטן טשאָלנט אין די הענט, נאָר מיט אַ הייסן קאָפּ. מאַריאַשע רופט זי צוריק.

— וועלינקע, איך האָב אייך צו זאָגן זייער אַ נייטיקע זאַך.

זי זאָגט עס אַרויס מיט אַזאַ סודותדיקער מינע, אַז דער מאַמען טוט אַ צופּ ביים האַרצן, זי פילט אַז דאָס איז שוין נוגע איר. בלייבט זי וואַרטן.

אָבער פרוי לאַפּקין די צוקערניצע זעט באַשיינפּערלעך אַז מאַריאַשע וויל זי אַרויספּראַווען, גייט זי אַוועק מיט קענטיקן עגמת נפש.

# II

ווי נאָר די פרוי לאַפּקין גייט אַרויס פון דער בעקעריי, קוקט זיך מאַריאַשע אַרום מיט אירע לויפיקע אייגעלעך און זאָגט צו דער מאַמען מיט באַדויערונג:

— דער צוקערניצע איז אויך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. איר, וועלע, זעט שטענדיק ווי פייגעלעך פליען. איר הייבט ניט אָן צו וויסן פון וואַנען די צוקערניצע האָט די העפטן אויפן האַלדז. זי האָט אַזאַ מאַן וואָס דער גענדזלער קעגן אים איז משה רבנו. דער גענדזלער האָט נאָר איין ליובאָוניצע, און דער צוקערניצעס מאַן בייט די ליובאָוניצעס ווי די הענטשקעס. ער האָט זי איינמאָל דערפירט דערצו, אַז זי איז אַריין אין וואַנע און זיך צעשניטן דעם האַלדז. מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט, נאָר אַ קאַליקע וועט זי פאַרבלייבן אויף איר גאַנץ לעבן. איצט פאַרשטייט איר פאַרוואָס זי האָט אַ קול פון אַ דיבוק אַח אויגן פון מלאך המות? זי ציטערט אַז אויך איר מאַן זאָל זיך ניט איינכלאָבן אין כאַסקען. פריער האָט זי געהאַט אַ קראָם אויף דער ברייטער גאַס און זיך אַנגעשאָטן מיט לייזונג. האָט מען זי דאָרט אַרומגעטראָגן אויף טעלערלעך, דערפאַר האָט זי זיך אַריבערגעקליבן צו אונדז. זי האָט גערעכנט, אַז דאָ וועט קיינער

ניט וויסן, אַז זי האָט זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן, נאָר אַ וועלט שלאָפט ניט.

— צו מיינע שונאים, צו זייער לייב און לעבן! — שפּייט אויס די מאַמע, — אין אַזאַ צייט, ווען פּוילישע שקצים לאָזן ניט אַריין קיין פּויער אין אַ יידיש געשעפט און אין די שטעטלעך מאַכט מען פּאָגראָמען, זאָלן זיך געפינען יידן אַזעלכע בעלי־עבירהניקעס.

די מאַמע איז אַזוי אויפגערעגט, אַז זי נעמט זיך קריגן מיט דער רכילותניצע, וואָס אין איר מויל ברענט אַ פייער אויך אום שבת, ווען אפילו די רשעים אין גיהנום רוען:

— איך פאַרשטיי גאָרניט די הנאה וואָס מענטשן האָבן פון אַריינ־קוקן אין יענעמס טאָפּ.

— צדקנית מיינע, — טוט זיך מאַריאַשע אַ פאַרקרים און איר נאָז בערגלט זיך, ווי זי וואָלט געוואָלט ניסן און קען ניט, — דערווייל האָט איר אַריינגעקוקט אין מיין טאָפּ, ניט איך אין אייערן. און אַז ביי אייך וועט האַלטן ביי אַ מזל־טוב, רופט מיך אויך אויף לעקעך און בראָנפן. זי איז אַ גאַנץ פיין מיידל.

— ווער?

— איר מאַכט זיך עס, וועלע, תמעוואַטע, אָדער איר ווייסט טאַקע ניט, אַז אייער זון גייט אַרום אין אַ נאָווינע מיט אַ פריילין?

— איז וואָס איז די עוולה? — וואונדערט זיך די מאַמע ניט צו באַווייזן ווי איבערראַשט זי איז פון דער נייס וואָס זי האָט געהערט, — אַלע יינגלעך מעגן און ער טאָר ניט? איר האָט, דאַכט זיך, אויף מיין זון גאָרניט וואָס צו זאָגן.

— זאָל דער זאָכן און קרענקען ווער עס זאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף אייער זון, — מאַכט מאַריאַשע אַ שנעבעלע ווי אַ טייבעלע, — און אַז אייער זון האָט ניט חתונה געהאָט מיט ביילקען, מיט דער גלובאָקער מיידל מיין איך, איז עס מיין עסק?

מאַריאַשען איז דאָס מאָל ניט באַשערט געווען עס זאָל איר אַראָפּגיין גלאַטיק איר גיפטיק מויל. עס איז אויף איר געקומען אַ צרה, וואָס זי האָט זיך אויף דעם ניט געריכט.

שבת ביי טאָג עפנט דער בעקער די טיר און דעם לאָדן פון איין פענצטער, ער זאָל זען ווי אַרויסצונעמען די טעפּ פון אויוון, און דאָס צווייטע פענצטער בלייבט פאַרמאַכט. קיינער האָט זיך ניט געקענט ריכטן, אַז די צוקערניצע שטייט אינדרויסן הינטער דעם פאַרמאַכטן לאָדן און הערט זיך אונטער וואָס מען רעדט וועגן איר. ווען מאַריאַשע נעמט ריידן עפּעס אַנדערש, איז פאַר דער צוקערניצע מער ניט כדאי זיך אונטער־צוהאָרכען, און זי שפּרינגט אַריין אין דער בעקעריי:

— איך האָב געוואוסט, אַז די שלומפּערקע וועט מיר פאַרשוואַרצן דאָס פּנים ווי אַ רעציסניק. ווי געפעלט זי אייך? — שרייט זי צו מיין מאַמען, — זי אַליין קען אַ קאַץ דעם עק ניט פאַרבינדן און זי לאַכט נאָך אָפּ פון אַנדערע. אַנומלט האָט זי אָפּגעקאָכט פיש און זיי אַרויסגעשטעלט אָפּקילן אינדרויסן אויף דער קראַטע פון אָפּגוס, וואו עס רינט אָפּ דער ברוד פון דער גאַנצער שטאָט. דער מאַן האָט דערשמעקט אַז די פיש שטינקען, האָט ער זיי איר געוואָרפן אין פּנים.

— מלאך המות, — קוויטשעט מאַריאַשע.

ווער וויים מיט וואָס דער קריג וואָלט זיך געענדיקט, ווען אין דער מינוט לויפט ניט אַריין אין דער בעקעריי מאַריאַשעס אַ ייִנגל מיט אַ פאַרשמירט פּנימל, אָפּגעריסן און פאַרוויינט:

— מאַמע, וואָס האָסטו זיך פאַררעדט? — פלאַנכעט ער, — מיר זיינען הונגעריק, דער טאַטע ברעכט שוין ווידער די טעלער.

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט! — טריאומפירט די צוקערניצע געזעטיקט מיט נקמה.

אין דער זעלבער רגע באַווייזט זיך אין דער הינטער־טיר דער בעקער. ער האָט דערהערט אין שטוב די געשרייען און אַ דערצאָרנטער זיך אויפגעהויבן פון טיש אינמיטן דער סעודה.

— אַרויס! — ריטשעט ער מיט אַ פול קייענדיק מויל, — ווען איך האָב אַזעלכע ווייבער, גיב איך זיי איין סם.

מאַריאַשע איז טויט־דערשראָקן פון דער סצענע וואָס איר מאַן וועט איר באַלד אָפּשפּילן, פונדעסטוועגן האָט זי נאָך כח צו ענטפערן דעם בעקער:

— איר פאַרקויפט דאָך ברויט מיט טשוועקעס. אין אייער חלה האָב איך היינטיקן שבת געפונען אַ שטריק.

און אויך מיט דער צוקערניצע ספּראַוועט זי זיך:

— וואַרט, הולטייקע, איר וועט נאָך ביי מיר אַנטלויפן פון אונדזער גאַס ווי איר זייט אַנטלאָפן פון דער ברייטער גאַס.

— וורעדנע יידענע, — שרייט איר נאָך די צוקערניצע, — איידער איר וועט מיך פאַרטרייבן פון דער גאַס, וועל איך אייך אַריינטרייבן אין דער ערד. אייער מאַן וועט דאָך אייך באַלד דעם קוגל אין פּרצוף וואַרפן.

— אָבער נאָך אייך שיקט ניט אייער מאַן אייך זוכן, — רייצט זיך מיט איר מאַריאַשע און אַנטלויפט נאָכגעיאָגט פון איר אָפּגעריסן פאַרוויינט ייִנגל.

די מאַמע קומט צוריק אין שטוב אַ בלייכע און צעקלעמטע, שטעלט אַוועק אויפן וואַרשטאַט דעם פאַרקילטן טשאָלנט און האָט אַפילו ניט בדעה אָפּצואוויקלען די שמאַטע פון אים.

— איך האָב כבוד פון דיר, — זאָגט זי מיט טרערן אין די אויגן און זעצט זיך אַראָפּ אויף איר בענקל, — דו גייסט אַרום מיט אַ מיידל און די שכנות טיקען מיר אין די אויגן.

— וואָס איז, איך טאָר ניט?

— אויב דו קלייבסט זיך אַרומצושלייען מיט דער מיידל און דערנאָך זי אַוועקוואַרפן ווי דו האָסט אָפּגעפּירט מיט ביילקען, זאָלסטו זיך כאָטש ניט באַווייזן מיט איר אויף אונדזער גאַס.

— איך קלייב זיך מיט איר חתונה צו האָבן.

די מאַמע קוקט מיך לאַנג אָן, זי וויל זען צי איך שפּאַס ניט. ווען זי באַמערקט ווי ערנסט איך בין, ווערט איר פּנים אויסגעלייטערט און באַשיינט מיט אַ שמייכל. זי שטעלט זיך אויף און נעמט פאַנאַנדערבינדן דעם טאָפּ. ביסלעכווייז ווערט זי צוריק פאַראומערט, אַ שאָטן פאַרטרייבט פון איר פּנים דעם נחתדיקן שמייכל:

— קענטיק אַז דיין מאַמע האָט ביי דיר ניט די ווערט, דו אַליין זאָלסט עס איר דערציילן. זי מוז עס זיך דערוויסן פון אַנדערע, פון לשון־הרעניצעס.

— איך האָב אַנדערש ניט געקלערט ווי דיר צו דערציילן און פאַרבעטן זי צו אונדז. אָבער עס איז נאָך ווייט צו דעם. איך ווייס ניט צי זי וויל מיך.

— זי איז אַ קלוגע, — פּסקנט די מאַמע, — זי פאַרשטייט אַז מען קען זיך אויף דיר ניט פאַרלאָזן.

— דער טשאָלנט איז געוואָרן אַ שטיק ליים, — דערלאַנגט מיר די מאַמע פליש אויף אַ טעלער און נעמט אַליין אויך עסן ווי מיט גוואַלד דעם פאַרשטיינערטן טשאָלנט. זי האָט ניט מער קיין חשק צו באַנייען דעם שמועס וועגן מיידל, סיי ווי סיי איז נאָך ווייט צום געלעכטער. אַ באַטריבטע קוקט זי אַרויס דורך דער שויב אויף ליזעס פענצטער אַנטקעגן־איבער אונדזער שטוב. איר גייט ניט אַרויס פון זינען מאַריאַשעס געשיכטע וועגן ליזעס מאַן.

— ניט געדאַכט זאָל עס ווערן, — הייבט זי מיט די אַקסלען — מענטשן האָבן פון זיך אינגאַנצן אַראָפּגעוואָרפן דעם עול פון יידישקייט.

די מאַמע זעט אַז איך פרעג זי אַפילו ניט איבער פון וואָס זי ערגערט זיך, זאָגט זי אַ געקרענקטע, אַז זי האָט ניט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. זי פאַרשטייט ניט די איצטיקע מיידלעך: וואָס געפעלט

זיי אַזוי אין די היינטיקע אויסגעלאַזענע בחורים? די פּאַרצייטיקע יונגע־לייט, זאָגן די מיידלעך, זיינען געווען ווילדע, מיט באָרד און פּאות, און חתן־כלה האָט זיך צומאָל ניט אָנגעקוקט ביז נאָך דער חופּה. אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם וואָס די היינטיקע בחורים שפּילן אין ליבע, קושן און האַלדזן די כלות פאַר דער חתונה, אַז נאָך דער חתונה זוכן זיי אַנדערע? ביי אַ פרומען יונגנמאַן איז די ווייב — אַ ווייב, און די היים איז אַ היים. אַ מאַנסביל אָן אַ באָרד איז ביי איר בכלל קיין מאַנס־ביל ניט.

— וואָס האָט געטראָפן? — פרעג איך.

די מאַמע, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ לאַנגע הקדמה צוצוקומען צו דעם עצם סיפּור המעשה, דערשרעקט זיך מיטאַמאָל:

— איך בין שוין אויך געוואָרן אַ לשון־הרעניצע ווי יענע... נאָר איך קלער, אַז וויבאַלד אַלע ווייסן, מעגסטו עס אויך וויסן. דו זאָלסט עס נאָר ניט באַשרייבן ווי דו האָסט באַשריבן ווי איך זיץ ביי מיינע קאַשיקעס אין טויער. מער פעלט דיר ניט, אַלטערקע זאָל זיך דערוויסן אַז דו מאַכסט פון אים לידער.

— דו ווילסט מיר דערציילן פון אַלטערקעס לינקן ראָמאַן מיט דער קצבטע? אַ נייס אין שטעטל!

— און וואָס זאָגסטו צו דעם? — פרעגט זי שטאַרק אַנטוישט, וואָס די געשיכטע מאַכט ניט אויף מיר קיין שום רושם. נאָך אידער איך באַוויז צו ענטפערן, טוט זי אַ קוק דורכן פענצטער און נעמט אויף גיך אויפראַמען דאָס געשיר פון טיש, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף אַ גע־הויבענעם אורח.

אינדרויסן ביי אונדזער שטוב דרייט זיך אַרום ליזע.

— דו זאָלסט זיך חלילה ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, אַז דו ווייסט עפּעס, — טוט מיר די מאַמע אַ שושקע אידער ליזע באַווייזט צו עפענען אונדזער טיר.

— גוט שבת, — זאָגט ליזע צעטומלט; זי האָט לאַנג זיך פאַרהאַלטן אינדרויסן, ביז זי האָט צוגעטראַכט אַ רעכטן תירוץ אַריינצוקומען, — איך האָב געהערט, ווועלע, אַז אייך קומט אַ מזל־טוב. אייער זון איז געוואָרן אַ חתן.

— מיט מזל זאָלט איר לעבן, — ענטפערט די מאַמע, — זיצט ליזע.

ליזעס פּנים איז צעקנייטשט, ניט אויסגעשלאָפן, אונטער די אויגן האָט זי זעקעלעך, ווי פענכערס וואַסער, און זי קוקט כסדר אַרויס דורכן פענצטער:

— מיין מאַן האָט זיך ערגעץ־וואו פאַררעדט מיט גוטע ברידער...

זי איז טאַקע אַ רבס אַ טאַכטער דיין כלה? — פרעגט זי ביי מיר.

— יאָ, — ענטפער איך אומגערן. — זי איז אַ רבס אַ טאָכטער.

די מאַמע הייבט זיך אַזש אונטער פון בענקל און זעצט זיך אַראָפּ צוריק. זי וויל אויסשרייען: אַ רבס אַ טאָכטער!? נאָר זי האַלט זיך איין מיט אייזערנע צוואַנגען. ליזע דאַרף דאָך ניט וויסן, אַז זי, אַ לייבלעכע מאַמע, האָט עס ניט געוואוסט. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, די שכנה זאָל ניט זען אירע אויגן.

— פונדעסטוועגן זוכסטו אויך יחוס, כאָטש דו ביסט אַ שרייבער און האַלטסט מיט די אַרבעטער, — שמייכלט ליזע.

— יחוס איז ניט קיין חסרון, — ענטפער איך שפּיציק, — ביי דער חופּה פירט זיך אויף אַ מחותן אַ באַלעגאָלע נאָך איידעלער ווי אַ מחותן אַ רב. נאָר טאָמער קומט שפּעטער צו אַ גט, איז שוין יאָ אַ חילוק מיט וועמען מען דאַרף זיך קריגן, מיט אַ רב צי מיט אַ באַלעגאָלע.

— דו רעדסט נאַרישקייטן, — שרייט אויף מיר די מאַמע וואָס איך שיט זאַלץ אויף ליזעס וואונדן, — ווער קלערט עס ביי תנאים אַז עס קען, חס ושלום, קומען צו אַ גט? ער איז ברוגז וואָס ער האָט לאַנג געמוזט וואַרטן אויפן טשאָלנט, ער דאַרף אַוועקגיין — פאַרענטפערט מיך די מאַמע און ווינקט צו מיר איך זאָל זיי בליידן לאָזן אַליין.

— איך האָב איך טאַקע געזען צוויי מאָל גיין מיטן טשאָלנט, — זאָגט ליזע איליק, — האָב איך פאַרשטאַנען אַז איר האָט פאַרביטן די טעפּ. מיר איז אויך געווען אַ וואונדער וואָס איר האָט זיך אַזוי לאַנג געזאַמט. מסתמא האָט מאַריאַשעלע וואויל געדרשנט.

זי וויל ביי מיר דערגיין וואָס מאַריאַשע האָט גערעדט, דערפאַר איז זי אַריין. און אפשר איז איר פּראָסט־פּשוט אומעטיק צו זיצן אַליין אין שטוב? אפשר וויל זי זיך אַראָפּרידן פון האַרצן? קלערט די מאַמע און ווינקט צו מיר איך זאָל אַוועקגיין.

— מיט מיר ווילסטו גאָרניט רידן? האַלטסט מיך פאַר אַן אַלט־מאָדישע ידענע? — זאָגט ליזע צו מיר מיט כלומרשטער הייטערקייט ווען איך טו אָן דעם מאַנטל. אָבער איך זע ווי צופרידן זי איז וואָס איך גיי אַוועק.

# III

די מאַמע זיצט אַנטקעגן ליזען און ווייס ניט ווי אָנצוהייבן דעם שמועס. זי וועט דאָך דער אַריינגעקומענער שכנה ניט געבן קיין אָנצוהערעניש, אַז זי ווייס פון איר מאַן מיט זיין ליובאָוויצע. מאַכן זיך ווידער אינגאַנצן כלא־ידע טויג אויך ניט. יענע קען זיך גרייליך אָנ־

שטויסן, אַז מען וויל איר ניט פאַרשאַפן קיין פאַרדרוס — און דאָס קען זי נאָך מער פאַרדריסן. רעדט בעסער די מאַמע אינגאַנצן ניט.

ליזע מאַכט זיך אַ האַרץ און הייבט אָן די ערשטע מיט אַ געצוואונגען געלעכטערל:

— אייער זון האָט געזאָגט: יחוס איז קיין חסרון ניט. טאָמער קומט צו אַ גט, זאָל מען פון פאָראויס וויסן מיט וועמען מען וועט זיך דאַרפן קריגן, מיט אַ רב צי מיט אַ באַלעגאָלע.

— ער ווייס דען וואָס ער רעדט? ער איז דאָך נאָך גאָר אַ יינגל, — וויל די מאַמע צונישט מאַכן דעם רושם פון מיינע רייד אויף ליזען.

— מאַכט אים ניט פאַר אַזאַ לעמעשקע, — זאָגט די געזנדזלערקע שאַרפלעך, — נאָר זאָגט מיר אדרבא, וואָס זאָל טאָן די ווייב אַז דער מאַן וואַרפט אויף איר אַן אומחן? איר זייט דאָך אַ קענערקע אין די שוואַרצע פינטעלעך, איז וואָס זאָגן אויף דעם די ספרים?

— איך בין אַ גאַנץ קליינע קענערקע אין די שוואַרצע פינטעלעך, און אין וועלט־זאַכן בין איך גאָר אַ פּראָסטע יידענע, — זאָגט די מאַמע, — נאָר מיר דאַכט זיך, אַז די היינטיקע ווייבלעך מאַכן זיך אַליין קאַליע זייער מערכה ביי די מאַנען. זיי פוצן זיך, שמירן זיך, פאַרבן זיך — פאַר דער גאַס. אין שטוב גייען זיי אַרום מיט צעפלאַשעטע האָר און האַלב נאַקעטע, אין די אונטער־וועש.

— איר רעדט ווי אַן אַלט־מאָדישע פרוי, זייט מוחל, וועלע. מען קען זיך דען אויסהיטן פאַר אַן אייגענעם מאַן? און ווען דער מאַן האָט ליב די ווייב, האָט ער זי ליב אויך אַ ניט קיין פאַרפוצטע.

— דאָס איז אמת, — זאָגט די מאַמע עניוותדיק־שטיל, — נאָר אַז די ווייב שעמט זיך ניט פאַרן מאַן ווי פאַר אַ שטוב־חיה, ווערט זי ביי אים אויס יום־טוב און פאַרלירט דעם חן אין זיינע אויגן.

— ס'איז שוין אָך־און־ווי צו דער פרוי, וואָס דאַרף זיך קליגלען ווי איינצוהאַלטן דעם מאַן, — טוט ליזע אַ זיפץ. ביסלעכווייז לאָזט זי אָפּ פון איר פאַרריסענעם טאָן און אָנשטעל פון אַ מאַדאַם און בלייבט זיצן אַ צעבראָכענע אַלטע יידענע.

— קליגלען זיך טויג ניט, — ענטפערט די מאַמע, — מען טאָר מיט אַ מאַן ניט כיטרעווען ווי מיט אַ פויער אין מאַרק. נאָר קלוג זיין שאַדט ניט. און אויב אַפילו די ווייב איז קליגער, דאַרף זי אים אויך לאָזן פילן, אַז דער חכם איז ער.

— דאָס שטייט אויך אין אייערע ספרים? — פרעגט ליזע.

— איך געדענק ניט אַקוראַט צי דאָס שטייט אין די ספרים, — ענטפערט די מאַמע מיט פאַראיבל, וואָס ליזע מיינט, אַז אַן אויפּס־פאַרקויפערקע פאַרשטייט אַליין גאָרניט. אין אַ משפחה, זאָגט די מאַמע, וואו די

ווייב באַווייזט כסדר דעם מאַן אַז אַלץ פּאַסירט פּונקט אַזוי ווי זי זאָגט פאָראויס, ניט ווי ער באַרעכנט, אין אַזאַ משפּחה ווערט געשטערט דער שלום בית. עס זיינען דאָ ווייבער וואָס האַלטן די מאַנען אונטערן קנאַפּל. מיינט אַזאַ אשת חייל: פּטור, ער רעדט דאָך קיינמאָל ניט קיין וואָרט אַנט־קעגן. קיין וואָרט אַנטקעגן רעדט ער טאַקע ניט, נאָר ער נעמט זיך אָפּ שטילערהייט. טאָמער קומט ער אַמאָל אַהיים אַביסל אָנגעטרונקען, דער־מאָנט זי אים שפּעטער וואָס ער האָט געפּלאַפּלט ווען ער איז געווען אונ־טערן גלעזל. ווערט ער איר אַ שונא.

— נו, און אַז דער מאַן קומט ניט אָפּ מיט אַ גלעזל, נאָר זשליאָקעט גאַנצע פלעשער בראָנפן, און חברט זיך נאָך דערצו מיט ווילדע יונגען שיכורים? ווי איז דעמאָלט דער דין?

— קיין דינים פּסקן איך ניט, — גלעט זיך די מאַמע די קני, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט באַרויִקן, זיי זאָלן זיך ניט טרייסלען. איר קומט אויס, זאָגט זי, אַז מען דאַרף דעם מאַן ניט צוגעוואוינען ער זאָל זוכן די פריילעכקייט ערגעץ אַנדערשוואו. און טאָמער האָט ער אפילו שלעכטע חברים, דאַרף זיי די ווייב פאַרבעטן אין שטוב. אַז זי וועט זיין דערביי ביי זיך אין הויז, וועלן זיך זיינע גוטע ברידער שעמען אים אָנצורײדן צו שלעכטע מעשים, און אַוודאי וועלן זיי זיך ניט רייצן מיט אים, אַז זיין ווייב האַלט אים אונטערן קנאַפּל.

— איר מיינט עס סעריאָזנע? — ווערט ליזע אויסער זיך, — און ווי איז אַז דער מאַן שפּילט אין קאָרטן מיט הולטייעס, דאַרף מען זיי אויך פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין?

— אַלץ בעסער ווי ער זאָל גיין הולטייעוען ערגעץ אַנדערשוואו, — דריקט די מאַמע נאָך שטאַרקער אירע קני, — אין דער אייגענער שטוב וועט ער אַזוי פיל ניט פאַרשפּילן. און אַז ער פאַרשפּילט יאָ, דאַרף אים די ווייב ניט זאָגן: גוט אויף דיר אַזוי. און אַז ער מאַכט חובות, דאַרף זי אים ניט צוריידן ער זאָל ניט באַצאָלן. נאָר אויף איין זאַך דאַרף זי אים ניט פאָטאָקעווען: ווען ער וויל זיך קריגן. זי דאַרף זיך איינ־שטעלן און אים אָפּהאַלטן פון קריגעריי. נישקשה, שפּעטער וועט ער איינזען אַז זי איז גערעכט. אַזוי קומט מיר אויס לויט מיין נאַרישן שכל, און ווייטער — קיין רביצן בין איך ניט.

די מאַמע ווערט אַנטשוויגן. אויף איר אויסגעצערט פּנים לייכט די פאַרנאַכטיקע שטילקייט, און אויפן טיש ליגן אירע ספרים פאַראומערטע. אַ שאָטן דעקט זיי איבער, ווי זיי וואָלט קאַלט געווען ווייל די מאַמע האָט זיי היינט ניט געעפנט. אויך ליזע זיצט אַ פאַרטייעטע אין שאָטנס און טראַכט: די אויפּס־פאַרקויפערקע רעדט ווי פון אַ בוך אַרויס, אָבער מיינען מיינט זי — מיך און מיין פירונג מיט אַלטערקען.

אין בין־השמשות דריקט ליזען דער טרויער נאָך שטאַרקער, רוקט זי זיך צו נעענטער צו מיין מאַמען און נעמט רידן פאַרטרוילעך: זי פאַר־שטייט, אַז וועלע וויל איר ניט אָנטאָן קיין עגמת נפש. נאָר פאַרוואָס זאָלן זיי זיך שפּילן אין באַהעלטעניש? ווען עס זיינען דאָ קינדער אין הויז, איז דער מאַן — אַ מאַן, נאָר ווען אין שטוב איז פּוסט, קען מען דעם מאַן מיט צוואַנגען ניט האַלטן. אַלטערקע וואָלט געוואָלט עס זאָל שטענדיק זיין טאָג און אָפן די געשעפטן. אָבער ווען די יאַטקע איז צו־געמאַכט, קען ער ניט איינזיצן אין שטוב, אים איז אומעטיק. ער שאָ־נעוועט דאָך קיינעם ניט, נאָר צו איר איז ער זייער איידל. ער האָט איר נאָך קיינמאָל ניט אָנגעטראָטן גראָב, געיאָגט צו דאָקטוירים. זי איז אַליין פון אייגענעם ווילן אויסגעוווען ביי אַלע פּראָפעסאָרן און אַפילו ביי זנאַכערס. נאָר אַז עס איז ניט באַשערט, העלפט ניט קיין טאַטער.

אַזאַ איידלמאַן איז ער, דער גענדזלער, צי ליזע וויל עס פאַרגלעטן פאַר דער וועלט איר בראָך? קלערט די מאַמע. דער אמת איז, אַז די גאַס האָט טאַקע קיינמאָל ניט געהערט דער גענדזלער זאָל איבעריידן, אַז זיין ווייב איז אַן עקרה. היינט גיי און שאַץ אַ יידישע נשמה.

דערווייל ווערט אַלץ טונקעלער. ליזע וואַרפט זייטיקע בליקן דורכן פענצטער, נאָר אַלטערקע ווייזט זיך ניט. ווערט זי נאָך מער פאַרמרה־שחורהט און פאַרדאגהט. די מאַמע וויל זי טרייסטן: וויבאַלד דער גאַנצער אומגליק באַשטייט אין דעם וואָס אַלטערקען איז אומעטיק, וועט ער סוף כל סוף איינזען, אַז ביי כאַסקען דער קצבטע וועט ער קיין פריילעכ־קייט ניט געפינען. זי וועט אים אויסבייטלען און אַוועקוואַרפן, ווי זי האָט געטאָן מיט אַנדערע. אָבער זאָגן עס אָפן דערלויבט זיך ניט די מאַמע, גיט זי עס ליזען צו פאַרשטיין אויף אַן אַנדער אופן:

— עס זיינען דאָ פאַרשיידענע משוגעתן, משוגעתן וואָס גייען אַריבער און אַזעלכע וואָס קיין דאָקטאָר קען זיי ניט היילן. נעמט, אַ שטייגער, מיין זון. בעת ער האָט אַוועקגעוואָרפן לערנען, האָט ער צו מיר געזאָגט, אַז ער קען ניט מער אַריבערטראָגן איך זאָל אים דאַרפן אויסהאַלטן. איז ער געוואָרן אַ שרייבער. פרעג איך ביי אים: וואָס האָסטו פון דעם וואָס דו שרייבסט לידער צום זינגען? לאַכט ער און ענטפערט מיר, אַז ווען מען זינגט לידער, איז פריילעכער אויף דער נשמה. איך זע גאָרניט אים זאָל זיין פריילעכער. ער גייט שטענדיק אַרום אַן אָנגע־כמורעטער און ברוגזער. היינט צו וואָס האָט אים געטויגט אַוועקוואַרפן לערנען צוליב דער שרייבעריי?

ליזע פאַרשטייט, וואָס די שכנה האָט געמיינט מיט דער אָנצו־הערעניש, אַז עס זיינען דאָ משוגעתן וואָס גייען אַריבער. כאַפּט זי זיך אָן אין דער טרייסט און וויל מיין מאַמען אָפּצאָלן מיט דאָס נעמלעכע:

— וואָס הייסט, אייער זון האָט גאָרניט פון דער שרייבעריי? נו, און כבוד איז גאָרניט? איר אַליין דערלייגט אויך ניט צו דעם. איך זע ווי מענטשן שטעלן זיך אָפּ ביי אייערע קאָשיקעס און פרעגן אייך, צי איר זייט חיימס מאַמע.

— מיר געפעלט עס גאָרניט! איך האָב גאָרניט פאַרדינט ביי גאָט אַז לייט זאָלן אויף מיר געוויכט לייגן. וואָס טויג עס מיר און צו וואָס דאַרף איך מען זאָל אויף מיר קוקן.

— איר זינדיקט, וועלע, קנאַפּ אָרעמע יינגלעך האָבן זיך געהאָדעוועט אויף אונדזער גאַס. אָבער אייער זון קען מען אין שטאָט און אייך קען מען אויך. מען זאָגט, אַז ער האָט אייך באַשריבן ווי איר זיצט אין טויער ביי אייערע קאָשיקעס.

— דאָס בין איך אים מוחל, — ווערט די מאַמע אויפגערעגט, — אַ גליק האָט מיך געטראָפן, ער האָט מיך באַשריבן! היינט ביים טשאָלנט האָט מיר מאַריאַשע אַ שטאָך געטאָן, אַז איך זיץ ביי די קאָשיקעס און שלאָף, פאַל אויף דער נאָז, און ער, דער חכם מיינער, האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע. איך ווייס אַז ער האָט עס ניט געמיינט צום בייזן, נאָר איך וויל ניט מען זאָל אויף מיר לייגן דעם רחמנות. און וואָס איז דער וואונדער אַז איך דרימל איין. אַז אַ שפּראָץ אויף טאָג בין איך שוין אין מאַרק. שפּעט ביינאַכט, ווען איך נעם זיך אַריין, שטעל איך זיך נאָך אַוועק ציילן די לייזונג. די גאַנצע דאָנערשטיקע נאַכט מאַך איך ניט צו מיט קיין אויג, גרייט דעם שבת, נעמט ער און באַשרייבט מיך ווי איך שטיי און שלאָף אינמיטן אָפּוועגן די סחורה. איך האָב אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט אַז מער זאָל ער עס ניט טאָן. זאָגט ער אַז ער וועט עס טאָן ווייטער.

— פאַרוואָס?

— איך ווייס פאַרוואָס? ער זאָגט, אַז ער מיינט ניט מיך אַליין, ער מיינט אַלע מאַמעס פון מיין גלייכן, אַלע פרויען פון מיין שטאַנד. פרעג איך ביי אים: פאַרוואָס האָסטו אויסגעקליבן דווקא מיך? ענטפערט ער מיר, אַז ער האָט אויסגעקליבן מיך, ווייל אַנטקעגן מיר איז ער שולדיק. דו האָסט פון מיר געהאַט גרויסע צרות ווען איך בין געווען אַ יינגל, און איצט קען איך אויך ניט מאַכן גרינגער דיין לעבן, זאָגט ער. פרעג איך ביי אייך, ליזע, האָבן זיינע רייד אַ טעם? גאָט איז מיין עדות אַז איך האָב ניט צו אים קיין טענה וואָס ער העלפט מיר ניט אין חיונה. הלוואַי זאָל איך נאָר האָבן כח צו האָרעווען! ניט מיר, זאָג איך צו אים, ביסטו אַ בעל חוב, נאָר דעם אייבערשטן. עס ניט אומגעוואַשן.

ליזע הערט ניט מער וואָס די מאַמע רעדט. זי זיצט צונויפגעהויקערט און קוקט אַרויס אין טונקעלן דרויסן, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע, וואָס זיצט

דורך דער נאַכט אויף אַ שטיק און וואַרט אויף דעם אָנברוך פון טאָג, זי זאָל קענען געפינען דעם וועג.

— פונדעסטוועגן דאַרפט איר אים איבער דער גאַנצער גאַס מער ניט רופן חיימקע, ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, — שטעלט זיך ליזע אויף מיט אַ ברעכעניש אין רוקן, — דאַכט זיך אַז איר מעגט מאַכן פייער, איך זע שטערן. אַ גוטע וואָך אייך, וועלע.

עס זאָל זי שפּעטער ניט פאַרדריסן וואָס זי האָט זיך אַביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן, זי איז דאָך אַזאַ שטאָלצע, קלערט די מאַמע ווען זי בלייבט אַליין. זי זעט דורכן פענצטער אַז ליזע האָט ניט אָנגעצונדן קיין פייער. אָן אַנדערע אויף ליזעס אָרט וואָלט אויפגעהויבן סקאַנדאַלן אַז אַ שטאָט וואָלט געקלונגען, און זי ליגט דאָרט מסתמא אין דער פינצטער און וויינט. איר איידלמאַן איז נאָך אַלץ ניטאָ.

די מאַמע וואַשט די פינגער אין בלויען טוי פון דער שויב און מיט אַ שווערע געמיט נעמט זי שעפּטשען די תחינה פון המבדיל.

# די כלה

## I

די פרייטיק צונאַכטיקע ליכט אין די אָפּגעשייערטע לייכטער זיינען דאָס מאָל דאָפּלט גרויס לכבוד דעם גאַסט. די פלעמעלעך ברענען לויטער און וועבן אויס פון שיין אַ ווייסן כלה־שלייער. די שאָטנס רוקן זיך צוזאַמען ענגער, פאַרשטעלן די שפּאַלטן אין די הילצערנע געפּלאַצטע בעלקעס, אין די חושכדיקע ווענט, און ווינקען זיך איבער: איי איז דאָס אַ גאַסט! שוין איינמאָל אַ גאַסט! אויך די ספרים מיט די לעדערנע רוקנס קוקן פון גלעזערנעם עלמערל, ווי אַ פאַרמחטער למדן קוקט קרומלעך דורך די שפּאַקולן אויף אַ חנעוודיקער בתולה, וואָס איז אים מבטל פון לערנען.

דער גאַסט איז אַ מיידל מיט זאַפטיק־פרישע ליפּן און לענגלעך־שמאָלע אויגן. ווען זי שמייכלט ווערן אירע אויגן נאָך שמעלער, זיס־פאַרזשמורעט, און אירע אָפּגעדעקטע בלאַנקע ציין דערציילן פון עקשנות. איר פיגור, פול־לייביק, איז אָפּגעטאָקט און אָפּגעגאָסן פון איין גוס. זי באַוועגט אומרואיק מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט באַפרייען אירע קליינע דורכזיכטיקע ראָזלעכע אויערן פון די שוואַרצע האָר־כוואַליעס וואָס פאַר־שיטן זיי. איר פּנים גליט שעמעוודיק, זי פילט, אַז אַפילו די שאָטנס און די בענטש־לייכטער באַטראַכטן זי מיט מבינות און אויך זי איז ניט ווייניק איבערראַשט פון קוזניע־קעמערל.

בעת איך האָב זי פאַרבעטן צו אונדז אויף פרייטיק צונאַכט, האָב איך זי לאַנג צוגערייט, אַז מיר וואוינען אין דעם הינטערשטן חדר פון אַ קוזניע. איך האָב וועגן דעם אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זי האָט פאַרלאָרן דאָס געדולד און מיר געזאָגט, אַז פאַר מיר פּאַסט ניט אַזוי פיל זיך צו אַנטשולדיקן מעשה באַלעבעסל, וואָס איך לאַד זי ניט איין אין פּאַלאַצן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך ניט געריכט צו זען אַזעלכע אָפּגעשיילטע ווענט און אַזאַ פאַררויכערטן סופיט. קוקט זי זיך אַרום מיט באַהאַלטענעם נייגער און כמעט אַ ביסל דערשראָקן.

די מאַמע זיצט ביים טיש מיטן שבתדיקן שאַל איבערן קאָפּ און דאַוונט מעריב פון איר קרבן־מנחה סידור. ווי לאַנג אירע ליפּן פּרעפּלען, דאַרף זי ניט ריידן מיטן גאַסט, ניט מורא האָבן טאָמער זאָגט זי אַן אומ־פּאַסיק וואָרט, און זי קען זיך פריי אָפּגעבן אירע מחשבות:

ווען איר זון האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל פאַרבעטן אויף פרייטיק צונאַכט זיין מיידל, האָט ער איר אויך דערציילט, אַז זיין מיידל הייסט פרומע־ליבטשע, און גערעדט האָט ער וועגן איר אַזוי ווי זי וואָלט שוין געווען זיין פאַרטיקע כלה. האָט זי גלייך אַ טראַכט געטאָן: טשיקאַווע, זיין פריערדיקע מיידל, ביילקען, וואָס ער איז מיט איר אַרומגעגאַנגען, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרבעטן אין קוזניע. ניט אַנדערש אַז מיט זיין איצטיקער מיידל טראַכט ער טאַקע חתונה צו האָבן. האָט זי גענומען אַרומלויפן איבערן שטוב, אויף גיך אויפראַמען. האָט ער זיך פאַנאַנדער־געלאַכט און איר דערמאַנט, אַז פּונקט אַזוי טוט זי אויף מאָרגן נאָך חנוכה. ווען די רייכע באַלעבאָסטעס נעמען איינקויפן גענדז און פּרעגלען שמאַלץ אויף פּסח, שטעלט זי זיך אויף אַ בענקל מיט אַ בעזעם אין דער האַנט און קערט אַרום דאָס שפּינוועבס וואָס הענגט אַראָפּ פון באַלקן, כאָטש ביז פּסח וועט דאָס שפּינוועבס אויפסניי אָנוואַקסן. איצט, ווען דער גאַסט זיצט שוין ביים טיש, זעט זי אויף איר זון אַז פון זיין זיכערקייט אין זיך האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און גראָד ער, ניט זי, איז פּראָסט־פּשוט פאַרשעמט צוליב דער דירה.

די מאַמע טראַכט אַ ברוגזע:

צוראַמען די שטוב לכבוד אַן אורח, איז קיין עוולה ניט, נאָר שעמען זיך מיט מיין אָרעמקייט, שעם איך זיך לחלוטין ניט. קיינער גיט מיר ניט, איך פאַרהאַרעווע אַליין מיין ברויט, מיטן אייבערשטנס הילף. אויב מיין זון מיינט טאַקע אויף אַן אמת חתונה האָבן, באַדאַרף ער וועלן אַז זיין כלה זאָל קענען זיין אָפּשטאַם, זיין לאַגע און זיינע חסרונות — מער ווי זיינע מעלות. עס קען אויך גרייליך געמאָלט זיין, אַז דאָס האָט די מיידל געוואָלט וויסן ווער עס וועט זיין איר שוויגער, זי איז דאָך פון גרויסן יחוס. דאַנקען מיין זון דערפאַר וואָס ער שעמט זיך מיט מיר ניט, וועל איך ניט, כאָטש איך בין אַ פּראָסטע יידענע. מילא, ווער איך זאָל ניט זיין, וועל איך שענער שוין ניט ווערן, קליגער וועל איך זיך ניט אַרויסשטעלן, און טאָמער פּאַסט איך ניט פאַר אַ שוויגער, פירט מען אַרויס די בהמה און מען פאַרברענט די שטאַל.

די מאַמע כאַפּט זיך אַז זי ברוגזט און ערגערט זיך גאָר אומזיסט. די מיידל זעט אויס צו זיין אַן אײדעלע. די גאַנצע צייט שווייגט זי, ניט צו שטערן דער באַלעבאָסטע דאַוונען. ס׳איז ניט קיין כבוד צו לאָזן לאַנג וואַרטן אַ גאַסט, טראַכט די מאַמע, ענדיקט אויף גיך די תפילה,

טוט אַ קוש דעם טאַוול פון צוגעמאַכטן סידור און זאָגט שטיל: גוט שבת.

— גוט שבת, — ענטפערט פריילעך פרומע־ליבטשע, אַ באַפרייטע פון לאַנגן שטילשווייגן, — איר פאַרפעלט קיינמאָל ניט צו דאַוונען מעריב?

— ווי עס מאַכט זיך, — ענטפערט די מאַמע. זי ווערט זיך דאָך ניט אַוועקשטעלן דערציילן אַז די פאַרגאַנגענע דאַנערשטיקע נאַכט האָט זי זיך צוגעלייגט, זי זאָל ניט איינשלאָפן פרייטיק צונאַכט ביי דער וועטשערע, און היינט האָט זי זיך אַריינגענומען מיט אַ גאַנצער שעה פריער פאַר ליכט־בענטשן, זי זאָל האָבן גענוג צייט זיך אַרומצוואַשן און איבער־טאָן.

איך באַמערק אונטערן פריש־געוואַשענעם טישטעכל אַ פּאָר שיינע פאַרברוינטע חלות, גרעסערע ווי שטענדיק. איך הייב אָן מאַכן קידוש אין איילעניש, נאָר ביסלעכווייז נעם איך זאָגן פאַמעלעכער, ווייל פרומע־ליבטשע קוקט אויף מיר מיט אַן ערנסטן בליק און מוסרט מיך אויף שטום־לשון איך זאָל ניט אָפּכאַפּן. די מאַמע, וואָס שטייט אַן אַ זייט מיט צונויפגעלייגטע הענט און קוקט אַראָפּ אויפן טיש, באַמערקט גאַנץ גוט ווי די מיידל ווינקט צו מיר איך זאָל זיך פירן מיט שטאַט. זי באַמערקט אויך, אַז די מיידל הערט דעם קידוש געדולדיק, ניט אויס פרומקייט, נאָר איר, דער באַלעבאָסטע, צוליב.

די מאַמע מאַכט אַ המוציא און שוויגט ביז זי שלינגט אַרונטער אַ כזית. פרומע־ליבטשע קווענקלט זיך זייער לאַנג, ווי זי וואָלט זיך מיישב געוועזן: זאָל זי מאַכן אַ המוציא אָדער ניט? ענדלעך נעמט זי קייען אַן פאַרגעניגן. זי וויל מיך ניט מצער זיין, אָבער זי וויל זיך ניט אַרויס־שטעלן פרימער ווי זי איז, קלערט די מאַמע און כדי אַרויסצוהעלפן דעם גאַסט פון פאַרלעגנהייט, זאָגט זי:

— מיר קויפן חלה ביים בעקער, ער האָט פון כל טוב. אַפילו אינמיטן יאָר באַקט ער יום־טובדיקע קיטקעס און פורים־קוילעטשן, שוואַרצן לעקעך און אַלערליי זיסע טאָרטן, אַז אַן אויג פאַרכאַפּט. אין די גרויסע שטעט האָט מען ניט קיין צייט אַליין צו באַקן. אין די קליינע שטעטלעך, ווייס איך, באַקט מען אין די שטיבער. מסתמא פירט מען זיך ביי אייך אין שטוב אויך אַזוי.

— יאָ, ביי אונדז אין שטעטל באַקן די ווייבער אַליין. ערב שבת איז ביי אונדז אין שטוב אַ יאַריד, מען קומט צו מיין מאַמען קויפן הייוון. די רבנים אין די שטעטלעך לעבן פון דעם, וואָס זיי פאַרקויפן הייוון, — זאָגט פרומע־ליבטשע מיט קענטיקן פאַרדרוס.

— ווען מען באַקט אַליין חלות אויף שבת, האָבן זיי גאָר אַן אַנדער

טעם. דאָס האַרץ וואַקסט ווען מען זעט ווי די באַבקעס גייען אויף אין די פאַנען. — שטעלט זיך די מאַמע אויף. — נו, איך וועל גיין ברענגען די פיש.

— איך וועל אייך העלפן, — זאָגט פרומע־ליבטשע היימיש און פריילעך.

— ס'איז אַ קנאַפּע אַרבעט, — לויכטן אויף דער מאַמעס אויגן, — זיצט אייך געזונטערהייט. איר קענט נאָך צערייסן דאָס קלייד אָן די אייזנס און די קעסטלעך געצייג. מיר זיינען שוין צוגעוואוינט ווי אומ־צוגיין אין ענגשאַפט.

די מאַמע קומט צוריק פון דער קיך אַ באַלאַדענע מיט טעלער פיש און הוסט אָפּ, מען זאָל דערהערן אין צימערל, אַז זי קומט אָן. ווען זי עפנט די טיר, באַוויזן קוים „די קינדער" אָפּצורייסן איינע פון די אַנדערע די ליפּן.

דאָס צימערל איז פול מיט אַ וואַרעמער געמיטלעכקייט, און אויך די מאַמע ווערט רואיקער. זי זעט איין, אַז איר שרעק פאַרן גאַסט איז אַן אומזיסטע. אַ פרייד צעגיסט זיך איבער אירע אויסגעמאַטערטע אברים, נאָר זי מאַכט אַ גלייכגילטיקע מינע און דערלאַנגט די פיש.

— זייער געשמאַק, זייער גוט געקאָכט, — עסט פרומע־ליבטשע מיט אַפּעטיט.

— אַ שיינעם דאַנק. איך בין ניט אַזאַ גרויסע קעכין, דערצו נאָך האָב איך ניט קיין צייט אָפּצוהיטן ווי געהעריק. ווי מאַכט מען ביי אייך געפילטע פיש, אַזוי ווי ביי אונדז, אָדער אַנדערש?

— ביי אונדז מאַכט מען געפילטע פיש ווי אין ווילנע, נאָר ביי די פוילישע יידן לייגט מען אַריין אין געהאַקטע פיש צוקער, — ווערט פרומע־ליבטשע פורפור־רויט, ווי די מאַמע וואָלט אויסן געווען זי צו פאַרהערן.

— צוקער? — וואונדערט זיך די מאַמע. זי ווייס אַז אויף יום־טוב קאָכט מען פיש אין זיס און אין זויערן. מען לייגט אַריין ראָזשינקעס, ציטרין אָדער עסיק, עס זאָל זיין זויער, אַ פּאָר לאָרבער־בלעטער און געווירץ, דערצו אַ שטיקל קוכן, עס זאָל ווערן ברוין. אָבער אַז מען זאָל אַריינלייגן צוקער אין געהאַקטע פיש, קומט איר אויס זייער מאָדנע. וואָס נאָך לייגן אַריין די פוילישע יידן אין די געהאַקטע פיש?

— די אַנדערע זאַכן זיינען פונקט ווי ביי די ליטווישע יידן, — ענטפערט פרומע־ליבטשע און איר פנים ווערט נאָך מער באַגאָסן מיט פאַרב. — מען שלאָגט אַריין אַן איי, זאַלץ, פעפער, און מען בראָקט אַריין

אַ ציבעלע. וואָס מער מען האַקט די פיש און וואָס לענגער מען לאָזט זיי קאָכן, אַלץ בעסער איז עס.

— ביי אונדז לייגט מען אַריין זאַפראַן, די פיש זאָלן אויסזען געל, — גיט צו די מאַמע און קוועלט שוין פון נחת באַצייטנס: אַ באַלעבאָסטע! אַן אמתע באַלעבאָסטע!

— אויף די ווילנער גאַסן האָב איך געזען ווייבער טראָגן אַרום אין הייסע איינגעדעקטע טעפּ צעריבענע אַרבעס און פאַרקויפן עס אין פאַפּירענע זעקלעך, — לאַכט פרומע־ליבטשע.

— נו, יאָ, — קען די מאַמע ניט פאַרשטיין וואָס דאָ איז פאַראַן זיך צו וואונדערן. די הענדלערקעס קויפן שקאַרמוצן מיט צעריבענע אַרבעס און שמירן עס אויף ברויט. אַנדערע ווייבער טראָגן אַרום פאַר־קויפן האָבערנע גרויפּן פאַרווייסט מיט מילך. ווינטער־צייט, ביי די קאָשיקעס, דערוואַרעמען די הענדלערקעס די פאַרפרוירענע גלידער מיט אַ טעפּעלע האָבערנע גרויפּן. עס גייט דאָך אַרום אַ ווערטל: איינער ווײַנט אַז די פּערל זיינען אים שיטער, און דער צווייטער אַז דער גריץ איז אים ביטער.

די מאַמע גייט אַרויס אין האַלב טונקעלען וואַרשטאַט, נעמט אַראָפּ פון קוילן־קאַסטן אַן אָנגעשטעלטע טאַץ, וואָס איז דאָרט די גאַנצע צייט געשטאַנען סודותדיק איבערגעדעקט, און קומט אַריין צוריק אַ צעשיינטע:

— נאָך פיש איז גוט עפּעס צו פאַרטרינקען, — נעמט זי אַראָפּ פון טאַץ אַ פלעשל וויין מיט עטלעכע זילבערנע בעכערלעך.

— דו האָסט אַראָפּגענומען די פסחדיקע בעכערלעך און זיי געמאַכט חמצדיק? — רופט איך אויס.

— איכל דיר זאָגן דעם אמת, — מאַכט זיך די מאַמע תמעוואַטע, — צו וואָס דאַרפן מיר אַ גאַנצן טוץ פסחדיקע בעכער, אַז בסך הכל זיינען מיר זאַלבעצווייט? אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען אויך לעבן ווי מענטשן. מיין מאַן, עליו השלום, — דערציילט זי דעם גאַסט, — האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה, ער פלעגט זיך זעצן צום סדר מיט זעקס קינדער, מיט צוויי אורחים און מיט אַ פּאָר אָרעמע קרובות, האָט ער געהאַט אַ גרויסע באַלעבאַטישקייט. אָבער איצטער...

די מאַמע ענדיקט ניט, זי בלייבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פרומע־ליבטשע שווייגט אַ געררירטע, אין אירע אויגן פינקלען די שבת־ליכט, דער וויין — און טרערן. זי נעמט פּאַמעלעך אין דער האַנט דעם בעכער און זאָגט מיט טרייסטנדיקן מיטגעפיל:

— איר זאָלט האָבן נחת פון אייער זון.

— אייערע עלטערן זאָלן האָבן נחת פון אייך, — ענטפערט די מאַמע.

געוואָלט האָט זי זאָגן: איר זאָלט זיין אַ געבענטשטער זיווג; נאָר וויבאַלד אַז מען דערציילט איר נאָך ניט, אַז מען איז חתן־כלה, וויל זי זיך ניט שטופּן מיט איר ברכה. מסתמא ריידן זיי אַליין אויך ניט צווישן זיך וועגן דעם, זיי זיינען דאָך ביידע היינטוועלטיקע. אויב האָבן אַ טענה, קען זי עס האָבן צו איר זון, אָבער ניט צו זיין כלה. די מיידל איז אַ געבילדעטע, אַ שטאָלצע און אַ שטרענגע, זי האָט ניט געלאָזט זיך ריידן קיין שידוכים אַפילו פון איר טאַטן דעם רב.

— און איר וועט ניט טרינקען? — פרעגט פרומע־ליבטשע.

— איך וועל אויך נעמען אַ קאַפּיטשקע, — ענטפערט די מאַמע.

— לחיים, — זאָגט צו מיר פרומע־ליבטשע מיט אַ פּערלדיק געלעכטער און טרינקט אָפּ אַ ביסל פון בעכער. אויך די מאַמע נעמט אַ קאַפּיטשקע.

איך לאָז זיך וואוילגיין, זופּ אויס אַ פולן כוס און גיס גלייך אָן אַ צווייטן. דער צונג ווערט ביי מיר אויפגעבונדן און איך צערייד זיך, אַז די מאַמע האַלט אויפן אויוון פאַרפּאַקט אין אַ קאַסטן אַ גאַנצן אוצר מיט פּסחדיקע כלים. פון אַ בעכערל, קליין ווי אַ פינגערהוט, ביז אַ גרויסן כוס פאַר אליהו הנביא. אַן אויסגעצירטע קערה פאַר מצות און בייכיקע קאַראַפינקעס מיט שמאָלע געדרייטע העלדזער פאַר וויין. ספּאָדיקעס מיט רויט־בלויע געשטרייפטע קאַנטן און געשליפענע טיי־גלעזער, וואָס בליש־טשען ווי קרישטאָל. בערג מיט פלאַכע און טיפע טעלער, פאַר זאַלץ־וואַסער מיט אייער, פאַר ראָסל און יויך. שיסלען פאַר קניידלעך, פאָלו־מעסיקס פאַר פיש און טאַסן פאַר קאָמפּאָט. גאָפּל־מעסער מיט שווערע הענטלעך, קאָך־לעפל און שוים־לעפל. שוין אָפּגערעדט פון טעפּ, בעקנס און ווייקשאַפטן, אַ קופערנע שטויסל, אַ זיפּ און אַ הילצערנע סטופּע. יינגלוויז פלעגט מיר אַ גאַנץ יאָר קומען צו חלום דער נוס־קנאַקער און די צוקער־אָפּצווענגלעך, נאָר די מאַמע האָט מיך געהיט ווי אַ גנב, איך זאָל ניט אַראָפּנעמען פון אויוון אַ חפץ. די ספרים און דאָס פּסחדיקע געפעס זיינען די איינציקע זאַכן וואָס זיינען געבליבן פון דיין טאַטנס אַמאָליקער גדולה, פלעגט זי מיר זאָגן, און היינט, פיר איך אויס, האָט די מאַמע אַליין אַראָפּגענומען די זילבערנע בעכערלעך לכבוד דעם גאַסט.

ער איז אַ באַלבעטון, מיין זון, ערגערט זיך די מאַמע אין האַרצן. זי זעט ווי זיין כלה ווינקט צו אים, ער זאָל שווייגן. זי האָט מער שכל פון אים אין ווייס וואו־איין און וואו־אויס, קלערט די מאַמע און פרוּווט אַלץ פאַרגלעטן:

— איך האָב שוין לאַנג געקענט אַראָפּצונעמען אַביסל געשיר. ביי מיין מאַן, עליו השלום, איז געווען אַ פולע שאַפע מיט געווירסטע פאַנען און ניין סאַמאָווארן.

— ניין סאַמאָוואָרן? — פרעגט פרומע־ליבטשע איבער אַ דערשטוינטע.
— קופּערנע, — גיט צו די מאַמע עניוותדיק, — אַלטע און נייע.
אין דער מלחמה האָט דער דייטש צוגענומען דעם קופּער און עס איבער־געשמאָלצן אויף האַרמאַטן. ניט אַלעמאָל זיינען מיר געווען אַזעלכע ווי איצטער און געוואוינט אין אַזאַ דירה.

זי הייבט זיך אויף און גייט אין דער קיך ברענגען דאָס צווייטע געריכט. זי פילט אַ שווינדל אין מח. זי ווייס ניט צי איז עס פון קאָפּ ווייך, וואָס זי האָט גענומען, אָדער פון מידקייט, אַלעמאָל פּריטיק צונאַכט אין דער צייט שלאָפט זי שוין. זי באַוויזט אָבער צו דערהערן ווי פרומע־ליבטשע זאָגט צו מיר:

— איך האָב גאָרניט געוואוסט אַז דו האָסט אַזאַ שטילע מאַמע, דו ביסט דאָך אַזאַ טומלדיקער.

זי קען אים שוין דורך און דורך, טוט די מאַמע אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו זיך. אויפן וועג צו דער קיך, בלייבט זי שטיין אין האַלב טונקעלן וואָרשטאָט, וואו קיינער זעט זי ניט, און שעפּטשעט:

— זי איז זיכער זיין כלה. זי זעט ניט אויס צו זיין אַזאַ וואָס וועט דוצן אַ בחור, אויב זי האָט ניט בדעה מיט אים חתונה צו האָבן.

# II

**ווען** די מאַמע קומט צוריק פון דער קיך מיט פולע טעלערס, איז זי אין גרויס פאַרלעגנהייט:

— ביי אונדז עסט מען פריער פלייש און נאָכדעם זופּ. אַנדערשוואו, האָב איך געהערט, עסט מען פריער זופּ און שפּעטער פלייש.

— איך וועל זיך פירן ווי ביי אייך, — ענטפערט פרומע־ליבטשע, כאַפּט־אויף מייך בליק און ווערט אויפן פּנים פּורפּור, — ווילט איר איך זאָל אייך העלפן?

— אויב אייך איז ליב, איז מיר ניחא, — ענטפערט די מאַמע און קוקט ווי פרומע־ליבטשע צעשניידט פלינק און געשיקט די פלייש־חלקים... אַ בריה אויף מיר אַזאַ יאָר!

זי ווערט אינגאַנצן צעטומלט ווען זי דערזעט ווי פרומע־ליבטשע גיט איר, דער ערשטער, דעם גרעסטן חלק פלייש. פון אַלע יאָרן איז זי געוואוינט צו דערלאַנגען פריער דעם זון און אַליין עסט זי וואָס עס בלייבט איבער.

— ניין, איך וויל ניט אַזוי פיל פלייש, — רוקט זי צו איר טעלער צום גאַסט, וואָס האָט פאַר זיך גענומען זייער ווייניק.

— סיידן איר ווילט ניט איך זאָל עסן, — קנייטשט פרומע־ליבטשע פאַרדראָסיק מיטן שטערן און מיטאַמאָל צעלאַכט זי זיך אַזוי הויך, פריילעך און קינדיש, אַז אויך די מאַמע נעמט שמייכלען. איר קומט אויפן רעיון, אַז אין איר פאַרחושכטע שטיבל האָט ניט אָפּגעקלונגען אַזאַ קינדיש געלעכטער זינט איר מיידעלע עטעלע איז געשטאָרבן, איר זונס כלה צו לאַנגע און גליקלעכע יאָר. איך זאָל נאָר זוכה זיין זי צו האָבן פאַר אַ שנור, וועט זי ביי מיר זיין ווי אַן אייגענע טאָכטער, זיפצט אָפּ די מאַמע אין זיך און נעמט זיך צוהערן וואָס פרומע־ליבטשע דערציילט:

— ווען מיין פעטער איז געשטאָרבן, האָט שטעטל געוואָלט, אַז זיין זון זאָל פאַרנעמען די רבנות. נאָר מיין שוועסטערקינד איז אַזאַ פוילער, אַז ער פוילט זיך צו זיין אַ רב, אַפילו חתונה האָבן פוילט ער זיך. זיצט ער, דער פאַרזעסענער בחור, טאָג און נאַכט אין זיין פאָטערס שול, ווערט ברייטער ווי לענגער, און ווען ער דאַרף זיך וואַשן צום עסן, טראָגט אים צו זיין אַלטיטשקע מאַמע אַ שיסל מיט אַ האַנטעך צום טיש. ווען ער דאַרף מאַכן המוציא, קנאַקט ער מיט צוויי פינגער אָט אַזוי, און ברומט אויף לשון־קודש: נו־אָ, מלח. די מומע מוז זיך אונטערהייבן פון שטול און צורוקן צו איר זון, דעם גרויסן תלמיד חכם, דאָס זעלצערל. אָבער ווען איך בין צוגאַסט ביי דער מומען, לאָז איך זי ניט אים באַדינען. זאָל ער, דער אַלטער בחור, אַליין זיך אונטערהייבן פון טיש.

פרומע־ליבטשע קוקט אויף מיר מיט אַ שאַרפן שמייכל, ווי זי וואָלט פון מיר אָפּגעשפּאָט: אויך דו ביסט אַזאַ פאַרשוין, נאָר ביי מיר וועסטו ניט זיין אַזאַ יחסן. איך ענטפער איר מיט אַ געשייטן בליק: דו וועסט בעסער ווערן. פון מיין בליק דערפילט זי אַ היץ אין האַלדז, און ווי שטענדיק ווען זי ווערט פון עפּעס אומרואיק, פאַרריכט זי די אונטער־געשאָרענע האָר אויף דער פאַטילניצע, צו באַפרייען איר נאַקן פון די האָר־כוואַליעס.

זי איז נאָך פאַרט אַ יונג קינד, טראַכט די מאַמע. אַ רבס אַ טאָכטער, דאַכט זיך, און פאַרשטייט ניט, אַז איר מומע, די אַלטע רביצין, וואָס איז זיך געוויס מצער הלמאי איר זון האָט ניט חתונה, געפינט לכל הפחות אַ שטיקל נחת אין דעם, וואָס איר זון פירט זיך יידישלעך. קינדער פאַרשטייען גאָרניט ווי ליב עס איז אַ מאַמען זיי צו באַדינען.

זי קען מער ניט בייקומען די מידקייט, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ... און שלאָגט זיך אָן אין האַרטן קאַנט פון טיש. זי רייבט אויס די אויגן: זי האָט איינגעדרימלט. אין איר מח לויפט דורך, אַז די קינדער וועלן פון איר אָפּלאַכן. טוט זי אויף זיי אַ בליק און דערזעט, אַז זיי קוקן צו דער טיר מיט שטוינענדיקע פנימער. זי דרייט אויס דעם קאָפּ און דערזעט מאַריאַשען מיט דער צוקערניצע.

אַנומלט שבת ביים בעקער זײַנען זיך די צוויי ווײַבער שיר ניט אַרײַנגעפֿאַלן אײנע די אַנדערע אין די האָר און איצט קושן זײ זיך ווידער אין די פּיסקעלעך? וואונדערט זיך די מאַמע. נאָר לאַנג איבער־קלערן באַוויזט זי ניט, וואָרום מאַריאַשע אַרבעט שוין אויף אַלע כּלים:

— גוט שבת אײַך, וועלינקע, אײַערע מאַכלים פֿאַרשמעקן די שטוב. מער ניט איר וואָלט באַדאַרפֿט אַרײַנציען עלעקטרע. מען קען געהרגעט ווערן אין דער פֿינצטער אויף די קרומע טרעפּלעך. איך זע בײַ אײַך, וועלינקע, ווײַן אויפֿן טיש. מיר האָבן גאָרניט געוואוסט אַז אײַך קומט אַ מזל־טוב.

— וואָס דאַרפֿט איר? — פֿרעג איך בייז.

— וואָס דאַרף איך? — נעמט מאַריאַשע ניט אַראָפּ אירע פּיצטינקע קלוגיטשקע אײגעלעך פֿון דער כּלה, — איך דאַרף אַ פּאָר מערעלעך, אַ פּאָר ציבעלעס, קראָפּ און פּעטרישקע.

— איר מײנט עס אויף אַן אמת אַז איר גײט ערשט קאָכן פֿיש? — וואונדערט זיך די מאַמע.

— משוגע מײַנע שונאים! איך ווייס אַליין ניט וואָס איך רייד, — קוועטשט מאַריאַשע מיט די אַקסל, — מײַן מאַן און די קינדער מײַנע, די „הלעיטניס", האָבן פֿון די פֿיש שוין לאַנג קײן זכר ניט איבערגעלאָזט. איך בין אַרײַן צו אײַך נאָך אַ קילאָ אַנטאַנואווקעס. עס דאַרף הײַנט קומען צו אונדז אַ גאַסט, מײַן מאַנס אַ קרובה, פּערדס־פּוס־פּאַדקעוועס אַן אײניקל.

— איר ווייסט דאָך, מאַריאַשע, אַז איך וועג ניט און נעם ניט קײן געלט אום שבת.

— איר זאָלט אַזוי זײַן זיכער מיט אײַער זונס מזל, ווי איר מעגט זײַן זיכער אַז איך וועל אײַך באַצאָלן פֿאַר די עפּעלעך. איר דאַרפֿט עס ניט וועגן, איר קענט עס מיר אָפּציילן אויפֿן שטיק.

— און וואָס ווילט איר? — פֿרעגט די מאַמע טרוקן בײַ דער צוקערניצע.

די צוקערניצע איז אין אַ מיאוסער לאַגע. זי אַליין פֿאַרקויפֿט אין איר סעלצערסקע שמאַלץ־בערנעס, אַפּעלסינען און אַפֿילו באַנאַנעס. איר יעדע פּרי, אײַנגעוויקלט אין דין פּאַפּיר, קאָסט מער ווי אַ גאַנצער פֿונט עפּעלעך בײַ דער אויפֿס־פֿאַרקויפֿערקע אין טויער. האָט זי אַ שווערע מערכה צוצוטראַכטן אַ תּשובה.

— איך בין אַרײַן זיך דערוויסן, וואָס עס מאַכט אַלטערקע דער געענדזלער, — זאָגט זי און גלאָצט אויס אַ פּאָר מלאך המוותדיקע אויגן.

— גײט פֿרעגט בײַ אים, — גיב איך זיך נאָכאַמאָל אַ ריס אָפּ מיט כּעס.

די מאַמע קוקט אויף מיר אַ דערשראָקענע. אוי זיין היציקייט! ביי אים איז רעכט צו נעמען זיך קריגן מיט די לשון־הרעניצעס, וואָס זיינען אַריין אויסשמעקן, אויסלעקן, און עס צעטראָגן אויף טעלערלעך. פרומע־ליבטשע קוקט נייגעריק אויף די אַריינגעקומענע ווייבער. איר איז טשיקאַווע צו וויסן ווער עס זיינען מיינע שכנות, קלערט די מאַמע און שטעלט זיך אויף:

— אַלטער דער געגנדזלער איז, נעבעך, זייער קראַנק, — ענטפערט זי דער צוקערניצע, שטופט קמעט ווי אַרויס ביידע ווייבער פון צימערל, גייט אַליין אויך מיט, און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אין וואַרשטאַט בייגט זי זיך אַראָפּ און נעמט זוכן דעם קאָשיק מיט די עפּל.

— באמיט זיך ניט, — מאַלט מאַריאַשע ווי אַ מיל, — מיין מאַנס קרובה, פערדס־פּוס־פּאַדקעוועס אַן אייניקל, וועט זיך באַגיין אָן כיבוד. זי זאָל עס פאַרקרענקען, וואָס זי קאָסט אונדז אָפּ, און ס'איז אַרויס־געוואָרפן ווי פאַר חזירים. זי וואָלט ביי מיר געעפּנט מיטן קאָפּ די טיר, ווען ניט מיין מאַן. אַז מען רירט אָן זיין חזירשע משפחה, איז חיות ניט זיכער. הערט איר, וועלע, וועט איר האָבן אַ שנור, אַלע שונאים אויף צעפּלאַצעניש.

— פאַרוואָס עפּעס עמעצן אויף צעפּלאַצעניש? — ערגערט זיך די מאַמע, — זאָל זיין שמחות ביי יידן. די כלה איז ניט אַבי ווער, זי איז אַ גרויסע איבערקלייבערקע. ניט איין וואויללערנער האָט זיך געוואָלט מיט איר פאַרקנסן, ווערן אַן איידעם ביי איר טאַטן דעם רב. דער קרן אַליין איז — אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן! און דערצו נאָך איז זי אויסגעווייקט אין יחוס.

— יחוס אבות איז גוט אויפן בית הקברות, — טוט אַ געשריי די צוקערניצע מיט איר מאַנסבילשן קול פון אַ דיבוק.

— זאָגט עס ניט, פרוי לאַפּקין, — נעמט זי איין מאַריאַשע, — פאַר אַ מיוחס האָבן דרך־ארץ אַפילו די בייזע רוחות. אַ רבס אַ טאָכטער, איז פאַרט אַ רבס אַ טאָכטער, כאָטש זי איז אַנטלאָפן פון דער היים און טאַטע־מאַמע קערן וועלטן אויף איר פּירונג. און דאָס וואָס די מחותנתטע, די רביצן, וויל ניט דעם שידוך, וועט זי שפּעטער בעסער ווערן.

איך האָב געוואוסט אַז זיי וועלן מיר ניט פאַרגינען די שמחה. ווי פאַלט עס מיר גאָר איין אַריינצולאָזן זיך מיט זיי אין אַ שמועס וועגן יחוס? קען זיך די מאַמע ניט שענקען איר באַרימען זיך, און נעמט זיך פאַרענטפערן:

— אַוודאי איז אַ פאַרדרוס ווען אַ טאָכטער פרעגט ניט ביי דער מאַמען. נאָר פאַרוואָס עפּעס זאָל די רביצן זיין דאַקעגן? מיין זון איז

ניט געבוירן געוואָרן הינטער אַ פּאַרקאַן. ער האָט געהאַט אַ שיינעם טאַטן.

— איך בין ניט גאָטס סטראַפּטשע, אָבער איר זייט דאָך אַ פרומע, אַט האָט איר, כדומה למשל, זיך דערשראָקן, צי איך גיי ניט קאָכן קיין פיש אום שבת, און אייער צוקונפטיקע שנור איז אַ מחלל שבתניצע, האָב איך געהערט, — זינגט מאַריאַשע אַריין דער מאַמען אין אויער.

— זי איז אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער, — שטאַמלט די מאַמע אַ פאַרלאָרענע, — כדי צו ראַטעווען אַ קראַנקן איז אַ מצווה צו מחלל שבת זיין.

— מען קען אויסקוקן ווי אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער און זיין אַ וורעדנע יידענע, — ליאַרעמט אַרויס דער מאַנסבילשער דיבוק פון דער צוקערניצע.

— רעדט ניט אַזוי הויך, — בעט זיך די מאַמע.

— איין מיידל האָט ער שוין צעבראָכן דאָס האַרץ, אייער צדיקל, — קאָכט זיך די צוקערניצע, — זעט אָקאָרשט אַז דאָס מאָל זאָל זיך אויך ניט אויסלאָזן אַ טייך פון זיינע צוזאָגן. ווי הייסט די מיידל וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן? — שרייט די צוקערניצע צו מאַריאַשען.

די מאַמע ווערט אַ פאַרציטערטע, ווי זי וואָלט דערזען צוויי מלאכי־חבלה, וואָס זיינען אַראָפּגעקומען פונקט אין דער צייט ווען איר זון זיצט מיט זיין כלה, און ווילן אים שלעפּן אין גיהנום פאַר זיינע אַלטע עבירות.

— ביילקע האָט געהייסן די מיידל וואָס איר זון האָט אַוועקגעוואָרפן, — זינגט אויס בנעימותדיק מאַריאַשע, — וואָס האָט איר, פרוי לאַפּקין, צו דערמאָנען אַמאָליקע מעשיות?

— מיר ליגט אין דער פּיאַטע דער חתן מיט דער כלה. איך וויל וויסן וואָס עס מאַכט אַלטערקע, — האַלט זיך די צוקערניצע ביי דאָס איריקע, — וואָס מאַכט ער, דער גענדזלער, דער האָבערנער גוידער? אים האָט זיך פאַרוועלט כאַסקע די קצבטע, איצט ליגט ער אין אַ קאַלייסע, פּאָכעט מיט דער נשמה, און כאַסקע לאַכט פון זיין היטעלע. זי פאַרדרייט שוין דעם קאָפּ אַן אַנדערן.

— איך זאָג אייך, וועלינקע, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס אַלטערקע ליגט טויט־קראַנק, — פאַרברעכט מאַריאַשע די הענט, — איטלעך מאָל ווען כאַסקע איז אַריינגעקומען אין סעלצערסקע האָט זי אויפגעפרעסן גאַנצע פונטן צוקערקעס, פיסטאַשקעס, וויינטרויבן און גע־צאָלט מיט מזומן. אַלטערקע איז געשטאַנען דערביי כלומרשט אַ זייטיקער און עס האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט, אַ קדחת האָט אים געטרייסלט. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט מוזן שפּעטער כאַסקעס בייטעלע

אויפסניי אָנפילן מיט זיין געלט. איז עס אַלץ אמת אָדער ליגן? — ווענדט זיך מאַריאַשע שטרענג ווי אַ ריכטער צו דער צוקערניצע.

— אמת! — שרייט יענע רוצחיש ווי אַ גזלן.

ס׳וואָלט געוועזן אַ יושר צו כאַפּן אַ בעזעם און אַרויסקערן פון שטוב ביידע פּוסט־און־פּאַסניצעס, קלערט די מאַמע. וועט זי דאָך עס ניט טאָן, בפרט ווען דער גאַסט זיצט. זי האָט אויך מורא איר זון זאָל ניט דערהערן און אַרויסשפּרינגען. פּרוּווט זי זיך קליגלען:

— גייט טאַקע אַריין צו ליזען, זאָל זי זען אַז די שכנות זיינען איר ניט קיין שונאים.

— צו דער בעל־גאווהטע? — ווערט מאַריאַשע אָן אָנגעצונדענע, — זי וויל דאָך מיט אונדז ניט ריידן אַפילו איצטער, ווען איר מאַן ליגט אין געהאַקטע צרות און עס שיט זיך שוין אויף אים ערד. זי גייט נאָך אַלץ אַרום אָן אָנגעבלאָזענע.

די טיר עפנט זיך — און מען זאָל דערמאָנען משיחן: ליזע קומט אַריין אַ שטאַרק צערודערטע. אָבער ווען זי דערזעט די צוויי יענטעס, גלייכט זי זיך אויס אַ שטאָלצע, באַהערשט איר צערודערטקייט, און רעדט בלויז צו דער מאַמען:

— מיין מאַן האָט אָפּגעגעסן און זיך געפילט גוט. מיטאַמאָל זיינען אים באַפאַלן קראַמפּן. וויל איך בעטן אייער זונס כלה זי זאָל אַריינגיין צו מיין מאַן. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן אָן איינשפּריצונג ווען ער וועט דערפילן ווייטיקן. די רפואות האָב איך.

די מאַמע פרעגט ניט איבער דאָס צווייטע וואָרט און גייט גליך אַריין צו אונדז אין צימערל. זי פאַרגעסט ניט צו פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז אַן עין הרע זאָל אונדז, דעם פּאָרל, ניט פאַרשאַטן. די באַריידערקעס בלייבן ווידער אָפּגעשמיסענע, ווי מכשפות וואָס קענען ניט אַריינקוקן אין גן־עדן. דער עיקר ברענט אין זיי דער כעס אויף ליזען. זי רעדט ניט אויס צו זיי קיין וואָרט.

אַ מינוט שפּעטער גייט אַרויס פון צימערל פרומע־ליבטשע, די מאַמע און איך. די וויבער רוקן זיך אָפּ מיט דרך־ארץ ווי פאַר אַ דאָקטאָר.

— האָט איר אַ שפּריץ? — פרעגט פרומע־ליבטשע.

— מען קען עס קריגן אויפן ראָג רודניצקער גאַס אין דער אַפּטייק, דריי טריט פון דאַנען, — ענטפערט ליזע, — איך וואָלט צוגעלאָפן, נאָר איך האָב ניט אויף וועמען איבערצולאָזן מיין מאַן.

— גיי צו אין אַפּטייק, נעם אַ שפּריץ, וואַטע און יאָד, — זאָגט צו מיר פרומע־ליבטשע און גייט אַרויס פון שטוב די ערשטע. ליזע גייט איר נאָך, און אין האַלב טונקעלען וואַרשטאַט בלייבן איבער די צוויי יידענעס מיט דער מאַמען, וואָס קווענקלט זיך: אַריינגיין? ניין, איכל

ניט אַריינגיין, באַשליסט זי. דער געגנדזלער וועט דערזען אַן אָנגעלויף, וועט ער זיך דערשרעקן. נאָר די צוקערניצע לאָזט זיך לויפן הענדום־פּענדום:

— איך וויל איינמאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, צי די כלה מאַכט אַן אָנשטעל, אָדער זי איז אין דער אמתן אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער.

מאַריאַשע געדענקט גאַנץ גוט ווי די צוקערניצע איז אַנוסטן געשטאַנען הינטער דער טיר פון דער בעקעריי און זיך צוגעהערט וואָס מען רעדט וועגן איר. קוקט מאַריאַשע אַרויס דורך דער שויב מיט אומצוטרוי און שווייגט ווי אַ פיש, ביז זי דערזעט ווי די צוקערניצע שטעלט זיך הינטער ליזעס פענצטער. ערשט דעמאָלט צערעדט זי זיך פאַר פייער און פאַר וואַסער:

— פרוי לאַפּקין איז היינט בייז און בייסט ווי אַ פליג פאַר דער פגירה, ווייל איר מאַן קריכט ווידער אַרום און זוכט אַ ליובאָוויצע. ס'האָט איר גאָרניט געהאָלפן, וואָס זי איז איינמאָל אַריין אין וואַנע און געפּרואווט זיך איבערשניידן דעם האַלדז. זינט כאַסקע די קצבטע האָט אָפּגעקאָנטשעט מיט אַלטערקען, ציטערט אויף דער צוקערניצע די הויט, איר מאַן זאָל זיך ניט נעמען צו דער מויד. אויף דער פרוי לאַפּקינס פריינטשאַפט קען מען בויען אַ קלויסטער. זי איז צו מיר אַריינגעפאַלן אַ פאַרחלשטע. מאַריאַשעלע, זאָגט זי צו מיר, איר האָט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, טראַכט צו אַ גוטן תירוץ און לאָמיר אַריינגיין צו ווּעלען, ביי איר זיצט איר זונס כלה. איר האָט געזען ווי אייער זון איז איר נאָכגעגאַנגען? זיין כלה מיין איך. ,ער פאָלגט זי ווי אַ קאָטינקע.

מאַריאַשע ווייס ניט פון וואָס פריער צו ריידן, לסוף האַלט זי אויך ניט אויס און טוט אַ שפרונג אינדרויסן. די מאַמע בלייבט אַליין און קוקט אַרויס דורך דער שויב, אָבער די צוויי ווייבער אין הויף פאַרשטעלן ליזעס פענצטער.

דאָס איז ביי איר ניט קיין מלאכה, זי איז טאַקע אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער, קלערט די מאַמע. זי איז געזעסן אַ צעשיינטע און אַ באַגליקטע פאַרטיפט מיט מיין זון אין אַ שמועס. נאָר ווי זי האָט דערהערט איין וואָרט וועגן קראַנקן, האָט זי זיך געגעבן אַ שטעל־אויף אַן אויסגעטשוכעטע. דער זון מיינער האָט זיך פאַרקרימט נאָכסאַל מען שטערט אים, האָט זי אויף אים געטאָן אַ קוק אַ פאַררויטלטע, שוין ניט פון שעמעוודיקייט, נאָר פון כעס. זי זעט אויס צו זיין זייער אַ שטרענגע.

— הערט איר, ווּעלע, — פאַלט אַריין מאַריאַשע, — זי איז אי שיין און אי אַ בריה. זי בעט אויס אַלטערקעס געלעגער, העלפט אים זיך אויסטאָן און שעמט זיך גאָרניט וואָס ער איז אַ מאַנסביל. ליזע

שטייט ווי אַ באַנומענע. די צוקערניצע האָט מער גאָרניט וואָס צו זאָגן, זי קען נאָר קריגן די פּלאַץ. אייער זונס כלה האָט גאָלדענע הענט.

און מאַריאַשע ווערט ניט.

— און אַ גאָלדן האַרץ, — הייבט אויף די מאַמע אירע אויגן צום באַלקן.

— מאַריאַשע האָט מיך ניט באַרעדט? — פּאַלט אַ״יין אַן אָטעם די צוקערניצע, — מאַריאַשע טאָקט אָפּ אַ ליגן מיט אַ פאַרשטאָכן פּנים. זי האָט נאָך ניט צוגעשטעלט קיין וועטשערע, די שלומפּער, און אייך האָט זי געזאָגט, אַז איר געזינט האָט שוין לאַנג אָפּגעגעסן. ליזע, די מאַדאַם, קושט ווי אַ דינסטמויד אייער שנור די הענט, און אויך אַלטערקע, דער געשלאָגענער הונט, קוקט אויף איר ווי אויף אַ מלאך.

און די צוקערניצע שפּרינגט צוריק אַרויס אויפן הויף.

די מאַמע וויל מער ניט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, זי גייט אַריין אין צימערל, לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול און נעמט מורמלען:

— ווער בין איך און וואָס בין איך? אַן אָרעמע אויפס־הענדלערקע. ניט אין מיין זכות קריגט מיין זון אַזאַ כלה. רבונו של עולם, דו לאַכסט ניט פון מיר? ס׳איז ניט קיין חלום?

אירע אויגן ווערן פאַרנעפּלט. פון פרייד מעג מען אפשר וויינען אויך אום שבת, קלערט זי און נעמט קוקן אויף איר מאַנס ספרים־אַלמער, ווי זי וואָלט געבעטן די ספרים, זיי זאָלן איבערגעבן איר מאַן אין גן־עדן, אַז זי האָט אָפּגעהיט זיין בן־זקונים און אַליין ניט חתונה געהאַט, ביז דער זון האָט ניט געטראָפן זיין באַשערטע, זיין זיווג.

# וואָס עס ווערט פון אַ מענטשן

## I

דינט דעם פרייטיק אויפדערנאַכט, ווען פרומע־ליבטשע איז אַריינגעלאָפן אָפּמינטערן דעם גענדזלער, איז ליזע די גענדזלערקע צו איר געוואָרן צוגעזאָטן.

— פריער גאָט און דערנאָך אייער זונס כלה, — האָט ליזע געזאָגט צו דער מאַמען, — מיין מאַן וויל ניט צולאָזן צו זיין בעט קיין אַנדער באַרעמהאַרציקע שוועסטער. קיינער, זאָגט ער, האָט ניט אַזאַ גרינגע האַנט ווי זי. זעט, ווועלינקע, איך בעט אייך.

— וואָס דאַרפט איר מיך בעטן, ליזע? — דאַכט זיך, אַז ווען איר רופט זי, און אַפילו ווען איר רופט זי ניט, גייט זי אַריין צו אייער מאַן.

— אייער זון, זע איך, איז אומצופרידן.

— איר דאַרפט עס אים ניט נעמען פאַר אומגוט. אַ יונגערמאַן, וויל ער אַמאָל אַרויסגיין מיט זיין כלה שפּאַצירן, און זי זיצט אָפּ ביי אייך גאַנצע טעג און נעכט.

— איך פאַרלאַנג דאָך ניט אומזיסט, איך וויל באַצאָלן. איז אָבער אַ צרה, זי נעמט ניט קיין געלט. איר וועט מיר אָפּגעבן אינאיינעם, זאָגט זי. נאָר מיין מאַן וויל דורכאויס איך זאָל גלייך באַצאָלן. זי וועט שפּעטער ניט נעמען, זאָגט ער. וויל איך אייך בעטן, ווועלינקע, קלייבט איר דאָס געלט וואָס איך קום אייער צוקונפטיקער שנור.

— וואָס בין איך, אַן אייזערנע קאַסע? ווען זי וועט זיך עס דערוויסן, וועט זי אויף מיר שטאַרק ברוגז ווערן. איר ווילט פון מיר מאַכן אַ שלאַק אַ שוויגער נאָך פאַר דער חתונה.

גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה, קלערט די מאַמע ווען ליזע גייט אַוועק, מיין זון האָט גענומען אַ כלה אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער פונקט אין דער צייט ווען מיין שכנה באַדאַרף זי נייטיק ווי דאָס לעבן... אָט גייט זי, אַ לעבן אויף איר קאָפּ!

די ערשטע צייט איז דער מאַמען אָנגעקומען גענוג שווער צו זאָגן

פרומע־ליבטשען „דו", נאָר זינט זי האָט זיך צו דעם צוגעוואוינט, זאָגט זי עס מיט אַ באַזונדערער הנאה, ווי אין דוצן די כלה וואָלט געלעגן אַ שטיק נחת:

— ליזע האָט זיך געקלאָגט אויף דיר, אַז דו ווילסט ניט נעמען קיין געצאָלט פאַר דעם וואָס דו גייסט אַרום איר מאַן.

— ס'איז מיר ניט צום האַרצן צו נעמען געלט, — ווערט פרומע־ליבטשעס פּנים פאַרוואָלקנט, — דער געזונדזלער ליידט פון אַ קרענק, וואָס דערוויַיל איז ניטאָ צו דעם קיין הייל־מיטל.

— דערפאַר דאַכט זיך מיר, אַז אויב אַפילו דו זאָלסט דאָס געלט שפּעטער אָפּגעבן אויף צדקה, דאַרפסטו עס נעמען ווען ליזע גיט עס דיר, זי זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז דו האַלטסט אים פאַר אַ פאַרפאַלענעם.

— איר זייט גערעכט, — קוקט זי אָן פרומע־ליבטשע איבערראַשט, ווי זי וואָלט זיך ניט געריכט אויף אַזעלכע ווערטער פון אַ יידענע אַ אויפּס־הענדלערקע.

— און דיין חתן זאָלסטו זאָגן, ער זאָל אַריינגיין מיט דיר צום געזונדז־לער, זיין וויַיב זאָל זיך ניט דאַרפן ערגערן, אַז מיין חיימקע קוקט קרום אויף דעם וואָס דו באַדינסט איר מאַן. אַ ביטערע פּרנסה.

— ס'איז ניט קיין ביטערע פּרנסה, — צעלאַכט זיך פרומע־ליבטשע און אַרום אירע לענגלעך־שמאָלע אויגן לייגן זיך אויס קנייטשעלעך, — ווען מען דערלאַנגט דעם פּאַציענט רפואות, אָדער מען מאַכט אים אַן איינ־שפּריצונג, און מען זעט ווי אים ווערט גרינגער, פילט מען אַ באַפרידי־קונג וואָס מען ברענגט נוצן. בעת מיין טאַטע האָט געוואָלט מיך אָפּ־ריידן איך זאָל ניט פאָרן זיך לערנען, האָט ער צו מיר געזאָגט: דו ווילסט ווערן אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער, אָבער דו וועסט דאָך נעמען געלט פאַר דיין העלפן מענטשן. האָב איך אים געענטפערט: איך פאָר זיך לערנען ווייל איך וויל זיך אַליין אויסהאַלטן, ניט ווייל איך וויל זיין אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. נאָר וויפיל געלט אַ קראַנקען־שוועסטער זאָל ניט נעמען, בלייבט נאָך אַלץ פאַר איר אַ מעגלעכקייט צו טאָן פאַר דעם קראַנקן מער וויפיל זי איז מחויב.

פרומע־ליבטשע לאָזט זיך גיין צום חולה. איר פול־געטאָקטע פיגור אין די וויַיכע שיכלעך האַלט זיך קוים אויף די קרומע ברוק־שטיינער. גייט זי אַזוי שטיל־פאַרזיכטיק, ווי זי איז איינגעוואוינט צו גיין אין שפּי־טאָל ניט אויפצואוועקן די קראַנקע.

די הענט אין די פאַרטוך־קעשענעס, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן דעם וואָלענעם קאָפּ־טוך, וואָס זי טראָגט פאַר אַ צוגאָב צום שייטל, מיט אַ פאַרשוויצט פּנים און אויסגעטריקנטע ליפּן פון דער זומערדיקער היץ, אָבער אַ צעשיינטע פון גליק, קוקט די מאַמע נאָך פרומע־ליבטשען און

קוועלט: אַ פּולינקע... כאָטש זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון טאַטע־מאַמעס השגחה, פונדעסטוועגן איז זי נאָך אַלץ אַ רבנישע טאָכטער. זי וויל ניט זאָגן דעם חולה וואו ער האַלט, ווי דאָס טוען די גויאישע דאָקטוירים. און וואָס פאַר אַ שעמעוודיקע זי איז! דאַכט זיך, זי זעט טאָג־איין טאָג־אויס נאַקעטע לייבער, שטערט זיך ניט צו גיין אַרום מאַנסבילן, דאָך ווערט זי פון יעדער קליינינקייט צונטער־רויט. איך ווייס טאַקע ניט וואָס זי האָט דערזען אין מיין זון. קיין לערנער ווי איר טאַטע דער רב איז ער ניט, פון זיין שרייבן האָט ער גאָרניט, און זי גלייבט אין אים, ווי אַ פרומער ייד אין משיחן.

ווען די מאַמע דרייט זיך אויס צו אירע קאָשיקעס, דערזעט זי זיך אַרומגערינגלט פון די שכנים. די גאַס האָט דרך־ארץ פאַר דער קראַנקן־שוועסטער און צוליב איר האָט מען אויך אַ ביסל אָפּשיי פאַר איר צוקונפטיקער שוויגער:

— רביצן, וואָס מאַכט דער גענדזלער?

— איך בין ניט קיין רביצן, — זאָגט די מאַמע.

— וואָס הייסט איר זייט ניט קיין רביצן? אייער זונס כלהס פאָטער איז דאָך אַ רב, און אַליין טראָגט איר אויך אַ פּאַרוק, זייט איר אַ רביצן. איז וואָס זאָגט זי, אייער כלה, וועגן גענדזלער, וואָס מאַכט ער? — ריידן די קרעמער אויפן וואונק, די גענדזלערקע אין הויף זאָל ניט דערהערן.

— וואָס זאָל ער מאַכן? — הייבט די מאַמע ניט אויף די אויגן פון אירע קאָשיקעס. זי האָט מורא צו דערציילן דעם אמת, ליזע זאָל ניט דערקענען אויף די שכנימס פּנימער וואו איר מאַן האַלט.

אָבער ביסלעכווייז האָט זיך ליזע אַליין אָנגעשטויסן ווי עס האַלט מיט אַלטערקען, האָט זי פאַרמאַכט איר טיש אין גענדזליאַרניע און איז נאָר געזעסן ביי איר מאַן. די גאַס האָט זיך אויפגעהערט צו היטן מיט אַ וואָרט, מען האָט זיך געזאַמלט ביים טויער און ברייט אַרומגערעדט דעם ענין.

— זי האָט דעם אמתן פּעקל, ליזע די גענדזלערקע מיין איך, — טוט מאַריאַשע, די וועלט־באַריידערקע, אַ שנופּ מיט דער נאָז ווי צום וויינען, — פריער האָט זיך איר מאַן אויף איר ניט אומגעקוקט צוליב כאַסקען דער קצבטע. ערשט דעמאָלט ווען ער איז אַוועקגעפאַלן אַ געקוילעטער, האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער האָט אַ ווייב. וואָס אַרט איך, מענטשן, אים איז אויסגעפאַלן באָקעם זיין טרייפענער וועלער. איך האָב דאָך פאָראויסגעזאָגט, אַז כאַסקע וועט אים אויסזויגן און אַוועקוואַרפן.

נאָר אַז ער וועט פון דעם שיר ניט גיין פון דער וועלט, אויף דעם האָב איך זיך ניט גערעכנט.

— דאָס איז אים געקומען פון פראַסק, — מישט זיך אַריין די צוקערניצע, — עלינקע דער הויכער האָט געגעבן דעם גענדזלער איין כמאַל, האָט ער זיך איבערגעקערט. שטינקע, דו האָסט אַ גאַל? זאָגט צו אים עלינקע דער הויכער. וואו קריכסטו, דו ווייסט ניט, אַז כאַסקע איז מיין נקבה? זאָגט צו אים עלינקע דער הויכער און גיט אים נאָך אַ פלעם. דערפון איז דער גענדזלער אַריינגעפאַלן אין אַ הינער־פלעט. הלוואי זאָל גאָט צושיקן אַזעלכע עלינקעס אויף אַלע אומטרייע מאַנען! — שרייט רוצחיש די צוקערניצע, און מען קען פאַרשטיין איר ביטער געמיט: איר מאַן, וואָס בייט זיינע ליובאָווניצעס ווי די הענטשקעס, ווי מאַריאַשע זאָגט, האָט אַ גויאישן מזל, ער טרעפט גאָרניט אויף אַן עלינקע.

— גייט שוין גייט, — לאַכט מאַריאַשע פון דער צוקערניצע, — אַלטערקען האָט אַזוי געאַרט עלינקעס פאַטש ווי אַ פליג אויף דער נאָז. כאַסקעס געלעכטער האָט אים אַנידערגעוואַליעט. ווען עלינקע האָט אים געכמאַליעט, איז זי געשטאַנען און געלאַכט פון יאָלד וואָס האָט זיך געלאָזט פון איר אָנציען. אָט דאָס וואָס מען האָט אים, דעם גענדזלער, אַרויסגעשטעלט צום נאַר, דאָס האָט אים אַנידערגעלייגט אַ קראַנקן, ווייל אַ פאַטש פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט.

— טפו זאָלט איר ווערן באַריידערקעס, — שפייט אויס כאַצקל דער באַקאַליישטשיק, — איר לאָזט דאָך אַ מענטשן אַפילו ניט שטאַרבן.

— אייך וועלן מיר לאָזן, — שטעלט זיך אַוועק מאַריאַשע די הענט אין די באָקעס, — אייך וועלן מיר נאָכזאָגן גרעסערע שבחים ווי דעם גענדזלער. כאַצקל, וועלן מיר זאָגן, האָט אָנגעזעצט מיט פאַרגלאָצטע אויגן. ער האָט געטענהט, אַז די אָרעמעלייט וואָס גייען אַרום מאָנטיק איבער די הייזער, האָבן אים געמאַכט פאַר אַן אָרעמאַן.

כאַצקל בלייבט שטיין אַ צעטומלטער און דער עולם לאַכט. מיין מאַמען הייבט עס אונטער פון אָרט:

— איר, מאַריאַשע, האָט נאָך אויך ניט אָפּגעטאַנצט. פאַרגעסט ניט, אַז איר האָט קליינע קינדער. איידער צו באַריידן אַ קראַנקן, בעט בעסער ביי גאָט איר זאָלט צו אַ דאָקטאָר ניט דאַרפן אָנקומען. און פאַר אייך וועט אויך זיין גלייכער ניט צו באַשמירן מיט בלאָטע אַ חולה מסוכן, — וואָרנט זי די צוקערניצע.

די צוויי רכילותניצעס דערשרעקן זיך פאַר דער התראה און טראָגן זיך אָפּ וואָרטשענדיק, אַז זי איז ביי זיך שטיף געוואָרן, די אויפּס־פאַר־קויפערקע. זי האָט אַ מחותן אַ רב, סטראַשעט זי און מוסרט ווי אַ רביצן. איר זון האָט גענומען אַ כלה אַ האַלבע דאָקטאָרשע, מען זאָל צו איר

ניט דאַרפֿן אָנקומען, נאָר ווי אַ זאַך מאַכט זיך, איז געזינטער מיט איר ניט אָנצוהייבן.

די גאַס האָט ביי זיך ניט געפּועלט אַריינצוגיין מבקר חולה זיין דעם גענדזלער. יאָרן־לאַנג איז אָנגעגאַנגען אַן אָפֿענער קריג צווישן אים און אַלע שכנים, האָט מען מורא געהאַט, ער זאָל ניט מיינען, אַז מען דערלעבט אָן אים אַ נקמה. וואָלט נאָך ליזע געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט, אַז זי וויל מען זאָל אַריינקומען, וואָלט קיינער זיך ניט אָפּגעזאָגט. מיידט זי אָבער אַלעמען אויס ווי שונאים. ליזע איז איינגעגלייבט אין וועלעס צוקונפֿטיקער שנור, ווייל זי איז דאָ אַ פֿרעמדע, האָט ליזע מיט איר ניט קיין חשבונות, — האָבן געזאָגט די שכנות.

איינמאָל בין איך אַריין צום קראַנקן און געשטאַנען דערביי ווי פֿרומע־ליבטשע האָט אים איבערגעלייגט און דערלאַנגט רפֿואות. די גאַנצע צייט האָט ער געקרעכצט און ניט גערעדט צו מיר. ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט ער אַ קער געטאָן צו מיר די פֿאַרלאָפֿענע אויגן און נעבעכדיק אַ שמייכל געטאָן:

— זיי מיר מוחל וואָס איך מאַטער אויס דיין כלה און שטער דיר דיין שמחה. איך געדענק דיך נאָך ווען דו ביסט געווען אַ ייִנגל, מעגסטו האָבן מיט מיר איינזעעניש. לאַנג וועסטו שוין פֿון מיר ניט ליידן, — האָט ער אויפֿגעריסן די אויגן און איך האָב ניט געוואוסט צי ער רעדט עס צו מיר, אָדער צו זיין ווייב ליזע, — אפֿשר וועט גאָט רחמנות האָבן און אינגיכן צונעמען ביי מיר די נשמה.

ווען די מעשה איז דערגאַנגען צו דער גאַס, האָט דער עולם דערזען אין גענדזלערס רייד אַ ווידוי. כאַצקל דער קרעמער האָט שמונה־עשרהדיק פֿאַרקוועטשט די אויגן, ווי זיין נאַטור איז געווען ווען ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען, און צעשאָקלט זיך:

— אוי, וואָס עס ווערט פֿון אַ מענטשן! אַלטערקע וואָס האָט גע־ברענט אַ וועלט און פֿאַרמאָגט אַ ריטש פֿון אַ לייב; אַלטערקע וואָס האָט זיך אָנטקעגנגעשטעלט בעלי־בתים און ניט געשאַנעוועט אפֿילו די שוחטים; אַלטערקע וואָס האָט זיך געבריקעט קעגן דער תורה און געטאָן אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט — אַלטערקע זאָל ריידן מיט אַזוי פֿיל הכנעה, בעטן מחילה ביי אַ ייִנגל און וואַרטן גאָט זאָל צונעמען זיין נשמה. אוי, וואָס עס ווערט פֿון אַ מענטשן!

אַ צווייטער, שייע דאָס תבואה־סוחרל מיטן קמץ־בערדל, האָט פֿאַר־טראַכט געצופּט די גאָמבע און אויסגעצויגן מיט אַ טרויעריקן ניגון:

— אַלטערקע דער גענדזלער איז „חזן".

## II

די גאַס האָט געגומען פאַרגעסן דעם גענדזלער ווי ער וואָלט שוין געווען אַ שוכן־עפר. אָבער אַמאָל טרעפט, אַז שייע דאָס תבואה־סוחרל מיטן קמץ־בערדל לויפט דורך פאַרשמייעט און פאַרשוויצט, אָפּגעקאָכט פון דער היץ. ער קומט מיט אָפּגעבריטע פּיאַטעס פון ווייטע גאַסן, וואו די פיס זינקען איין אין צעגליטן אַספאַלט ווי אין פעך. ער דאַרף לויפן אין נאָך ווייטערע גאַסן, וואו די הויכע מויער־פענצטער שפּיגלען זיך אָפּ אין די שויבן פון אויטאָמאָבילן, און עס ווערט דאָרט אַ שטראַלן־בלענדעניש, אַ בליצעניש, אַ ויתרוצצו. מיטאַמאָל בלייבט שייע שטיין, ער דערזעט ווי ליזע די גענדזלערקע טראָגט פון אַפּטייק רפואות־פלעשלעך באַקלעפּט מיט רעצעפּטן. זי שלייכט אַדורך שטיל, ווי אַן אויסדויכטעניש, זעט ניט קיינעם, הערט ניט דעם אַרומיקן געליאַרעם, טוט בלויז אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו וועלען, דער אויפּס־פאַרקויפערקע אין טויער, וואָס גיט אויף איר אַ קוק שטום־פרעגנדיק... און ליזע גייט אַריין אין הויף טרויעריק־פאַרגליווערט ווי אויף אַ בית־עלמין. שייע גיט זיך אַ קער רעכטס, אַ קער לינקס, און דערזעט כאַצקלען דעם שפּייז־קרעמער.

— וואָס מאַכט ער? — באַוויזט שייע מיט דער האַנט אויפן טויער, וואו ליזע איז אַריינגעגאַנגען:

— ער האָט שוין אָפּגעמאַכט, — זיפצט אָפּ כאַצקל און לויפט אין זיין געוועלב. דאָרט וואַרטן אויף אים קונים, ער דאַרף מעסטן, וועגן, דער טאָג שטייט ניט.

— אַ וועלט פון הבל הבלים, — קראַצט דאָס סוחרל זיין קמץ־בערדל, און איילט זיך אַוועק צו זיינע געשעפטן.

נאָר איינמאָל איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט דער גאַס אַז דער גענדזלער לעבט און מאַטערט זיך נאָך.

אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, ווען די פייכטע היץ האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַלץ נידעריקער, איינגעשלעפּערט די גאַס־הענדלערקעס ביי די אויסגעטריקנטע רינשטאָקן און פאַרטריבן די קרעמער אין די טיפע פאַרשאָטנטע ווינקלען פון זייערע קלייטן, איז פון אַראָפּצו גאַס אָנגעקומען כאַסקע די קצבטע.

אַן אויסגעשלאָפענע, אַן אויסגעגענעצטע, וויגט זי זיך אויף אירע פולע זייטן, און האָט אַליין די גרעסטע הנאה פון איר שווערלייביקייט. איין אַקסל הייבט זי כוואַטסקע אונטער און דעם צווייטן אַקסל האַלט זי אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט. זי גייט פויל און פאַמעלעך, ווי עס איז די געוואוינשאַפט ביי שטאַרקע נקבות, וואָס ווייסן זייער כח און באַנעמען זיך מיט געלאַסענער זיכערקייט, נאָר אין בוריק־רויטן פּנים, צעפּאַרעט פון דער

חמימה, ברענען אירע קאָסאָקע אויגן קריגעריש. אויף איר האָנט הענגט דער רידיקול, וואָס אַלטערקע דער גענדזלער האָט איר געשאָנקען, און אויף איר שפּיץ קאָפּ חנדלט זיך דאָס היטעלע, אויך אַלטערקעס אַ מתנה. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן מיין מאַמען:

— וואָס מאַכט ער, אַלטער?

די מאַמע לאָזט אַראָפּ די אויגן און ענטפערט ניט.

— איך פּאַסט ניט מיט מיר צו ריידן? — צעשרייט זיך כאַסקע, — ווער עס וועט זאָגן, אַז איך בין שולדיק אין אַלטערקעס קראַנקייט, דעם וועל איך אויסרייסן די אויגן. ער אַליין האָט מיר שיכורעהייט דערציילט, אַז ער האָט אַ שטויס געטאָן מיטן שטיוול אַ קאַץ און זי איז געפּגרט. דערפאַר שטראָפט אים גאָט.

— כאַסקע, האָב גאָט אין האַרצן, גיי אַוועק, — בעט זיך ביי איר די מאַמע, — דו ביסט דאָך אַ יידישע טאָכטער, דאַרפסטו פאַרשטיין ווי ליזע ליידט. דו האָסט שוין געזען אַזוינע מאַנסבילן, און ביי איר שטאַרבט דער מאַן. גיי אַוועק.

— האָט ניט קיין מורא, איך בין טאַקע ניט קיין באַרעמהאַרציקע שוועסטער ווי אייער זונס כלה, נאָר אַ האַרץ האָב איך אויך. איך וויל זיך מיט אַלטערקען אויסטענהן, ער זאָל אויף מיר ניט אַוועקטראָגן קיין פאַראיבל, אָבער איך וועל עס ניט טאָן צוליב זיין ווייב. פון דער גאַס לאָך איך, — שרייט זי נאָך העכער, אַלע אָרומיקע זאָלן הערן, — מיך אַרט ניט וואָס איך ליג אין לייטישע מיילער. אַלטערקע איז מיר נאָכ־געלאָפן, ניט איך אים. איצטער לויפט מיר נאָך דער צוקערניצעס מאַן, עלינקע דער הויכער און נאָך צען אַנדערע הינט. נאָר איר זייט דאָך אַ רביצן, וויל איך איר זאָלט וויסן: ניט איך בין שולדיק, אַלטערקע אַליין איז שולדיק, ער האָט אַ שטויס געטאָן מיטן שטיוול אַ קאַץ און זי איז געפּגרט. דערפאַר שטראָפט אים גאָט.

כאַסקע לאָזט זיך גיין מיט אַ להכעיס־שמייכעלע אויף די ליפּן און קוקט אַריין אין די פּנימער פון די יאָלדעוואַטע מאַנסבילן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די קראָמען, ווי בהמות שטעקן אַרויס זייערע מאָרדעס פון שטאַל. זי דרייט בכיוון מיט אירע דיקע היפּטן און אין אירע קאָסאָקע אויגן ברענט דער גיהנום מיט אַ העל־בלויען פייער. דאָרט זיצט אַ שדיכע און חוזקט: זעט וואָס פאַר אַ שטוקע איך בין... נאָר אַ מכה פאַרן ווערלען!

— נבלה, — זידלען זי די ווייבער אינדערשטיל; ריידן הויך האָבן זיי מורא, גאָט זאָל באַהיטן און באַשירעמען פאַר איר מויל, — זעט ווי געזונט זי איז, בלוט שפּריצט פון איר פּנים, די ערד טרייסלט זיך אונטער אירע טריט.

כאַסקעס באַווייזן זיך אויף דער גאַס האָט אַלעמען דערמאָנט, אַז דער גענדזלער ראַנגלט זיך נאָך מיטן מלאך המות. אָבער אַנשטאָט מ׳זאָל אים באַדויערן, האָט עס אויפגעוועקט די אַלטע שנאה צו אים.

יאָרן־לאַנג האָט דער גענדזלער מיט דער גענדזלערקע געהאָדעוועט דעם שוואַרצן קאָטער, וואָס פלעגט ליגן אויפן בלעכענעם טיש און ניט אָנרירן די אָרומגעפּליקטע גענדז. סוף כל סוף האָט דער קאָטער אויס־געצויגן די פיס, ווייל אַ העלפאַנט לעבט אויך ניט אייביק. דערנאָך האָבן זיך גענומען בייטן ביים גענדזלער די קעץ, קיינע פון זיי האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים. איינע האָט זיך איבערגעפרעסן מיט שיריים פון עופות און געפּגרט. אַ צווייטע איז אַוועק שפּאַצירן און איז ניט צוריקגעקומען, אַ באַלעבאָסטע האָט זי אויסגעכאַפּט, אָדער הינט־שלעגער האָבן זי פאַר־שלעפּט. און אַ דריטע האָט דער גענדזלער אַליין אַרויסגעטריבן, ווייל זי איז געוואָרן קרעציק. קען געמאָלט זיין, אַז איין קאַץ האָט ער אַ בריקע געטאָן מיטן שטיוול. האָט די גאַס באַשלאָסן, אַז די געהרגעטע קאַץ מאַטערט אַלטערקען, לאָזט אים ניט שטאַרבן. אָבער שייע, דאָס סוחרל מיטן קמץ־בערדל, האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה:

— די שונאי־ישראל זאָלן עס האָבן אויף דער צונג, וואָס אַלטערקע האָט אין זיין גוף. אַלטערקע האָט אַזאַ האַרט שטיקל פלייש, וואָס אַז מען שניידט עס אויס אין איין אָרט, וואַקסט עס אויס אין אַ צווייט אָרט, נאָר ער וויל זיך ניט לאָזן האַקן, און צוליב דעם קען ער ניט שלינגען, גיט אַלץ צוריק. היינט וואָס דערציילט איר מעשיות? וועלכע לאָקשן, וואָסער קאַץ?

— פאַרוואָס דווקא האָט עס מיט אים געטראָפן, דאָס האַרטע שטיקל פלייש, ווי איר זאָגט? — פרעגן די שכנים און ענטפערן, — צוליב דער קאַץ!

— וואַרט אָקאָרשט, — חשבונט כאַצקל דער באַקאַליישטשיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, — אויב איר זוכט עבירות אויפן גענדזלער, האָבן מיר אַ קימא לן, אַז ער האָט זיך אַמאָל געוואָרפן שלאָגן די שוחטים פון שחיטה־שטיבל. איז ווען איר זאָגט אַז מען נעמט זיך אָן אין הימל פאַר די שוחטים — פאַרשטיי איך, אָבער צוליב אַ קאַץ?

— נעכטיקע טעג, — באַשטייט די גאַס אויף דאָס אייריקע, — אַ וואַזשנע מעשה, די שוחטים! זיי רייסן קנאַפּ אַ פּאַס פאַר שחיטה? און בכלל איז עס אַ משל קאַבאַק. ס׳איז אַקוראַט ווי איר וואָלט זאָגן, אַז ווייבאַלד די לבנה איז קיילעכיק, דאַרף אַ טאַרבע פלעקענער זיין שפּיציק. אַ מענטש קען געבן צוריק מיט די הענט אָדער מיטן מויל. אָבער וואָס קען טאָן אַ שטומע באַשעפעניש? נעמט מען זיך אָן פאַר איר פון אויבן.

— פּראַים, — קוועטשט כאַצקל מיט די פּלייצעס, — אַ ייד אַ

גענדזלער, וואָס האָט אין זיין לעבן געקוילעט אַ מיליאָן גענדז, קאַטשקעס, אינדיקעס און הינער, איז דערפאַר קומט אים גאָרניט, נאָר טאָמער האָט ער אַ בריקע געטאָן אַ קאַץ אַ פּגירה, איז הימל עפן זיך.

— איר האָט אַ קרומען קאָפּ, ר׳ כאַצקל. עופות עסט מען, און פון די פעדערן מאַכט מען קישנס. אָבער נעמען אומזיסט און אומנישט און הרגענען אַ שטומע באַשעפעניש, אַ קאַץ?!

ניט ווייט פון טויער, וואו דאָס געזעמל שטייט, דרייט זיך אַרום ר׳ נתן־נטע, דער גבאי פון חברה שומרי־שבת, וואָס איז אויך דער ווירט פון הויף. ער איז זיך מיישב: אפשר גראָד איצט, ווען דער גענדזלער ליגט אין יסורים און דאַרף רחמים, וועט ער ווייכער ווערן און סילוקן דירה־געלט. פון דער צווייטער זייט, קלערט דער באַלעבאָס, איז אַ קל וחומר בן בנו של קל וחומר: אויב דער גענדזלער האָט פריער ניט געצאָלט, וועט ער איצט, ווען זיין יאַטקע איז צוגעמאַכט און די דאָקטוירים קאָסטן אָפּ אַ מטמון — אַוודאי ניט צאָלן. פון ערגעריניש כאַפּט דער ווירט אַ פּאָר לאָקענעס פון זיין לאַנגער געפלאָכטענער באָרד און וויקלט זיי אַרום די פינגער, ווי אַ יידענע אַן אָפּשפּרעכערקע וויקלט אַרום אירע פינגער אַ באַשוואָרענע פּאַטשיילקע.

— פלוידער־זעק, — קעזן דער גבאי מער ניט שווייגן, — איך רייד ניט וועגן אַלטערקעס געשלעג מיט די שוחטים, וועגן דירה־געלט רייד איך. צו באַצאָלן אַ חוב דאַרף מען דאָך ניט זיין פרום, מען דאַרף בלויז זיין אַן ערלעכער מאַן. איז איטלעך מאָל ווען איך האָב ביי אים געמאָנט מיין געלט, האָט ער מיר געענטפערט: קומט מאָרגן. און פרייטיק פאַר־נאַכט ווען איך האָב אים דערמאָנט ער זאָל צומאַכן די יאַטקע, ניט מחלל שבת זיין, האָט ער מיר אויך געענטפערט: קומט מאָרגן. היינט וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף דער קאַץ?

— אַ גלייכעניש, — ענטפערט די גאַס, — אין ר׳ שאולקעס בית־מדרש האָט מען ניט געוואַרט מיט קבלת־שבת ביז אַלטערקע וועט פאַר־מאַכן די יאַטקע, אָבער אַ קאַץ?!

— מיט אייך דאַרף מען אויך ניט זאָגן קיין „ענֹוו", — שרייט אַ שכן צום באַלעבאָס, — ווי מיר זעען, זייט איר געלויבט השם יתברך, פון הונגער ניט געשטאָרבן, אָבער די קאַץ איז טאַקע געפּגרט.

דער ווירט גייט אַוועק אַ פאַרצאָגטער און פאַרצרהטער. ער האָט אָפּ־געמאַכט ביי זיך — ניט אַריינצוגיין צום גענדזלער נאָך דירה־געלט.

די מאַמע אין טויער קען עס ניט פאַרשטיין: מילא'די גאַס ווי די גאַס, אָבער דער גבאי דאַרף דאָך וויסן, אַז ווען דאָס לעבן פון אַ מענטשן וויגט זיך אויף דער וואָגשאָל, דאַרף מען ניט דערציילן זיינע עוולות, נאָר די גוטע מעשים וואָס ער האָט געטאָן, כדי ער זאָל האָבן וואָס מער זכותים, וואָס מער מליצי יושר.

אין אַ סוף־זומערדיקער נאַכט האָט די מאַמע זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן שטויס אין דער טיר, אויך איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער. פרומע־ליבטשע וואָס האָט געוואַכט ביים חולה, איז אַריינגעפאַלן אַ דערשראָקענע:

— דער גענדזלער איז געשטאָרבן.

— ברוך דיין אמת, — פאַרברעכט די מאַמע די הענט און לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ.

— וואָס ביסטו אַזוי אויפגעטרייסלט, — זאָג איך צו פרומע־ליבטשען, — מען האָט זיך דאָך אויף דעם געריכט די גאַנצע צייט.

— ער האָט זיך שרעקלעך געשליידערט אַ גאַנצע נאַכט, — אָטעמט זי שווער, — ער האָט געקריצט מיט די ציין, נאָכאַנאַנד געקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן אין אַ ווינקל פון שטוב און געדראָט מיט די פויסטן, ווי עמעצער וואָלט דאָרט אין ווינקל געשטאַנען. מיטאַמאָל האָט ער אַרונטערגעריסן פון זיך דעם צודעק, אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט אַ נאַקעטער און צוגעלאָפן צו יענעם טונקעלן ווינקל, דאָרט געפאַלן און גענומען זעצן מיט די פויסטן אין דיל. ליזע און איך זיינען צוגעלאָפן אים אויפהייבן, נאָר ער האָט זיך ניט געלאָזט אויפשטעלן. ער האָט אויסגעקרימט די פינגער מיט די נעגל און געכאָרכלט: איך מוז זי דערשטיקן! אַזוי האָט ער כסדר איבערגעחזרט: איך מוז זי דערשטיקן! ביז ער איז געבליבן טויט.

— פינצטער איז מיר מיין וועלט, — ווערט דער מאַמעס פנים אויסגעצויגן, — ער איז געשטאָרבן ניט אויף זיין בעט. דער מלאך המות האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פון זיין געלעגער. זאָל דאָס פאַר אים זיין אַן אָפּקומעניש, אַ כפרה, ער זאָל קיין חיבוט הקבר ניט דאַרפן ליידן.

זי נעמט זיך אין איילעניש אָנטאָן.

— וואו גייסטו?

— צו ליזען, דו הערסט דאָך ווי שטיל דאָרט איז, זי טוט ניט קיין איין געשריי, זי מוז דאָרט ליגן אַ פאַרחלשטע. איך וועל אויפוועקן די שכנים. דעק זי איין, — ווייזט די מאַמע אויף פרומע־ליבטשען און לויפט אַרויס.

דורך דעם גאַנצן זומער, יעדן פאַרטאָג ווען פרומע־ליבטשע האָט פאַרענדיקט איר וואַכטע ביי דעם קראַנקן, איז זי אַריינגעקומען צו אונדז. שטענדיק האָט פונקט זיך געמאַכט, אַז די מאַמע איז נאָך ניט געווען אַוועק אין מאַרק. פרומע־ליבטשע האָט אויסגעטרונקען אַ הייסע גלאָז טיי און איז געגאַנגען אויף איר מיידלשער קוואַרטיר זיך אָפּרוען נאָך דער שווערער נאַכט. די מאַמע האָט זיך געלאָזט לויפן אין מאַרק אַ פאַרזאָרגטע: זומער־צייט מוז מען אַרויסגיין קויפן סחורה אַ בליאַסק אויף טאָג, און זי פאַר־

האַלט זיך אין שטוב ביז די כלה גייט אַוועק... זי היט זיי ניט, די קינדער, מער ניט זי וויל ניט, אַז לייט זאָלן זיי באַריידן. איצט אָבער ווען אויפן הויף איז אַזאַ אומגליק און די מיידל ציטערט, האָט זי ניט געטראַכט וואָס באַריידער וועלן זאָגן.

— איך וויל מער ניט אַרבעטן ביי אַלטע לייט. איך וויל אַרבעטן ביי קינדער, — מורמלט פרומע־ליבטשע, — איך וויל זיין דערביי ווען דאָס לעבן הייבט זיך אָן און ניט ווען דאָס לעבן ענדיקט זיך.

זי ליגט אין מיינע אָרעמס, איך גלעט אירע האָר, פאַרלייג זיי הינטער אירע ראָזלעכע קליינע אויערן און קוש אירע לאַנגע וויעס, וואָס הענגען מיד אַראָפּ איבער אירע לענגלעך־שמאָלע אויגן, ווי דינע צווייגן, פאַרשמאַכטע פון טאָג־היץ, הענגען פאַרנאַכט אַרונטער איבער אַ וואַסער־שפּיגל. זי באַוועגט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך שוואַך געווערט קעגן מיין צערטלעכקייט, און אירע ליפּן מורמלען:

— דעם געגנדזלער האָט עפּעס געמאַטערט.

— דאָס ליגן צוגעשמידט צום בעט האָט אים געמאַטערט, — מורמל איך אַריין אין איר האַלבן דרימל, זי צו פאַרשלעפערן.

— ניין, אים האָט עפּעס אַנדערש געפּייניקט, — טשוכעט זי זיך אויס מיטאַמאָל און זעצט זיך אויף, — איך וועל דיר זאָגן וואָס: די גאַנצע צייט וואָס איך בין ביי אים געזעסן, האָב איך ניט געזען אַ שכן זאָל אַריינקומען אים מבקר חולה זיין. זיין צעקריגטקייט מיט דער וועלט האָט אים געפּייניקט. אויך ליזע, קלער איך, האָט די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקייט ניט געוויינט און ניט געטענהט, ווייל זי האָט געשפּירט, אַז זי אַליין רופט אפשר יאָ אַרויס מיטלייד ביי די שכנים, נאָר איר מאַן רופט עס ניט אַרויס. מיר איז קאַלט, — נעמט פרומע־ליבטשע ווידער ציטערן און טוליעט זיך צו מיר אַ זיס־צייטיקע און מידע, ביז איר קאָפּ פאַלט ווידער אַריין אין קישן און זי שמייכלט מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַ ליכטיקייט ציטערט אויף אירע לאַנגע וויעס, ווי דער טאָג וואָס גייט אויף ערגעץ הינטערן האַריזאָנט, וואָלט אויך אויפגעגאַנגען פון אונטער איר הויט און איר שרעק צעשמאָלצן ווי אייז.

— אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווייסן כאַלאַט איז ניט קיין מלאך, אָבער אויך ניט קיין מאַשין, — מורמלט זי פון דרימל, — איך ווייס אַז דיך פאַרדריסט וואָס איך רייד שטענדיק פון מיינע קראַנקע.

און זי שלאָפט איין.

## III

ווען די מאַמע לויפט אַריין צו ליזען, טרעט זי גלייך אָפּ צוריק ביזקל שוועל אַ דערשראָקענע. דער גענדזלער ליגט אין ווינקל, וואו ער איז געפאַלן, איבערגעדעקט מיט זיין מאַנטל, און ליזע זיצט אויף אַ שטול, אַנגעבויגן איבער אים, ווי זי וואָלט אים עפּעס איינגערוימט אין אויער.

— ליזע, — רופט אויס די מאַמע.

— ששש, וועקט אים ניט, — שעפּטשעט די גענדזלערקע ווי זי וואָלט איינגעשלעפערט אַ שוואַך קינד, — ער האָט גענוג זיך אַנגעמוטשעט, מיין עופעלע.

— מען דאַרף אַריינרופן די שכנים, אָפּהייבן דעם מת און אָנצינדן ליכט, — זאָגט די מאַמע און דערפילט אַ שוידער איבערן לייב.

— מען דאַרף ניט. ווען מען וועט אים אָפּטאָן זיין רעכט, וועט ער מער ניט זיין מיינער. זעט ווי ער טוליעט זיך צו זיין ווינקל, ער האָט מורא פאַר דער וועלט וואָס האָט אים באַרעדט און באַשמוצט. זאָגט מיר, וועלע, וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר געטאָן די שכנים, וואָס זיי זיינען אונדז אַזעלכע דם־שונאים?

די מאַמע גיט אַ קוק דורכן פענצטער און דערזעט די שכנים. זיי שטייען אין אַ רעדל אויפן הויף און ווילן ניט אַריינגיין. ווען די מאַמע האָט זיי אויפגעוועקט, האָבן זיי איר גלייך געזאָגט, אַז מען מוז וואַרטן ביז עס וועט ווערן טאָג, וועלן אָנקומען פרעמדע מענטשן און אָפּהייבן דעם מת. ליזע וויל ניט, אירע הויף שכנים זאָלן זיך פאַרן אַרום איר מאַן.

די גענדזלערקע בויגט זיך אַרונטער צום טויטן, דעקט אים אָפּ און קושט אים אויפן שטערן. דערנאָך מאַכט זי אים צו די אויגן, דעקט אים ווידער איבער מיטן מאַנטל און רעדט צו אים:

— די וועלט ווייס ניט ווי איידל דו ביסט געווען צו מיר, אָבער איך ווייס עס. דו האָסט מיר קיינמאָל ניט דערמאָנט אַז איך בין אַ בעזדיעטניצע. טאָמער ביסטו איינמאָל אין דיין לעבן געווען צו מיר ניט איידל, האָט עס דיך געמאַטערט ביזקל טויט.

זי מיינט עס כאַסקען, קלערט די מאַמע. אפשר האָט דער גענדזלער טאַקע חרטה געהאַט וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ פון דער אויסגעלאַזענער מויד.

דערווייל ווערט אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. אין פענצטער שטעלט זיך אַריין אַ לויטערער סוף־זומערדיקער פרימאָרגן און פאַרגיסט מיט בלוי די שטוב. ליכט־שטרייפן ציטערן אויף די ווענט, אויפן סופיט, נאָר אין איין ווינקל אויפן דיל טונקלט אומבאַוועגלעך אַ בערגל און זיין שאָטן גיסט

זיך צוזאַמען מיט דער פרוי, וואָס זיצט פאַרגליווערט אויפן שטול. ליזע זיצט מיטן רוקן צום טאָג, אָט אַזוי ווי איר מאַן ליגט מיטן רוקן צום הויף און צו דער גאַנצער וועלט.

די מאַמע זעצט זיך אַראָפּ אויף אַ בענקל נאָענט צום אַריינגאַנג, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ און מאַכט צו די אויגן.

בעת ליזע האָט אָפּגעדעקט דעם טויטן, האָט די מאַמע דערזען ווי דער געננדזלער ליגט מיט אַ פאַרקרימט מויל און אָפּגעשטאַנענע שטייפע וואָנצעס. מיט אַ טאָג צוריק האָט ער נאָך געוואָרפן צו זיך דעם שערער און זיך געלאָזט אָפּגאָלן. אַן עלטערער ייד אַ בר־מינן מיט פאַרדרייטע וואָנצעס, ווי אַ גוי, להבדיל, וואָס מען פוצט אים אויס און מען גאָלט אים אַרום איידער מען לייגט אים אַריין אין טרונע.

די מאַמע דערמאָנט זיך אָן ר׳ ברוכלען, עליו השלום, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געלעגן אויף דעם זעלבן דיל וואו איצט ליגט דער געננדזלער. זי געדענקט נאָך ווי אַזוי איר שותפטע בלומעלע, עליה השלום, האָט באַווײנט און באַטענהט איר אַלטיטשקען מיט אַזעלכע טענות, אַז דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען הערנדיק עס. איר חיימקע האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז ער קען ניט פאַרגעסן ר׳ ברוכלען און בלומעלען, גלייך ווי מען קען ניט פאַרגעסן צוויי ווייסע בעריאָזקעלעך, וואָס שטייען אויפן שייד־וועג ביים אַריינפאָר אין שטעטל, וואו מען איז געבוירן געוואָרן. ר׳ ברוכל איז געווען אַ ייד מיט אַ באָרד און ריין ווי אַ עולה־תמימה. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין ציטערן צי עמעצער טראָגט ניט אויף אים קיין פאַראיבל. געשטאָרבן איז ער שבת אינדערפרי, איינגעשלאָפן טאַקע ווי אַן עופעלע, בשלום מיט דער גאַנצער וועלט. אָבער ר׳ אַלטער, זאָל עס אים ניט צו שווער זיין, איז בעת דער גסיסה אַראָפּגעלאָפן פון געלעגער און געסטראַשעט עמעצן מיט די קולאַקעס.

— געדענקט איר, וועלע, — רייסט די אלמנה זי אַרויס פון די מחשבות, — מיר האָבן איינמאָל שבת פאַרנאַכט גערעדט וועגן קינדער. אַן קינדער איז דאָס לעבן קיין לעבן ניט, און אויך דער טויט איז קיין טויט ניט. ווען עס בלייבן קינדער, האָט דער מענטש פאַר דער וועלט עפּעס אויפגעטאָן, האָט די וועלט פאַר אים דרך־ארץ.

זי ווערט אַ רגע אַנטשוויגן און רעדט ווייטער, מער צום טויטן ווי צו מיין מאַמען:

— ווען איר וואָלט געזען, וועלע, מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט מײַן מאַן האָט געקוקט אויף אייער זונס כלה, ווי ער האָט איר געדאַנקט פאַר יעדער זאַך וואָס זי האָט געטאָן פאַר אים, וואָלט איר פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש מיין מאַן איז געווען. ווען אים פלעגט ווערן אויף אַ מינוט גרינגער און די קראַנקן־שוועסטער איז ניט געווען דערביי,

פלעגט ער זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געקענט פריער אַזעלכע מענטשן ווי די קראַנקן־שוועסטער, וואָלט ער געווען אַן אַנדערער.

אין שטוב קומען אַריין פרעמדע מענטשן, הייבן־אָפּ דעם בר־מינן און צינדן אָן ליכט ביי זיין צוקאָפּנס. עמעצער האָט זיך געפּעדערט, געלאָפן אויפן שול־הויף און געבראַכט אַ פּאָר תהילים־זאָגער. די שטוב ווערט געפּאַקט מיט נייגעריקע מענער און ווייבער פון דער צענטער גאַס, וואָס קיינער קען זיי גאָרניט. זיי פרעגן אויס איינע ביי די אַנדערע פּרטים וועגן געשטאָרבענעם, וועגן זיין קראַנקייט, און ריידן שטיל צוליב דער באַלעבאָסטע וואָס זיצט שטום מיט דער פּלייצע צום עולם. זי וואַרפט בלויז פון צייט צו צייט אַ בליק צו דער מאַמען, אַז זי זאָל ניט אַרויסגיין, און זי, ליזען, ניט איבערלאָזן אַליין מיט די אומבאַקאַנטע מענטשן.

עס באַווייזן זיך עטלעכע מאַדאַמען וואָס קויפן אין ליזעס יאַטקע, אירע אַמאָליקע גימנאַזיע־חברטעס. ווען ליזע דערזעט זיי, פּלאַצט זי אומגעריכט אַרויס אין אַ געוויין. דער אַרומיקער פּראָסטער עולם קוקט זיך איבער: פאַר אונדז פּאַסט איר ניט צו וויינען, נאָר פאַר די גבירטעס — יאָ.

— באַרואיקט איך, ליזע, — גוידערט אַרויס אַ מאַדאַם אין אַ הוט מיט בלומען און מיט אַ שווערער האַנט־בייטל.

ליזעס האַרץ איז פאַרווייטיקט און דער זייטיקער עולם הערט מיט פאַרשפּיצטע אויערן ווי פון דער אלמנהס קעל רייסט זיך אַ געוויין אויף אַ קוויטשיק בייקולכל, גלייך אַ פאַרצאַמט וואַסער וואָס געפינט אַן אַרויס־גאַנג דורך אַ שפּאַרונע.

— ליזע, — גוידערט אַרויס די מאַדאַם נאָכאַמאָל און איר קול ציטערט. נאָר זי האָט, ווייזט אויס, באַשלאָסן ניט צו זיין קיין יידענע און דרייט אַוועק דעם קאָפּ מען זאָל ניט זען אירע אָנגעטרערטע אויגן.

ליזע ווערט אַנטשוויגן. אויך די צוויי תהילים־זאָגער, וואָס האָבן געזאָגט הויך אַ פּסוק איבער אַ פּסוק, נעמען די ווערטער אַריינמורמלען אין די בערד. אַפילו די ליכט צוקאָפּנס פון טויטן ברענען שטיל, טריב און טונקל, ווי מען וואָלט זיי אָנגעצונדן אין אַ פייכטן טיפן קעלער.

די מאַמע פאַרשטייט, אַז איצט, ווען די מאַדאַמען זיצן אַרום ליזען, איז זי דאָ מער ניט נייטיק, שאַרט זי זיך אַרויס אינדרויסן.

אויפן הויף שטייען אין קופּקעס די שכנים, די קרעמער פון דער גאַס, און שמועסן צווישן זיך. די מאַמע שטעלט זיך אָפּ און הערט וואָס עס דערציילט אַ פרעמדער ייד, איינער פון די וואָס האָבן אָפּגעהייבן דעם מת.

— איך האָב אים, דעם גענדזלער, געקענט פון ווייטן, ער איז געווען אַ ייד אַ גבר, האָט איר באַדאַרפט זען וואָס פון אים איז געוואָרן. געל ווי אַ מער און איינגעטריקנט ווי אַ פּאַראַיאָריקער אתרוג. אַ זעקל הויט און ביינער, איך זאָג אייך — אַ שפּענדל.

— אוי, וואָס עס ווערט פון אַ מענטשן! — צעשאָקלט זיך כאַצקל דער באקאליישטשיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, — אַלטערקע וואָס האָט אויסגעטרונקען אַ ים מיט בראָנפן; אַלטערקע וואָס האָט מיט גוטע ברידער געשפּילט גאַנצענע נעכט אין קאָרטן — אַלטערקע זאָל ליגן אַזוי שטיל מיט די פיס צו דער טיר. אוי, וואָס עס ווערט פון אַ מענטשן!

כאַצקל דער באקאליישטשיק זאָגט עס טויט־ערנסט, און דאָס רופט אַרויס אַ שמייכל ביי די אַנדערע. איינער הוסט אָפּ, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען: יאָ ריידן, ניט ריידן, אָבער דער יצר־הרע פון חוזק־מאַכן איז שטאַרקער פון אים:

— איר האָט פאַרגעסן, ר׳ כאַצקל, צו דערמאָנען די טשאָלנטן וואָס דער גענדזלער האָט אויפגעגעסן.

— ס׳וועט אַפילו ניט זיין ווער עס זאָל נאָך אים קדיש זאָגן, — איז זיך כאַצקל ווידער מצער.

— ער וואָלט כאָטש פאַרן טויט געקויפט אַ קרקע און געדונגען אַ קדיש, — צופּט דאָס מעל־סוחרל זיין קמץ־בערדל און קען מער ניט איינ־האַלטן זיין כעס, — ער האָט אָפּגעלעבט אַ חזירש לעבן, זאָל ער מיר מוחל זיין, פּע!

ר׳ נתן־נטע, דער באַלעבאָס פון הויף און גבאי פון חברה שומרי שבת, דרייט זיך אַרום אַ פּאַראומערטער. איצט מעג ער שטעלן אַ קאָפּקענע ליכטל נאָך דעם דירה־געלט וואָס די גענדזלערקע קומט אים הן פאַר דער יאַטקע און הן פאַר דער וואוינונג. קאָכט עס אים־אויף אויף די פּראָס־טאַקעס, וואָס דאגהן הלמאי דער גענדזלער איז געבליבן אָן אַ קדיש־זאָגער.

— עבודה־זרהניקעס, אייער גאַנצע יידישקייט האָט אַזאַ טעם ווי אייער זאָגן קדיש.

— וואָס טשעפּעט איר זיך עפּעס צו אונדזערע טאַטעס? — באַפאַלט אים דער אַרומיקער עולם, — זיי זיינען געווען שענערע יידן פון אַנדערע גבאים.

— ווער טשעפּעט אייערע טאַטעס, זאָלן זיי ליגן אין זייער רו, — דערשרעקט זיך דער שומר־שבתניק פאַר די עמי־הארצים מיטן גרויסן יחוס־אָבות, — איך רייד וועגן די אבלים אין שבעה־קרואים און אין פּאָליש פון שטאָט־שול. קדיש איז ניט פון תרי״ג מצוות, אָבער לייגן תפילין, היטן שבת... אַ קלייניקייט! און וואָס זעען מיר? מיר זעען

ווי יונגעלייטלעך וואָס לייגן ניט קיין תפילין און היטן ניט קיין שבת, לויפן אויסן הויט אויפן שול־הויף זאָגן קדיש און ציען קניפּלעך ווער עס זאָל גיין צום עמוד אָפּכאַפּן דאָס דאַוונען אָן עברי, אָן כוונה, אַבי געזאָגט קדיש.

די שכנים דרייען זיך אַוועק פון באַלעבאָס און ער בלייבט שטיין ווי אַ מגיד וואָס דער עולם איז זיך צעגאַנגען. קוקט ער זיך אַרום מיט רוגזה און דערזעט ווי די מאַמע האָרכט זיך צו צו זיין דרשה מיט אַ פאַרפרומט פנים. נאָר אַנשטאָט דאָס זאָל אים הנאה טאָן, ווערט ער נאָך מער אָנגעברוגזט. איר זון איז דאָך סתּם אַ מופקר, נאָך ערגער פון די יונגעלייט וואָס שערן די פאות און ציען קניפּלעך ווער עס זאָל זיך שטעלן ביים עמוד אָפּכאַפּן דאָס דאַוונען.

די מאַמע לאָזט זיך גיין אין שטוב. זי האָט צו באַזאָרגן אַ סך זאַכן. קודם כל וויל זי וויסן וואָס עס מאַכט די כלה נאָך דער שווערער נאַכט וואָס זי האָט דורכגעלעבט. די צווייטע זאַך איז, מאַכן פרישטיק פאַר די קינדער. דערנאָך דאַרף זי איינגעצן דאָס גרינס אין די קאָשיקעס, די סחורה זאָל ניט פאַרוויאַנעט ווערן פון שטיין אַ גאַנצן טאָג אין שטוב אין דער היץ. אין טויער וועט זי היינט זיך ניט אַרויסשטעלן. נאָך דער לוויה וועלן זיך די מאַדאַמען מסתמא צעגיין. וועט זי דאַרפן צוגרייטן פאַר ליזען בייגל און אייער, די ערשטע סעודה פון אבלות, און זען, אַז ליזע זאָל ניט בלייבן אַליין אין דער פוסטער שטוב.

די מאַמע עפנט די טיר און רעדט אַריין אין שטוב:

— וואַסער.

איך דערלאַנג איר איבערן שוועל אַ קענדל וואַסער, זי וואַשט די הענט, ווישט זיי ניט אָפּ און זאָגט צו מיר שטרענג:

— זאָלסט למען השם באַגלייטן אונדזער שכן כאַטש ביזקל זאַרעטשער בריק.

# IV

אין געקומען קיין ווילנע אַ יידל און זיך געהייסן רופן „דער מייסעגאָלער מגיד”. לויט זיין קלאָגעדיקן אויסזען — קליין, דאַר, הינקעדיק און כמעט אָן אַ באָרד — קען מען גיכער גלייבן אַז ער איז ערגעץ וואו געווען אַ באַהעלפער, אָבער נדבות בעט ער אויף אַ בכבודיקן מגידישן אופן. מאַנטיק און דאָנערשטיק, נאָך קריאת התורה, גייט ער אַרויף אויף דער בימה און שטעלט זיך האַלטן אַ דרשה. די פאַרשמייעטע יידן רינגלען אַרום די בימה מיט אַ געליאַרעם:

— שבת הגדול וועט איר זאָגן אַ פּילפּול. היינט איז קורץ פּרייטיק.

— איר ווילט אַ נדבה? טאָ רעדט אָפּענע דיבורים. נעמט די פּאָר גראָשן און לאָזט ענדיקן דאַוונען.

דעם מייסעגאָלער אַרט ניט וואָס ער האָט ניט פאַרענדיקט זיין דרשה, אַבי ער האָט אַרויסגעבראַכט דעם עיקר, אַז אויף צדקה שטייט די וועלט. ער גייט אַרום צווישן די מתפללים, קלייבט צוזאַמען די נדבות און הינקט אַרויס פון שבעה־קרואים צום מנין אין פּאָליש, און פון פּאָליש אין קבֿרנישער שול, און פון דאָרט ערגעץ אַנדערשוואו. עס פעלן ניט, ברוך השם, קיין קלויזן, מען זאָל נאָר באַווייזן אומעטום צו זיין.

דאָס איז ביז האַלבן טאָג. נאָך מנחה גדולה נעמט דאָס הינקעדיקע יידל אַרומלויפן איבער די אָרעמאַנסקע הינטער־הויפן און טרעפט גלייך אַריין אין די שטיבער, וואו עס ליגן מתים געל און פאַרדאַרט, ווי דאָס גראָז וואָס וואַקסט דאָרט אויף די קרומע דעכער. דער מייסעגאָלער מגיד מאַכט הספדים נאָך שניידערלעך, שוסטערלעך און אַפילו נאָך טרעגער. ער באַווייזט זיך פונקט צו דער רעכטער צייט, ווען אָט־אָט דאַרף אָנקומען דער קאַסטן, און די גאַנצע משפחה באַלאַגערט דעם טויטן מיט אַ געיאָמער. דער מגיד שטופּט זיך דורך צוקאָפּנס פון בר־מינן און ניט־געבעטענערהייט נעמט ער זאָגן אַ הספד: אוי, רבותי, רבותי... ער געפינט שבחים אויף איטלעכן. אלא ניט, זאָגט ער נאָך דעם נפטר אַ שבח, אַז ער איז געווען אַן אביון, דער זכות זאָל אים ביישטיין, מיר זאָלן דערלעבן משיחן און עס זאָל זיין בלע המות לנצח ונאמר אמן.

די אבלים באַגלייטן זיין הספד מיט געוויינען און גוואַלדן עד לבֿ השמים. דאָ שטויסט מען אים ניט אַוועק ווי אין קלויז, אַדרבא, מען וויל ער זאָל ריידן נאָך און נאָך, אַרויסרופן טרערן. און מען בעט אים, דעם רבין, ער זאָל אָנזאָגן דעם נפטר, אַז ער זאָל געדענקען אָן זיין ווייב, אָן זיינע קינדער, און אויספּועלן ביים בית־דין של מעלה זיין משפחה זאָל מער ניט דאַרפן שטאַרבן פון הונגער.

די אבלים טרייסלען אויס די קעשענעס און מיטן גאַנצן האַרצן גיבן זיי אַוועק דעם מגיד דאָס לעצטע וואָס זיי פאַרמאָגן. אויך דער זייטיקער עולם לייגט זיך צונויף פאַר דעם רבין, מען מאַכט פאַר אים אַ וועג, (ער איילט זיך שוין צו אַן אַנדער בר־מינן) און דער עולם זידלט די רבנים אויף וואָס די וועלט שטייט.

— ביי אַ גביר זיינען זיי אַלע דאָ, די רבנים, נאָר אויף אַ לוויה פון אַן אָרעמאַן זעט מען זיי ניט אָן.

אויך צום געענדזלערס לוויה קומט אָן דער מייסעגאָלער צו דער רעכטער צייט, ער הינקט אַריין אין הויף אַ צעפּאַטלטער, אַ צעפּלאַמטער — און בלייבט נבהל ונשתומם: אנשטאָט מען זאָל אים מקבל זיין בסבר פּנים יפות, פאַרצאַמען אים די שכנים דעם וועג:

— וואו לויפט איר? עס וועט ניט זיין קיין הספד.

— ניטאָ אַזאַ ייִד וואָס זאָל ניט זיין פול מיט מצוות ווי אַ מיל־גרוים, — טענהט דער מייסעגאָלער און שטרעקט אויס די האַנט, טאָמער לאָזט מען אים פאָרט ניט דורך צום בר־מינן, איז ער גרייט צו נעמען סתם אַזוי אַ נדבה.

— רייסט זיך ניט דעם פעלץ, — באַרואיקט מען אים און זיין האַנט ווערט פול מיט מטבעות, — דעם געגנדזלערס טלית פון פאַר דרייסיק יאָרן איז נאָך גאָר אַ נייאינקער.

דער מייסעגאָלער קוקט זיך איין אויב דאָס באַקומענע איז ווערט זיין כבוד, און בלייבט צופרידן. וויל ער דאָך ניט מען זאָל מיינען, אַז אים איז גלאַט אין דער וועלט אַריין ניט קיין חילוק, צי אַ ייִד טוט אָן דעם טלית אָדער ניט, צעשאָקלט ער זיך מיט אַ ניגון פון אַ שבת־תשובהדיקער מוסר־דרשה:

— דער קעלמער מגיד, זכותו יגן עלינו, איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעטל. זיינען אנשים נשים וטף, קינד און קייט אים געקומען הערן, מען איז געהאַנגען אויף די ווענט. האָט זיך דער קעלמער מגיד אַוועק־געשטעלט ביים אָרון־קודש און אַזוי געזאָגט:

אוי, רבותי, רבותי, איך בין אַנוסטן אַריינגעגאַנגען אין אַ שטוב און געפונען די שטוב פוסט און ליידיק, קיינער איז דאָרט ניט געווען. גיי איך אַרויס פון איין חדר און גיי דורך אַ צווייטן חדר, ביז איך קום אַריין אין אַ דריטן חדר און דערזע: ערשט אויפן טיש ליגט אַ טלית און וויינט. פרעג איך ביי אים, אוי, רבותי, רבותי, טליתל, טליתל, וואָס וויינסטו? ענטפערט ער מיר: פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען? מיין באַלעבאָס איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד, און מיטגענומען זיין ווייב און מיטגענומען די קינדער זיינע, זיי זאָלן אים העלפן געלט פאַרדינען, און סחורות צו האַנדלען האָט ער מיטגענומען, און כלים מכלים שונים האָט ער מיטגענומען צו קאָכן אַלערליי מאכלים, נאָר מיך, דעם טלית, האָט מיין באַלעבאָס פאַרגעסן מיטצונעמען. האָב איך צום טלית געזאָגט, אוי, רבותי, רבותי, טליתל, טליתל, וויין ניט. עס וועט קומען אַ צייט און דיין באַלעבאָס וועט אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער וועג. און ניט אויף אַ יאַריד וועט ער אָנקומען, נאָר אין אַן אָרט וואו מען דאַרף געבן חשבון פון אַלע יאַרידן וועט ער אָנקומען. און דאָרט וועט ער קיין זאַך ניט קענען מיטנעמען, ניט קיין סחורה צו האַנדלען, ניט קיין גאָלדענע כלים, ניט קיין זילבערנע כלים, אַפילו זיינע בני בית וועט ער דאָרט ניט קענען מיטנעמען, נאָר דיך, טליתל, דיך דעם איינציקן וועט ער דאָרט מיטנעמען.

די מאַמע, וואָס איז אַרויס פון שטוב גרייט צו דער לוויה, הערט די דרשה און פילט אַז דאָס האַרץ צעגייט אין איר פון דעם מגידס ווערטער.

איר דאַכט זיך, אַז מען טיקעט איר אין פּנים פון וועגן איר זון. אמת, ער איז נאָך ניט מחויב צו טראָגן אַ טלית, אָבער צו טראָגן אַ טלית־קטן איז ער דאָך יאָ מחויב. אויך די קרעמער נעמען פרום אונטערקרעכצן, אונטערזיפצן און שאָקלען מיט די קעפּ: דאָס גאַנצע האַוועניש האָט ניט די ווערט פון אַן אויסגעבלאָזן איי. מען האָרעוועט צוליב דעם פּרעס און מען פרעסט פאַר די ווערים.

דער מייסעגאָלער וויל דערציילן נאָך אַ מעשה, זעט ער ווי די קרעמער דרייען פון אים אָוועק די קעפּ און נעמען זיך פּלוצים איבער־ווינקן כיטרע ווי די ממזרים.

אין הויף קומט אַריין כאַסקע די קצבטע. שטענדיק גייט זי אַרויס אין גאַס אַ פאַרפּוצטע אין דעם גענדזלערס מתנות און פאַרנעמט אַ גאַנצן טראָטואַר; דאָס מאָל רוקט זי זיך אַריין ווי בגנבה מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און קוקט זיך אַרום אַן איבערגעשראָקענע, זי וויל אַז קיינער זאָל זי ניט באַמערקן. אָבער דער עולם באַמערקט זי, און עס גייט אָן וועגן איר אַ שטילער שמועס:

— זי איז געקומען זיך געזעגענען מיט איר ליובאָווניק.

— רבי, וואָס האָט געזאָגט דער קעלמער מגיד וועגן אַ קעפּס־ווייב? — פרעגט ביי דעם מייסעגאָלער אַ ברייטער ייד מיט אַ פּאָר געזונטע רויטע באָקן וואָס שפּריצן מיט תאווה, — אַ קעפּס־ווייב וועט אויך זיין דאָס פוס־בענקעלע פון איר מאַן אין גן־עדן?

דער מייסעגאָלער פינטלט מיט די אויגן נאַרעשעוואַטע, און דער ברייטער ייד מיט די צעשפּילטע באַקן פרעגט ווייטער:

— און אויף דער לוויה פון איר מאַן איז אַ קעפּס־ווייב אַזאַ יחסנטע ווי די אמתע ווייב, אָדער אַ קאַפּיטשקע וויניקער?

פריער האָט דער עולם נאָך אַ ביסעלע זיך איינגעהאַלטן פון באַריידן דעם גענדזלער, איצט האָבן זיי אינגאַנצן פריי געלאָזט די צינגער. זיי זיינען דאָך ניט שולדיק, וואָס דער מת טהור האָט זיך אַליין אָנגעגרייט אַזעלכע עדות פון זיינע מעשים טובים. און אַ ייד דערציילט דעם מייסע־גאָלער מגיד, אַז דער גענדזלער האָט אַמאָל דערהרגעט אַ קאַץ, און אַז בעת דער גענדזלער האָט שוין געגוססט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די קאַץ וואָס ער האָט דערהרגעט קוקט אויף אים מיט אירע גרינע אויגן און שטשירעט מיט די ציין. דער גוסס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און זיך געוואָרפן אויף זיין אויסדאַכטעניש מיט אויסגעקרימטע פינגער: איך מוז זי דערשטיקן! האָט ער געשריען.

— ניטאָ וואָס צו הערן, — לאַכט אַ צווייטער ייד. מיט דער קאַץ,

זאָגט ער, קען מען שרעקן געגנדז, אָבער ניט דעם גענדזלער. אַלטערקע איז געווען אַ האַרטע נוס, און אויב אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז עמעצער שטייט אין ווינקל, איז שוין גיכער צו גלייבן, אַז ער האָט דאָרט געזען שטיין כאַסקען די קצבטע, זיין געוועזענע געליבטע.

— די קצבטע איז אויך אַ קאַץ, דערצו נאָך אַ ווילדע בוידעם־קאַץ, — שטורכעט דער דערציילער דעם מגיד ער זאָל אַ קוק טאָן אויף כאַסקען, וואָס שטייט אין אַ ווינקל ביים טויער אַ פּאַרלאָרענע און פאַר־שעמטע, ווי זי שטייט מוצאי יום־כיפור אינדרויסן פון מאַנסבילשן בית־מדרש און וואַרט אויף דער תקיעה־גדולה, זי זאָל מעגן גיין זיך אָפּ־פּאַסטן. אַריינגיין אין דער ווייבערשער שול, אַפילו שטיין אויף יענער־זייט שוועל פון עזרת־נשים, דערוועגט זיך ניט כאַסקע, וואָרום זי ווייס אַז די ווייבער האָבן זי פיינט ווי אַ שפּין און זי וויל זיך ניט קריגן אויפן פולן יאָר.

דער מייסעגאָלער מגיד נעמט זיך אַרויסרוקן פון געזעמל אַ צע־טומלטער. צום ערשטן מאָל הערט ער מען זאָל אַזוי באַריידן אַ נפטר נאָך פאַר דער קבורה. אויך מיין מאַמע טיילט זיך אָפּ פון געזעמל, גייט פאַרביי די קצבטע און טוט צו איר אַ זאָג אינדערשטיל:

— כאַסקע, גיי אַוועק. שאַנעווע ליזען און דעם כבוד פון איר מאַן.

כאַסקע פאָלגט שווייגנדיק. זי פאַרשטעלט מיט די עקן פון איר קאָפּ־טיכל אַ האַלבן פנים, אויסצומיידן די שטעכיקע בליקן פון די שכנים, און פּאַזע דער וואַנט שאַרט זי זיך אַרויס פון הויף.

— דער קאַסטן פאָרט!

דער עולם גלייבט ניט די אייגענע אויגן: דער גענדזלער וועט קונצן אויך נאָכן טויט. עס איז געקומען נאָך אים די רייכע עגלה מיט צוויי פערד איינגעהילט אין שוואַרצע דעקעס ביז צו די אויגן. דער קאַסטן איז באַצירט מיט זילבערנע אותיות, פּסוקים פון תהילים, און דער פורמאַן אויף דער הויכער קעלניע טראָגט אַ פעלערינע. ליזעס מאַדאַמען האָבן געשיקט זייערע מאַנען אין צדקה גדולה און יענע האָבן איינגעאָרדנט אַ גבירישע לוויה. דערצו פּאַסט נאָך, זאָגט אַ שכן, אַז דער חזן פון כאָר־שול אין דער הויכער יאַרמלקע מיטן פּראַנדז און די משוררים מיט די שמאָלע טליתימלעך אויף די העלדזער, זאָלן גיין אַרום אָרון און זינגען: צדק לפניו יהלוך.

— איר וועט זען, מ׳עט אים נאָך לייגן אין דער ערשטער ריי, — זאָגט נביאות אַ צווייטער שכן, — אַהאַ געלטעלע! כסף וזהב מטהר ממזרים.

— אָבער פאַר דירה־געלט, הן פאַר דער יאַטקע און הן פאַר דער וואוינונג, וועט די גענדזלערקע ניט באַצאָלן, — קרעכצט דער באַלעבאָס פון הויף.

באַלד דערזעט דער עולם נאָך אַ חידוש. ליזע קומט אַרויס אָנגעטאָן אין טרויער־קליידער מיט אַ וואוּאַל איבערן פּנים און עס רינגלען זי אַרום אירע מאַדאַמען. מען טראָגט אַרויס דעם מת אין אַזאַ אַרומיקער שטיל־קייט, וואָס מען האָט עס ניט געזען אין ווילנער זאַוואולקעס זינט די וועלט איז אַ וועלט. אַ פּאָכאָראָנע.

מען שטעלט גלייך אַריין די מיטה אין קאַסטן, די עגלה פאַרהאַלט זיך אויף אַ רגע ביי דער יאַטקע וואו אַלטערקע האָט פאַרקויפט געגדז, און דער עולם שטראָמט אַרויס פון הויף אין גאַס, וואָס איז וואָכעדיק־טומלדיק. אַפילו די באַגלייטער האָבן ניט צוגעמאַכט זייערע געוועלבלעך, נאָר געלאָזט דאָרט זייערע ווייבער און טעכטער, פאַרבייטערקעס. און נאָך איידער די עגלה פאָרט אַרויס פון די געדרייטע געסקעס, ווערט דער עולם שיטערער און שיטערער.

די מאַמע בלייבט הינטערשטעליק. אַ האַלבע נאַכט איז זי אָפּגעווען מיט ליזען ביים טויטן און אַ גאַנצן פרימאָרגן זיך ניט צוגעזעצט, פּילט זי אַ מישעניש אין קאָפּ און די פיס זיינען איר שווער ווי קלעצער. נאָר אויפן פעלד וועט זי גיין, בלי נדר. מען איז געווען שכנים, מען האָט זיך אַמאָל איבערגערעדט, וויל זי ביים גענדזלער נאָך דער טהרה בעטן מחילה פאַר זיך, פאַר איר זון און פאַר איר זונס כּלה, די קראַנקן־שוועסטער. ווי איידל פרומע־ליבטשע האָט ניט באַהאַנדלט דעם געשטאָרבענעם, האָט זיך פונדעסטוועגן געקענט מאַכן זי זאָל פאַר אים ניט יוצא זיין.

ליזע שטעלט זיך אָפּ און מיט איר אינאיינעם בלייבן שטיין די באַגלייטער. זי דרייט זיך אויס אַהינטער, הייבט אויף דעם שוואַרצן קרעפּ און מען דערזעט איר פּנים, רויט־אָנגעשוואָלן פון וויינען. ליזעס בליקן בלאָנדזשען אַרום און די מאַדאַמען קוקן אויף איר: וועמען זוכט זי? די מאַמע דערפילט אַז ליזע זוכט זי, דערנעענטערט זי זיך צו איר מיט גיכע טריט. אויך פרומע־ליבטשע, וואָס גייט מיט מיר געאָרעמט אין דער לעצטער ריי פון די באַגלייטער, רייסט זיך אָפּ פון מיין אָרעם און גייט אַוועק פאָרויס. ליזע רירט זיך ניט פון אָרט, ביז ביידע פרויען, מיין מאַמע און פרומע־ליבטשע, שטעלן זיך ניט אַוועק לעבן איר הינטערן אָרון.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מאַריאַשע געשוואָרן ביי איר לעבן, ביי אירע קינדער, און געשטעלט פאַר אַן עדות די צוקערניצע, די בעטלער און חזנים פון בית־עולם, אַז כאַסקע די קצבטע און עלינקע דער הויכער זיינען אויף מאָרגן נאָך דער לוויה געשטאַנען ביים גענדזלערס קבר און כאַסקע האָט געשריען צו עלינקען:

— בעט ביי אַלטערקען מחילה אויף דעם וואָס דו האָסט אים געשלאָגן. אויב ניט, וועל איך דיין פּרצוף מער ניט אָנקוקן.

כאַסקע, דערציילט מאַריאַשע, האָט זיך אויסגעצויגן אויף דעם פּריש־אָנגעשאָטענעם בערגל און אַריינגעשריען אין קבר:

— אַלטערקע, זיי אַ גוטער בעטער פאַר מיר. ניט איך בין שולדיק וואָס דו ביסט געשטאָרבן, דו אַליין ביסט שולדיק. דו האָסט אַ בריקע געטאָן אַ קאַץ און זי איז געפּגרט, דערפאַר האָט דיך גאָט געשטראָפט.

און כאַסקע האָט געטיילט צדקה ווי די גרעסטע גבירטע, און שטיינדלעך צוגעטראָגן צום גענדזלערס קבר, ווי צום אוהל פון אַ צדיק.

די גאַס האָט אויסגעהערט די מעשה און אַכזריותדיק געלאַכט; געלאַכט און ניט געוואָלט געדענקען, אַז דער גענדזלער איז געשטאָרבן אָן אַ קדיש און אַז זיין אלמנה זיצט נאָך שבעה:

— וואָס אַ מענטש ווינטשט זיךביים לעבן, דאָס האָט ער נאָכן טויט, — האָט עמעצער אַ זאָג געטאָן און אַלע זיינען זיך צעלאָפן צו זייערע געשעפטן.

ווען די מאַמע האָט עס מיר שפּעטער דערציילט און געפרעגט ביי מיר פאַרוואָס די גאַס האָט אַזוי ווייניק רחמנות מיטן געשטאָרבענעם, האָב איך געענטפערט אַז די קרעמערלעך פאַרגינען ניט דעם גענדזלער וואָס ער האָט געלעבט אַ גוטן טאָג, געטרונקען בראָנפן, געשפּילט אין קאָרטן און געהאָט געליבטע.

די מאַמע האָט לאַנג געשוויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און לסוף געזאָגט, אַז איך רייד נאַרישע רייד. איך פאַרשטיי ניט, האָט זי געזאָגט, אַז אונדזערע שכנים זיינען אַ סך פרימער ווי זיי אַליין ווייסן עס. נאָך אַלעמען האָט דער גענדזלער קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. טאָמער האָט ער אַמאָל מיט עמעצן זיך איבערגערעדט, איז קיינער ניט אַזוי פאַרביסן עס צו גע־דענקען. וואָס זשע האָט מען פאַרט צו אים? מער ניט דאָס וואָס ער איז ניט געווען קיין איידעלער ייד, ניט אים מיינט זי, די וואָנט מיינט זי. אונדזערע שכנים האָבן טאַקע ניט ליב ווען איינער איז צופיל פאַרפרומט, אָבער זיי האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר תורה. זיי ווייסן אַליין ניט ווי פרום זיי זיינען.

# דער מחותן

אין אַ מיטן העלן טומלדיקן מיטוואָך ווערט אויף דער גאַס שטיל ווי שבת פאַר מנחה ווען די בעלי בתים כאַפּן אַ דרימל. די קרעמער שטייען ביי זייערע קלייטן און קוקן פאַרגאַפּט צום טויער, וואו ווען די אויפּס־פּאַרקויפּערקע שמועסט מיט אַ הויכן יידן מיט אַ גאָלדענער באָרד און מיט אַ גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם.

— דער רב איז איר מחותן, איר זונס כלהס פאָטער, — זאָגט שייע, דאָס תבואה־סוחרל, צו כאַצקלען דעם באַקאַליישטשיק, — דער רב איז געקומען נאָך זיין זון וואָס איז אַנטלאָפן פון ישיבה און געוואָרן אַ חלוץ.

— אַ צרה, אַ צרה, — פּאַטשט כאַצקל מיט די ליפּן, — דער רבי האָט שוין איינמאָל נחת. די טאָכטער האָט זיך אויסגעקליבן אַ חתן וואָס פּאַסט אַזוי פאַר אַ רבס אַן איידעם ווי איך פאַר אַ גובערנאַטאָר. טאָמער איז עס נאָך ווייניק, איז דער זון געוואָרן אַ חלוץ.

— אַ קליינער אומגליק, — זאָגט שייע, — אַן אשר־יצר־ייד איז אַ העכערע מדרגה פון אַ חלוץ?

— מען זעט גלייך אַז איר זייט אַ ציוניסט, — קאָכט זיך ר׳ כאַצקל, — איר רעדט מיטן לשון פון די היגע ציוניסטלעך: אַן אשר־יצר־ייד. אַז אַ בן הרב חברט זיך מיט די אַפּיקורסים, די קיבוצניקעס פון „די ביליקע הייזער", איז טאַקע נאָר צו וויינען און צו קלאָגן.

— ווילנע איז אייך ניט וואַרשע, וואו עס שווימבלט און גריבלט מיט חסידים אין קליינע היטעלעך, — וואָרנט דאָס תבואה־סוחרל דעם באַקאַליישטשיק, — אין ווילנע האָט מען פיינט די אגודהניקעס ווי חזיר. איר הערט, ר׳ כאַצקל!

ווען די קרעמער אַמפּערן זיך אינדערשטיל, רעדט די מאַמע מיט גרויס דרך־ארץ צו איר מחותן:

— דער רבי זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן, איך האָב זיך ניט געמישט. זיי האָבן זיך באַקאַנט און געוואָרן חתן־כלה. און ווען אייער טאָכטער איז אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, זי וויל דאָרט האָבן פּראַקטיקע אין אַ שפּי־טאָל, איז איר מיין זון נאָכגעפאָרן.

דער מחותן קוקט ניט אויף דער אשה, נאָר ער הערט זיך גוט איין וואָס זי רעדט. די טאָכטער האָט אים געשריבן, אַז וועגן איר חתן וויל זי גאָרניט זאָגן, וואָרום דאָס וואָס זי האַלט פאַר זיינע מעלות, וועט ביי איר פאָטער זיין אַ חסרון. נאָר דעם חתנס מוטער איז די איידלסטע פרוי וואָס זי האָט באַגעגנט, האָט די טאָכטער געשריבן. לויט דעם אופן ווי די יידענע רעדט, זעט זי טאַקע אויס צו זיין אַן אשה צנועה, טראַכט דער מחותן און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן. וואָס שייך דער מחותנתטע, האָב איך גאָרניט קעגן דעם שידוך. די שאלה איז ביי מיר אויף אייער זון. ער האָט ביי מיר געמעגט אָנפרעגן צי איך וויל אים פאַר אַן איידעם. דער תירוץ וואָס ער קען מיר געבן, אַז מיין לייבלעכע טאָכטער האָט ביי מיר ניט געפרעגט, איז קיין תירוץ ניט. וואָלט אייער זון געוועזן גינציק צו אונדזער הויז, וואָלט ער צוגערעדט מיין בחורל ער זאָל צוריקפאָרן אַהיים.

— ווי האָט עס מיין זון געקענט טאָן, אַז ער אַליין האָט אַוועק־געוואָרפן דאָס לערנען? — פרעגט די מאַמע.

על אלה אני בוכיה, טראַכט דער מחותן, פון וועמען זאָל זיך מיין בן־זקונים לערנען, פון זיינע עלטערע ברידער? האָב איך געקלערט: מיין טאָכטער וועט נעמען אַ מאַן אַ בן־תורה, וועט ער זי מחזיר למוטב זיין, און אפשר אויך מחנך זיין דעם יינגסטן שוואָגער זיינעם. האָט מיין טאָכטער גענומען אַ שנה ופרש. קען זיין, אַז גראָד דערפאַר האָט זי אים גענומען, ווייל ער איז אַ געוועזענער ישיבה־בחור, וויל זי אַז ער זאָל איר העלפן זיך אַרויסרייסן פון דער היים, פון יידישקייט.

דער מחותן פילט אַז די פרומע יידענע אין טויער האָט אַליין גענוג יסורים פון איר זון, וויל ער זי מער ניט מצער זיין.

— איך מוז זיין אומעטיק זינט חתן־כלה זיינען אַוועקגעפאָרן? — טוט ער אַ פרעג מיט אַ געקנייטשטן שטערן און קרעכצט דערביי, ווי ער וואָלט געטראַכט פון זיין אייגענער רביצן וואָס איז געבליבן אַליין אין דער היים.

— אומעטיקלעך, — איז זיך די מאַמע מודה, — מער ניט שבת ווען אייער זון קומט, איז מיר פריילעך, ער מאַכט פאַר מיר קידוש.

— מיין זון מאַכט פאַר איך קידוש? — וואונדערט זיך דער מחותן, — ווען איך בין געוועזן ביי אים אין קיבוץ, האָט ער עס מיר ניט דערציילט. איז ער דאָך נאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון יידישקייט. דער אייבערשטער קען מיר נאָך העלפן איך זאָל ביי אים פועלן ער זאָל צוריקפאָרן לערנען, — רעדט ער פאַרטרוילעך צו דער אויפס־פאַרקויפערקע ווי צו זיין רביצן, — נו, איך וועל גייך אויף דער אכסניה אָנבייסן. וויבאַלד איך בין שוין

אין ווילנע, דאַרף מען אַריינגיין צו די היגע רבנים און אויך איינקויפן אַ ספר.

דער מחותן בלייבט אַ רגע שטיין, לייגט איבער דעם טלית־זאַק אונטערן לינקן אָרעם און מיט דער רעכטער האַנט גלעט ער די גאָלדענע באָרד. ער איז זיך מיישב:

— איר זאָגט אַז מיין זון קומט צו אייך יעדן פרייטיק צונאַכטס?

— ער בלייבט ביי מיר אַ גאַנצן שבת און שלאָפט אויף מיין זונס געלעגער.

— ס'וואָלט געווען גלייכער איך זאָל מיט אים שמועסן ביחידות און ניט אין קיבוץ, וואו ער קען זיך קוים אָפּרייסן פון זיין חברה, — מורמלט דער רב און שטעלט אָן אַ פּאָר געדיכטע ברעמען אויף דער אויפּס־פּאַרקויפּערקע, — ווי וואָלט געווען ווען איך קום אויך צו אייך פרייטיק אויפדערנאַכט, מחותנתטע?

— אויב דער רבי טרויט מיר אין כשרות, — זאָגט די מאַמע אַ צעמישטע וואָס דער רב רופט זי מחותנתטע, — וואָלט עס געווען פאַר מיר אַזאַ כבוד וואָס איך האָב ביי דעם אייבערשטן גאָרניט פאַרדינט.

— הלוואי זאָל איך אַזוי מיינע קינדער טרויען, ווי איך טרוי אייך אין כשרות, — שמייכלט דער רב.

— וואָס איז נוגע פרומקייט, ווייס איך ניט, — ענטפערט די מאַמע באַהאַרצט, — נאָר וואָס אָנבאַטרעפט ערלעכקייט, קען איך פאַר אייער זון און טאָכטער קאַווירן מער ווי פאַר זיך אַליין.

— און פאַר אייער זונס ערלעכקייט קענט איר אויך קאַווירן? — פרעגט דער רב מיט אַ האַרבער שטים ווי ער וואָלט געזעסן אין בית־דין שטוב און אויסגעפרעגט אַן עדות.

— וועגן מיין זון זאָלן אַנדערע זאָגן, — לאָזט די מאַמע אַראָפּ דעם קאָפּ.

מיט דער שוויגער האָט מיין טאָכטער געטראָפן, קלערט דער מחותן ווען ער גייט אַוועק, הלוואי זאָל זי אַזוי טרעפן מיט איר מאַן.

אויף פּסח גרייט זיך די מאַמע ניט מער ווי זי האָט זיך געגרייט אויף דעם שבת. אָבער דאָס וואָס עס איז געשען, האָט זי זיך ניט געקענט פאָרשטעלן.

דער מחותן איז שוין געזעסן אַ שעהביים טיש און זיין זון איז נאָך אַלץ ניט געקומען. די מאַמע האָט זיך דערמאָנט צו דער רעכטער

צייט, אַז אַ פרומער ייד טאָר ניט בלייבן מיט אַן אשה אין איין חדר, בפרט ביינאַכט, האָט זי ברייט געעפנט די טיר פון צימערל און אויך געלאָזט אָפן די שטוב־טיר אין הויף אַריין. זי אַליין איז געבליבן שטיין אין דער פאָדער־שטוב, אין שוואַך־באַלויכטענעם וואַרשטאַט, און פון דאָרט אַריינ־געקוקט אין צימערל אויפן רבין, וואָס איז געזעסן און געשוויגן. לסוף האָט ער זי אַ רוף געטאָן:

— מחותנתטע, זייט מוחל וואָס איך פאַרשטער אייך דעם שבת. איך וואַרט אויף מיין זון. ער האָט דאָך ביי אייך אַ חזקה צו מאַכן קידוש, — טוט דער רב ביטער אַ שמייכל, — נאָר מן הסתם וועט ער היינט ניט קומען.

— מיר איז עס אַ גרויסער וואונדער, — דערנענטערט זיך די מאַמע צום אַריינגאַנג אין צימערל, — ער קומט יעדן שבת. איך האָב דעם רבין געזאָגט דעם ריינעם אמת.

— אמת, אמת, — ברומט דער רב אַ ביסל אומגעדולדיק, — איך בין ווידער געווען ביי אים אין קיבוץ, וויטער איינגעטענהט מיט אים און ער האָט אַלץ געענטפערט: ניין, איך וועל ניט צוריקפאָרן. דערנאָך אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיין ביי אייך צו וועטשערע, האָט ער געשוויגן. בשעת מעשה האָב איך זיך ניט געכאַפּט אַז דאָס מיינט, אַז ער וועט ניט קומען. איצט פאַרשטיי איך: ער וויל מער ניט הערן קיין מוסר. נו, מען דאַרף זיך וואַשן צום עסן.

די מאַמע טראָגט אַריין אַ קוואָרט וואַסער, אַ שיסל מיט אַ האַנטעך און גייט אַרויס צוריק אין טונקעלן וואַרשטאַט. זי איז אַ צדקנית, טראַכט דער מחותן, זי וויל ניט זיין מיט מיר אין איין חדר צוליב יחוד. אַ פאַרהאָרעוועטע יידענע, נעבעך, און וועט זיך ניט צוזעצן ביים טיש. אויב אָבער איך זאָל אַוועקגיין, וועט זי זיך נאָך מער קלעמען. זי האָט געגרייט פאַר מיר און מיין זון. ער שטעלט זיך אויף און מיט אַ געבראָכן קול הייבט ער אָן:

— יום הששי...

די מאַמע שטייט ביים שוועל און קוקט מיט דרך־ארץ אויפן רבין. די שכינה רוט אויף אים, די הייליקע תורה שטראַלט אַראָפּ פון זיין פּנים. רבונו של עולם, מיט וואָס האָט זי עס זוכה געווען אַז אַזאַ גרויסער ייד זאָל ביי איר אין קוזניע מאַכן קידוש! נאָר איר שמחה איז ניט קיין פולע. פאַר איר וואָלט, דאַכט זיך, קיין שום זאַך ניט צו שווער געווען פאַרן רבין, און דער זון זיינער האָט אים ניט געוואָלט אָנטאָן דעם נחת רוח, קומען צו דער וועטשערע. דער בחור איז דאָך אַזאַ שטיל קינד וואָס מען זעט גאָרניט היינטיקע צייטן אַזוינס, פונדעסטוועגן איז ער מצער

דעם טאַטן. ווייזט אויס אַז אייער גאַנצע רבנישע משפּחה זיינען שטילע עקשנים, די טאָכטער אויך...

ביים עסן קייט דער מחותן די גאַנצע צייט איין ביסן און קוקט אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן ספרים־עלמערל. ער נעמט אַרויס אַ ספר, בלע־טערט אים, לאָזט אים ליגן נעבן זיך און נעמט אַרויס אַ צווייטן, ביז ביי זיין זייט וואַקסט אָן אַ שטויס מיט אָפּגעריבענע לעדערנע רוקנס. מיט־אַמאָל דערמאָנט ער זיך אַז די באַלעבאָסטע האָט זיך געריכט אויף אים, רירט ער אָן איין מאכל, אַ צווייטס, און רוקט אַוועק פון זיך די טעלער. ער ווערט נאָך אומרואיקער, פאַרזאָרגטער, און פון גרויס ערגערניש וואָס ער איז מחלל שבת מיט זיין עצבות, נעמט ער פּויקן מיט די פינגער אין טיש, פאַרבייסט די ליפּן און קוקט זיך אַרום מיט בליציקע אויגן, ווי ער וואָלט געזעסן אין דער היים ביי זיין רבנישן טיש און באַטראַכט מיט שטרענגן פאָרוואורף זיינע ווידערשפּעניקע קינדער.

— ווען איך האָב געזאָגט מיין זון אַז איך וועל זיין ביי אייך, האָט ער באותו רגע אָפּגעמאַכט ביי זיך ניט צו קומען, — ווערט ער אַזש רויט פון כעס, — וועמענס ספרים זיינען עס?

— מיין מאַנס, עליו השלום.

— און אייער זון האָט אין זיי אַמאָל אַריינגעקוקט?

— ווען ער איז געווען יינגער, פלעגט ער ביינאַכט אין זיי לערנען. נאָר איצטער —

— לייענט ער היינטוועלטיקע ראָמאַנען, — פאַרענדיקט דער רב אָן אויפגעזאָטענער פון גרימצאָרן, — קיין חידוש ניט! ווען מען הייבט אָן מיט אַזעלכע ספרים, ענדיקט מען מיט טריף־פּסולס.

— דאָס זיינען דען שלעכטע ספרים? — פרעגט איבער די מאַמע דערשטוינט און געקרענקט. איר מאַן, עליו השלום, האָט אַ גאַנץ לעבן זיי אָפּגעהיט ווי זיין שוואַרצאַפּל.

— דאָס זיינען ניט קיין שלעכטע ספרים, — ענטפערט דער מחותן עטוואָס געלאַסענער, — דאָס איז חקירה, פילאָזאָפיע. מען מעג אין זיי אַריינקוקן ווען מען איז איבער פערציק יאָר. ווען מען האָט פריער גע־לערנט אַ סך תורה און מען איז אַן ערלעכער ייִד, דעמאָלט מאַכן זיי ניט קאַליע. דאָס הייסט, אויך דעמאָלט קענען זיי אַראָפּפירן פון וועג, נאָר די סכנה איז אַ קלענערע. אָבער ווען מען קלעטערט אויף זיי אין הימל ווען מען איז נאָך אַ יינגל, פאַלט מען אַראָפּ פון זיי ווי פון קרומע טרעפּ — אין שאול תחתיה. די היינטיקע אַפּיקורסים האַלטן זיך קליגער ניט נאָר פון די פרומע יידן, נאָר אויך פון די פאַרצייטיקע אויפגעקלערטע. די איצטיקע יונגע־לייטלעך האָבן זיך אינגאַנצן שוין אויסגעטאָן פון יידיש־קייט.

— זייט מוחל, רבי, מיין מאַן פלעגט לערנען פון די ספרים אויף אויף דער עלטער, אפילו קראַנקערהייט. ער האָט זיי ניט פאַרביטן אויף די היינטיקע.

— טאָקע דערפאַר ווייל אייער מאַן איז געווען אויף דער עלטער און אַ חולה, האָט ער ניט געקענט אַזוי לויפן ווי אייער זון, — טוט דער מחותן בייז אַ געשריי און פאַרכאַפּט זיך גלייך צוריק, — וואָס גלייכט איר אַמאָליקע דורות צו די היינטיקע! אָבער ווי קען איך האָבן טענות צו אייער זון, מיינער איז דען בעסער? נו, מען דאַרף בענטשן, — פאַר־ענדיקט ער מיט אַן אויסגעלאָשן קול, אַ פאַרמאַטערטער.

די מאַמע דערוועגט זיך ניט אים צו זאָגן אַז ער האָט גאָרניט געגעסן. זי טראָגט אַריין מים־אחרונים. ער וואַשט די פינגער, פירט מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי ער וואָלט געוואָלט באַרואיקן די צעברויזטע מחשבות, פאַרמאַכט די אויגן און נעמט זיך שאָקלען. ער בענטשט גיך, גיך, שלינגט ממש די ווערטער, און די מאַמע, וואָס שטייט נאָך אַלץ אויף יענער זייט שוועל פון צימערל, שטרענגט זיך אָן אומזיסט צו כאַפּן דעם סוף פון דער ברכה, כדי צו ענטפערן אָמן. מיטאַמאָל בלייבט דער רב זיצן אַ פאַרמחטער, פאַרהאַקט זיך, חזרט איבער אַ פסוק מיט גרויס כוונה און צעשאָקלט זיך נאָך שטאַרקער. ער וויל אָפּיאָגן די געדאַנקען וואָס פלאָנטערן זיך אַריין אין זיין ברכת המזון, נאָר זיי לאָזן אים ניט אָפּ.

הרחמן הוא ימלוך עלינו לעולם ועד... וואו איז דיין הבטחה, מרא דעלמא כולא, אַז אויב דריי דורות זיינען עוסק אין דיין תורה, וועט די תורה זיך ניט אָפּטאָן פון דער משפחה לעולם ועד? מיינע עלטער־זיידעס זיינען דאָך געווען צדיקים גמורים און גרויסע רבנים. נאָר די קשיה איז קיין קשיה ניט. די רייד פון אונדזערע חז״ל זיינען הייליק. ווען אַן אורח קומט צו זיין שטענדיקער אכסניה און מען לאָזט אים ניט אַריין, גייט ער אַוועק אַנדערשוואו. די תורה איז געקומען צו מיינע זין, נאָר זיי האָבן זי ניט אריינגעלאָזט אין זייערע הערצער.

הרחמן הוא יתברך בשמים ובארץ... די בת־יחידה מיינע האָט ניט געוואָלט קיין מירער־ישיבה־מאַן, האָט זי אויסגעקליבן אַ שרייבער פון טרייף־פסולס. איצט איז זי מיט אים אין וואַרשע און די משפחה מיינע קוועטשט מיט די פלייצעס. מיינע בני משפחה לייענען צייטונגען, זאָגן זיי, אַז זיי האָבן פון אים קיינמאָל ניט געהערט. נאָר זי גלייבט אַז ער וועט נאָך ווערן גרויס אין די שערי טומאה. קיין תורה ניט, קיין גדולה אויך ניט, היינט מיט וואָס איז ער בעסער אין אירע אויגן פון אַ לאָמזשער אָדער אַ מירער ישיבה־מאַן? ווער ווייס צי ער איז ניט, חס ושלום,

קיין קרקפתא דלא מנח תפילין. אפשר איז עס פון מיר אַ פּאַרזען, וואָס איך בין ניט געפאָרן אים אָנקוקן און געבעטן ביי אים אַ תקיעת־כּף אַז ער וועט לכל הפחות היטן שבת, לייגן תפילין.

הרחמן הוא ישתבח לדור דורים... פון די עלטערע דריי זין איז דאָך ניט שייך צו טראַכטן. איינער איז אַוועק איבער דעם אוקינוס, דער צווייטער איבערן ים הגדול קיין ארץ ישראל, און דער דריטער, דער וואָס איז אין וואַרשע, קלייבט זיך אויך קיין ארץ־ישראל. איז מיר געבליבן מיין בן־זקונים און איך האָב אים אָפּגעהיט כבבת עיני. ער איז דער דער שטילסטער, דער איידלסטער פון אַלע מיינע קינדער, מיין ילד שעשועים. האָב איך געקלערט: זה ינחמנו. איז אויך אין אים אַריין אַ רוח שטות, אַ חלוץ איז ער געוואָרן. אוי, מרא דעלמא כולא, דאָס איז ניט דער חלוץ וואָס עס שטייט וועגן אים: והחלוץ יעבר לפני ארון השם. די היינטיקע חלוצים אין די פרייע קיבוצים אויף אדמת הקודש היטן ניט קיין שבת, קיין כשרות, און די יונגע פּאָרן ווילן ניט וויסן פון טהרת המשפחה. אָט מיט די דאָזיקע איז עס מיין בן־זקונים געוואָרן אַ חבר! און ער זאָגט נאָך צו מיר: מיך וואונדערט וואָס דער טאַטע איז קעגן ישוב ארץ־ישראל. דאָס איז דאָך איינע פון די גרעסטע מצוות. ער, דער צדיק, וויל עס דוחה זיין דעם קץ, ברענגען משיחן, און פון גאַנץ תרי״ג האַלט ער נאָר פון ישוב ארץ־ישראל.

הרחמן... והוא יוליכנו קוממיות לארצנו. איך זון האָב איך שוין דאָרט, דער צווייטער פון וואַרשע קלייבט זיך אויך אַהינצו, איצט האָט זיך פּאַרנומען אויף דעם זעלבן וועג אויך מיין בן־זקונים, היינט וואָס טו איך דאָ? פאַר וועמען האַלט איך מיין רבנות, פאַר מיין איידעם? און ווי לאַנג איז דער שיעור צו האָבן צו טאָן מיט בעלי־בתים, מאָנען ביי זיי פרומקייט, טראָגן אחריות פאַרן ציבור? אויפן עולם האמת וועט מען דאָך ביי מיר מאָנען חשבון ניט בלויז פאַר מיינע קינדער, נאָר אויך פאַר מיין שטעטל, פאַר דעם גאַנצן כלל. נאָר ווי קען איך זיין אַ שומר פאַר אַנדערע, אַז איך האָב מיין אייגן הויז ניט געקענט פאַרהיטן. און ווי לאַנג איז דער שיעור צו מאַכן פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה, צו לעבן פון פרומקייט? זוגתי קען ניט אַריבערטראָגן וואָס זי דאַרף ציען די חיונה פון הייוון און שחיטה. זי חלומט צו זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך אין ארצנו הקדושה און האָדעווען עופות. וואָלטן מיינע קינדער ניט געזען אַז אַ רב דאַרף לעבן פון קהל, וואָלטן זיי זיך אפשר ניט צעלאָפן. און אַז איך וועל דאָרט זיין, וועלן מיינע זין זיך ניט אָפּרייסן אינגאַנצן פון יידישקייט, ניט וועלן מצער זיין דעם טאַטן. און מיין ייִנגל וועט מיר ניט קענען זאָגן, אַז ער איז יאָ מקיים די מצווה פון ישוב ארץ־ישראל, בעת איך בין ניט מקיים. נאָך שבת וועל איך בעזרת השם פאָרן אַהיים און

נעמען אַלץ אויספּאַרקויפן. איך וועל פאָרן קיין ארץ ישראל און מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ. הרחמן הוא ינחילנו יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער רב ווידער געשטאַנען אין טויער מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם און גערעדט צו דער אויפּס־פּאַרקויפּערקע:

— איך האָב מחליט געווען צו לאָזן די רבנות און פאָרן קיין ארץ־ישראל. מיין רביצן וויל שוין פון לאַנג ווערן אויס רביצן, נאָר איך האָב אַלץ געמיינט: די קינדער... האָט מען מיר פון הימל געוויזן אַז מיין חשבון איז געווען אַ פאַלשער. יהי רצון, השם יתברך זאָל העלפן, — זאָגט דער מחותן מיט אַ פאַרשטיקט קול און ציט צוזאַמען די געדיכטע ברעמען, די טרערן זאָלן ניט אַראָפּקאַפּען אויף זיין גאָלדענער באָרד, — יהי רצון, מיין טאָכטער זאָל גיין אין איר מאַמעס וועג, און אייער זון זאָל גיין אין זיין מאַמעס וועג. איך בעט אייך, מחותנתטע, גיט אַכטונג אויף מיין ייִנגל. איך זע אַז ער איז צו אייך צוגעבונדן. דווקא דערפאַר וואָס איר זייט ניט קיין רביצן, נאָר אַ פאַרהאָרעוועטע פרוי און דאָך אַזוי אָפּגעהיט אין יידישקייט, דווקא דערפאַר, קען זיין, אַז איר זאָלט אויף אים מער משפיע זיין ווי איך האָב אויף אים משפיע געווען מיט מיין גאַנצן יחוס־אָבות און מיט דער תורה וואָס איך האָב געלערנט לשמה, ווי עס ווייס עס דער בורא עולם.

וואָלט די מאַמע ניט געשטאַנען אין טויער, וואָלט זי זיך פאַנאַנדער־געוויינט הויך אויפן קול. זי וויל אָבער ניט די גאַס זאָל זיך צוזאַמענ־לויפן, זאָגט זי אַ פאַרציטערטע:

— און אויף דער חתונה פון דער טאָכטער וועט דער רבי ניט וואַרטן?

— אויף דער חתונה פון מיין טאָכטער? — קנייטשט דער מחותן מיטן שטערן ווי ער וואָלט אין דעם לחלוטין פאַרגעסן, — זי האָט דאָך ביי מיר ניט געפרעגט צי איך וויל דעם שידוך, היינט וואָס דאַרף זי מיך צו דער חופה? אָפּלייגן צוליב דעם די נסיעה קיין ארץ־ישראל וועל איך ניט, און מיין רביצן, זאָל לעבן, וועט מיט מיר מסכים זיין.

דער מחותן הוסט אָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט בייטן דאָס קול, אויף זיינע באַקן באַווייזן זיך רויטע פלעקן פון אויפגעבראַכטקייט, און מיט אַ שטרענגער אזהרה פון אַן אב־בית־דין רופט ער אויס:

— שרייבט צו אייער זון אַז איר זייט אויף אים גוזר בגזרת כיבוד

אם, און איך וועל אויך אַזוי שרייבן צו מיין טאָכטער: זיי זאָלן גליך חתונה האָבן! שוין איבער אַ יאָר ווי זיי זיינען חתן־כלה!

ער טוט שטום אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גייט האַסטיק אַוועק. ער האָט מורא אַז ער וועט ניט קענען גובר זיין דעם כעס און מצער זיין די דערשלאָגענע יידענע ביים געזעגענען זיך. דער רב גייט דורך דער גאַס אַן אויסגעגלייכטער מיטן גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם און באַמערקט אַפילו ניט די אומבאַקאַנטע קרעמער ביי די קלייטן, וואָס קוקן אים נאָך מיט גרויס אָפּשיי.

די מאַמע בלייבט שטיין אין טויער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פילט ניט די שטילע טרערן וואָס רינען איבער איר פּנים. פּלוצים גיט זי זיך אַ ריס אָפּ פון אָרט און וויל נאָכלויפן דעם רבין. זי וויל אים בעטן ער זאָל איבערגעבן זיין רביצן, אַז זי זאָל ניט האָבן קיין פּאַראיבל וואָס זי, די רביצן, וועט ניט זיין אויף דער חתונה פון איר טאָכטער, און זי, די אויפּס־פּאַרקויפערקע, וועט יאָ זיין אויף דער חתונה פון איר זון.

אָבער די מאַמע פאַרשטייט, אַז עס איז אַ געלעכטער נאָכצולויפן מיט אַזאַ שליחות. און אַז זי וועט בעטן מחילה ביי דער רביצן, וועט עס יענער מער ניט ווי טאָן?

איר טוט אַ טיאָכקע אין האַרצן. עפּעס וואָס מישט זיך איר אין מח און זי דערשרעקט זיך פאַרן אייגענעם געדאַנק. בייגט זי זיך אַראָפּ צו אירע קאָשיקעס, לייגט איבער די סחורה, רופט קונדן, נאָר די מחשבה מאַטערט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דרייט זי זיך אָפּ צו דער וואַנט און רעדט צו זיך אַליין:

דאָס וואָלט געווען די גלייכסטע זאַך, זאָלן זיי חתונה האָבן אין וואַרשע. די כלה האָט דאָרט אַ גרויסע משפחה און איך וועל מיין זון בענטשן פון דער ווייטן. דאָ וועט די גאַנצע שטאָט מיך האַלטן אין די מיילער: „דער כלהס טאַטע־מאַמע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל פאַר דער חתונה, מען זעט אין דעם ווי עס איז זיי וואויל־געפעלן דער שידוך". און ווי וועל איך זיך פילן ווען די כלה וועט פון אונטער דער חופּה קוקן אויף מיר מיט פאַרלאָפענע אויגן: אירע עלטערן זיינען ניטאָ ביי איר שמחה, נאָר איך, דעם חתנס מאַמע, בין יאָ דאָ. מיין זון וועט אפשר ניט וועלן מסכים זיין, ער ווייס דאָך אַז איך האָב אַלע מיינע יאָרן געוואַרט אויף זיין חתונה. עפּעס אַ האָר פלעג איך זיך ווינטשן: איך זאָל אַזוי דערלעבן צו דיין חופּה! און איצט, מאַמע, וועט ער מיר מסתמא שרייבן אין זיינע בריוו, וועסטו ניט זיין דערביי? וועל איך אים ענטפערן: נאַרעלע, דער אייבערשטער האָט טאַקע צוגעהערט מיין געבעט און איך האָב דערלעבט דיין חופּה. וואו וועל איך דאָ אויפנעמען געסט?

די רייכע סעודה וואָס איך קען פראַוועןּ? דעם טיש פאַר אָרעמע־לייט וואָס איך קען שטעלן? די קלעזמער וואָס איך קען דינגען? פאָרן ווידער קיין וואַרשע, איז פאַר מיר אַ צו שווערע נסיעה, מיר דרייט זיך דער קאָפּ ווען די באַן לויפט. און ווי וועלן אויף מיר קוקן די וואַרשעווער מחותנים, אַז איך פאַרשטיי גאָרניט דאָס לשון פון די פּוילישע יידן. ס׳האָט מיר צוגעשפּילט, — לאַכט די מאַמע צו זיך און פון אירע אויגן גיסן זיך טרערן, — ס׳האָט מיר צוגעשפּילט וואָס די רביצן פאָרט אַוועק. ווי וואָלט אַזאַ פּראָסטע יידענע ווי איך בין, געקרעדט מיט אַזאַ מחותנתטע.

# דער בן הרב

## I

— מאַמע ווערלע.

אַזוי רופט זי משהלע, דער בן הרב.

— משהלע, רופט מיך ניט מאַמע, — בעט זי זיך ביי אים, — איך האָט אַ מאַמע, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר. אייער מאַמע אין ארץ־ישראל וועט פאַראיבל האָבן ווען זי וועט זיך עס דערוויסן.

הערט ער זי אויס מיט אַ שמייכל אין די ווייכע פאַרחלומטע אויגן אונטער די גרויסע ברילן־גלעזער און רופט זי ווייטער: מאַמע ווערלע.

זינט זיין טאַטע, דער רב, איז אַוועקגעפאָרן, קומט משהלע ווידער אויף שבת צו איר אין קוזניע־שטיבל. וועגן דעם פרייטיק אויפדערנאַכט, ווען זיין טאַטע האָט אויף אים געוואַרט און ער איז ניט געקומען, האָט ער אַ וואָרט ניט דערמאָנט, האָט אויך די מאַמע וועגן דעם ניט גערעדט.

און וואָס האָט זי צו פרעגן? זי זעט דאָך, אַז דער רב און דער בן הרב זיינען געראָטן איינער אין דעם אַנדערן ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. ביידע זיינען זיי מענטשן שטייפע אין זייער דעה. וויבאַלד די טאָכטער האָט געטאָן אַ שידוך אָן זיין הסכמה, איז דער טאַטע ניט געקומען אָנקוקן דעם חתן; און משהלע, וויבאַלד ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ חלוץ, איז ער ניט געקומען צו וועטשערע פרייטיק צונאַכט, כדי דער טאַטע זאָל אים ניט קענען מוסרן. די זעלבע כאַראַקטערס, דאָס זעלבע געשטעל און אָנבליק אויף די פּנימער. דער טאַטע איז אַ הויך־וואוקסיקער ייד מיט אַ גאָלדענער באָרד — און משהלע איז אַ בוים אין וואַלד, קיין עין הרע זאָל אים ניט שאַטן. זיין איידל יונג גְעזיכט איז באַוואַקסן מיט זיידענע טונקל בלאָנדע באַקן־בערד, און ער זעט אויס ווי די אַמאָליקע יונגעלייט פון די רוסישע צייטן, וואָס פלעגן גיין אין רובאַשקעס, האָבן זיך געלאָזט וואַקסן לאַנגע האָר און פלעגן ניט עסן קיין פלייש.

משהלע קומט פרייטיק פאַרנאַכט און העלפט איר אַריינעמען די קאָשיקעס. ערב שבת שטעלט זי אַרויס אַ סך סחורה, דאַרף זי פאַר ליכט־

בענטשן, אײדער זי נעמט אַלץ אַרײַן, צען מאָל גײן הין און צוריק. די לעצטע יאָרן פֿלעגט איר העלפֿן איר חײמקע. נאָר װען ער איז אַװעק־געפֿאָרן מיט דער כלה קײן װאַרשע, האָט זי געטראַכט: מילא. װעל איך אַלץ אַלײן אַרײַנשלעפּן, װי דעמאָלט װען ער האָט נאָך געלערנט אין ישיבה. כאָטש דעמאָלט איז זי נאָך געװען ייִנגער און מער בײַ די כּוחות. האָט איר דער אײבערשטער צוגעשיקט אַ משהלע. אַזױ גײט ער מיט געמאָסטענע טריט װי זײַן טאַטע, דער רבֿ, נאָר מיט די קאָ־שיקעס לױפֿט ער װי אַ שטורעם־װינט. ער װיל באַװײַזן אַרײַנצוטראָגן אַלע קאָשיקעס פֿון טױער אין שטוב אײדער זי נעמט אַרײַן די ערשטע פּאָר.

זינט ער איז געװאָרן אַ גערטנער אין סאָלטאַנישעק, קומט ער דאָ־נערשטיק פֿאַרנאַכט װען ער לײגט אַװעק די אַרבעט. פֿרײַטיק אינדער־פֿרי װען זי קומט פֿון מאַרק, געפֿינט זי שױן אַרױסגעשטעלט אין טױער די קאָשיקעס, אױפֿגעהאַנגען די װאָגשאָל און משהלע פֿאַרקױפֿט סחורה די באַלעבאָסטעס.

דאָס ערשטע מאָל האָט זי ניט געגלײבט אירע אױגן. אַ פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען אָן לשון און זיך צוגעקוקט װי דער בן הרבֿ האַנדלט. ערשט דעמאָלט האָט זי פֿאַרשטאַנען פֿאַרװאָס ער האָט מיט אַן אָװנט פֿריִער, דאָנערשטיק בײַנאַכט, אױסגעפֿרעגט בײַ איר די מקחים אױף פּרזכט און גרינסן. זי האָט געמײנט אַז עס װיל עס װיסן סתּם אַזױ, ער איז דאָך אַ גערטנער, לאָזט זיך אױס אַז ער טוט אַלץ מיט אַ פּלאַן און טראַכט עס גוט איבער פֿון פֿאָראױס.

— משהלע, — האָט זי צו אים געזאָגט, — װאָס טוט איר? אײַערע עלטערן װעלן שטאַרק פֿאַראיבל האָבן אױף מיר װען זײ װעלן זיך עס דערװיסן.

— פֿאַרקערט, זײ װעלן זײַן צופֿרידן, — האָט ער געענטפֿערט פֿאַ־מעלעך װי עס איז זײַן שטײגער, — איך פֿאָר קײן ארץ־ישׂראל אין אַ קיבוץ, דאַרף איך קענען פֿאַרקױפֿן גרינסן.

— אָבער װי פּאַסט עס פֿאַר אײַך, אַ רבס אַ זון? אַפֿילו מײַן אײגענער זון האָט עס קײנמאָל ניט געטאָן, בעת ער איז געװען אַ לער־נער.

— איצט װאָלט עס אײַער זון געטאָן. ער װאָלט געגאַנגען מיט אײַך אין מאַרק, און איך װאָלט דאָ דערװײַל פֿאַרקױפֿט. מאַכן אים פּאַר אַ פֿאַר־קױפֿער טױג ניט, ער איז אַ צו היציקער, — האָט משהלע געזאָגט מיט אַ שמײכל.

זי האָט געמוזט לאַכן: איר זון איז טאַקע עלטער, נאָר משהלע איז אַ סך געזעצטער. דעריבער האָט זי גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז װיפֿיל זי װעט

אים ניט אָפּריידן פון זיין איינפאַל צו זיין איר באַהעלפער, וועט עס זיין אַרויסגעוואָרפן.

טשיקאָווע איז צו זען ווי ער פאַרקויפט. די באַלעבאָסטעס שטייען אַרום אים און גאַפן. עפּעס אַלץ אינאיינעם לייגט זיך זיי ניט אויפן שכל. פון זיין איידלקייט און גוטסקייט וואָס שטראַלט פון זיין פּנים, זעט מען גלייך אַז ער שטאַמט פון גאָר הויכע פענצטער. פון דער צווייטער זייט מוז מען זיך וואונדערן אויף זיין פּשוטן הילוך און אויף זיין פריש פאַר־ברוינט פּנים פון אַרבעטן אונטער דער זון אין גאָרטן. שטייען טאַקע די ווייבער מיט אָפענע מיילער און קוקן מער אויף אים, ווי אויף דער סחורה וואָס זיי קויפן. טאָמער מאַכט זיך אַ יידענע אַ דינגערקע וואָס זאָגט צו אים: סחורה ווערט ביליקער, ס'איז זומער, ענטפערט ער גע־לאַסן: עס קען ניט זיין. מיין באַלעבאָס איז אַ גערטנער, ווייס איך, אַז גרינסן זיינען ניט געוואָרן ביליקער.

די מאַמע האָט ביי אים געפרעגט ווער עס איז זיין באַלעבאָס, זי קען אַלע אָגאָראָדניקעס. אָבער ווען ער האָט איר געזאָגט ביי וועמען ער אַרבעט, איז איר געוואָרן זייער אומעטיק. זי קען יענעם גערטנער פון כמה יאָרן, ווייס זי, אַז ער איז גאַנץ ווייט פון אַן איידעלן יידן, און האַרט איז ער ווי אַ בלעך, מען דינגט קיינמאָל ניט אַראָפּ ביי אים אַ גראָשן.

משהלע, ווייס זי, וועט ניט דערציילן ווי אַזוי אים לעבט זיך דאָרטן, ער איז דאָך אַ שווייגער, שווייגט זי אויך, און פונקט ווי ער מאַכט פּלע־נער, האָט זי זיך אירע פּלענער.

**מאָנטיק** אינדערפרי זוכט זי אויף אין מאַרק דעם סאָלטאַנישקער גערטנער. ער שטייט אויף אַ גרויסן וואָגן מיט צעעפנטע זעק קאַרטאָפל, רויטע פּאָמידאָרן, געלע מערן, יונגע ראַדישקעס פון די ספּעקטעס, ווייסן רעטעך, קעפּלעך קרויט, קרוטשקע, קאַלאַפּיאָר און נאָך אַנדערע מינים גרינסן. די הענדלערקעס באַלאַגערן אים, ווילן עפּעס אַראָפּדינגען, נאָר דער האַרטער בעל דבר לאָזט גאָרניט אַרונטער, און די הענדלערקעס גייען זוכן הורטאָווניקעס מיט ווייכערע הערצער. זי אָבער דינגט זיך ניט מיט אים דאָס מאָל, קויפט ביי אים סחורה, שיקט עס אָפּ מיט אַ טרעגערקע צו איר טויער, און דרייט זיך אַרום אין מאַרק אַזוי לאַנג, ביז דער סאָלטאַנישקער פאַרקויפט זיינען גרינסן. דעמאָלט קומט זי ווידער צו אים צו און פרעגט אים אויס וועגן משהלען וואָס אַרבעט ביי אים.

ווייס ער גאָרנישט ווער עס איז משהלע. ביי אים אַרבעטן גענוג שקצים מיט שיקסעס און אויך יידישע באַמולעס מיט מאַדן, זאָגט ער,

פאַררוקט דאָס היטל אָן אַ זייט. און וויל אַ טרייב טאָן די צוויי אָנגעקאָר־מעטע פערד.

בעט זי אים, ער זאָל וואַרטן כאָטש נאָך איין רגע. זי דערציילט אים אַז משהלע איז איר זונס כלהס יינגסטער ברודערל, אַז ער קומט פון אַ קליין שטעטל און קלייבט זיך קיין ארץ־ישראל.

— דער חלוץ? — פרעגט איבער דער אָגאָראָדניק, זעצט זיך אַראָפּ אויף דער קעלניע און נעמט אַזוי לאַכן, אַז ער ווערט שיר ניט צע־פּלאַצט.

מיינט זי, אַז משהלע איז אַ שלעכטער אַרבעטער, בעט זי רחמים ביים סאָלטאַנישקער ער זאָל האָבן איינזען מיטן יינגל. ער איז אַ בן הרב און איז ניט געוואוינט צו פּראַצעווען.

ער איז גראָד אַ גוטער אַרבעטער, זאָגט דער סאָלטאַנישקער, אויב ניט, וואָלט ער דעם חלוץ ניט געהאַלטן, ער האָט פיינט אומזיסטע פרע־סער. דאָס וואָס יענער איז אַ בן הרב, האָט ביי אים די ווערט פון אַ ציבעלע. אים איז אויך ניט קיין חילוק וואו יענער פאָרט, קיין פּאַלעסטינע צו די אַראַבער, צו די שוואַרצע אַפריקאַנער, אָדער צו די רויטע יידעלעך. ער לאַכט פון עפּעס אַנדערש לאַכט ער.

און דער אָגאָראָדניק דערציילט דער מאַמען אַ מעשה, אַז איר ווערט פינצטער פאַר די אויגן.

די קאָמאַנדע וואָס אַרבעט ביי אים איז יונג און דאָס בלוט קאָכט אין זיי. אין אַ פרייער מינוט וואַלגערן זיך די שקצים מיט די פאַר־שוויצטע שיקסעס אין הויכן גראָז אויף די פעלדער, אין די אַרומיקע וועלדלעך, צווישן די ספּעקטעס און וואו נאָר עס מאַכט זיך. אויף דעם איז דאָ אַ גלייכווערטל: וואו די ליבע וועט זיך לייגעז, וועלן קיין חזירים זיך ניט לייגן. די יידישע כאַמולעס מיט זייערע מאַדן שטייען ניט אָפּ פון די ערלים. אָבער אָט דער חלוץ מיט דעם בערדל מישט זיך ניט מיט דער קאָמאַנדע. ווען די פאַרשוויצטע שיקסעס האָבן אים דערזען, אַ שיינער יונג איז ער, האָבן זיי זיך צו אים גענומען טשעפּען. די יידישע מאַדן זיינען אויך ניט אָפּגעשטאַנען. איז ער פון זיי אַנט־לאָפן וואו דער פעפער וואַקסט, און דווקא דערפאַר האָבן זיי פאַר אים געקראָגן נאָך מער די כפרה.

דער ישובניק טוט זיך אַליין אַזאַ פּאַטש אין שטערן, אַז עס גיט אַ הילך:

— איר זאָגט אַז ער איז אַ רבס אַ זון? די פויערטעס רופן אים טאַקע „ראַבין״.

די מאַמע פאַרברעכט מיט די הענט. פאַר איר איז ניט קיין נייס

צו הערן אויף דער גאַס אַזעלכע געשיכטעס וועגן פּראָסטע חי־וקימס, אָבער מען זאָל ניט צורו לאָזן משהלען, אַ בן הרב?

— יידענע, די וועלט פּאַסט ניט קיין תעניתים, — לאַכט איר דער גערטנער אַריין אין פּנים.

— איר זייט דאָך אַן ערלעכער ייד, — רעדט זי צו אים, — איר האָט דאָך אַליין דערוואַקסענע קינדער, טאָ זעט מען זאָל דעם בן הרב ניט דערגיין די יאָרן. מאָלט אייך אויס, אַז ניט איך, אַ הענדלערקע, בעט פאַר אים, נאָר עס בעט פאַר אים זיין טאַטע, דער שטעטלשער רב.

— קלעמט זיך ניט, יידענע, — זאָגט דער גערטנער, — דער חלוץ קען אַליין באַשטיין זיין שטעטל. איר זאָלט אַזוי וויסן זיין, אַז ביסלעכווייז האָט די קאָמאַנדע פאַר אים באַקומען אָפּשיי און קיינער קריכט אים ניט מער אין וועג. איך וועל אייך זאָגן נאָך מער: ס'איז גענוג ער זאָל פאַר־בייגיין, הערן־אויף די שיקסעס צו כאַכאָטשען און רוקן זיך אָפּ פון די שקצים, ווי אַ קסיאָנדז וואָלט דורכגעגאַנגען. יידענע, סאָלטאַנישעק איז געוואָרן אַ בית־מדרש.

דער אַגאַראָדניק טוט זיך נאָכאַמאָל אַ פּלעם אין שטערן:

— איך בין טאַקע אַ חזיר! ווען דער חלוץ איז צו מיר אָנגעקומען, האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז ביז ער וועט ניט קענען די אַרבעט, קריגט ער ניט קיין קאָפּיקע, ער קריגט עסן און אַ נאַכט־לעגער. איצט קען ער די אַרבעט בעסער פון צען אַנדערע כלאָפּעס און וועגן געלט האָט ער נאָך אַ וואָרט ניט געזאָגט. היינטיקע וואָך צאָל איך אים אויס פולע שכירות. איך, ווען איך זאָג אַ וואָרט אַז איך נעם — נעם איך! און ווען איך זאָג אַז איך גיב — זאָג איך! — צעלאַכט זיך דער גערטנער, טוט אַ טרייב די פערד און פאָרט אַוועק.

רבונו של עולם, וואָס איז ער פאַר אַ מענטש, משהלע? קלערט די מאַמע ווען זי גייט צוריק פון מאַרק: אין שטוב ביי זיין טאַטן דעם רב, האָט ער ניט געוואָלט זיין, אַ לערנערל אין ישיבה — אויך ניט, נאָר זיין אַ פּאַרובאָק ביים אַגאַראָדניק, איז אים יאָ ניחא. גיי טענה מיט אים, אַז ער האָט אַ כאַראַקטער — אייזן! ער קומט צו איר אויף יעדן שבת, און זי האָט קיינמאָל ניט דערקענט אויף אים, מען זאָל זאָגן אַ האָר, די בזיונות וואָס ער טראָגט איבער דורך דער וואָך אין סאָלטאַנישעק.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט ווען משהלע קומט ווידער פון דער אַרבעט, קוקט זי אים אָן... גאָרניט. ער איז ווייטער אַזוי שטיל און געלאַסן ווי אַ דערוואַקסענער ישיבה־מאַן וואָס איז געקומען פון ישיבה אַהיים אויף יום־טוב. זי דערקענט בשום אופן ניט אויף זיין פּנים צי דער גערטנער

האָט אים דערציילט פון זיין באַגעגעניש מיט איר. אויב אַזוי, טראַכט זי, וועל איך אויך שווייגן.

ער טראָגט אַריין די סחורה אין שטוב, עסט מיט איר אינאיינעם וועטשערע, דערנאָך נעמט ער בלעטערן אַ בוך, און אַט אַזוי אַ פאַר־טיפטער אין לייענען, רופט ער זיך אָפּ צו איר ווי וועגן דער סאַמע געוויינלעכסטער זאַך:

— מאַמע ווערלע, איך האָב היינט באַקומען שכירות. נאָט אייך צו־שטייער אויף שבת. — און ער דערלאַנגט איר פּאַפּיר־געלט צונויפגעדרייט אין אַ קנייזלכל, כדי עס זאָל אויסזען ווייניקער וויפל דאָרט איז באמת דאָ.

— האָט קיין פאַראיבל ניט, משהלע, איר זייט אַ קינד. וואָס הייסט איך וועל ביי אייך נעמען געלט? דאַכט זיך, אַז אייער שוועסטער און מיין זון זיינען חתן־כלה. סיידן איר האַלט מיך פאַר אַ פרעמדע.

— איז ניט, — נעמט ער צוריק דאָס געלט, — וועל איך צו אייך מער ניט קומען אויף שבת.

זי דערשרעקט זיך ניט אויף אַ געלעכטער, זי ווייס אַז משהלע סטראַשעט ניט, אַז ער זאָגט עפּעס, מיינט ער עס, און אַז זיין טאַטע דער רב האָט ביי אים ניט אויסגעפירט, וועט זי אוודאי ניט אויספירן. זאָגט זי אין גרויס איילעניש:

— גוט, משהלע, איך וועל נעמען ביי אייך צוויי זלאָטעס און די אי־בעריקע באַהאַלט פאַר זיך. אַ מענטש קען ניט בלייבן אָן געלט, בפרט אַ יונגערמאַן.

נאָך האַלבער נאַכט ווען משהלע שלאָפט שוין, שטייט זי נאָך אין קיך און גרייט דעם שבת. אַ זון! טראַכט זי, ניט געהאַט קיין בויך־וויטיק ביים געבוירן, קיין צער ביים האָדעווען — און דער אייבערשטער האָט איר צוגעשיקט אַ זון. זינט איר אייגענער זון איז אין וואַרשע, שלאָפט אויף זיין געלעגער אַ דימענט, אַ ליכטיק האַרץ, אַ גאָלדענער קאָפּ. זי האָט נאָר מורא זי זאָל ניט זינדיקן מיט איר פרייד. זיין לייבלעכע מאַמע אין ארץ־ישראל גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך איר מיזיניק, און איר, אַ פרעמדער יידענע, איז באַשערט אַזוי פיל נחת.

זי נעמט דאָס קיך־לעמפּל אין האַנט, גייט דורך דעם וואַרשטאַט און קומט אַריין אין צימערל. זי איז אַריין עפּעס נעמען, נאָר זי קען זיך ניט דערמאָנען וואָס. גאָרניט דאַרף זי דאָ נעמען, זי האָט געוואָלט בלויז אַ קוק טאָן ווי משהלע שלאָפט.

ער ליגט אויסגעצויגן אויפן רוקן, האַלט די שטאַרקע אָרעמס אונ־טערן קאָפּ, זיינע פרישע פולע ליפּן זיינען האַלב אָפן און ער אָטעמט רואיק. זיין געדיכטער קאָפּ האָר קרייזלט זיך, פלעכט זיך צוזאַמען מיט זיינע זיידענע באַקן־בערד, און דער פאַרברוינטער האַלדז זעט אויס ווי בראָנדז,

קיין וואונדער ניט, אַז ער געפּעלט מיידלעך, טראַכט די מאַמע און זיפצט אָפּ: איר אייגענער זון שליידערט זיך פון שלאָף, כאַפּט זיך אויף צען מאָל אין דער נאַכט פון מינדסטן שאָרך, און שטייט אויף אינדערפרי אַ פאַר־מאַטערטער.

פון זיפץ וואָס זי האָט געטאָן, אָדער ווייל אים האָט אַ בלענד געטאָן אין פּנים דאָס נאַפט־לעמפּל וואָס זי האָט ניט גענוג פאַרשטעלט מיט דער האַנט, עפנט משהלע די אויגן אַזוי שטיל, ווי ער וואָלט זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן צוגעמאַכט אויף צו־פּלייסן. ער קוקט זי אָן מיט אַ שמייכל:

— מאַמע ווערע.

— מיר האָבן אָן אור־איינקל, וואָס הייסט אויך משהלע, — זאָגט זי אַ צעטומלטע. — מיין מאַנס עלטערער זון האָט געהייסן מאָיסיי, ער איז נעבעך געשטאָרבן נאָך ביי מיין מאַנס לעבן. ווען מאָיסייס זון אַראָנטשיק איז אונטערגעוואָקסן, האָט ער חתונה געהאַט און זיין קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן משהלע. פון אַראָנטשיקן גופא האָבן מיר ניט קיין סך נחת, ער איז פון די פּאַרטייצעס, נאָר זיין יינגעלע איז זייער אַ געראָטן קינד. אַלע משהלעך זיינען זייער געראָטענע, — זאָגט זי מיט אַ שטיל פאַרשעמט געלעכטערל און גייט אַרויס פון צימערל.

איך בין שוין אינגאַנצן עובר בטל, מורמלט זי צו זיך. זי קען זיך ניט שענקען וואָס זי האָט משהלען אויפגעוועקט פון שלאָף.

## II

דער סאָלטאַנישקער גערטנער האָט בעת אַ קריג מיט אַ כאַפּטע ווייבער געשריען איבער דעם גאַנצן מאַרק:

— גייט צום חלוץ, צו וועלעס זונס כלהס ברודער, וועט ער אייך דער־ציילן, אַז איך האָב אים אויסגעצאָלט ביז אַ שילינג פּונקט ווי די כאַמולעס וואָס אַרבעטן ביי מיר יעדן סעזאָן. דער חלוץ וועט קיין ליגן ניט זאָגן. ער איז אַ בן הרבּ און האָט אָפּגעזאָגט פון זיך די שיקסעס ווי פליגן. איך פאַרלאַנג ניט יענעמס און איך וויל ניט מען זאָל פאַרלאַנגען מיינס.

די הענדלערקעס האָבן אויף אַ ווילע אויפגעהערט זידלען דעם דבר־אחר, הלמאי ער לאָזט ניט אַרונטער קיין איין גראַשן, און אויסגעפרעגט ביי אים די מעשה וועגן די שיקסעס. אָנגעלאָדן מיט אַזאַ נייס, ווי מיט שווערע קאָשיקעס סחורה, האָבן זיי עס צעטראָגן און צעפּויקט צווישן די קרעמער אויף דער גאַס.

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט? — האָט כאַצקל דער באַקאַליישטשיק געטענהט צו שייע דעם תבואה־סוחרל, — זיינען זיי ניט קיין ירבעם בן

נבטס? די חלוצים מיין איך. מען זאָל נעמען אַ בן הרב, אים איבעררײדן ער זאָל אַנטלױפן פון דער הײם און אים פאַרשיקן װי אין סיביר קײן סאָלטאַנישעק הינטער װילנע, ער זאָל דאָרט גראָבן מיט דער נאָז די ערד און האָבן צו טאָן מיט שיקסעס.

— דאָס איז אמת, — איז מודה דאָס תבואה־סוחרל, — אויב דער חלוץ אַנטלױפט פון שיקסעס, װעט ער פאַר די אַראַבער אַװדאי אַנט־לױפן.

— דאָס רײד איך דאָך, — טריאומפירט דער באַקאָלײשטשיק, — װעמען שיקט מען עס טריקענען זומפּן, װעמען? װעמען שיקט מען עס זײן אַ שטײן־האַקער, װעמען? אַ בן הרב?

— װער זשע דען װעט עס טאָן, ר׳ כאַצקל, איר װעט עס טאָן? איך װעל עס טאָן?

— װער עס װיל! נאָר ניט קײן באַלעבאַטישע קינדער. אַ פײן פּנים האָט עס װען רבנישע און גבירישע ײנגלעך לעבן זאַלבעצװאַנציק אין אײן צימער אין קיבוץ פון די ביליקע הײזער, און דרײען זיך אַרום אי־בער דער שטאָט זוכן אַרבעט אין אַ לעדער־פאַבריק, אָדער אין אַ טאַר־טאַק. אַנוסטן זײנען צו מיר אַרײנגעקומען אַ פּאָר בחורימלעך, אײנער מיט אַ זעג און דער צװײטער מיט אַ האַק אויף דער פּלײצע, צי דאַרף איך ניט צעזעגן און צעהאַקן אַ קלאָפּטער האָלץ. די קיבוצניקעס װילן זײן חוטבי עצים און שואבי מים װי די גבעונים.

איך האָב ניט קײן אַנדערע זאָרגן װי צו שטײן און באַלאַקען מיטן תם, טראַכט דאָס תבואה־סוחרל. כאַצקלען איז גוט, ער האָט שױן ניט אײנמאָל אַנגעזעצט, האָט ער אָפּגעשפּאַרט אויף חיונה. אָבער איך האָב אַפילו ניט װעמען צו מאַכן אַ מחק, זיפצט אָפּ דאָס תבואה־סוחרל און לױפט אַװעק זוכן אַ פּאַרדינסטל.

אין עטלעכע טעג אַרום גײען דורך אַ פּאָר יונגעלײטלעך מיט סטו־דענטישע בלױ־װײסע היטעלעך, תרבותניקעס. זײ גײען פאַרריסן די קעפּ, זעען ניט קײנעם, לאַכן הױך און רעדן צװישן זיך העברײאיש. די װילנער געסקעס קוקן זײ נאָך פאַרגאַפט, און דאָס תבואה־סוחרל נעמט זיך צום באַקאָלײשטשיק:

— נו, װאָס זאָגט איר איצטער?

— דאָס זעלבע! יידן דאַרפן זיך ניט שטופּן. מיר, ײדעלעך, האָבן ליב נאָכצוטאָן די ערלים. זײ האָבן סטודענטן, װילן מיר אויך האָבן סטודענטן.

— איר זײט משוגע געװאָרן, ר׳ כאַצקל. און אַז די גלחים פון סע־מינאַר אויף באַקשט גײען אין לאַנגע ריאַסעס, דאַרפן אונדזערע רבנים אויס־טאָן די קאַפּאָטעס? אַ סמיכות הלאָקש! שאַ, — שרײט אויס דאָס תבואה־

סוחרל, ער האָט געכאַפּט די אמתע קשיה און כאַפּט כאַצקלען ביי דער באָרד, — אַז קינדער פאָרן קיין ארץ־ישראל טויג ניט, נאָר אַז זיי מאַכן רעוואָלוציעס איז בעסער? איר האָט פאַרגעסן, וואָס עס האָט זיך היינ־טיקס יאָר אָפּגעטאָן אויף די גאַסן דעם ערשטן מאַי, די שטיינער וואָס זיינען געפלויגן, די צעבלוטיקטע קעפּ, די מלאכי חבלה אויף די פערד, און וויפל בונטאָוושטשיקעס מען האָט אַריינגעפּאַקט אין חד־גדיא. לויט אייך קומט אויס, אַז זיצן ביי די פּאָליאַקן אין תפיסה איז געשמאַקער ווי זיצן אין אַ ביידל ביים ברעג פון ירדן, וואו יהושע האָט אַריבערגעפירט די יידן. איר שוויגט ר׳ כאַצקל?

— די בעסטע זאַך איז צו זיצן אין דער היים, — קרעכצט דער באַקאַליישטשיק, — אַנומלט אין ל״ג בעומר האָט מען די קינדער פון די יידישע שקאָלעס געפירט שפּאַצירן מיט מוזיקע אין זאַקרעטער וואַלד. אַלע זיינען געלאָפן קוקן, בין איך אויך געלאָפן, און באַקומען אַ שטורך אין זייט פון אַ פּאָליאַק: זשידזשי דאָ מאַדאַגאַסקאַר! אָט אַזוי האָט ער מיר בפירוש געזאָגט. און וואָס וואָלט איך געקענט טאָן ווען ער שרייט אויס: זשידזשי דאָ פּאַלעסטינאַ! גאָרניט וואָלט איך געקענט טאָן.

**פריי־טיק** פאַרנאַכט שטייט די מאַמע אַרומגערינגלט מיט קונדן און רעדט איינגעהאַלטן אַפילו מיט די איינגעגעסענע דינגערקעס, וואָרום משהלע שטייט אין טויער און אַרום אים איז שטענדיק אַזאַ רואיקייט און שטילקייט, ווי דער שיין אַרום די בענטש־ליכט. אויף דער מאַמעס פּנים שפּיגלט זיך שוין דער נחת, וואָס זי וועט שבת האָבן פון זיין אַ גאַנצן טאָג אינאיינעם מיט משהלען.

פּלוצים פאָרט אָן אַ ברייטע קאָרע פאַרפּאַקט מיט קאַסטנס. אַ יונג אַ ריז זיצט אויף דער קעלניע און טרייבט דאָס גרויסע ברוינע פערד גלייך אין ענגן טויער אַריין.

— וואָרט! — שרייט אויס די מאַמע און נעמט אין גרויס אַיילע־ניש אָפּשלעפּן דעם סטראַגאַן. אָבער דער פורמאַן וואָרט ניט, ער יאָגט דאָס פערד. אַ ראָד פאַרטשעפּעט זיך אין געשטעל, שלעפּט עס מיט, און צוויי קאָשיקעס מיט אויפּס שיטן זיך אויס. די מאַמע וואַרפט זיך מיט אַ געוויין אונטער דעם וואָגן צונויפקלייבן איר סחורה. זי וויל אַרויסרייסן די געפּלאָטעטע קאָשיקעס וואָס האָבן זיך איינגעדרייט אין די רעדער. דער באַלעגאָלע דערהערט איר יללה און פאַרהאַלט דעם וואָגן. משהלע, וואָס האָט זיך אויך אַ וואָרף געטאָן אַוועקנעמען דעם סטראַגאַן, לאָזט אים איבער און שלעפּט אַרויס די מאַמע.

— געבאָרגטע סחורה, דעם הורטאָווניקס געלט, — קלאָגט זי אַ פאַר־

שוויצטע, אַ צעשויבערטע און טאַפּט אין איר פאַרטעך די עפּעלעך וואָס זי האָט באַוויזן צונויפצוקלייבן פון ברוק; דאָס אויפס איז צעקוועטשט און צעקריכט צווישן אירע פינגער, קאַשע. — מיין בלוט, מיין פראַצע, מיין שבת! — שרייט זי אויס, כאַפּט זיך פון פאַרצווייפלונג פאַרן קאָפּ און איר געראַטעוועט פאַרמעגן שיט זיך צוריק אַרויס פון איר פאַרטעך אויף די שטיינער.

דער באַלעגאָלע קריכט אַראָפּ פון דער קעלניע, נעמט דאָס פערד פאַרן צוים און שלעפּט אים אין הויף אַריין.

— רוצח! — טוט זיך די מאַמע אַ ריס צום פורמאַן מיט געביילטע פויסטן, — שלעפּט ניט דעם וואָגן, לאָזט מיך אָנועקנעמען מיין סחורה.

דער הויכער ברייטפּלייציקער יונג קוקט אַראָפּ אויף דער קליינער מאָגערער יידענע מיט די גרינע אויגן וואָס ברענען פון כעס, מיטן געלב־לעכן שוים אויף די ליפּן, מיט די פאַרקוועטשטע קולאַקעס וואָס סטראַשען אים — און ער צעלאַכט זיך:

— אוי, די כאָלעריע וועט מיר באַלד נעמען, — בייגט ער זיך איין ביז אין דער העלפט, ווי אים וואָלט אָנגעכאַפּט אַ בויך־גרימעניש פון געלעכטער, — זע ווער עס גייט אויף מיר! — און מיט אַן אויפגעריסענעם פּיסק וואָס קייקלט אַרויס פון זיך אַ כאָכאָטשען ווי דונערס, נעמט ער זיך ווידער צום פערד, — וואָס מיינט איר, איך וועל אַ האַלבן פרייטיקדיקן טאָג פטרן ביז איר וועט צונעמען אייער מיסט?

אָבער די קאָשיקעס וואָס האָבן זיך איינגעדרייט אין די רעדער און די ענגשאַפט פון טויער, לאָזן דעם פערד ניט דורכגיין. די קאָרע צע־טרייסלט זיך און פון דער אָנגעלאָדענער משא אויפן וואָגן פאַלט אַראָפּ אַ פיר קאַנטיק געפּאַקט קעסטל און טרעפט דער מאַמען אין אַקסל.

די מאַמע טוט אַ געשריי און אַ פאַרטויבטע פון ווייטיק ווערט זי גלייך אַנטשוויגן. זי וויל זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. משהלע כאַפּט זי אונטער און זי בלייבט הענגען אין זיינע אָרעמס אַ פאַרחלשטע.

— ווּעלע, מאַמע ווּעלע, וואָס איז אייך? — שרייט ער אויס.

— די פּלייצע, — קרעכצט זי שוואַך און קען מער אַ וואָרט ניט אַרויסברענגען.

— מען דאַרף צוליגן קאַלט וואַסער, — שרייט אויס ליזע, אַלטער־קע דעם גענדזלערס אלמנה, וואָס איז אַרויסגעלאָפן פון איר יאַטקע.

ליזע און משהלע נעמען די מאַמע אונטער די אָרעמס און הייבן זי אונטער. אירע אַקסל־ביינער גיבן אַ טראַנטש און פון ווייטיק קומט זי צו זיך:

— טראָגט מיך ניט, איך וועל אַליין גיין. משהלע, בלייבט ביי דער סחורה, ס'איז געבאַרגטע.

ליזע פירט אָוועק די מאַמע וואָס שלעפּט קוים די פיס. אין איר מח איז אַ געגרויש, אין די אויערן אַ הילכעניש און אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן.

אין טויער איז אַ צונויפגעלויף. אַ קרעמער שטעלט זיך איין, מוסרט דעם פורמאַן:

— איר האָט דאָך אַ האַרץ פון אַ יוון. אַנדערע באַלעגאָלעס וואַרטן ביז די יידענע וועט צונעמען איר קרעמל, און איר פאַרט גלייך אויף איר. איר האָט דאָך זי געקענט דערהרגענען. נאָך אַ גליק וואָס דאָס קעסטל איז פון טאַקטור.

— זאָל זי ניט שטיין אין טויער ווען זי זעט אַז מען פאָרט, — ליאַרעמט דער פורמאַן, — און איר טראָגט זיך אָפּ. סיידן איר ווילט איך זאָל אייך אויסבויגן די פלייצע. איך וועל עס טאָן מיט מער טאָלק ווי דאָס טאַקטורענע קעסטל. וויאָ!

— וואַרט, זאָגט מען אייך, ביז איך וועל צונעמען אַלע קאָשיקעס, — גיט משהלע אַ שפּרונג צום פורמאַן וואָס שלעפּט דאָס פערד פאַרן צוים.

דער באַלעגאָלע איז שוין צערייצט. אַלע זאָגן אים דעות. אַ דער־צאַרנטער גיט ער אַ קוק און דערזעט פאַר זיך אַ כניאָק אין שפּאַקולן און מיט אַ באָרד.

דער חלוץ זעט אויס ווי אַ הירש, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, און אַזאַ בופלאָקס ווי דער פורמאַן, קען אים איבערברעכן דעם רוקן מיט איין זעץ, טראַכטן די אַרומיקע שכנים מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם, נאָר זיי האָבן מורא זיך אַריינצומישן.

דער פערד־אָנטרייבער פילט די אימה וואָס ער וואַרפט אָן. רופט ער זיך אָפּ געלאַסן צום בחור וואָס שטייט קעגן אים אַ בלייכער, נאָר מיט אָנגעשפּאַנטער רואיקייט.

— וואָסי, דו וועסט מיך שלאָגן?

ער שטרעקט אויס אַ האַנט, נעמט אָן משהלעס היטל פאַרן דאַשעק און ציט עס אים אַראָפּ איבערן גאַנצן פנים ביז צו דער גאָמבע.

משהלע רוקט אַרויף דאָס היטל צוריק, פאַמעלעך טוט ער אויס די ברילן און קנייטשט מיטן שטערן ווי זיין טאַטע דער רב, וואָס קלערט וועלכן ספר ער דאַרף איצט אַרויסנעמען פון ספרים שאַנק, כדי צו גע־פינען דעם פסק־דין אויף אַ האַרבער שאלה. אומגעריכט גיט ער אַ שפּרונג און שלעפּט אַרויס פון רינג דעם שטאַנג אויף וועלכן עס הענגט די וואָג־שאָל.

— אַהאָ! — רוקט זיך אָפּ דער באַלעגאָלע טיפער אין טויער און שטעלט זיך ביי דער וואַנט, — זע דעם שטאַרקן! ער מיט אָן אייזן און איך מיט די הוילע הענט.

משהלע טוט אויף אים אַ קוק מיט פינצטערע אויגן און וואַרפט גלייך אַוועק דאָס אייזן. אין דער זעלבער רגע כאַפּט ער אָן דעם יונג פאַר די בערישע לאַפּעס און מיטן אָנגעבויגענעם קאָפּ גיט ער אים אַ מוראדיקן זעץ אין דער גאָמבע, ווי ער וואָלט מיט אַ שפּרונג אין דער לופט אָפּגעשלאָגן מיטן שאַרבן אַ פוטבאָל־פּילקע. ביים באַלעגאָלע גיבן די ציין אַ קנאַק צוזאַמען, ער לאָזט אַרויס אַ געברילל, און מיטן רוקן איינגעשפּאַרט אין דער וואַנט ניט אומצופאַלן, הייבט ער אונטער אַ קני און גיט משהלען אַ שטויס אין בויך. משהלע גיט זיך אַ קאַרטש צונויף און לאָזט אָפּ דעם פורמאַנס בערישע לאַפּעס. יענער טוט אים גלייך אַ כאַפּ פאַר דער געדיכטער געקרייזלטער טשופּרינע און נעמט אים דריקן דעם קאָפּ אַראָפּצו, אַראָפּצו, אַט ווי אַ קצב דרייט אַן עקסל פאַר די הערנער אַזוי לאַנג און שטאַרק, ביז די בהמה פאַלט אום מיט אַ ריטש.

משהלע שווייגט מיט פאַרביסענע ליפּן. ער קען דעם קאָפּ ניט אַרויס־רייסן און זיין נאַקן ווערט אָנגעצויגן ביז צו פּלאַצן. זעצט ער פון אונטן אַרויף מיט די פויסטן ווי מיט אייזערנע האַמערס אין דעם פורמאַנסקן אויפגעלאָפּענעם פּנים. דערנאָך גיט ער זיך אַ שטשעמע איין אין יענעמס אָנגעזויפּענעם האַלדז און נעמט אים האַקן קאָפּ אָן דער וואַנט, קאָפּ אָן דער וואַנט. ערשט דעמאָלט לאָזט יענער אָפּ משהלעס האָר, נעמט כרוקען ווי אַ וואַלד־חזיר און צוריק בריקען. ער שטעלט אונטער אַ קלאָציקע פוס אין דער קווער, משהלע פאַלט אום און שלעפּט־מיט דעם מגושמדיקן באַלעגאָלע. ביידע נעמען זיך קייקלען איבער די שטיינער.

די אַרומיקע מענטשן וואָס זיינען ביים אָנפאַנג פון געשלעג גע־בליבן אָן לשון, נעמען איצט אַלע מיט איינמאָל ליאַרמען און שרייען האַפּעדיק. ס׳ווערט זיי גרינגער אויפן האַרצן וואָס דער כאַמסקער פור־מאַן קריגט אַריין זיין כשר פאַרדינטן חלק. אַריינמישן זיך אַליין אין געשלעג, האָבן זיי נאָך פונדעסטוועגן מורא. שטאַרקן זיי דעם בן הרב מיט אויסרופן:

— שלאָג אים אַ שעה און גוט.

— שלאָג אים ווי דוד האָט געשלאָגן גליתן. באַווייז אים אַז עס איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

— ווי אַ חלוץ דערלאַנג אים, ווי אַ חלוץ.

— צעמזיק אים מיטן כח פון דער תורה, מיטן כח פון דעם טאַטן דעם רב.

— משהלע! — שפּאַלט אַ געשריי די הימלען. די מאַמע האָט דערהערט אין שטוב דעם טומל און דאָס האַרץ האָט איר ניט אָפּגענאַרט. זי לויפט דורכן הויף מיט די לעצטע כוחות און ליזע די גענדזלערקע לויפט איר נאָך.

משהלע, ווי ער דער איינציקער וואָלט דערהערט אין אַרומיקן געפּילדער דער מאַמעס געשריי, טוט פלינק אַ שפרונג־אויף פון די שטיינער און כאַפּט דאָס אייזן וואָס ער האָט פריער אַוועקגעוואָרפן. די מאַמע דערזעט זיין אָנגעשוואָלן פּנים, פאַלט זי צו צו אים און כאַפּט אים אַרום.

— משהלע, האָט רחמנות אויף אייערע טאַטע־מאַמע, — בעט זי זיך ביי אים, ציטערט און טוליעט אים צו זיך, — זע מיין קינד, באַרואיק זיך, — פּלאָנטערט זי, ווי זי וואָלט גערעדט צו איר אייגענעם זון, — קומט אַריין אין שטוב. אַ כּפּרה די לייזונג, די סחורה. גאָט האָט מיך געשטראָפט וואָס איך האָב זיך אַזוי איינגעשטעלט פאַר מיינע צעשאָטענע עפּעלעך. ס'איז שוין באַלד צייט ליכט צו בענטשן. משהלע...

ער שווייגט. מיט איין האַנט האַלט ער אַרומגענומען די מאַמע און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער דאָס אייזן. זיין בליק לויערט אויף דעם יונג וואָס הייבט זיך אויף אומגעלומפּערט־שווער פון די ברוק־שטיינער. די מאַמע גיט זיך אַ דריי אויס צום יונג און פאַרשטעלט משהלען מיטן רוקן.

— איר האָט ניט קיין גאָט אין האַרצן, — יאָמערט זי, — אַזאַ שבת זאָלט איר האָבן, וואָס פאַר אַ שבת איר האָט מיר געמאַכט.

די קרעמער רינגלען אַרום משהלען מיט דער מאַמען, זיי צו באַשיצן, און זידלען דעם פורמאַן שוין אינגאַנצן אָן שרעק:

— בורילע, דו זאָלסט זיך ניט אונטערשטעלן אַ האַנט אויפצוהייבן אויפן בן הרב. זיין טאַטע דער רב וועט דיך פאַרשילטן.

— מיר וועלן רופן פּאָליציי. אַ וועלט איז ניט הפקר.

— דו וועסט קראַפּירן ביי אונדז פאַר אַ יאַזדע. בעסער געבן צו פאַרדינען אַ גוי איידער אַזאַ מערדער.

אָבער דער באַלעגאָלע האָט גאָרניט בדעה אָנצוהייבן אויפסניי אַ געשלעג. ער ווישט דעם צעדמטן פּרצוף און קוקט אַ דערשטוינטער אויף זיינע דלאָניעס וואָס זיינען איינגעשמירט אין בלוט. ווער האָט עס אים צעשלאָגן, אָט דער כניאָק אין די שפּאָקולן מיט דער באָרד? זיין כעס לאָזט ער אויס צום פערד, וואָס שטייט די גאַנצע צייט אין טויער מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ווי ער וואָלט הנאה געהאַט וואָס מען האָט צעשלאָגן זיין פעל־שינדער. דער פורמאַן איז אים מכבד אין דער מאָרדע:

— פּאַדלע, וואָס פינטלסטו מיט די אויגאַנעס? וויאָ פּאַדלע, געהרגעט זאָלסטו ווערן.

משהלע פירט די מאַמע אין שטוב אַריין און די שכנים טראָגן אַריין איר סחורה. דער חלוץ, זעען די שכנים, שטייט אין דער קוזניע מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און וויקט טיכער אין אַ טאָפּ וואַסער. ער דרייט

זיי אויס מיט זיינע שטאַרקע הענט און דערלאַנגט זיי ליזען. ליזע לייגט די טיכער אויף דער מאַמעס אַקסל וואָס שוידערן אין היץ און אין קעלט.

די שכנים קלייבן זיך אויפן הויף אין אַ רעדל און שמועסן. זיי זיינען אַזוי דערשטוינט פון דעם נאַר וואָס פאַרלאַפּענעם, אַז זיי פאַרגעסן אפילו אַ קרעכץ צו טאָן אויף דער מאַמעס יסורים:

— ניט אַנדערש אַז דער פורמאַן איז געווען שיכור. ער וואָלט זיך ניט געלאָזט ממיתן פון אַ יינגל.

— ער איז שוין גאָרניט קיין יינגל, ער איז דער אמתער חברה־מאַן. ער האָט דעם באַלעגאָלע דערלאַנגט מיטן קאָפּ פון אונטן אַרויף ווי אַן אונטערוועלטניק.

— אַן אונטערוועלטניק שלאָגט אויף טרוקן, און ער האָט דעם באַלעגאָלע צעקוועטשעט די נאָז.

— נאַפּאָלעאָן! — זאָגט כאַצקל דער באַקאַלישטשיק.

— נו, וואָס זאָגט איר איצטער? — איזדיעקעוועט זיך דאָס תבואה־סוחרל אויפן באַקאַלישטשיק, — דאָס האָט מען אייך געוויזן מיט אַ פינגער פון הימל: רעדט ניט, ר׳ כאַצקל, ווי די וואַרשעווער חסידים אין די קליינע היטעלעך. רעדט ניט ווי די ליובאַוויטשער חסידים פון אַפּאַטאָווס קלויז. משיח איז טאַקע משיח, נאָר ביז ער וועט קומען, דאַרף מען אַליין אויך קענען געבן רעשטע.

— אַ בן הרב זאָל האָבן אין זיך אַזאַ גבורה און אַזאַ העלדישקייט, — איז כאַצקל געפּלעפט, — פיין, זייער פיין.

— אַבי איר האָט אים באַווײנט און באַקלאָגט, — חוזקט דאָס תבואה־סוחרל, — פון שיקסעס איז ער טאַקע אַנטלאָפן, אָבער פון די אַראַבער — טאָ ניע! זיי וועלן שוין פון אים אַנטלויפן. אָט אַזעלכע ווי ער דאַרפן מיר האָבן אין ארץ־ישראל. נאָר אַזעלכע.

# III

ס׳איז דאָנערשטיק ביינאַכט. די מאַמע שטייט אין קיך און איילט זיך, זי וויל באַוויזן צוגרייטן די שבתדיקע מאכלים איידער משהלע קומט.

פאַר צוויי וואָכן דאָנערשטיק ביינאַכט האָט משהלע אָוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל אויפן וואַרשטאַט, פונקט קעגן דער אָפענער קיך, אָנגע־שפּאַרט די עלנבויגנס אויפן שרופשטאָק און גענומען לייענען אַ בוך.

איז דאָס איר געווען אַ וואונדער: משהלע זיצט תמיד אין צימער

און קוקט אַריין אין אַ בוך, ער בלעטערט זיך אויס זיינע ליכטיקע אויגן ביים לייענען ביכער, ווי זיין טאַטע ביים לערנען. פאַרוואָס איז ער אָבער היינט אַריין אין וואַרשטאַט און לייענט שטייענדיקערהייט? אפשר צוליב דעם איר זאָל זיין ניט אַזוי אומעטיק צו שטיין אַליין אין דער קיך? האָט זי געשאָבן די קאַרטאָפל, צונויפגעלייגט דעם טשאָלנט, צעבלאָזן דאָס פייער אין אויוון, און משהלע האָט אַלץ געמישט די בלעטער, געלייענט.

עס איז אַריבער אַ האַלבע שעה, און נאָך אַ האַלבע שעה. די זומערדיקע נאַכט איז קורץ, און גלייך אינדערפרי, ווייס זי, וועט משהלע אַרויסשטעלן אירע קאַשיקעס אין טויער און זיך שטעלן פאַרקויפן די סחורה, ביז זי וועט אָנקומען פון מאַרק. האָט זי לענגער ניט אויסגע־האַלטן און אים געפרעגט:

— משהלע, פאַרוואָס גייט איר ניט שלאָפן? אַלעמאָל אין דער צייט שלאָפט איר שוין.

— און פאַרוואָס גייט איר ניט שלאָפן? — האָט ער געענטפערט.

— אין מיין עלטער שלאָפט זיך מער ניט אַזוי גוט, — האָט זי גע־זאָגט מיט אַ געלעכטערל.

— וועל איך זיך אויך ניט גיין לייגן, — האָט ער געזאָגט.

ס'איז אַוועק נאָך אַ שטיקל צייט, אָבער ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט ווי קיינמאָל גאָרניט. אָנשרייען אויף אים ווי אויפן אייגענעם זון, האָט זי ניט געוואָלט, נאָר פאַרדראָסן האָט עס זי זייער. אַן איינ־פאַל פון אַ יינגל! זי פירט זיך אַזוי פון כמה יאָרן, זינט זי איז געוואָרן אַ הענדלערקע. ניט איר מאַן עליו השלום, און ניט איר זון, אים צו לאַנגע יאָר, האָבן קיינמאָל ניט געקענט פועלן ביי איר זי זאָל פרייטיק פאַרטאָג גיין שלאָפן.

— איך זע, משהלע, — האָט זי געטענהט צו אים, — אַז איר האָט געמאַכט קעגן מיר אַ זאַבאַסטאָווקע. איך דאַרף נאָך אָבער אָנפילן אַ העלדזעלע מיט מעל און שמאַלץ, אַרומשאָבן מערעלעך, און אָנרייבן כריין צו די פיש.

— מען דאַרף ניט, — האָט משהלע שטרענג אַ זאָג געטאָן און צו־געמאַכט דאָס בוך, ווי ער וואָלט פאַראויסגעוואוסט, אַז כאָטש זי ברעקלט זיך נאָך, וועט זי אים איצט נאָכגעבן.

— איכל אייך דערציילן דעם אמת, משהלע, — האָט זי געזאָגט צו אים, — איך ווייס טאַקע קיינמאָל ניט, וועלכע מאכלים איר האָט האָלט און וועלכע ניט. איר דאַנקט פאַר אַלע גלייך.

— איך האָב האָלט אַלע מאכלים, מאַמע ווועלע, — האָט ער גע־ענטפערט, — אַלץ וואָס איר קאָכט, איז גוט און געשמאַק ווי ביי דער מאַמען אין דער היים. אויב אָבער איר וועט ניט גיין שלאָפן, וועל איך

אויך ניט גיין, און איבעראַכטאָג וועל איך אינגאַנצן ניט קומען. איך ווייס, אַז צוליב זיך אַליין, וואָלט איר ניט אויף געוועזן אַ גאַנצע נאַכט.

דערהערט אַזעלכע דיבורים, האָט זי מער ניט איבערגערעדט קיין איין וואָרט, פאַררוקט אויף גיך די טעפּלעך אין זשאַר, פאַרשטעלט דעם אויוון מיט דער זאַסלינקע און גלייך געגאַנגען שלאָפן. זי ווייס דאָך, אַז ביי משהלען איז: וואָס גערעדט, דאָס געמיינט.

ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט און משהלע אַנטקעגן איר, אויף איר זונס געלעגער, האָט ער איר דערציילט אַ מעשה פון דער צייט ווען ער האָט נאָך געלערנט אין ישיבה.

— די ישיבה־בחורים האָבן יעדן דאָנערשטיק געהאַט אַ משמור, דאָס הייסט, זיי האָבן געלערנט אַ גאַנצע נאַכט. האָט עס דער ראש־ישיבה פאַרווערט. איך זע איין, האָט ער געזאָגט, אַז אַנשטאָט צו זיין מתמידים, ווי איך דאַכט זיך, זייט איר מבטל פון לערנען, מיטוואָך איז אַ צעריבע־נער טאָג, ווייל איר גרייט זיך צום משמור. פרייטיק און שבת לערנט מען ניט, ווייל מען איז אויף געוועזן אַ משמור. און די דאָנערשטיקע נאַכט גופא, איז אָדער מען לערנט, אָדער מען דרימלט איין אויפן שטענדער.

אַזוי האָט איר משהלע דערציילט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס וויל ער זי איבערבעטן הלמאי ער איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע. און ער איז טאַקע געערעכט אויך. די דאָנערשטיקע נאַכט פאַלט זי פון די פיס, די אַרבעט וואָס דאַרף געדויערן אַ שעה, געדויערט ביי איר דריי. פרייטיק שטייט זי אין טויער אַ נעכטיקע און הערט ניט וואָס די קונדן ריידן צו איר, און גלייך נאָך קידוש שלאָפט זי איין אויפן ראַנד פון טיש. זי עסט אַליין ניט און משהלע עסט אויך ניט, ער וואַרט ביז זי וועט זיך אויפכאַפּן און דערלאַנגען דאָס צווייטע געריכט, וועקן וויל ער זי ניט.

נאָר פאַרוואָס איז ער נאָך היינט אַזוי שפּעט ניטאָ? אַז משהלע זאָל ניט קומען דאָנערשטיק פאַרנאַכט איר העלפן אַריינגעמען די סחורה, האָט מיט אים, חס ושלום, עפּעס געטראָפן. זינט דאָס קעסטל איז איר גע־פאַלן אין פּלייצע, לאָזט ער זי בכלל ניט שלעפּן די קאָשיקעס. אפשר איז ער פון שטיין אַ געבויגענער אונטער דער זון קראַנק געוואָרן, היץ באַ־קומען? אַ קינד אַליין אין דער פרעמדער און שלאָפט אין אַ שייער מיט פויערים. אַבי זי האָט זיך געאיילט פאַרטיק צו ווערן מיט איר אַרבעט ביז ער קומט. וואָס זשע וועט זי איצטער טאָן די גאַנצע איבעריקע נאַכט? זי וועט סיי ווי סיי ניט צומאַכן מיט קיין אויג. גלייך ווי עס וועט ווערן טאָג, וועט זי לויפן אין מאַרק און וואַרטן אויפן סאָלטאַנישקער גערטנער... אַ דאַנק דעם אייבערשטן! זי דערהערט ווי מען עפנט די טיר. ס'איז ער, ס'איז זיין גאַנג, בלויז ער קומט אַריין אַזוי שטיל. נעמט זי דאָס קיך־לעמפּל און גייט אַריין אין וואַרשטאַט אים צוזוכטן, ער זאָל

זיך ניט צעקלאַפּן אָן אַן אייזן. זי דערזעט אַז משהלע האָט געבראַכט צו שלעפּן אַ גרויסן פּאַק.

— גוט אָוונט, מאַמע ווערע. די אַרבעט אין סאָלטאַנישעק האָט זיך געענדיקט, האָב איך באַדאַרפט זיך אויסרעכענען מיט מיין באַלעבאָס און זיך געזעגענען מיט מיינע חברים, דערפאַר האָב איך פאַרשפּעטיקט. איך האָב געבראַכט מיינע זאַכן.

— ווען איר פון היינט אָן ביי מיר וואוינען די גאַנצע צייט, — רופט זי אויס אַ דערפרייטע און האָט גלייך חרטה. ס'איז אַ געלעכטער צו פאַר־לאַנגען פון אים אַזאַ זאַך, טראַכט זי. נאָך אַלעמען איז ער דאָך איר ניט קיין „משה מחויב".

משהלע קוקט זי אָן שווייגעוודיק־ערנסט, נאָר זי איז אַזוי מלא שמחה וואָס ער איז געקומען אַ געזונטער, אַז זי באַמערקט עס ניט, און זי באַ־מערקט אַפילו ניט ווי אירע האַרטע פאַרפּראַצעוועטע פינגער גלעטן זיינע געקרייזלטע געדיכטע האָר:

— אוי משהלע, זייט איר פאַרשוויצט, — ווישט זי אַרום דעם שוויס פון זיין שטערן, — איך האָב ניט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן הלמאי איר זייט נאָך אַזוי שפּעט ניטאָ. איך האָב היינט באַקומען אַ בריוו פון מיין זון, שרייבט ער מיר, אַז ער און אייער שוועסטער וועלן אינגיכן קומען אַהיים. משהלע, גייט עסן.

ער זיצט ביים טיש און לייענט פאַר זיך דעם בריוו וואָס איז אָנ־געקומען פון וואַרשע. די מאַמע ברענגט אַריין פאַר אים פון שענסטן און בעסטן. אַ שטיקל פיש, אַ הייס פליישׁ־קנידל און אַ טעלערל זופּ. דעם אייגענעם זון איז זי קיינמאָל ניט מכבד דאַנערשטיק ביינאַכט מיט אַ שבת־דיקער סעודה, ער קען וואַרטן ביז נאָך קידוש, אָבער משהלע איז דאָך נאָך גאָר אַ קינד. און כדי אים נאָך מער צו דערפרייען, זאָגט זי:

— איך בין כמעט פאַרטיק מיט מיין אַרבעט, און איר וועט ניט דאַרפן מאַכן קיין זאַבאַסטאָווקע. פאַרוואָס עסט איר ניט, משהלע?

— וואָס מאַכט אייער פלייצע, — כאַפּט ער זיך אויף פון זיין פאַר־טראַכטקייט און נעמט עסן. אָבער די מאַמע זעט, אַז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן, און עסן עסט ער אויך ווי מיט געוואַלט.

— אַ דאַנק דעם אייבערשטן, — ענטפערט זי, — די פלייצע איז שוין אינגאַנצן געזונט, נאָר איך קען נאָך אַלץ צו זיך ניט קומען פון שרעק צוליב דעם געשלעג וואָס איר האָט פאַרפירט מיט דעם פורמאַן.

זי וויל אים ווידער אַמאָל אויסמוסרן פאַרוואָס ער האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן מיט אַ באַלעגאָלע אַזאַ רשע, דאָך שווייגט זי. לויט זיין קנייטשן מיטן שטערן, פאַרשטייט זי, אַז ער האָט איר צו זאָגן אַ וויכטיקע זאַך און אַז ער איז זיך מיישב ווי אָנצופאַנגען ריידן:

— מאַמע וועלע, — זאָגט ער לסוף מיט אַ פאַרביטענעם קול, — איך פאָר אַוועק קיין ארץ־ישראל.

ער נעמט זיך דרייען אומרואיק אויפן בענקל, אומצופרידן מיט זיך אַליין פאַרוואָס ער האָט ניט געקענט אויסציען זיינע רייד אַ ביסל לענגער און עס אָנזאָגן דער מאַמע וועלען ביסלעכווייז.

זי בלייבט זיצן מיט אָפּגענומענע הענט אין שויס און אָן אָטעם. משהלע, ווי ער וואָלט זיך אויף דעם געריכט, גיט צו האַסטיק:

— איר ווייסט דאָך, מאַמע וועלע, אַז איך האָב געאַרבעט אין סאָל־טאַנישעק, כדי זיך צוצוגרייטן פאַר אַ קיבוץ אין ארץ־ישראל, און איך האָב צוגעזאָגט דעם טאַטן, אַז איך וועל אַהין קומען ווי נאָר איך וועל דורכגיין די הכשרה.

— פאַר וועמען וועל איך איצטער גרייטן שבת? — מורמלט זי צו זיך אַליין.

— אייער זון און מיין שוועסטער וועלן אינגיכן אַהיים קומען, — איילט זיך משהלע זי צו טרייסטן, — וועט איר האָבן פאַר וועמען צו גרייטן שבת, און אייך וועט ניט זיין אומעטיק.

— מיין זון און אייער שוועסטער וועלן דאָך וואוינען באַזונדער, — זאָגט זי מיט אַ פֿאַרגליווערטן שמייכל און טרערן קייקלען זיך פון אירע אויגן.

— איי, מאַמע וועלע, — שאָקלט משהלע מיטן קאָפּ, — און פאַר זיך אַליין דאַרפט איר ניט לעבן? איר זוכט שטענדיק וועמען ליב צו האָבן און פאַר וועמען זיך מקריב צו זיין.

די מאַמע קוקט אויף זיינע פולע וואַרעמע האַלב אָפענע ליפּן וואָס ציטערן — און זי קומט צו זיך: משהלע פאָרט דאָך אין הייליקן לאַנד פון די אָבות, און זיינע עלטערן זיינען אויך דאָרטן. זיין מוטער האָט גענוג זיך אויסגעבענקט נאָך אים. זיין טאַטע האָט געלאָזן די רבנות, ער זאָל קענען זיין אינאיינעם מיט אים. דער רביצנס איינציקע טאָכטער בלייבט דאָ מיט איר זון, פאַרלאַנגט זי נאָך אַז אויך משהלע זאָל דאָ בלייבן, איר העלפן שלעפּן די קאָשיקעס?

זי וויל משהלע זאָל פאַרגעסן די נאַרישקייט וואָס זי האָט געזאָגט, נעמט זי מיטאַמאָל דערציילן מיט אַ הייטערן טאָן:

— אונדזער עלטסטער זון מאָיסיי איז אויך געווען אַ ציוניסט. הלוואי וואָלט מאָיסייס זון אַראָנטשיק געווען אַזאַ ווי זיין טאַטע און ווי איר. איך צו לאַנגע יאָר, וואָלט אַראָנטשיקס מאַמע ניט באַדאַרפט ציטערן טאָג און נאַכט מען זאָל אים ווידער ניט איינזעצן. אַראָנטשיק האָט אַלעמאָל אָפּגעלאַכט פון זיין פעטער איסאַק דעם אַפּטייקער, וואָס האָט געהייסן מיין

זון, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, ער זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל טרי־קענען זומפּן.

— אין דעם איז ער געגרעכט געווען אַראָנטשיק, וואָס ער האָט אָפּ־געלאַכט פון זיין פעטער, — שמייכלט משהלע, — מען דאַרף אַליין פאָרן, ניט הייסן אַנדערע.

— אונדזער שכן ר' ברוכל, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין, האָט אויך גע־וואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל שטאַרבן, — זאָגט די מאַמע נאָך מער צע־טומלט וואָס זי קען ניט בייקומען איר צערודערטקייט, — נאָר ר' ברוכלס ווייב, מיין שותפטע בלומעלע, האָט דווקא געוואָלט פאָרן צו די קינדער קיין אַרגענטינע. זיינען זיי, נעבעך, ביידע געבליבן אין ווילנע אויפן זאַ־רעטשער בית־עולם.

— אַ שאָד, — באַדויערט משהלע — אוודאי איז בעסער צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אַרבעטן און לעבן. וויבאַלד אָבער אַז איינער וויל פאָרן דאָרט כאָטש שטאַרבן, איז אַ סימן, אַז ער האָט אויך געוואָלט דאָרט לעבן, מער ניט אים האָט אויסגעפעלט כח עס דורכצופירן.

די מאַמע זעט אַז משהלע וויל איר העלפן זיך פאַררעדן. ווערט זי אויף זיך אַליין בייז פאַר איר אויפפירונג, און מיט ציטערדיקע הענט נעמט זי אַרויס פון איר בייטל אַ לייוונטענעם זעקעלע:

— משהלע, איר פלעגט מיר יעדע וואָך אָפּגעבן צוויי זלאָטעס פון אייערע שכירות. איך האָב ניט געוואָלט מיט אייך זיך דינגען, ווייל איר האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל ניט נעמען, וועט איר צו מיר ניט קומען אויף שבת. האָב איך גענומען און אָפּגעלייגט באַזונדער. איצט אַז איר פאָרט אין אַזאַ ווייטן און שווערן וועג, בעט איך אייך: נעמט אייער געלט און האָט צושטייער אויף וואָס איר דאַרפט.

— מאַמע וועלע, — שלעפּט משהלע אַרויס פון קעשענע אַ גאַנצן הויפן פּאַפּיר־געלט, — אויך איך האָב ניט געוואָלט מיט אייך זיך דינגען. איר האָט ניט געוואָלט נעמען דאָס געלט וואָס אייך האָט געקומט, האָב איך עס געהאַלטן ביי זיך. אָבער איך האָב גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן דערמיט. אַ גאַנצע וואָך פלעג איך עסן און שלאָפן אין סאָלטאַנישעק. איצט אַז איך פאָר אַוועק, וויל איך עס אייך צוריק אָפּגעבן. אויף הוצאות שיקט מיר דער טאַטע.

די מאַמע דערפילט אַ שטיקעניש אין האַלדז. זי וואָלט גערן אַוועק אין אַ ווינקעלע און זיך אויסגעוויינט איבער אַ תחינה.

— משהלע, איר פאַרשעמט מיך.

קוקט ער זי אָן פאַרוואונדערט און שאַרט צונויף דאָס געלט, וואָס זי האָט אַרויסגעלייגט, אינאיינעם מיט זיינע פּאַפּירענע זלאָטעס.

— גוט, מאַמע ווערע, — זאָגט ער געלאַסן, — מיר וועלן ביידע קויפן אַ מתנה פאַר אייער זון און מיין שוועסטער.

— משהלע, איר פאָרט אַוועק גלייך נאָך שבת?

— ניין, מאַמע ווערע. איך וועל וואַרטן ביז מיין שוועסטער וועט צוריקקומען פון וואַרשע.

— משהלע, ווען איר וועט שרייבן בריוו פון ארץ־ישראל, זאָלט איר מיך ניט אָנרופן „מאַמע ווערע". אייער מוטער, די רביצן, קען נאָך פאַר־איבל האָבן. און בעט ביי אייער מוטער זי זאָל אויף מיר ניט טראָגן קיין פאַרדרוס וואָס איר טאָכטער איז ניט אָנגעקומען אויף אַ גרויסע שפּע ווי זי האָט פאַרדינט. ווען איך בין אין שטאַנד, וואָלט איך אייער שוועסטער געהאַלטן ווי אַ בת־מלכה.

זי ציט אָפּ דעם אָטעם ווי אָנצופילן די פוסטקייט, וואָס זי האָט דערפילט אין האַרצן. אויף די ווענט פון דער קוזניע פויזען אַרום ליכט־שטרייפן, דער טונקעלער בלוי אין פענצטער ווערט העלער און העלער. משהלע פאַרגעסט צו דערמאָנען דער מאַמע ווערען זי זאָל גיין שלאָפן. ער זיצט מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט און שוויגט אַ פאַר־אומערטער.

# דער זאָקן־הענדלער

## I

אין הויף פון דער גענדזליאַרניע האָט מיט יאָרן צוריק געוואוינט די משפחה פּרעס. דער שריפטזעצער זלמן פּרעס, אַ קליינ־וואוקסיקער, אַ דאַרינקער, מיט לאַנגע האָר ביז אונטער די אויערן און אַ צונג אויף שרויפן, האָט פאַר זיינע באַלעבאָטים ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי „עקספּלואַטאַטאָרס". מיט די אַרבעטער האָט ער געלעבט נאָך ערגער. ער האָט זיי חושד געווען, אַז זיי רוקן אים אונטער בכיוון צו שלעפּן שווערע קאַסטנס מיט בלייענעם זאַץ, כדי ער זאָל זיך אונטער־רייסן. פלעגט ער זיך אָנצינדן ווי אַ שוועבעלע און שרייען:

— ווען די ווילנער זעצער וואָלטן געהאַט אַ מלוכה, וואָלטן זיי גע־ווען נאָך גרעסערע מערדיירים ווי די עקספּלואַטאַטאָרס אין דער דרוי־קעריי פון די ברידער ראָם, און נאָך ערגער פון דעם עקספּלואַטאַטאָר מאַץ.

די דרוקער האָבן זלמנען גערופן „מערידניק". כאָטש ער שפּרינגט אום ווי אַ פלוי, האָט ער מערידן ווי אַ באַנק־קוועטשער, האָבן געטענהט די שריפטזעצער. אַנדערע האָבן אים גערופן „האָצמאַך", ווייל ער האָט אַמאָל אין אַ קרוזשאָק געשפּילט טעאַטער. ער איז געווען אַן אַמאַטאָר אויף דער בינע און איז געבליבן אַן אַמאַטאָר, אַ קאַליקע, אין דער אַר־בעט, האָט מען געזאָגט אויף אים. אַנדערע האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „דער פּאַיעט" צוליב זיין דעקלאַמירן אויף אויסווייניק מיט דער האַנט אויפן האַרצן די לידער פון מאָריס ראָזענפעלד. לסוף האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט נאָך אַ נאָמען, וואָס האָט אים גאָר געלייגט אין דער ערד אַריין. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט".

איינמאָל איז אים געקומען אַ משוגעת אין קאָפּ איינצולאַדן אויף שבת פאַרנאַכט אַן אַרבעטער מיט וועמען ער האָט זיך נאָך ניט געהאַט צע־קריגט. זלמן פּרעס האָט געוואָלט באַווייזן פאַר דעם גאַסט ווי באַוואוסט־

זיניק זיינע קינדער זיינען. האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי זיין ייִנגסטן ייִנגעלע:

— מאָטעלע, וואָס וועסטו זיין ווען דו וועסט אויסוואַקסן?

— אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, — האָט מאָטעלע געענטפערט אונטערן נעזל.

מער האָט מען ניט באַדאַרפט. דער אַרבעטער האָט עס צעפּויקט, און טאָמער עפּעס אַ האָר, פלעגן די זעצער זיך נעמען צו זלמנס יאָרן:

— אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט זייט איר? אַ פּוילער לודער זייט איר! איר ווילט אַנדערע זאָלן פאַר אייך אַרבעטן, און איר וועט אַרומגיין ריידן מיטן פאַרטייִנעם „סאָבעסדיקן" לשון.

— זיין מאָטעלע זאָל געהערן צום „מאָלי בונד" שטייט אים ניט אָן. ער וויל דורכאויס אַז מאָטעלע זאָל זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. אַזאַ מערידניק, אַזאַ האָצמאַך, אַזאַ פּאַיעט.

יתרוס נעמען.

דער היפּוך פון קליינעם, ביינערדיקן און ריידעוודיקן זלמן פּרעס, איז געווען זיין ווייב פייגע פּרעס. אַ באַלייבטע יידענע, אַ געלאַסענע, אַ געזעצטע, האָט זי געהאַלטן די בולאַווע אין איר האַנט און געפירט די שטוב. דער מאַן האָט ביי איר געהאַט אַזאַ דעה, ווי די פּאַראַיאַריקע פליגן, וואָס האָבן ווינטער־צייט געזשומעט אין די ווינקלען פון די פּאַרקיטע־ווען פענצטער. זי פלעגט זיך קלאָגן פאַר איר שכנה, מיין מאַמען:

— מיין מאַנעלע איז אַלעמאָל געווען אַ ווינט אין פעלד, אַ לידיק־גייער און אַן אויספיינער. נאָר אַמאָל האָב איך געמיינט, אַז אַן אידעאַליסט דאַרף זיין אַ לאַ־יוצלח. איך אַליין בין דאָך אויך געווען אַן אידעאַליסטקע, אַ כשרע בהמה. איך געדענק עס נאָך ווי היינט, דאָס איז געווען אַ יאָר צוויי נאָך אונדזער גליקלעכער חתונה. יעדן שבת נאָכן טשאָלנט האָט זיך מיין מאַנעלע אויסגעפּוצט אין ברייטן שלייף, געשפּיגלט זיך אַ שעה צייט אין שפּיגל, אונטערגעזונגען, אונטערגע־שפּרונגען, דאָס האָט ער געמאַכט פּראָבע, דער אַקטיאָר, דערנאָך האָט ער גענומען אַ בוך אונטערן אָרעם, דעם שטאָק אין דער האַנט, און איז אַוועק אין טעליאַטניק פירן אַ דיסקוסיע. איך, דער נאַר, בין געבליבן זיצן אין שטוב און געוויגט יודקען, מיין עלטסטן ייִנגל. ניט איינמאָל איז מיין גבור צוריקגעקומען פון גאָרטן אַ צעדראַפּעטער און האָט זיך נאָך פאַר מיר באַרימט: אַהאַ, האָב איך זיי דערלאַנגט... מיטן־מויל.

פייגע האָט גערעדט פּאַמעלעך און דערביי צוגעשפּילט, געוויזן ווי איר מאַן בינדט אויס דעם שלייף, קרימט זיך ביים שפּיגל און גייט שפּאַצירן מיטן שטאָק אין דער האַנט. ווייזט אויס, אַז ניט נאָר איר מאַן, אויך זי האָט געהאַט אין זיך טעאַטער־בלוט.

זייערע ייִנגלעך האָבן געלערנט אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, און אַלע דריי, פון בכור ביז דעם מיזיניק, האָבן געמאָלן. זיי האָבן געהאַט גרויסע פּאַליטרעס מיט פאַרבן, לאַנגע דינע פּענדזלעך פון חזיר־האָר, פּעק מיט דיקן צייכן־פּאַפּיר און אַפילו לייוונט. אין שטוב איז תמיד געווען אַ מיסט־קאַסטן, די ווענט, די בענקלעך און דער טיש איינגע־שמירט אין וואַסער־פאַרב, אין אייל־פאַרב, און די ייִנגלעך זיינען גע־שטאַנען צוגענאָגלטע צו זייערע מאָל־ברעטער. דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּרינגען פון איין טאַלאַנט צום צווייטן, דאָ פאַרמאַכט איין אויג, דאָ פאַרזשמורקעט דאָס אַנדערע, אָפּגעטענצלט אַהינטער, כדי צו זען פון דער ווייטן צי אויף די בילדער איז דאָ „פּערעספּעקטיוו”, און גע־זאָגט מבינות.

איך האָב אַ קורצע צייט געלערנט אין די וועלטלעכע שולן אינ־איינעם מיט זלמנס בנים. אין קלאַס זיינען זיי געווען גרויסע שלעגער, געראָטן אין טאַטן דעם קריגער. אויף די לעקציעס האָבן זיי געקוקט כלומרשט וואָס דער לערער ווייזט אויפן טאָוול, און בעת מעשה געבריי־קעט מיט די פיס אונטער דער באַנק די אַנדערע תלמידים. אויף די הפסקות האָבן די ייִנגלעך זיי אָפּגעצאָלט, און ס'איז שטענדיק אַרום זיי געווען אַ קנויל פון הענט און פיס, ווי מאַלפּעס וואָלטן זיך צונויפגע־פלאָכטן אינאיינעם און געפליקט מיט די נעגל איינע די אַנדערע. איך אָבער האָב געלעבט גוט מיט זלמנס בנים.

איך האָב אויך געוואָלט ווערן אַ מאָלער, האָב איך זיך איינגעשאַפט פאַרבן, פּענדזלען, פּאַפּיר, און גענומען שנאָרען ביי די געבוירענע טאַ־לאַנטן זיי זאָלן מיר ווייזן ווי אַזוי זיי מאָלן אויס גאַנצע מעשיות אויף די בילדער: פויערישע הייזלעך, פּאַרקענעס,ביימער, אַ וועג, אַ פור מיט אַ פערד און מחנות פייגל וואָס פליען אונטער די וואָלקנס. אָבער זלמן פּרעס האָט געציטערט מען זאָל ניט אויסנאַרן ביי זיינע קינדער דעם סוד, האָט ער מיך כסדר געטריבן פון שטוב:

— ביי מיר איז ניט קיין קונסט־אַקאַדעמיע און ניט קיין קלוב. גיי „אין הילף דורך אַרבעט”, וועסטו זיך דאָרט אויסלערנען צו זיין אַ וואַנט־מאָלער.

איז געבליבן נאָך איין־און־איינציקע האָפענונג: נאָכצוקוקן זלמנס ייִנגלעך ווען זיי גייען אַרויס אויפן הויף מאָלן פון דער נאַטור דעם קלויס־טער־שפּיץ פון רודניצקער גאַס. אָבער זלמן איז געווען אויף דער וואַך. ער האָט מיך אַוועקגעיאָגט און געשריען אַפילו אויף די אַרומיקע פאַר־גאַפטע שכנים:

— צעגייט זיך! וואָס גאַפט איר? אַלע עקספּלואַטאַטאָרס האָבן די טבע נאָכצוקוקן יענעמס איינפאַלן און מאַכן דערפון געלט.

נאָר ביים פּאַרלייענען אויף אויסווייניק מיט דער האַנט אויפן האַרצן מאָריס ראָזענפעלדן און אויך זיינע אייגענע פּאַרפּאָסונגען, איז זלמן פּרעס געווען ניט קאַרג. פון אים האָב איך עס צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געהערט לייענען לידער.

פון אונדזער גענדזליאַרניע־הויף האָט זיך זלמן אַריבערגעקליבן אין אַ גרויסן אָרעמאַנסקן הויף אויף נאָוואָגראָד און דערנאָך אַריבערגעוואַנ־דערט ערגעץ אַנדערשוואו. ווען זיין עלטסטער יינגל, יודקע, איז אויס־געוואַקסן איז ער געוואָרן ניט קיין סאָציאַל־דעמאָקראַט ווי זיין טאַטע, נאָר אַ קאָמוניסט; און אין די יאָרן, ווען די רוסן האָבן געעפנט די גרינע גרענעץ, איז ער אַנטלאָפן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

יודקע איז אין רוסלאַנד אַריין ווי אין וואַסער, פּונקט ווי אַלע אומ־לעגאַלע אַריבערוואַנדערער, און פייגע האָט איר מאַן, זלמנען, געטיקעט אין די אויגן, אַז צוליב אים איז יודקע אַנטלאָפן פון דער היים.

זלמן האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן די קריגערייַ מיט זיין פייגען און די מלחמה מיט די ווילנער דרוקער, האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף גאַנץ ווילנע און איז אַוועקגעפאָרן אַהין פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, קיין קרייצבורג אָדער קיין יאַקאָבשטאַט אויף דער דווינע. יאָרן־לאַנג האָט ער זיך געוואַלגערט ביי די לאַטישן, ביז ער איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויסער באָרד און נאָך לענגערע האָר.

זלמן פּרעס איז געוואָרן אַ זאָקן־הענדלער.

די מאַמע אין טויער זעט ניט די שיין פון טאָג. אויף דער גאַס, צוויי טריט פון איר, שטייט איר אַמאָליקער שכן, זלמן דער זאָקן־הענד־לער, און אַרום אים איז אַזאַ באַפאַל, ווי עס וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ היישעריק. ניט מיט די שקאַרפּעטקעס, וואָלענע מאַנסבילשע זאָקן און זיידענע ווייבערשע זאָקן, וואָס זיינען אָנגעלייגט אויף זיין לינקן אָרעם, ציט ער צו די קונים; ניט מיט די קעמעלעך, שפּיגעלעך, האָר־נאָדלען, זיכער־שפּילקעס און אַנדערע שאַלעמויזן, וואָס ער האַלט אין קאָשיקל אין דער רעכטער האַנט, פאַרנאַרט ער די פאַרבייגייער; מיט גראַמען פאַר־נאַרט ער זיי, מיט לידלעך ציט ער זיי צו. מענטשן, וואָס עס ליגט זיי ניט אין דער פּיאַטע קיין זאָקן, רינגלען אים אַרום און קענען זיך ניט אָפּ־וואונדערן פון זיינע גראַמען, וואָס ער טרייסלט אַרויס פון זיינע אַרבל, פון די קעשענעס, ווי אַ קונצנמאַכער וואָס וואַרפט אַרויס מטבעות פון נאָז און פון די אויערן.

דורך דער גאַס גייט אַ פרוי מיט אַ האַנט־קערבל. זי איז אין די

היוכע חדשים. די שוואַנגערע דערזעט אַ רעדל און שטעלט זיך אָפּ. דער זאָקן־הענדלער טוט איר אין איילעניש אַ פרעג:

— ווי רופט מען אייך?

— פייגע, — שמייכלט די פרוי. זי דערקענט אין די אויפגעהייטערטע געזיכטער אַז דער ייד איז אַ לץ, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער.

— פייגע? — טוט דער גאַלאַנטעריישטשיק אַזש אַ שפרונג אָפּ אַהינ־טער פון אמתער אָדער געמאַכטער שרעק, גיט אַ קנייטש מיט אַ ברעם און האָט פּאַרטיק אַ לידל:

מיין ווייב מיין מלאך המות הייסט דאָך אויכעט פייגע,
נאָר איר זייט אין אַ סך אַ העכערער מדרגה.

דער אַרומיקער עולם כאַפּט אַ קוק אויף דער יידענע, אויף איר אָנגע־קוואָלענעם בויך, און פאַרשטייט דעם זאָקן־הענדלערס אָנצוהערעניש. זלמן מאַכט אויף גיך דעם סך־הכל:

אויב איר פאַרמאָגט אַ זונעלע אברהמל,
טאָ קויפט פאַר זיינע לייזעלעך אַ קעמל.
און אויב איר האָט אַ בת־יחידקע צילקע,
באַדאַרף די צנועהלע אַ זיכער־שפּילקע.

דער עולם איז נבהל ונשתומם: ער האָט אַ ממזרישן קאָפּ אויף זיך! דער שוואַנגערער פרוי פּאַסט ניט נאָך אַזאַ אויפרופעניש אַוועקצוגיין מיט גאָרניט, נעמט זי זיך גראַבלען אין זיין קאָשיקל און גיט אים צו לייזן.

מער פון אַלעמען איז צעהאָצט מאַריאַשע, די וועלט־באַריידערקע. זי איז פונקט איצטער אַרונטערגעלאָפן אין קרעמל כאַפּן עפּעס פאַר איר מאַן צום עסן, אים פאַרשטאָפּן די רילע. אָבער אויף צוריקוועגס פון קרעמל האָט זי דערזען דעם צונויפגעלויף. שטייט זי מיטן הערינג אין דער האַנט, מיט אַ טיכל אויף די צעפּאַטלטע האָר, אין אַ פאַרשלומפּערט קליידל און מיט אַראָפּגעלאָזטע זאָקן. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אַז איר מאַן זיצט אין שטוב אויף הייסע קוילן, און זי בעט זיך ביים גאַלאַנטעריי־טשיק ווי ביי אַ גזלן:

— זאָגט אַ גראַם צו מאַריאַשע.

דערביי ווינקט זי כיטרע צום עולם, ווי איינער זאָגט: טוט אַ קוק אויף טשיקאַוועס ווי איך טרייב קאַטאָוועס פון דעם צעפּלאָכטענעם יידל, פון דעם פריילעך־מאַכער.

דער גאַלאַנטעריישטשיק וואַרפט אַ בליק, דערשנאַפּט גלייך מיט וועמען ער האָט צו טאָן, גיט ער אַ טרייסל נאָכאַמאָל מיט די לאַנגע האָר און זינגט שוין.

צי הייסט איר יאַכנע־דוואָשע צי מאַריאַשע —
אַרומגיין אַ פאַרשלומפּערטע איז שענדלעך.
וואָס דאַרף מען אָבער טאָן צו דעם? מאַכט רש״י:
אַ יידענע דאַרף קויפן זאָקן־בענדלעך.

מאַריאַשען בלייבט דאָס געלעכטער שטעקן אין האַלדז. דערפאַר לאַכט די צוקערניצע אַ געזעטיקטע מיט נקמה פון איר ליבהאַרציקער שכנהס מפּלה. מאַריאַשע קומט גיך צו זיך פון דער צעטומלטקייט און מאַכט ווידער אַ זיסע צורקע:

— אויב אַזוי, זאָגט אַ גראַם צו צוקערניצע.

מען קען ניט וויסן, צי דער זאָקן־הענדלער דערשרעקט זיך פאַר דער צוקערניצעס גזלנישע אויגן וואָס בויערן אים דורך: זאָג נאָר אַ וואָרט, קוילע איך דיך! אָדער עס פעלט אים טאַקע אויס אַ גראַם. אומגע־ריכט גיט ער זיך אַ דריי אויס צום טויער און ווייזט מיט אַ פינגער אויף מיין מאַמען:

— אַ גראַם צו צוקערניצע דאַרפט איר פרעגן ביי וועלעס זון. ער איז פון די היינטיקע שרייבער, ביי אים גראַמט זיך — אַלץ.

פון התפעלות, וואָס מאַריאַשען האָט זיך ניט איינגעגעבן זי מאַכן צום נאַר, לאָזט די צוקערניצע אַרויס אַזאַ ווייבערישן קוויטש, ווי דער דיבוק, וואָס רעדט פון איר שטענדיק אַרויס מיט אַ מאַנסבילשן קול, וואָלט איצט געפּלאַצט:

— איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! איר קענט דאָך זיין אַ בדחן אויף חתונות.

דער עולם בלייבט אַן אויגנבליק פאַרחידושט: ווער וואָלט זיך עס געריכט אויף דער צוקערניצע אַז איר זאָל איינפאַלן אַזאַ פּלאַן, אַ פּלאַן פון אַ מיניסטער? עס ברעכט אויס אַ טומל, אַלע שטופּן זיך צום הענד־לער מיט עצות:

— וואָס טויג אייך צו האַנדלען מיט זאָקן? ווערט אַ בדחן, וועט איר שאַרן געלד.

— דער זעזמער בדחן איז קעגן אייך אַ הונט.

— אליקום צונזער וואָלט ביי אייך געמעגט דעם אויוון הייצן.

— אויף חתונות גייט, אויף גבירישע חתונות, ס׳וועט אויף אייך זיין אַן איינרייסעניש.

— וואָס איז? — קוקט זיך אַרום דער זאָקן־הענדלער, — און איר זייט דען שלעכטע מחותנים? די וועלט איז אַ כאַסינקע פאַר די גראָבע בייכער, און מיר, די אביונים, מיר שטייען אינדרויסן ביי די פענצטער. דאָרט אין די פאַרפוצטע זאַלן שטייט אויבנאָן דער זעזמער בדחן, אָדער

ר׳ אליקום צונזער, ער רופט אויס דרשה־געשאַנק, טיילט כיבודים די רייכע מחותנים, און דערפאַר וואַרפט מען אים אַריין אַ נדבה אין יאַרמלקע. אָבער די שלעפּער אינדרויסן דאַרפן דאָך אויך אַ מאַרשעליק, בין איך דער מאַרשעליק. ביי מיר קאָסטן קיין גראַמען קיין געלט ניט. איך גיב זיי פאַר אַ צוגאָב צו זאָקן, שפּילקעס און אַנדערע כאַלעריעס. הערט זשע מיט אַ קאָפּ דאָס לידל וואָס איך האָב פאַרפאַסט אַנוסטן פאַר אַזעלכע מחותנים ווי איר זייט.

ער שטעלט אַראָפּ אויפן ברוק דאָס קאָשיקל וואָס ער האַלט אין דער רעכטער האַנט, גלייכט אויס די זאָקן אויף זיין אויסגעבויגענעם לינקן אָרעם, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, טוט אַ קנאַק מיט צוויי פינגער און נעמט אונטערשפּרינגען:

ס׳איז אַ חתונה, אַ טומל,
לאָמיר טאַנצן פריילעך.
מיר נאָר פעלן אויס צום רומל,
אַ בראָך צו אונדזער הולך!
קוקט, קבצנים, דורך די שויבן
אויף דעם פלייש און אויף די פיש.
אַז איר זאָלט דעם נגיד לויבן,
וואַרפט מען צו פון רייכן טיש.
פאַר שיריים, חברה שנאָרער,
לויבט דעם חתן, לויבט די כלה.
פאַר די ביינער, פאַר דעם מרור,
לויבט די מחותנים אַלע.
טאַנצט זשע עמך, שער־און־אייזן,
טאַנצט זשע, חברה בעל־מלאכות,
טאַנצט אַזוי, איר זאָלט ניט ווייזן
אייער נאָקעט־הוילן —

דער זאָקן־הענדלער גיט זיך אַ שטעל אָפּ ראַפּטום און וואַרט דער עולם זאָל זיך אַליין אָנשטויסן אויפן לעצטן גראַם. עמעץ אין געזעמל כאַפּט אונטער דאָס וואָרט — און אַלע שיסן אַרויס אין אַזאַ געלעכטער, אַז עס דוכט זיך, באַלד וועלן די פענצטער פּלאַצן. באותו רגע גיט דער זאָקן־הענדלער אַ נעם זיין קאָשיקל און פאַרשווינדט אין הויף פון דער געענדזליאַרניע, ווי אַן אַקטיאָר וואָס טראָגט זיך אָפּ פון דער בינע אינ־מיטן אַן אַפּלאָז.

די צוהערער קוקן זיך אַרום, מען הערט אויף לאַכן און אויף די

פנימער נעמט זיך אָפּשפּיגלען דער האַרבסטיקער פאַרוואָלקנטער הימל, מען קנייטשט פאַרדאגהט מיט די שטערנס און מען שאָקלט מיט די קעפּ:

— אַן אַלטער ייד זאָל ריידן ניבול־פּה.

— אַ ייד מיט אַ באָרד זאָל שפּרינגען ווי אַ באָק און זיך מאַכן נאַריש.

דאָס געזעמל צעקריכט ביסלעכווייז, די מאַמע אין טויער דערזעט מיט מזל די שיין פון טאָג, נאָר זי דערפילט ווי עמעץ טאַרקעט זי ביי דער האַנט. זלמן איז אַרויסגעשפּרונגען פון הויף און רעדט צו איר פאַרסודעט, האַסטיק:

— וואָס זאָגט איר, הא, איר האָט געזען ווי מען האָט מיך געהערט? דערציילט עס אייער זון. ער איז דאָך פון די נייע שרייבער, האָלט ער מיך פאַר אַ גראַמען־פלעכטער. איך האָב נאָך ניט אַלע קופּלעטן אויסגעזונגען. אָט וועל איך פאַר אייך אַ זינג טאָן נאָך אַ קופּלעט:

חברה קלעזמער, קומט אַהערצו
מיט די פידלען, מיט די טאַצן.
רייסט אַרויס פון זיך די הערצער,
ביז די סטרונעס וועלן פּלאַצן.
אַרבעט מעשים, בדחן, סאַרוועך,
שטעלט זיך אויף די קעפּ און האָפּקעט.
אפשר וועט דערנאָך דערפאַר ווער
לאָזן טרינק־געלט אייך אַ קאָפּקע.

איר זעט, וועלע, — רעדט ער אין איין אָטעם, — איך האָב אַנומלט געלייענט אַ בראָשורקע וואָס אייער זון מיט זיינע חברים האָבן אַרויסגעגעבן, שרייבן זיי דאָרטן, אַז מען דאַרף מאַכן נייע גראַמען. האָב איך אייך באַוויזן די קונץ: „סאַרוועך — דערפאַר ווער".

— איך פאַרשטיי זיך ניט אויף די זאַכן, — קוקט די מאַמע אַ ביסל אַן איבערגעשראָקענע אויף דעם זאָקן־הענדלער, וואָס רעדט ווי אַ קדחת וואָלט אים געוואָרפן, — נאָר מיר קומט אויס, אַז איר לאַכט אָפּ פון זיך אַליין.

— אָט! אָט! — פאַרכלינעט זיך זלמן אַזש פון פרייד און טייטלט מיט אַ פינגער דער מאַמען אין פנים, — איר זאָגט אַז איר פאַרשטייט ניט, אין דער אמתן פאַרשטייט איר שוין איינמאָל אַן עסק. די חמורים אויף דער גאַס האָבן געכאָכאָטשעט, און ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס לאַך איך אָפּ פון זיי און פון זיך אַליין. ווי לאַנג אַ מענטש מיינט, אַז מען קען די פאַרקערטע וועלט צוריק איבערדרייען מיט די פיס אַראָפּ און מיטן קאָפּ אַרויף, אַזוי לאַנג וויינט דער מענטש, שרייט, שילט און רופט

צו מעשים, צו מעשים, אַט ווי דאָס טוט אייער זון. נאָך אַלעמען איז ער נאָך אַ יינגל. אָבער ווען מען ווייס שוין דאָס וואָס איך ווייס, אַז מען וועט די פּאַרקערטע וועלט ניט אַוועקשטעלן אויף די פיס, שטעלט מען זיך אַליין אויפן קאָפּ. ווער וועט איבערדרייען די וועלט? איך, וואָס די וויב מיינע, פייגע, רופט מיך שטינקער? פייגע גייט דאָך אַרום איבער די קראָמען און באַרימט זיך: איך האָב פיינט מיין מאַן. און זי האָט גע־פועלט ביי מיינע קינדער אַז אויך זיי זאָלן פון מיר אָפּלאַכן — וועל איך עס איבערדרייען די וועלט? דעריבער לאָך איך פון זיך גופא מיט גרוי־נע יאַשטשערקעס. דערציילט אייער זון פון די קופּלעטן וואָס איר האָט פון מיר געהערט.

— וואָס רעדט איר, ר׳ זלמן? איך מיט מיין שוואַכן קאָפּ קען עס דען געדענקען? מען דאַרף האָבן דערצו אַן אייזערנעם זכרון. ווייסט איר וואָס, שרייבט עס אָן אויף אַ פּאַפּיר און גיט עס מיר, וועל איך עס ווייזן מיין זון. זינט ער איז געקומען פון וואַרשע, וואוינט ער פאַר זיך מיט זיין וויב, נאָר יעדן טאָג קומט ער צו צום טויער.

— אָט דאָס ווילט זיך אייך! — צעלאַכט זיך זלמן ווי ער וואָלט שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ אַרויספּאַל, — איך זאָל עס אייך איבערשרייבן אויף אַ פּאַפּיר און אייער זון זאָל עס אָפּדרוקן אין זיין נאָמען, ווי ער וואָלט געווען דער פאַרפאַסער.

— מיין זון איז, חלילה, ניט קיין גנב, — זאָגט די מאַמע אַ גע־קרענקטע, — איר, ר׳ זלמן, האָט פון שטענדיק אָן די געוואוינטשאַפט אַלעמען חושד צו זיין. ווען איר האָט געוואוינט אויף אונדזער הויף און מיין זון איז נאָך געווען אַ יינגל, האָט איר מורא געהאַט אים אַריינצולאָזן צו אייך אין שטוב, טאָמער וועט ער ביי אייערע יינגלעך אויסכאַפּן דעם סוד ווי מען מאַלעוועט מיט קראַסקע.

— און איך האָב געטראָפן! — רופט אויס זלמן מיט אַזאַ זיכערקייט ווי ער וואָלט דערטאַפּט אַ פרעמדע האַנט אין זיין קעשענע, — איך האָב געטראָפן. אַנדערע זיינען טאַקע געוואָרן מאַלער, גייען אין די אַקאַדעמיעס, מען מאַכט פון זייערע בילדער וויסטאַוועס, און מיינע קינדער זיינען גע־בליבן שלים־מזלניקעס ווי זייער טאַטע. פייגע גייט אַרום איבער די קראָמען, קויפט צענויף קאַרטאָפל־זעק, מעל־זעק, זעק פון גרויפּן, און מיינע זין העלפן איר שלעפּן די זעק. אַ בוידעם האָט זיך אויסגעלאָזט פון זייער מאַלעריי.

זלמנס אויסגעבויגענער אָרעם וואָס איז אָנגעלייגט מיט זאָקן, נעמט ציטערן ווי אין ווינט אַ שטריק מיט גרעט. ער כאַפּט זיין קאָשיקל און אַנטלויפט.

ער איז געוואָרן נאָך מער פאַרביטערט ווי ער איז געווען, קלערט

די מאַמע. אָט דאָס ווערט פון אַ מענטשן ווען ער דערגרייכט ניט וואָס ער וויל. באַהיט מיך, גאָט, איך זאָל צוליב מיין מאַטערניש ניט דער־גיין צו אַזאַ ביטערקייט, און פאַרהיט אויך מיינע קינדער. איך פאַרשטיי גאָרניט די מענטשן, וואָס זייער גאַנצער אויסקוק איז, אַז זייטיקע און פרעמדע זאָלן זיי צופּאַטשן מיט די הענט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט אין טויער זיך אָפּגעשטעלט פייגע. זי האָט אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אַ פּאַק צונויפגעדרייטע זעק, אָפּגע־צויגן דעם אָטעם און גערעדט פּאַמעלעך:

— איך האָב פיינט מיין מאַן און באַהאַלט עס ניט פון דער גאַנצער וועלט. נאָר ער זאָגט, אַז זיינע לידלעך געפעלן זייער שטאַרק אייער זון, און אייער זון, זאָגט ער, וועט אַ ליאַדע טאָג אַריינקומען צו אונדז צו גאַסט. וויל איך זען, צי מיין מאַן האָט אויך דאָס מאָל אויסגעטראַכט אַז די גאַנצע וועלט איז אים מקנא, אָדער ער האָט איינמאָל אין אַ יובל גע־זאָגט דעם אמת. איר, וועלע, וואָלט אויך געמעגט אָפּשטאַטן אַ וויזיט אַן אַלטער שכנה.

די מאַמע גלייבט ניט אירע אייגענע אויערן. דער זאָקן־הענדלער איז דאָך אַ ווילדער פאַנטאַזיאָר, טראַכט זי. נאָר ווי זי זעט גייט עס אים אין לעבן, וועט זי מוזן פּועלן ביי איר זון, ער זאָל אַרויפגיין צום זאָקן־הענדלער.

— אַ גאַנצע וואָך איז מען פאַרהאָרעוועט ביי די קאָשיקעס, — פאַרענטפערט זי זיך פאַר פייגען, — קומט שבת, איז מען פאַרמאַטערט, און אַ יידיש וואָרט דאַרף מען אויך נעמען אין מויל, מען איז ניט מער ווי אַ זינדיקער מענטש. איכל אָבער אימירצעשעם צו אייך אַריינגיין.

— און אייער זון?

— מיין זון? איר ווייסט דאָך, פייגע, ער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט, איז ער פאַרנומען, אַ יונגע פּאָר. וויבאַלד אָבער ער האָט צוגעזאָגט צו קומען, וועט ער זיכער קומען.

# II

איך האָב ניט געהאַט געזען זלמנען זינט ער איז צוריקגעקומען אַהיים און געוואָרן אַ זאָקן־הענדלער. האָב איך איינגעשטימט מיט דער מאַמען, מיר זאָלןביידע אַרויפגיין שבת בייטאָג צו אונדזער אַלטן שכן. איך בין געווען נייגעריק צו זען וואָס עס איז געוואָרן פון זלמנס אַמאָליקער באַ־

גייסטערונג ביים לייענען, מיט דער האַנט אויפן האַרצן, מאָריס ראָזענ־פעלדן. מיר איז אָבער ניט געווען צום האַרצן צו טרעפן זיינע בנים, וואָס פלעגן אָפּדרייען פון מיר די קעפּ, ווען איך פלעג זיי באַגעגענען אויף דער גאַס.

אויפן הייפל, אויף גלעזער־גאַס וואו די משפחה פּרעס האָט גע־וואוינט, זיינען געווען אַ סך קרומע דעכלעך, אַן אַ שיר טירן, פּענצטער און אייזערנע טרעפּ. ביי די שוועלן זיינען געזעסן ווייבער אין אַ געמיט־לעכן שמועס, אָפּגעריסענע ברודיקע קינדער האָבן זיך געשפּילט, און אי־בער אַלעמענס קעפּ האָבן זיך געהוידעט איבערגעצויגענע שטריק פאַר־האַנגען מיט גרעט.

— אונדזער הויף איז קעגן דעם הויף אַ פּאַלאַץ, — האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט און געפרעגט ביי אַ יידענע וואו עס וואוינט דאָ די משפחה פּרעס.

— אַ בעלנות פון אַ מענטשן צו קריכן מיטן אייגענעם ווילן אין גיהנום, — האָט יענע זיך געחידושט, — איר זעט דאָרט אין ווינקל דעם אָפּטריט? די איינגעחזירטע טרעפּ און די שויבן פאַרשטעקט מיט שמאַ־טעס, זעט איר? דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין אַז דאָרטן וואוינט די מכשפה מיט אירע שדים און משוגענעם מאַן, די משפחה פּרעס, ווי איר רופט זיי אײדל.

— גיט אַכטונג, איר זאָלט פון דאָרט ניט מיטנעמען קיין וואַנצן און לייז, — זאָגט אַ צווייטע.

— בעט גאָט, איר זאָלט פון דאָרט צוריק אַרויסגיין אַ לעבעדיקע, — וואָרנט אַ דריטע.

— פייגע לעבט ניט צו גוט מיט אירע שכנים, — רעדט צו מיר די מאַמע ווען מיר גייען פאַרזיכטיק אַרויף די גליטשיקע טרעפּ וואָס זיינען אָנגעוואָרפן מיט אָפּפאַל, — דו זאָלסט זיך אָקאָרשט ניט קריגן מיט דיינע אַמאָליקע חברים.

ווען מיר גייען אַרויף אין שטוב, בלייבט דער גוט־שבת אונדז שטעקן אין האַלדז. די וואָכעדיקייט שרייט פון אַלע ווינקעלעך, און אין שטוב איז נאָך אַ גרעסערער מיסט־קאַסטן ווי מיט יאָרן צוריק, ווען די משפּחה האָט געוואוינט אין דער גענדזליאַרניע. פייגע, אין אַ פאַרשמאַדערט קלײדל, מיט צעשויבערטע האָר, שטייט ביים אויוון און שייערט טעפּ. „אום שבת!" קוקט מיך די מאַמע אָן אַ דערשראָקענע. מאָטעלע, דער יינגסטער זון, אַ הויכער ברייט־צעוואָקסענער בייבאַק, האַלט אַ פוס אָנגעשפּאַרט אויף אַ בענקל און פוצט דעם ברוינעם שוך. ער איז אַזוי פאַרטאָן, אַז ער קוקט זיך אָפּילו ניט אום אויף די אַריינגעקומענע אורחים. דערפאַר

שטעכט אונדז דורך מיט זיינע פינקלדיקע שוואַרצע אייגעלעך דער מיטל־סטער זון, אייזיקל. ער איז אַ קלייניקער, אַ דאַרינקער, מיט אַ בייניקער גאָמבע, באַזעצט מיט שיטערע דראָטענע הערעלעך. ער זיצט ביים טיש און גראַבלט זיך אין בינטלעך פאַרזשאַווערטע שליסעלעך מיט משונהדיקע ציינדלעך. אַרום אים אויפן דיל שטייען הילצערנע קעסטלעך מיט בלאַט־שלעסער און הענג־שלעסלעך. זלמן פּרעס, פּאַרפּוצט אין אַ ברייטן שוואַרצן שלייף, די לאַנגע האָר גלאַטיק פאַרקעמט הינטער די אויערן, די באָרד אָנגעבלאָזן אין געקרייזלטע לעקעלעך, זיצט אין ווינקל פון דער צערי־סענער קאַנאַפּע, איין האַנט אָנגעשפּאַרט אויפן אָנלען, די צווייטע האַנט נאַכלעסיק פאַרוואָרפן אויפן רוקן פון דער קאַנאַפּע, און זעט אויס ווי ער וואָלט געוואַרט מען זאָל אים פאָטאָגראַפירן. ביי די ווענט זיינען אָנגע־לייגט הויכע שטויסן אויסגעליידיקטע זעק, וואָס פאַרשפּרייטן אַ גערוך פון פייכטן קאַרטאָפל און אַ טרוקענע שטויביקייט פון מעל.

— זיצט ביי אונדז, — זאָגט פייגע קאַלט־אָנגעברוגזט ווי צו אָרעמע קרובים, און רוקט אַריין דעם קאָפּ אין אויסגעקילטן אויוון.

— וואָס שטייסטו מיטן הינטן צו מענטשן? די הויזן פּלאַצן דאָך אויף דיין גראָבן געזעס, — שרייט פריילעך זלמן צו מאָטעלען, — קליי־נערהייט האָסטו געזאָגט, אַז דו ווילסט זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אויסגעוואַקסן ביסטו אַ טענצער. ער פּוצט זיך דאָך דער פּריץ צו גיין אין טאַנץ־קלאַס, — פאַרמסרט אים דער טאַטע פאַר אונדז און אין זלמנס אויגן ברענט אַ כיטרע שמייכעלע: אָט וועט איר באַלד הערן ווי מיין זון ענטפערט מיר.

מאָטעלע שטעלט אַראָפּ דעם פוס פון בענקל, זיינע אָנגעשטאָפּטע באַקן און די העל־בלויע אויגן שפּריצן מיט חוצפּה, און מיטן בערשטל אין דער האַנט, ווייזט ער אויפן טאַטן:

— דאָס וואָס איך האָב אַמאָל געזאָגט, אַז איך וויל זיין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, האָט עס פון מיר אַרויסגעבאַלבעט דיין פּראָפּאַגאַנדע. אָבער ווען איך בין געוואָרן עלטער, האָב איך באַקומען מער שכל פון דיר.

— מיר זאָלן זיך צוהערן צו אונדזער טאַטן, וואָלטן מיר אויך גע־וואָרן וועלט־באַפרייער, — קלייבט אייזיקל איבער די דראָטענע הערעלעך אויף זיין גאָמבע ווי זיי וואָלטן געווען פאַרזשאַווערטע שליסעלעך.

— איר זעט, — טריאומפירט זלמן, — דאָס האָט די חברטע פּרעס אַזוי לאַנג אָפּגעלאַכט פון מיינע אידעאַלן, ביז אירע קינדער האָבן איר גענומען נאָכטאָן.

— זיינע אידעאַלן! — ווערט פייגע גרין פון כעס און טרעט אַרויס אינמיטן שטוב אין אַזאַ פּאָזע ווי איר מאַן ווען ער דעקלאַמירט, — קאָ־מעדיאַנט! ווען איך הער פון דיר אַזוי פיל ווי פון יודקען, וואָלט מיר

שוין גוט געווען. דו האָסט אין אים אַזוי לאַנג אַריינגעפּאַמפּעט די אי־דעאָלאָגיעס פון אַן עס־דעק, ביז ער איז דיר להכעיס געוואָרן אַ באַל־שעוויק. הערט איר, ווערלע, איך האָב פיינט מיין מאַן.

— דאָס איז עס! — שפּרינגט אונטער זלמן אַ דערפרייטער, וואָס די חברטע פרעס האָט אַליין אויסגעגעבן איר שוואַכסטן פּונקט, — דו האָסט אַריינגעטראָגן ביי אונדז אין שטוב דעם פּרינציפּ פון קלאַסן־קאַמף. אַנשטאָט דעם לאָזונג: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך! איז געוואָרן דיין פּראָגראַם: קינדער, האָט פיינט אייער טאַטן! האָט יודקע געפירט אַן אָפּאָזיציע צו מיר סיי טעאָרעטיש און סיי טאַקטיש, ביז עס איז אים מיאוס געוואָרן די אינערלעכע ריסערייען און ער איז אַריבער צום קעגנער. איך פערזענלעך בין אַ ביטערער שונא סיי פון דיקטאַטור און סיי פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם.

פייגע וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַן אידעאַליסטקע, ווי זי זאָגט, ווערט פון קיין זאַך אַזוי שטאַרק ניט אויפגערעגט, ווי פון זלמנס שפּאָטישן אופן פון ריידן. עס זעט איר אויס ווי ער וואָלט אָפּגעלאַכט פון איר תמעוואָטער באַוואונדערונג פאַר אים, ווען זי איז נאָך געווען אַ באַ־רישניע און ער, האָט זי צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט מיט זיין טעאָטער־שפּילן און מיט זיינע אַנדערע טאַלאַנטן.

— ווי זאָל מען ניט פיינט האָבן אַזאַ טויגעניכטס? — בעט זי זיך ביי מיין מאַמען און נעמט ציילן אויף די פינגער, — ווען ער איז געווען אַן עס־דעק און געקעמפּפט, — בלאָזט זי אָן די ליפּן מיט אַ סך פייען, צו באַווייזן איר ביטול צו איר מאַנס העלדישקייט, — פלעגט ער קומען פון די דיסקוסיעס אַ צעדראָפּעטער. איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר, האָט מען אים ניט צוגעלאָזט צו קיין ערנסטע ראָלן. ער רופט אַרויס אַ געלעכטער ביים פּובליקום ווי נאָר ער באַווייזט זיך אויף דער בינע, האָבן וועגן אים געזאָגט די אַנדערע שפּילער. איז ער געוואָרן אַ דרוקער, האָבן די זעצער געלאַכט פון אים, אַז ער איז אַ פּאַרטאַטש, און אים געגעבן יעדן טאָג אַן אַנדער צונאָמען: מערידניק, האָצמאַך, פּאַיעט, סאָציאַל־דעמאָקראַט — און וואָס ניט? אַז ער האָט דערזען וואָס ער האָט אָנגעמאַכט מיט יודקען, איז ער אַוועקגעפאָרן געבן פאַרשטעלונגען פאַר זיינע קרובים אין לעטלאַנד. נאָר אויך דאָרט האָט מען זיך גיך אויף אים דערקענט, און ער איז צוריק־געקומען אַ שטאָט־משוגענער.

— ווען יודקע וואָלט זיך געלערנט טאַנצן, וואָלט אים ניט געלעגן אין זינען צו מאַכן רעוואָלוציעס, און ער וואָלט איצט ניט פאַרשוואַרצט געוואָרן אין דאָנבאַס אין אַ קוילן־גרוב, — פילאָזאָפירט מאַטעלע, — מען זאָגט, אַז מען האַלט דאָרט די ווילנער יאַטן טיף אונטער דער ערד. אַלע

צרות אויף דער וועלט נעמען זיך פון דעם וואָס מענטשן ווייסן ניט ווי צו פאַרברענגען.

— ווען יודקע וואָלט אַריינגעלייגט זיין שכל און אימפעט אין די פיס, וואָלט ער אויסגעוואַקסן אַזאַ צירק־פערד ווי דו ביסט, — לאַכט דער טאַטע. דער קריג פאַרשאַפט אים אַזאַ הנאה, אַז ער נעמט זיך אַזש קראַצן.

— בעסער האָבן דעם שכל אין די פיס איידער אין צונג, ווי דו האָסט עס, — שיסט מאַטעלע צוריק, — יודקע האָט אויך געהאַט שכל אין צונג. ער האָט גערעדט אויף מאַסואווקעס, וואָס ער האָט געהערט אין פאַרטיי־קעמערל, אַז פוילן גייט מאַכן אַ מלחמה מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. פוילן וויל אָפּרייסן מערב־ווייס־רוסלאַנד און מערב־אוקריינע. האָט ער אין די נעכט געשמירט „דעקלעך" אויף די ווענט: אַוועק די הענט פון ראַטן־פאַרבאַנד! ווען איך טאַנץ אַמאָל מיט אַ שטעטלשער חיה און מיינע הענט פאַרבלאָנדזשען נידעריקער פון איר טאַליע, זאָגט זי אויך צו מיר: אַוועק די הענט פון ראַטן־פאַרבאַנד... ערב דעם ערשטן מאַי האָט יודקע גע־טאַנצט סאָלאָ. ער האָט געהאַט אַ קאַן מיט פאַרב, האָט ער געריסן פון די זעק שטיקער לייוונט, געטונקט עס אין פאַרב און פאַרוואָרפן אויף די טעלעגראַפן־דראָטן. ער איז דאָך געווען אַ מאָלער ווי מיר אַלע, האָט ער גענומען אַלץ אָפּמאָלן אויף רויט. די פּאָליטרוקעס האָבן אים צוגעזאָגט, אַז דערפאַר וועט ער אין מאָסקווע לערנען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. מיר און אים, — ווייזט מאַטעלע אויף אייזיקלען, — האָט יודקע צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך איינאָרדענען אין מינסק, קיעוו אָדער מאָסקווע, וועט ער נאָך אונדז שיקן אַ שטאַפּעט מיר זאָלן קומען צו פאָרן. ווי נאָר מיר וועלן קומען צו פאָרן, האָט ער געזאָגט, וועט אונדז די מלוכה און די קאָמפּאַרטיי נעמען אויף פולער אויסהאַלטונג ווי אייגענע קינדער, און אונדז שיקן לערנען מאָלעריי. מיר וועלן זיך ווידמען דער קונסט און העלפן גרויס מאַכן דעם נאָמען פון סאָוועטישן פאָטערלאַנד. אָט מיט די אייגענע ווערטער האָט יודקע גערעדט צו אונדז און איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע — און יודל אַ גוטן! וויל איך בעסער טאַנצן. ס'איז אין דעם פאַראַן מער חכמה ווי אין האַלטן רעדעס. מען טאָר ניט שטיין צו נאָענט, מען טאָר ניט שוויצן, ניט אַראָפּקוקן אויף די פיס, און ניט וואַרפן מיטן גוף ווי אַ פּאַליקע. מען מוז גיין גלייך ווי אַ סטרונע, אָבער ניט ווי מען וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ פלאָקן. מען מוז האַלטן די מיידל אַרומגענומען לייכט, אָבער ווי אַ מאַנסביל, זי זאָל דערפילן אַן עלעקטרישן טאָק. איך האָב אַזאַ גענגעלע, אַז ווי נאָר איך ריר זיך צו צו אַ מיידל, קני צו קני, נעמט זי ציטערן. מען דאַרף טאַנצן אָט אַזוי!

און מאָטעלע מאַכט מיטן אָרעם אַ האַלבן בויגן אין דער לופט ווי ער וואָלט אַרומגענומען אַ מיידל. ער שטעלט זיך אויפן שוך־שפּיץ פון

איין פוס, אויף דער פיאַטע פון דעם אַנדערן פוס, און רוקט אַרויס פאַראויס דעם מאַנסבילשן ברוסט־קאַסטן, די אויספּאַנטאַזירטע לופטיקע פאַרטנערין זאָל קענען אָנשפּאַרן איר געלאָקט קעפּל אויף זיין ברוסט־קאַסטן. דער־נאָך צעוויגט ער זיינע ברייטע טרעגערישע פּלייצעס, נעמט אונטערזינגען, צופּייפן און קנאַקן מיט דער צונג אַזוי הילכיק און טרוקן, ווי ער וואָלט געפּייקלט אין אַ באַראַבאַן.

— דער עיקר איז — פירט אויס מאָטעלע, — אָפּהיטן די „פּאַ", די טאַקטן, די פּויזעס, און טאַנצן אַזוי ווי דו וואָלסט געשוואומען.

— דער עיקר איז אַזוי ניט דאָס טאַנצן ווי דאָס אָפּקילן זיך, — זאָגט פייגע פּילדייטיק און טיפזיניק.

— דער באַלעט־מייסטער מאָטעלע פּרעס פּטרט זיין גאַנץ געלט אויף די מיידלעך, — ציט דער קליינער אייזיקל אַרויף שליסעלעך אויף אַ שטריקל, — מאָטעלע פירט די טענצערקעס, די פּאַוועס, אין רעסטאָראַנען, און זיי ציען אים אָן, ער זאָל זיי פונדעווען.

— בעסער ווי זיין אַ שמאָטע־קלייבער, — גיט זיך מאָטעלע אַ דריי אויף איין פוס, ווי ער וואָלט געשטאַנען אינמיטן זאָל און זיך אַרומגעקוקט וועמען פון די צענדליקער פּאַוועס ער זאָל אַ כאַפּ טאָן צום טאַנץ, — אייזיקע האָט פון שטענדיק די פּאַרשיוועט נאַטור אַלץ צו באַגראַבן אין זיינע קעסט־לעך, ווי אַ חיהלע וואָס פאַרשאַרט אונטער זיך מיט די פיסלעך אַלץ וואָס זי געפינט. אַ פאַרראָסט מעסערל, אַן אויסגערייכערטע ליולקע, אַ פלעשל צו כאָפּן פליגן, אַן אַרויסגעוואָרפענע קינדערשע צאַצקע — אַלץ איז פאַר אייזקען אַ מציאה, און די מאַמע קוועלט נאָך פון אים.

— פון וועמען דען זאָל איך אָנקוועלן, פון דיר? — זאָגט פייגע פאַרדאגהט, — אייזיקל טראָגט אַריין אין שטוב, און דו טראָגסט אַרויס פאַר דיינע מיידלעך.

— פאַר מיין פאַרגעניגן איז געלט ביי מיר ניט טייער, — שטעלט זיך מאָטעלע אַוועק פאַרן שפּיגעלע אויפן צעפּאַרענעם קאָמאָד אויסבינדן זיין שניפּס, — איך פאַרהאַרעווע מיין געלט ביים שלעפּן די זעק, און אַז איך וויל גיין אין קאַפע־שאַנטאַן, גיי איך. שקאַרפּעטקע אַ בגד, און אייזקע אַ מענטש. ער וויס דען פון אַ לעבן? ער וויס דען פון אַ וואָלס אַנגעלסקי? אַ קנור! אַ מרוק! ווען מען רירט אָן זיינע אַ טראַנטע, צעשרייט ער זיך ווי מען וואָלט אַראָפּגעריסן פון זיין דאַרן גוף אַ פלאַסטער מיט דער הויט אינאיינעם.

— ווער טאַנצט דען מיט דיר? — שפּילקעוועט אים אייזיקל, — הינער־פּליקערקעס טאַנצן מיט דיר. זיי זיצן אויף די בענק פּאַזע די ווענט, ווי עופות אויף אַ פאַרקאַן, און וואַרטן מאָטעלע באַלעט־מייסטער זאָל זיך מיט זיי דרייען אויף דער אָנגעשפּיגענער פּאָדלאָגע.

— אים פלאַצט די גאַל, — לאַכט מאַטעלע, — וואָס קיין מיידל קוקט זיך קיינמאָל ניט אום אויף אים, דעם קאַרגן מרוק, וואָס איז גרויס ווי אַ פייג.

— אָט אַזוי ווי איר זעט, ווועלע, — שאָקלט פייגע מיטן קאָפּ, — אַפילו דער סמבטיון רוט אום שבת, און זיי וואַרפן שטיינער איינע אין די אַנדערע שבת און וואָך, טאָג און נאַכט. אונדזער באַלעט־מייסטער האָט זיין טענצעריי געירשנט פון טאַטינקן זיינעם, וואָס האָט אַמאָל געטענצלט אויף דער בינע. אַפילו דאָס וואָס איזיקל קלייבט שמאַכטעס, איז זיין טאַטינקעס נאַטור. מיין שלים־מזל האָט שטענדיק געזוכט אַנטיקן אין מיסט. אַן אומגליק! אַ משפחה פון קינסטלער.

— אין אַ קריג מוז איינער פאַרשווייגן, — רופט זיך אָפּ די מאַמע, וואָס זיצט די גאַנצע צייט אַ פאַרטרויערטע צוליב דער העזה פון היינטיקע קינדער צו אַ טאַטן, און אַ פאַרשעמטע פאַר דעם פאַרשטערטן שבת, — אויב קיינער פאַרשוויגט ניט, נעמט דאָך ניט קיין ענדע צום קריג.

— זייער מאַמע האָט זיי געלערנט אַז מען טאָר ניט בלייבן שולדיק קיין ענטפער, — וואַרפט אַריין זלמן און מען זעט אַז עס גייט אים אין לעבן נאָך מער אונטערצוהעצן די געמיטער, — חברטע פרעס האָט גע־לערנט אירע זין, זיי זאָלן ניט האָבן קיין אַכטונג פאַר זייער פאָטער.

— זיי האָבן ניט קיין אַכטונג פאַר זייער פאָטער! — טרעט פייגע ווידער אַרויס אינמיטן שטוב און נעמט איבערקרימען דעם מאַן, — פאַר דיר זאָלן זיי האָבן אַכטונג? אפשר ווייל דו שטייסט אויף דער גאַס און זינגסט ווי אַ בעטלער דייגע לידלעך? אים גייט דאָך ניט אין פאַרקויפן זיינע זאַכן, אים גייט אַז אַלע זאָלן קוקן אויף אים און הערן זיינע קופלעטן. — און ווי פייגע וואָלט מיך ערשט איצט דערזען, טוט זי מיך שטרענג אַ פרעג, — איז טאַקע אמת וואָס דער באַרימער זאָגט, אַז דו חלשסט איבערצושרייבן זיינע לידלעך און זיי אָפּדרוקן אין דיין נאָמען? ביסט אַרויפגעקומען צו אים, אָדער צו מיינע קינדער?

איך קוק אויף זלמנען וואָס טוט אַפילו ניט קיין פינטל מיט אַן אויג. ער האָט, ווייזט אויס, גאָר קיין מורא ניט־איך זאָל ניט אַ זאָג טאָן אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן. אייזיקל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו זיינע קעסטלעך און נישטערט דאָרטן, רופט זיך אָפּ צו פייגען:

— צו אונדזער טאַטן דעם פּאָעט איז ער געקומען. אונדז דערקענט ער גאָרניט אויף דער גאַס.

— וואָס האָט ער צו ריידן מיט אַזעלכע ווי מיר זיינען? — קומט מאַטעלע צו הילף זיין ברודער, — ער חברט זיך ניט מיט אַזעלכע וואָס האַנדלען מיט אַלטע זעק.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָס גייט איר שטענדיק פאַרביי מיט פאַר־

ריסענע קעפּ און זעט מיך כלומרשט ניט, — זאָג איך אַ פֿאַרנודעטער, אַ צעבייזערטער, און קוק מיט תרעומות אויף מיין מאַמען, וואָס האָט מיך אַהער פֿאַרשלעפּט.

— וואָדען? מיר וועלן וואַרטן ביז דו וועסט זיך פֿון אונדז אָפּ־דרייען? ביי אונדז ביסטו אַ גאַנץ קליינער קאַפּעליוש־מאַכער, — פינקלט האָס אין אייזיקלס שוואַרצע לויפּיקע אייגעלעך.

— דו וואָלסט זיך מיט מיינע קינדער ניט באַדאַרפט שעמען, — זאָגט פייגע אַ פֿאַרזיירטע, — זיי האָבן דאָך דיך אַמאָל געלערנט ווי מען מאָלט מענטשעלעך. דאָס איז דיר גאַנץ גוט צונוץ געקומען.

— איר דאַרפט אים ניט נעמען פֿאַר אומגוט, — פּרוּווט מיך פֿאַר־ענטפֿערן די מאַמע, — ער איז אָפּטמאָל אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז ער הערט ניט וואָס איך רייד צו אים. אויסטראַכטן לידער, איז זייער אַ שווערע אַרבעט.

— איך דאַרף גאָרניט טראַכטן, — וואַרפט אַריין זלמן, — ביי מיר קומען די גראַמען מיט אַזאַ גיכקייט, אַז איך באַוויַז זיי קוים אָנצוכאַפּן ביי די עקן. ניט קיין אָפּגענוצטע גראַמען ווי: ברויט — נויט — און טויט. איך אַרבעט מיט שפּאָגל־נייע, אַ שטייגער:

איר האָט גע׳גבאי׳ועט —
און געראַבעוועט.

ווער עס האָט גע׳גבאי׳ועט און געראַבעוועט, איז ניט קיין אונטערשייד. מען קען אויסציען די שורה ווי גומע און אַריינשטעלן וועמען מען וויל. די בעלי־בתים די בלוט־זויגער, די ווילנער כלל־טוער, די אַלטע שרייבער וואָס לאָזן ניט צו די יונגע, די יונגע וואָס דערגייען די יאָרן די אַלטע, און אַפֿילו מיין וויַב פייגע קען מען אַריינבראַקן אין דער שורה. דער עיקר איז דער גראַם: גע׳גבאי׳ועט — געראַבעוועט. מאָטעלע, דיינע פּיס שפּרינגען דאָך אונטער אַפֿילו אין שלאָף ווי די פּילקעס, טאַ זאָג דו אַליין: האָסט אַמאָל געזען אַ פּאָרל טאַנצן אַזוי לייכט־פּיסיק ווי עס טאַנצן צוזאַמען מיינע גראַמען? — לאַכט זלמן, און מען זעט אַז דאָס האַרץ וואַקסט אין אים פֿון גדולה, וואָס דער שטורעם טראָגט זיך די גאַנצע צייט איבער דער שטוב אויף די היימישע, און נעמט לסוף בושעווען אויך אויף די געסט.

— קלויזניקעס! — ציט מאָטעלע מיט די אַקסלען, — ווען איך זאָל דיך הערן, וואָלט איך אויך געקוועטשט די באַנק, אויסגעקוועטשט גראַמען. דו וואָלסט מיר דערפֿאַר געלאָזט אַ ירושה דעם צעריסענעם שלייף וואָס דו האָסט היינט אָנגעטאָן לכבוד דעם גרויסהאַלטער.

— איך האָב געמיינט אַז איר האָט זיך געביטן, — שטעל איך זיך אויף, — איר זייט אָבער געבליבן די זעלבע ווי יינגלוויַז אין קלאַס,

ווען איר פלעגט בעת דער לעקציע בריקען מיט די פיס אונטער דער באַנק די אַנדערע חברים. קום, מאַמע, לאָמיר גיין.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — דרייט זיך מאַטעלע אויס צו פיגען, — איך האָב דיר געזאָגט: פאַרבעט אים ניט. ער איז אַ בעל־גאווה.

איך קוק אומגעדולדיק אויף דער מאַמען, וואָס זיצט אַ צעטומלטע און האָט משמעות אַליין אויך חרטה וואָס זי איז אַהער געקומען, דאָך הייבט זי זיך ניט אויף פון בענקל.

מאַטעלע, שוין אויסגעפוצט אין עסיק און האָניק, נעמט מיט איינמאָל רייבן די באַק, קוקט אין שפּיגעלע וואָס שטייט אויפן צעפּאַרענעם קאָמאָד, און שלעפּט אַרויס פון אַ שופלאָד אַ פּענדזל, אַ שטיקל זייף און אַ ראַזיר־מאַשינקעלע. עס זאָל ניט בלייבן קיין ספק אין זיין כוונה, נעמט ער פון מאַשינקעלע אַרויס דאָס ראַזיר־מעסערל און פּרואווט אויפן נאָגל די שאַרפקייט פון שטאָל. ס'איז קלאָר, אַז ער וויל מיין מאַמען פאַרטרייבן פון שטוב. די מאַמע שטעלט זיך אויף אַן אויפגערעגטע:

— אום שבת?

— וואָס איז? — טאַפּט ער מיט צוויי פינגער אַ פרישטשיקל אויף זיין אויפגעגאַנגענעם טייגענעם פּנים, — אייער זון טוט עס ניט?

— ממזר, — ליאַרעמט פייגע, — ווערסט עס ניט קענען טאָן אַ ווילע שפּעטער? און איר, ווערלע, מאַכט זיך ניט פאַר אַזאַ צדקנית, זוכט פריער אין אייער אייגענעם גאָרטן.

— ער מוז זיך ראַזירן, ער מוז! — פאַרטיידיקט אים דער טאַטע, — זיינע מיידלעך ווערן ביים טאַנץ ניט קענען צוטוליען זייערע פרישע בעקלעך צו זיין שטעכיקער מאָרדע.

מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ לויפט די מאַמע אַרויס פון שטוב, און איך הינטער איר.

## III

— אַ גיהנום! — איילט זיך די מאַמע אַראָפּצוגייך וואָס גיכער פון די אייזערנע קרומע טרעפּ, — די שכנות זיינען גערעכט געווען: ביי דער משפּחה פּרעס אין שטוב איז אַ גיהנום. קינדער זאָלן אַזוי שפּרינגען אַ טאַטן אין פּנים! און איך פון דיר האָב דען מער כבוד? טאָמער האָב איך געזאָגט דעם טענצער ער זאָל זיך ניט גאָלן אום שבת, האָט מיר דער עזות־פּנים געענטפערט, אַז מיין זון איז ניט בעסער.

— דו האָסט נאָך טענות? — לויף איך אַראָפּ פון די טרעפּ דער

ערשטער, — דו האָסט דאָך מיך געבעטן, איך זאָל מיט דיר אַרויפגיין צו זלמנען. די פּאַסקודנע יונגען האָבן זיך בכיוון געקריגט, מיר זאָלן דאָרט ניט קענען איינזיצן.

— אמת, זיי האָבן זיך בכיוון געקריגט, איר זאָלט ניט קענען איינ־זיצן, — דערהערדן מיר אַ קול; זלמן דעריאָגט אונדז און רופט אויס פריילעך, — איצט קענט איר זיי!

— מיר איז עס ניט געגאַנגען אין לעבן, — זאָגט די מאַמע אַ ברוגזע, — איך האָב היינט אַפילו די סדרה ניט באַוויזן צו לייענען.

— די סדרה וועט ניט אַנטלויפן, און דו קום מיט מיר, — נעמט מיך זלמן אָן ביים אַרבל.

— וואָס ווילט איר ווידער פון מיר? — פרעג איך אים אַן אומגע־דולדיקער און פאַראיבלטער.

— איך וויל מיר זאָלן ביידע גיין שפּאַצירן, — שפּרינגט ער אונטער ווי אַ יינגל, — איך האָב אויסגעטראַכט אַז דיר געפעלן מיינע לידלעך, ווייל איך האָב געוואוסט, פייגע וועט לויפן פרעגן ביי דיין מאַמען. איך האָב פאַרשטאַנען אַז דיין מאַמע וועט עס ניט אַפּלייקענען, און דיר נאָך איינריידן, איר זאָלט אינאיינעם אַרויפגיין צו אונדז אין קאַטוך.

— אויב איר האָט מיך געוואָלט זען, האָט איר געקענט קומען צו מיר. אייערע זין האָבן מיר אָפּגעשפּילט די אמתע סצענע.

— דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט, — שפּרינגט ער אונטער נאָך פריילעכער, — איך האָב געוואָלט דו זאָלסט הערן ווי מיינע בני־בית זידלען מיך, וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין ניט געוואָרן וואָס איך האָב געקענט זיין. זיי האָבן היינט געזוכט פון אונטער דער ערד זיך צו קריגן. זיי האָבן זייער מאַמינקען ניט געלאָזט אויפראַמען די שטוב. גראָד היינט, איינמאָל אין אַ יובל, האָט זי עס געוואָלט טאָן, האָבן אירע קינדער־לעך איר געהייסן זיצן ביי דעם אויוון און שייערן טעפּ. ווי איר קוקט זי אָן, האָט זי נאָר קעגן מיר אַ גרויס מויל, זיי פאָלגט זי.

— אָבער פאַרוואָס? — רופט אויס די מאַמע אַ צעקלעמטע, — אייער פייגע האָט דאָך מיך געבעטן אַרויפגיין.

— ניט איך, וועלע, ניט איך האָבן זיי געמיינט, אים האָבן זיי געמיינט, — ווייזט זלמן אויף מיר, — פייגע האָט געזאָגט אַז ער וועט קומען מיט איך, האָבן זיי גענומען שרייען: ער מיינט, אַודאי, אַז ער וועט אונדז דערמיט אָנטאָן כבוד, וועלן מיר אים ווייזן אַז ער איז ביי אונדז אַ קליינער יחסן. כאָטש פייגע לאַכט זיך כלומרשט אויס פון די אַמאָליקע פאַנטאַזיעס, ברענט עס זי גוט וואָס אירע זין זיינען ניט געוואָרן קיין מאָלער, נאָר הענדלער פון אַלטע זעק. און שולדיק בין איך, פאַרשטייט זיך. איז גייסטו מיט מיר? איך גיב דיר מיין ערן־וואָרט פון אַ זאָקן־

הענדלער, אַז איך וועל ניט ריידן מיט דיר פון אידעאָלאָגיעס און ניט שיטן קיין גראַמען.

נאָך דעם שיינעם קבלת פנים ביי זלמנען אין שטוב, וויל די מאַמע זיך נישט מישן, אָבער ווען זי זעט אַז איך בין מסכים מיטצוגיין מיט אונדזער אַמאָליקן שכן, איז זי קענטיק שטאַרק צופרידן. די מאַמע האַלט, אַז מען טוט אַמאָל אַ מענטשן די גרעסטע טובה ווען מען הערט אים אויס.

— וואו גייען מיר? — פרעגט זלמן נאָכדעם ווי די מאַמע גייט אַוועק, — אין טעליאַטניק, אָדער אַרויף נאָוואָגאָראָד? פּאַלקאָווסקיס הויף אויף נאָוואָגאָראָד איז ביי מיר אויך אַ מין טעליאַטניק, — שמייכלט זלמן פאַרסודעט, — נאָר לאָמיר גיין אין טעליאַטניק.

דורך דעם גאַנצן וועג פון גלעזער־גאַס דורך דער גאון־גאַס מאַכט זיך אים ניט צו דאָס מויל, ער שטעלט זיך כסדר אָפּ און באַווייזט מיר אויף געביידעס:

— דער ווילנער גאון האָט איינגענומען די וועלט מיט זיין לערנען, און אברהמעלע דער בלינדער האָט געוואָלט בלינדערהייט איינעמען די וועלט מיט זיין שפּילן. אין דער מלחמה פלעגט ער שטיין דאָ אויף דער גאַס, שפּילן אויף אַ פידל און קלייבן נדבות. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, איז ער געגאַנגען שפּילן אויף הוליאַנקעס. פאַר דעם געלט וואָס ער האָט פאַרדינט, און וואָס וואוילטעטיקע מאַדאַמען האָבן אים געגעבן, איז ער אַוועק זיך לערנען ביי אַ פּראָפעסאָר. ער האָט געחלומט צו ווערן אַ גרויסער קינצלער און ניט דאַרפן אָנקומען צו די בעלי־טובות. ווען מען לייגט אויף מיר דעם נעבעך, פּלאַמט מיר דאָס פנים, האָט ער געזאָגט, אברהמעלע דער בלינדער. איך האָב אים געהערט זאָגן: אַ שיינע מיידל, אַ מיאוסע מיידל. ווייזט אויס, אַז אויך מיט בלינדקייט קען מען זיך אַזוי איינגעוואוינען, אַז מען פאַרגעסט אָן דעם. און אפשר האָט ער אַליין ניט פאַרגעסן, נאָר ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן פאַרגעסן אַז ער איז אַ בלינדער, האָט ער גערעדט ווי אַלע יונגעלייט: אַ שיינע מיידל, אַ מיאוסע מיידל. זינט איך בין צוריק געקומען פון קרייצבורג און יאַקאָבשטאָט, האָב איך אים ניט געזען. ווייסט אפשר וואָס פון אים איז געוואָרן?

— ער לעבט אויף אַנטאָקאָל אין אַ הויז פאַר בלינדע. איך זע אים צייטנווייז אינאיינעם מיט אַנדערע בלינדע. זיי האַלטן זיך ביי די הענט און טאַפּן דעם וועג מיט שטעקנס.

— און וואָס איז געוואָרן פון זיין שפּילן?

— איך האָב ניט געהערט.

— הייסט עס, גאָרניט געוואָרן, — ציט אויס זלמן פאַרמרה־שחורהט.

— און אָט דאָרט, זעסטו, אין יענעם פּאַלאַץ האָט געוואוינט נאַפּאָלעאָן ווען ער איז געגאַנגען אויף מאָסקווע. איך, זלמן דער זאַקן־הענדלער, זאָל

עס ניט פאַרגעסן, האָט מען דאָ איינגעמויערט אַ מאַרמאָרנעם טאָוול: „טו מיעשקאַל נאַפּאָלעאָן". פון אים איז אויך גאָרניט געוואָרן, מען האָט אים צעקלאַפּט ווי אַ רעטעך, — ווערט זלמן אויפגעהייטערט, ווי נאַפּאָלעאָנס מפּלה וואָלט אים געטרייסט, — און דאָ אַנטקעגן איז דער אוניווערזיטעט פון סטעפאַן באַטאָרי. מיינע זין האָבן דאָך געזאָלט לערנען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. מיין יודקע פלעגט זאָגן: אין פּאַנסקי פּוילן איז פאַר אַן אָרעם ייִנגל ניט מעגלעך צו ווערן אַ קינסטלער, איז ער אַוועק קיין רוסלאַנד. ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? — שטעלט ער זיך ווידער אָפּ אינמיטן וועג, — מיך אַרט אַ האָר ניט וואָס מיין יודקע ווערט אין רוסלאַנד פאַרשוואַרצט אין אַ קוילן־שאַכטע, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. מיך אַרט אַ האָר ניט! האָט ער פאַנטאַזירט צו ווערן אַ מאָלער, האָט ער עס באַדאַרפט דערגרייכן. ווען איך אַליין וואָלט יאָ צו עפּעס דערגרייכט, וואָלט איך רחמנות געהאַט אויף שלים־מזלען. נאָר ווײַבאַלד איך בין געבליבן אַ טויגעניכטס, ווי פייגע רופט מיך, האָב איך פיינט דורכגעפאַלענע מענטשן. האָסטו זיך אונטערגענומען, טאָ באַווייז אַז דו קענסט.

זלמן בייסט די ליפּן. זיינע הענט ציטערן און פלאַטערן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט פון אים זיך אָפּרייסן, אַוועקפליען.

— דו גייסט אַמאָל אין שטאָט־שול הערן דעם חזן? — פרעגט ער מיט אַ ווילדן כעס, און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, שרייט ער אויס, — איך גיי ניט. איך וויל אים ניט הערן, זאָל ער מיך הערן!

— איר קענט דאָך ניט זינגען.

— דאַרף מען ניט! — שרייט ער נאָך העכער, — אויב ער קען זינגען, טאָ זאָל ער זיך פרייען, ניט איך. דעם חזן זאָל איך זאָגן יישר־כוח, דעם אַקטיאָר אַפּלאָדירן, פאַר דעם אָנגעבלאָזענעם שרייבער זאָל איך אַראָפּכאַפּן דאָס היטל — און ווער וועט פאַר מיר מאַכן אַ וואַרע? ווער וועט מיר זאָגן יישר־כוח, ווער וועט מיר אַפּלאָדירן און פאַר מיר אַראָפּכאַפּן דאָס היטל? ווען איך פאַרקויף אויף דער גאַס מיינע זאָקן און זינג צו דערביי מיינע לידלעך, ווייס איך אַז מען הערט מיך, כאָטש מען לאַכט פון מיר. דו וועסט זאָגן, אַז איך וויל באַדיי זיין אַ קאָמעדיאַנט אַבי מען זאָל אויף מיר אַכט לייגן. וועסטו זאָגן! מיך אַרט עס ניט!

מיר קומען אַריין אין אַן אַלייע פון שטאָט־גאָרטן. זלמן זעצט זיך אַראָפּ אויף אַ באַנק און קוקט אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער באַנק, וואו עס זיצט אַ יונג פּאָרל. די פרוי האַלט איין האַנט אויף די קני פון איר מאַן, און מיט דער צווייטער האַנט שטופּט זי פאַראויס און צוריק אַ קינדער־וועגעלע. דאָס קינד זיצט אונטערגעשפּאַרט מיט קישעלעך, שטרעקט אויס די

פוכיקע רונדע הענטלעך מיט די ראָזע פינגערלעך און וויל אָנכאַפּן די מאַמע ביי דער נאָז, ביי די באַקן, נאָר פונקט אין דער רגע רעדלט דאָס וועגעלע אַוועק הינטערוויילעכטס. דאָס קינד פּאַטשט מיט די הענטלעך, לאַכט, און די מאַמע קוועלט.

— דאָס איז דאָס לעבן! — ציט זלמן אויס אַ פינגער, — אָבער ווען דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, אויסשטרעקן די הענט, און די קאַליאַסקע וועט נעמען פאָרן אויף צוריק, און אַנטקעגן וועט ניט זיצן די צעשיינטע מאַמע, וועט עס מער ניט לאַכן, נאָר וויינען און אויך קריצן מיט די ציין.

אַן עלטערע פרוי, אין אַ היטעלע, באַהאַלטן דעם קאָפּ אין אַ פוטערנעם קראַגן פון אַ לאַנגן מאַנטל, ווי אינמיטן ווינטער, גייט דורך מיט אַ לאַנגזאַמען און מידן טראָט. הינטער איר גייט דער מאַן אָנגעטאָן אין שוואַרצן, אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און אַ שטעקן אין דער האַנט. ער גייט פּאַמעלעך ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די געעלטערטע שוואַכע פרוי. זלמן קוקט זיי נאָך און מורמלט מער צו זיך ווי צו מיר.

— זי איז גערעכט, פייגע, זי וואַרפט מיר אויף ביז איצט, אַז נאָך דער חתונה פלעג איך זי לאָזן אין שטוב וויגן יודקען, און אַליין פלעג איך אַוועקגיין אַהערצו אין גאָרטן דיסקוטירן. דעמאָלט בין איך מיט איר ניט געגאַנגען, און היינט וועט זי מיט מיר ניט גיין. דאָס יונגע פּאָרל מיטן קינד, פאַרשטייסטו מיך, וועלן אויך אויף דער עלטער גיין איינ־איינעם, אָט ווי די צוויי אַלטיטשקע.

— איר פייניקט זיך אַליין, זלמן, אומזיסט, — זאָג איך צו אים זעענדיק דעם טרויער וואָס רינט ממש אַראָפּ פון זיין באָרד, — איך קען ניט קיין איין מענטש, וואָס זאָל זאָגן אַז ער האָט דערגרייכט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, פונדעסטוועגן האַלטן זיי זיך ניט פאַר דורכגעפאַלענע. איך זע אויך ניט איין איר זאָלט האָבן פאַרלאָרן אַזאַ גרויס גליק דורך דעם וואָס איר זייט ניט געוואָרן קיין אַקטיאָר אָדער אַ שרייבער, איך מיין, וואָס איר דרוקט ניט.

— אַפילו דרוקן וואָס אַנדערע שרייבן, קען איך אויך ניט, — זאָגט ער הכנעהדיק און קוקט פאַראומערט אין דער ווייט, — ווען איך בין גע־ווען אַ דרוקער, פלעגן מיך די זעצער רופן קאַליקע. און אַ רעוואָ־לוציאָנער מיינסטו בין איך יאָ געווען? — גיט ער האַסטיק זיך אַ דריי אויס צו מיר און ברענט ווידער פון גרימצאָרן, — פייגע ווייס נאָך ניט וואָס פאַר אַ העלד איך בין געווען איידער זי האָט מיט מיר חתונה גע־האַט. ווען זי ווייס, וואָלט זי אויף מיר געשפּיגן נאָך מיט דריי צענדליק יאָר צוריק. מעגסט עס הערן. און אַז דו וועסט עס הערן, וועסטו אַליין פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב זיך ליב ווי אויגן־ווייטיק. זאָגן דיר, אַז

דו זאָלסט עס ניט דערציילן פּיגען און מיינע קינדער, וועל איך ניט. אַז דו וועסט וועלן, זיי זאָלן פון מיר אָפּלאָכן, איז אַדרבא, דערצייל.

איך בין געווען אַ בחורל אַן עס־דעק, מיט לאַנגע האָר, און פלעג שפּאַצירן שטענדיק מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. בקיצור, — נעמט ער שרייען און וואָרפן מיט די הענט, ווי ער וואָלט אונטערגעיאָגט אַ נודניק וואָס פאַרפּייניקט אים מיט אַ לאַנגער אויסגעצויגענער מעשה, — גיי איך איינמאָל אַריין צו אַ בעקער אַ טערק קויפן אַ בולקע. דערזע איך: אויף דער ערד בלאַנקט אַ זילבערנער גריוועניק. פרעגט זיך: וואָס דאַרף טאָן אַן עס־דעק ווען ער דערזעט אויף דער ערד אַ צען־קאָפּקענע? וואָס דאַרף טאָן אַזאַ וועלט־באַפרייער? ווי מיינע קינדער רופן מיך. איך וועל דיר זאָגן וואָס איך האָב געטאָן. איך האָב אויף דעם אַרויפגעשטעלט מיין פוס. דער באַלעבאָס האָט עס באַמערקט. גייט ער אַרויס פון הינטערן טיש, בייגט זיך איין און הייסט מיר אויפהייבן דעם פוס. מאַך איך זיך כלא־ידע, איך ווייס, הייסט עס, פון גאָרניט, און טרעט אָפּ אַן אַ זייט. הייבט ער אויף דעם גריוועניק און קוקט מיך אָן מיט אַ שטעכיק שמיי־כעלע. ער וואָלט אפשר אויף מיר אַ שפּיי געטאָן און מיך אַרויסגעטריבן. נאָר אַזוי ווי ער זעט אַז איך טראָג לאַנגע האָר און אַ בוך אונטערן אָרעם, בין איך דאָך פון דער אינטעליגענציע, וואָס וויל אַראָפּוואַרפן דעם קיי־סער און צונעמען ביי אים, דעם טערק, זיין בעקעריי, וויל ער מיך אָנ־לערנען, ווייזן אַז איך בין אַ וואָרעם. בקיצור, בקיצור, ער שטעלט זיך ביי דער טיר, לאָזט מיך ניט אַרויס און רופט אַ גאָראָדאָוואָי. יענער קומט אַריין, הערט אויס, קוקט מיך אָן און צעלאַכט זיך. ווידער דאָס זעלבע. ווען ניט מיינע לאַנגע האָר און דאָס בוך אונטערן אָרעם, וואָלט דער גאָראָדאָוואָי מיר מסתמא געגעבן אַ בריק אין הינטן — און פּאַשאָל וואָן! בין איך דאָך פון דער אינטעליגענציע... בקיצור, בקיצור, מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ לאָך אינאיינעם מיט שיכורים און קליינע קעשענע־גנבים, בייגל־כאַפּער. איך בין דאָרט אָפּגעזעסן אַ וואָך צייט און דערנאָך האָט מען מיך אַרויסגעטריבן. די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרט געלעגן אין געהאַקטע צרות, האָב איך געציטערט דאָרט זאָל ניט פאַרבלאָנדזשען אַ פּאָליטישער און מיך ניט פרעגן ביי וועלכע העלדישע מעשים מען האָט מיך געכאַפּט, וועלכן מיניסטער האָב איך עס געוואָלט אויפרייסן מיט אַ באָמבע. דו לאַכסט? נו יאָ, איך בין אַ לויז.

— זייט ניט אין כעס, — קען איך זיך פאָרט ניט איינהאַלטן פון געלעכטער, — ס'איז אַ קאָמישע געשיכטע. פאַרוואָס איז איך טאַקע איינגעפאַלן אַרויפצושטעלן דעם פוס אויפן צענערל?

— פרעג מיך ניט, פרעג מיך ניט, — ווערט ער אַן אויפגעקאָכ־טער, — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה,

וועסטו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס איך האָב זיך ליב ווי אויגן־ווייטיק. איך קען דיר זאָגן אַ תּירוץ פֿון דער אינטעליגענציע. איך קען דיר זאָגן אַז דאָס האָב איך זיך געראַנגלט מיט מיין גורל, געקעמפּט, — קרימט ער זיך אַליין איבער לויטן אופֿן ווי זיין ווייב קרימט אים איבער, — נאָך איי־דער איך האָב זיך באַקאַנט מיט פֿייגען, האָב איך שוין איינגעזען אַז איך טויג צו גאָרניט. אויף דיסקוסיעס שרייט מען מיך אַריבער, אויף דער סצענע לאַכט מען פֿון מיר, און אין דער שריפֿטזעצעריי פֿאַלט מיר אַלץ פֿון די הענט. האָב איך געוואָלט זען צי עפּעס אין לעבן גיט זיך מיר יאָ איין. אָט וועל איך אויפֿהייבן דעם גריוועניק און דער באַלעבאָס וועט עס ניט באַמערקן. איך וואָלט אים דערנאָך די צען קאָפּיקעס אָפּגעגעבן. אַזוי קען איך דיר ענטפֿערן. נאָר איך וויל דיר אַזוי ניט ענטפֿערן, אויב אַפֿילו אין דעם זאָל זיין אַ שטיקל אמת. דער גאַנצער אמת איז, אַז איך בין אַ קאָפּקענע נשמה. פֿון שטענדיק אָן איז ביי מיר אַ קאָפּיקע — אַן אוצר. איך האָב אַלעמאָל געוואָלט אַרויסקריכן פֿון מיין פֿאַרשיוועער נאַ־טור, אָבער גיי קריך אַרויס פֿון דער אייגענער הויט. און אַזוי ווי איך בין געוועזן אַן עס־דעק, אַ מאַטעריאַליסט, פֿלעג איך זיך נאָך טרייסטן: עקאָנאָמיק, עקאָנאָמיק. די סאָציאַלע באַדינגונגען מאַכן דעם מענטשן. און איך האָב זיך דאָך געהאַדעוועט צווישן הערינג־קרעמערלעך און פֿאַר־דינען אַ גראָשן איז מיר שטענדיק אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. האָב איך אַרויפֿגעשטעלט דעם פּוס, ווייל איך האָב געוואָלט צונעמען דעם גריוועניק. דאָס איז דער גאַנצער אמת. אַ שנאָראַנטסקע נשמה האָב איך געהאַט נאָך אין די גוטע צייטן, און איצט בין איך אַ פֿאַרטיקער בעטלער מיט אַ באָרד.

— איך ווייס ניט וואָס איר זייט אויסן מיטן באַריידן זיך גופֿא, — פֿרואוו איך אים באַרויקן, — דאָס איז, זייט מיר מוחל, קרענקלעכע הנאה זיך אַליין צו קאַטעווען ביז בלוט. איר זוכט אויף זיך וואָס מער פֿעלערן, איר זאָלט קענען וואָס מער זיך פֿיינט האָבן. איר לויפֿט אַרום טאָג און נאַכט פֿאַרקויפֿן זאָקן, און זידלט זיך אַז איר זייט אַ בעטלער.

— אַ בעטלער, — שפּרינגט זלמן אונטער פֿון דער באַנק, — און דערצו נאָך אַ נאָכאַלנער בעטלער. ניט מיין אַז איך וויל זיין אַ גוטינקער, אַ פֿרומינקער מיט פֿאַרטערערטע אייגעלעך, און דעריבער שלאָג איך זיך על־חטא. איך בין אויך ניט פֿון יענע לייט וואָס האָבן הנאה צו דערציילן זייערע אייגענע חזירייען און האַלטן אַז מיט דערמיט וואָס זיי זיינען אָפֿנהאַרציק, קויפֿן זיי זיך אויס, און עס קומט נאָך זיי אַרויס פֿאַר זייער מוטיקייט. נאָר אויך די אָפֿנהאַרציקע חזירים וואָס וועלן דיר דער־ציילן פֿון זייערע עבֿירות, וועלן דיר פֿונדעסטוועגן ניט דערציילן פֿון זייער

פחדנות און נעבעכדיקייט, ווי איך טו עס. איך באַרים זיך ניט דער־מיט. מען קען זיך דערמיט אַזוי באַרימען ווי מיט אַ ברוך אין די ענגע ערטער. אָבער איך וויל אַמאָל זיין — איך! אָן אַן אָנשטעל פון אַ לץ אויף דער גאַס. אַט וועל איך דיר עפּעס דערציילן, וועסטו אַליין איינ־זען ווער איך בין.

אַנומלט שטיי איך אויף אַ גאַס און פּאַרקויף זאָקן. אַרום מיר איז אַ באַפּאַל, אַ געלעכטער. פאַר יעדער שלומפּער וואָס קויפט אַ פּאָר זאָקן, טראַכט איך גלייך צו אַ גראַם צו איר נאָמען און שיס מיט ווערטלעך. איך ווער אַזוי צעקאָכט, אַז איך לאָז אַרויס פון האַנט דאָס קאָשיקל און נעם אויסטאַנצן אַ לידל, ווי יענע וואָך ביי דיין מאַמעס טויער. ניט אומזיסט זאָגט פייגע אַז מאָטעלע האָט דאָס טאַנצן געירשנט פון מיר. געענדיקט די פאָרשטעלונג, קוק איך זיך אום... ניטאָ מיין קאָשיקל. מיין איך, אַז אַ לאָבוז האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל פון פריילעכקייט וועגן. נעם איך זוכן... אַ נעכטיקער טאָג! מאַך איך אַ געוואַלד, לאַכט מען נאָך שטאַרקער, מען הירזשעט. די פערד מיינען אַז מיין געוואַלדעווען איז אויך אַ טייל פון פּראָגראַם. נעם איך זיך רייסן די האָר פון קאָפּ, ווערט דער עולם שטיל און הייבט זיך אָן אַרויסרוקן. שריי איך צו זיי: גייט ניט אַוועק! איך האָב פאַר אייך געזונגען און געטאַנצט. דו הערסט? איך האָב זיי אָנגעגעבן אין נדן אַז איך האָב פאַר זיי געזונגען און גע־טאַנצט אומזיסט. איך האָב ניט פון וואַנען צוצולייגן, יאָמער איך, דאָס איז מיין גאַנץ פאַרמעגן, שריי איך. קלייבט צוזאַמען! קלייבט צוזאַמען! מיט די ווערטער האָב איך געשריען: קלייבט צוזאַמען. און מען האָט צוזאַמענגעקליבן, איטלעכער האָט געגעבן. זינט דעמאָלט מייד איך אויס יענע גאַס. איך וואָלט אָן דעם קאָשיקל סחורה טאָקע זיך באַדאַרפט אַריינוואַרפן אין דער וויליע. און נאָך מער האָב איך געציטערט, פייגע מיט די קינדער זאָלן עס זיך ניט דערוויסן. זיי מאַכן מיך מיט דער בלאָטע צוגלייך פאַר מיין זינגען און שפּרינגען אויף דער גאַס. היינט שטעל זיך פאָר וואָס עס וואָלט זיך געטאָן, ווען איך קום אַהיים אָן קאָשיקל און דערצייל אויף וואָס פאַר אַן אופן אַ זשוליק האָט עס ביי מיר אַוועקגעגנבעט. נאָר ווען איך האָב ניט קיין שנאָראַנטסקע נשמה וואָלט איך געקענט זיך צעשרייען אינמיטן גאַס מען זאָל פאַר מיר צונויפמאַכן? דערפאַר זאָג איך דיר, אַז איך בין אַ בעטלער מיט אַ באָרד. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט דאָס וואָס איך האָב דיר געוואָלט דערציילן. איך האָב געוואָלט דו זאָלסט גיין מיט מיר אויף נאָוואָגראָד אין פאַלקאָווסקיס הויף. דאָרט איז באַגראָבן מיין צווייטער טעליאַטניק, מיין צווייטע יוגנט, ווי דו וואָלסט געזאָגט. זינט מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון אייער הויף, האָבן מיר געביטן אַ צענדליק דירות, און געדענקען געדענק איך

בלזיז דעם הויף אויף נאָוואָגאָראָד. פון דעם וואָס דאָרט האָט געטראָפן, וויל איך דיר דערציילן. ביז איצט איז געווען נאָר אַן אַריינפיר, ווי עס שרייבט זיך אין די ביכער, איצט קומט די רעכטע געשיכטע.

## IV

דאָס יונגע פּאָרל אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער באַנק הייבט זיך אויף, טאַטע־מאַמע שטופּן פאָראויס דאָס קינדער־וועגעלע און גייען אַרויס פון פּאַרק. זלמן קוקט אויף דער פּוסט־געוואָרענער באַנק מיט אַזעלכע פאַרוואָלקנטע אויגן, ווי אין זיין האַרץ וואָלט אויך געוואָרן פּוסטער. ער ציט אַריין דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, און זיין גרויסע באָרד זעט אויס אין בין־השמשות נאָך לענגער, ווי זי וואָלט אויסגעוואַקסן צוגלייך מיט די שאָטנס פון די קאַשטאַנען־ביימער.

— ביז איצט איז געווען אַ הקדמה, איצט וועל איך דיר דערציילן פון מיינער אַ ליבע, — צעלאַכט ער זיך ווילד מעשה משוגענער, וואָס לאַכט פון הינטער די שפּיטאָל־קראַטן צו די דורכגייער אין גאַס. — ווען מיר האָבן געוואוינט אין פּאַלקאָווסקיס הויף, האָבן מיר אַריינגעלאָזט אַ יונג פּאָרל. דער אַריינגאַנג אין זייער צימער איז געווען גלייך פון קאָרידאָר. דער מאַן איז געווען אַ קליינוואוקסיקער ווי איך, נאָר אַ גרויסער פאַרדינער, אַ בוכהאַלטער. זיין ווייב, אָלגאַ האָט זי געהייסן, איז געווען העכער פון אים מיט צוויי קעפּ, אַ בלאָנדע מיט העל־בלויע אויגן, מיט אַ הויכן מאַרמאָרנעם האַלדז, און לאַנגע הענט ווי די העלדזער פון ווייסע שוואַנען, ווי עס זאָגט זיך אין די פּאָעזיעס. איך זאָג דיר: אַ פּרינצעסין פון די מעשהלעך. גאַנצע טעג איז זי געזעסן אין איר פּאַלאַץ מיטן גרויסן גאָרטן, איך מיין, אין אַן אָפּגעלעגענעם צימער אויף נאָוואָ־גאָראָד, וואו עס וואוינען בלאַטע יונגען, הינט־שלעגער, שינדער און סתם שלעפּער. יעדן אָוונט איז געקומען דער וואַלד־גזלן, וואָס האָט זי געהאַלטן געפאַנגען, מיט אַ פולן זאַק רויב, איך מיין, איר מאַן, דער בוכהאַלטער. ער פלעגט קומען אַ באַלאָדענער מיט פּעקלעך און בכבודו ובעצמו מאַכן וועטשערע פאַר זיין פּרינצעסין.

איך און פּיגע האָבן זיך דעמאָלט געקריגט מער ווי שטענדיק. ס'איז געווען ניט לאַנג נאָכדעם ווי יודקע איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, און מיר האָבן פון אים ניט געהערט, האָט זי געשריען אַז צוליב מיר איז ער אַנטלאָפן פון דער היים. אין אונדזער שטוב האָט טאָג און נאַכט געקאָכט אַ קעסל, נאָר אין צימער וואו עס האָבן געוואוינט די לאָקאַטאָרן איז געווען שטיל, אַ בית־עולם.

סיי איך און סיי פּייגע האָבן זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס ווייבל האָט ניט ליב איר מאַן, האָבן מיר אין אונדזערע מלחמות אַריינגענומען אויך זיי, שטילערהייט זיי זאָלן ניט דערהערן. פּייגע האָט געזאָגט אַז די בלאָנדע קראַסאַוויצע וועט אינגיכן שלאָגן כּפּרות מיט איר מאַן, דעם הענדעלע. ניט אַלע זיינען דאָך אַזעלכע כשרע בהמות ווי איך בין, ניט אַלע ווילן אָפּפּינצטערן זייער גאַנץ לעבן, האָט פּייגע געטענהט. און איך פלעג זאָגן: נישקשה, די בלאָנדע וועט בעסער ווערן. הויכע פרויען האָבן ליב ווען זייערע קליינוואוקסיקע מענער זיינען גרויסע פּאַרדינער.

איינמאָל ווען איך בין געווען אין שטוב איינער אַליין, איז אָלגאַ אַריין צו אונדז אין חדר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לויזן שטוב־קאַפּאָט, די האָר צעלאָזן ביז איבער די אַקסלען און אירע אויגן זיינען געווען קינדיש איבערגעשראָקן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זי איז ערשט אַרויס פון ים, ווי עס זינגט זיך אין די פּאָעזיעס, אַזוי האָט געקוואָלן איר גוף, אַ גרויסער, אַ ווייס־פלייש־קער. אירע לאַנגע הענט האָבן געשטראַלט מיט אַזאַ ליכטיקייט אַז מיר האָט אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן. זי האָט מיך געפרעגט צי איך האָב ניט קיין ביכל צו לייענען. איז מיר איינגעפאַלן אַז די געפאַנגענע פּרינצעסין דאַרף ליבּ האָבן לידער. האָב איך איר דערלאַנגט אַן אַרומגעפליקט ביכל, לערמאָנ־טאָווס לידער. זי האָט אויסגעצויגן די הענט צום ביכל מיט אַזאַ שמחה ווי דאָס וואָלט איר געקענט ראַטעווען פון לאַנגווייל, פון אומעט און פון אַלע צרות.

איך האָב אַמאָל ערגעץ וואו געלייענט אַ געשיכטע וועגן אַ וואָלקולאַק, אַן אַלטן פאַרזייערטן בחור. ער האָט זיך געליבט אין אַ פרוי וואָס האָט געוואוינט קעגנאיבער זיין דירה, און איר איז גאָרניט געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער מאַנסביל מיט דער איינגעפאַלענער צורה וואָס גלאָצט דורך זיין פענצטער, ליבט זיך אין איר. בין איך אַליין געוואָרן אַזאַ פּרא־אדם. טאָמער איז אונדזער שכנה ווייניק געווען אַ מאַן אַ קאַרליקל, האָט זי באַקומען נאָך אַן אוכאַזשאָר, דעם שלים־מזל זלמן פּרעס וואָס האָט דריי קינדער און אַ ווייב, וואָס זידלט אים צען מאָל אין טאָג. אָלגאַס גליק איז געווען, דאָס הייסט, מיין גליק איז געווען, וואָס אָלגאַ האָט ניט געוואוסט אַז איך בין אין איר אַזוי איינגעקאָכט.

איך האָב פיינט באַקומען איר מאַן, דאָס קאַרליקל און גרויסן פאַר־דינער. איך האָב אים חושד געווען, אַז ער האָט בכיוון פאַרפירט זיין ווייב אין אַן אומבאַקאַנטער סביבה צווישן אָרעמע מענטשן, כדי צו זיין זיכער, אַז עס וועלן זיך ניט געפינען קיין קאָנקורענטן, וואָס קענען אַוועק־נעמען ביי אים זיין אוצר. נאָך מער האָב איך אים איצט פיינט באַקומען צוליב זיין רואיקייט. ער קען זי אַפילו ניט צובינדן צו זיך דורך זיינע

ליידן, ווייל ער ליידט ניט, האָב איך געטראַכט. ער וואַרט געדולדיק ביז זי וועט אינגאַנצן ווערן אָפּהענטיק, פּאַריאושט און זיך אונטערגעבן.

איך האָב געליען אין אַ ביבליאָטעק נאָך אַ פּאָר ביכער פּאָעזיע, און גענומען אויפסנייַ אַליין פֿאַרפֿאַסן לידלעך, לירישע, פאַרשטייט זיך. אין מיינע פֿאַרפֿאַסונגען בין איך ניט אַרויס מיט אַן אָפּענעם איינאונדרייסיק, נאָר געזיפֿצט און געקרעכצט מיט אָנצוהערענישן, געוואונקען מיט פּייכטע אייגעלעך. איך זאָל אויסזען ווי אַן אמתער שרייבער, האָב איך מיינע דיכטונגען פֿאַרשריבן אויף פּאַפּיר. איך האָב אויסגעמאַרקירט צו זיין אין שטוב ווען קיינער איז ניט געווען, און געוואַרט זי זאָל זיך נאָכאַמאָל באַווייזן. אָבער זי איז פון איר צימער ניט אַרויס. האָב איך איינמאָל זיך אויסגעפּוצט אין אָט דעם ברייטן שוואַרצן שליף, ווי איך האָב עס היינט געטאָן לכבוד דיר, און איך האָב אָנגעקלאַפּט ביי איר אין טיר.

זי איז אַרויס פון איר צימער און מיך אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט. איך האָב אַ שטאַמל געטאָן, אַ קרעקע געטאָן, צי זי האָט שוין איבער־געלייענט לערמאָנטאָווס לידער, און צי וויל זי ניט נייע ביכער מיט פּאָעזיע, מיט הימלישע געזאַנגען. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַריין מיט מיר צו אונדז אין קאַטוך. צו זיך האָט זי מיך ניט אַריינגעבעטן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אונדז אַ געשפּרעך ווי אין אַ סאַלאָן. נייַן, זאָגט צו מיר מיין דאַמע, זי איז נאָך ניט פֿאַרטיק מיט לערמאָנטאָוון, דאָס הייסט, דערקלערט זי מיר, זי קען די לידער נאָך פון אַמאָל, און איצט האָט זי זיי ווידער געלייענט. אָבער גראָד דערפֿאַר קען זי איצט ניט לייענען אַ צווייטן פּאָעט, ווייל מיטליידן קען מען מיט אַ סך מענטשן, נאָר מיטלעבן און ליב האָבן קען מען בלויז איינעם. דער געניוס לער־מאָנטאָוו, זאָגט זי צו מיר, איז געווען אַ צעבאַלעוועט קינד מיט אַן איבער־געוואַקסענעם שטאָלץ, וואָס האָט אים אינגאַנצן אויפגעגעסן. ער זידלט מיט גאַל און ביטערקייט די פרויען וואָס האָבן אים פֿאַרלאָזט, און זאָגט זיי פֿאָראויס אַז זיי וועלן אים קיינמאָל ניט קענען פֿאַרגעסן. אים פֿאַלט ניט אַיין אַז אויך אין דער רגע ווען זיי האָבן מיט אים איבערגעריסן, איז זיי געווען זייער שווער פון אים אָוועקצוגיין, נאָר זיי האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט. אַזוי רעדט זי צו מיר און מיר לויפט דורך אַ געדאַנק, אַז מיין דאַמע מוז אויך האָבן איר לערמאָנטאָוו, אַ „קראַסאַוויץ מאָלאָדאָי״, אַ יונגן אָרעמען סטודענט, אָדער אַן אַנדער כאָלעריע, וואָס האָט זיך אַריינגעגנבעט אין איר האַרץ און זי טרוימט פון אים.

וויבאַלד אַז חוץ מיין קאָנקורענט, איר מאַן, איז דאָ נאָך איינער, און יענעם האָט זי טאַקע ליב, זאָג איך צו זיך אַליין: היט זיך, זלמן פּרעס, דו זאָלסט זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, זי קען נאָך זיך אָנשטויסן אַז דו ביסט פֿאַרקאָכט אין איר, און זי וועט זיך נאָך באַליידיקן אויף טויט

פֿון דיין העזה. ווייז איר ניט דיינע לידלעך, זי וועט אַרויספּלאַצן אין אַ גרויס געלעכטער וואָס דו ווילסט אויך זיין — אַ לערמאָנטאָוו.

אַוודאי, זאָג איך צו איר, איז ניט פֿיין פֿון לערמאָנטאָוון וואָס ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרשטיין אַז זיינע גרעפֿינס האָבן קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט. פֿונדעסטוועגן האָבן אים די רוסישע פּריילינס מוחל געווען זיין עגאָאיזם, ניט בלויז ווייל ער איז אַ געניוס. די שיינע קניאַגיניעס זיינען אַוועק פֿון אָפּיצער לערמאָנטאָוו צו קניאַזן און גענעראַלן, האָבן אים זיינע ראָמאַנטישע לעזערינס מיטגעפֿילט. נאָר ווען זיינע געליבטע וואָלטן אַוועק פֿון אים צו אַ דרוקער, לאָמיר זאָגן, צו אַ דורכגעפֿאַלענעם אַקטיאָר, צו אַ ניט דערגאַנגענעם שרייבער, וואָלט עס פֿאַר לערמאָנטאָוון געווען אַ חוץ ווייטיק אויך אַן אומכבוד, דעמאָלט וואָלטן זיינע לעזערינס, די באַרישניעס, געשמייכלט פֿון זייער גרויסן פּאָעט. ער וואָלט געווען קאָמיש מער ווי טראַגיש, אויב מענער אָן אָנזען, אָן ראַנג און געלט, האָבן געקענט אויסצופֿן זיינע געניאַלע וואָנסן און ביי אים אַוועקנעמען פֿון אונטער דער נאָז זיינע קניאַגיניעס. אָבער לערמאָנטאָוו האָט געליטן שיין, פּאַסט פֿאַר גימנאַזיסטקעס און קורסיסטקעס און גענעראַלשעס מיט אים מיטצוליידן. ער איז געזעסן אין אַן אַלטאַנקע, דעם געקרייזלטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט פֿאַרטרויערט אויף דער האַנט ווי אויף אַ קאַרטינקע; אין אַן אַלטאַנקע איז ער געזעסן — און ניט אויף אַ צעריסענער סאָפֿע אין אַ שטוב מיט פֿענצטער, וואָס קוקן אַרויס אויף אַ מיסט־קאַסטן. ער איז געשטאַנען אויף די קאַווקאַזער בערג, אַן איינזאַמער פֿאַרצאָגטער דעמאָן, און אַראָפּגעקוקט אויף טייכן, אויף טורעמס און אַלטע קלויסטערס. אָבער ווען ער באַשרייבט ווי ער שטייט אויפֿן נאָוואָגאָראָדער באַרג און קוקט אַראָפּ אויפֿן האָלץ־מאַרק מיט די בלאָטעס און פֿאַרשלומפּערטע ווייבער, וואָלטן די פּריילינס אים געלייענט אויך מיט אַזאַ אַנטציקונג און זיך אויך באַגייסטערט מיט זיינע ליידן? — פֿרעג איך ביי איר. ניט איינמאָל באַזינגט ער זיך אַליין, אַז כדי צו פֿאַרגעסן זיין אַנטוישונג, וועט ער רייטן אויף אַ פֿערד און זיך וואַרפֿן אין שלאַכט מיט אַן אַנטבלויזטער שווערד אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. נאָר וועמענס סימפּאַטיע קען וועקן אַזאַ וואַזשנער העלד וואָס אנשטאָט צו פֿירן מלחמה מיט די ווילדע קאַווקאַזער שבטים, פֿירט ער מלחמה מיט זיין ווייב? קיינעמס סימפּאַטיע קען ער ניט וועקן!

אַזוי דעקלאַמיר איך פֿאַר איר און איך זע אַז זי שמייכלט. זי פֿאַרשטייט אַז דאָס חנדל איך זיך מיט מיינע צרות, איך קאָקעטיר ווי אַן אָפּגעלעבטע דאַמע, וואָס קען מער ניט איינריידן די וועלט אַז זי איז יונג, דערמאָנט זי כסדר אַז זי איז אַלט, צו באַווייזן אַז זי האָט אויפֿגעגעבן אירע פּרעטענזיעס. אפֿשר וועט זיך פֿאָרט געפֿינען אַ קאַוואַליר, וואָס וועט קאַטעגאָריש אָפּלייקענען אַז זי זעט אויס ווי אַן עלטער־באָבע. אָבער

מיין שכנה לייקנט ניט אַז זי הערט די קריגערייען צווישן מיר און פייגען. זי נעמט ריידן ניכטער און רואיק שוין גאָרניט ווי אַ פּאַרטרוימטע געפאַנגענע פּרינצעסין.

זי ווייס, זאָגט זי, פון אַ סך אַן ערגערע זאַך ווי קריג, און דאָס איז ווען מען קריגט זיך אינגאַנצן ניט, ווען מאַן און ווייב שווייגן שטענדיק, ניט אינאיינעם, נאָר באַזונדער. און ניט ווייל מען איז איינער אויף דעם צווייטן ברוגז, נאָר ווייל איינער, אָדער לאָמיר זאָגן איינע, די פרוי, קען ניט און וויל ניט איינריידן דעם מאַן, אַז זי האָט אים ליב. דער מאַן זעט אַז ניט מיט אַ פרוי געפינט ער זיך אין איין צימער, נאָר מיט אַן אייז־באַרג, וואָס בלענדט מיט זיין ווייסקייט און איז קאַלט און שטום, שטום און קאַלט. ווערט אויך דער מאַן פאַרפרוירן און שלינגט אייז, ער שלינגט דאָס שווייגן פון זיין פרוי, זאָגט צו מיר דער קאַלטער בלאָנדער מלאך אין אַ שטוב־קאַפּאָט, קוקט מיר שאַרף אין פנים אַריין, און איך זע אַז ניט אומזיסט האָט זי געלייענט לערמאָנטאָוון.

עס קען גאָרניט קומען אַזאַ צייט אין יאָר, אָדער אין יאָרן, ווען דאָס אייז וועט נעמען אָפּגיין? — פרעג איך ביי איר.

ניין, ענטפערט זי מיר האַרט, די פרוי קען אַנדערש ניט ווערן, אויב אַפילו זי זאָל עס וועלן. זי קען ניט שעצן דעם מאַן וואָס האָט ניט געהאַט קיין שטאָלץ און חתונה געהאַט מיט אַ פרוי, וועלכע האָט אים געזאָגט טאָג־איין טאָג־אויס, אַז זי האָט אים ניט ליב. זי קען אים ניט פאַרגעבן זיין איינגערעדטע נאַרישקייט, אַז זי וועט זיך צו אים צוגעוואוינען! איר האָט פריער געזאָגט, מאַכט זי צו מיר, אַז די באַרישניעס אַנטציקן זיך מיט לערמאָנטאָוון ווייל ער האָט געליטן שיין, נאָר דעם מענטשן וואָס ליידט טוען וויי די שיינע ליידן פונקט ווי די מיאוסע, באַזונדערס ווען זיי זיינען קיין שיינע אויך ניט! — האָט זי אויסגעשריען און איז האַסטיק אַריינגעלאָפן צו זיך אין צימער.

דאָס האָט זי געמיינט אַז זי ליידט צוליב אַ בוכהאַלטערל און ניט צוליב אַ וואַלד־גזלן, אַ גראַף, אַ ריטער, וואָס האַלט זי פאַרשפאַרט.

אין מיר האָט זיך איבערגעדרייט דאָס האַרץ און דער מוח. איך האָב איר מאַן מער ניט פיינט געהאַט. פון אירע רייד וועגן דעם מאַן וואָס שלינגט ווי אייז דאָס שווייגן פון זיין פרוי, האָב איך פאַרשטאַנען וויפיל יסורים ער טראָגט אַריבער. פונדעסטוועגן האָב איך זיך אין איר נאָך שטאַרקער איינגעקאָכט, דווקא דערפאַר וואָס זי האָט אַזאַ אייזערנעם כאַ־ראַקטער. און אין דער זעלבער צייט איז מיר געגאַנגען ·אין לעבן איר מאַן זאָל זי יאָ בייקומען. איך האָב עס געוואָלט סיי אויס רחמנות צו אים און סיי צוליב זיך. איך האָב געגאַרט צו זען ווי אַזוי אַ צעריבן מענטשל

פון מיין גלייכן באַזיגט דעם ניט־געזעענעם קראַסאַוויץ וואָס באַלעבאַ־טעוועט אויף איר האַרץ.

כאָטש פון אירע רייד איז אויסגעקומען, אַז זי איז מקנא מיך און פייגען ווען מיר קריגן זיך, האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זיך גענומען בעטן ביי פייגען מיר זאָלן אויפהערן זיך רייסן פאַר די קעפּ. איך האָב געברענט פון חרפה אַז יענע דאָרט אין איר צימער זאָל ניט דערהערן ווי מיר זידלען זיך, און אונדז מקנא זיין... איך האָב געציטערט פייגע זאָל ניט ווערן צו היימיש מיט אונדזער שכנה, און נעמען פאַר איר אויסדערציילן אַז איך בין אַ מאַרידניק, אַ האַצמאַך, אַ פּאַיעט, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. פריער זיינען מיר די צונעמענישן אָנגעגאַנגען ווי דער פּאַראַ־יאָריקער שניי, און דאָ האָב איך דערפילט אַז די צונעמען הענגען אויף מיר ווי טראַנטעס. האָב איך זיך גענומען חנפענען צו פייגען און זיך פּוצן אין שפּיגל. פייגע האָט באַמערקט, אַז אין אַ פּראָסטן מיטוואָך פאַרקעם איך די האָר, בינד אויס דעם שלייף און גיי אַרום איבער דער שטוב מיט יום־טובדיקע קליינע טריטעלעך, איז זי געוואָרן אָנגעצונדן און גענומען שפּרינגען ווי שמאַלץ אויפן פייער. פון יודקען איז ניטאָ קיין בריוו און ער פּראַנטעוועט ווי אַ חתן־בחור. ווען וועמען ווילסטו דאָ געפעלן? האָט זי געשריען. ס'איז מיין גליק וואָס פייגע איז ניט אַזוי משוגע ווי איך, איר זאָל איינפאַלן פאַר וועמען איך פּוץ זיך. נאָר איך האָב זיך גענומען טרייסלען פון שרעק, און די אימה איז אַזוי אַריינגעקראָכן אין מיינע ביינער, אַז איך האָב גענומען בעטן גאָט, אונדזער שכנה זאָל זיך אַרויסקלייבן וואָס גיכער, איך זאָל ניט ווערן צו לייטיש געלעכטער.

און די פּרינצעסין האָט טאַקע אָנגעפאַנגען אַוועקצוגיין פון שטוב אויף גאַנצע טעג. איך האָב געזען ווי איר מאַן קומט פאַרנאַכט אַ באַלאַ־דענער מיט פּעקלעך — און בלייבט אַ געליימטער. זי פלעגט צוריקקומען שפּעט ביינאַכט און דורך די ווענט האָב איך געהערט ווי זיי שווייגן. דאָס שווייגעניש האָט דורכגעפרוירן די ווענט פון זייער צימער און אויך מיך באַדעקט מיט אייז. איינמאָל האָב איך אָפּגעוואַרט אונדזער סובלאָקאַטאָר אויפן הויף, און אָן צערעמאָניעס אים אַ זאָג געטאָן, אַז ער זאָל זיך פון אונדז אַרויסקלייבן. איך און מיין ווייב זיינען אַ שלעכטער בײַשפּיל פאַר אַ יונגע פּאָר, בפרט ווען אין זייער צוזאַמענלעבן איז ניט אַלץ גלאַטיק. ער האָט זיך גאָרניט געוואונדערט וואָס איך רייד צו אים אַזוי אָפן, און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט זיך אַריינגעקליבן צו אונדז, מחמת ער שעמט זיך צו וואוינען צווישן זיינע באַקאַנטע, זיי זאָלן ניט זען וואָס עס קומט פאָר אין זיין פאַמיליע־לעבן. ווען איך האָב עס דערהערט, האָב איך זיך אַליין געוואָלט אויספּאַטשן הלמאי איך האָב אים חושד געווען, אַז ער האָט זיך באַהאַלטן ביי אונדז, מען זאָל אים ניט אויסכאַפּן דעם

אוצר. ער האָט מיר דערציילט אַז אירע עלטערן לעבן ניט מער. זיי זיינען געווען רייכע מענטשן, געהאַט אייגענע גיטער אין רוסלאַנד, נאָר זיי זיינען פון דאָרט אַנטלאָפן בעת די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט דעם רודער. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז אַ בראָך צו זיין קאָפּ וואָס אים, אַ ווילנער יונגנמאַן, האָט זיך פאַרוועלט קריכן צו אַ רוסישער גראַפיניע. ער האָט מיך אָנגעקוקט אַן אויסגעשפּילטער, געזעדט מיט אַן אויסגעצ־גאַנגענער שטים, און אַזוי טיף אָפּגעזיפצט, אַז איך האָב פאַרשטאַנען: ער האָט שטאַרק חרטה נאָכסאָל ער האָט זיך אַמאָל איינגערעדט, אַז זי וועט אים ליב קריגן, און אַז ער בעט גאָט אַלגאַ זאָל שוין פון אים אָוועקגיין.

אָבער אַלגאַ איז פון אים ניט אַוועק. זי האָט ווידער אויפגעהערט צו גיין אין גאַס, געזעסן גאַנצע טעג ביי זיך, און מען האָט פון דאָרט ניט געהערט, ניט קיין געלעכטער, ניט קיין פּיפּס, אַ בית־עולם. ביי מיר איז ניט געווען דער מינדסטער ספק אַז בעת זי איז אַרומגעלאָפן, האָט זי זיך געטראָפן מיט איר לערמאָנטאָוו. און אָט דער געראָי אירער, דער זשוליק, האָט שוין אַן אַנדערע, אָדער ער האָט איר דערקלערט אַז ער האָט זי מער ניט ליב. בקיצור, בקיצור, — נעמט זלמן שרייען אין טונקלען גאָרטן, ווי ער וואָלט זיך לסוף געכאַפּט אַז זיין מעשה האָט זיך שוין צו לאַנג פאַרצויגן, — איינמאָל פאַרנאַכט ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך דערזען לעבן אונדזערע טרעפּ אַ צונויפגעלויף פון מענטשן. איך האָב געמיינט אַז עס האָט געטראָפן אַן אומגליק מיט פייגען אָדער מיט די קינדער, האָב איך געמאַכט אַ גוואַלד. האָט מען מיך גענומען בארואיקן: ס'איז ניט ביי אייך, ניט ביי אייך. אייער שכנה האָט זיך אויפגעהאַנגען... ווען איך בין אַרויפגעלאָפן אין שטוב, איז זי שוין געלעגן אויף דער סאָפע איבערגעדעקט מיט איר קאַפּאָט. אירע לאַנגע האָר זיינען אַראָפּגעהאַנגען ביזקל דער ערד און זיך געשלעפּט איבערן דיל. איר מאַן האָט זי געפונען אויפגעהאַנגען אין זייער צימער. איז ער געשטאַנען איבער איר און גע־העשעט: פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? פאַר־וואָס ביסטו ניט אַוועק פון מיר? און די צונויפגעלאָפענע שכנים האָבן זיך געטיילט מיט דער שטריק. די שטריק פון אַ געהאַנגענעם ברענגט מזל.

זלמן ווערט אַ רגע אַנטשוויגן און נעמט פּלוצים וויינען מיט אַ דין אויסגעצויגן און פאַרשטיקט געוויין, ווי ער וואָלט געווען אַ גילגול פון אַלגאַס מאַן, בעת יענער איז געשטאַנען און געטענהט צו דער געהאַנ־גענער. זלמנס קליינער גוף טרייסלט זיך פון געוויין, און ער רעדט גיך, גיך, ווי ער וואָלט וועלן אַריבעריאָגן די טרערן וואָס שטראָמען פון זיינע אויגן:

— דו זעסט ווי מיין מזל האָט מיך שטענדיק צוזאַמענגעפּירט מיט רורכגעפאַלענע מענטשן. דאָס האַרץ וויינט אין מיר, ניט אַזוי אויף איר טויט, ווי אויף איר לעבן. איר טויט באַוויזט דאָך ווי שטאַרק זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון מאַן און ניט געקענט. ווי האָט זי עס ניט געהאַט קיין רחמנות אויף אירע לאַנגע ווייצענע האָר, אויף אירע בלויע אויגן, אויף איר גרויסן גוף ווי אַ שטיק אַלאַבאַסטער, אויף איר הויכן מאַר־מאַרנעם האַלדז, אויף אירע לאַנגע ווייסע הענט. ווי קען מען זיין אַזאַ אכזר אויף דער אייגענער שיינקייט און יוגנט.

נאָך איר לוויה איז דער מאַן פאַרשוואונדן. איך בין זיכער אַז ער בלאָנדזשעט אַרום איבער דער וועלט און געדענקט אַפילו ניט זיין אייגענעם נאָמען. ער איז געווען אַ טרוקן מענטשל, אַן קנאַק, און ווען אַ מענטש קען ניט פילאָזאָפירן אין זיין אומגליק, מוז ער ווערן פאַרטעמפּט און פאַרטריקנט. אויך איך האָב מער ניט געקענט לעבן אין דער דירה וואו זי האָט זיך אויפגעהאָנגען, די קריגערייען מיט פייגען זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן, בין איך אַוועקגעפאָרן צו מיין משפחה קיין לעטלאַנד. זעסטו, וויפיל איך זאָל זיך מיט פייגען ניט קריגן, וועלן מיר ביידע ניט דערמאָנען יענע געשיכטע. פייגע האָט דאָך געזאָגט אַז די בלאָנדע וועט אַוועקגיין פון מאַן, איך האָב געזאָגט אַז זי וועט ניט אַוועקגיין — האָבן מיר ביידע געטראָפן. און דיר האָט היינט אָפּגעעקלט פון מיין קריג מיט מיינע בני־בית. דו פאַרשטייסט ניט, אַז ווען איך זאָל שווייגן ווי יענע האָט געשוויגן, דאַרף איך זיך אויך אויפהענגען.

די עלעקטרישע לאָמפּן גליווערן צווישן די טונקל־גרינע בלעטער־קרוינען ווי גרויסע אויסגעקערטע אויגן־וויסלען וואָס זיינען שטיין געבליבן אַן מראה; ווי די בלאָנדע פרוי וואָלט אַרויסגעקוקט פון צווישן דיביימער און זיך צוגעהערט וואָס זלמן דערציילט וועגן איר. זלמן ציטערט פון קעלט אַ פאַרטוליעטער אין זיינע בגדים, און זיין באָרד שמעקט מיט פייכטקייט ווי אַ פאַרגעגנטער בוים אין אָסיען.

— איך האָב אייך ליב, זלמן, — נעם איך אים אַרום ביי די אַקס־לען, — און איר רעדט זיך איין, אַז מיר עקלט פון אייך. איך געדענק זייער גוט ווי איר האָט זיך מיט מיר פאַרנומען ווען איך בין געווען אַ יינגל. איר האָט מיך באַהאַנדלט ווי איינעם פון אייערע קינדער, אויסער אין איין זאַך: איר האָט ניט געוואָלט איך זאָל ביי אייערע זין זיך אויס־לערנען די חכמה פון מאָלן. יעדן שבת בייטאָג האָט איר מיך מיט־גענומען אויף אייערע שפּאַצירן אין זאַקרעטער וואַלד און אין שטיבלעך־וואַלד. אויפן וועג פלעגט איר זיך אָפּשטעלן ביי די שוי־פענצטער און מיר דערקלערן די זאַכן וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגעשטעלט.

— יאָ, איך האָב זיך אַלעמאָל געמוזט באַנוגענען מיט קוקן אויף

דער וועלט דורך די פענצטער, — שאָקלט ער מיטן קאָפּ און שטעלט זיך אויף אַוועקצוגיין.

— וואו גייט איר?

— איך גיי אויפן שול־הויף. ניט מיין אַז איך בין געוואָרן פרום. ס'איז גלאַט אַ מחיה צו זיצן אין אַ קלויז ביים אויוון צווישן בעטלער, וואָס דערציילן זיך בטלנישע מעשיות און שטורכען איינע די אַנדערע מיט די עלנבויגנס. איי, ווי גוט עס איז צו זיצן צווישן אָרעמע־לייט פון דיין גלייכן און זיך קראַצן! איך דאַרף זיך ניט פאַרשטעלן פאַר אַ למדן־וואָוניק, איך געהער צו די בטלנים אָן אַן אָנשטעל. און אַ יחסן בין איך — רייד גאָרניט! טאָמער וויל מען צונויפקלאַפּן אַ מנין, בין איך אַזאַ מיוחס ווי דער שטאָט־רב און ווי דער גבאי פון שטאָט־שול. זיי זאָלן זיך שטעלן אויפן קאָפּ, קענען זיי ניט מאַכן אַ מנין אָן מיר.

ער נעמט איילִיק אַוועקגיין. איך דעריאָג אים:

— איך וועל אייך באַגלייטן.

— ניין, אויב זיין אַ בעטלער, איז אַן אמתער בעטלער. אַז דו וועסט גיין מיט מיר, וועל איך ניט קענען פאַרגעסן אַז איך האָב אַמאָל געהייסן זלמן פרעס.

ער טאַפּט אָן דעם שוואַרצן שלייף, גיט אים האָסטיק אַ קניפּל־אויף, אַ שלעפּ אַראָפּ פון האַלדז און ער פאַרשווינדט צווישן די ביימער.

# נאָכאַמאָל חתונה געהאַט

אין אַ סוף־זומערדיקן שבת פֿאַרנאַכט ווען איך קום אַריין צו דער מאַמען אין שטוב, גיט זי מיר גלייך אָן הקדמות אַ זאָג אָפּ, אַז זי גייט שטעלן אַ חופּה מיט ר׳ רפאל ראָזענטאַל, אַן אלמן וואָס האַלט אַ קעלערל מיט גרינוואַרג אויף דער ברייטער גאַס.

אָנגעזאָגט מיר די בשורה, לאָזט זי אַראָפּ דעם קאָפּ און ווערט אַנטשוויגן. אויך איך בלייב זיצן אַ צעטומלטער, און ערשט נאָך אַ לאַנגן שווייגן שטאַמל איך אַרויס:

— דו קענסט אים דען?

— אַוודאי קען איך אים, — ענטפֿערט זי פּאַמעלעך, — דאָס הייסט, איך האָב מיט אים קנאַפּ גערעדט, נאָר אָנגעקוקט האָבן מיר זיך יאָ. איך ווייס ניט אַפילו צי ער רעדט ווען־ניט־איז מיט זיינע אייגענע אויס־געגעבענע קינדער. ער איז אין דער נאַטור אַ ייד אַ שווייגער, אַ וואָרט אַ רענדל. נאָר די שדכנטע זאָגט, אַז ער איז זייער אַן איידעלער ייד.

— מיר דאַכט זיך, מאַמע, אַז אַמאָל איז דיר שטאַרק געפֿעלן געווען ר׳ מאיר דער אייער־הענדלער.

— וואָס האָסטו מיר צו דערמאָנען ווער עס איז מיר אַמאָל געפֿעלן? — קוקט זי מיך אָן אַ דערשטוינטע, ווי זי וואָלט זיך ניט געריכט, אַז איך זאָל נאָך געדענקען דעם אייער־הענדלער, — לאָמיר זאָגן אַז ער איז מיר יאָ געפֿעלן, וועל איך זיך אַריינלאָזן אין אַזעלכע זאַכן? אַפילו ווען איך בין געגאַנגען חתונה האָבן מיט דיין טאַטן, בין איך שוין אויך ניט געווען קיין ווילדע ציג. אָך, וואָס פֿאַר אַ שיינער מאַנספּאַרשוין דיין טאַטע איז געווען! — קריגט זי מיטאַמאָל אַן אויפֿגעלויכטן פּנים, — כאָטש ער איז געווען אַן אלמן מיט קינדער, איז ער געווען שיין ווי גאָלד! ער האָט געהאַט אַ באָרד שוואַרץ ווי פּעך, און אַ פּאָר גרויסע קלוגע אויגן. ווען מען האָט אונדז גערעדט, פֿלעגט ער שבת ביינאַכט אין אַ ברענענדיקן פֿראָסט אַראָפּקומען צו מיר אָנגעטאָן אין אַ פּעלץ מיט אַ גרויסן פֿוטערנעם קראַגן. איך האָב מיידלווייז געהאַלטן אַ קרעמל אויף

נאָווי־שוויאַט און בין אַלעמאָל פאַרפינצטערט געוואָרן, — ענדיקט זי אומגעריכט און איר פנים ווערט אויסגעלאָשן.

זי שווייגט אַ ווײַלע און גיט צו אַ שטאַרק געקרענקטע:

— דו האָסט מיר ניט באַדאַרפט דערמאָנען ר' מאירן.

— איך האָב עס ניט דערמאָנט סתם אַזוי. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז ווען דו האָסט חתונה מיט ר' מאירן, וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען, ער איז דיר געפעלן, אָבער...

— וואָס האָסטו געמיינט, — רייסט זי מיך איבער מיט כעס, — ר' מאיר וועט זיצן און וואַרטן אויף מיר? ווען ער האָט געוואָלט, האָב איך ניט געוואָלט, איך האָב דאָך ניט געוואָלט שטעלן קיין חופה ווי לאַנג דו האָסט ניט חתונה, דו זאָלסט ניט דאַרפן וואוינען מיט אַ שטיף טאַטן, האָט ר' מאיר געקראָגן אַ בעסערע פון מיר. אמת, — גיט זי צו אַ פאַרטראַכטע, — ר' רפאל איז אפשר ניט אַזאַ למדן ווי ר' מאיר, ניט אַזאַ צוגעלאָזטער, אָבער אַן איידעלער ייד איז ער זייער. און ווי לאַנג איז דער שיעור איך זאָל זיך מאַטערן אַליין ביי מיינע קאַשיקעס? זינט דו האָסט חתונה געהאַט און וואוינסט באַזונדער מיט דיין ווייב, קען איך דאָך ניט פאַרלאַנגען פון דיר דו זאָלסט יעדן טאָג זיין ביי מיין טויער פונקט דעמאָלט ווען איך דאַרף דיך.

— איך האָב דיך אַ סך מאָל געבעטן, מאַמע, דו זאָלסט זיך אַריינציען צו אונדז. מיר וועלן לעבן אינאיינעם.

— איך קלער אַפילו ניט, — ענטפערט זי שאַרף, — דו רעדסט גלאַט אין דער וועלט אַריין: אַריינקלייבן זיך צו דיר. און וואָס איז מיט דיין קיך? דיין ווייב, זעסטו, איז אַ סך קליגער פון דיר. ווען איך קום צו אייך צו גאַסט, וועט זי מיך, חוץ טיי מיט קיכלעך, קיין זאַך ניט בעטן עסן. איך ווייס אויך ניט ווי דו פירסט זיך שבת. נאָר פאַרפאַלן, דו פרעגסט ביי מיר ניט, איז זאָג מיר אויך ניט קיין דעה. איך וויל זיך מאַכן גרינגער.

— איך זע ניט איין מיט וואָס דו וועסט זיך מאַכן גרינגער. וועסט וואוינען אויף ברייטע גאַס און לויפן יעדן אינדערפרי אַהערצו אין טויער. דו וועסט דאָך דעם טויער ניט אויפגעבן.

— וואָס איז מיר דער טויער, אַ גאָט? ווען איך וועל אַ חופה שטעלן מיט ר' רפאלן, וועל איך האַנדלען מיט אים אינאיינעם אין זיין קעלערל. ביסט געבליבן אַ יינגל! — טוט זי פלוצלונג אַ געשריי, — ווען דו ביסט געווען קליין, האָב איך פון דיר געהאַט געברענטע צרות, ווילסטו מיר איצט אָפּצאָלן מיט דיינע לאַסקעס. דו האָסט זיך געמאַכט אַ מאָדע מיך צו קושן און לאַשטשען פונקט דעמאָלט ווען פרומע־ליבטשע איז דערביי. איך זאָג ניט, חס ושלום, אַז דאָס פאַרדריסט זי, נאָר עס

מעג זי פֿאַרדריסן. אָסור זאָל דיר זיין אויב דו וועסט עס ווייטער טאָן. דו זעסט אָפּילו ניט ווי זי ווערט רויט. זי האָט טויזנט חנען און זי איז אויך אַ היפּשע שוויגערקע ווי איר ברודער משהלע, ער זאָל דאָרט אין ארץ ישראל אויסוואַקסן אַ צעדער־בוים. איטלעך מאָל ווען דו הייבסט־אָן: „מאַמע קום צו אונדז", לאָזט זי אַראָפּ די אויגן. זי ווייס אַז דיינע רייד האָבן ניט קיין האָפּט. איר אַליין וואוינט דאָך אין אַ געדונגענעם צימער ביי יענעם. נאָר ווען דו וואָלסט אָפּילו געוואוינט אין אייגענע פּאַלאַצן, וואָלט איך צו דיר ניט געגאַנגען. איך וויל בכלל ניט אָנקומען צו קינדער, — רופֿט זי אויס אַ שטאַרק אויפֿגערעגטע.

איך ווייס אַז די מאַמע איז גערעכט און ס'איז מיר אַ חרפּה פֿאַר זיך אַליין זיך מודה צו זיין, אַז איך וויל ניט די מאַמע זאָל אָפּגעבן איר טריישאַפֿט אַ ווילד־פֿרעמדן יידן, אַ מרוקעוואַטן שוויגער.

— די חופּה וועלן מיר שטעלן אין אַ דערבייאיק שטעטל, — רעדט זי שוין געלאַסענער, מער צו זיך ווי צו מיר, — פֿאַר אונדז עלטערע מענטשן איז שענער, אַז דאָס וואָס מיר טוען זאָלן מיר טאָן אָן טאַראַראַם. מיר האָבן שוין אָפּגערעדט ווען און וואו.

— אַזוי? איך וויל זיך מיט אים באַקענען.

— וואָס ווילסטו זיך עפּעס מיט אים באַקענען? — נעמט זי שטיל לאַכן, — איך האָב דיר ניט געזאָגט קיין מבינות, דאַרפֿסטו מיר אויך ניט זאָגן קיין מבינות. ס'איז גאָר ניט שיין דו זאָלסט זיך מישן, דאַרפֿסט זיך האַלטן פֿון דער ווייטן ביז נאָך דער חופּה. שפּעטער, אויב דער אייבערשטער וועט וועלן, וועסטו צו אונדז קומען צו גאַסט מיט דיין ווייב. מער ניט דאָס שענקל מיט דיין טאַטנס ספֿרים זאָלסטו צונעמען, — ווערט זי ווידער ערנסט און שטרענג, — דיין טאַטע, עליו השלום, וועט פֿאַראיבל האָבן אויב זיינע ספֿרים וועלן ניט זיין ביי זיין זון אין שטוב, נאָר אַנדערשוואו.

אויף אירע וויעס הענגען גאָלדענע טרערן, זוי דאָרטן וואָלטן זיך פֿאַרקליבן די לעצטע פֿאַרבלאָנדזשעטע שטראַלן פֿון דער שבת־פֿאַר־נאַכטיקער זון, און איר בלייך פּנים לויכט אין דער צוגעפֿאַלענער טונקל־קייט, ווי אין בין השמשותדיקן בית־מדרש לויכט ביים עמוד די הייליקע ווייסקייט פֿון אַ נאָך ניט אָנגעצונדענעם לאַנגן שמאָלן יאָרצייט־ליכט.

נאָך דער חופּה האָט די מאַמע זיך גענומען ביסלעכווייז אַריבער־קלייבן צו ר' רפֿאל ראָזענטאַל אין שטוב אַריין. ווען ליזע די גענדזלערקע, אַלטערקע דעם גענדזלערס אלמנה, האָט עס דערזען, האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ זיפֿץ:

— ווי לאַנג איר האָט געוואוינט אַנטקעגן מיין שטיבל, איז מיר אויסגעקומען אַז איך שלאָף ניט אַליין. וואָס וועט איצט זיין? ווער ווייס ווי לאַנג אייער שטיבל וועט פוסטעווען און ווער עס וועט זיך אַריינציען אויף אייער אָרט.

— איך האָב גאָרניט אַזעלכע שונאים איך זאָל זיי ווינטשן צו וואוינען אין מיין צימערל הינטער דער קוזניע, — האָט די מאַמע גע־ענטפערט, — איר וואָלט באַדאַרפט, ליזע, אַריינגעמען אַ שטילע יידענע, וועט איך בייננאַכט ניט זיין אַזוי אומעטיק. איך האָב געשטעלט אַ חופּה אַ שטיק צוליב דעם, וואָס איך האָב לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן דאָס זיין בייננאַכט אַליין.

אויך שייע דער תבואה־סוחר, וואָס איז לעצטנס פאַרדאגהט נאָך מער ווי שטענדיק, איז ווען ער דערזעט ווי די מאַמע גייט דורך דער גאַס מיט צוויי פּעקלעך, שאָקלט מיטן קאָפּ צו כאַצקלען דעם באַקאַליישטשיק:

— היינט דאָ, מאָרגן דאָרטן, ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט. מען ציט זיך אַזוי לאַנג פון איין דירה אין דער אַנדערער, ביז מען ציט זיך אַריין אין דער אייביקער דירה. דאָרט דאַרף מען ניט טראַכטן כסדר וואו נעמט מען צו צאָלן דירה־געלט. וואָס קוקט איר אַזאַ נעכטיקער ר' כאַצקל?

— מען זאָגט, — ענטפערט יענער מיט אַ פּאָר איבערגעשראָקענע אויגן, — אַז דער המן פון בערלין האָט ווידער געבילט אויף דער ראַדיאָ: „די יודען!"... מיר גייט דורך אַ סקרוך איבערן לייב.

— מיר הענגען אויף אַ האָר, ר' כאַצקל, יעדן טאָג קען אַרויס־שפּרינגען אַ מלחמהלע, השם ירחם.

כדי אַריבערצוטראָגן אויף דער נייער דירה די גאַנצע אָרעמקייט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר אַזוי פיל יאָרן, דאַרף די מאַמע גיין עטלעכע מאָל אין טאָג הין און צוריק. ווי שייע איז ניט פאַרמרה־שחורהט וואָרפט ער פונדעסטוועגן אַ בליק צי קומט ניט ר' רפאל ראָזענטאַל העלפן דער מאַמען. אָבער ר' רפאל ווייזט זיך ניט.

— דער מאַן אירער פירט זיך ווי אַ פּריץ, — זאָגט שייע צו כאַצקלען, — ניט בחנם הייסט ער מיט אַזאַ גבירישן נאָמען: ר' רפאל ראָזענטאַל.

— וועלע האָט, דאַכט זיך, אויסגעביטן אַ שוך אויף אַ לאַפּטשע, — זאָגט כאַצקל.

ענדלעך באַווייזט זיך איינמאָל אויף דער גאַס אַ מיטלוואוקסיקער ברייטפּלייציקער ייד אין אַ הויכן געוואַנטענעם היטל. פאַררוקט די הענט אין די אַרבל, גייט ער פאַמעלעך, פאַמעלעך, און די מאַמע גייט אים נאָך. די קרעמער שטעקן אַרויס די קעפּ פון די געוועלבער.

— ער זעט מיר אויס צו זיין פון יענע יידן וואָס מען דערקענט קיינמאָל ניט אויף זיי ווי אַלט זיי זיינען, — זאָגט שייע.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס וועלע גייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, — טענהט כאַצקל, — וואָס האָט זי זיך צו שעמען? זי האָט זיך געגוג אָנגעמאַטערט.

— מען זאָגט אַז ער איז אַ שווייגער, — רעדט זיך שייע דאָס זייניקע, — אַמאָל שוויגט איינער ‏טאָקע פון צידקות, און אַמאָל שווייגט ער, ווייל ער איז אַ האַרטע נוס, אָדער ווייל ער וויל אויסזען אַ לעמעשקע. מען קען ניט וויסן.

און ביידע קרעמער ציען אַריין די קעפּ אין די געוועלבער.

בעת די מאַמע און ר' רפאל גייען צוריק אַרויס פון הויף באַלאָדענע מיט קאַשיקלעך שטוב־געשיר, איז זיי אין טויער מקבל פּנים דער הויז־ווירט, ר' נתן־נטע דער גבאי. ער גלעט די לאַנגע געפלאָכטענע באָרד און פאַנגט אָן ריידן מיט גרויס ישוב הדעת. ריידן רעדט ער אין חלל אַריין צווישן דער מאַמען און איר מאַן, ווייל ר' נתן־נטע ווייס נאָך ניט ווער פון זייביידן איז דער בעל־דעה.

בלתי ספק, זאָגט ער, איז די קוזניע קיין דירה ניט און דער טויער קיין קראָם ניט. אלא וואָדען? וועלע איז אים געבליבן שולדיק אַלטע חובות סיי פאַרן טויער און סיי פאַר דער דירה. וואָלט געווען אַ יושר מען זאָל אים סילוקן. ער זאָגט ניט וויפל, נאָר לכל הפּחות פּופציק, זאָל זיין פערציק, אַ סוף, אַן עק, זאָל זיין פינף־און־דרייסיק. אָבער ניט ווייניקער קיין אײן פּרוטה! דאָס איבעריקע איז ער מוחל במחילה גמורה תיכף ומיד.

די מאַמע בלייבט אַזוי פאַרשעמט, אַז זי פאַרלירט דאָס לשון. ר' רפאל ווידער שטעלט, ניט־געאײלט, אַראָפּ אויף דער ערד די קאַשיקלעך, פאַררוקט די הענט אין די אַרבל און זיינע פאַרזשמורקעטע אויגן שמייכלען.

— וואָס האָט איר צו ר' רפאלן, — זאָגט די מאַמע מיט אַ צעפלאַמט פּנים, — דער בעל־חוב בין איך דאָך, וועל איך אייך אם ירצה השם אויסצאָלן.

— אויב איר האָט ביז איצט ניט באַצאָלט, ווועט איר נאָכדעם ווי איר וועט אָנעקנעמען אײערע זאַכן, אַוודאי ניט באַצאָלן, — זאָגט דער הויז־ווירט מיט שטילער צעקאָכעניש, און ווענדט זיך גלייך צו ר' רפאלן, — איך האָב גערעכנט, אַז אַ ייד אַ באַלעבאָס וועט ניט וועלן, אַז זיין ווייב זאָל בלייבן אַ בעל־חוב.

— אוהו, — גיט ר' רפאל אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַ סימן אַז ער איז מסכים.

דער הויז־ווירט קען ר׳ רפאל ראָזענטאַלן און ווייס אַז אויף זיינעם אַ וואָרט קען מען בויען. אָבער פאָרט, ר׳ רפאל זאָגט דאָך ניט אַרויס קיין וואָרט, פרעגט ר׳ נתן־נטע איבער:

— איר מיינט צו זאָגן אַז איר וועט באַצאָלן?

— אוהו, — גיט יענער ווידער אַ שאָקל מיטן קאָפּ.

— איך זאָל אַזוי געהאָלפן ווערן פון איצט אָן און ווייטער ווי איך וועל באַצאָלן ביז אַ גראָשן, — בעט זיך די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן און אַ טריקעניש אויף די ליפּן, — איך וועל נעמען ביי מיין זון און באַצאָלן. איך אַנטלויף דאָך ניט, איך דאַרף דאָ נאָך עטלעכע מאָל קומען נאָך מיינע חפצים, וועל איך אייך אָפּגעבן.

ר׳ רפאל, וואָס שטייט די גאַנצע צייט פון שמועס מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום הימל און האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואָרעמט אויף דער זון, דרייט זיך אויס צו דער מאַמען און זאָגט שוין יאָ אַ וואָרט:

— מהיכא תיתי, — קוועטשט ער מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: ווילסטו דווקא אַליין באַצאָלן, וועל איך קיין תביעות ניט האָבן. טאָמער קענסטו ניט, דאַרפסטו זיך אויך ניט מצער זיין, איך וועל סילוקן.

ר׳ נתן־נטע וועגט אויף זיין האַנט־פלאַך אַ לאָק פון זיין לאַנגער געפלאָכטענער באָרד, אַקוראַט ווי ער וואָלט אָפּגעוואויגן זיינע מחשבות: ס׳וואָלט אים געווען מער ניחא ווען עס נעמט אויף זיך דעם חוב ר׳ רפאל. דער אויפס־פאַרקויפערקעס זון קען פונקט ניט האָבן קיין געלט, אָדער האָבן און ניט וועלן אָפּגעבן. זינט ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורוס, איז ער אויך געוואָרן אַ חצוף און האָט אים — אים, ר׳ נתן־נטען! — געזידלט. פון דער אַנדער זייט אָבער ווייס ער, אַז וועלע איז אַן ערלעכע יידענע, זי וועט ניט שווערן פאַלש און עס וועט איר אויך ניט פּאַסן פאַר איר מאַן ניט צו האַלטן קיין וואָרט. ווייס טאַקע ניט ר׳ נתן־נטע ווי אַרויסצוגיין פון דעם שיקול הדעת.

ר׳ רפאל בייגט זיך איין, הייבט אויף זיינע קאַשיקלעך און לאָזט זיך גיין. די מאַמע טוט אַ קוק מיט שרעק אויפן הויז־ווירט צי ער וועט זי דורכלאָזן. אָבער יענער האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעוואויגן ווי ס׳איז גלייכער. לאָזט זיך די מאַמע גיין נאָכן מאַן ניט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי פריער, נאָר מיט אַ צעשטראַלט פּנים, און טראַכט דערביי, אַז ר׳ רפאל איז די אײדלקייט אַליין, מער ניט אַ ביסל אַ מאָדנער.

נאָך מער פאַרחידושט איז די מאַמע פון דעם אופן ווי ר׳ רפאל ראָזענטאַל פירט זיין געשעפט און פאַרקויפט זיין סחורה.

דעם ערשטן אויפדערנאַכט אין דער נייער דירה פאַלט די מאַמע

שלאָפן אַ פאַרמאַטערטע פון שלעפּן אַ גאַנצן טאָג די פּעקלעך. ר׳ רפאל בלײַבט נאָך שטײן בײַם פענצטער אַ פאַרגליווערטער און דאַוונט מעריב. אינדערפרי ווען די מאַמע עפנט אויף די אויגן, געפינט זי אים ווידער שטײן בײַם פאַרקראַטעוועטן פענצטער, ווי ער וואָלט זיך גאָרניט געהאַט צוגעלייגט, און פון אונטער זײַן הויכן געוואַנטענעם היטל קוקט אַרויס אַ גרויסער של ראש. ער שאָקלט זיך ניט, באַוועגט כמעט ניט מיט די ליפּן און זעט אויס ווי ער וואָלט פאַרפרוירן געוואָרן פון קעלט. נאָך אָנבייסן נעמט ער אַראָפּ פון דער וואַנט אַ שליסל און לאָזט זיך גיין צו זײַן קעלערל, וואָס איז לעבן דעם הויף וואו ער וואוינט.

די מאַמע גייט אים נאָך און קלערט: ער גייט גאָרניט אין מאַרק אַרײַן קויפן סחורה?

ווען מען קומט אַרײַן אין געוועלבל דערזעט זי, אַז קיין סך סחורה איז ניטאָ, און דאָס וואָס ס׳איז יאָ דאָ, איז צונויפגעוואָרפן אינאײנעם, גרינס מיט אויפס, צוגעלעגענע מיט פרישע, אַ מיסט־קאַסטן, זאָל ניט אויסגערעדט זײַן. שטעלט זי זיך אַוועק בײַ די הינטערשטע פּאָליצעס פאַנאַנדערלייגן די סחורה און ר׳ רפאל שטייט אויף די טרעפּלעך פון האַלבן קעלערל און קוקט שוין ווידער אַרויס אין גאַס. ער גייט גאָרניט אין מאַרק נאָך גרינסן, נאָך אויפס? הערט די מאַמע ניט אויף זיך צו וואונדערן, אָבער זי רעדט ניט קיין וואָרט, ווי אַרומגעשפּינט מיט זײַן שוויַיגעניש.

ערשט אַ טרעגערקע קומט אָן מיט צוויי פולע קאָשיקעס, זי סאָפּעט אָזש, נעמט איבערשיטן די סחורה אין ר׳ רפאלס קערבלעך און רעדט אָן אויפהער:

— דער הורטאָווניק האָט אײַך געשיקט פון שענסטן און פון בעסטן. ווער עס האָט חן בײַ מענטשן, האָט חן בײַ גאָט, האָב איך געהערט זאָגן. די ענגדלערקעס שטופּן זיך צו די זעק, און דער הורטאָווניק שרייט: טשעפּעט ניט, דאָס איז פאַר ר׳ רפאל ראָזענטאַל. איך האָב אויפגעשניטן אַ רעטעך, איז עס געווען ניט קיין רעטעך, נאָר אַ שטיק פלייש. די קאַרטאָפל צעגייען זיך אונטער די ציין, אָזוי זאַפטיק זיינען זיי. אייך, ר׳ רפאל, וועט דער הורטאָווניק ניט שיקן קיין קראַכמעל.

ר׳ רפאל וואַרפט אַ בליק אויף דער סחורה, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און קוקט ווײַטער אַרויס אין גאַס.

— און אַז דער הורטאָווניק שיקט אײַך ציבעלע, איז עס פון ציבעלע־לאַנד, אָן גרינע בערד, ניט קיין איבערגעוואַקסענע און ניט קיין אײַנגעטריקנטע, — נעמט די טרעגערקע ניט אַראָפּ די אויגן פון דער מאַמען וואָס פאַרעט זיך אין הינטערשטן טייל פון קעלערל.

ר׳ רפאל דערלאַנגט דער יידענע אַ מטבע. זי בלײַבט קענטיק שטאַרק צופרידן פון דער נתינה.

— זאָל אייך זיין מיט הצלחה, — זאָגט זי באַהאַרצט און מען קען ניט וויסן צי זי מיינט עס, ער זאָל האָבן הצלחה ביים פאַרקויפן די סחורה, אָדער זי גיט אים אָפּ מזל־טוב.

ווען די טרעגערקע גייט אַוועק, קומט צו אַ באַלעבאָסטע און נעמט איבערקלייבן די נאַר־וואָס געבראַכטע רעטעכער. זי בלייבט שטאַרק אַנטוישט:

— סטיבונעס, האָלק.

אויף דעם גיט ר׳ רפאל אַ צי מיט די אַקסל און דאָס מיינט בערך: איך ווייס? קויף ניט.

פאַר דער איינקויפערקע איז מסתמא ניט קיין נייס זיין אויפפירונג, נאָר זי זעט אַז די פרעמדע יידענע וואָס באַלעבאָטעוועט אין קראָם קוקט אויף אים עפּעס פאַרחידושט, רופט זי זיך אָפּ צו ר׳ רפאלן:

— דאָס איז אייער פרוי? — און צו דער מאַמען רעדט זי שטרענג־לעך, — איר האָט זיך ניט וואָס צו וואונדערן. ניט אומזיסט גייט מען צו ר׳ רפאלן, מען ווייס אַז ער וועט ניט אָפּנאַרן. ווייזט אויס אַז איר זייט פרעמד אין דעם מסחר.

— איך בין דווקא ניט אַזוי פרעמד אין דעם מסחר, — וואַרפט די מאַמע איבער אין איר האַנט אַ גרויסן רעטעך מיט אַ האַרטער ברוינער גערונצלטער הויט און מיט אַ סך וואָרצעלעך, — איך קען ניט אַריינ־קריכן אין רעטעך, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז ער איז ניט קיין סטיבון.

— איר וועט זיך נאָך אַ סך זאָכן דאַרפן אויסלערנען, — זאָגט די קונהטע זויערלעך און קוקט אויף דעם שווייגער מיט אַ מינע פון באַדויערונג צי מען האָט אים ניט אָפּגענאַרט מיט דער ווייב ווי מיט דער סחורה, — וואו קען איך קריגן אַ גוטן רעטעך? — פרעגט זי ביי ר׳ רפאלן, אויף צופלייסן, די מאַמע זאָל זען זיין ערלעכקייט און זיך אָפּלערנען, — קומט שבת, מוז איך פאַר מיין מאַן מאַכן רעטעך מיט שמאַלץ, אויב ניט איז ביי אים דער שבת קיין שבת ניט.

ר׳ רפאל ווייזט איר מיטן קאָפּ אויף אַראָפּצו גאַס, וואו מען זעט נאָך אַ קעלערל מיט אַרויסגעשטעלטע קאָשיקעס. דאָרט, הייסט עס, קען זי קריגן וואָס זי וויל.

— און וואָס דאַרף מיר קאָסטן אַ צווייי קילאָ מערן? — פרעגט ביי אים די איינקויפערקע.

נעמט ר׳ רפאל אַרויס די הענט פון די אַרבל און ווייזט מיט אַ פינגער אויף דער מאַמען, כלומר, רעדט צו איר.

— איז וואָס דאַרף מיר קאָסטן דאָס פאַרגעניגן? — פרעגט די קונהטע איבער זייער טרוקן ביי דער מאַמען.

— פופצן גראָשן אויפן קילאָ, — ענטפערט די מאַמע, — סחורה איז היינט בראַנד־טייער.

— צוועלף גראָשן וועל איך זיך לאָזן קאָסטן, — רעדט די קונהטע דווקא צו ר׳ רפאלן.

ר׳ רפאלס פאַרזשמורקעטע אויגן שמייכלען און ער ווייזט ווידער מיטן פינגער אויף דער מאַמען: רעדט מיט איר. זי, זי וועט אייך ענטפערן.

די יידענע גיט זיך אונטער, און ווען די מאַמע וועגט שוין די סחורה, טראַכט זי: די איידלקייט און די פיינקייט אַליין! ער באַשטייט דווקא אויף דעם מען זאָל קוקן אויף מיר ווי אויף דער גאַנצער באַלעבאָסטע. רבונו של עולם, איך זאָל עס נאָר ווערט זיין.

# עק וועלט

# עס האָט זיך אָנגעהויבן

## I

נאָך קאַרגע צוויי וואָכן מלחמה מיטן דייטש, ווען די צעשלאָגענע פּוילישע אַרמייען זיינען נאָך געשטאַנען אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו מערב, איז פון היגטן, פון מזרח, אָנגעקומען די סאָוועטישע אַרמיי. די ערשטע רוסישע אויסשפּירער זיינען אַריבער דעם גרענעץ־פּאַס אין לייכטע טאַנקעטקעס. אונטער־צייט האָבן זיך גענומען ציען שנורן פון שוואַרץ־גלאַנציקע אויטאָס מיט לאָמפּיקע אויגן. דערנאָך זיינען גע־קראָכן שווערע טאַנקן מיט אַרויסגערוקטע האַרמאַטן פּיסקעס, ווי עס וואָלטן געפּויזעט פאַר־מבולדיקע חיות מיט אויפגעריסענע שנוקעס פול מיט בלאַנקע זעג־ציין. אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן שוין מאַרשירט גרויסע פּוסגייער־אַרמייען אין גרויע שינעלן האַרט ווי בלעך. די זעלנערשע פּנימער זיינען געווען מיד־אויסגעלאָשן פון לאַנגן מאַרש, נאָר איבער יעדן היטל האָט געברענט אַ רויטער שטערן, און איבער די צענדליקער טויזנטער צעכוואַליעטע קעפּ איז ווי אין אַ נעפּל געשוואומען אַ פּנים מיט אַ שמייכל פון אַ טיגער און אַ פּאָר לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס...

די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, די מערק און אַפילו די קרעמער־געסלעך האָבן אויסגעזען יום־טובדיק. מען איז אַנטקעגן געלאָפן דער אַרמיי מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און אַנדערע האָבן אַפילו געוויינט פון פרייד: ווען עס גייען ניט אַריין די סאָוועטן, וואָלטן מיר אַריינגעפאַלן צום דייטש. מיר זיינען אויסגעליזט געוואָרן!

אויף דער זאַוואַלנער גאַס זיינען געשטאַנען אַגיטאַטאָרן, יונגע מיטל־וואוקסיקע רוסן מיט דאַרע האַרטע פּלייצעס און אין היטעלעך אָן קאָזירעקעס, איינגעקנייטשט אין דער מיטן ווי שיפעלעך. אַרום זיי האָט זיך געשטופּט יונגוואַרג. די אַגיטאַטאָרן האָבן דערציילט ווי גוט און פריי עס לעבט זיך אין ראַטן־פאַרבאַנד.

— מיר האָבן אייך געבראַכט די באַפרייאונג אויף רוסישע באַגנעטן, — האָבן זיי געזאָגט.

אַ סך אַ גרעסערער עולם האָט זיך געזאַמלט אַרום די טאַנקן. יונגע־לייט האָבן געגלעט דעם קאַלטן שטאָל, ווי אַ רייטער גלעט דעם רוקן און די סאַמעטענע פעל פון זיין פערד וואָס האָט אים אַרויסגעטראָגן פון סכנה. די טאַנקיסטן, אין שוואַרצע איבערגעפּלאַכטענע היטעלעך, „פּי־ראָזשקי״, זיינען געשטאַנען ביי די האַרמאַטן און געזונגען סאָוועטישע לידער. אַ מיידל מיט אַ צעפלאַמט פּנים האָט הויך געשריִען:

— מיר האָבן די לידער אויך פריער געקענט. מיר האָבן זיי געהערט אויף דער ראַדיאָ באַהאַלטענערהייט, די פּוילישע פּאַנעס זאָלן ניט וויסן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ לאַנד וואָס זינגט אַזוי פריילעך, מוז זיין זייער גליקלעך.

— ווי לאַנג האָט געדויערט דער מאַרש פון דער סאָוועטישער גרענעץ ביז קיין ווילנע? — האָט געפרעגט אַ יונג אין אַ שוואַרצער רובאַשקע און מיט נאָך שוואַרצערע האָר, — איך מיין, ווי לאַנג זייט איר געגאַנגען צו אונדז?

— מיר זיינען צו אייך געגאַנגען צוואַנציק יאָר, זינט דער אָקטיאַבער־סקע רעוואָלוציע, — האָט אים שאַרף געענטפערט אַ בלאָנדער רוס מיט אַ פאַרריסן נעזל, און אַלע האָבן פאַרשטאַנען: פרעג ניט קיין מיליטערישע סודות.

דער ענטפער האָט זיך צעטראָגן איבער דער שטאָט: צוואַנציק יאָר זיינען זיי צו אונדז געגאַנגען! אַלע יאָרן האָבן זיי טאָג און נאַכט געאַרבעט, זיך געגרייט אונדז אויסצולייזן. אָבער מיר דאָ זיינען אויך ניט געשלאָפן, מיר האָבן צוגעגרייט דעם באָדן, — האָבן בחורים און מיידלעך גערעדט האָפערדיק און שפּאַצירט געאָרעמט איבער די גאַסן. ווען עס איז דורכגעפאָרן אַ שוואַרץ־גלאַנציקער אויטאָ, האָבן די מיידלעך זיך אָפּגעשטעלט, און מיט די אויגן, מיט די מיילער און מיט די ציין אַריינגעשמייכלט אין די פאַרהאַנגענע פענצטער פון אויטאָ. זיי האָבן, אמת, ניט געוואוסט ווער אינעווייניק זיצט, נאָר זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָרטן זיצן פּאָליטרוקעס און פּאָלקאָווניקעס.

איינמאָל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ און פון אים איז אַרויס־געקראָכן אַ הויכער מאַן אין אַ לעדערנעם מאַנטל. הינטער אים איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער אין אַ מיליטערישן מונדיר, נידעריקער פון ערשטן אין וואוקס און, ווי ס'איז געווען קענטיק, אויך נידעריקער אין ראַנג. דער קאָמיסאַר אין לעדערנעם מאַנטל האָט מיט אַ גוטמוטיקער שטרענגקייט אַ פרעג געטאָן ביים שאָפער הויך אויפן קול, די אַרומיקע זאָלן הערן.

— אונדז וועט קלעקן בענזין ביז ביאַליסטאָק?

דער שאָפער האָט גלייכגילטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, אָבער דער מיליטער־מאַן האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ פילדייטיקן שמייכל:

— אונדז וועט קלעקן בענזין ביז וואַרשע.

— און אפשר אויך ביז בערלין, — האָט אַ לאַך געטאָן דער קאָמיסאַר.

מער האָבן זיי ניט גערעדט און זיינען גלייך אַוועקגעפאָרן. גראָד דאָס וואָס זיי האָבן צופיל ניט גערעדט און אַפילו ניט קיין קוק געטאָן אויף די פּאַרגאָפּטע מיידלעך, האָט צוגעגעבן זייער קורצן שמועס אַ גוואַלטיקן אָנזען. ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר די סאָוועטן איז די נייע דייטשישע גרענעץ אין באַזעצטן פּוילן און אַפילו די אַלטע גרענעץ אין מזרח־פּרייסן — קיין גרענעץ ניט! מען האָט זיך איבערגעגעבן וואָס אַ זעלנער האָט געזאָגט:

— איך וועל די גרענעץ־סלופּעס פון ראָטן־פאַרבאַנד אַוועקשטעלן דאָרטן וואו מען וועט מיר הייסן.

אָבער אויף דער יאַטקעווער גאַס, אויף דער שאַוולער און אויף דער רודניצקער, דאָרט וואו די געסלעך זיינען ענגער און עס זיינען דאָ מער קראָמען, דאָרט האָבן זיך שטאַרק אָנגעזען די לאַנגע רייען ביי די שפּייז־געוועלבער. נאָך מער האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די אָטשערעדס פון סאָוועטישע סאָלדאַטן ביי די שניט־קראָמען. ס'האָט אויס־געקוקט ווי אַלע זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי וואָלטן זיך אויסגעשטעלט ביי די יידישע געשעפטן איינקויפן מתנות פאַר ווייבער און קינדער, פון שטאָפן און אָנצוגן ביז האָר־שפּילקעס און קניילכעלעך פאָדעם.

**אויף** דער יאַטקעווער שטייט שייע דער מעל־סוחר מיט כאַצקלען דעם באַקאַלייטשיק און שמועסן. שייע איז פול מיט התפעלות פון די קראַסנאַ־אַרמייצעס, אָבער כאַצקל איז ביזקל צעגנטן ריפּ אַ קרעמערל, זאָגט ער אַזוי צו שייען:

— גיט מיר אַ מיליאָן איך זאָל זיך איצט מאַכן אַ בגד! איך קלער נאָר ווי אַזוי דורכצושטופּן דעם היינטיקן טאָג ביז די מלחמה וועט אַריבער. די קראַסנאַ־אַרמייצעס טרעטן גאָר ניט אָפּ פון די געשעפטן. זיי זאָגן דאָך אַז זיי האָבן אַלץ?

— אַוודאי האָבן זיי אַלץ, — ענטפערט שייע, — זיי האָבן טאַנקען, האַרמאַטן, בענזין און פייגעלעך, שטאָלענע פייגעלעך כחול הים. האָבן זיי ניט געהאַט דעם קאָפּ צו מאַנופאַקטור און גאַלאַנטעריי!

— זיי האָבן עפּעס צופיל געלט, צופיל טשערוואָנצעס, — מורמלט כאַצקל.

עטלעכע לאַסט־אויטאָס שטעלן זיך אָפּ אויפן ראָג רודניצקער און יאַטקעווער ביי די גרויסע מאַנופאַקטור־געשעפטן, כהרף־עין צעטראָגט זיך פון אויער צו אויער, אַז די סאָוועטן קאָנפיסקירן די סחורה:

— עס הייבט זיך אָן די זעלבע געשיכטע ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק, — ציט אויס כאַצקל מרה־שחורהדיק.

— אַוודאי וועלן מיר ביי זיי קיין האָניק ניט לעקן, — קוקט שייע אַראָפּ מיט מוטנע אויגן אויף זיין קמץ־בערדל.

דורך דער גאַס גייען אַ האַלבער טוץ רוסן אין בלויע היטלען. שייע באַמערקט אַז ביי זיי זיינען די נאַקנס אויסגעגאָלט, ניט ווי מען שערט אונטער אין ווילנע די האָר אויפן קעמל. חוץ דעם באַמערקט שייע, אַז זייערע מאַנטלען זיינען אונטן פאַרבויגן אין אַ קענטעלע, בעת ביי די פּראָסטע קראַסנאָ־אַרמייצעס זיינען די שינעלן ניט אַרומגעזוימט, נאָר זעען אויס ווי אָפּגעשניטן פון איין שטיק. די רוסן אין די בלויע היטעלעך גייען צו צו אַ סאָלדאַטסקע ריי ביי אַ שניט־קראָם, גיבן עפּעס אַ זאָג צו אַ פּאָר זעלנער — און די גאַנצע ריי צעפּאַלט זיך אין איין אויגנבליק. די קראַסנאָ־אַרמייצעס, וואָס זיינען אָפּגעשטאַנען שעהן־לאַנג אין אָטשערעד, גייען אַוועק שוויגעוודיק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. זינט דער קרעמער לעבט אויף דער וועלט, האָט ער ניט געזען און ניט געהערט מען זאָל מיט צוויי ווערטער קענען צעטרייבן אַזאַ גרויסע מחנה סאָלדאַטן.

— דאָס זיינען ענקאַוועדעניקעס, — שעפּטשעט שייע צו כאַצקלען און בײדן ווערט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

**אין** יענע שפּעט־האַרבסטיקע טעג האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די שטאָטישע פּאַרקן. מיר זיינען מיטאַמאָל זייער טייער געוואָרן די ברייטע אַלייען מיט די אַלטע קאַשטאַנען־ביימער, וואו עס האָבן זיך אָפּטמאָל פאַרן קריג אַרומגעדרייט פּוילישע סטודענטן מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט און געלויערט אויף יידישע דורכגייער.

דער שלאָס־באַרג איז געווען פאַרשאָטן ווי מיט צעגליטע קוילן מיט שאַרלאַך־רויטע, טונקל־ברוינע און זאַפראַן־געלע בלעטער. נאָך עטלעכע רעגנדיקע טעג האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט, זיך אויפגעהויבן העכער, און געלויכטן מיט אַ דורכזיכטיקן קרענקלעכן קאָליר. אַ פאַרכמאַרעטער, אָן אָנגעזאָפּטער מיט האַרבסטיקער פייכטקייט און טרויער, בין איך לאַנג אַרומגעקראָכן אין דער אומגעגנט פון דער ווילִיע און די גערטענער, ביז איך בין געבליבן שטיין אויפן קאַטעדראַל־פּלאַץ ביי דער ווייסער קאַטעדרע מיט די זעקס זיילן אויף דער פראָנט־זייט.

דער פּלאַץ איז געווען געדיכט געפּאַקט מיט פּאָליאַקן, אַלע מיט

ערנסטע שטרענגע פּנימער. איך האָב זיך צוגעשטופּט צו דער טיר פון דער קאַטעדרע און אַריינגעקוקט אינעווייניק. פון דער גרויסער צאָל לאַנגע וועקסענע ליכט אויפן אַלטאַר און פון די לאָמפּן אין די קאַפּליצעס איז אין קלויסטער געהאַנגען אַ ראָזער נעפּל. די קאַטעדרע איז פון ראַנד ביז ראַנד געווען פול מיט קאַטוילן, וואָס האָבן מיט אַנטבלויזטע קעפּ געקניט אין טיפן שווייגן. אין הויכן רוים זיינען אין ברייטע כוואַליעס געשוואומען די קלאַנגען פון אָרגל אַזוי טרויעריק און פייערלעך, ווי דאָ וואָלט פאָרגעקומען אַ מעסע נאָך אַ ניט געזעענעם טויטן — נאָך דעם אונטערגעגאַנגענעם פּוילן.

דורך דער גאַס האָט דורכגעמאַרשירט אַ ראָטע רויטע אַרמייער. טייל פון זיי האָבן געקוקט אויף דעם קלויסטער־עולם מיט נייגער, טייל מיט פאַרוואונדערונג, און אַנדערע האָבן געשמייכלט. די פּאָליאַקן, וואָס זיינען מענגעסווייז אַרויס פון דער קאַטעדרע, זיינען געשטאַנען אינדרויסן מיט אַנטבלויזטע קעפּ און נאָכגעקוקט די רויט־אַרמייער מיט פאַרביסענע ליפּן.

ביי דעם בערנאַדינער קלויסטער, געבויט פון רויטע ציגל אין גאָטישן סטיל ווי אַ געוועב פון אַרויפגעשפּיצטע שטעכיקע שטראַלן, האָבן אויפן ברוק און אויף די טראָטואַרן געקניט יונגע פּאָליאַקן און עלטערע פרויען. אויך דאָ האָבן זיי געדאַוונט שטום־פאַרגליווערטע, מיט אַראָפּגעדריקטע קעפּ, ווי אַריבער זיי וואָלט געשוועבט דער ניט־געזעענער טויטער אין אַ זילבערנער טרומנע.

ביים בריקל איבער דער ווילענקע האָב איך דערזען אַ געזעמל אַרום אַ טאַנק. דער טאַנקיסט, אַ יונג מיט ווייסע פלאַקסענע האָר און ווייסע אויגן, האָט עפּעס דערציילט און די אַרומיקע האָבן פריילעך געלאַכט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען און געבליבן שטיין אויפן בריקל אויסגעדרייט מיטן פּנים צום טאַנק: אפשר צוגיין און פּרואוון מיטלאַכן, מיטפרייען זיך מיט אַלע בחורים און מיידלעך?

אָבער איך בין ניט צוגעגאַנגען. איך בין אַריין אין בערנאַדינער גאָרטן און זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ באַנק. דער ווינט האָט פון די ביימער אָפּגעטרייסלט שטויסן בלעטער, נאָר די קרוינען זיינען נאָך אַלץ געבליבן געדיכט־באַבלעטערטע און די שטאַמען האָבן אויסגעזען ווי אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. ווען דער ווינט איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, האָבן די צווייגן געציטערט און געקרעכצט ווי אַ קראַנקער נאָך אַ שווערער פיבער־נאַכט. איך האָב זיך דערמאָנט אַן יוליוש סלאָוואַצקיס אַ ליד: „מיר איז אומעטיק, גאָט!" וואָס פּוילן איז ניט געווען, האָב איך אין דער מאַמעס קעמערל הינטער דער קוזניע געקענט זיין וואָס איך האָב געוואָלט. איצט וועט מען מיך ניט לאָזן בלייבן אַליין אין מיין צימער, איצט טאָר מען ניט זיין אומעטיק.

# II

אין דער טיף פון אַלייע איז אויף אַ באַנק געזעסן אַ מענטש מיטן פּנים אויסגעדרייט צו מיר, און לויט זיין אויסגעצויגענעם האַלדז אין מיין זייט איז געווען קענטיק, אַז ער איז נייגעריק צו וויסן ווער איך בין. מסתמא אַ שיכור וואָס זוכט אַ מיטשמועסער, האָב איך אַ טראַכט געטאָן און זיך אומגעדולדיק אָפּגעקערט. צופעליק האָב איך ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין זיין זייט, אים אָנגעקוקט, און זיך דערמאָנט, אַז ער כאַפּט דעם אָנבליק פון זלמן פּרעס, דעם זאָקן־הענדלער, וואָס איז אַמאָל מיט מיר דאָ אָפּגעזעסן שעהן־לאַנג און מיר דערציילט וועגן זיין ליבע צו זיין בלאָנדער שכנה, וואָס האָט זיך שפּעטער אויפגעהאַנגען.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און זיך געלאָזט צו אים גיין. אָבער וואָס נעענטער איך בין צו אים צוגעקומען, אַלץ זיכערער בין איך געוואָרן, אַז איך מאַך אַ טעות. דער זאָקן־הענדלער האָט געהאַט אַ גרויסע געקרייזלטע באָרד, און דער מענטש אויף דער באַנק האָט אַן אָרומגעצופּט גרוילעך בערדל.

— איך האָב דיך גלייך דערקענט, — האָט יענער אויסגערופן, — גלייך דערקענט! נאָר איך האָב ניט געוואָלט צוגיין צו דיר טאָמער האָסטו מורא. איך ווייס, היינטיקע ציטן איז בעסער ווען מען האָט ניט קיין אַלטן באַקאַנטן, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט געהאַלטן מיט דער מענשעסטוואָ, ניט מיט דער באָלשעסטוואָ.

— איך האָב אייך ניט דערקענט, — זעץ איך זיך אַוועק לעבן אים, — איר האָט אָפּגעשאָרן די לאַנגע באָרד.

אָפּגעשאָרן! — שרייט ער אויס פריילעך, — מיין באָרד איז ניט געווען קיין פרומע באָרד, נאָר אַן עס־דעקישע, אַ פּאַרטיאישע, אַ פּאָיעטישע, זאָל זיין אַ טאָלסטאָיאַנישע, נאָר ניט קיין פרומע. זי איז געווען מיין שענסטע צירונג. האָט זי אָבער גענומען גרוי ווערן, און פון זיצן יעדן אויפדערנאַכט אין קברנישער קלויז איז פון איר געוואָרן אַ קאָלטן, האָב איך זי אָפּגעהאַקט. איך דאַרף ניט קיין עס־דעקיש־פּאַרטיינע באָרד וואָס זאָל זיך וואַרפן די באָלשעוויקעס אין די אויגן.

אין זיין אויפגערעגטן רייד און בייסיקייט זע איך, אַז ער איז נאָך געבליבן דער זעלבער ווי דעמאָלט ווען ער האָט, נאָך אַ גאַנצן אויפדערנאַכט שמועסן מיט מיר און זידלען זיך אַליין, אַראָפּגעריסן פון האַלדז דעם שליף, וואָס ער האָט געטראָגן מעשה קינסטלער, און איז אַנטלאָפן פון גאָרטן אין קברנישער שול.

— זאָג אַליין, צו וואָס דאַרף איך אַ פּאַיעטישע באָרד, — רייסט ער זיין אַרומגעצופּט בערדל, — איך פּלעג צוציען די שלומפּערלעך, די ווייבעלעך, זיי זאָלן ביי מיר קויפן זאָקן, מיט צווייי זאַכן: מיט מיין באָרד און מיט מיינע לידלעך. איצט אַז איך האַנדל ניט מער מיט קיין זאָקן, באַדאַרף איך ניט מער ניט קיין באָרד און ניט קיין לידלעך.

— איר האַנדלט ניט מער?

— אָפּגעהאַנדלט! — צעלאַכט ער זיך, — ניטאָ וואו צו קויפן קיין זאָקן. גלייך ווי די באָלשעוויקעס, די באַפרייער, זיינען אַריין, בין איך אַרויס מיט מיין קראָם אויף דער גאַס. האָבן זיי אַלץ אויסגעקויפט. ווייבערשע זאָקן, סקאַרפּעטקעס, קינדישע זעקעלעך, אַלץ, אַלץ! באַצאָלט האָבן זיי ערלעך און אַקוראַטנע לויט דער נייער איינגעשטעלטער וואַליוטע, אַז אַ רוסישער רובל האָט די ווערט פון אַ פּוילישער זלאָטע. אָפּגעלייזט, גיי איך צום סוחר נאָך נייע סחורה. ערשט ער קוקט מיך אָן ווי אַ ניט־היגן און עזווערט זיך, אַז זיי האָבן אויך ביי אים אויסגעכאַפּט — אויף אַ רובל אַ זלאָטע — צענדלינגער טוץ, הונדערטער טוץ, און ער איז געבליבן, זאָגט ער, ביי גאַרניט. בין איך געוואָרן אויס סוחר. אויס! און פייגע, מיין ווייב, און די זין מיינע לאַכן ווידער: שלים־מזל, לאַ־יוצלח, וואו איז געווען דיין שכל?

איך מאַך אַ גרימאַסע איך זאָל זיך ניט צעלאַכן. אָבער זלמנס קליינע שאַרפע אייגעלעך האָבן שוין אויפגעכאַפּט דעם באַהאַלטענעם שמייכל אין מיינע אויגן, און זיינע בליקן נעמען שפּריצן מיט גלאָז־שפּליטערס. צוליב זיין אַרומגעשאָרענער באָרד זעט אויס זיין פּנים איינגעשרומפּענער, בייניקער, און די מוסקולן אונטער דער הויט פון זיינע באַקן פאָרן אַרום הין און צוריק:

— מעגסט לאַכן! איך בין זייער צופרידן וואָס איך האַנדל ניט מער, העכסט צופרידן. וואָס פאַר אַ טעם האָט צו פאַרקויפן זאָקן אָן לידלעך? קיין שום טעם ניט! פאַר די באַפרייער דאַרף איך ניט קיין לידלעך. די שלומפּערלעך ווידער, די ווייבעלעך וואָס איך פלעג זיי צוציען מיט מיין זינגען, ווילן מער אין מיין זייט ניט קוקן. די באַפרייער זיינען בעסערע זינגער פאַר מיר און שענערע מאַנספּאַרשוינען אויך. דאָס, זעסטו, בין איך מודה. חוץ דעם האָט מיך מיין פייגע באַשוואָרן כ׳זאָל ניט עפענען דאָס מויל. כאָטש זי באַרימט זיך אַז זי האָט מיך פיינט, פונדעסטוועגן בין איך איר פאָרט אַ שאָד, בעט זי זיך ביי מיר: האָב רחמנות, זינג ניט מער קיין לידלעך. פאַרשטייסט? מיינע גראַמען קומען ניט פון מאָסקווע, קען מען עס אָננעמען פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אַריינגעשמוגלט אין פריילעכע לידלעך.

— מען טאָר ניט זיין אומעטיק, — זאָג איך.

— פריילעך אויך ניט! אויף דער אייגענער האַנט טאָר מען אויך ניט זיין פריילעך. געדענקסט מיינע לידלעך? איינע פון זיי האָב איך געזונגען ביי דיין מאַמעס טויער און די גאַס האָט אַנגעקוואָלן. איך כאַפּ אַרויס, ווי עס זאָגן די קריטיקער, איין פערז:

טאַנצט זשע עמך שער און אייזן,
טאַנצט זשע חברה באַלמעלאָכעס,
טאַנצט אַזוי, איר זאָלט ניט ווייזן
אייער נאַקעט־הוילן — — —

דאָס איז אַ משל: די וועלט איז אַ חתונה. אינעווייניק זיצן די רייכע מחותנים, די גראָבע בייכער, און אינדרויסן ביי די פּענצטער שטייען די אָרעמע־לייט און כאַפּן אַ טענצל. אַזוי איז געווען דעמאָלט ווען איך האָב דאָס לידל פאַרפאַסט. היינט איז פאַרקערט, און דאָס לידל איז נאָך מער צוגעפּאַסט: די גראָבע בייכער שטייען אינדרויסן און לאַכן פון דער חברה באַלמעלאָכעס וואָס טאַנצן אינעווייניק מיט דעם נאַקעט־הוילן הינטן, — שטיקט ער זיך אַזש פון געלעכטער, און איך זע ווי דער כעס דרייט אים איבער די קישקעס אין בויך, — איך זאָג דיר... קונצנמאַכער! וואָס רייד איך קונצנמאַכער? אַקטיאָרן! איך האָב דאָך עפּעס אַמאָל געשפּילט טעאַטער טאַקע אָט־דאָ אין טעליאַטניק. ניט אומזיסט קום איך דאָ אין גאָרטן און דערמאָן זיך אָן יענע צייטן ווען איך בין געווען אַ ליבהאָבער און פאַרדרייט פּיגען דעם קאָפּ מיט מיין טאַלאַנט. נאָר ווי קום איך צו זיי! זיי זיינען די אמתע אַקטיאָרן.

— ווער זיי?

— זיי, די באַפרייער, — פאַרקייכט ער זיך נאָך שטאַרקער, — זיי האָבן דעם גרעסטן רעזשיסאָר אין דער וועלט. איך פאַרשטיי, מען לערנט אויס צען פּויערים צו זינגען און צו שפּילן טעאַטער, צוואַנציק פּויערים, הונדערט פּויערים, אָבער טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פּויערים זאָלן אַלע זינגען איין לידל: או נאַס ווסיאָ יעסט! מיר האָבן אַלץ! נאָר מיינע סקאַרפּעטקעס זיינען אַ סחורה. אַפילו מיין פּיגעס זעק זיינען אַ סחורה. פּייגע שלעפּט אַ פּאַק לידיקע זעק פון מעל, פון קאַרטאָפל, שטעלט זי אָפּ אַ באַפרייער, קוקט ווי טיף דער זאַק איז, צי עס זיינען ניטאָ קיין לעכער — און קויפט. טאָמער מאַכט זיך אים עפּעס וואָס איינצוהאַנדלען, זאָל ער האָבן אין וואָס צו פּאַקן. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס עס איז שוין מער ניטאָ זייער אַמאָליקע אינטעליגענציע, — לאָזט זלמן אַרונטער דעם קאָפּ און נעמט ריידן טרויעריק־פאַמעלעך, — איי זייער אינטעליגענציע! אַפילו אַזאַ שלים־מזל ווי איך האָט זיך צווישן זיי געפילט ווי אַ מענטש

מיט לייטן גלייך. אין דער אמתן האָבן זיי דאָך עס מיר איינגערעדט אַז איך קען שפּילן טעאַטער און אַז איך בין אַ פּאָעט, כאָטש זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פֿון מיינע לידלעך. דער ריטם, האָבן זיי געזאָגט, געפֿעלט אונדז, דער ריטם. אָבער אַ רעזשיסאָר האָבן זיי, שוין איינמאָל אַ רעזשיסאָר! — צעקייכט זיך זלמן ווידער און האַלט זיך קוים איך ניט צו מאַכן קיין געוואַלד פֿון גרויס התפּעלות. — ער האָט אויך די רוסישע אינטעליגענציע אויסגעלערנט צו זיין כיטרע און שווייגן. ער האָט אויך מיך אויסגעלערנט! איך שוויג שוין!

— איר שווייגט דאָך ניט. — קוק איך אויף די קורצע שאָטנס וואָס ציען זיך פֿון שטאָם צו שטאָם, ציען זיך און קענען איינע צו די אַנדערע ניט דערגרייכן.

— איך שוויג, — קוקט ער זיך אַרום אין פּוסטן פּאַרק, — נאָר פֿאַר דיר האָב איך קיין מורא ניט. דו ביסט אויך געבליבן אויף יענער זייט באַריקאַדע, ווי מיין ידקע פֿלעגט זאָגן צו מיר. ווי קומסטו אינמיטן דערינען אין גאָרטן אין אַזאַ ווינטיקן טאָג? — גיט ער זיך צו מיר אַ דריי אויס, ווי ער וואָלט ערשט איצט זיך געכאַפּט אַז ער דאַרף זיך אויף דעם וואונדערן.

— סתם אַזוי.

— איך פֿאַרשטיי, — לאַכט ער, — דיר איז ביטער אויף דער נשמה. די היגע פּאַרטייצעס האָבן אויף דיר חטאים. האָסט זיך געוויס ווען־ניט־איז אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט. דיינע לידער טויגן אויך ניט מסתמא. ביסט אַמאָל געווען אַ ישיבה־בחור, זיינען אין דיינע לידער אַריינגעקראָכן לאַנגע בערד, דיין אָפּגעגאָלטע באָרד איז אַריינגעקראָכן אין דיין פּאָעזיע... נו, האָסט זיך שוין אָפּגעפּאַרבט? אָדער ווי זיי זאָגן, האָסט זיך שוין איבערגעבויט?

— דערוויל ניט. מען פֿאַרלאַנגט עס ניט פֿון מיר דערוויל.

— דאָס טויג ניט, דאָס הייסט, „פּינטלעכע צוריקגעהאַלטנקייט”, — רעדט ער מיט אַ שנײדיק קול, און איך ווייס ניט, צי ער מיינט עס ערנסט אָדער אין שפּאַס, — צופֿיל שווייגן און גאָרניט טאָן, טויג אויך ניט. דאָס טענהט דאָך צו מיר פֿייגע: אָדער דאָס מויל מאַכט זיך דיר ניט צו, אָדער צו שווייגסט ווי אַ וואַלד־גזלן. מען דערקענט גלייך אויף דיין פּנים אַז דו ביסט אומצופֿרידן, זאָגט זי.

— מען קריגט זיך נאָך אַלץ אַרום ביי אייך אין שטוב? — צי איך אַריין דעם קאָפּ אין די אַקסלען; מיר איז קאַלט, ווי פֿון זיינע רייד וואָלט געבלאָזן אַ ווינט.

— מען קריגט זיך ניט מער, — ענטפֿערט ער אַן אויפֿגעלעבטער, וואָס איך גיב אים אַן אויסרייד פֿאַר אַ נייעם שטראָם ווערטער, — ס'איז

געגוג פייגע זאָל אַ וויז טאָן דורכן פענצטער, וואו עס שטייען די טאַנקיסטן ביי זייערע טאַנקען און זינגען, ווער איך גלייך שטום. דאָס באַווייזט מיר פייגע וואָס איך האָב געמאַכט פון אונדזער יודקען. ווייסט דאָך, ווען עס איז געווען די בהלה פון לויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד, איז אונדזער יודקע דאָרט געלאָפן ווערן אַ מאָלער. מיר האָבן אויך פריער פאַרשטאַנען אַז ער לערנט ניט אין מאָסקווע אין דער קונסט־אַקאַדעמיע, ווי אים האָט זיך געחלומט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער ווערט פאַרשוואַרצט אין דאָנבאַס אין אַ קוילן־גרוב. פונדעסטוועגן האָבן מיר געטראַכט, אַז ווען־ניט־איז וועט ער זיך נאָך אָפּגעפינען. און זייט די באַפרייער זיינען אַריין, האָב איך פאַנטאַזירט, אַז אַט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ קאָמאַנדיר, יודקע. איך האָב עס פייגען ניט געזאָגט, אָבער מיר האָט טאָג און נאַכט געוואָרפן ווי אין אַ קדחת: עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ קאָמאַנדיר, יודקע. אויב ניט אַ קאָמאַנדיר, טאָ זאָל כאָטש זיין אַ סאָלדאַט אין אַ גרויען שינעל. אָבער פייגע האָט ניט געחלומט, זי האָט אַרומגעיאָגט מיינע בנים זיי זאָלן זיך עפּעס דערוויסן. אויף מיר פאַרלאָזט זי זיך ניט, איך בין אַ באַלבעטון, זאָגט זי. ביז מיינע בנים האָבן געבראַכט אַ זיכערע ידיעה פון די היגע פאַרטייצעס, די היגע ווידער האָבן עס אויסגעטאָפּט ביי די געקומענע פאָליטרוקעס: „ראַזגראַמילי!" די פוילישע קאָמפּאַרטיי, זאָגן די סאָוועטישע פאָליטרוקעס, איז געווען צעפּרעסן פון שפּיאָנאַזש און טראָצקיזם. איז אין די יאָרן ווען מען האָט אויסגעראָמט די גרויסע שרצים, האָט מען אויך אויסגעראָמט די קליינע, די ווילנער בחורימלעך. „ראַזגראַמילי!" קריג איך זיך ניט מער מיט פייגען.

זלמן פּרעס פאַררייסט דעם קאָפּ, פאַרבייסט די ליפּן, און נעמט מיט דער האַנט זיך רייבן אונטערן האַלדז, שייערן די הויט אַזוי שטאַרק, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסרייסן די האָר־וואָרצלען פון זיין אונטערגעשאָרע־נער באָרד:

— זעסטו, אויף מיין מאַטעלען איז אַ גרעסערער צער בעלי־חיים ווי אויף יודקען. יודקע פלעגט דאָך גיין אין די נעכט מיט אַן עמער פאַרב און פלעגט שמירן לאָזונגען אויף די ווענט: אַוועק די הענט פון ראַטן־פאַרבאַנד! לויט אים איז אויסגעקומען, אַז פוילן וויל מאַכן אַ מלחמה מיט ווייס־רוסלאַנד און מזרח־אוקריינע. אָבער מיין מאַטעלע האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין ווייס־רוסלאַנד און אוקריינע. מיין מאַטעלע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז די איינציקע באַפרייאונג פון אַלע צרות — איז גיין אין טאַנץ־קלאַס. איצט איז ביי אים חושך מצרים. די מיידלעך האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף די בורזשואַזנע טענץ און אויך אויף די קליינבירגערלעכע טענצער. זיי טאַנצן בלויז נאַראָדנע טענץ און בלויז מיט רויטע קאָמאַנדירן. איז מיין מאַטעלע געבליבן אָן די טענץ, ווי איך אָן די לידלעך. סיידן ער

זאָל זיך נעמען דרייען מיט דער מאַמען זיינער. האָט זי אָבער פּאַדאַגרע און סתם אַ ברעכעניש אין אַלע ביינער. פון גרויס ערגערניש רייצט זיך מיך מאַטעלע מיט מיין איזיקן. ווייסט דאָך, איזיקל האָט אַ נאַטור צו קלייבן אין קעסטלעך אויסגעברענטע ליולקעס, אַרויסגעוואָרפענע קינדישע שפּילצייג און אַנדערע שמאָכטעס. זידלט אים מאַטעלע אַז ער איז אַ פּריוואַטניק, אַ קולאַק, און נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, די סאָוועטישע מאַכט וועט זיך אַרומזען און קאָנפיסקירן איזיקלס פּריוואַט־קאַפּיטאַל.

אין גאָרטן איז שוין טונקל, נאָר דער הימל איז נאָך ליכטיק. מיר דאַכט זיך אַז ערגעץ צווישן די ביימער גייט עמעצער אַרום מיט באָרוועסע פיס איבער די נאַסע קופּעס בלעטער, גנבעט זיך צו מיר, און באַלד וועט ער מיר מיט קאַלטע גליטשיקע פינגער אַ פּאַק טאָן ביים נאַקן... איך טו אַ ציטער, ס'איז דער ווינט, טראַכט איך, און שטעל זיך אויף אַוועק־צוגיין:

— איר גייט גאָרניט אין קלויז? — נעם איך זיך מיט זלמנען געזע־גענען, — דעמאָלט ווען מיר זיינען דאָ געזעסן, זייט איר דערנאָך אַוועק אין קברנישער קלויז.

— אין קברנישער קלויז איז אויך ניט דאָס וואָס אַמאָל, — זאָגט ער אומעטיק, — די בעלי־בתים גייען אַרום פאַרחושכטע. אַפילו די שנאָרער ביים אויוון וואָס האָבן שטענדיק געשאָלטן די בעלי־בתים, האָבן איצטער פאַרלאָרן זייער גאַנצע פאַרע. אויב די קרעמער וועלן זיי ניט האָבן צו געבן, וועלן זיי שטאַרבן פון הונגער. פאַר די סאָוועטן זיינען אָרעמע־לייט וואָס קענען ניט אַרבעטן — מיסט.

ווען איך גיי אַוועק, רופט ער מיך צוריק:

— דיין מאַמע האָט חתונה געהאַט?

— חתונה געהאַט.

— איך ווייס, מיט אַ ייד אַ יאַבעדניק, אַ וואָלקולאַק, אַ שווייגער. די מאַמע דיינע האָט אויך גוט אויסגעפּירט! יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן, -- דרייט ער זיך אויפן באַנק, הייבט זיך אויף, זעצט זיך צוריק אַרונטער, און איך זע אַז ער האָט מיך צוריקגערופן ניט צוליב פרעגן וועגן דער מאַמען, נאָר צוליב עפּעס אַנדערש, — ווי מיינסטו, זי האָט גוט געטאָן, וואָס זי האָט זיך אויפגעהאַנגען? זי האָט גוט געטאָן? דו ווייסט וועגן וועמען איך רייד! — שרייט זלמן מיט כעס, ווי ער וואָלט מיך חושד געווען אַז איך מאַך אַן אָנשטעל, געדענק ניט, כלומרשט, די מעשה וועגן זיין ליבע צו דער בלאָנדער פרוי, וואָס האָט געוואוינט ביי אים. — זי איז געווען פון אַ משפחה פאַמעשטשיקעס, וואָס זיינען נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, און זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם הויקער דעם בוכהאַלטער, ווייל אירע עלטערן זיינען פאַראַרעמט

געוואָרן. האָט זי זייער גוט געטאָן וואָס זי האָט זיך אויפגעהאַנגען. ס׳וואָלט איר היינט געווען ביטער, איר וואָלט אַפּילו ניט געהאָלפן דאָס וואָס זי האָט ליב געהאַט לערמאָנטאָוון. נו גיי, גיי... וואַרט, איך גיי אויך. איך גיי אין קלויז, און אויב דו ווילסט, קענסטו מיטגיין. דעמאָלט בין איך אָוועק אַליין, אָבער היינט קענסטו מיטגיין. אין קברנישער קלויז ביים אויוון צווישן די בטלנים מעג מען זיין אומעטיק.

# אויף דער עלטער

ר׳ רפאל שטייט אויף די טרעפּ פון זיין קעלערל און קוקט אַרויס אויף דער ברייטער גאַס. ער שווייגט באַזונדער, און די מאַמע שווייגט באַזונדער. די צווייטע חתונה איז ניט די ערשטע, טראַכט זי. אַז ער האָט אויפגעהאָדעוועט קינדער מיט אַן אַנדער ווייב און זי האָט אַ זון פון אַן אַנדערן מאַן, איז מען ווי מען ווי צוויי פרעמדע פייגל אין איין נעסט. זיצט זי אַ געבויגענע אויף איר בענקעלע אין דער טיף פון קעלערל, די שטומע הכנעה קוקט אַרויס פון אירע אויגן, אין קאָפּ פּילט זי אַ רוישעניש, אַ קלינגעניש, ווי אַ שניי און אַ ווינט וואָלטן זיך דאָרט געדרייט אינאיינעם, און די מחשבות דריבלען זיך אין איר מח.

יאָרן נאָכאַנאַנד האָבן די שכנים צווישן זיך געטאָלקעוועט: ער וועט יאָ אָנהייבן אַ מלחמה, אָדער ער וועט ניט אָנהייבן? אָבער ער האָט יאָ אָנגעהויבן. איינמאָל אַ פּרייטיק אינדערפרי, ווען זי האָט געעפנט דאָס קעלערל, און ר׳ רפאל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אָט ווי איצטער אַרויסקוקן אויף דער גאַס, האָט זי דערזען ווי מענטשן לויפן טויט־דערשראָקענע, שטעלן זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ריידן צווישן זיך, און לויפן ווייטער. האָט זי לענגער ניט געקענט אויסהאַלטן רפאלס שווייגן און אים געפרעגט וואָס קומט דאָ פּאָר? און פאַרוואָס שטייט ער שטענדיק שמונה־עשרה, אַפילו ווען ער דאַוונט ניט?

האָט ער אַרויסגענומען די הענט פון די אַרבל און געענטפערט, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה.

כדי ר׳ רפאל זאָל אַרויסנעמען די הענט פון די אַרבל און זאָגן אַ וואָרט, האָט באַדאַרפט אויסברעכן אַ מלחמה.

נאָכדעם האָט זי געזען ווי אַ פרוי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ און געשריען אינמיטן גאַס, אַז איר זון דאַרף אַוועקגיין אויפן פראָנט. זיין טאַטע איז אויך אַזוי אַוועקגעגאַנגען אין דער פריערדיקער מלחמה און איז מער ניט צוריקגעקומען. איך וועל אַ צווייטע מלחמה ניט איבערלעבן, האָט געשריען די ייִדענע.

ערשט דעמאָלט האָט זי רעכט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר. האָט זי זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, געלאָזט רפאלן אין קעלערל און אַליין איז זי גליך אַוועק אויפן בית־עולם רייסן קברים פאַר איר זון. זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף איר מאַנס קבר און געשריען צו אים, אַז ער זאָל מגין זיין אויף זייער זון. זיינע קינדער פון דער ערשטער ווייב האָבן ניט געדינט אין סאָלדאַטן, דאַרף ער פועלן אין הימל, אַז זייער בײדנס זון זאָל אויך ניט דינען. עס מוז איר ביישטיין דער זכות פון איר מאַטערניש, האָט זי געטענהט. דער טויער, וואו זי האָט יאָרן־לאַנג געהאַנדלט, זאָל זיין אַן עדות, אַז יעדן פרייטיק פאַרנאַכט, גליך ווי דער שמש האָט אָנגעקלאַפּט דריי מאָל מיט זיין הילצערנעם האַמער, האָט זי געוואָרפן די לייזונג און איז געגאַנגען בענטשן ליכט.

דער אייבערשטער האָט צוגעהערט אירע תפילות און איר זון האָט ניט באַוויזן צו דינען אין סאָלדאַטן. איידער עס זיינען אַריבער צוויי וואָכן איז די מלחמה געווען געענדיקט. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז צו שטאַרק פרייען זיך איז ניטאָ מיט וואָס. פאַר אַנדערע לענדער האָט זיך די מלחמה ערשט אָנגעפאַנגען און יידן ליידן דאָרט געברענגטע צרות. נאָר אין ווילנע זיינען אַריין די רוסן וואָרעם אָנגעטאָנענע, ניט קיין באָרוועסע ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. האָט זי גערעכנט, אַז וויבאַלד זיי זיינען וואַרעם אָנגעטאָן און פאָרן אַרום איבער דער שטאָט מיט אַלערליי מינים כלי־זיין, וועט מען אויפגעריכט ווערן. האָט זי אַ ביטערן טעות געהאַט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הונגער, גרויסע אָטשערעדס נאָך ברויט, און יידן סוחרים גייען אַרום ווי עס וואָלט געווען אַן אייביקע ליקוי־חמה.

מיט אַ וואָך צוריק האָט רפאל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, אַז די רוסן גייען אַוועק און גיבן איבער ווילנע צו די ליטווינער.

דאָס גופא וואָס רפאל האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז פאַר איר געווען אַ סימן, אַז דאָס איז ניט קיין געוויינלעכע זאַך. פונדעסטוועגן האָט זי עס ניט געקענט באַנעמען: נעכטן האָט נאָך ווילנע געהערט צו מינסק, און היינט געהערט שוין ווילנע צו קאָוונע. אָבער דער עיקר איז עס זאָל ניט זיין קיין מלחמה, האָט זי געטראַכט. נאָר קיין רו אויף די עלטערע יאָרן איז איר פאָרט ניט באַשערט.

מאָיסייס איינציקער זון, אַראָנטשיק, איז זעלטן צוגעגאַנגען צו אירע קאָשיקעס, ווען זי איז נאָך געשטאַנען אין איר אייגענעם טויער, און זינט זי זיצט דאָ אין קעלערל, האָט ער זיך בכלל קיינמאָל ניט באַוויזן. אויך מיט איר זון, וואָס איז אים אַ לייבלעכער פעטער, האָט זיך אַראָנטשיק אין די לעצטע יאָרן ניט געטראָפן. אָבער זיין מאַמע טייבל האָט איר דערציילט, אַז ער איז זיך אינגאַנצן פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיינע געוועזענע

חברים. ער אַרבעט ביי זיין אָנקל איסאַק אין אַפּטייק, איז אַ גוטער מאַן צו יודעסן, זיין ווייב, און אַ טרייער פֿאָטער צו זייער ייִנגעלע משהלע.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז טייבל צוגעקומען און דערציילט, אַז אַראַנטשיק מיט יודעסן ווילן מיטפֿאָרן מיט די רוסן קיין ביאַליסטאָק, און די קינדער באַשטייען אויף דעם, אַז זי זאָל אויך מיטפֿאָרן. טייבל האָט געבראַכן מיט די הענט און געוויינט, אַז וויפֿל זי בעט זיך ניט ביי אַראַנטשיקן ער זאָל ניט פֿאָרן, וויל ער דערפֿון ניט הערן. ער האָט אַפֿילו ניט קיין מורא פֿאַר זיינע געוועזענע חברים וואָס זיינען אים געוואָרן דם־שונאים.

פֿאַרוואָס זיינען אים זיינע געוועזענע חברים דם־שונאים? — האָט זי געפֿרעגט ביי טייבלען און אין האַרצן געדאַנקט גאָט, וואָס איר זון מיט איר שנור ווילן ניט מיטפֿאָרן.

האָט איר טייבל געענטפֿערט, אַז די חברים זיינען אויף אַראַנטשיקן אין כּעס, ווייל ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מען טוט די קיטייצעס אַן עוולה מיט דעם וואָס מען מאַכט ניט ביי זיי די זעלבע זאַך ווי אין רוסלאַנד. זיינע חברים ווידער האָבן געהאַלטן, אַז פֿאַר די קיטייצעס איז נאָך ניט געקומען די צייט.

האָט זי טייבלען געפֿרעגט: וואָס האָט זיך אַראַנטשיק געהאַט צו מישן וועגן דעם וואָס עס קומט פֿאַר ביי די קיטייצעס, ער איז דאָך אַ ווילנער?

האָט איר טייבל געענטפֿערט, אַז ער האָט זיך טאַקע ניט געהאַט וואָס צו מישן, נאָר זי איז דאָך אַ מאַמע, פֿאַרשטייט זי וואָס מיט אים איז פֿאַרגעקומען: ער האָט געוואָלט ווערן אַ באַלעבעסל ווי אַלע באַלעבעסלעך, האָט אים אָבער ניט געפּאַסט פֿאַר זיינע חברים גלאַט אַזוי אַוועקצוגיין „פֿון דער זאַך", ווי זיי רופֿן עס, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער איז ניט מסכּים וועגן די קיטייצעס. געדענקען זיי עס אים און זאָגן אויף אים אַז ער איז „אַ לייבעלע".

האָט זי ווידער געפֿרעגט: וואָס מיינט עס אַ לייבעלע?

האָט איר טייבל געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז לייבעלע איז אַן איבער־געדרייטער נאָמען פֿון איינעם, וואָס איז אַמאָל געווען זייער גרויס ביי די באָלשעוויקעס, נאָר שפּעטער האָט מען אים פֿון רוסלאַנד אַרויסגעטריבן, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן אין דער גאַנצער וועלט דאָס זעלבע וואָס מען האָט געמאַכט אין מינסק. זיין אין רוסלאַנד אַ לייבעלע איז ערגער ווי זיין אַ ראַזבויניק.

זי האָט טייבלען געוואָלט פֿרעגן: פֿאַרוואָס איז דעם איבערגעדרייטן לייבעלע געגאַנגען אַזוי אין לעבן איינצופֿירן אומעטום די זעלבע פֿאַ־ראַנדקעס וואָס אין רוסלאַנד? מען זעט נאָך ניט דערווייל די גליקן וואָס

זיי האָבן פון דאָרטן געבראַכט. נאָר זי האָט געשוויגן, טייבלען ניט צו שיטן קיין זאַלץ אויף די וואונדן.

דורך דער ברייטער גאַס שפּאַצירן צוויי קרעמער, שייע און כאַצקל. ביי זיי אויף יאַטעקעווער גאַס שטייען ביי די בעקערייען לאַנגע רייען באַלעבאַסטעס. שייע און כאַצקל האָבן נאָך אַ ביסל סחורה, אָבער זיי האָבן עס באַהאַלטן אויף בעסערע צייטן. און כדי די איינקויפּערקעס זאָלן זיי ניט צערייסן לעבעדיקערהייט, באַווייזן זיי זיך בכלל ניט לעבן זייערע געוועלבער. זיי מאַכן אַ שפּאַציר דורך דער שטאָט צו הערן נייס און שטעלן זיך אָפּ ביי ר׳ רפאלס קעלערל.

די מאַמע דערפרייט זיך זייער שטאַרק מיט די אַלטע שכנים, הייבט זיך אויף און בעט זיי ביידן אַרונטערקומען.

— אונדז קומט אַ מזל־טוב, מען וועט ווייטער קענען פריי האַנדלען, — גיט שייע אַ וואונק צו ר׳ רפאלן אַז די רוסן גייען אַוועק.

— אוהו, — ענטפערט ר׳ רפאל.

— די „גדולים" האַלטן וואָרט, — זאָגט שייע אַן אויפגעשיינטער, — נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָבן זיי ווילנע אָפּגעגעבן צו די ליטווינער, נאָר די פּאָליאַקן האָבן עס פאַרכאַפּט.

— איר פרייט זיך מיט דעם וואָס איר וועט ווערן אַ ליטווינער, אָדער ווייל די גדולים האַלטן וואָרט? — פרעגט כאַצקל.

— מיט ביידע זאַכן, — ענטפערט אים שייע אַ יום־טובדיק־אויפגעראַמטער, — מיר דאַרפן בענטשן גומל אויף דעם וואָס די גדולים האָבן אונדז אויסגעלייזט פון דייטש, און אויף דעם וואָס זיי האַלטן וואָרט. וואָס זאָגט איר, ר׳ רפאל?

ר׳ רפאל ציט מיט די אַקסלען, ער ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

— זיי גייען נאָך ניט, — קרעכצט כאַצקל, — מען דערציילט אַז זיי וועלן אין גאַנץ ליטע האַלטן אַ סך אַעראָפּלאַנען.

— דאַרפן מיר אַ דריטן מאָל בענטשן גומל, — שמעלצט זיך שייע פון נחת, — זיי וועלן היטן אַז דער דייטש זאָל ניט אַריינגיין.

— מילא פּוילן איז פּוילן, פאָרט אַ גרויסע מדינה, — זאָגט כאַצקל, — אָבער ליטע איז דאָך די גרייס ווי אַ טל־ומטר אין אַ קליין סידורל. מען גיט־איבער, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין שנעל־צוג, ווייל איידער ער וועט נעמען גיין מיט דער גאַנצער פּאַרע, קען ער פאַרפאָרן קיין האָצעפּלאָצע, קיין לעטלאַנד. ניט אַזוי, ר׳ רפאל?

ר׳ רפאל שמייכלט, ווי איינער זאָגט: מיר איז ניט קיין גרויסער

חילוק ווי גרויס ס׳איז ליטע. פאַר מיר איז געגוג דאָס טרעפֿל פֿון מיין קעלערל אַרויסצוקוקן אויף דער גאַס.

ווען שייע זעט אַז אַפֿילו דער איינגעגעסענער שווייגער האַלט מיט אים, נעמט ער אָפּלאָכן פֿון כאַצקלען:

— וואָס האָט איר געהאַט פֿון דעם וואָס פּוילן איז געווען אַ גרויסע מדינה אַז אַ ליאַדע שייגעצל האָט איך נאָכגעוואָרפֿן שטיינער. איר האָט שוין פֿאַרגעסן?

— איך האָב גאָרניט פֿאַרגעסן, — ווערט כאַצקל אָנגעברוגזט, — דאָס האָט איר פֿאַרגעסן, אַז בעת די ליטווינער זיינען דאָ געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, זיינען זיי געגאַנגען אָנגעטאָן אין הילצערנע שיך. איר, ר׳ שייע, האַלט שטענדיק מיטן שטאַרקן. אייערנעכטן מיט די פּאָליאַקן, נעכטן מיט די גדולים, און היינט מיט די ליטווינער.

— און איר, ר׳ כאַצקל, האָט די טבע צו האַלטן דווקא מיט אַ נוטה למות, אייך ציט צו בר־מיננס. הונדערט פּראָצענט! איך זע אייך דורך און דורך, — טיקעט שייע מיט אַ פֿינגער כאַצקלען אונטער דער נאָז, — און זאָל אייך ניט ווײ טאָן דער קאָפּ פֿאַר די ליטווינער. וואָס עס איז געווען אַמאָל, איז געווען. היינט פֿאַרקויפֿן זיי אין אויסלאַנד אַ מיליאָן חזירים אַ יאָר. הלוואי וואָלט איך אַוועק קיין קאָוונע מיט צוואַנציק יאָר צוריק אײַנ־איינעם מיט מיין גליד־שוועסטער־קינד, וואָלט איך דאָ אַזוי ניט פֿאַרשוואַרצט געוואָרן. איר וועט נאָך זען וואָס פֿאַר אַ ששון ושמחה עס וועט זיין, ווען קרובים וועלן זיך טרעפֿן. איר האָט עפּעס קרובים אין דער ליטע, ר׳ רפֿאל?

— אוהו.

— און אייערע אויסגעגעבענע טעכטער וואָס מאַכן? — וויל ביי אים שייע אַרויסקריגן אַ וואָרט, — זיי זיינען געזונט, די טעכטער אייערע?

— אוהו.

שייע פֿילט אַז ער וועט באַלד פּלאַצן. ער קען מאַכן ריידן אַ שטיין, אָבער דער וואָלקולאַק וויל דאָס מויל ניט עפֿענען, כאַטש קוילע אים. פֿונדעסטוועגן פּרוּווט שייע נאָכאַמאָל:

— און אייערע איידעמס וואָס מאַכן? זיי זיינען ניט געגאַנגען אויף דער מלחמה, אייערע איידעמס?

ר׳ רפֿאל שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

עפּעס האָט שייע פֿאָרט אַרויסגעקראָגן, זאָל זיין אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָבער אים איז עס ווייניק. נישקשה, אויב בלעמס אייזל האָט געקענט נעמען ריידן, מעג אָט דער מרוק אויך זאָגן אַ וואָרט:

— און אייערע אייניקלעך וואָס מאַכן, די אייניקלעך?

— אוהו.

דאָ בלייבט שייע אינגאַנצן אַ געפּלעפּטער. ער פאַרשטייט ניט וואָס דאָס מיינט: זיינען די ליבהאַרציקע איניקלעך געזונט, אָדער זיי ליגן אין אַבעלעס קרענק? און שייע שרייט אַריין ר׳ רפאלן אין אויער, זוי ער וואָלט געווען אַ טויבער:

— ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אַז בעת מען רעדט זיך דורך, ווערט גרינגער... אַ גוטן טאָג אייך, וועלע.

ביידע יידן גייען אַוועק מיט דער החלטה אַז צו לעבן מיט אַזאַ ר׳ רפאלן אין איין שטוב, איז ווי זיין אין תפיסה אין איין קאַמער מיט אַ וואַלד־גזלן.

די מאַמע בלייבט זיצן אַ שטאַרק פאַרשעמטע צוליב דעם וואָס רפאל איז געווען אַזוי אומפריינטלעך צו אירע אַלטע שכנים. אפילו ווען אין שטוב קומט אַריין איר זון, שטייט רפאל אינמיטן שטוב מיטן פּנים צו דער טיר און שווייגט. עס זעט אויס אַז אָדער ער וויל אַליין אַוועקגיין, אָדער ער וואַרט איר זון זאָל אַוועקגיין. און ווען דער זון קומט אינאיינעם מיט זיין ווייב, שטייט שוין רפאל ביי דער סאַמע שוועל און קוקט אַרויס אינדרויסן דורך דעם גלעזערנעם שייבל, גלייך ווי מען וואָלט אים געטריבן פון זיין שטוב. דערפאַר ווילן אירע קינדער ביי איר גאַרניט טועם זיין, כאָטש זי האָט זיי ניט איינמאָל געזאָגט, אַז זי פאַרדינט פאַר זיך און מעג מכבד זיין אירע קינדער.

איבערן קעלערל בייגן זיך אַן טייבל און יודעס. די מאַמע זעט אַז זיי האָבן זייער איבערגעשראָקענע פּנימער, און יודעס פירט פאַר דער האַנט משהלען, וואָס איז שוין אַ גרויס יינגעלע מיט אַ פּאָר קויל־שוואַרצע אויגן.

טייבל און יודעס בעטן זי אַן אָטעם, אַז זי זאָל אַריינגיין מיט זיי אין שטוב. פאַרשטייט זי, אַז אויף דער גאַס האָבן זיי מורא צו ריידן. זי איז אויך צופרידן, וואָס רפאל וועט ניט זיין דערביי און ניט פאַריאָגן אירע קרובים מיט זיין שווייגן. גייט זי זיי נאָך אַ געבויגענע אין דרייען ווי אַ באַביצע, שוין אינגאַנצן ניט די זעלבע, וואָס איז יאָרן־לאַנג געשטאַנען ביי איר טויער אין היץ, אין קעלט, און אַרומגעלאָפן אין די פרימאַרגנס אויף די מערק.

ווען זיי קומען אַריין אין דער קאַלטער שטוב מיט דעם נידעריקן געוועלבטן סופיט, ברעכט יודעס אַרויס אין אַ געוויין. זי וויינט אַזוי שטאַרק, אַז אויך איר יינגעלע משהלע נעמט איר צוהעלפן.

מען האָט אַרעסטירט אַראַנטשיקן.

די מאַמע קוקט זיך אַרום, די ווענט און דער באַלקן טאַנצן פאַר

אירע אויגן. זי דערפילט אַ שווינדלעניש אין מח, און כדי ניט אומצופאַלן, האַלט זי זיך אָן מיטביידע הענט אָן טיש.

טייבל, אַראַנטשיקס מאַמע, וואָס איז אַ שטאַמלערין, איז איצט אַזוי פאַרגליווערט פון צער און שרעק, אַז זי קען קיין וואָרט ניט אַרויס־ברענגען. יודעס וויינט נאָך העכער:

— בעת די פּאָליאַקן האָבן אים אַרעסטירט, איז ער געגאַנגען מיט אַ פאַרריסענעם שטאָלצן קאָפּ. אָבער דאָס מאָל האָט ער געהאַט טרערן אין די אויגן, ווייל עס האָבן אים געמסרט זיינע אייגענע חברים צוליב דער כינעזישער פראַגע... זיינע געוועזענע חברים ווילן אויף זיין חשבון זיך ריינוואַשן און גרויס ווערן. אָבער דאָס וועט זיי ניט העלפן, — צעשרייט זיך יודעס מיט ווילדן כעס, — זיי האָבן זיך קעגן דער פּאַרטיי פאַרזינדיקט נאָך מער פון אים.

די מאַמע פילט אַז זי קען ניט רירן מיט קיין גליד, אַלע אירע אברים זיינען געוואָרן איין שטיק שטיין, נאָר די קלינגעריי און מישעניש אין איר קאָפּ האָט אויפגעהערט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט שוין געווען באַגראָבן אונטער טיפן שניי.

די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט אַ פראָסטיקער שטומקייט, משהלע טוליעט זיך צו זיין מאַמען, יודעסן, וואָס כריפּעט אַרויס, ווי זי וואָלט אַנשטאָט וויינען גאָר געלאַכט:

— און מיר האָבן שוין אַלץ אויספאַרקויפט און געווען גרייט מיטצו־פאָרן מיט די רוסן.

# די ליקוי־חמה

אַזוי אומגעריכט ווי די רוסן זיינען פון ווילנע אַרויס, אַזוי אומגעריכט זיינען זיי נאָך אַ קאַרגן יאָר צוריקגעקומען און דערקלערט, אַז פון היינט אָן און ווייטער בלייבט ווילנע די הויפּט־שטאָט פון דער סאָוועטישער ליטע. זיי זיינען אָפּגעוועזן אַ האַלבן זומער, האַרבסט, דעם גאַנצן ווינטער, און לכבוד דעם ערשטן מאַי, אין נייעם פרילינג, האָבן זיך איבער די ווילנער גאַסן צעפלאַטערט רויטע פענער, געפלאַטערט טאָג און נאַכט. די רויטע אַרמייער האָבן מאַרשירט מיט געזאַנג:

יעסלי זאַווטראַ וואַינאַ, יעסלי זאַווטראַ וו׳ פּאָכאָד,
יעסלי טשאַרנאַיאַ סילאַ נאַגריאַניעט,
קאַק אַדין טשעלאָוויעק וויעס סאָוויעטסקי נאַראָד
זאַ סוואָבאָדנויו ראָדינו וסטאַניעט.

די יוגנט, וואָס האָט מיטגעמאַרשירט, האָט געענטפערט מיט הוראַ־געשרייען:

— דאַ זדראַווסטוואויעט קראַסנאַיאַ אַרמיאַ! דער שונא וועט ניט פּאָסמעיען אַוועקנעמען איין שפּאַן סאָוועטישע ערד!

אָבער אין שטאָט האָט מען זיך געשושקעט, אַז לויט דעם ווי עס גייט איבער די לאָנדאָנער ראַדיאָ, קלייבט דער דייטש אויף דער סאָוועטי־שער גרענעץ גרויסע אַרמייען און אַ ליאַדע טאָג וועט ער אָנפאַלן אויף רוסלאַנד.

אין אַ זונטיק אינדערפרי, דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יוני, אין סאַמע ערשטן טאָג פון זומער, בין איך געווען אַליין אין שטוב, פרומע ליבטשע איז געווען ביי דער אַרבעט אין שפּיטאָל. איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען ווי די ווייטע געלע זאַמד־בערג, די קרייד־בערג, האָבן געדרימלט אין דער זון, הויכע געביידעס האָבן געבלענדט מיט זייער

ווייסקייט, דעכער האָבן אָפּגעפינקלט מיט זילבער, קלויסטער־שפּיצן האָבן געבליצט מיט זייערע גאָלדענע צלמים, און שטיל איז געווען, שלווהדיק שטיל און רואיק, ווי די וועלט וואָלט ערשט באַשאַפן געוואָרן.

נאָר די אַעראָפּלאַנען זיינען אין דעם פּרימאָרגן געפלויגן העכער ווי שטענדיק. פאַרוואָס פליען זיי אַזוי הויך? האָב איך זיך געפרעגט און געפילט ווי מיר טריקענען די ליפּן. מאַנעווערס, האָב איך זיך געטרייסט, די רוסן מאַכן מאַנעווערס. איך האָב געוואָלט אָנשטעלן די ראַדיאָ, נאָר מיינע הענט האָבן זיך געטרייסלט און איך האָב אויסגעשריען צו זיך אַליין: איך וויל ניט וויסן קיין נייס! איך בין געווען הונגעריק און געוואָלט אַראָפּגיין קויפן ברויט. האָב איך ווידער גענומען שרייען צו זיך, אַז איך בין ניט הונגעריק, און איך האָב זיך אָפּגעדרייט פון פענצטער, מער ניט געוואָלט אַרויסקוקן אין גאַס.

פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שטאָלענע גרילצעניש, אין מיינע אויערן האָט זיך אַריינגעשטאָכן אַ פייפעריי, ערגעץ־וואו האָט עס אַ דעמפּן זעץ געטאָן און די שויבן האָבן גענומען ציטערן. דער אויפרייס האָט פאַרגליווערט מיין גוף און מיר אָפּגענומען דאָס לשון. אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך די פאַבריק־סירענעס צעשריען מיט געקוילעטע קולות. ערגעץ־וואו האָט ווידער אָפּגעהילכט אַן אויפרייס, די פענצטער האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעטרייסלט, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון פאַר־גליווערונג:

מלחמה.

...איך וועל ניט אַנטלויפן! די רוסן וועלן ניט אָפּטרעטן, און אויב אפילו זיי וועלן יאָ אָפּטרעטן, וועל איך אויך ניט אַנטלויפן און איבערלאָזן די מאַמע. איך וועל ניט ווערן קיין פּליט און שילטן דעם טאָג ווען איך בין אַוועק פון דער היים, ווי דאָס טוען די פּליטים פון פּוילן. די רוסן וועלן ניט לאָזן אַנטלויפן, זיי וועלן שיסן פאַר מאַכן אַ פּאַניק, פאַר שטערן די באַוועגונג פון מיליטער אויף די וועגן. גוט אַזוי! איך וויל זיך ראַזירן, היינט איז אַ טאָג ווי אַלע טעג.

און איך האָב זיך ראַזירט. איך בין געשטאַנען ביים שפּיגל און אונטערגעברומט אַ ניגונדל, זיך געפלייסט צו קוקן אויף דער מעשענער ליכטיקייט, וואָס האָט געבלאַנקט אויפן סופיט און אויפן דיל פון צימער. איך האָב געקוקט אויף די זוניקע סטרונעס, וואָס האָבן געשפּילט אויף די ווענט, און אויפן אַלמער פון רויטן וויינהאָלץ פול מיט ביכער. איצט בין איך שוין אינגאַנצן רואיק, האָב איך צו זיך געזאָגט. איצט בין איך אָפּגעראַזירט און קען אַראָפּגיין קויפן ברויט.

אין גאַס האָב איך ביי אַ סך הייזער געזען שטיין גרויסע לאַסט־

אויטאָס, און סאָוועטישע פּרויען, אָנגעטאָן אין האַריקע בערעטן, האָבן אין גרויס איילעניש אַרויסגעטראָגן פון די שטיבער פּעקלעך קליידער, אינ־איינעם מיט די שאָפערן געשלעפּט בענק, טישן, קאָמאָדן, און פאַרוואַליעט דערמיט די לאַסט־אויטאָס. די בעלי־בתים פון די דירות, וואו די רויט־אַרמייאישע קאָמאַנדירן מיט זייערע פרויען זיינען געווען איינגעקוואַרטירט, האָבן מיטאָמאָל דערפילט דעם חשד, די פרעמדקייט און גלייכגילטיקייט פון די סאָוועטישע בירגער צו זיי, די אַלט־איינגעזעסענע ווילנער. האָבן זיך די יידן געקליבן אין קופּקעס און גערעדט צווישן זיך אויפגערעגט, שוין לחלוטין אָן מורא:

— פאַרוואָס אַנטלויפן זיי? זיי האָבן דאָך געזאָגט, אַז קראַסנאַ־אַרמייצעס טרעטן קיינמאָל ניט אָפּ, — האָט איינער געשריען הויך אויפן קול.

— אַ צעבראָכן בענקל איז ביי זיי טייערער ווי ראַטעווען לעבעדיקע מענטשן. מענטשן האָבן זיי גענוג, אָבער מעבל ניט, — האָט אַ צווייטער געשריען נאָך העכער.

— עס קען ניט זיין אַז דער דייטש זאָל אויסהרגענען אַלע יידן, — האָט אַ דריטער געשטאַמלט, — אין דער ערשטער מלחמה האָט דער דייטש מיט יידן געהאַנדלט.

— אויף די וועגן באַשיסט דער דייטש מיט קוילנוואַרפער און די פויערים הרגענען מיט העק, — האָט זיך אַ פערטער פאַנאַנדערגעוויינט.

— איך האָב ניט קיין מורא פאַר באָמבעס, איך האָב ניט קיין מורא פאַר אַ פויער מיט אַ האַק, איך האָב מורא פאַרן דייטש, — האָב איך געזאָגט.

און מיט איין טאָג שפּעטער, ווען די רוסישע אַרמיי האָט גענומען אָפּטרעטן פון ליטע, בין איך מיט אַ רוק־זאַק אויף דער פּלייצע און אַ תנכל אין קעשענע אַנטלאָפן אינאיינעם מיט פרומע ליבטשען.

מיר זיינען ביידע געלאָפן צו דער מאַמען זיך געזעגענען. די גאַסן זיינען פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געאיילט אין אַלע זייטן, פאַרלאָזט די שטאָט, איינציקווייז, פּאַרווייז, מיט קליינע קינדער אויף די הענט און מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. אין די גאַסן איז געווען שטיל, אַזוי אימהדיק שטיל, ווי אַלע מענטשן וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין נאַכטיקע שאָטנס אויף די ווענט פון אַ פינצטערן חדר, וואָס ווערט באַלויכטן פון דרויסן מיט אַ בלוט־רויטן שיין.

ביי דער מאַמען אין שטוב, אין ר׳ רפאלס דירה, האָבן זיך פאַר־זאַמלט אַלע הויף־שכנים. די ווענט דאָרט זיינען דיקע, די פענצטער פאַר־קראַטעוועטע, דער באַלקן אַ נידעריקער, אַ געוועלבטער, האָבן די שכנים

אויסגעקליבן די שטוב פּאָר אַ באַהעלטעניש קעגן די באָמבעס. זיי זיינען געזעסן אויף בענקלעך, אויף דער קאַנאַפּע, אויף ליידיקע פּרוכט־קעסט־לעך, געזעסן און געשוויגן פאַריאָושטע, ווי משפּחה־לייט וואָס קלייבן זיך צונויף אויפן בית־עולם אין טהרה־שטוב, וואו מען נייט די תּכריכים פאַרן געשטאָרבענעם. די מאַמע, איינגעוויקלט אין איר פאַטשיילע, איז געזעסן ביים טיש ווי אַ פרעמדע שכנה, און ווען איך מיט פרומע ליבטשען זיינען אַריינגעקומען, האָבן אירע בלאָנדזשענדיקע אויגן אונדז ניט דערקענט. ר׳ רפאל איז ווי שטענדיק געשטאַנען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אינ־דרויסן, עלעהיי עס וואָלט גאָר קיין מלחמה ניט געווען. איך האָב ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט פון מויל; גערעדט צו דער מאַמען האָט פרומע ליבטשע, געזאָגט אַז מיר אַנטלויפן, אַז פון וואָקזאַל גייען מער ניט אָפּ קיין באַנען, און מיר מוזן אַוועק צופוס. די מאַמע האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, לאַנג געשאָקלט מיט די ליפּן ווי אַ שטומע, און מיטאַמאָל אַרויפגעפאַלן אויף מיין האַלדז מיט אַ געוויין:

— איך גיי מיט.

לעבן אונדז איז אויסגעוואַקסן ר׳ רפאל. ער האָט אַרויסגענומען די הענט פון די אַרבל און אַ כריפּע געטאָן, ווי ער וואָלט אַ לאַך געטאָן און אַ יאָמער געטאָן אין דער זעלבער צייט:

— צופוס? — האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען בלויז איין וואָרט.

די מאַמע האָט זיך גלייך צוריק אַראָפּגעזעצט אויף איר בענקל אַ פאַרמשפּטע. איך בין צוגעפאַלן צו איר זיך געזעגענען, האָט זי זיך פון מיר אַ ריס געטאָן און באַוויזן מיטן פינגער אויף איר מאַן.

— געזעגן זיך פריער מיט ר׳ רפאלן. — און איר פּנים איז גע־וואָרן שטרענג, ווי בעת איך בין געווען אַ ייִנגל און זי האָט מיך גע־לערנט ווי אַ ייִד דאַרף זיך פירן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט ר׳ רפאלן, מיט דער מאַמען, זיך געזעגנט גיך, גיך, און בין האַסטיק אַרויס אין הויף. די מאַמע איז מיר נאָכגעלאָפן דורכן הויף, און שוין ביים טויער אַרומגענומען מיין קאָפּ מיט אירע הענט:

— קינד מיינס, פאַרגעס ניט ייִדישקייט. היט שבת.

און זי אַליין האָט מיך אַרויסגעשטופּט דורך דער קאַליטקע פון טויער, און פרומע ליבטשע איז אַרויס הינטער מיר.

**הינטער** דער שטאָט האָט פרומע ליבטשע גענומען אָפּשטיין. די סאָוועטישע לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּאַקט מיט מעבל און קאָמאַנדירשעס, זיי־נען פאַרבייגעפלויגן ווי די טייוואָלים. אומזיסט האָבן די מחנות פוס־

גייער געפּרואווט די מאַשינען אָפּשטעלן, געוויינט, געשריען און געפאַלן אויף די קני. די לאַסט־אויטאָס האָבן פאַרקערעוועט אָן אַ זייט און זיינען פאַרבייגעפלויגן. האָבן די פּליטים געוּנומען ריידן צווישן זיך, אַז דער דייטש מיט זיינע מאָטאָריזירטע אָפּטיילונגען וועט אונדז אַריבעריאָגן און אויסשיסן. אונטערוועגנס איז אַ זיכערער טויט, אָבער אַז מיר וועלן זיך צוריקקערן קיין ווילנע, וועלן מיר אפשר בלייבן לעבן. דער הויכער גינ־גאָלדענער קאָרן האָט שטיל געכוואַליעט, די אַרומיקע וועלדער האָבן גע־רוישט, די באַבלעטערטע צווייגן האָבן זיך פרום געשאָקלט, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי פרעגן: „וואָס איז די בהלה? אָן אומזיסטע שרעק"... האָבן די פּליטים זיך גענומען צוריקקערן קיין ווילנע. איי־נער האָט דערמונטערט דעם אַנדערן, איטלעכער האָט זיך געפרייט, וואָס דער צווייטער קערט זיך אום מיט אים צוגלייך אַהיים:

— מיר וועלן נאָך באַווייזן אָנקומען אין שטאָט, איידער דער דייטש וועט אַריינגייך.

אָבער איך האָב זיך געריסן פאָרויס און מיטגעשלעפּט פרומע ליב־טשען, כאָטש זי האָט געוויינט אַז די פיס זיינען איר געשוואָלן. ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צום דערפל רעקוין, דאָרט וואו מיר האָבן אין די זומער־חדשים מיט עטלעכע יאָר צוריק, גלייך נאָך אונדזער חתונה, גע־וואוינט אויף דאַטשע. מיר זיינען געגאַנגען איבער די זעלבע סטעזשקעס איבער וועלכע מיר האָבן אַמאָל שפּאַצירט, מיר האָבן דערקענט דעם קאָרטש פון אָפּגעשניטענעם בוים, וואו מיר פלעגן זיך צוזעצן אָפּרוען, און פון צווישן די ביימער האָט אונדז היימיש צוגעוואונקען אונדזער אַלט־באַקאַנטע כאַטע מיטן שטרויענעם דאַך. האָבן מיר פאַרקערעוועט אַהינצו אויף אַ ווײַלע, בלויז אויף אַ ווײַלע, צו נעמען אַ טרונק וואַסער און פרומע ליבטשע זאָל אָפּרוען די פיס.

ביי דער כאַטע איז געשטאַנען אונדזער אַמאָליקער באַלעבאָס אַ באָרוועסער און אויסגערוטער, ווי ער וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף. דער פויער האָט אויפגעעפנט דאָס מויל און אונדז אָנגעקוקט מיט שטוינונג. ער האָט אונדז אַריינגענומען אין שטוב, אונדז געגעבן מילך צום טרינקען און אונדז איינגערעדט ביי אים צו בלייבן. די פויערטע האָט באַדויערט, געווישט די אויגן און געטענהט, אַז ווי שלעכט עס איז ניט אַ מענטשן אין דער היים, איז אים, ווען ער פאַרלאָזט זיין היים און ווערט אַ נע־ונדניק, נאָך ערגער. זיינען מיר, איך און פרומע ליבטשע, אַרויס אינדרויסן זיך מיישב זיין. און דער דרויסן האָט אונדז ווידער פאַרפירט, ווידער אָפּגענאַרט... אַ ווינטל האָט געבלאָזן און אָפּגעקילט אונדזערע צעפיבערטע געדאַנקען. די געדיכטע קרוינען פון די ביימער האָבן געכוואַליעט, די פולע זאַנגען האָבן זיך געוויגט, און

פונקט אַזוי האָבן געכוואַליעט און געפלאַטערט פרומע ליבטשעס האָר. מיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, איך האָב געחלומט פון אַ וואַלד־שטיבל, וואו מיר זאָלן קענען אַריבערוואַרטן די מלחמה. אוי, ווי גליקלעך מיר וואָלטן עס געווען ווען מיר געפינען אַזאַ פאַרלאָזן שטיבל! מיר וואָלטן זיך געשפּייזט מיט קאַשטאַנעס, מיט בלעטער, מיט וואָרצלען, אַבי קיינער זאָל ניט געפינען אונדזער באַהאַלטן שטיבעלע. זאָל זיין באַדיי אין אַן אויסגעהוילטן שטאַם פון אַ בוים, זאָל זיין אין אַ גרוב אונטערגעבעט מיט צעפוילטע בלעטער, אַבי לעבן.

פרומע ליבטשע האָט מיך אויפגעוועקט פון חלום. זי האָט באַשלאָסן צו בלייבן נעכטיקן ביים פויער און מאָרגן פרי צוריקגיין צו דער מאַמען:

— פרויען און קינדער וועט ער ניט אָנרירן, — האָט זי געזאָגט, — אָבער פאַר דיר איז אַ סכנה, דו גיי, גיי.

און איך בין אַוועק. און ווי־נאָר איך בין אַוועק איז צוגעפאַלן די נאַכט, ווי איך וואָלט אַריין אין אַן אונטערערדישער הייל. איך בין געגאַנגען מיטן וועג צווישן וואַלד און געטראַכט, אַז באַלד וועט אויף מיר אַרויפשפּרינגען אַ חיה רעה, אַ גזלן, אַ דייטש וועט מיך אַריבעריאָגן, אַלץ איינס ווער, נאָר איך וועל ניט דערגיין, זיכער ניט דערגיין.

— ווער גייט? — האָב איך דערהערט אַ געשריי, און איך האָב ניט געוואוסט ווער דאָס שרייט: איך צו עמעצן, עמעצער צו מיר, אָדער איך צו זיך אַליין.

ביי אַ לאַסט־אויטאָ זיינען געשטאַנען רויט־אַרמייער מיט אָנגעצונדענע באַטאַרייקעס און ביקסן אין די הענט, געוואַרט עס זאָלן אָנפאָרן סאָוועטישע מאַשינען און זיי געבן בענזין. זיי האָבן מיך געפרעגט ווער איך בין און וואו איך גיי, און ווען איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך אַנטלויף פון דייטש, האָט איינער פון זיי האָפערדיק אַ זונג געטאָן:

— שיראָקאַ סטראַנאַ מאָיאַ ראָדנאַיאַ. דער סאָוועטסקי סאָיוז איז גרויס און דאָרט איז דאָ אָרט פאַר אַלעמען.

מער האָבן זיי זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. זיי האָבן געשוויגן דערשלאָגענע, געסאָפּעט פאַרמאָטערטע, באַשפּריצט פון קאָפּ ביז די פיס מיט בלאָטע, און מיר איז איינגעפאַלן, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן פון זייערע צעשלאָגענע אָפּטיילונגען אָן אַ באַפעל אָפּצוטרעטן. איך האָב זיי געגעבן צו רייכערן און זיי האָבן מיר צוגעזאָגט מיטצונעמען. מיר האָבן זיך דערוואַרט אויף אַ פאַרשפּעטיקטן לאַסט־אויטאָ, וואָס איז געלאָפן פון ווילנע מיטן גאַנצן אימפּעט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט

אין דער ברייט פון וועג און אַלע ווי איינער אַ הייב געטאָן די ביקסן אַנטקעגן אַנטרייבער פון לאַסט־אויטאָ:

— דאַוואַי בענזין!

דער שאָפער איז אַראָפּגעקראָכן, געגעבן אַ פּאָר ליטער בענזין און איז אַוועקגעפאָרן. אין אַ וויילע אַרום איז אָנגעפאָרן אַ צווייטער אויטאָ, אַ דריטער, ביז דער טאַנק פון אונדזער מאָטאָר איז געוואָרן אָנגעפילט. איינער פון די זעלנער האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— קריך אין דער הייך.

איך בין געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים אַהינצו פון וואַנען איך בין אָנגעקומען. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען עס וואָלט ניט גע־ווען אַזוי פינצטער, וואָלט איך נאָך געקענט זען פרומע ליבטשען שטיין ביים דערפל, וואו איך האָב זי איבערגעלאָזט. ס'איז דאָך ניט מער ווי אַ ווייאָרסט אָדער צוויי פון דאַנען. ס'איז דאָך נאָך ניטאָ קיין שעה זינט מיר האָבן זיך צעשיידט. איך וועל עס דערציילן די סאָלדאַטן, בעטן זיי, זיי זאָלן רחמנות האָבן און צוואַרטן...

די סאָלדאַטן זיינען שוין געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון לאַסט־אויטאָ. איינער פון זיי, אַ שאָפער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער פאָ־דערשטער בודקע, צוויי רויט־אַרמייער מיט מאַשין־ביקסן אין די הענט האָבן זיך געזעצט לעבן אים, און דער מאָטאָר האָט גענומען אַרבעטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן אַפילו קיין אויגנבליק ניט וואַרטן. די דייטשן קענען אונדז באַלד דעריאָגן. איך האָב קוים באַוויזן אַרויפ־צושפּרינגען אין דער לעצטער רגע, ווען דער גרוזאָוויק האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אַריינגעפליוכעט אין דער פינצטערניש.

מיך איז באַפאַלן אַ הפקרדיקע רואיקייט. איך בין געשטאַנען איינ־געפּרעסט צווישן די זעלנער, איינגעשלאָסן אין זייער ענגשאַפט, און זיך געפילט איינער פון זיי, כאָטש אָן אַ שינעל און אָן אַ ביקס אין דער האַנט. דער אַש־גלי פון די פּאַפּיראָסן האָט געטליעט אין דער פינצ־טערניש, האַריקע מיילער האָבן זיך געריכערט און אַלע האָבן געשוויגן. בלויז ווען־ניט־ווען האָט איינער אויסגעשפּיגן דעם ביטערן נאָך־טעם פון מאַכאָרקע אינאיינעם מיט אַ קללה. פון שאָפערס בודקע האָט זיך אַרויס־געריקט אַ קאָפּ און געהייסן אויסלעשן די פּאַפּיראָסן, די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען קענען דערזען די פייערלעך:

— נאַפּליעוואַט! — האָבן די זעלנער געענטפערט און ווייטער גע־רייכערט.

דער גרוזאָוויק האָט געיאָגט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ מיט פאַרשטעלטע לאָמפּן וואָס האָבן דורכגעזיפּט אַ רויטלעכן שיין. וועלדער האָבן פאַרבייגערוישט ווי גרויסע שוואַרצע נאַכט־פייגל מיט צעשפּרייטע

פליגל. אין איין אָרט האָט געברענט אַ דאָרף, אין אַ צווייט אָרט אַ שטעטל. דאָס פייער האָט אויפגעריסן אַ שטיק חושכניש, און אין דעם באַלויכטע־נעם שטח זיינען געלאָפן שאָטנס פון מענטשן און שאָטנס פוןביימער, ווי אויך די ביימער וואָלטן געזוכט אַ באַהעלטעניש פון חורבן. מיר האָבן פאַרבייגעיאָגט אַ באַן־סטאַנציע מיט איבערגעדרייטע וואַגאָנען. בענזין־ציסטערנעס האָבן געפלאַקערט ווי קנוילן שטרוי, נאַפט האָט געשפריצט פון זיי, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער נאַפט שפּריצט אויך פון מיינע באַקן. דער ווינט האָט דעם פלאַקער צעבלאָזן נאָך שטאַרקער, געטריבן דעם רויך און די פלאַמען אונדז אין די פּנימער, אַנגעזאַפּט אונדזערע קליידער מיט בענזין און סמאָלעניש. אָבער מיר האָבן דורכגעריסן די וואַנט פון רויך און פייער. הינטער אונדז איז געגאַנגען די נאַכט און צוגעדעקט מיט איר פינצטערניש די ישובים און די ברויט־פעלדער, צע־אַקערטע פון בליי, צוגעדעקט די שפּורן פון גסיסה און טויט.

# אויף פרעמדער ערד

## I

מאַמעלע, גרויע טייבעלע מיינע, איך האָב דיך איבערגעלאָזט, איבערגעלאָזט און אַנטלאָפן, — שעפּטשען מיינע ליפּן און איך וואַקל ווי אַ שיכור, שלעפּ זיך מיט אַ מחנה פּוס־גייער איבער די ביינאַכטיקע וועגן פון ווייס־רוסלאַנד.

דער לאַסט־אויטאָ איז היינט פּאַרטאָג, גלייך ווי מיר זיינען אַריבער די אַלטע סאָוועטישע גרענעץ, געבליבן שטיין אינמיטן וועג. דער בענזין האָט זיך געענדיקט. זיינען די קראַסנאַ־אַרמייצעס געשפּרונגען פון דער פּלאַטפאָרמע מיט די ביקסן אין די הענט, איבערגעלאָזט דעם לאַסט־אויטאָ און מיך איבערגעלאָזט אַליין אויף פרעמדע ווייס־רוסישע שטרעקעס. האָב איך אויף גאָטס באַראָט געבלאָנדזשעט ווייטער, געפאַלן שלאָפן אין אַ שטעלכל, געטרונקען וואַסער אין אַ דאָרף, און וואו־נאָר איך האָב זיך באַוויזן, זיינען פויערטעס און קינדער געלאָפן אָנזאָגן דער סאָוועטישער מיליץ, אַז אין דער געגנט דרייט זיך אַרום אַ פאַרדעכטיקער מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע. מיין אויסזען, מיין הילוך און לשון האָט פאַרמסרט מיין פרעמדקייט. האָט מען מיך כסדר פאַרהאַלטן און באַלד אָפּגעלאָזט. איצט ווייס איך שוין וואָס איך דאַרף טאָן ווען מען פרעגט מיך ווער איך בין. איך דאַרף וויזן מיין פּאַספּאָרט, לאָזן באַזוכן מיין רוק־זאַק און זאָגן: יאַ יעווריי. איך בין אַ ייד און אַנטלויף פון דייטש. איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל גיין קיין מינסק, האָט מען מיר געענטפערט, אַז מינסק ברענט פון אַלע זייטן, איך זאָל גיין ווייטער, קיין באָריסאָוו. דאָרט וועט מען מיך מיט אַן עשאַלאָן עוואַקואירן טיפער קיין רוסלאַנד. גיי איך איצט קיין באָריסאָוו אינאיינעם מיט דער מחנה, וואָס איך האָב היינט ביינאַכט אָנגעטראָפן אונטערוועגנס.

סאָלדאַטן פון צעשלאָגענע אָפּטיילונגען, קאָלכאָזניקעס פון אָפּגע־

ברענטע דערפער און אַרבעטער פון צעשטערטע זאַוואָדן זיינען צונויפגעפּלאָנטערט אין איין מחנה, אין איין גוף מיט אַ סך הענט און פיס, מיט בערדיקע פּרצופים און אַראָפּגערוקטע היטלען. עס מישט זיך אויס אַ באָרוועסער קאָלווירטניק מיט אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי, וואָס שפּאַנט אויך אַ באָרוועסער, די צונויפגעקניפּטע שטיוול אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, אים זאָל זיין לייכטער צו גיין. אַ סאָלדאַט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער ביקס אין דער האַנט, שטייט לעבן אַ פּויערטע מיט אַ זויגקינד אויף די הענט. און ווי דער שטורעם־ווינט וואָלט אָפּגעבראָכן אַ האַלבן בוים און געשלעפּט איבער דער ערד זיין קרוין מיט אַלע געדיכט־באַבלעטערטע צווייגן, אַזוי באַוועגט זיך די גאַנצע מענטשן־מאַסע צונויפגעקנוילט אינאיינעם. אַקסלען און אָרעמס שטופּן זיך, פיס טרעטן אויף פיס, נאָר קיינער טיילט זיך ניט אָפּ פון דער מחנה, ניט אין די פאָדערשטע רייען און ניט אין די הינטערשטע רייען. מען האָט מורא צו בלייבן אַליין. דער שונא לאָזט אַרונטער מלאכי חבלה, דעסאַנטן, און אין דער געקרויזטער וואַלדיקער שוואַרצקייט בליצט עס אָן אויפהער מיט בלויע, רויטע און גרינע פייערן. די אַרונטערגעוואָרפענע פּאַראַשוטיסטן לאָזן אַרויס ראַקעטן פון די געדיכטע ווייס־רוסישע וועלדער, כדי צו באַווייזן די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען די פּונקטן וואו אַרונטערצושליידערן די באָמבעס. די אַעראָפּלאַנען גופא, וואָס זשומען אין דער הויכער פינצטערניש, לאָזן אויך אַרויס ראַקעטן, זיי זאָלן זען וואו זיי דאַרפן צילן. דער הימל ווערט פלוצים באַלויכטן מיט פאַרביקע פייערן, וואָס בלייבן לאַנג הענגען צווישן הימל און ערד מיט אַ קאַלטער רואיקער גליווערניש, ווי גרויסע אָנגעצונדענע לאָמפּן אויף אַ טונקל־בלויען סופיט.

— אויסלייגן זיך! — דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע פון די פאָדערשטע רייען.

אַלע גיבן זיך אַ וואָרף אויף דער ערד אויפן זעלבן אָרט וואו מען איז געשטאַנען. אויך איך טו אַ פאַל צווישן די אָנגעוואַלגערטע קערפּערס און דערפיל גלייך זייער זאַלציקן שווייסיקן ריח. ערגעץ ווייט אָדער נאָענט דונערט עס און קנאַלט הילכיק, אַ פּויער, וואָס ליגט לעבן מיר פון דער רעכטער זייט, טוט אַ צאַפּל מיטן גאַנצן גוף, גלייך ער וואָלט געוואוסט, אַז די באָמבע האָט אַריינגעטראָפן אין זיין דאָרף, אין זיין הויז. אַ פרוי ביי מיין לינקער זייט דערלאַנגט אַ שלוכץ, אַ יאָמער, און פאַרשטיקט איר מויל אין דער ערד, ניט אַרויסצולאָזן קיין געשריי. עמעצער פון די אָנגעוואַליעטע הינטער מיר טוט קורץ אַ לאַך און זידלט זיך אויס ביזקל צענטן דור, און נאָך איינער קרעכצט אָפּ מיט אַ טיפן קרעכץ, ווי ער וואָלט אַרויסגעריסן פון זיך דאָס איינגעווייד:

— האָספּאָדי פּאָמילוי!

— אויפשטיין! — דערהערט זיך ווידער אַ קאָמאַנדע און אַלע הייבן זיך אויף מיט געבויגענע רוקנס. די אַעראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעשליידערט זייער לאַדונג, די ראַקעטן האָבן זיך אויסגעלאָשן, און מען קען גיין ווײַ־טער. נאָר איך בלייב ליגן און הער ווי איבער מיר הוידעט זיך די נאַכ־טיקע שטילקייט. אין מיינע אויערן דרעלעוועט דאָס שטאָלענע געזשום פון די ניט־געזעענע אַעראָפּלאַנען, וואָס פליען צוריק צו זייערע באַזעס און וואָרטשען בייז־צופרידענע, געזעטיקטע, ווי זשוקעס וואָס פליען צוריק פון פאַרנאַכטיקן פעלד. „זשוקעס, זשוקעס, זשוקעס״, טרייסלען זיך מיינע ציין, איך פיל זיי אַרומקריכן איבער מיין רוקן אונטער די קליידער. ווי גוט מיר וואָלט עס געווען איך זאָל דאָ קענען בלייבן ליגן, איינשלאָפן, פאַר־וואַקסן ווערן מיט גראָז, מיט קראָפּעווע. מאַמעלע, גרויע טייבעלע מיינע, איך האָב דיך איבערגעלאָזט אַליין און בין אַנטלאָפן.

— ווסטאַוואַי! — דערפיל איך אַ שטויס אין רוקן און עמעצער בייגט זיך איבער מיר אַריבער, — ווער ביסטו?

איך הייב אויף דעם קאָפּ און דערקען דעם סילועט פון סאָלדאַט אין לאַנגן שינעל מיט דער אַרונטערגעלאָזטער ביקס אין דער האַנט. איך ווייס פאַרוואָס ער פרעגט מיך ווער איך בין. איך קען זיין אַ שפּיאָן וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די רוסן, אַלץ אויסגעשפּירט, און איצט זוכט ער ווי אַזוי צו בלייבן הינטערשטעליק, כדי צו פאַרשווינדן אין נאָענטן וואַלד און געבן פון דאָרט סיגנאַלן דעם שונא.

איך שטעל זיך האַסטיק אויף און לאָז זיך ווייטער שפּאַנען אינאיינעם מיט אַלעמען צווישן הויכע אומבאַוועגלעכעביימער, וואָס וואַרפן פון זיך אָפּ ריזיקע שאָטנס, מאַכן נאָך פינצטערער אונדזער וועג. בלויז דער שמאָלער הימל־פּאַס איבער אונדזערע קעפּ באַלויכט אונדז מיט זיין טונ־קעלער בלויקייט און מיטן זילבערנעם אָפּשיין פון ווייטע שטערן, וואָס שימערן און ציטערן שלעפעריק־שטיל. איך שפּריִז פאַרזיס מיט ברייטע שפּרייזן, נאָר מיין קאָפּ שווימט אין אַ נעפּל, אין די זכרונות פון די ערשט־פאַרגאַנגענע טעג:

„געזעגן זיך פריער מיט ר׳ רפאלן״, האָט די מאַמע געזאָגט צו מיר. פאַרוואָס האָט זי עס פאַרלאַנגט פון מיר, ר׳ רפאל איז דאָך איר צווייטער מאַן, ניט מיין טאַטע? און וואָס האָט ר׳ רפאל געזאָגט ביים געזעגענען זיך? איך געדענק ניט, אפשר האָט ער גאָרניט געזאָגט, ער איז דאָך אַ שווייגער. איך געדענק אויך ניט צי איך האָב דער מאַמען אַ קוש געטאָן, איר אַ קוש געטאָן אין די איינגעצויגענע באַקן, אין איר הויכן שטערן. ווען זי פלעגט קומען צו אונדז צו גאַסט און איך האָב איר אַ קוש געטאָן, האָט זי זיך אויף מיר געבייזערט, שטענדיק זיך געבייזערט מיט די זעל־בע ווערטער: „קוש מיך ניט, איך בין ניט קיין ספר תורה״. זי האָט

מורא געהאַט פרומע ליבטשען זאָל עס ניט פאַרדריסן... זי איז מיר נאָכגעלאָפן דורכן הויף, מיך אַרומגענומען און גערעדט צו מיר מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל, מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל האָט זי גערעדט צו מיר, ווי אַ כלה וואָס בעט ביי איר חתן ער זאָל זי ניט פאַרגעסן: „קינד מיינס, פאַרגעס ניט יידישקייט, היט שבת", האָט זי געזאָגט צו מיר. איך וועל געדענקען! איך וועל געדענקען, מאַמעלע, דיינע טריט אין די שווערע שיך איבער די קרומע ברוק־שטיינער. אַפילו ווען עס וועלן פאַלן גרודעס ערד אויף מיין טויטן־קאַסטן, וועל איך געדענקען דיינע טריט — אויב איך וועל זוכה זיין צו אַ טויטן־קאַסטן, אויב איך וועל ניט פאַלן פריער אונטערוועגנס פון אַ קויל, פון אַ באָמבע, אָדער פון הונגער און דורשט.

— וואָדי! איך וויל אַ טרונק, איך שטאַרב פון דורשט, — כאַפּ איך אָן ביים אָרעם אַ הויכן מאָנסביל מיט אַ ברייטער באָרד, וואָס שפּאַנט לעבן מיר.

— טשודאַק, וואו זאָל איך דיר נעמען וואַסער? איך אַליין וויל אויך טרינקען, — צעלאַכט ער זיך גוטמוטיק.

— טי שטאָ? — גיט מיר איינער, פון דער מחנה הינטער מיר, אַ שטויס אין רוקן, — וואו האָסטו דיינע אויגן, אונטערן שטערן אָדער אין דער פּאַטילניצע? דו גייסט פאַראויס אָדער צוריק?

איך ענטפער ניט און שפּאַן ווייטער. מיינע אויגן זיינען טאַקע פאַר־קראָכן אין דער פּאַטילניצע, דאָרט אויסגעבויערט צוויי לעכער און קוקן דורך דער פינצטערניש אויפן אָפּגעגאַנגענעם וועג. אַ קול יאָגט מיך נאָך, אַ קול שלעפּט מיך צוריק. איך רייס זיך פאַראויס, וויל זיך אָפּרייסן פון מיין געדעכעניש, נאָר דאָס קול דעריאָגט מיך:

„און איך?"

דאָס איז פרומע ליבטשעס קול. איך האָב דאָך אויך זי איבערגע־לאָזט, אויפן שייד־וועג הינטער ווילנע ביים דערפל רעקוין זי איבערגע־לאָזט, מאָנט זי ביי מיר פאַרוואָס איך טראַכט בלויז וועגן דער מאַמען, ניט וועגן איר:

„און איך?"

איך קען ניט! טראַכטן פוןביידן מיטאַמאָל אין דער זעלבער צייט קען איך ניט. די מאַמע האָט שמאָלע לענגלעכע אויגן מיט הויכע קינ־באַקן און פרומע ליבטשע האָט אויך שמאָלע לענגלעכע אויגן. נאָר דער מאַמעס אויגן זיינען גרינלעכע און פרומע ליבטשעס אויגן זיינען שוואַרצע. זי האָט ראָזלעכע באַקן, פרומע ליבטשע, און אַ געטאָקטע פולע פיגור. די מאַמע האָט שטענדיק אָנגעקוואָלן וואָס פרומע ליבטשע איז אַ פוליג־קע... פאַרשאָלטענער גורל! ווען זי וואָלט מיטגעגאַנגען מיט מיר

כאָטש נאָך איין האַלבע שעה ביז איך האָב באַגעגנט דעם לאַסט־אויטאָ, וואָלטן מיר דאָך איצט געווען אינאיינעם.

— ניע פּלאַטש, — לייגט זיך אַוועק אַ האַנט אויף מיין אַקסל, — פּראַידיאָט.

איך וויין, טרייסל זיך פון פאַרשטיקטע שלוכצן און הער עס אַליין ניט. איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע דעם רוס מיט דער ברייטער באָרד, וואָס שפּאַנט מיט מיר אין טראָט:

— וואָס וועט אַריבערגיין? — פרעג איך אים.

— אַלץ וועט אַריבערגיין, — נעמט ער אַראָפּ זיין האַנט פון מיין אַקסל, — ווין ניט.

— טי שטאָ? — גיט מיר יענער, וואָס האָט מיך פריער אַ שטויס געטאָן פון הינטן, נאָכאַמאָל אַ שטויס אין פּלייצע, — וואָס פּלאָנטערסטו זיך די גאַנצע צייט אונטער די פיס און שטייסט אָפּ פון אַלעמען? אַ מאַזשעט שפּיאָן?

— ביסט אַליין אַ שפּיאָן! — גיב איך זיך צו אים אַ דריי־אויס מיט אַ פּאָר געביילטע פויסטן און דערזע פאַר זיך אַ קליין דאַר פויערל. ער דערשרעקט זיך פאַר מיין כעס און טרעט אָפּ אָן אַ זייט. מיין אַקצענט גיט מיך לייכט אויס, אַז איך בין ניט קיין רוס. נאָר איך קען זיין אַ נאַטשאַלניק פון די איינגעבוירענע אין די נייע סאָוועטישע געביטן.

די קריגערײ טשוכעט מיך אויף אַ ווײַלע אויס. איך שפּאַן ווי אַ זעלנער אין דער ראָטע און פּאַכע מיט די הענט: איינס־צוויי! איינס־צוויי! אָבער ביסלעכווייז זינקט מיין קאָפּ ווידער אַרונטער, שאָקלט זיך ווי אַ גלאָק וואָס האַלט זיך אויף אַ דורכגעפוילטן שטריק. באַלד וועט זיך מיין קאָפּ, דער צעוויגטער גלאָק, אָפּרייסן און איינזינקען אין דער ערד, באַלד וועט די אַרויסגעשטעקטע צונג פון צעשאָקלטן גלאָק פאַרשטומט ווערן, דערווייל באַוועגט זי זיך נאָך אין מיין מויל, די געשוואָלענע צונג: מאַמעלע...

עס ווערט ליכטיק מיטאַמאָל, ווי אין אַ הויז וועך מען עפנט פון דרויסן די פאַרלאָדנטע פענצטער. דער הימל, אָן איין וואָלקנדל, איז דורכזיכטיק־קלאָר, טיף, רואיק און גרינלעך. פון די פעלדער, אויף איין זייט וועג, הייבט זיך אויף אַ זילבערנער נעפּל, און די ביימער־שפּיצן פון וואַלד, אויפן אַנדערן זייט וועג, גליען שוין מיט אַ העלן גאָלד־קאָליר פון זון־אויפגאַנג. פון ערגעץ־וואו אין דער וויט קרייזלט אַרויף אַ בלויער רויך פון אַ פאַרברענטן דאָרף, וואָס האָט אויסגעטליעט נאָך נעכטן.

אונדזער גאַנצע מחנה גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל אַפּ. ביים ראַנד פון וואַלד ליגן פאַל־שירעמס מיט פאַרפּלאָנטערטע שטריק. די דייטשישע פאַראַשוטיסטן האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַל־שירעמס און זיינען אַוועק־געקראָכן צווישן די ביימער, ווי שלאַנגען וואָס קריכן אַרויס פון זייער אַלטער הויט און פויזען אַוועק פול מיט גיפט. פון דער טיפער וואַלד־געדיכטעניש דערהערט זיך אַ מאָדנע אויסגעצויגן געשריי, אַ הוקעניש, און אַ פאַרצווייפלטער געיאָמער, ווי פון שוואַכע בעלי־חיים ווען רויב־חיות פליקן זיי מיט די נעגל לעבעדיקערהייט.

— וואָס איז עס ? — שטאָמל איך צום ברייט־פּלייציקן רוס מיט דער בלאָנדער באָרד.

— ניעמעץ פּוגאַיעט, — ענטפערט ער רואיק.

די דייטשן שרייען עס אין די וועלדער אָנצואוואַרפן אַ שרעק און אַרויסצורופן אַ מהומה צווישן אונדז, די פוס־גייער. די קראַסנאַ־אַרמייצעס פון אונדזער מחנה שרויפן אַרויף די באַגנעטן אויף די ביקסן, און שפּאַנען פון דער זייט אין אַ לאַנגער שורה מיט די באַגנעטן געווענדט צום וואַלד, היטן עס זאָלן אויף אונדז ניט אַרויפשפּרינגען די פאַראַ־שוטיסטן. מיר נעמען זיך ווידער באַוועגן פאָראויס נאָך האַסטיקער און מיט מער אימפּעט ווי פריער.

איך בין אינגאַנצן דורכגעווייקט פון שוויס, גרויסע טראָפּנס רינען אַרונטער איבער מיינע באַקן, איבער די ליפּן, פאַרקלעפּן מיינע וויעס, און איך זע ניט די שיין. רייב איך אויס מיטביידע הענט דאָס פּנים, און ווי זיך צו דערמונטערן, זיך אָפּצופרישן, קוק איך אויף די גע־קעסטלטע פעלדער, אויף די ווייטע שטרעקעס דורכגעשניטן מיט טראַקטן און אַרומגעצוימט מיט וועלדער. ניט ווייט פון שליאַך טוליעט זיך צווישן הויכע ביימער אַ דערפל פון פריש־געקאַלכטע כאַטעס מיט קרומע שייב־לעך, וואָס גלימערן אין גאָלד פון דער אויפגעגאַנגענער זון. אַרויסגע־רוקט צום סאַמע וועג שטייט אַ ברונים מיט אַ הויכן שטאַנג און אָנגע־האַנגענעם עמער.

— וואָדאַ ! — גייט דורך אַ פרייד־געמורמל דורך דער מחנה. אַלע גיבן זיך אַ וואָרף פאָראויס מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, מיט אויפ־געריסענע דאָרשטיקע מיילער, מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן, און די צו־נויפגעוואַקסנקייט פון דער מחנה ווערט אין איין אויגנבליק צעריסן, צע־פאַלן. איטלעכער יאָגט זיך מיט אַלע כוחות אָנצוקומען וואָס פריער צום ברונים.

# II

די מחנה דערלויפט צום ברונים מיט שווערע טריט און קלאַמערט אים אַרום פון אַלע זייטן. עס ברעכט אויס אַ געשריי און אַ קריגעריי, וואָס פאַרהילכט דעם שטילן לויטערן פרימאָרגן. דער שטאַנג סקריפעט אַראָפ און אַרויף, קעפ רוקן זיך אַריין אין עמער און זופן דאָרשטיק, אַנדערע שעפן דאָס וואַסער אין די הויפנס, ביז זיי ווערן אַוועקגעשטויסן פון די יעניקע וואָס שטייען הינטער זיי. אין דער ריי פאַר מיר שטייט דאָס פויערל, וואָס איז די גאַנצע נאַכט געגאַנגען הינטער מיר און מיך געשטויסן אין פלייצע. ער באַטראַכט מיך ביים ליכט פון טאָג און באַשליסט, ווייזט אויס, אַז ער דאַרף פאַר מיר ניט מורא האָבן. טרינקט ער אָפ דאָס וואַסער, און ווען עס קומט מיין ריי, האַלט ער צו דעם עמער מיט ביידע הענט. די האָר אויף זיין איינגעדאַרטן צעקנייטשטן פרצוף שטעלן זיך אויף ווי שטעכיקע נאָדלען:

— איך בין אַ סאָוועטישער בירגער, אַ סטשאַטאָוואָד אין אַ קאָלכאָז. און ווער ביסטו?

איך גיב אים אַ שטויס אַוועק מיטן לינקן עלנבויגן און מיט דער רעכטער האַנט כאַפ איך דעם עמער. פלוצים דערהער איך אַן אָפגעריסן געשריי:

— ניעמעץ!

אַן אַעראָפלאַן האָט זיך אַראָפגעלאָזט פון הימל הינטער אונדז און יאָגט אויף אונדז. זיינע רעדער און זיין פאָדערשטער טייל ווערן אין איין סעקונדע ריזיק־גרויס, נאָך איין אויגנבליק און ער וועט אין אונדזער געזעמל אַריינוואַרפן אַ באָמבע, אונדז צעשניידן מיט זיינע פליגל. אָבער מיר זיינען זיך שוין צעפלויגן, אַריינגעשפרונגען אין די אַרומיקע גראָבנס. אונדזערע סאָלדאַטן הייבן אויף אַ געבריל:

— דאַוואַי וו׳ מאָטאָר! וו׳ מאָטאָר!

אונדזערע מאַשין־ביקסן עפענען אַ געדיכטן קרייץ־פייער, די קוילן פייפן איבער אונדזערע קעפ. מיר דאַכט זיך, אַז דער הימל האָט אויפגעריסן, פאַלט אַרונטער אַ צעפלאַקערטער אויף שטיקער. דער אַעראָפלאַן וואָס האָט שוין פיקעטירט, אַ פלי געטאָן אַראָפצו איבערן ברונים, טוט זיך אין דער זעלבער רגע אַ הייב־אויף צוריק, אַ שאָס אַרויף אין דער הייך, ווי איינער וואָס שפרינגט אַראָפ אויפן ראַנד פון אַ שפרינג־ברעט און ווערט גלייך צוריקגעשטויסן אין דער לופטן. אַ פאַרכאַפטער אין אַ האַגל פון קוילן, גיט זיך דער אַעראָפלאַן אַ פאַרקערעווע צום וואַלד, זיין עק רייכערט זיך און ער דרייט זיך, ווירבלט, ווי דער קאָפ וואָלט זיך אים פאַרשווינדלט. ער לאָזט אַרויס פון זיך אַן אומהיימלעכע שטאָלענע גריל־

צעניש, קריצט מיט טויטע ציינער, און נעמט אַראָפּקרייזן אויף איין פליגל הינטער די ביימער־שפּיצן.

אין גראָבן וואו איך בין אַריינגעשפּרונגען, ליגט לעבן מיר דער פּויער מיטן שטעכיקן פּרצוף. ער קוקט מיט הנאה און מיט אַ בייז־פאַרקרימט שמייכעלע ווי איך טוליע זיך צו דער ערד און וויל זיך איינגראָבן אין איר וואָס טיפער:

— האָסט מורא? — שטשירעט ער אויס די ציין.

— ניט מער ווי דו, — ענטפער איך.

פון מיין אַנדערער זייט ליגט דער הויכוואוקסיקער רוס מיט דער ברייטער בלאָנדער באָרד, קוקט נאָך דעם אַעראָפּלאַן, וואָס פאַרשווינדט הינטערן וואַלד, און פּרואווט מיך ווידער באַרואיקן, ווי ער האָט עס געטאָן פאַרטאָג:

— פּראַידיאָט, — ציט ער אויס מיט אַ שלעפעריקער פוילקייט.

מיר קריכן אַרויס פון די גראָבנס מיט איינגעשמירטע פּנימער, צעשויבערטע און באַדעקטע מיט שטויב. איך גיב זיך אַ וואָרף צום ברונים, רוק אַריין דעם קאָפּ אין עמער און פאַרכליניע זיך מיטן וואַסער, וואָס דער קאָלכאָזניק, מיין שונא, האָט איבערגעלאָזט. הינטער מיר קלייבן זיך נאָך מענטשן. נאָר די סאָלדאַטן פון אונדזער קאָמפּאַניע צעטרייבן דאָס געזעמל אַרום ברונים, און לאָזן אונדז אויך מער ניט גיין צוזאַמען, אַ פיינטלעכער אַעראָפּלאַן זאָל אונדז ווידער ניט פּיקעטירן. אונדזער מחנה צעטיילט זיך אין קליינע גרופּקעס, און געבויגענע קריכן מיר דורך די פעלדער צום נאָענטן וואַלד.

אין וואַלד ווערן מיר אַרומגערינגלט פון סאָלדאַטן אין גרינע מונדירן, „פּאָגראַניטשניקי". זיי לאָזן אונדז ניט דורך, ביז מען וועט ניט רעווידירן אונדזערע דאָקומענטן און אונדז אויספרעגן. דאָ איז סאָוועטישער פראָנט. אין געדיכטעניש שטייט אַ גרויסער טאַנק באַדעקט מיט באַבלעטערטע צווייגן און אַרום אים דרייען זיך טאַנקיסטן. טיפער אין וואַלד שטייט אַ האַרמאַט מיט אַ לאַנגער פאַרהויבענער לופע, און ניט ווייט אויף אַ בערגל דערברענט ווי אַ סטויג היי אַ געקראַכטער אַעראָפּלאַן. קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים.

— ס'איז דער זעלבער וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אונדז? — פרעג איך ביי אַ סאָלדאַט פון אונדזער קאָמפּאַניע וואָס שטייט לעבן מיר.

— דער זעלבער, — גיט ער גלייכגילטיק אַ שאָקל מיטן קאָפּ. דער רויט־אַרמייער זעט אויס טרויעריק־פאַריאושט. נאָכן אויספרעגן, לאָזט מען אונדז, די ציווילע, גיין ווייטער. אָבער די קראַסנאָ־אַרמייצעס, וואָס האָבן מיט אונדז מיטגעוואַנדערט, פאַרהאַלט מען און מען פאַרמירט פון זיי אַ נייעם אָטריאַד, וואָס וועט אפשר באַלד דאַרפן גיין אין שלאַכט.

איך וואַרט אויף מיין ריי רעווידירט צו ווערן, נעם אַראָפּ פון פּלייצע

דעם רוק־זאַק, בינד אים פאַנאַנדער און גיב אַ טאַפּ אין בוזעם־טאַש מיין פּאַספּאָרט. „יאַ יעוורעי", שעפּטשען מיינע ליפּן דעם שפּרוך װעל־כער האָט מיך ביז איצט דורכגעפירט דורך אַלע סאָוועטישע וואַכן, און וועלכן איך װעל באַלד ווידער דאַרפן זאָגן.

וואָס נעענטער איך קום צום ראָטנעם קאָמאַנדיר, דעם אויספרעגער, אַלץ אָפּגעהאַקטער ווערט מיין אָטעם. איך זע אַז אַרום מיר ווערט שיטער, מיינע מיטגייער רוקן זיך אָפּ פון מיר, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט מען זאָל זיי ניט פאַרמישן מיט מיר. דער קאָלכאָזניק, מיין אומזיסטער דם־שונא, רוימט עפּעס איין דעם קאָמאַנדיר און וויזט אויף מיר מיטן פינגער, פאַרמסרט מיך. איך דערפיל ווי מיינע גלידער ווערן געליימט, עס באַפאַלט מיך אַ מידקייט, און אויך אַ מאָדנע היץ, אַ וואַרימקייט, ווי אין דער לעצטער מינוט אַ מענטשן וואָס ווערט פאַרפרוירן. ביז איצט האָט מיך פאַרהאַלטן סאָוועטישע מיליץ; די איצטיקע זיינען פראָנט־זעלנער וואָס האָבן אַ באַפעל צו שיסן יעדן פאַרדעכטיקטן. איך זע, אַז דער קאָמאַנדיר, דער אויספאָרשער, קוקט ניט מער אויף די אַנדערע פון אונדזער מחנה, נאָר שרויפט אַריין זיינע צעגליטע אויגן אין מיר. צוויי רויט־אַרמייער, אַרומגעהאַנגען מיט האַנט־גראַנאַטן, גיבן מיך אַ שטופּ נעענטער צום אויספאָרשער:

— יאַ יעווריי, — זאָג איך און דערלאַנג אים מיין פּאַספּאָרט. ער מישט די באַשריבענע און געשטעמפּלטע בלעטלעך, קוקט אויף דעם בילדל אין מיין פּאַספּאָרט און דערנאָך אויף מיר:

— פאַרוואָס האָסטו דעם גאַנצן וועג זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן? האָסט זיך געוואָלט באַהאַלטן אין די וועלדער?

— מיר האָט זיך געדאַכט... מיר איז געווען שווער צו גיין, — פּלאָנטער איך מיט דער צונג. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, מיין מאַמע און מיין ווייב רופן מיך צוריק. נאָר איך כאַפּ זיך באַצייטנס, אַז אַזאַ ענטפער קען אַרויסרופן אַ געלעכטער און נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם חשד קעגן מיר.

— זנאַיעם, — טוט דער קאָמאַנדיר אַ שאָקל מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף דעם תירוץ. ער גיט אַ נישטער אין מיין רוק־זאַק און הייסט אַ צווייטן אַ זוך טאָן אין מיינע קעשענעס. יענער טאַפּט מיך אַרום און דערפילט אין מיין מאַנטל־קעשענע אַ האַרטן קעגנשטאַנד:

— געפונען! — רופט ער אויס און שלעפּט אַרויס פון מיין מאַנטל־קעשענע דאָס תנכל, וואָס איך האָב דאָרט אַריינגעלייגט ווען איך בין אַרויס פון שטוב.

— און דאָס וואָס איז? — פּליקט דער קאָמאַנדיר די בלעטלעך פון תנכל.

— דאָס איז די ביבל.

— ביסט אַ דייטש? אַ דייטשישער פּאַסטאָר? — פֿאַררוקט דער קאָמאַנדיר הויך אויפֿן קאָפּ דעם דאַשעק פֿון זיין היטל און זיין קליינער פֿאַרוואָקסענער שטערן קנייטשט זיך, ווערט נאָך קלענער.

די רויט־אַרמייער און אויך די ציווילע, מיינע מיטגייער, שטייען אַרום אונדז מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און שמייכלען קרום. איך ווייס ניט, שמייכלען זיי, ווייל זיי ווייסן, אַז דער אויספֿרעגער שפּילט זיך עס מיט מיר, טרייבט קאַטאָוועס, אָדער זיי וואונדערן זיך וואָס איך פֿאַרשטיי ניט, אַז איך בין שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער.

— איך אַ דייטש? איך אַ דייטשישער פּאַסטאָר? — באַטאַפּ איך מיין אייגן פּנים און אין מוח פֿליט מיר דורך: יאָ, עס קען זיין, אַז איך זע טאַקע אויס ווי אַ דייטשישער פּאַסטאָר. מיינע שיטערע צעשויבערטע האָר־בינטלעך, מיין ניט ראַזירטע בלאָנדע באָרד, די ביבל, מיין אַקצענט... אַ פּאַסטאָר. איך ווייס אַז איך דאַרף עפּעס זאָגן, שרייען, נאָר אַנשטאָט זיך צו פֿאַרענטפֿערן, צעלאַך איך זיך מיט אַ ווילד געלעכטער. איך ווייס אַז מיין געלעכטער קען מיך דערהרגענען; אויב אַפֿילו דער קאָמאַנדיר האָט ביז איצט ניט געמיינט אַזוי ערנסט, קען ער איצט, אויפֿגערייצט פֿון מיין לאַכן, הייסן מיט מיר פֿאַרענדיקן; אָבער די אינגעווייד דרייען זיך מיר איבער אין בויך, איך מוז לאַכן. איינער פֿון דער קאָמאַנדע, אַן אָפּיצער אין אַ בלויען מונדיר, טוט צו מיר אַ שפּרונג אַן אויפֿגעקאָכטער, כאַפּט אַרויס דעם נאַגאַן און שטופּט־צו צו מיין שטערן די קאַלטע לופֿע:

— דו וועסט ביי מיר באַלד לאַכן! ווערעדיטעל! שפּיאָן!

דער אויספֿאַרשער בלייבט קאַלט און רואיק. ער דערלאַנגט מיין פּאַס און תּנכל איינעם פֿון די רויט־אַרמייער און זאָגט קורץ:

— דער פּאַספּאָרט איז אַ געפֿעלשטער. פֿירט אים אָפּ אין שטאַב.

דריי סאָלדאַטן רינגלען מיך אַרום, צוויי ביי די זייטן, איינער פֿון הינטן, און דער שטאָל פֿון זייערע באַגנעטן גיט אַ בלענד פֿאַר מיינע אויגן. איך לאַך ניט מער, אַ פֿאַרשטומטער לייג איך אַרויף דעם רוק־זאַק אויף דער פּלייצע און נעם אַוועקשפּאַנען אַרומגערינגלט פֿון דריי זייטן. די וואָך פֿירט מיך אַרויס פֿון װעלדל אויף אַ סטעזשקע אין אַ קאָרן־פֿעלד. אַרום איז גאָלדיק־ליכטיק, שטיל, און די רייפֿע הויכע געלבלעכע זאַנגען כוואַליען ביז צו מיין קאָפּ. מיר דאַכט זיך, אַז די עוֹד האָט זיך אַ דריי געטאָן ווי אַ ראָד און פֿאַר מיינע אויגן זיינען אויסגעוואַקסן די זעלבע קאָרן־פֿעלדער פֿון דערפֿל רעקוין הינטער ווילנע, דאָרט וואו איך האָב איבערגעלאָזט פֿרומע ליבטשען... דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן מיך פֿירן אין שטאַב. אין שטאַב זיצן גענעראַלן און קאָמיסאַרן, זיי וועלן ווייסן וואָס אַ תּנך איז, זיי וועלן פֿאַרשטיין אַז איך בין ניט קיין דייטש. און אפֿשר נאַרט מען מיך? אפֿשר פֿירט מען מיך...

— וואוהין פירט איר מיך? — שריי איך אויס צו דער וואך.

— געגאנגען! — טוט א געשריי דער וועכטער הינטער מיר.

— צו וואס באדארפסטו דיינע שיך? גיב זיי מיר אפ, — לאכט דער סאלדאט ביי מיין רעכטער זייט.

— און מיר גיב אפ דאס וואס דו האסט אין דיין רוק־זאק, וועל איך עס אפשיקן אהיים, — זאגט דער סאלדאט ביי מייך לינקער זייט.

זיי ווילן איך זאל זיך אויסטאן בארוועס, א בארוועסן פירט מען ניט אין שטאב, א בארוועסן פירט מען שיסן. עס מוז זיין שרעקלעך צו שטארבן אין די שיך. זיי וועלן מיך דערשיסן און קיין איין ייד וועט ניט זיין דערביי. די מאמע און פרומע ליבטשע וועלן זיך עס קיינמאל ניט דערוויסן, זיי וועלן מיינען אז איך לעב, אז איך וועל נאך צוריקקומען, און איך וועל ליגן און פוילן ערגעץ־וואו אויף א פעלד. מאמע! פרומע ליבטשע! איך קען שוין איצט טראכטן פון ביידע מיטאמאל. פריער האב איך ניט גע־קענט טראכטן פון ביידע מיטאמאל...

מיר קומען ארויס פון הויכן קארן אויף א לאנקע וואס איז ארומ־געריגגלט מיט וואלד. א רייטער אויף א ברוינעם פערד טראגט זיך אונדז אנטקעגן מיטן גאנצן אימפעט. ווען ער גלייכט זיך מיט אונדז אויס, פארהאלט ער דאס פערד וואס קאכט און ברויזט, קאפעט מיט די פיס און שטייט קוים איין אויף אן ארט. דער רייטער, מיט א רויטן ראנד ארום היטל און רויטע לאמפאסן אויף די הויזן, ווי ער וואלט געווען ארומ־געכאפט מיט פלאמען, בייגט זיך אריבער איבערן זאטל און מעסט מיך אפ מיט א בליק:

— ווער איז ער?

— א פארדעכטיקער, — ענטפערט איינער פון די זעלנער.

איינער פון דער וואך דערלאנגט דעם רייטער מיין פאס און תנכל. נאך איידער דער רייטערווארפט א בליק אויפן פאס, נעמט ער ארומ־קוקן דאס תנכל וואס איז זייער דיק, קליין און פירקאנטיק, געבונדן אין שווארצע טאוועלעך מיט גאלדענע אותיות אויפן איינבאנד. דערנאך נעמט ער עס פאמעלעך בלעטערן, מישט עס מיט אן אנגעכמארעטן און פאר־טרויערטן אויסזען. ער גיט זייטיק אויף מיר א קוק און לאזט גלייך אראפ די אויגן צו מיין פאס. איך דערפיל אז ער וועט מיך ראטעווען און פאל צו אים צו:

— איך בין א ייד, איך אנטלויף פון דייטש, און זיי נעמען מיך אן פאר א דייטש. דאס בוך וואס דער טאווארישטש קאמאנדיר האלט, איז דער אלטער טעסטאמענט אין העברעאיש. איך האב עס מיטגענומען פון דער היים.

— שטא ווי דוראקא וואליאיעטיע? — גיט זיך דער רייטער א צעבייזער אויף מיין וואך, — לאזט אים אפ!

— מען האָט אונדז באַפוילן אים אָפּפירן אין שטאַב, — רוקט זיך אַרויס פאָראויס דער הינטערשטער רויט־אַרמייער.

— נאָזאַד! ביעגאָם אויף אייערע ערטער! — גיט זיך דער קאָמאַנדיר אַ ריס אויף זיי מיט זיין פערד, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט צעטרעטן, און מיטן קאָפּ אַנגעבויגן צו דער גריווע פון פערד, שפּרינגט ער אַוועק צום וועלדל פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען. די קראַסנאַ־אַרמייצעס לאָזן מיך שטיין און נעמען לויפן צוריק צו זייערע פּאָזיציעס, ווי זיי וואָלטן פון דעם רייטערס געשריי פאַרשטאַנען, אַז דער שונא דערנענטערט זיך.

איך בלייב שטיין אַליין אויף דער לאָנקע, מיטן פּאַספּאָרט אין דער לינקער האַנט, מיטן אָפענעם תנכל אין דער רעכטער האַנט, און קוק אַ פאַרגאַפטער, ווי איך וואָלט ערשט דערזען די וועלט. אין די געדיכטע צווייגן צוויטשערן פייגל, פליגעלעך זשומען אין הויכן גרינעם גראָז, אַרום איז שטיל, זינגעוודיק־שטיל, און די לופט שימערירט מיט גאָלד און בלוי. מיין בליק פאַלט אויף אַ פּסוק און איך לייען איבער ווי אין חלום:

כי אתך אני נאם־יהוה להושיעך, כי אעשה כלה בכל־הגוים אשר הפצותיך שם, אך אתך לא־אעשה כלה, ויסרתיך למשפט ונקה לא אנקך.

איך לייג אַריין דעם תנך אין מאַנטל־קעשענע, דעם פּאַס אין בוזעם־טאַש, און נעם האָסטיק אַוועקשפּאַנען. וואו איך גיי, ווייס איך ניט, איך ווייס נאָר, אַז פון דאַנען מוז איך אַוועק. איך טאָר זיך אויך מער ניט טרעפן מיט מיין ביינאַכטיקער קאָמפּאַניע, דער קאָלכאָזניק קען מיך פאַר־מסרן פאַר אַן אַנדער מיליטערישן פּאָסטן. איך לאָז זיך גיין איבער דער לאָנקע לינקס צום וואַלד, און אין מיין מח ווירבלען אַן אַ סדר מיינע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייער טויט־גליווערניש:

דער רייטער איז געווען אַ ייד, זיכער אַ ייד! ער האָט געהאַט יידישע אויגן און עפּעס זייער לאַנג געמישט די בלעטלעך פון תנכל, זיי געמישט מיט ציטערדיקע פינגער און אויסגעמיטן צו קוקן אויף מיר. ער האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון, די רויט־אַרמייער זאָלן ניט באַמערקן, אַז ער קוקט אויף מיר ווי אויף אַן אייגענעם און מיט רחמנות... ויסרתיך למשפט ונקה לא ינקך. אין ירמיהו שטייט דער פּסוק, אין ירמיהו. איך האָב דאָך פון פּסוק געוואוסט, נאָר קיינמאָל אָן אים ניט געדענקט. ווער האָט עס אויפגעמישט דאָס תנכל פּונקט אויף דעם פּסוק, איך אַליין, אָדער דער רייטער האָט עס אויפגעמישט? איך זאָל נאָר ניט פאַרלירן דעם פּאַספּאָרט, ניט פאַרלירן דעם תנך און ניט פאַרגעסן דעם פּסוק. ויסרתיך למשפט... איז עס אַ נס? די מאַמע איבערגעלאָזט, פרומע ליבטשען איבערגעלאָזט, און אַליין אַנטלאָפן, מיטן תנכל אין קעשענע אַנטלאָפן.

# עלטערן און קינדער

איך רייב אויס די אויגן פון שלאָף און דערזע, אַז איך געפין זיך אין אַ וועלדל און אַז עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג. אין געדיכטן געצווייג טריפט די זון הייס ווי פעך. בעריאָזעס לויכטן מיט דער פרישער קאָרע פון זייערע ווייסע שטאַמען, פינקלען מיט די קרוינען פון זייערע העל־גרינע בלעטער. אַ פּאָר טריט פון מיר ליגן אין שאָטן מיינע נייע וועג־חברים, מינסקער יידן. איך דערמאָן זיך גלייך וואָס היינטיקן פרי־מאָרגן איז פאָרגעקומען.

איך האָב געבלאָנדזשעט דורך וואַלד און ניט געוואוסט, צי איך גיי פאָראויס אָדער צוריק. האָב איך זיך געלאָזט אַהינצו, וואו דער הימל האָט אַריינגעבלויט דורך די שיטערע צווייגן, און בין אַרויס אויפן אַספאַלט־שאָסיי, וואָס פירט פון מינסק קיין מאָסקווע. אָנגעטראָפן אויף אַ קליינער קאָמפּאַניע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון מינסק, בין איך מיט זיי אינאיינעם געגאַנגען ווייטער.

די זון האָט געבאַקן, אונדז אָפּגעגאָסן מיט שוויס, אונדזערע פוס־טריט זיינען איינגעזונקען אין צעגליטן אַספאַלט, וואָס איז געווען צעגראָבן און צעטראַמפּלט פון אַרונטערגעשליידערטע באָמבעס. אויפן וועג זיינען געלעגן איבערגעדרייטע מאַשינען און געהרגעטע, געטראָפענע פון באָמבע־שפּליטערס, אָדער פון קוילן. איין אומגעקומענער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּצו צונויפגעקאָרטשעט אין דרייען, ווי ער וואָלט וועלן אַריינקריכן אין דער ערד און זיך דאָרט באַהאַלטן פון דער באַשיסונג. אַ צווייטער הרוג איז האַלב געזעסן מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטיק, מיט אַ וואַקסן פּנים און אַ גרויסן פאַרגעלטן קאָפּ, אינגאַנצן אַ ליסענע ווי אָפּגעברענט. ער האָט געגלאָצט מיט אָפענע שטאַרע אויגן און זיך געקלאַ־מערט אָן דער ערד מיט פאַרקראַמפּטע פינגער, ווי ער וואָלט געמאַכט

אַן אָנשטרענגונג זיך אויפצושטעלן. ביים זייט פון וועג איז אַ דריטער געלעגן שטייף־אויסגעצויגן, צוגעדעקט מיט צווייגלעך. פאַרבייגייער האָבן זיך מסתמא אויף אים מרחם געווען און אים צוגעדעקט, ער זאָל זיך ניט וואַלגערן אויפן וועג, און אפשר האָט עס אַ פרוי צוגעדעקט איר מאַן, אַ זון זיין פאָטער.

מיר האָבן געשפּאַנט ווייטער, ביז מיר האָבן דערהערט אַ שטאָלענעם געזשום, דעם טויט־אַנזאָגער. הויך אין הימל זיינען פּאַמעלעך געגאַנגען אין אַ דריי־עק ניין אַעראָפּלאַנען. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די באָמבאַרדירער מיט דער שווערער לאַדונג מיינען ניט אונדז; מיר, די הייפלעך פוס־גייער, זיינען פאַר זיי אַ צו קליינער קרבן. אָבער איינער פון אונזער קאָמפּאַניע האָט זיך צעגוואַלדעוועט, אַז אַן אַעראָפּלאַן יאָגט זיך אויף אונדז. צעטומלטע פון זיין פאַרצווייפלטן געשריי, זיינען מיר אַרונטער פון וועג און געבויגן אין דרייען גענומען לויפן צום וואַלד. ווען מיר זיינען אַריין אין דער צווייגיקער געדיכטעניש, האָבן מיר זיך אויסגעטשוכעט פון אונדזער טויט־שרעק און זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן שרייער: וואו האָט ער געזען, אַז אַן אַעראָפּלאַן יאָגט זיך אויף אונדז? אָבער ער האָט נאָך אַלץ גע־ציטערט און געוויינט, אַז ער האָט געהערט ווי עס שטעפּט אַ קוילן־וואַרפער: טיק־טיק־טיק.

די מינסקער האָבן אים געזידלט, דאָך האָבן זיי באַשלאָסן, אַז כאָטש דאָס מאָל איז געווען אַן אויסדאַכטעניש, קען אין אַ מינוט אַרום זיין אַן אמתער „נאַליאָט". איז געבליבן, אַז מיר וועלן אָפּרוען אין וואַלד ביז עס וועט טונקל ווערן, און דעמאָלט וועלן מיר זיך לאָזן גיין קיין באָריסאָוו. מיר זיינען אַריין טיפער אין וואַלד און די מינסקער האָבן זיך אויס־געצויגן אין גראָז. אויך איך, טויט־מיד פון וועג, בין פאַרקראָכן אין אַ ווינקל און אָפּגעשלאָפן ביז איצט.

איך קריך צו אויף די עלנבויגנס צו די מינסקער, יידן אין שמאָלע קורצע רעקלעך, אין געוואַנטענע פלאַכע היטלען מיט האַלב רונדע האַרטע דאַשעקס און אין הויכע שטיוול מיט ניט קיין געשמירטע כאַלעוועס. זיי זיינען אַנטלאָפן פון דער היים ערשט נעכטן, און דער פּחד אין זייערע אויגן איז נאָך רוי. קוקן זיי מיך אָן מיט אומרו, מיט נייגער און אויך מיט חשד, ווי פאַרפרעמדטע דערוווייטערטע ברידער וואָס טרעפן זיך צום ערשטן מאָל, באַטראַכטן איינע די אַנדערע, און דערקענען, אַז זיי זיינען קינדער פון איין טאַטן. אין מיינע צעקנאָדערטע פאַרשטויבטע קליידער, פאַרוואַקסן פּנים און פאַרגליווערטער שטומקייט, זעען זיי זייער אייגענעם גורל, וואָס שטייט שוין הינטער זייערע פּלייצעס. דאָך ווילן זיי זיך באַ־

וויזן פאַר מיר מיט זייער טריישאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד, און איינער פון זיי רעדט צו מיר מיט אַ האַרטן רוסישן ריש:

— ווי נאָר איר וועט אָנקומען קיין באַריסאָוו, דאַרפט איר זיך מעלדן אין וואָיענקאָמאַט, גיין דינען אין דער רויטער אַרמיי. איר, זאַפּאַדניקעס, זייט יאָרן־לאַנג געווען אונטערדריקט פון די פּוילישע פּאַנעס, דאַרפט איר איצט זיין די ערשטע צו פאַרטיידיקן דאָס סאָוועטישע פאָטער־לאַנד.

די מינסקער פון מיין גרופּע האָבן געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט, ווען די שטאָט האָט געברענט פון אַלע זייטן און קיין באַנען זיינען מער ניט אָפּגעגאַנגען, זיינען זיי אַנטלאָפן אָן זייערע משפּחות. בלויז איין משפּחה געפינט זיך צווישן אונדז, אַ קליינוואוקסיקע איינגעשרומפּענע זקנה, איר זון, איר שנור און איניקל. דער יונגערמאַן, דער זעלבער וועמען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס יאָגט אונדז נאָך אַן אַעראָפּלאַן, איז קליינוואוקסיק ווי זיין מאַמע, מיט אַ פּאָר גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן, וואָס לויפן כסדר אַרום פון איינעם צום אַנדערן. זיין ווייב, מיט אַ לענגלעך פאַרביטערט פּנים און איבערגעבויגענע אַקסל, האַלט אויף די הענט איר עופעלע, וויגט עס און קאַרמעט עס. נאָר דער יונגערמאַן קוקט ניט אויף זיין קינד, גלייך ער וואָלט נאָך ניט געוואוסט, אַז ער איז אַ טאַטע. ביי יעדן שאָרך אין וואַלד, ביי יעדן ווייטן פּאַרטויבטן געשריי, אָדער געראויש פון אַן אַעראָפּלאַן, שוידערט ער אויף און רוקט זיך צו נעענטער צו זיין אַלטער מאַמען, טוליעט זיך צו איר און ציטערט ווי אַ קליין יינגל. זיין ווייב זיצט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, קוקט ניט אויף קיינעם פון אונדז, ווי זי וואָלט זיך געשעמט מיט איר מאַן, דעם פּחדן, און רעדט ניט צו אים, נאָר מורמלט עפּעס מיט איינגעהאַלטענעם גרימצאָרן צו איר שוויגער. די מאַמע ציט דעם זון ביים אַרבל און רעדט צו אים שטיל, באַרואיקט אים, אַז ער דאַרף זיך ניט שרעקן מער פון אַלעמען.

— און ווען וועלן מיר זיך צוריקקערן קיין מינסק? — פרעגט ער מיט אַ וויינענדיק קול. דער ייד וואָס האָט מיך געוואָרנט, אַז אין באַריסאָוו זאָל איך זיך מעלדן אין וואָיענקאָמאַט, שפּייט אויס מיט עקל:

— וואָס וועט שוין זיין ווען איר וועט דאַרפן גיין אויפן פראָנט שמעקן פּולווער?

דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַן בלייבט זיצן מיט פאַרטונקלטע אויגן, זיין פּנים ווערט גרוי, פאַרזשאַווערט, ווי ער וואָלט שוין וואָכן־לאַנג געלעגן אויף אַ שלאַכט־פעלד און געפּוילט אין רעגן. זיין מאַמע, די איינגעדאַרטע זקנה, קרעכצט אָפּ אינדערשטיל, און זיין ווייב נעמט מיט כעס וויגן דאָס קינד אויף די הענט, באַרואיקט עס, כאָטש דאָס קינד

שווייגט די גאַנצע צייט, ווי אויך דאָס עופעלע וואָלט זיך געשעמט מיטן טאַטן דעם פּחדן.

די זון נעמט זיך אַרונטערזעצן הינטער דיביימער, די שטאַמען צעפינקלען זיך ווי אויסגעגאָסענע פון קופּער, די ערד איז טרוקן און הייס, די לופט איז אָנגעגליט, שטיקנדיק און שווער. אַ פויל ווינטל דערטראָגט צו די נאָז־לעכער דעם ריח פון סמאָלע, דעם שאַרפן גערוך פון סאָסנעס און פון צעפּאַרעטע בלעטער־ביימער. די צווייגן, וואָס זיינען אַ גאַנצן טאָג אַראָפּגעהאַנגען פאַרחלשטע פון דער היץ, נעמען אומרואיק באַוועגן מיט זייערע בלעטער, שושקען אונדז אַריין אין אויער, אַז באַלד וועלן מיר קענען אַרויסק־יכן פון וואַלד. ביינאַכט זיינען די אַעראָפּלאַנען בלינד. אונדזער קליינע גרופּע גרייט זיך אין וועג.

פּלוצים דערהערן מיר שטילע געהיימע טריט, אין וועלדל באַוויזן זיך אַ סך מענטשן מיטאַמאָל. פון ערגעץ־וואו אין דער נאָענט האָט זיך אַ ריס געגעבן פון זיין אָרט אַ גאַנצער קאָלכאָז. פּויערים, פּויערטעס און יונגע שיקסעס לויפן אָן שום פּעקלעך אין די הענט. קיינער וויל זיך ניט פאַרזאַמען אויף איין רגע אונדז צו זאָגן וואָס עס איז געשען. בלויז איין מיידל מיט פולע ראָזלעכע באַקן און אַ בלאָנדן קאָפּ האָר, גיט צו אונדז האַסטיק אַ שעפּטשע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט די ביימער זאָלן עס ניט דערהערן:

— ניעמעץ איד׳יאָט! ניעמעצקאַיאַ ראַזוועדקאַ.

איך שפּרינג אויף און לאָז זיך לויפן. די זון וואָס גוססט און פלעמלט צווישן די צווייגן, טאַנצט מיר פון אומעטום אַנטקעגן, וויל מיך פאַר־שווינדלען, אַרומכאַפּן מיט איר פייער. אַרויסגעקראָכענע ביימער־וואָרצלען פּלאָנטערן זיך מיר אונטער די פיס. איך גליטש זיך אַראָפּ פון אַ בערגל, פאַל איבער אַן אונטערגעזעגטן בוים, שפּרינג אויף און יאָג ווייטער. אָבער איך קען ניט אַנטלויפן פון געדאַנק אַז די דייטשן האָבן באַוויזן דורכצוברייסן דעם פראָנט פון די רויטע אַרמייער אין וואַלד. די סאָלדאַטן אין די גרינע מונדירן, וואָס האָבן מיך געפירט שיסן, זיינען איצט אפשר אַלע שוין טויט. און דער יידישער קאָמאַנדיר אויפן פערד, דער וואָס האָט מיך געראַטעוועט, איז אויך טויט?...

מען לויפט פאַר מיר, מען לויפט הינטער מיר, ביז מיר קומען אַרויס אויף לאַנקעס וואָס זיינען פאַרוואַקסן מיט הויכע געוויקסן. איך זע ווי די קאָלכאָזניקעס נעמען זיך רעכטס, נעמען זיך לינקס, לויף איך אין זייערע פוס־טריט. איך ווייס אַז איך טאָר זיי ניט פאַרלירן פון אויג, זיי זיינען היגע און ווייסן דעם וועג. פאַראויס פון מיר לויפט די זקנה,

ווינט, שרייט עפּעס, נאָר איך יאָג זי אַריבער, גלייך זיך אויס מיט איר זון און וויל אויך אַריבעריאָגן זיין ווייב, וואָס שפּאַנט די ערשטע מיטן קינד אויף די הענט. איך דערהער דאָס געשריי פון דער זקנה:

— וואו לאָזט איר מיך איבער? קינדערלעך מיינע!

— איך וויל ניט מיין קינד זאָל בלייבן אַ יתום, — שרייט די יונגע פרוי און דרייט אַפילו ניט אויס דעם קאָפּ, ניט צו פאַרלירן אַ סעקונדע.

— זון מיינער, וואו לאָזסטו מיך איבער? — דעריאָגט מיך דער געיאָמער פון דער אַלטיטשקער, ווי אַ ווידערקול פון אַ מענטשן וואָס קלאָגט אויף אַ פּוסטן בית־עולם, — זון מיינער!

— זייט געזונט, מוטער. אויב אונדז איז באַשערט צו לעבן, וועלן מיר זיך נאָך טרעפן, — שרייט די יונגע פרוי צום ווינט וואָס בלאָזט איר אַנטקעגן.

איך בלייב שטיין אַ צוגעקאָוועטער, קען ניט באַוועגן מיט אַ האַנט, מיט אַ פוס. דער יונגערמאַן, וואָס לויפט הינטער זיין ווייב און פאַראויס פון זיין מאַמען, גלייכט זיך מיט מיר ווידער אויס. ער דערזעט אַז איך שטיי, שטעלט ער זיך אויך אָפּ, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ און קראַצט זיך מיט די נעגל דאָס פּנים:

— וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? — וואַרפט ער מיטן קאָפּ אויף איין זייט צו דער ווייב און אויף דער צווייטער זייט צו זיין מאַ־מען, — וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

— קום, זאָג איך דיר! — גיט זיך זיין ווייב אַ דריי אויס צו אים מיטן עופּעלע אויף אירע הענט, — מיין קינד האָט נאָך ניט געלעבט אויף דער וועלט, איך אויך ניט.

דער זון קוקט ניט מער אויף צוריק, צו דער מאַמען, נאָר גיט זיך אַ וואָרף דעריאָגן די ווייב. איך דערפיל ווי די אָדערן אין מיינע שלייפן ווערן אָנגעשוואָלן, פּלאַצן. איך טו אַ שפּרונג און כאַפּ אים אָן מיט בײדע הענט ביים גאָרגל:

— ווילסט לאָזן אָן אַלטע מאַמע אַליין? — וואָרג איך זיך מיט די ווערטער, ווי ער וואָלט מיך געהאַלטן מיט בײדע הענט ביים גאָרגל, ווי ער וואָלט מיך געשטיקט, ניט איך אים.

אַ רגע בלייבט ער שטיין און לאָזט זיך פון מיר טרייסלען. מיט־אַמאָל ווערן זיינע איבערגעקערטע אויגן אָנגעצונדן מיט כעס, ער רייסט זיך אַרויס פון מיר מיט כח און טוט מיר אַ שפּריץ אין פּנים אַריין מיט פאַרקריצטע ציין:

— און דו? וואו איז דיין משפּחה? ביסט אַנטלאָפן אָן זיי.

זיינע אויגן טוען בייז אַ גלאַנץ מיט געזעטיקטער נקמה פון מיין

צעטומלטקייט און ער שפּאַנט אַוועק פּאַראויס. איך גיב זיך אַ וואָרף הינטער אים און ווייס אַליין ניט, וויל איך אים בלויז אַריבעריאָגן, אָדער נאָכ־אַמאָל אַ כאַפּ טאָן ביים גאָרגל:

— אַנטלויפט, קינדערלעך, ראַטעוועט זיך, — דערהער איך דאָס קול פון דער זקנה.

איך דריי אויס דעם קאָפּ, גלייב ניט אַז דאָס שרייט די זעלבע וואָס האָט זיך פריער געבעטן מען זאָל זי ניט לאָזן אַליין. אָבער ס'איז זי, ס'איז זי, די אַלטע. זי איז שוין ווייט הינטער מיר, איז קלענער געוואָרן, איינגעשרומפּענער, נאָר איך זע נאָך ווי אירע ווייסע פּאַסמעס האָר פלאַטערן אַרום איר קאָפּ און איר קול קלינגט איבער די לאָנקעס:

— איך בין אַ טויטער שאַרבן, ס'איז אַ זינד פאַר גאָט וואָס איך וויל זיך מיט אייך גלייכן. אַנטלויפט גיכער, קינדערלעך מיינע. גיכער! גיי־י־י...

איר קול ווערט דערטרונקען אין די הויכע געוויקסן, אין דער אַרו־מיקער שטילקייט. אין מערב זינקט אַרונטער אַ גרויסע צעגליטע שקיעה, וואָס פאַרטיפט נאָך מער די שטילקייט אויף די פאַרנאַכטיקע שטרעקעס. אויף איין זייט זיינען שוין די פעלדער פאַרצויגן מיט שאָטנס, נאָר אויף דער אַנדערער זייט לויכטן נאָך די צעכוואַליעטע הויכע געוויקסן מיט אַ טונקל־רויטלעכן קאָליר, ווי זיי וואָלטן געוועז די פייערדיקע לאָקן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די לעצטע שטראַלן שניידן איבער איינס דאָס אַנדערע, צלמ'ען זיך ווי בלוטיקע העק, קרייצן זיך ווי דער האָקן־קרייץ. פון די אָנגעזאַמלטע פּורפּורנע וואָלקנס אויפן האָריזאָנט שווימט שטיל און סודותדיק אַרויס אַ גרויסער שוואַרצער אַעראָפּלאַן און נעמט אַרונ־טערזינקען מיט אַ פאַרטייעטן גערויש אויף די פאַרטונקלטע פליינען. אַ דעסאַנט.

איך לאָז זיך לויפן אויף דער סטעזשקע וואו עס זיינען אַוועק די קאָלכאָזניקעס, די מינסקער יידן און דאָס פּאָרל, נאָר איך זע ניט מער קיינעם, זיי האָבן זיך אומגעריכט פאַרקערעוועט צווישן די הויכע גע־וויקסן. עס באַשלאָגן מיך אַנגסטן: באַלד וועט מיך אַרומרינגלען דער דייטשישער דעסאַנט מיט מאַשין־ביקסן אין די הענט. איך דריי אויס דעם קאָפּ אַהינצו וואו עס איז פאַרבליבן די אַלטיטשקע. נאָר אויך די אַלטיטשקע זעט זיך ניט מער, ווי זי וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין גראָז, געוואָרן אַ שטיק וואָס זינקט אין מאָך. אויפן אָרט וואו זי איז געשטאַנען, שטייט אַן אַנדערע פאַרלאָזענע; דאָרט שטייט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל אויפן פּנים, אַ באַלוויכטענע אין לעצטן אָפּשיין פון די שטראַלן, פרומע ליבטשע...

איך מאַך צו די אויגן און עפן זיי גלייך ווידער אויף, גרייט צו באַ־

געגענען מיין גורל — און דערזע נאָענט פֿתּ זיך די מחנה. זיי לויפֿן מיט אָנגעבויגענע קעפּ און אַקסל, זיי זאָלן זיך ניט אַרויסזען פֿון די הויכע געוויקסן.

עס געדויערט ניט לאַנג און איך דעריאָג זיי. די קאָלכאָזניקעס, וואָס גייען די ערשטע, פֿירן אונדז אַרויס אויפֿן ברייטן אַספֿאַלט־שאָסיי, דאָרט וואו מיר האָבן בייטאָג מורא געהאַט צו גיין. איצט, אין דער צו־געפֿאַלענער טונקלקייט, וועלן די אַעראָפּלאַנען אונדז ניט קענען באַשיסן מיט קוילן־וואָרפֿער. דער שונא בושעוועט איצט באַהאַלטערנערהייט אין די וועלדער און מיר קענען גיין מיטן הויפּט־וועג.

# דער מאָסקווער שאָסיי

די מחנות לויפן היינט ווי צעריסענע כמאַרעס, אַ סך האָסטיקער און אין געדיכטערע מענגעס ווי נעכטן אויפדערנאַכט. מיינע וועג־חברים בייטן זיך כסדר. פון מיינע פריערדיקע מיטגייער, די מינסקער יידן, בין איך אָפּגעשטאַנען, עס יאָגט מיך אָן אַ נייע גרופּע, שפּאַנט אַ פּאָר מינוט גלייך מיט מיר — און יאָגט מיך אַריבער. דער טאָג וואָס איך בין געלעגן אין וואַלד, האָט מיר געגעבן צו פילן ווי מיד איך בין. מיינע גלידער זיינען אָנגעגאָסן מיט בליי, איך שלעפּ קוים די פיס און בלייב כסדר הינטערשטעליק.

בלויז איינער, אַ דאַר בחורל פון פּוילן, האַלט זיך לעבן מיר דעם גאַנצן וועג. עס שלאָגט פון אים אַ געשטאַנק, אַ פייכטע שימלעניש פון פאַרפוילטע בגדים און דער עיפּוש פון אַ זומפּ. דער שלעכטער ריח, וואָס טראָגט זיך פון אים, פאַרסמט אין מיינע נאָז־לעכער דעם פרישן גערוך פון די אַרומיקע רחבותדיקע פליינען. מיר איז ניט גוט ביז צום ברעכן, נאָר איך קען פון אים ניט אַנטקומען, ער גייט מיר נאָך טראָט אין טראָט, ווי ער וואָלט געוווען מיין שאָטן, און לאַכט מיט אַ בייז געלעכטערל:

— ניט קיין פּוטער און ניט קיין פליייש, ניט קיין בגד און ניט קיין דירה; זאַוואָדן דאַרף מען בויען, טאַנקן און אַעראָפּלאַנען, מען זאָל זיך קענען אַנטקעגן שטעלן דעם שונא. נאָר אַז עס איז געקומען צו אַ מלחמה, האָבן זיי ניט קיין טאַנקן, ניט קיין אַעראָפּלאַנען, און אַנטלויפן ווי די מייז.

זינט איך בין אויף דער אַלטער סאָוועטישער טעריטאָריע האָב איך נאָך קיינעם ניט געהערט ריידן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, כאָטש איך האָב די פאַרביטערונג, צוליב דעם וואָס די אַרמיי טרעט אָפּ, אַראָפּגעלייענט פון די פּנימער און דער־קענט עס אין שווייגן, אין זיפצן. מיר פאַלט איין, אַז דער פּוילישער פּרוּווט מיך אויס, ער טרעט ניט אָפּ פון מיר, כדי זיך צו דערוויסן וואָס איך טראַכט. זאָג איך אים, אַז מיר דאַרפן שפּאַנען גיך, דער דייטש איז אויף אונדזערע פּוסטריט.

— איך שטאַרב פֿאַר אַ שטיק סאַלע, — ענטפֿערט ער מיר. די דייטשן, זאָגט ער, ווילן אים געבן אַ שטיק חזיר־פֿלייש, וואָס ער האָט ניט געגעסן זינט ער איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין פּויליש שטעטל צו די סאָוועטן. און אַז ער וועט האָבן אויפֿגעגעסן אַ פֿאַרציע חזיר־פֿלייש, אַרט אים ניט אַז מען וועט אים דערנאָכדעם דערשיסן.

— איר זייט אַ ייד און די דייטשן ווילן אייך קיין חזיר־פֿלייש ניט געבן, אַ קויל אין קאָפּ ווילן זיי אייך געבן, — זאָג איך אַ פֿאַרסאָפּעטער און שפּאַן אַוועק פֿאָראויס. דעריאָגט ער מיך און עס גיט מיר ווידער אַ שלאָג אין פּנים אַ זאַלציקער השתנה־ריח:

— איר האָט מסתמא ביי די באָלשעוויקעס געהאַט גענוג צום עסן, אַנטלויפֿט איר. איך הונגער שוין צוויי יאָר צייט, שלאָף אין די פֿאַרלייזיקטע קליידער, עס שטינקט פֿון מיר, און איך ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס איך אַנטלויף. איך האָב געהערט זאָגן, אַז די יידן אין וואַרשעווער געטאָ האַנדלען און לעבן.

ער איז אַ משוגענער, ווער ווייס וואָס ער קען אָפּטאָן, טראַכט איך און מיש זיך צונויף צוזאַמען מיט אַ גרופּע, וואָס יאָגט מיך אָן פֿון הינטן. מיר שטויסן זיך צוזאַמען מיט נאָך אַ גרעסערער מחנה פֿאַר אונדז וואָס איז שטיין געבליבן אויפֿן שאָסיי און קען ניט גיין ווייטער. אינמיטן וועג שטייט אַ צעשמעטערטער לאַסט־אויטאָ און אַ הויכער ברייט־פּלייציקער רוס שרייט מיט ווילדע באַנומענע קולות.

— נאַזאַד! ניעמעץ ניע פּראָידיאָט!

די יעניקע, וואָס שטייען דאָ פֿון פֿריער, דערציילן אונדז, די ניי־צוגעקומענע, אַז דעם אָנטרייבער פֿון לאַסט־אויטאָ האָט געטראָפֿן אין מאַרך אַ שפּליטער, איז ער משוגע געוואָרן און לאָזט קיינעם ניט דורך. ער איז אינגאַנצן פֿאַרבלוטיקט און האַלט עפּעס אין די הענט, קען זיין אַז דאָס איז אַ שטיק דינאַמיט, אַ האַנט־גראַנאַט אָדער אַ באָמבע. אויב מען זאָל פּרוּוון דורכגיין, קען ער עס אַ שליידער טאָן. אַראָפּגיין ווידער פֿון שאָסיי האָט מען מורא, אין די וועלדער לויערן דייטשישע דעסאַנטן. וואָט טשאָרט!

— וואָס האַלטסטו דאָרט אין די הענט, זעמליאַק? — דערהערט זיך דאָס קול פֿון איינעם, וואָס וויל מיט זיין גוטברודערישן ריידן איינשטילן דעם געריריטן.

— מאָטאָר. איך האָב אַרויסגענומען פֿון מיין גרוזאָוויק דעם מאָטאָר און דער שונא וועט ניט קענען פֿאָרן, אויף מיין גרוזאָוויק וועט ער קיין מאָסקווע ניט קומען. ניעמעץ ניע פּראָידיאָט! — דערנעענטערט זיך צו אונדז דער הויכער ברייט־פּלייציקער יונג מיטן אויפֿגעהויבענעם מאָטאָר איןביידע הענט.

— אַ גאָטס רחמנות, מען וואָלט אים באַדאַרפט דערשיסן, — טוט אַ מורמל עמעצער ביי מיין זייט. די מחנה וואָס האָט זיך דערוואוסט אַז דער משוגענער האַלט ניט אין די הענט קיין דינאַמיט, שרעקט זיך ניט מער פאַר אים, און דער רוס, וואָס האָט אים פריער גוטברודעריש אויסגע־פרעגט, שרייט איצט ווי אַ קאָמאַנדיר אויפן שלאַכט־פעלד:

— רעביאַטאַ, וו׳ פעריאָד!

דער המון פאַרגעסט אויף אַ מינוט די סכנה, און מיט אַ געלעכטער, ווי מען וואָלט זיך געשפּאַרט אין אַ טעאַטער אָן בילעטן, גיט מען אַ שפּאַר פאָראויס פון אַלע זייטן. דער ריז ברומט, ריטשעט, פּרוּווט אומ־זיסט פאַרשטעלן דעם המון, און אַ צעטומלטער, ווי אַ וואַלד־חיה אַרומ־גערינגלט פון יאַגד־הינט, גיט ער זיך אַ וואָרף אויף מיר:

— טי קודאַ?

ער הייבט אויף דעם מאָטאָר אין בײדע הענט, גרייט אים אַראָפּצו־שליידערן מיטן גאַנצן כח אויף מיין שאַרבן.

איך טו אַ געשריי און לאָז זיך לויפן אויף צוריק. איך הער ווי ער לויפט מיר נאָך און דונערט: „סטאָי! סטאָי!״ מיינע אויגן זיינען פאַר־טונקלט, איך זע ניט דעם וועג, איך געדענק בלויז אַז מיינע פיס טאָרן ניט געליימט ווערן פון שרעק. אויף מיין פּלייצע נעמט זיך באַמבלען דער רוק־זאַק, אַ רימען האָט זיך אָפּגעריסן, גיב איך אינמיטן געלאָף אַ שטרעק־אויס די לינקע האַנט און שלידער אַרונטער פון זיך דעם צווייטן רימען אינאיינעם מיטן רוק־זאַק. אפשר וועט ער זיך אַ וואָרף טאָן כאַפּן דאָס פּעקל, אפשר וועט ער זיך אָנשטויסן אָן פּעקל און אומפאַלן. נאָר איך הער ווייטער ווי ער לויפט הינטער מיר, איך פיל שוין זיין פאַרסאָפּעטן אָטעם. איך צי אַריין דעם קאָפּ אין די אַקסל, דער זעץ מיטן מאָטאָר אין מיין פּאַטילניצע זאָל ניט זיין אַזוי מוראדיק... און שנייד זיך אַריין אין אַ נייער מחנה וואָס שפּאַנט אונדז אַנטקעגן. מיין געלאָף, זיין געשריי און די שווערע משא אין זיינע אויפגעהויבענע הענט, צעטומלט און צע־יאָגט די מאַסע, ווי אַ שטורעם־ווינט וואָס צעיאָגט אַ קופּע פאַרוויאַנעטע בלעטער. איך וויקל זיך צונויף מיט פרעמדע הענט און פיס, דריי זיך און פּלאָנטער זיך מיט זיי אינאיינעם, ביז איך פאַל אַריין אין אַ טיפן גראָבן, צי זיך אויס און גראָב זיך איין אין דער ערד.

איך הער איבער זיך אַ געשנאָרך און געקלעטער, אַ בלינדן גע־לאָף, אַ וואָיעניש, אַ געכאָרכל, אַ סך איילִיקע טריט, אַ טופּעניש פון שטיוול. די ערד איבער מיר און אונטער מיר הוידעט זיך, ווי איך וואָלט געשוואומען אונטערן וואַסער. איך הער נאָך אַלץ ווי דער משוגענער שרייט: „סטאָי! סטאָי!״ ער יאָגט זיך איצט נאָך עמעצן אַנדערש אַראָפּ דעם שאָסיי... ביז זיין געשריי ווערט פאַרהילכט און פאַרטויבט, דער

געווירבל פון די צענדליקער פוס־טריט דערווייטערט זיך, און די קולות גייען אויס. מיין האַרץ קלאַפּט, קלאַפּט, ווי עס וואָלט זועלן אַרויסשפּרינ־גען, צאַפּלט, וויינט און בעט זיך: לאָז מיך אויסגיין, צו וואָס דאָס מאַ־טערנ־ש, דאָס ראַנגלען זיך? ווּעסט סיי ווי סיי זיך ניט ראַטעווען.

פּאַמעלעך, פּאַמעלעך שטילט זיך איין מיין האַרץ־קלאַפּעניש, איך דערהער די פאַרהוילענע פאַרטייעטע שטילקייט פון די פּוסטע וועגן. דאָס שוויגעניש בויערט זיך אַריין אין מיין מאַרך, די פאַרטאָגיקע קעלט שטעכט מיך דורך מיט טויזנטער שפּיזלען, אין קאַרטשע זיך צוזאַמען, איך בין מיד, איך וויל איינשלאָפן. נאָר אין מיין אויסגעלאָשענעם מח צינדט זיך אָן אַ געדאַנק, ווי אַ פּייערל אין אַ דאַך־שטיבל פון אַן אויס־געלאָשענער געבײדע:

דער דייטש.

איך קריך אַרויס פון גראָבן און דערזע: עס איז שוין אינגאַנצן ליכטיק געוואָרן. דער שאָסיי איז ליידיק. צווישן מיר און דעם דייטש, וואָס דערנעענטערט זיך, איז אַ פּוסטער שטח, ניטאָ מער ווער עס זאָל מיך פאַרשטעלן. די שאָטנס אויף די אַרומיקע שטרעקעס זיינען פאַר־שוואונדן, די גאַנצע געגנט ליגט אין אויפגעגאַנגענעם פרימאָרגן אַ נאַ־קעטע. איך שפּאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד, ווי איינער וואָס קלעטערט אויף אַ שיפּוע און האָט מורא אַ קוק צו טאָן אין אָפּגרונט הינטער זיך און צום באַרג־שפּיץ איבער זיך, דער קאָפּ זאָל זיך אים ניט פאַרשווינדלען.

איך באַוועג קוים אָפּצוגיין עטלעכע מינוט און שטויס זיך אָן אויפן פּוילישן פּליט. ער שטייט אינמיטן וועג און האַלט אין די הענט מיין רוק־זאַק. אין דער אויפגעהעלטער גרוי־שטאָלענער ליכטיקייט דערזע איך, אַז לויט זיין אויסזען, דאַרף ער אַלט זיין אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק. ער איז קליינוואוקסיק, דאַר, ברודיק, דאָס פּנים באַדעקט מיט פּרישטשעס, און דער שלעכטער ריח פון פּוילעניש שלאָגט פון אים אין דער פאַר־טאָגיקער פרישקייט נאָך שטאַרקער.

— איך האָב פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין דיין פּעקל, — רופט ער אויס אַ דערפרייטער און שטרעקט מיר אויס דעם רוק־זאַק.

— האָסט געוואַרט אויף מיר? — קוק איך אים אָן; איך זע אַז ער באַנעמט ניט די סכנה, — וואַרף אַוועק דעם רוק־זאַק, וועלן מיר קענען גיין גיכער.

ער פאַרוואַרפט שוויגעוודיק מיין פּעקל אויף זיין פּלייצע און שפּאַנט־מיט ביי מיין זייט. עס געדויערט ניט לאַנג און ער נעמט אָפּשטיין. איך דריי אויס צו אים דעם קאָפּ איין מאָל, אַ צווייט מאָל — ער בלייבט אַלץ מער פון הינטן. שטעל איך זיך אָפּ וואַרטן, שרייט ער מיר נאָך:

— גיי, גיי, איך וועל דיך אָניאָגן.

איך דערפיל אַ מאָדנע רואיקייט און גלייכגילטיקייט, עס אַרט מיך מער גאָרניט. שפּאַן איך אַוועק און לאָז צו זיך אַליין: זאָל ער צו־נעמען דעם רוק־זאַק מיט די וועש, דער משוגענער. ער האָט מיר גע־זאָגט, אַז שוין צוויי יאָר ווי ער פוילט אין זיינע שמאַטעס. וויל ער איצט פאַרן טויט איבערבייטן וועש.

דער גאַנג ווערט מיר אַלץ שווערער, קוק איך אַראָפּ אויף מיינע פיס און דערזע אַז איך הינק. ווייזט אויס, אַז ווען איך בין אַריינגעשפּרונגען אין גראָבן, האָב איך זיך צעממיתט אַ פוס און פון שרעק ניט געפילט דעם ווייטיק, ניט באַמערקט אַז איך הינק. נו, איצט איז זיכער אַז איך וועל ניט באַוויזן צו אַנטלויפן.

אינמיטן וועג שטייט אַ סאָלדאַט אָן אַ שינעל, אָן אַ ביקס, מיט אַ צעשפּיליעטן פּאַס, מיט אַ צעשפּיליעטן מונדיר, שטייט ברייט צעשטעלט די פיס און איז משתין. ווען ער דערזעט מיך, גיט ער צו מיר אַ לאַך מיט זיין פריילעכער רויטער צורקע, טוט אַ צי די לופט מיט זיין קורץ פאַרריסן נעזל און גיט פריילעך אַ געשריי:

— ניעזאַשטאַ וואַיעוואַט.

אַ דעזערטיר, טו איך קאַלטבלוטיק אַ טראַכט און שפּרייז אַוועק ווייטער. ער איז זיכער אַז די סאָוועטסקע וולאַסט צעפאַלט זיך, און אַז עס וועט אים גאָרניט געשען. אים וועט ניט אַרן אַז ער וועט אַריינפאַלן צום דייטש. מיך אַרט שוין באַלד אויך ניט. נאַפּליעוואַט!

אויף דער לינקער זייט פון שאָסיי איז וואַלד און דיביימער־שפּיצן גליען אין דער זון. אויף דער רעכטער זייט ציען זיך שטרעקעס, אַרומ־געצאַמטע גרינס־גאָרטנס, פּאַרקאַנעס, דאָ און דאָרט אַ שטיבל, אַ הויכער דראַבינע־וואָגן אָן אַ פערד, אַן אָפענער שטאַל און סטויגן היי אויף אַ לאָנקע. קיין פויערים זעט מען ניט, קיין בהמות אויך ניט, אַפילו ניט קיין הונט. זיי זיינען זיך צעלאָפן, אָדער באַהאַלטן זיך אויס ביז דער דייטש וועט אַריינגייך.

פאַראויס פון מיר גייט מיטן שאָסיי אין אַ לאַנגן ווינטערדיקן מאַנטל אַן אַלטע פרוי. איך גלייך זיך אויס מיט איר — זי באַמערקט מיך ניט, ווי איך אָדער זי וואָלט געווען אַ שאָטן, אַן אויסדאַכטעניש. זי שוויגט אַ פאַרצאָגטע און איך שוויג אויך, פיל גאָרניט, טראַכט גאָרניט. זי איז אַלט און איך הינק, און מיר וועלן ביידע גלייך — ניט דערגייך.

פון איר אַנדערער זייט קומט אונטער דער קורנאָסער סאָלדאַטיק מיטן רויטן אָנגעטרונקענעם פּרצוף. ער מאַרשירט, זינגט פריילעך און פּאַכעט מיט די הענט:

— קודאַ באַבושקאַ? — שרייט ער דער זקנה אַריין אין אויער און

ווינקט צו מיר מיט אַן אייגל, — שטאָ, די שנור האָט פון שטוב אַרויסגעטריבן?

די אַלטיטשקע ענטפערט ניט, שפּאַנט אַ פּאַרוויטיקטע, אַ צונויפ־געהויקערטע, אַן אַרבל פאַררוקט אין אַן אַרבל, אַ פאַרשטאַרטע. איך טו אויף איר אַ קוק נאָכאַמאָל און אין מיין געליימטן מח טויכט עפּעס אויף. אַ באַהערשטער פון אַן אומהיימלעכן פּחד נעם איך אַנטלויפן. ס'איז זי, די זעלבע זקנה, וואָס איר זון מיט איר שנור האָבן זי נעכטן פאַרנאַכט איבערגעלאָזט אויף דער לאָנקע ביים וועלדל. זי גייט איצט זוכן אירע קינדער. איך דריי אויס עטלעכע מאָל דעם קאָפּ אַהינטער און זע ווי דער סאָלדאַטיק טרעט ניט אָפּ פון איר, טענהט עפּעס אייַן מיט איר, מאַכט מיט די הענט און לאַכט פריילעך. איך בין משוגע, טראַכט איך. דער רוס מיטן מאַטאָר און דער פוילישער פּליט האָבן מיך אָנגעשטעקט מיט זייער משוגעת. יענע אַלטיטשקע איז דאָך געבליבן הינטערשטעליק אין די ערשטע צען מינוט. ס'איז אַן אַנדער אַלטיטשקע וואָס וואוינט דאָ ערגעץ אין דער נאָענט, און דער פרעמדער רוסישער סאָלדאַט, דער שיכור, דער דעזערטיר, וויל זי ניט איבערלאָזן אַליין. איך דריי נאָכאַמאָל אויס דעם קאָפּ — ניטאָ מער די אַלטיטשקע און ניטאָ דער סאָלדאַט. אַן אויסדאַכטעניש.

— גיי, גיי, איך וועל דיך אָניאָגן, איך וועל דיין פּעקל ניט צונעמען, — דערזע איך דעם פוילישן איבערן שאָסיי, וואָס דרייט זיך באַרג־אַרויף באַרג־אַראָפּ. אָבער איך וויל וואַרטן ביז ער וועט צוקומען, איך וויל אים פרעגן, צי ער האָט ניט באַגעגנט אַן אַלטע פרוי מיט אַ סאָלדאַט.

הינטער דעם פוילישן פּאָרן אויפן שאָסיי מיליטער־לייט אויף מאָטאָ־ציקלען. זיי פּאָרן פּאַמעלעך איבער דער גאַנצער ברייט פון וועג, איין שורה הינטער דער אַנדערער, און זיצן אויף די מאָטאָציקלען — אויס־געגאָסענע פון שטיין. אויף זייערע העלמען, טיף אַראָפּגערוקט איבער די שטערנס, בלענדט און בליצט אין דער זון דער האַקנקרייץ, און זיי שמייכלען; קוקן ניט רעכטס, קוקן ניט לינקס, קוקן נאָר אויף מיר און שמייכלען ווי די געשפּענסטער: וועסט ניט אַנטלויפן.

דייטשן, זאָג איך צו זיך מיט אַ פאַרפראָרענער רואיקייט און אין דער זעלבער צייט בין איך אַליין פאַרוואונדערט פון מיין רואיקייט. איך גיי אַרונטער פון וועג און פאַרנעם זיך לינקס צום וואַלד, עטלעכע טריט פון שאָסיי. פון צווישן דיביימער מיט די אַראָפּגעהאָנגענע געדיכטע צווייגן רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ מיט אַ האַנט און ווינקט צו מיר איך זאָל צוקומען. איך לאָז זיך גיין צו אים און פיל אַז איך בין שוין אויך אויסגעגאָסן פון שטיין ווי די מאָטאָציקליסטן דאָרט אויפן וועג. דער מאַן, וואָס האָט מיך גערופן, שטייט מיט אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג אין דער

האַנט אַנשטאָט אַ שטעקן, און טראָגט אונטער דער מאַרינאַרקע אַ קאָסאָ־וואָראָטקע אַרויסגעלאָזט איבער די הויזן.

— ווער פאָרט עס דאָרטן אויפן שאָסיי? — פרעגט ער.

— דייטשן, — ענטפער איך.

ער בלייבט שטיין אַ פאַרשטומטער און קוקט מיך לאַנג אָן דער־שטוינט פון מיין רואיקייט. איך זע אַז ער גלייבט ניט אין דעם וואָס איך זאָג.

— אַ ייד? — פרעגט ער מיך אויף יידיש.

— אַ ייד.

— קום, — זאָגט ער קורץ און נעמט אַוועקקריכן אין דער טיף פון וואַלד. איך קריך אים נאָך און פון צייט צו צייט קוק איך זיך אום:

אויף אַ קורצן מהלך הינטער מיר שפרייזט דער פוילישער מיט מיין רוק־זאַק אויף דער פלייצע.

# וועג־חברים

פריער האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די אַלטיטשקע אין לאַנגן מאַנטל אויפן שאָסיי איז די זעלבע, וואָס איך האָב באַגעגנט נעכטן, די זקנה וואָס דער זון און איר שנור האָבן זי איבערגעלאָזט; איצט דאַכט זיך מיר, אַז אויך דער וואַלד איז דער זעלבער, וואו איך בין נעכטן אָפּ־געלעגן ביז צו בין השמשות. דער וואַלד, פאַנטאַזיר איך, האָט מיט מיר מיטגעוואַנדערט לענג אויס דעם שליאַך און איז דורך דער נאַכט עלטער געוואָרן, געדיכטער, פאַרוואָקסענער און פינצטערער. הונדערט־יאָריקע שטאַמען קריכן אין ענגשאַפט איינע איבער די אַנדערע, נאָדל־ביימער און בלעטער־ביימער מישן זיך אויס, פאַרפּלאָנטערן זיך מיט די צווייגן און קוקן זיך אָן פרעמד־פאַרבלאָנדזשעטע. אויך מיר, די דריי אַנט־לאָפענע, קוקן זיך אָן פרעמד, באַשמעקן זיך פאָרזיכטיק, ווי צונויפ־געקראָכענע חיות געיאָגטע פון יעגער.

דער ייד אין דער ווייסער קאָסאָוואָראָטקע האָט אַ גוטמוטיק פּנים, פולע אָפּגעגעסענע באַקן און וואָרעמע ברוינע אויגן. ער דערציילט מיר אַז ער איז פון באָברויסק, און אַז ער איז געווען אויף פּאַרטיי־אַרבעט אין דער באַפרייטער ליטע. ער באַטראַכט דעם קליין־וואוקסיקן איינגעדאַרטן פּוילישן, וואָס זעט אויס ווי אַ יינגל:

— פאַרוואָס שטינקט עפּעס פון דיר אַזוי? — פרעגט אים דער באָברויסקער, — דו גייסט ניט אין באָד? אין יעדער סאָוועטישער שטאָט אין דאָ אַ באַניע.

— פון איך, סאָוועטשיקעס, שטינקט, — טוט זיך דער פּוילישער אַ ריס־אָפּ.

דער באָברויסקער קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, פרעגט מיך אויף שטום־לשון מיט וועמען איך האָב אים דאָ צוזאַמענגעפּירט. איך לייג צו אַ פינגער צום שלייף, אים צו באַווייזן אַז דער פּוילישער איז אַ גערירטער, און ווינק אים ער זאָל דעם משוגענעם צו רו לאָזן.

— איר זייט זיכער, אַז יענע אויפֿן וועג זײַנען דײַטשן? — פֿרעגט מיך דער באַברויסקער, ווי ער וואָלט אויך מיך חושד געווען, אַז איך בין ניט ביים זינען.

— זיי שטעלן שוין אויס פּאָסטנס אויפֿן וועג, — ווייז איך אים דורך די ביימער אויפֿן שאָסיי, וואו עס דרייען זיך אַרום סילועטן.

— איך זע פֿיגורן, נאָר אַז דאָס זײַנען דײַטשן זע איך ניט, — זאָגט דער באַברויסקער. אָבער אַרויסקריכן פֿון אונדזער באַהעלטעניש אַ קוק טאָן, האָט ער מורא. אַ מינוט לאַנג זיצט ער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, דערנאָך נעמט ער אַרויס פֿון אונטער זײַן ווייסער בלוזע אַ פּעקל צונויפֿגעלייגטע פּאַפּירן, קוקט זיי דורך און צערײַסט זיי אויף קליינע שטיקלעך. בעת מעשה רונצלט זיך זײַן שטערן, ווערט אַזש אָנגעשוואָלן, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אײַנצוחזרן און צו געדענקען אַלץ וואָס אין די פּאַפּירן שטייט געשריבן.

— צערײַסט אויך אײַערע דאָקומענטן, — קרעכצט ער אַזוי טיף און שווער, ווי ער וואָלט געריסן די הויט פֿון אייגן לײַב, — אויב מיר וועלן אַרײַנפֿאַלן, טאָרן די דײַטשן ניט וויסן אַז מיר זײַנען ייִדן. איך בין אַ ווײַס־רוס און מיר קענען ניט איינע די אַנדערע.

איך נעם אַרויס דעם פּאַס און מיש אויף דאָס זײַטל וואו עס איז אַרײַנגעקלעפּט מײַן פֿאָטאָגראַפֿיע. איידער איך צערײַס עס וויל איך נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף מײַן בילדל. דער פּוילישער, וואָס שווײַגט די גאַנצע צײַט, אַ פּאַרזונקענער אין דער פֿוילעניש פֿון זײַנע שמאַטעס און אין דער פֿוילעניש פֿון דער אַרומיקער ווילדערניש, גיט פּלוצים אַ געשריי:

— צערײַס ניט דײַן פּאַספּאָרט.

איך לייג אַרײַן מײַן פּאַס צוריק אין בוזעם־טאַש. ער איז גערעכט, דער פּוילישער. אויב איך פֿאַל אַרײַן, וועל איך די דײַטשן סײַ ווי ניט קענען אָפּנאַרן, אַז איך בין ניט קיין ייִד; און אויב איך וועל זיך דורכרייסן, וועל איך ביי די סאָוועטן אָן אַ פּאַספּאָרט ניט זײַן זיכער קיין איין טאָג. דער באַברויסקער דרייט אין זײַנע גרויסע הענט אַ פּיר־קאַנטיק דין און שמאָל ביכעלע, קוקט אויף מיר מיט אַ צעמישטן בליק און פֿרעגט לסוף ביים פּוילישן:

— און דו האָסט אַ פּאַספּאָרט?

— יאָ ניע בלאַגאָנאַדיאָזשני עלעמענט, — קרימט דער פּוילישער איבער די שפּראַך פֿון דער סאָוועטישער נאַטשאַלסטוואָ, — מיר האָט מען ניט געגעבן קיין פּאַספּאָרט. נאָר איצט דאַרף איך עס ניט מער.

— דעם פּאַרטיי־בילעט וועל איך ניט צערײַסן, — מורמלט דער באַברויסקער צו זיך, ווי דער פּוילישער וואָלט מיט זײַן ענטפֿער, אַז

ער האָט ניט קיין פּאַספּאָרט, קלאָר געמאַכט פאַר אים, דעם קאָמוניסט, אַז עס לוינט אים בעסער איינצושטעלן דאָס לעבן, איידער בלייבן אָן זיין פּאַרטיי־בילעט. ער ציט אַרונטער דעם רעכטן שטיוול, לייגט דאָרט אַריין דאָס פּיר־קאַנטיק ביכעלע, ווי אַ קאָרעק אויף דער פּאָדעשווע, און בעת ער מאָטערט זיך אַרויפצוציען דעם שטיוול אויף די אָניטשעס אַרום פוס, רעדט ער צום פּוילישן.

— אויב מיר וועלן אַריינפאַלן, זאָלסטו ניט דערציילן וואָס מיר האָבן גערעדט און וואָס דו האָסט דאָ געזען. איך האָב ביי זיך אַ לאַנגן מעסער, און אַז דו וועסט זאָגן אַ וואָרט, וועל איך דיך דערשטעכן, — סטראַשעט ער דעם פּוילישן מיט אַ פאַרלאָרענעם שמייכל אויפן פּנים, וואָס זעט ניט אויס ווי דאָס פּנים פון אַ מעסער־שטעכער.

— איר האָט ניט קיין מעסער און איך האָב פאַר איך ניט קיין מורא, — ענטפערט אים דער פּוילישער, — מוסרים זייט איר, סאָוועט־טשיקעס, ניט איך.

דער באָברויסקער ענטפערט ניט, ער איז דערשלאָגן און וויל ניט אָנפאַנגען מיטן משוגענעם. ער ציט זיך אויס אויפן בויך, שפּאַרט זיך אָן אויף די עלנבויגנס און מורמלט צו מיר, אַז ווען עס וועט טונקל ווערן, וועלן מיר זיך פּרואוון דורכרייסן קיין באַריסאָוו. ס'איז זייער נאָענט פון דאַנען, און ביי באָריסאָוו וועלן אונדזערע, זאָגט ער, שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

ביז פאַרנאַכט וועט דער דייטש האָבן פאַרפלייצט די גאַנצע אַרומיקע געגנט, טראַכט איך, נאָר איך זאָג גאָרניט. דער געדאַנק אַז מען וועט מיך שיסן, שטעכט מיך אין קאָפּ מיט אַ טעמפּן ווייטיק, ווי אַלע מיינע אברים וואָלטן שוין געוועז אָפּגעשטאָרבן און בלויז אין שליף קלאַפּט נאָך איין אָדערל. איך קוק אויפן פּוילישן און ווייס אַליין ניט פאַרוואָס איך בין זיכער, אַז גראָד צוליב זיין ניט פאַרשטיין די געפאַר, וועט ער זיך ראַטעווען:

— איך בין פון ווילנע און האָב דאָרט אַ ווייב מיט אַ מאַמע, — זאָג איך צו אים און חזר עטלעכע מאָל איבער ווי איך הייס, — איז אויב מען וועט מיך שיסן, זאָלסטו געדענקען מיין נאָמען און אַז איך בין פון ווילנע.

— גוט, — ענטפערט ער.

מיר דערהערן אַ קנאַקעריי פון טרוקענע צווייגעלעך אונטער עמעצנס פוס־טריט. צוויי הענט נעמען פּאַנאַנדער די בלעטער איבער אונדזער באַהעלטעניש, און אַ הויכער יונג אין אַ בלויער רובאַשקע מיט אַ לאַנגן פאַרשפּיצטן קאָפּ אָן אַ היטל — שפּרינגט פון אונדז אָפּ, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וועלפישער נאָרע. אָן זיין פּחד דערקענען מיר

גלייך, אַז ער האָט אונדז ניט געזוכט, און אויך ער דערקענט לויט אונדזער אויסזען, אַז מיר באַהאַלטן זיך אויס. נעמט ער צו אונדז ריידן גיך און צעטומלט, אַז ער איז פון דער געגנט, אַ ווייס־רוס. איז ער געגאַנגען דורכן וואַלד און באַגעגנט צוויי מענטשן. זיינען זיי אים באַפאַלן, צוגענומען ביי אים זיין געלט, די מאַרינאַרקע און דאָס היטל.

— סוואָלאַטשי! ווען איך באַגעגן זיי, וואָלט איך זיך מיט זיי אָפּגערעכנט, — זאָגט דער באָברויסקער אַ דערפרייטער וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ היימישן און דערציילט דעם ווייס־רוס, אַז דער וועג איז פאַרנומען פון דייטשן.

— ניעמצי? — פרעגט איבער דער ווייס־רוס ניט צו שטאַרק איבערראַשט און ניט צו שטאַרק דערשראָקן, — ווען איך בין היינט פרי אַרויס פון באַריסאָוו, האָט עס דאָרט נאָך קיינער ניט געוואוסט.

דער באָברויסקער שפּרינגט אויף און גלייכט זיך אויס, קריגט אַ שטרענג געזיכט און שטייפע אַקסל:

— איך בין אַ פּאַרטיינער און אַ פּאָליטרוק אין דער אַרמיי. פיר אונדז, טאָוואַרישטש, אַרויס דורכן וואַלד קיין באַריסאָוו.

— איך וויל אויך ניט בלייבןביים דייטש, — לאָזט זיך דער ווייס־רוס שפּאַנען טיפער אין וואַלד. איך הייב זיך האַסטיק אויף פון גראָז, נאָך מיר דער פּוילישער מיט מיין פּעקל אויף זיין פּלייצע, און אינאיינעם מיטן באָברויסקער קריכן מיר נאָך אונדזער וועג־ווייזער, ביז מיר קומען אַרויס אויף אַן איינגעפּאַרענעם וועג אינמיטן וואַלד. מיטאַמאָל צעיאָגט זיך אונדזער וועג־ווייזער, ווערט אַ געווירבל פון הענט און פיס, און איידער מיר קומען צו זיך, איז ער שוין אָפּגעטיילט פון אונדז אויף אַ מהלך. ער גיט זיך צו אונדז אַ דריי־אויס, באַווייזט אונדז אַן אָדערדיקע פויסט, צעלאַכט זיך און פאַרשווינדט אין געדיכטעניש. דער באָברויסקער טוט אויף מיר אַ קוק מיט אַ פּאָר אויגן פון הוילע ווייסל, ווי זיינע שוואַרצאַפּל וואָלטן פון שרעק אויסגערונען.

— אַ שפּיאָן, אַ ווייס־רוס אַ שפּיאָן, — טרייסלען זיך מיינע ליפּן און שעפּטשען פון זיך אַליין: ויסרתיך למשפט ונקה לא אנקך. איך רוק אַריין מיין האַנט אין מאַנטל־קעשענע, דאָרט האָב איך מיין תנכל, דאָרט שטיי דער פּסוק... ניטאָ דאָס תנכל.

— וואָס זוכסטו? — פרעגט דער באָברויסקער.

— מיין תנכל זוך איך. איר ווייסט ניט וואָס אַ תנכל איז? איר זייט אַ ייד און ווייסט ניט וואָס אַ תנכל איז? — שריי איך אַ צעשויבערטער, אַ באַדעקטער מיט שוויס, און בעט זיך ביים פּוילישן, — אפשר האָסטו געזען מיין תנכל?

— איך בין ניט קיין פרומער גנב, — טוט יענער אַ פינקל מיט

זיינע צעגליטע אויגן, — ווען איך האָב איצט אַ שטיק חזיר־פליש, וואָלט איך עס אויפגעגעסן.

— אַ נאַגאַן וואָלט אונדז איצט מער צו נוץ געקומען, — זאָגט דער באָברויסקער טרויעריק, מיט אַ ציטער אין קול, — איך וואָלט אים, דעם שפּיאָן, אַוועקגעלייגט מיט דער ערשטער קויל.

— מיין תנכל האָט מיך געראַטעוועט פון טויט, אַ יידישער קאָמאַנדיר אויף אַ פערד האָט מיך צוליב דעם תנכל געראַטעוועט פון טויט, און איר ווייסט ניט וואָס אַ תנכל איז, — שריי איך צום באָברויסקער און זוך ווייטער אין מיינע קעשענעס. ניטאָ. איך האָב עס געמוזט פאַרלירן ווען איך בין היינט פאַרטאָג געשפּרונגען אין גראָבן, אָדער פריער אויפן אָרט וואו מיר זיינען געזעסן. איך וועל זיך אומקערן אַ קוק טאָן... גאָט מיינער, ער איז דאָ! ער ליגט אויפן זעלבן אָרט אין דער טיף פון מיין קעשענע.

— מיר טאָרן דאָ ניט בלייבן קיין איין רגע לענגער, — שריי איך אויס צו מיינע וועג־חברים, — דער שפּיאָן וועט אונדז אַהער ברענגען זיין חברה.

דער באָברויסקער לאָזט זיך אייליק אַוועק פאַראויס, איך גיי הינטער אים, און הינטער מיר דער פּוילישער. יאַדלעס שטייען אָפּגעגאָסענע מיט פינצטערניש. צווישן די נאָדל־ביימער גליווערן פאַרבלאָנדזשעטע דעמבעס מיט האָלץ־געשווירן אויף די סוקעוואַטע שטאַמען, וועלכן אינמיטן זומער מיט אַרונטערגעלאָזטע צווייגן, און זייערע טונקל־גרינע האַריקע בלעטער הענגען אַרונטער ווי פאַרחלשטע פינגער. אַ בוים מיט אַרויסגעריסענע וואָרצלען האָט אַ פאַל געטאָן, האָט אָבער ניט געהאַט וואו זיך אויסצו־ציען, און איז געבליבן אָנגעשפּאַרט מיט זיין קרוין אין די צווייגן פון אַן אַנדער בוים. אין וואַלד איז טונקל, קאַלט, טריב און פאַרגליווערט־שטום. איך הער ניט קיין געזאַנג פון פייגל, ניט דאָס קלאַפּן פון אַ פּיק־האָלץ, און אַפילו ניט דאָס זשומעניש פון פליגן. איך נעם נאָכרופן דעם באָברויסקער וואָס דערווייטערט זיך פון מיר אַלץ מער:

— וואַרט אויף מיר.

— איך קען אויף דיר ניט וואַרטן, דו הינקסט, — טוט ער זיך צו מיר אַ דריי־אויס מיט כעס, מיט ווידערווילן, און שפּאַנט אַוועק.

ער וויל מער מיט אונדז ביידן ניט גיין אינאיינעם. איך קוק זיך אום אַ הינטער — אויך דער פּוילישער איז ניטאָ. קריך איך ווייטער צווישן שטעכיקע קוסטעס, איבער הויכע קופּעס פון אָפּגעפאַלענע בלעטער און נאָדלען, אין טיפן פּאַפּאָראָטניק, ביז דער וואַלד ווערט שיטערער און איך דערזע פון וויטן דעם שאָסיי. די פאַרוואָקסענע טונקלעניש

בלאָזט אויף מיר פון הינטן מיט אַ טויטן אָטעם און טרייבט מיך אַלץ נעענטער צום שליאַך, וואָס איז פאַרגאָסן מיט האַלב־טאָגיקער ליכטיקייט.

ווען איך קום אַרויס אויפן שאָסיי, דערזע איך פאָראויס פון זיך אַ באַרגיקע געגנט, דעכער פון הויכע הייזער און פאַבריק־קוימענס. באָריסאָוו! און וואו זיינען די דייטשן?... ניין, מיר האָט זיך ניט אויס־געדאַכט. דאָס איז געווען אַ ראַזוועדקע, וואָס האָט אויסגעקוקט דעם וועג און זיך אומגעקערט.

פאָראויס פון מיר באַוועגן זיך פּאַמעלעך און מיד צוויי מענטשן. איך גלייך זיך מיט זיי אויס און דערזע אַז זיי זיינען יידן, אַ זקנה מיט אַ בחור. ער שלעפּט אויף דער פּלייצע אַ גרויסן פּאַק בעטגעוואַנט. אין דער רעכטער האַנט האַלט דער בחור אַ גרויסן בלעכענעם טשייניק און איך הער ווי דאָס וואַסער אינעווייניק פּליעסקעט זיך. איך דערפיל אַ טריקעניש אין מיין קעל, אַ וואַרגעניש, אַ באַרג מיט זאַמד ליגט אין מיין גאָרגל:

— יידן, אַ טרונק, — כריפּע איך אַרויס, — גיט מיר אַ טרונק.

דער בחור קען ניט אויפהייבן דעם קאָפּ פון אונטערן גרויסן פּאַק בעטגעוואַנט, וואָס איז נאָכאַמאָל אַזוי הויך ווי ער אַליין, קוקט ער מיך אָן פינצטער פון אונטער די ברעמען:

— איך אַליין טרינק אויך ניט. ס'איז נאָר פאַר דער מאַמען.

די פרוי שלעפּט קוים אירע פיס און גייט איינגעבויגן אין צווייען. אירע אַרונטערגעלאָזטע הענט גרייכן כמעט ביז דער ערד, ווי זי וואָלט מיט אירע פינגער אויסגעטאַפּט דעם וועג אויף וועלכן זיי גייען. זי שטעלט זיך אָפּ, קוקט מיך אָן מיט ווייטיק און רעדט מיט אַ געבראָכן קול צום זון:

— זשאַלעווע ניט קיין טרונק וואַסער. העלף אַ מענטשן אין אַ צרה.

איך טו אַ קוק אויפן טשייניק מיט פחד, ווי דאָרט וואָלט זיך געפּליעסקעט בלוט, ניט קיין וואַסער. הערסט! אַליין טרינקט ער ניט, ער האַלט עס נאָר פאַר דער מאַמען...

— וואַרפט אַוועק דעם פּאַק, — רוף איך אויס, — איך האָב געזען אויפן וועג אַ דייטשישע ראַזוועדקע. איך שווער אייך, אַז מיר האָט זיך ניט אויסגעדאַכט.

— וואו האָט איר געזען? — דרייט ער זיך אויס פּאַמעלעך מיטן פּאַק אויף די פּלייצעס און קוקט אויפן אָפּגעגאַנגענעם שלעפּעריק־שטילן וועג, וואו מען זעט ניט קיין איין לעבעדיקן נפש.

— מיין זון שלעפּט אויף זיך אונדזערע זאַכן אַזש פון מינסק, — צעוויינט זיך די אַלטיטשקע, — אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן און מיר זיינען שוין ביי באָריסאָוו, זאָלן מיר עס איצטער אַוועקוואַרפן?

— קיינער גייט ניט אויפן וועג, אייך האָט זיך געחלומט, — רעדט צו מיר דער בחור, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען אַז איך חלום, דווקא צוליב מיין שרייען צו אים, אַז מיר האָט זיך ניט אויסגעדאַכט, — איך זע אַז איר זייט פון די זאַפּאַדניקעס, ווייסט איר ניט וואָס עס הייסט, זיך אַרויס־לאָזן איבער רוסלאַנד אָן בעטגעוואַנט און אָן קליידער.

— גייט, יונגערמאַן, וואַרט ניט אויף אונדז, — זאָגט די אַלטיטשקע און בעט זיך ווידער ביים זון, — גיב אים אַ טרונק וואַסער.

אָבער איך וואַרט ניט מער אויף אַ טרונק וואַסער, איך שפּרייז אַוועק מיט אַ פאַרשטייפטן גוף אַזוי אימפּעטיק־גיך, אַז איך הער אַפילו אויף צו הינקען. איך קריך אַרויף אויפן באַרג וואָס פירט צו אַ פאַרשטאָט פון באָריסאָוו. דאָ און דאָרט ליגן אונטער ביימער אַרום קוילנוואַרפער קליינע הייפלעך רויט־אַרמייער, נאָר קיינער פון זיי קוקט זיך אויף מיר ניט אום.

איך קום אַריין אין אַ פאַרשטאָט מיט הילצערנע הייזלעך, הויקערדיק, קרום, אָפּגעלאָזן און וואַכעדיק. קליינע מיליטער־אָפּטיילונגען גייען אָן אַ סדר אין אַלע זייטן, טאַסקען אַ האַרמאַטל איבערן קרומען ברוק, קריכן נאָך איבערגעדעקטע פּויערישע וועגענער איינגעשפּאַנטע אין מידע פערד. די וועגענער טראַסקן, ראַדיאָ־הילכערס אויף די ראָגן שפּילן סאָלדאַטסקע מאַרשן, אין דער לופט וויקלט זיך אַ געדיכטער שטויב, און די קראַסנאָ־אַרמייצעס שלעפּן זיך אָן אָרדענונג, פאַרחושכטע און פאַרשמירטע. איך גיי אַ צעוואַקלטער, אַ פאַרנעפּלטער, שטופּ זיך צווישן די צעפּאַלענע ראָטעס, צווישן די פורן, און פון הינטן גייט מיר נאָך דער אָפּגע־גאַנגענער שליאַך, אַ זוניקער, אַ שטילער און געהיימער.

דאָרט אויפן שליאַך גייט דער בחור מיטן גרויסן צוגעבונדענעם פּאַק צו די פּלייצעס, טראָגט אַ בלעכענעם טשייניק און טרעט ניט אָפּ פון זיין געבויגענער מאַמען, פאַרגינט זיך אַפילו ניט קיין טרונק וואַסער. הינטער זייביידן, אויף יענער זייט פון וואַלד און מאָכיקער פּינצטערניש, קריכט איבערן שאָסיי אָן אַלטיטשקע, און אַ פרעמדער רוסישער סאָלדאַטיק, אַ דעזערטיר, טרעט ניט אָפּ פון איר. אויף יענער זייט פון דער נאַכט, אויף אַ פעלד הינטער מינסק, לויפט מיר נאָך אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט, איר איבערגעשראָקענער מאַן און זייער אַלטע איבערגעלאָזטע מאַמע. הינטער די דריי, הינטער נאָך אַ טאָג און נאָך אַ נאַכט, שטייט ביים דערפל רעקוין פרומע ליבטשע, שטייט און שמייכלט. און הינטער פרומע ליבטשען זיצט אין ווילנע אין איר שטיבל די מאַמע, אַ קליינינקע, אַ גרויאינקע, אַ טייבעלע. כאָטש איך דערווייטער זיך פון איר אַלץ מער און מער, ווערט זי ניט קלענער, ווי זי וואָלט געווען אַ שטערן.

איך דערהער ווי מען רופט מיך ביים נאָמען און אַ האַנט כאַפּט מיך אָן ביים אָרעם. ס'איז דער פּוילישער:

— נאַ, — דערלאַנגט ער מיר מיין רוק־זאַק, — און דו האָסט געמיינט, אַז איך וועל עס ביי דיר אַוועקגנבֿענען.

— פון וואַנען ווייסטו מיין נאָמען?

— האָסט דאָך געזאָגט. אַז אויב מען וועט דיך שיסן, זאָל איך פאַר־געדענקען דיין נאָמען, געדענק איך.

— איך האָב געזאָגט, אַז אויב מען וועט מיך שיסן, זאָלסטו גע־דענקען מיין נאָמען? — קוק איך אויף אים ווי ער וואָלט געווען אַ שליח פון אַן אַנדער וועלט און מיר דערציילט וואָס איך האָב געטאָן אין אַ פריערדיקן גילגול, — און צו וואָס האָסטו די גאַנצע צייט גע־שלעפּט מיין פּעקל, אויב דו גיסט עס מיר אָפּ צוריק? איך האָב געמיינט אַז דו ווילסט... איך וועל דיר געבן אַ פּאָר וועש.

— איך דאַרף ניט דיינע וועש און איך דאַרף ניט דיין תּנך, — צעגליען זיך ווידער זיינע אויגן מיט משוגענעם כעס, — איך וויל אַ שטיק חזיר־פלייש, איך וויל עסן. איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס איך בין אַנטלאָפן. מען זאָגט אַז די יידן אין וואַרשע האַנדלען און לעבן.

ער לאָזט שטיין דעם רוק־זאַק לעבן מיר און גייט אַוועק, וויגט מיטן קאָפּ פון איין זייט אויף דער צווייטער, פּלאָנטערט פאַרמאַטערט מיט די פיס, און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרע בחורל אין די צעפּאַלענע שמאַטעס גייט צוריק צו דעם שטילן זוניקן פּוסטן שליאַך, צוריק צום פאַרוואָקסע־נעם פינצטערן וואַלד אין דער מאָכיקער פּוילעניש.

# דער עשאַלאָן

אַ הילצערנער פוס גייט נאָך דעם עשאַלאָן. צו דער לאַנגער שורה פון שאָטנס וואָס טרעטן ניט אָפּ פון מיר, איז מיר נאָך איצט צוגעקומען אַ הילצערנער פוס.

אין באָריסאָוו אויפן וועג צום וואָקזאַל האָב איך דורך אַן אָפּענעם פענצטער דערזען אַ יידן מיט אַן אונטערגעשאָרענער שוואַרצער באָרד. איך בין אַריין, אַ פאַרשרפעטער פון היץ, אַ באַדעקטער מיט שטויב, און אים געבעטן אַ טרונק. האָט דער ייד מיר אָנגעוויזן אויפן פירהויז מיטן ערדענעם דיל. איך בין אַרויס אין פירהויז און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַ צעבער מיט אייז־קאַלטע וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַנק. פון וואַסער־שפּיגל האָט זיך מיר אַנטקעגן־געהוידעט אַ פרעמד, פאַרוואָקסן און ווילד געזיכט. איך האָב אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז דער שפּיגל איז צעקרישלט געוואָרן און דאָס אייז־קאַלטע וואַסער אין מיר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אייז, אין בליי. אַ טויט־מידער בין איך צוריק אַריין צום באַלעבאָס אים אָפּדאַנקען און אַ פּאָר מינוט אָפּרוען. דאָס שטיבל איז געווען כמעט אינגאַנצן נאַקעט, אָן מעבל. אויפן טיש, אָן אַ צעראַטענעם צודעק, איז געלעגן אַ ראָזעווער ברויט מיט אַ מעסער, און אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ בילד פון דער פּאָליט־ביוראָ ווי זי נעמט אויף אַ פּאַראַד אויפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע. איך האָב געבעטן דעם יידן ער זאָל מיר פאַרקויפן ברויט. האָט ער מיר אָפּגעשניטן אַ האַלבן ברויט און אַז איך האָב אים געוואָלט געבן דריי טשערוואָנצעס, דרייסיק רובל, האָט ער גענומען בלויז צען, אַזוי פיל וויפל דאָס ברויט קאָסט אים אַליין. ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר דערציילט, אַז ער האָט צוויי זין, שוין ביידע אויפן פראָנט. איך האָב געזאָגט, אַז דער דייטש איז הינטער באָריסאָוו, און אים געפרעגט פאַרוואָס ער אַנט־לויפט ניט. האָט ער פון הינטערן טיש, וואו ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, אַרויסגערוקט אַ הילצערנעם פוס און אַ קרעכץ געטאָן:

— ווי קען איך אַנטלויפֿן?

ער האָט אַרויסגעהונקען פֿון הינטערן טיש, איז אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ שטול און אַראָפּגענומען פֿון דער וואַנט דאָס בילד פֿון דער פּאָליט־ביוראָ, וואָס נעמט־אויף אַ פּאַראַד אויפֿן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע.

איצט גייט מיר נאָך דער הילצערנער פּוס פֿאַראויס פֿון דער לאַנגער שורה שאָטנס וואָס שלעפּן זיך הינטער מיר. איך הער אים אין גאַנג פֿון די רעדער, אין בראַזגעריי פֿון די בופֿערס, אין האָמעטנעם געקלאַנג פֿון די קייטן, וואָס בינדן צונויף די באַזונדערע וואַגאָנען; זיין אָפּגעמאָסטענער הילצערנער טראָט הילכט אַלעמען אַריבער און ער בלייבט אויף איין מינוט ניט הינטערשטעליק.

אַלע עשאַלאָנען מיט די פֿאַרמאַכטע וואַגאָנען זיינען שוין אַוועק אָנגעפּאַקטע מיט בעזשענצעס, און מיר, די נייע מחנות פֿון מינסק און באַריסאָוו, פֿון ווילנע און קאָוונע, מיר פֿאָרן אויף אָפֿענע פּלאַטפֿאָרמען אויף וועלכע מען פֿירט אין רואיקע צייטן שטיינער און ציגל, אייזן־ברוכוואַרג און קוילן. מיר ליגן אָנגעוואָלגערט איינע אויף די אַנדערע, הענט און פֿיס, קעפּ און אַקסל. די יעניקע וואָס האָבן גאַרניט באַוויזן מיטצונעמען, שטופּן זיך אַריין וואו נאָר ס׳איז דאָ אַ פֿריי ווינקל, אָבער די, וואָס זיינען באַלאָדן מיט געפּעק, מוזן מיט ציין און נעגל זיך ראַנגלען צוליב אַן אָרט פֿאַר זייערע אָנגעשטאָפּטע זעק. די קריגעריי ברעכט אויס איטלעך מאָל ווען דער עשאַלאָן שטעלט זיך אָפּ. די שלעכט־איינגעזעסענע ווילן איבער־בייטן זייערע ענגע זיץ־פּלעצער. אויגן צעפּלאָקערן זיך, פּנימער פֿאַר־קרימען זיך, מיילער פֿאַרלויפֿן מיט שוים און הענט ביילן זיך אין קו־לאַקעס. ביז דער לאָקאָמאָטיוו צעפּייפֿט זיך, די באַן נעמט גיין, און די בעזשענצעס, איינגעשטילטע, פֿאַרשטומטע און געהויקערטע, נעמען זיך מיט־שאָקלען צום טיק־טאַק פֿון דער באַן.

איך ליג צווישן דער מחנה אויפֿן ברעטערנעם דיל, מיין רוק־זאַק צוקאָפּנס, און קוק אויף אַ גרופּע מענטשן, וואָס ליגן אויף אונדזער פּלאַטפֿאָרמע צונויפֿגעקנוילט אינאיינעם. דאָס זיינען די „זאַקלוטשאָניע", בערדיקע לאַגערניקעס, פֿאַרסמאָליעטע פֿון דער זון, מיט פֿאַרגרעבטע פֿאַרפֿראָצעוועטע הענט, אָנגעטאָן אינמיטן זומער אין פֿופֿייקעס, אין וואַטענע הויזן, איך ווינטערדיקע היטלען מיט אויערלעך, און מיט ברודיקע טאָרבעס ביי די זייטן. זיי זיצן הכנעהדיק, געשפּאָנט און צע־טומלט, ריידן ניט צווישן זיך און האַלטן אַפֿילו איין זייער אָטעם. זיי האָבן מורא מען זאָל זיי ניט חושד זיין, אַז זיי פֿרייען זיך מיטן בראָך פֿון דער מלחמה. די סאָוועטישע אַרמיי און זייערע וועכטער האָבן געמוזט אָפּטרעטן פֿון דאָרט וואו עס זיינען געווען זייערע לאַגערן, האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט זיי זאָלן גיין אַהיים. זיי זעען אויס ווי חיות וואָס

זיינען אַנטלאָפן פון אַ ברענענדיקן וואַלד אינאיינעם מיט זייערע שונאים, די יעגער, און אינאיינעם מיט די איינוואוינער פון די אַרומיקע דאָר־פישע כאַטעס. אַלע וואַנדערן איצט צוזאַמען געטריבן פון רויך און פלאַקער.

אויף דער פּלאַטפאָרמע דרייט זיך אום אַ פריילעך קוויטשיק מענטשל אין הויכע שטיוול און אין אַ פאַרפעטסט רעקל, אַ זאַוואָד־אַרבעטער. ער זיצט ניט אין אויף איין אָרט, קריכט אַרום פון איינעם צום צווייטן און וויל געפינען חן אין די אויגן פון די בעזשענצעס, וואָס האָבן מיטגענומען עסנוואַרג. די בעזשענצעס פאַרשטייען פאַרוואָס ער חנפ'עט זיי, קייען זיי רואיק זייער ברויט מיט האַרטן קעז, מיט ציבעלע, און ענטפערן אים ניט. רוקט ער זיך צו צו מיר און פרעגט מיך צי איך האָב וואָס צו עסן. אַ זאַפּאַדניק, זאָגט ער, האָט זיכער אַ פולע טאָרבע מיט אַפּעטיטנע זאַכן.

איך דערמאָן זיך אַז אין מיין רוק־זאַק האָב איך אַ גרויסן פאַפּירענעם זעקל מיט מעל־צוקער. פרומע ליבטשע האָט עס דאָרט אַריינגעלייגט. נעם איך עס אַרויס און שטעל עס אַוועק לעבן זאַוואָד־אַרבעטער. ער קריגט אַנגעצונדענע אויגן, שטעקט אַריין אַ פינגער אין זעקל און טוט פאַר־זיכטיק אַ לעק דעם פינגער:

— יעי באָגו, סאַכאַרני פעסאָק! — רופט ער אויס און וואַרפט אַריין אין מויל אַ גאַנצן הויפן, רייבט עס מיט זיינע קינבאַקן וואָס ציטערן און קראַמפן, ווי ער וואָלט מיט די ציין געריבן שטיינדלעך.

איינער פון די לאַגערניקעס, אַ יונג מיט געדיכט־געקרייזלטע בלאָנדע האָר און אַ תמעוואַט פנים, ציט אויס זיין האַנט און טוט אַ נעם אַ הויפן מעל־צוקער. דער זאַוואָד־אַרבעטער כאַפּט אים אָן ביי דער לאַפּע:

— וואו קריכסטו! פאַרוואָס האָט מען דיך איינגעזעצט?

— פאַרלאָרן דעם פּאַספּאָרט, — שמייכלט יענער און וויזט אַ מויל מיט שיטערע ציין.

— ווריאָש קאַק סאָבאַקאַ, — לאָזט דער אַרבעטער דעם לאַגערניק אַוועקנעמען דעם הויפן מעל־צוקער, און רעדט צו מיר פאַרטרוילעך־שטיל, די אַרומיקע זאָלן ניט דערהערן, — פאַנימאַיעש? ביי אונדז פאַר פאַרלירן אַ פּאַספּאָרט קריגט מען אַ פינף יערעלעך, נאָר אָט דעם ניעגאָדיאַי האָט מען איינגעזעצט פאַר שנאָרעריי, דו זעסט דאָך אַז ער איז אַ שנאָרער, און ביי אונדז אין סאָוועטסקי סאָיוז איז שנאָרעריי פאַרבאָטן. יעדער קען אַרבעטן און פאַרדינען, — באַווייזט זיך אַ בייזער בלינצל אין זיינע אויגן.

ער נעמט נאָך אַ הויפן מעל־צוקער, וואַרפט אַריין אַ העלפט אין מויל,

און דאָס וואָס בלייבט איבער אויף זיין דלאָניע, דערלאַנגט ער אַ צווייטן לאַגערניק מיט אַ געשטופּלט פּנים:

— און פאַרוואָס ביסטו געזעסן?

— פּראָגול, — ענטפערט יענער.

— זנאַטשיט, כאַלאַטנאַיע אָטנאָשעניע. גוט האָט געטאָן אונדזער פּראַוויטעלסטווע וואָס האָט דיך איינגעזעצט, — קוועלט אָן מיין שכן און גיט מיר צו פאַרשטיין מיט קאָמעדיאַנטישן ערנסט, — פּאָנימאַיעש? ביי אונדז אין סאָוועטסקי סאָיוז זיינען ניטאָ קיין בורזשויען וואָס עקס־פּלאָאַטירן דעם ראַבאָטשי נאַראָד, ביי אונדז איז דער ראַבאָטשי נאַראָד דער באַלעבאָס פון די זאַוואָדן, און אַז דו ביסט אַ טאָג ניט געקומען צו דער אַרבעט, טאָ גיי אַרבעט אָפּ אין לאַגער, ק׳ טשאָרטאָוואָי מאַטיערי!

איך זע אַז עס ברענט אין אים, ער זידלט זיך אַ דערצאָרנטער פּאַ מאַטושקע און איז אין דער זעלבער צייט אַנטציקט פון זיין איינפאַל צו באַריידן דעם סאָוועטישן סיסטעם אויף אַזאַ קונציקן אופן, עס זאָל אויסקומען אַז ער לויבט אים. ער גיט ווידער אַ גראַב אַריין זיינע פינגער אין זעקל און פרעגט ביי אַ דריטן לאַגערניק פאַרוואָס ער איז געזעסן. אָבער יענער האָט ניט קיין חשק צו זיסוואָרג און אויך ניט צו ריידן.

— פּאָנימאַיעש? — כיכיקעט צו מיר מיין שכן, — ביי אונדז אין די מאַגאַזינען קענסטו קריגן צו קויפן אַלץ וואָס דיין האַרץ געלוסט אויף פּראַוויטעלסטווענע פּרייזן. און אָט דער ספּעקולאַנט האָט געהאַנדלט אויפן באַזאַר, פאַרקויפט ברויט פאַר מאַכאָרקע. עס קען אויך זיין, אַז ער האָט זיך אָנגעטרונקען, דער פּיאַניצע, און גערעדט קעגן דעם סאָוועטסקי סאָיוז, דער כוליגאַן. ער האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין שטיוול, קיין ספּעצאָווקע, און אַז עס קראַמפּט אים אין די קישקעס פון הונגער. דער ליגנער! ביי אונדז האָבן אַלע שטיוול, אַלע האָבן גוטע דירות, אַלע האָבן זאַט צום עסן, און אַז דו ווילסט גיין אין טעאַטער, קענסטו גיין — סקאָלקאָ אוגאָדנאָ.

— אָבער איצט האָט מען זיי באַפרייט, — זאָג איך, אַבי עפּעס צו זאָגן.

— ניע באָיסיאָ, — לאַכט ער נאָך גאַליקער און גיפטיקער, — זיי וועלן ווייט ניט אַוועקגיין. ווען זיי וועלן אָנקומען אין זייערע היימען, וויים די דאָרטיקע ענקאַוועדע וויפל זיי האָבן נאָך אָפּצוזיצן, די בראָדיאַגעס, און אויב זייערע דיעלעס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, וועט מען זיי געבן דאָפּלט. ניע באָיסיאָ! די פּאָליטישע, די וראַגי נאַראָדאָ, די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן האָט מען ניט באַפרייט. אויב מען האָט זיי ניט געקענט מיטשלעפּן, האָט מען זיי זיכער אויסגעשאָסן. ק׳ טשאָרטו ס׳ נימי! —

שפּייט ער אויס דעם זיסן נאָך־טעם פון צוקער וואָס איז אים געבליבן אין מויל.

די בעזשענצעס ליגן אָוועקגעוואָלגערט אויפן געפּעק, צונויפגעפּלאָנטערט אינאיינעם — און דאָך פרעמד איינער צום אַנדערן. אַ טייל עסן, די קעפּ פאַרגראָבן אין די קערבלעך, וואו זיי האַלטן זייער שפּייז. זיי שלינגען מער ווי זיי קייען, גלייך עס וואָלט זיי געוואָרגן דער ביסן וויל לעבן זיי זיצן הונגעריקע. אַנדערע שטערן זיך לחלוטין ניט, גריזשען זייערע סוכאַרעס מיט קענטיקן פאַרגעניגן, פּאַסמאַקעווען זיך און פאַרטרינקען מיט קאַלט וואַסער. די בעזשענצעס וואָס האָבן ניט צום עסן, זיצן מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן צום דיל, אָדער פאַרקוקן זיך אין הימל, כדי ניט צו צערייצן דעם אַפּעטיט און די שכנים זאָלן ניט מיינען, אַז זיי, די הונגעריקע, וואַרטן מען זאָל זיי מכבד זיין.

דער זאַוואָד־אַרבעטער לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פון אַ יונגער פרוי מיט אַ פאַררייכערט פּנים, ווי זי וואָלט ערשט אַרויסגעשפּרונגען פון פייער. אירע צווילי קינדער לעבן איר עסן ברויט מיט הערינג, ברויט מיט קאָלבאַס. זי אַליין עסט ניט און נעמט ניט אָוועק איר פאַרגליווערטן בליק פון אַ גלעזערנער קאַראַפינקע מיט וואַסער, וואָס שטייט לעבן איר. די קינדער צעקריגן זיך, רייסן איינע ביי די אַנדערע דאָס עסנוואַרג, כאַפּט זי זיך אויף פון איר גליווער און נעמט זיי שלאָגן איבער די הענט:

— אַ קאָמאַנדירשע, — לאַכט צו מיר שטיל מיין שכן און רופט צו דער פרוי הויך אויפן קול, — גיב מיר ברויט מיט הערינג, וועסטו ביי מיר קריגן זאַפּאַדני סאַכאַר צו טרינקען קיפּיאַטאָק.

— ס'איז דען דיינע, פּאַדליעץ, — גיט זי אים אַ וואָרף־צו מיט עקל, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון איר שויס אַ שרץ, וואָס איז דאָרט אַרויפגעקראָכן, און ווענדט זיך צו מיר מיט אַ פינצטערן גלאַנץ אין די אויגן, — פאַרוואָס לאָזט איר אים, דעם נאַכאַל, אויפעסן אייער גאַנצן צוקער?

— איך האָב ניט ליב קיין מעל־צוקער, אין אָרשע וועל איך קויפן האַרטן צוקער, — ענטפער איך אַ צעטומלטער פון איר שאַרפן בליק.

זי טוט אויף מיר אַ קוק מיט אַ דערשטוינטן שמייכל אין די פלוצים־אויפגעהעלטע אויגן, לאָזט גלייך צוריק אַרונטער דעם קאָפּ און איר פאַרגליווערטער בליק שטעלט זיך ווידער אָפּ אויף דער גלעזערנער קאַראַפינקע, ווי זי וואָלט אין וואַסער, וואָס הוידעט זיך אין דער קאַראַפינקע, געזעגן זיך הוידען דעם וואָגשאָל פון איר גורל. אויך די אַנדערע אויף דער פּלאַטפאָרמע טוען אויף מיר אַ קוק, קאַלט, מיט ביטול און אַפילו מיט פיינטשאַפט, ווי פון אַ נאַר אין אַ צייט ווען מען האָט ניט

קיין געמיט צו שפּאַסן. דער זאַוואָד־אַרבעטער צעשרייט זיך צו דער קאָמאַנדירשע מיט כלומרשטן כעס:

— זעסטו, דער מענטש, כאָטש אַ זאַפּאַדניק, איז אַ גוטער טאָוואַ־רישטש און גלייבט אין דער סאָוועטן־מאַכט. ער ווייס אַז ווי נאָר מיר קומען קיין אָרשע, קריגט ער אין בופעט פון וואָקזאַל וויפל צוקער ער וויל.

אין זיין קוויטשיקן געשריי און אין זיינע אָפּלאַכערישע אויגן דערזע איך זיין שמחה, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן מיך אַרויסצושטעלן צו חוזק, און נאָך מער פאַרדריסט מיך, וואָס איך אַליין האָב זיך אַרויס־געשטעלט צום נאַר:

— נעמט אַוועק דאָס איבעריקע און רוקט זיך אָפּ פון מיר, — באַווייז איך דעם אַרבעטער אויפן פּאַפּירענעם זעקל, — יאַ וואַס פּאַנימאַיו!

— שטאָ טי פּאָנימאַיעש? — טוט ער אַ שפּרונג־אויף מער דערשראָקן ווי בייז, — טי זאַפּאַדני שפּיאָן! באַווייז אָקאָרשט וואָס דו האָסט דאָרט אין דיין רוק־זאַק.

— דערלאַנגט אים אין דער מאָרדע, דעם פּאָדליעץ, — צעשרייט זיך ווילד־היסטעריש די קאָמאַנדירשע, און אויך די אַנדערע בעזשענצעס גיבן זיך אַ וואָרף אויף אים:

— האָסט אויפגעגעסן זיין צוקער און איצט כאַמעוועסטו? מיר האָבן ווער עס זאָל אונדז אויסהיטן פון שפּיאָנען. ניט דיין עסק, באַלטון.

— יאַ, ניטשעוואָ, יאַ שוטיל, — צעלאַכט ער זיך מיט אַ ווייך חניפה־געלעכטערל און קאָרטשעט זיך צונויף, בלייבט ליגן אָן לשון.

איך לייג אַריין דאָס פּאַפּירענע זעקל מיטן איבערגעבליבענעם מעל־צוקער אין רוק־זאַק, לייג אונטער דעם רוק־זאַק צוקאָפּנס, און נעם זיך מיטוויגן מיט דער גאַנצער פּלאַטפאָרמע בעזשענצעס, וואָס שאָקלען זיך שוין ווידער פאַרזונקען אין כמאַרנעם שטילשווייגן. דער לאָקאָמאָטיוו צערעוועט זיך פּלוצים, די רעדער טוען אַ פּאָר אויף צוריק, די קייטן צווישן די וואַגאָנען צעקלינגען זיך — און די באַן שטעלט זיך אָפּ.

אויף דער רעכטער זייט פון די רעלסן איז וואַלד, אויף דער לינקער זייט איז אַ סטאַנציע, אַ געוועלבל אין אַ הילצערנער בודע, אַ וואַסער־קראַן און עטלעכע ניט דערבויטע הייזלעך. פון אַלע פּלאַטפאָרמען הינטער מיר און פאָראויס פון מיר שפּרינגט מען אַרונטער אויף דער סטאַנציע מיט רעשיקער פרייד. איך וויל טרינקען, עסן, כאַפּ איך אין דער האַנט מיין רוק־זאַק און וויל אַרונטערקריכן איבער די רעדער. די קאָמאַנדירשע פאַרהאַלט מיך:

— מאַלאַדאַי טשעלאָוויעק, ברענגט וואַסער, וועט איר אויך טרינקען,

— דערלאַנגט זי מיר אַ בלעכענעם טשייניק און פאַרזיכערט מיך, אַז זי וועט אָפּהיטן מיין פּעקל, איך דאַרף עס ניט מיטשלעפּן.

איך לאָז זיך לויפן צום וואַסער־קראַן. ווען איך קום אַהין, איז שוין אַ לאַנגע ריי פאַר מיר און אין איין סעקונדע ווערט זי דאָפּלט לאַנג הינטער מיר. דאָס וואַסער גייט האַסטיק אין אַ געדיכטן שטראָם און די ריי רוקט זיך גיך. אַ טייל שעפּן מיט קענדלעך, אַנדערע מיט טעפּ. איינער טרינקט מיט די הויפּנס, אַ צווייטער נעמט־אָן אין היטל, אַ דריטער רוקט אַריין דעם אייזערנעם קראַן צווישן זיינע פליישיקע ליפּן, און אַ פערטער שטעלט אונטער אַ גרויסן עמער. ער שרייט אַז ער האָט צו באַזאָרגן אַ גאַנצן וואַגאָן. „סנאַבדיטעל", לאַכט מען פון אים און מער ווי אַ האַלבן עמער לאָזט מען אים ניט אָנצאַפּן. איך באַוויז אָנצוגיסן אַ פולן טשייניק און טו זיך אַ יאָג צו דער בודע, וואָס איז באַלאַגערט מיט מענטשן:

— שטאָ דאַיוט? — פרעג איך ביי איינעם, וואָס שטופּט זיך פאַראויס מיט אַלע כוחות.

— ניע זנאַיו, — ענטפערט ער און אַרבעט ווייטער מיט די עלנ־בויגנס צוצוקומען נעענטער.

— מער איז גאָר ניטאָ, — הערט מען געשרייען פון די יעניקע, וואָס שטייען ביי דער טיר פון געוועלב, און די מאַסע צעפאַלט זיך אין איין כהרף־עין. די בריהס וואָס האָבן באַוויזן זיך אַריינצוקריגן אינע־ווייניק און אויסקויפן די סחורה, קומען אַרויס צוריק מיט פולע הויפּנס קעסטלעך שוועבעלעך:

— קיין מאַכאָרקע איז ניטאָ, — זאָגן די.

אייניקע טראָגן אין די הענט שמאָלע קיילעכדיקע פּעקלעך איינגעוויקלט אין בלויען פּאַפּיר. איך דערזע אַרויסקומען פון געוועלב דעם זאַוואָד־אַרבעטער, מיין שכן, מיט אַזאַ פּעקל ווי די אַנדערע. ער ווינקט צו מיר גוטברודעריש, ווי צווישן אונדז וואָלט גאָר קיין קריג ניט געווען, ברעכט אָפּ אַ העלפט פון זיין פּעקל און דערלאַנגט עס מיר:

— פאַרזוך, ניע מעדליענאַ, פאַרזוך.

דאָס וואָס ער דערלאַנגט מיר, זעט אויס ווי אַלט־געבאַקן שוואַרצער לעקעך. אפשר איז עס אַזאַ מין רוסישער פּראַניק, קלער איך. איך בין הונגעריק און דער זאַוואָד־אַרבעטער קוקט אויף מיר אַרויסרופעריש, גרייט צו באַליידיקן זיך אויף טויט, אויב איך וועל ניט אָננעמען זיין געשאַנק און ניט עסן דעם מאכל וואָס אַלע סאָוועטישע מענטשן עסן. בייס איך איין, פאַרקרים זיך און שפּיי אויס:

— ציקאָריע.

— דאָס איז געווען און דאָס האָב איך אויסגעכאַפּט. דו האָסט מיר

פריער געגעבן ואפּאַדנעם מעל־צוקער, גיב איך דיר איצטער סאָוועטסקע ציקאָריע. ניטשעוואָ! האָסט אין דיין לעבן געגעסן גענוג זיסוואַרג. או נאָס ווסיאָ יעסט! — מישט ער איבער דעם סאָוועטישן נוסח מיט אָפּענער שנאה, — וועסט ניט עסן די ציקאָריע?

— ניין.

— טאָ גיב אָפּ, — שלעפּט ער עס אַרויס פון מיין האַנט.

דער לאָקאָמאָטיוו פּייפט, און איך לויף צוריק צו אונדזער פּלאַט־פאָרמע מיט אַ פולן טשייניק וואַסער, אָבער מיט אַ ליידיקן מאָגן וואָס קראַמפּט און קאָרטשעט זיך פון הונגער.

# אַרעסטאַנטן

דער עשאַלאָן פֿאָרט אַריין אין אַ מיליטערישער זאָנע, וואו די עוואַקואירטע איז פֿאַרבאָטן אַראָפּצוגיין פֿון די פּלאַטפֿאָרמען. פֿון בײדע זײַטן ציען זיך שטחים אַרומגעצוימטע מיט שטעכל־דראָט. הינטער די פֿאַרצוימונגען געפֿינען זיך געווער־סקלאַדן, געביידעס, לייוונטענע פּאַלאַט־קעס, און עס דרייען זיך אַרום אַ סך רויט־אַרמייער. לענג אויס די באַן־רעלסן שטייען וואַך־פּאָסטנס, היטן די פּולווער־מאַגאַזינען. איין זעלנער שטייט אויסגעגלייכט, מיט אַ פֿאַרריסענעם קעפּ, מיט צונויפֿגערוקטע שטיוול, און מיט דער קאָלבע פֿון ביקס האַרט ביי דער פּיאַטע, ווי ער וואָלט געשטאַנען אויף „אַ סמאָטר". אַ צווייטער סאָלדאַט שיקט נאָך דעם עשאַלאָן אַ שמייכל, ווינקט פֿאַרשייט צו אַ מיידל אין אַ פּויעריש טיכל, און אַ דריטער קוקט נאָך מיט קנאה די ציווילע בירגער וואָס דערווייטערן זיך אַלץ מער פֿון פֿראָנט:

— נאַשאַ דאָבלעסטנאַיאַ קראַסנאַיאַ אַרמיאַ! — טוט עמעצער אויף אונדזער פּלאַטפֿאָרמע אַ זאָג מיט שטאָלץ און ליבשאַפֿט. אַ צווייטער זיפֿצט אָפּ און אַ דריטער קריגט אַן אויפֿגעשיינט פּנים. מיינע שכנים קוקן אויפֿן מיליטערישן לאַגער יום־טובדיק ווי ביי אַ פּאַראַד און טרויעריק ווי ביי אַ געזעגעניש. דער אָנבליק פֿון די פֿראָנטאָוויקעס טרייסט די וואַנדערער, אַז די רויטע אַרמיי וועט סוף כל סוף פֿאַרטרייבן דעם שונא.

די באַן גיט זיך אַ טרייסל הין און צוריק, און איידער זי באַווייזט זיך נאָך אָפּצושטעלן, דערזע איך — מען שפּרינגט פֿון די עשאַלאָנען, ווי אַ ברייטער טייך וואָס האָט זיך דערקייקלט צום ראַנד פֿון תהום און זיינע כוואַליעס וואַרפֿן זיך רעשיק אַרונטער אין אָפּגרונט. „אַעראָפּלאַנען זיינען אָנגעפֿלויגן אויף די פּולווער־סקלאַדן, מיר וועלן באַלד אַלע פֿליען אין דער לופֿטן", טוט מיר אַ זעץ אין מח און איך שפּרינג אויך אַרונטער. אָבער דער המון שרייט און ברילט ווי נאָכיאָגער, ניט ווי אַנטלאָפֿענע. איך דערוויס זיך, אַז מיט אַ מינוט צוריק, בעת די באַן

האָט געגומען גיין פּאַמעלעך, זיינען פון אַ פּלאַטפאָרמע אַרונטערגעשפּרונגען עטלעכע מענטשן און פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די אַרומגעצוימטע פּלעצער מיט די אַרסענאַלן.

איבערגעטאָגענע דייטשישע דעסאַנטניקעס.

די מאַסע וואַרפט זיך אין אַלע זייטן, זוכט אין די קוסטעס און קריכט אונטער די דראָט־פאַרצוימונגען. די וואַך־פּאָסטנס, אויפגערעגט, צעטומלט און פאַרשעמט, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזט די פּאַראַשוטיסטן, לויפן מיט אָנגעצילטע ביקסן. דער המון שרייט צו זיי: סודאַ! טודאַ! דאָ איז ער אַנטלאָפן! דאָרט איז ער אַנטלאָפן! אָבער די סאָלדאַטן ווערן נאָך מער מבולבל. עס לויפט אָן אַ קליינוואוקסיקער קאָמאַנדיר און דונערט אויף די ציווילע:

— ס'איז אייך ניט דער בירגער־קריג. מיר וועלן זיך ספּראַווען אָן אייך. צוריק אין די וואַגאָנען!

עטלעכע נאָכיאָגער האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער צעשאָטענער מחנה און זיינען פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די בנינים. מען ווייס ניט צי זיי זיינען אַזוי ווייט אַוועק אין געיעג נאָך די אַרונטערגעשפּרונגענע שפּיאָנען, אָדער זיי אַליין זיינען אויך שפּיאָנען. די סאָלדאַטן עפענען אַ שיסעריי, די קוילן פייפן איבער די קעפּ, און אונדזער מחנה פּלאָנטערט זיך צוזאַמען מיט אַן איבערגעשראָקן ווילד־געשריי. אָבער ביי אייניקע ציווילע צעפלאַקערן זיך די פּנימער פון גרימצאָרן און זיי גיבן זיך אַ וואָרף אויף די קראַסנאַ־אַרמייצעס מיט די פויסטן:

— דוראַק! וואו שיסטו?

— איך בין אַ מאַיאָר! איך וועל דיר באַלד באַווייזן ווי צו שיסן!

— ס'איז אייך ניט דער בירגער־קריג, — ריטשעט דער קאָמאַנדיר מיט אַלע כוחות, — צוריק אויף די פּלאַטשטשאַדקעס!

מיר קריכן צוריק אויף דער באַן, מיינע שכנים היצן זיך, דערציילן איינע די אַנדערע וואו און ווי אַזוי די שפּיאָנען זיינען אַנטלאָפן. העכער פון אַלעמען ליאַרעמט דער זאַוואָד־אַרבעטער: קיינעם האָבן זיי ניט באַוויזן צו דערשיסן, די סאָלדאַטן. קיין איינעם ניט! ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט געזוכט אויף אונדזער פּלאַטפאָרמע דעם איינעם וועמען די סאָלדאַטן האָבן ניט באַוויזן צו דערשיסן, און גראָבט איין זיינע אויגן אין דער גרופּע באַפרייטע אַרעסטירטע, וואָס זיינען די גאַנצע צייט געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער:

— איינער פון די זאַקלוטשאָניע פעלט, — שרייט אויס דער זאַוואָד־אַרבעטער.

עס פעלט דער לאַגערניק מיט די בלאָנדע געקרייזלטע האָר און שיטערע צייך, דער זעלבער וואָס האָט פריער דערציילט דעם זאַוואָד־

אַרבעטער, אַז ער איז געזעסן, ווייל ער האָט פאַרלאָרן דעם פּאַספּאָרט.

— אָט גייט ער! — שרייען אויס עטלעכע פון מיינע שכנים.

דער אַרעסטאַנט באַוויזט זיך פון הינטער אַ בינטל קוסטעס. ער גייט געלאַסן, שלעפעריק־פאַרטראַכט, און פאַרציט שטייפער זיינע אַרויפ־געצויגענע הויזן, ווי ער וואָלט געוועזן אַליין אויף אַ פּוסט פעלד און האָט ניט פאַר וועמען זיך צו שעמען.

— וואו ביסטו געווען? — טוט צו אים אַ רעווע אונדזער גאַנצע פלאָטפאָרמע.

אויף פון אַנדערע פלאָטפאָרמען פרעסט מען אים מיט די אויגן, און פון צענדליקער העלדזער רייסט זיך אַרויס אַ נקמה־דורשטיקער געשריי, אַ ברומעניש ווי פון אַ חיה רעה, וואָס איז מיט איר גאַנצן אָנגעשפּאַנטן שווערן גוף, מיט די לאַפּעס, מיט די נעגל און ציין אַרויפגעפאַלן אויפן צונויפגעקאָרטשעטן רוקן פון געפאַקטן קרבן:

— שפּיאָן!!!

דער תמעוואַטער לאַגערניק בלייבט שטיין ביים עשאַלאָן ווי געטראָפן פון אַ דונער. ער רעדט ניט, באַוועגט זיך ניט, נאָר זיינע קאַנטיקע קינ־באַקן ווערן נאָך קאַנטיקער פון צונויפפרעסן די ציין זיי זאָלן זיך ניט טרייסלען. דער קליינוואוקסיקער קאָמאַנדיר, באַגלייט פון אַ כאַפּטע סאָל־דאַטן, שפּרינגט צו אים און הייסט אים אויפהייבן די הענט. דער אַרעסטאַנט הייבט אויף די הענט אַזוי הויך, גלייך ער וואָלט שטייענדיק אָן אויסגעצויגענער געזונקען אין אַ טיפן אָפּגרונט און געמאַכט אַ לעצ־טע אָנשטרענגונג אַז זיינע שפּיץ־פינגער זאָלן בלייבן איבערן וואַסער. זיינע פאַרדריסענע אָרעמס שלעפּן־מיט זיין פּופּיקע, דעקן אָפּ זיין אָפּגע־ברענט פאַרברוינט לייב, אָן אַ העמד, און דאָס פראַסטע שטריקל וואָס האָלט־צו זיינע וואַטענע הויזן. דער גאַנצער עשאַלאָן האַלט איין דעם אָטעם. דער קאָמאַנדיר באַטאַפּט אים, קערט אויס זיינע קעשענעס, ביז ער שלעפּט אַרויס פון דעם אַרעסטאַנטס אַ הינטער־קעשענע אַ לאַנגע ברייטע ביינערנע האָר־קאַם.

— אַ פּראַנט, — שמייכלט דער קאָמאַנדיר פון דעם אָפּגעריסענעם לאַגערניק מיט די געקרייזלטע האָר און גיט אים צוריק אָפּ די קאַם, — סטופּאַי.

דער קאָמאַנדיר, וואָס האָט זיך פריער אויף אַלעמען געוואָרפן מען זאָל צוריקגיין אין די וואַגאָנען, רעדט דווקא מיטן אַרעסטאַנט גוטמוטיק ווי אַלעמען אויף להכעיס. דער עשאַלאָן ווערט נאָך מער אויפגערייצט און צעגוואַלדעוועט זיך, אַז די זאַקלוטשאָניע זיינען שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי אַליין קענען זיין אונטערגעקויפטע שפּיאָנען, אָדער אויס־באַהאַלטן צווישן זיך אמתע דייטשן.

— די פּאַראַשוטיסטן זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון אַ באַנדע זאַקלו־טשאַניע, — גיט עס אַ הילך פון אַ פּלאַטפּאַרמע.

— אַ קאַמאַנדיר! מסתמא האָט ער געהאַט אַ טאָטן אַ קולאַק, אָדער ער אַליין איז אַ וויס־גוואַרדייער, האַלט ער מיט די וורוגי נאַראָדאַ, — שפּרינגט אַרויס אַ קול פון הינטער די צונויפגעשלאָסענע אויפגעשטעלטע רייען בעזשענצעס.

דער קאַמאַנדיר קוקט אָן די צונויפגעפּלאַכטענע מאַסע מיט פאַר־ביסענע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך קוים באַהערשט ניט אַ קאַמאַנדעווע טאָן צו זיינע סאָלדאַטן זיי זאָלן אָנשטעלן די ביקסן אויפן צעווילדעוועטן המון. ער הייסט די קראַסנאַ־אַרמייצעס אַרויפקריכן קאָנטראָלירן ביי די עוואַ־קואירטע די דאָקומענטן, און מיטפאָרן מיטן עשאַלאָן, ביז ער וועט אַרויס־גיין פון דער מיליטערישער זאָנע. ווער עס מאַכט אַ פּרואוו צו שפּרינ־גען — שיסן אָן שום וואָרענונג!

די סאָלדאַטן צעשיטן זיך לענג אויס דעם עשאַלאָן, און דער קאַ־מאַנדיר יאָגט זיך אַוועק צום לאָקאָמאָטיוו, פאָכעט מיט די הענט פאַר אַ סימן, אַז דער עשאַלאָן זאָל זיך רירן פון אָרט. אויף אונדזער פּלאַטפּאַרמע קומט אַרויף אַ יונגער סאָלדאַט מיט אַ ביינעדיק פּנים, גרויע אויגן און אַ ניט־ראַזירטער שטעכיקער גאָמבע. הינטער אים קלעטערט אַרויף דער לאַגערניק מיט די געקרייזלטע האָר און זעצט זיך גלייך אַראָפּ אויף זיין פריערדיקן אָרט צווישן די אַרעסטאַנטן.

גלייך ווי דער סאָלדאַט, איינגעשטייפט אין לאַנגן שינעל מיט דער ביקס אין דער האַנט, קומט אַרויף אויף אונדזער פּלאַטפּאַרמע, גיבן זיך צו אים אַ שטרעק אויס אַ צענדלינק הענט מיט פּאַספּאָרטן. ער וואַרפט אַ בליק אין דעם ערשטן פּאַספּאָרט און וויל עס צוריקגעבן, נאָר די אי־בעריקע בעזשענצעס רוקן אַריין די אויגן און די נעז אין פּאַספּאָרט פון זייער שכן, טרויען ניט דעם סאָלדאַט, אַז ער האָט קאָנטראָלירט ווי עס באַדאַרף צו זיין. מיט אַ מינוט שפּעטער שרייט דער רעווידירטער צו זיינע שכנים וואָס האָבן אים רעווידירט.

— איך האָב איך מיינע דאָקומענטן באַוויזן, איצט באַווייזט איר מיר אייערע דאָקומענטן.

די באַן נעמט גיין. דער סאָלדאַט מיט זיינע פריַיוויליקע אַרויס־העלפער צעשטעלן ברייט די פיס, זיי זאָלן קענען איינשטיין אויפן צע־וויגטן דיל, און די אויספאָרשונג גייט ווייטער. דער זאַוואָד־אַרבעטער, וואָס האָט אַלעמען באַוויזן זיין פּאַספּאָרט, פאָכעט זיגעריש מיט זיין צע־ראַטן ביכל, וויזט אויף מיר:

— און ער?

— פּרעדיאַוויטיע דאָקומענטי, — שטעלט זיך לעבן מיר אָפּ דער

סאָלדאַט און אין מיר שטעלט זיך אָפּ דאָס האַרץ. איך חאַ אַז זיי זוכן אַ קרבן און איך בין אַ זאַפּאַדניק. נאָך אין באַריסאָוו ביים אַרויפגיין אויפן עשאַלאָן האָב איך געהערט מורמלען, אַז די זאַפּאַדניקעס אויף די ערטער האָבן געהאָלפן דעם דייטש פאַרטרייבן די רויטע אַרמיי און זיך בלויז אָפּגערעכנט מיט די רוסישע מענטשן, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנט־לויפן פון די נייע געביטן.

דער סאָלדאַט קוקט אַריין אין מיין פּאַספּאָרט. אַרום אים שטייען מיינע שכנים, קאַלט, פרעמד, ווי קיינער פון זיי וואָלט ניט געדענקט, אַז מיר פאָרן די גאַנצע צייט צוזאַמען. אויך די קאָמאַנדירשע וואָס האָט זיך פריער, בעת מיין קריג מיטן זאַוואָד־אַרבעטער, פאַר מיר אָנגענומען, און נאָכדעם מיך געבעטן איר ברענגען אַ טשייניק וואַסער, אויך זי זיצט מיט אַ פאַרצאָרנט פנים, ווי זי וואָלט באַצייטנס שוין געלייקנט אַז זי קען מיך, אויב איך זאָל זי אַרויסשטעלן פאַר מיין עדות.

— יעוורעי, — טוט אַ מורמל דער סאָלדאַט און גיט מיר צוריק מיין פּאַס. די קאָמאַנדירשע הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן פריינדלעך, היימיש, אַפילו מיט גינציקייט.

די קאָנטראָלירער רינגלען אַרום די זאַקלוטשאָניע. יענע ענטפערן אַז זיי האָבן ניט קיין דאָקומענטן. מען האָט עס ביי זיי צוגענומען ווען מען האָט זיי אַרעסטירט, און ביים אַרויסלאָזן זיי איז ניט געווען ווער עס זאָל זיי געבן פּאַפּירן. מען האָט זיי באַפרייט ווען דער דייטש איז שוין געווען אין דער אומגעגנט, וואו עס האָט זיך געפונען זייער לאַגער, און זייערע נאַטשאַלניקעס זיינען זיך צעלאָפן די ערשטע.

— יעדער דייטשישער שפּיאָן קען ענטפערן, אַז ער האָט ניט קיין פּאַספּאָרט, ווייל ער איז אַ באַפרייטער אַרעסטאַנט, — זאָגט דער זאַוואָד־אַרבעטער.

— שטעלט זיך. מיר וועלן זען וואָס איר האָט דאָרט ביי זיך, — באַפעלט דער סאָלדאַט.

די לאַגערניקעס נעמען זיך אויפהייבן פּאַמעלעך, פויל, מיט אַ פאַר־האַרטעוועטן יאוש אויף די פנימער. אָבער דער אַרעסטאַנט מיט די בלאָנ־דע געקרייזלטע האָר בלייבט זיצן מיטן רוקן איינגעשפּאַרט אין אַ פיר־קאַנטיק קעסטל, וואָס איז פריער, אַזוי לאַנג ווי אַלע לאַגערניקעס זיינען געזעסן אינאיינעם, ניט באַמערקט געוואָרן.

— ווסטאַוואַי! — זאָגט דער זאַוואָד־אַרבעטער, — וואָס האָסטו דאָרט הינטער זיך?

דער אַרעסטאַנט בלייבט זיצן מיט אויסגעצויגענע פיס אויפן אָפּ־געלייִדיקטן ברעטער־דיל, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַהינטער, שפּיצט אָן די אויערן, און קוקט אָנגעשטרענגט אויף די אַנטקעגן־איבערדיקע טעלעגראַפן־

סלופּעס וואָס שווינדלען פאַרביי. איבער זיין פאַרגולמט פּנים גייט דורך אַ ציטערניש, אַ צוקעניש — און מיט אַרויסגעשלידערטע הענט פאַר־אויס, טוט ער אַ שפּרונג־אויף און גיט זיך אַ וואָרף אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע נאָך האַסטיקער ווי עס וואָלט דורכגעפלויגן אַ פייל.

אַלע בלייבן שטיין געפּלעפט, שטום, צוגעשמידט צו די ערטער. דער סאָלדאַט טוט זיך אַ וואָרף צום ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע און הינטער אים דער זאַוואָד־אַרבעטער מיט גיריקע אויפגעשפּילטע אויגן. איך גיב זיך אַ קלאַמער־איין מיט די הענט אין דיל: ניט אויפשפּרינגען! ניט קוקן! מען קען נאָך מיינען אַז איך וויל אויך שפּרינגען... דער סאָל־דאַט שיסט אויס און אין זיין פּראָפיל דערקען איך, אַז ער האָט ניט גע־טראָפן. ער שיסט אויס צום צווייטן מאָל און דער זאַוואָד־אַרבעטער גיט זיך אַזש אַ קאַטשע פון פרייד:

— יעסט!

דער סאָלדאַט שיסט אויס צום דריטן מאָל און דער אַרבעטער צע־לאַכט זיך:

— טאַטשקאַ!

דער אַנטלאָפענער ליגט אַ דערשאָסענער.

דער סאָלדאַט בלייבט שטיין בלייך, רואיק, מיט אַ קאַלטן בליאַסק אין די גרויע אויגן און מיט אַן אכזריותדיקן נצחון־שמייכל אין די פאַר־פרעסטע מויל־ווינקלען. מיינע שכנים זיינען מיטאַמאָל פאַרביטן געוואָרן, זיי יויכצען ניט מער פון פרייד, שרייען ניט, ביילן ניט די פויסטן, נאָר זייערע פּנימער זיינען טרוקן, ערנסט, און די שטערנס גערונצלט. אויך אויף די אַנדערע פּלאַטפאָרמען, פון וואַנען מען האָט געקוקט צוזען ווי דער אַנטלאָפענער איז אומגעפאַלן אַן אונטערגעשאָסענער, איז שטיל גע־וואָרן, אַזוי שטיל, אַז איך הער ווי די באַן־רעדער קרעכצן, גלייך עס וואָלטן אַריין אין זיי די גסיסה־קרעכצן פון דערשאָסענעם.

דער סאָלדאַט גייט צו צו די פאַרשטיינערטע לאַגערניקעס און מיט אַ כריפּיק קול הייסט ער זיי עפענען דעם טשעמאָדאַנטשיק, וואָס דער אַרונטערגעשפּרונגענער האָט פריער פאַרשטעלט מיט זיינע פּלייצעס. דער זאַוואָד־אַרבעטער שפּרינגט־צו איידער די אַרעסטאַנטן גיבן זיך אַ ריר, ער רייסט אויף דאָס קעסטל און נעמט פלינק איבערוואַרפן די זאַכן וואָס ליגן דאָרט. אינעווייניק ליגט אַ טונקל־בלויע בלוזע מיט אַ פּאָר הויזן פון זעלבן קאָליר, אַ באַטעריי־לאָמפּ, אַ צונויפגעלייגטע מאַפּע און אַ קורצער ברייטער פעלד־מעסער אין אַ לעדערן שיידל.

— זנאַטשיט פּאַראַשוטיסט, — שפּרייט אויס דער זאַוואָד־אַרבעטער די בלויע בלוזע ווי ער וואָלט עס געוואָלט אָנמעסטן, — ער איז מיר ניט געפעלן געוואָרן גלייך ווי איך האָב אים דערזען.

— ער איז געווען מיט אונדז אין איין לאַגער אין ליטע, איז ווי אַזוי האָט ער געקענט זיין אַ פּאַראַשוטיסט? — רופט זיך אָפּ אַ ברייט־צעוואָקסענער לאַגערניק, דער זעלבער וואָס האָט פריער ניט געוואָלט ענטפערן דעם זאַוואָד־אַרבעטער פאַרוואָס ער איז געזעסן.

— ער איז געווען אַ דוראַטשאָק און דעם טשעמאָדאַנטשיק האָט ער געפונען אויפן וועג, — זאָגט אַ צווייטער פון די לאַגערניקעס, — ער איז געשפרונגען פון שרעק, דער דוראַטשאָק.

— און איר האָט געוואוסט פון טשעמאָדאַנטשיק? — פרעגט דער סאָלדאַט מיט ווייס־געוואָרענע ליפּן.

— געוואוסט, — ענטפערט דער ערשטער, — מיר פרעגן אים: וואו האָסטו עס גענומען? ענטפערט ער אונדז: אַ מענטש האָט עס פאַר־לאָרן און איך האָב עס אויפגעהויבן. אַזוי האָט ער אונדז געזאָגט. וואָס אינעווייניק ליגט האָבן מיר ניט געוואוסט.

— און איר האָט עס די גאַנצע צייט אָפּגעהיט, עס פאַרשטעלט מיט אייערע הינטנס, ווייל ער האָט אייך צוגעזאָגט צו געבן אַ טייל? — ציט אויס דער זאַוואָד־אַרבעטער דעם קאָפּ ווי אַ רויב־פויגל.

— יאָ, ער האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלן קומען קיין אָרשע, וועט ער אונדז געבן אַ גלייכן טייל. אָבער וואָס אינעווייניק ליגט האָבן מיר ניט געוואוסט, — ענטפערט ווידער דער ערשטער, מיד, שטיל און פאַרטרויערט, ווי אויך ער וואָלט זיך שוין אָפּגעזעגנט מיטן לעבן.

די בעזשענצעס שטייען שטום־געוואָרענע, טויב־געוואָרענע, קוקן ניט איינער אויפן צווייטן, און באַמיען זיך אויסצוזען גלייכגילטיק. נאָר די קאָמאַנדירשע קען זיך ניט באַהערשן. זי דרייט אויס דעם קאָפּ צום זאַוואָד־אַרבעטער און איר פּנים איז פאַרקרימט פון עקל און האַס:

— סוואָלאָטש פּראָקליאַטאַיאַ!

— און דו ווער אַנטשטומט, — גיט זיך דער זאַוואָד־אַרבעטער צו איר אַ רוק־צו, — איך בין אַ רוסישער מענטש און פּאַרטיידיק דעם סאָוועטסקי סאָיוז קעגן שפּיאָנען.

— אַ הונט ביסטו, ניט קיין רוסישער מענטש. מיין מאַן איז אויפן פראָנט, און דו אַנטלויפסט אין הינטער־לאַנד צו ראַטעווען דיין הינטישע פעל, — שפּייט אויס די קאָמאַנדירשע.

— זאַמאָלטשיטיע, — שיפּעט אַרויס דער סאָלדאַט פון צווישן די ציין, און אין דעם איינעם אַרויסגעשיפּעטן וואָרט איז דאָ אַזוי פיל דראָ־אונג, אַז אַלע בעזשענצעס נעמען זיך גלייך אַרונטערזעצן אויף זייערע ערטער. די קאָמאַנדירשע טוליעט צו זיך אירע קינדער, גלעט זיי איבער די קעפּלעך און וויגט זיי איין ווי צום שלאָפן.

דער ווינט טוט אַ שלעפּ פון ווייטן לאַקאַמאָטיוו קנוילן רויך און יאָגט זיי איבער אונדזערע קעפּ. די רויך־קנוילן ווערן אַלץ געדיכטער, שוואַרצער, מישן זיך אויס מיט די נידעריקע וואָלקנס וואָס שווימען זיי אַנטקעגן. די בעזשענצעס שוויגן פאַרזונקענע אין זיך, ווייט אָפּגערוקט פון זאַוואָד־אַרבעטער, וואָס ליגט אין אַ ווינקל באַזונדער. און פון סאָלדאַט, וואָס שטייט אינמיטן פלאַטפאָרמע אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס, שפּרייט זיך אַ געדיכטע שטומעניש ווי אַ פינצטערע כמאַרע.

# אַ רעגן

ס׳פאַלט צו די נאַכט. די באַן פאַרט ווידער אַריין אין אַ מיליטערישער זאָנע און שטעלט זיך אָפּ. פון די ווייטע וואַגאָנען דער־טראָגט זיך אַ באַפעלערישער געשריי, אַז די וואַך־פּאָסטנס זאָלן אַראָפּגיין פון די פלאַטפאָרמען און זיך אויסשטעלן לענג אויס דעם עשאַלאָן, היטן אַז קיינער פון די עוואַקואירטע זאָל ניט אַרונטערגיין. אונדזער סאָלדאַט קריכט אַרונטער שווייגעוודיק, ער דאַרף די וואָרענונג ניט איבערחזרן.

איך פאַרטוליע דעם קאָפּ אין רוק־זאַק, דעק זיך איבער מיטן מאַנטל און וויל אויסגלייכן די פיס. אָבער אַרום מיר ליגן אָנגעוואַלגערט צו־נויפגעקנורעטע קערפּערס און איך מוז אויך ליגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער. איך פיל אין די קני אַ ווייטיק ניט אויסצוהאַלטן. אייזערנע שרויפן האָבן זיך דאָרט אַריינגעדרייט, ברעכן דאָרט איבער די שלאָס־ביינער, בויערן אַלץ טיפער, און דרייען אַרויס דעם מאַרך פון מיינע געהירן דורך דער פּאַטילניצע. ווי גוט מיר איז עס געווען אויפן שאָסיי צווישן מינסק און באָריסאָוו! אין פעלד, אין וואַלד און אַפילו אין די גראָבנס האָב איך זיך געקענט אויסגלייכן. דער פוסטער זוניקער שאָסיי צווישן מינסק און באָריסאָוו לעבט אין מיר מיט זיין אייגן געהיים לעבן. און טייער איז ער מיר געוואָרן, דער וועג פון מיינע געפאַרן, ווי עס זיינען מיר טייער די שאָטנס וואָס איך האָב אויף אים באַגעגנט; שאָטנס פאַרטראַכטע און שטילע, מיט אַ טרויעריקן שמייכל אויף די פנימער — פנימער פון מענטשן וואָס האָבן זיך שוין איבערגעענטפערט צו זייער גורל. די שאָטנס גייען מיר נאָך, באַרואיקן מיך און טרייסטן מיך, אַז איך בין ניט שולדיק אין טויט פון דוראַטשאָק.

איך פיל אַז די צונויפגעקנוילטע בעזשענצעס אַרום מיר שלאָפן אויך ניט, זיי טראַכטן מסתמא ווי איך וועגן דעם אומשולדיק־דערשאָסע־נעם. פונדעסטוועגן וועט קיינער פון זיי ניט אַ בריקע טאָן מיטן שטיוול דעם פאַרשאָלטענעם זאַוואָד־אַרבעטער, וואָס האָט צוגעהאָלפן צום מאָרד. ער ליגט זיך דאָרט אין זיין ווינקעלע, דער פּראָוואָקאַטאָר, און עס פאַר־דריסט אים געוויס וואָס אויך איך בין ניט דערשאָסן געוואָרן. די זאַק־

לוטשאַניע האָבן דאָך געוויס געוואוסט, אַז זייער חבר איז אומשולדיק, ער איז דאָך געזעסן מיט זיי אין איין לאַגער אין ליטע, דאָך האָבן זיי מורא געהאַט אָפּצוהאַלטן דעם סאָלדאַט ער זאָל ניט שיסן.

דער דוראַטשאַק איז מיט זיי געזעסן אין זעלבן לאַגער אין ליטע, האָבן זיי געזאָגט, די זאַקלוטשאַניע. איך האָב געוואוסט אַז עס זיינען דאָ לאַגערן אין אַרכאַנגעלסק, אין אירקוטסק און יאַקוטסק, אָבער אין ליטע? די סאָוועטן זיינען דאָך געווען ביי אונדז ניט מער ווי איין יאָר, איז ווען האָבן זיי באַוויזן צו מאַכן לאַגערן אין ליטע? אין ווילנע האָט מען זיך געשושקעט, אַז די רוסן בויען געהיימע אַעראָדראָמען, לייגן אויס טראַקטן און פאַרפעסטיקן די גרענעצן, נאָר ווער די אַרבעטער זיינען האָט קיינער ניט געוואוסט. איצט ווייס איך! פון ווילנע האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר, און פון סיביר האָט מען געבראַכט קיין ליטע. איך בין אַרומגעפאָרן איבער די היימישע שטעטלעך, שפּאַצירט אין די וועלדער, און ניט געוואוסט וואָס אַרום מיר טוט זיך, ניט געוואוסט אַז איך גיי איבער אַ צוגעדעקטער גרוב.

ערגעץ אין די הייכן טוט אַ קראַך אַ דונער, צעשפּאַלט זיך איבער מיין קאָפּ און צעברעקלט מיינע מחשבות. איך טו אַ קוק פון אונטערן מאַנטל און דערזע, אַז דער הימל איז אינגאַנצן פאַרצויגן מיט כמאַרעס. אַ ווינט באַפאַלט דעם עשאַלאָן, רייסט און בלאָזט אָן די קליידער פון די בעזשענצעס, שלעפּט אַרונטער די צודעקן, און פּייקלט מיט קופּערנע רעגן־טראָפּנס אויף די אָנגעצויגענע ברעזענטן. הענט גיבן זיך אַ שטרעק אויס, קעפּ טוען זיך אַ הייב אונטער, ווילן צוהאַלטן די צעפלאַטערטע קליידער, נאָר דער ווינט צופּט און פליקט פון אַלע זייטן. די קעפּ לאָזן זיך אַרונטער, ציען זיך צוריק אַריין אין די אונטערגעהויבענע אַקסלען, קערפּערס ברעכן זיך צוזאַמען, טוליען זיך איינע צו די אַנדערע, און מען בלייבט ווידער ליגן דורכגעפרוירן־פאַרגליווערטע, צונויפגעהויקערטע און פאַרגראָבענע אין זיך אַליין.

די דונערן ווערן אָפטער, הילכיקער, צווישן איין קראַך און דעם אַנדערן גיט אַ בליץ אַ שינד־אָפּ דעם פאַרכמאַרעטן הימל פון האָריזאָנט ביז צו האָריזאָנט — און ווערט אין אויגנבליק פאַרלאָשן. אַ געדיכטער רעגן נעמט זעצן שווער ווי בליי, שטעכיק־שאַרף ווי מעסערס. דער ווינט טוט דעם רעגן אַ שלעפּ אין דער קרום, פון רעכטס צו לינקס, פון לינקס צו רעכטס, און פאַטשט איבער די קעפּ מיט שטראָמען וואַסער ווי מיט פלאַכטעס. דאָס וואַסער פלייצט אַריין אונטער מיינע קליידער, פילט אָן די שיך, די אויערן, פאַרגיסט האַלדז און נאַקן, און דרייט זיך אין אַ געווירבל ווי אין אַ קעסל־גרוב.

— באָזשע מאָי, — קרעכצט אַרויס איינער ביי מיין זייט, — פאַרוואָס פאַרט מען ניט?

— פערעגרזשקאַ ליניאי, — וואָרגט זיך אַ צווייטער מיטן רעגן־גוס וואָס פאַרפּלייצט אים, — און אפשר זיינען די רעלסן צעריסן פון אַ גאַליאָט.

די צוויי קינדער פון דער קאָמאַנדירשע נעמען שטיל וויינען, וואָיען אויסגעצויגן־דין ווי וועלפּעלעך: מאַמאַ, יאַ באַיוס! מאַמאַ, מניע מאָקראַ! איך פיל ווי זייער געוויין זעגט איבער מיינע אָדערן, מיינע מאַרך־געוועבן, באַגט און נאָיעט מיר אין האַרצן, מיר דאַכט זיך, אַז זיי כליפּען און שלוכצן מיר אויף להכעיס. זאָל עס בליצן און דונערן, זאָל עס פאַרשווענקען דעם גאַנצן עשאַלאָן, נאָר זאָלן זיי אַזוי ניט וויינען. איך רייס אַראָפּ דעם מאַנטל פון קאָפּ און זעץ זיך אויף.

אַנטקעגן מיר זיצט די קאָמאַנדירשע אַרומגענומען מיט אירע צוויי קינדער. זי האָט זיי שוין צוגעדעקט מיט אַלע אירע טיכער, פאַרשטעלט זיי מיט אירע הענט, מיט איר גוף, און זי אַליין, מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ און צעפּלאָשעטע האָר, אומבאַשיצט אַנטקעגן רעגן וואָס כליאָסקעט איר אין פּנים, שרייט אַריין אין דער פינצטערניש צום סאָלדאָט, וואָס שטייט ביי די רעלסן אויף דער וואַך:

— טאָוואַרישטש קראַסנאַ־אַרמייעץ, לאָז אַרונטער זיך באַהאַלטן אונטערן וואַגאָן, די קינדער וועלן אַ בראָנכיט קריגן.

— נעלזיאַ, — קומט צוריק אַ געשטאַרבן קול ווי פון אָפּגרונט.

— פּאָזשאַליעי דיעטיעי, — בייגט זי זיך אַריבער איבערן ראַנד פון דער פּלאַטפאָרמע, קייכט מיט אַ טרוקענעם הוסט אינמיטן פון שטורמישן רעגן און איר געיאָמער גיסט זיך צוזאַמען מיטן אויסגעצויגענעם וועלפישן געוואָי פון אירע צוויי קינדער, — מיך מאַן איז אויפן פראָנט, טאָוואַרישטש קראַסנאַ־אַרמייעץ!

— זאַמאָלטשיטיע, — נעמט דער סאָלדאַט צישען אַקוראַט ווי פריער נאָכן דערשיסן דעם אַרעסטאַנט, — זאַמאָלטשיטיע! — טוט ער מיט־אַמאָל הויך אַ רעווע און די קאָמאַנדירשע אינאיינעם מיט אירע קינדער ווערן גלייך אַנטשוויגן, ווי ער וואָלט מיט זיין געברום דערוואָרגן זייערע קולות, — זאַמאָלטשיטיע, — כאָרכלט ער און כריפּעט הייזעריק, אַ פאַרליאָפּעטער מיט פינצטערניש און רעגן, ווי אין אים וואָלט אַריין אַ דיבוק פון דעם דערשאָסענעם און מאַטערט אים ביז משוגעת.

דער רעגן הערט אויף אַזוי אומגעריכט־האַסטיק ווי ער האָט זיך אָנגעפאַנגען. דורך די שיטער־געוואָרענע כמאַרעס זיפּט זיך דורך פון הימל אַ געלבלעכער ליכט־שיין אויף די קופּעס בעזשענצעס, וואָס זעען אויס ווי קופּעס נאַסע גליטשיקע שטיינער. איבער דער גאַנצער לענג פון די צונויפגעקייטלטע וואַגאָנען הויערט אַן אָפּגעשטאָרבענע שטילקייט.

די קליידער אויף מיר נעמען פרירן און טיילן זיך אָפּ פון מיין לייב, ווי איך וואָלט געלעגן איינגעבויערט אין אַ שטיק אייז.

דער לאָקאָמאָטיוו נעמט אומגעריכט פייפן, וויינט און וואָיעט אין דער נאַכטיקער פינצטערניש: דער דערשאָסענער איז דאָך געווען אַ תם! אַ תם! די באַן גיט זיך אַ צי פאָראויס און די רעדער נעמען רודערן צום טאַקט: טאָם־טאָם־טאָם. איך שפּיץ אָן דעם אויער: די הילצערנע פוס פון באָברויסקער יידן, וואָס האָט ניט געקענט אַנטלויפן, גייט מיר שוין ווידער נאָך. איך דערהער אין בראַזגעריי פון די בופערס ווי ער שפּאַנט מיט אַ געמאָסטענעם סאָלדאַטסקען טראָט איבערן ראַנד פון אַ זאַמד־אָנשיט — און פאַלט ניט אַרונטער, ער שפּאַרט זיך דורך צווישן עשאַלאָן און דעם באַריער פון אַ בריק איבער אַ טייך — און ווערט ניט צעקוועטשט; די הילצערנע פוס שפּרייזט אויף דער לינקער זייט פון די באַן־רעלסן, און אויף דער רעכטער זייט שווימט מיר נאָך אַ בלוטיקע שווייגעניש... מיר שווימט נאָך די לאָנקע מיטן דערשאָסענעם.

די מחנה וואָס באַגלייט מיך ווערט גרעסער און גרעסער.

אָבער דער סאָלדאַט פון דער וואַך פאָרט ניט מיט. ער האָט צו־גענומען פון אונדזער פּלאַטפאָרמע דאָס טשעמאָדאַנטשיקל פון דוראַטשאָק און איז געבליבן אין מיליטערישן לאַגער, וואו מיר זיינען אָפּגעשטאַנען אַ האַלבע נאַכט. נאָר זיינע אויגן, ווי די אויגן פון אַ לאָקאָמאָטיוו, ברע־נען אין דער כמאַרע וואָס שווימט נידעריק איבער מיין קאָפּ, און איך מיינע אויערן שטעכט און בויערט זיין הייזעריק־כאָרכלדיק קול:

„זאַמאָלטשיטיע!"

# נע־ווגד

אין אָרשע בין איך מאָביליזירט געוואָרן צו גראָבן גריבער קעגן דייטשישע טאַנקן. איך האָב געגעסן סאָלדאַטסקע סוכאַרעס, געטרונקען וואַסער אין בלעכענע פּושקעס פון קאָנסערוון, און בין געשלאָפן דאָרט וואו איך האָב געאַרבעט, אין די אויסגעגראָבענע גריבער. מיין באָרד און די האָר פון מיין קאָפּ זיינען זיך צונויפגעוואַקסן אין איין קאָלטן, באַדעקט געוואָרן מיט שטויב און זאַמד. אַ סאָלדאַט האָט מיך אַרומגעראַזירט, אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, און איך האָב דערזען מיינע איינגעפאַלענע באַקן. אַרום מיר האָבן אויפגעריסן באָמבעס. די סאַניטאַרן האָבן אַריינגעשריען אין די פעלד־טעלעפאָנען: נאַראָד אומיראַיעט! נאָר עס זיינען ניט געווען קיין אַמבולאַנסן און טראָג־בעטלעך. די סאָוועטישגעבוירענע יונגע־לייט פון מיין אָטריאַד האָט מען געלערנט שיסן מיט אַ ביקס, גיין מיט אַ באַגנעט אין אַן אַטאַקע, זיך וואַרפן מיט אַ גראַנאַט אויף אַ טאַנק. אָבער מיך האָט מען אין מיליטער ניט גענומען, ווייל איך בין אַ זאַפּאַדניק. ווען די אָקאָפּעס זיינען שוין געווען אויסגעגראָבן און די דייטשישע טאַנקן האָבן זיך דערנעענטערט, האָט מען מיך אָפּגעלאָזט און איך בין אַוועק קיין סמאָלענסק.

סמאָלענסק איז געווען פאַרברענט. דאָך בין איך ניט אַוועק פון שטאָט ביז איך האָב זיך ניט געבאָדן אין דניעפּר, געריבן מיט די נעגל דאָס איינגעגעסענע שמוץ פון לייב. אויף צוריקוועגס צום וואָקזאַל בין איך ווידער פאַרוואַליעט געוואָרן מיט שטויב, מיט רויך און פייער פון די אויפגעריסענע געביידעס. די געבליבענע סקעלעטן פון די חרובע הייזער האָבן זיך געהוידעט איבער מיין קאָפּ מיט זייער געפלעכט פון אייזערנע בעלקעס, בעטאָן און האָלץ.

ווידער טעג און נעכט אויף אָפענע פּלאַטפאָרמען וואָס שלעפּן זיך צו מזרח. מיר זיינען שוין פאַרבייגעפאָרן בריאַנסק, אָריאָל, און דערנעענטערן זיך צו קורסק, אויפן וועג קיין וואָראָניעזש. מיינע מיטוואַנדערער אינטערעסירן מיך ניט מער. פון לאַנגן וואַנדער האָט שוין איט־

לעכער פאַרלאָרן זיין אייגן פנים, אַלע פויזען איינע איבער די אַנדערע, ווי די גרויע וואָלקנס וואָס פאַלדעווען זיך אויפן ראַנד פון האָריזאָנט. ליג איך האַלב נאַקעט ברייט צעוואָלגערט אויף דער פּלאַטפאָרמע, טריקן זיך, ווי אַ קלאָץ אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער טריקנט זיך אויף דער זון, און חלום אַ זיסן חלום פון מיין ווילנער יאַטקעווער גאַס מיט יאָרן צוריק, אין אַזאַ הייסן זומערדיקן טאָג ווי אין דעם היינטיקן.

אַ געהויקערטע יידענע זיצט ביי אַ גרויסער טון מיט הערינג. אַ טרע־גער מיט אַ שטריק אויף די לענדן שלאָפט אויף אַ בריקל. אַן אַלט־וואַרג־הענדלער שלעפּט זיך פויל דורך דער פוסטער שטילער גאַס מיט זיין קראַם אויף די אַקסל: אַ פּאָר רויטע הויזן, אַ סאַמעטן רעקל און אַ גרינע יעגער־הוט מיט אַ פעדער, בגדים פאַר אַ קונצנמאַכער. אַ פרוי מיט אַ קינד ביי דער ברוסט האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט נאָך אַ נדבה, אָבער אויף דער גאַס באַווייזט זיך ניט קיין איין לעבעדיקער נפש, בלייבט די בעטלערקע שטיין מיט איר אויסגעשטרעקטער האַנט ווי אַ געליימטע. מיין מאַמע דרימלט ביי אירע קאָשיקעס און טרוימט פון צייטיקע ווייניקע פאַרעטשקעס, פון האָריקע זיסע אַגרעסן און פון אויפ־געקוואָלענע שוואַרץ־גלאַנציקע קאַרשן. אירע ליפּן באַוועגן זיך, זי רעדט אין די איינקויפערקעס: „פאַרעטשקעס זיינען עס? ווינטרויבן זיינען עס! קאַרשן זיינען עס? שטיקער פלייש זיינען עס!“ זי גיט זיך אין דרימל אַ צו שטאַרקן שאָקל, עפנט אויף די אויגן און דערזעט, אַז אַנ־שטאָט אַ באַפאַל פון קונדן, איז אין אירע פוסטע קאָשיקעס אַ באַפאַל פון פליגן. איבער איר קאָפּ הענגט די וואָג־שאָל און דאָס שפּינדל שטייט פונקט אינדערמיטן, אַן עדות פאַר גאָט און פאַר לייט אַז זי גיט ניט קיין פאַלשע וואָג.

איך עפן אויף די אויגן, דערזע די בעזשענצעס, וואָס באַקן אויף דער זון זייערע פאַרסמאַליעטע לייבער, און מיין בליק בלאָנדזשעט אַוועק ווייט איבער די פעלדער. אַ דאָרף טוט האַסטיק אַ לויף אַהינטער און באַהאַלט זיך צווישן ביימער, ווי דערשראָקן פאַר דער גרויסער מחנה וואַנדערער. אַרבעטער מיט לאָמען און קירקעס אין די הענט, אויף אַ זייטיקער באַן־רעלס, קוקן אונדז לאַנג נאָך שווייגעוודיק און טרויעריק. אַ פויערטע אויפן שוועל פון איר שטיבל, דעם פויסט איינגעשפּאַרט אין דער גאָמבע, טוט אַ גלאָץ אויף אונדז און צום הימל: דערוויל זיינען נאָך קיין דייטשישע אַעראָפּלאַנען איבער איר שטיבל ניט געפלויגן, אָבער ווער ווייס צי זי וועט מאָרגן ניט דאַרפן אַנטלויפן פון די באָמבעס?... ביים וועג שטייט אַ ברונים מיט אַ רויט דעכל, און די בעזשענצעס גיבן צו אים אַ צי־אויס די העלדזער, די דאָרשטיקע ליפּן, נאָר דער עשאַלאָן שטעלט זיך ניט אָפּ. מיטאַמאָל לויפן אָן פון פעלד באָרוועסע קינדער

און נעמען פריילעך פאָכען מיט די הענטלעך, ווי אַ סטייע בוטשאַנעס מיט די ווייסע פליגל. קיינער פון עשאַלאָן ענטפערט זיי ניט. בלייבן די קינדער שטיין פאַרגאַפטע און צעטומלט־פאַרשעמטע מיט אַרונטערגעפאַלענע הענטלעך.

די באַן־רעלסן ווערן ברייטער, עטלעכע פאָר הויפט־ליניעס און בייליניעס פלעכטן זיך איבער. קורסק ווינקט שוין צו אונדז מיט איר עלעקטרישער סטאַנציע, מיט אירע פאַבריק־קוימענס און גרויסע רעזערוואַר־קעסלען. אויף איין זייט פון אונדזער עשאַלאָן ציט זיך אַ לאַנגער פראַכט־צוג מיט הויכע פאַרשלאָסענע וואַגאָנען, מיט קוילנוואַרפער אויף די דעכער, געהיט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן אויף די בריקלעך. דער פראַכט־צוג גייט אין דער ריכטונג פון וואַנען מיר זיינען אָנגעקומען, צום פראָנט. אויף דער אַנדערער זייט פון אונדזער עשאַלאָן שטייט אויף אַ בערגל אַ צערקווע מיט ווייסע ווענט, קופּאָלן און צלמים. אויפן בערגל שטייען פערד מיט וועגענער. סאָלדאַטן טראָגן אַרויס פון אויפגעפּראַלטן קלויסטער שטויסן היי און לאָדן עס אָן אויף די וועגענער. קיינער פון מיינע שכנים אויף דער פּלאַטפאָרמע קוקט זיך ניט אום אויף דער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שייער, אַלע קוקן צום וואָקזאַל. און גלייך ווי דער לאָקאָמאָטיוו שטעלט זיך אָפּ, ווערט דער וואָקזאַל פאַרפלייצט פון אונדזער מחנה, וואָס זוכט איינצוקויפן עסנוואַרג און אָנשעפּן וואַסער.

איך דערזע אַ פאַבריקמאַכערסקע און טו אַ רייב מיין קינבאַק, איך בין שוין ווידער שטאַרק פאַרוואַקסן. איך גיי אַריין אינעווייניק — אַן אַנדער וועלט! שטיל, קיל, די געסט זיינען קאָמאַנדירן, נאַטשאַלניקעס, און די שערער זיינען יונגע מיידלעך אין ווייסע כאַלאַטן. איך זעץ זיך אַרויף אויף אַ שטול און אַ מיידל זייפט מיך איין. זי טוט עס גלייכגילטיק, פויל, וואַרפט אַפילו ניט קיין בליק אויף מיר. איך באַטראַכט זי אין שפּיגל. זי איז אַ וואוקסיקע, אַ טונקעלע, מיט אַ לענגלעכער נאָז, מיט אַ בלאַסער הויט און אַ גליווערדיקן קוק פון אַ סאָווע. די מיידל באַמערקט אַז איך באַטראַכט זי אין שפּיגל, טוט זי אַ שמייכל.

— אין די היצן און אויפן וועג ווערט מען גיך באַוואַקסן, — פאַרענטפער איך זיך פאַר מיין ווילדן אויסזען.

זי בעט מיך, ניט רירן און ניט באַוועגן זיך, זי זאָל מיך ניט צעשניידן מיטן ראַזיר־מעסער. זי ראַזירט מיך אַרום פּאַמעלעך, וואַשט דערנאָך מיין פּנים מיט לעבלעך וואַסער, און ניט פרעגנדיק מיך, נעמט זי איינשמירן די געפּלאַצטע הויט אויף מיין פּנים מיט אַ פּעטס וואָס קילט. איך מאַך צו די אויגן, דערמאָן זיך ווי פרומע ליבטשע האָט מיך צוגערעדט איך זאָל מיטנעמען מיינע ראַזיר־מכשירים. איך האָב ניט

געוואַלט, געמיינט אַז איך וועל זיך שוין קיינמאָל ניט ראַזירן... די רוסישע מיידל רייבט פּאַרזיכטיק מיט אירע פינגער מיינע באַקן, גלעט מיר אויס די אַנגעלאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן, ביז איך ווער פאַרשיכורט פון אירע פינגער. דער קאָפּ ווערט מיר שווער, די אויגן פאַרנעפּלט, די ליפּן ציטערן, און איך שטעל אונטער מיין געזיכט אונטער אירע הענט, ווי אונטער אַ פרילינגדיקן לייכטן רעגן געמישט מיט זון־שיין. ווי לאַנג איז שוין זינט אַ צאַרטע פרויען־האַנט האָט זיך ניט אַרויפגעלייגט אויף מיין שטערן, ווי לאַנג? און זי, גלייך זי וואָלט געפילט דעם ציטער פון מיינע הייסע ליפּן אויף אירע דלאָניעס, נעמט ניט אַוועק פון מיר אירע הענט און שמייכלט מיר אַריין אין די אויגן:

— ניע בעזפּאָקאָיטיעס, איך קוק דורכן פענצטער אויף אייער עשאַלאָן. ווען ער וועט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט, וועל איך אייך זאָגן. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען נאָך אויפן וואָקזאַל.

— איך האָב ניט געוואוסט אַז אין רוסלאַנד זיינען פרויען פּאַריקמאַכערקעס. ווי הייסט איר?

— קאַטיאַ, — ענטפערט זי נאָך אַ לאַנגן נאָכטראַכטן, ווי זי וואָלט אויסגעקליבן איינעם פון אַ צענדלינג נעמען, וואָס זיינען מיר געקומען אויפן זינען. איך פרעג צי זי איז אַ געבוירענע אין קורסק און צי זי האָט אַ חתן. די מיידל ווישט מיך אָרום מיט אַ האַנטעך, נעמט אַראָפּ פון מיין האַלדז דעם ליילעך און ענטפערט מיר אומגערן, אַז ביי דער אַרבעט איז זיי פאַרבאָטן צו ריידן וועגן זייטיקע זאַכן. איך זע אַז די אַנדערע מיידלעך אין די ווייסע כאַלאַטן שמועסן מיט זייערע קליענטן גאַנץ פריי, פאַרשטיי איך אַז זי האָט מורא צו ריידן מיט מיר, ווייל איך בין אַ זאַפּאַדניק. איך גיי אַראָפּ פון שטול און גיב איר צוויי טשערוואָנצעס. זי האַלט אַ רגע דאָס פּאַפּיר־געלט ביי די ברעגן מיט אירע דינע שפּיץ־פינגער, ווי זי וואָלט זיך געקווענקלט צי זי מעג עס אָנרירן:

— איר גיט צו פיל, — זאָגט זי שטיל, — ס׳וועט אייך ניט אויספעלן אין וועג?

— ניין, אַ דאַנק. — און איך גיי אַרויס. אינדרויסן דערזע איך דורכן פענצטער, אַז אויף מיין אָרט זיצט שוין אַן אַנדערער און זי שמייכלט צו אים פּונקט אַזוי ווי פריער צו מיר. אָבער די אויגן האַלט זי אַראָפּגעלאָזט, ווי זי וואָלט נאָכגעקלערט וועגן מיר. אַזוי דאַכט זיך מיר — און איך צעלאַך זיך מיט אַ וויטיק אין האַרצן: איך מוז שוין זיין זייער עלנט, אויב איך האָב אַזעלכע מחשבות.

איך קריג צו קויפן אַ קרענצל האַרטע פּראַניקעס, באַשאַטן מיט

צוקער־פּודער, און נעם עס גלייך גריזשען. איך דערהער אַ יאָמערלעך מאַנסבילש געוויין און דער האַרטער ביסן בלייבט מיר שטעקן אין קעל. אַ ברייט־פּלייציקער געזונטער ייד שטייט אַרומגערינגלט פון מיליציאָנערן, און רייסט זיך מיט ביידע הענט די געדיכטע טשופּרינע פון אונטער דעם אַרויפגערוקטן דאַשעק. מען האָט ביי אים אַרויסגעגנבעט דאָס געלט אינאיינעם מיטן פּאַספּאָרט. לעבן אים שטייט זיין ווייב און שרייט צו אים מיט ווילדן כעס און פאַרצווייפלונג, ווי ער וואָלט זי אָפּגענאַרט, אומגליקלעך געמאַכט אויף אייביק:

— וואו איז דיין פּאַספּאָרט? זוך! זוך! זוך!

— איך האָב געזוכט, געזוכט, ניטאָ מיין פּאַספּאָרט, ניטאָ, — קנייפּט זיך דער ייד אויס מיט די נעגל שטיקער פלייש פון די באַקן, און וויינט פאַר די מיליציאָנערן, ווי ער וואָלט זיי געבעטן זיי זאָלן אים באַשיצן פון זיין אייגן ווייב, — טאָוואַרישטשי, פּאָמאָגיטיע! העלפט מיר געפינען דעם גנב. זאָל ער צונעמען דאָס געלט, נאָר דעם פּאַספּאָרט זאָל ער מיר אָפּגעבן, דעם פּאַספּאָרט!

די מיליציאָנערן שטייען שווייגן מיט אַ האַרטן גלאַנץ אין די אויגן. איך ווייס ניט, טראַכטן זיי פון דעם גנב וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט אַ מענטשן, אָדער זיי איז דערווידער דער ייד וואָס פּלאָנכעט ווי אַ באָבע. ס'צעפּייפּט זיך דער לאָקאָמאָטיוו. איך גיב זיך אַ יאָג צו מיין פּלאַטפאָרמע מיטן קרענצל פּראַניקעס אין איין האַנט, און מיט דער צווייטער האַלט איך צו דעם בוזעם־טאַש, וואו עס ליגט מיין פּאַספּאָרט.

ס'איז ערשט נאָך האַלבן טאָג. אונדזער עשאַלאָן שלענגלט זיך און דרייט זיך אויפן וועג קיין וואָראָניעזש. די זון שיט מיט פייער, אין די אינגעווייד ברענט אַ קעסל, און עפנט מען דאָס מויל אַרויסצואָטעמען די היץ, אָטעמט מען אַריין נאָך מער פייער. די שטראַלן שטעכן מיט גליאיקע שפּיזן, טרינקען אויס דאָס בלוט פון די אָדערן, און גיסן אָן די גלידער מיט סמאָלע, מיט געלן פיבער. דער געזאָלצענער שווייס רינט איבערן פּנים, קייקלט זיך אַראָפּ אויף דער ברוסט, איטלעכער שווייס־טראָפּן קלעפּט זיך איין אין די האָר אויפן האַרצן ווי אַ שטיק פּעך. די שטויביקע טרוקנקייט לייגט זיך אין די מויל־ווינקלען, צווישן די ציין און אונטערן גומען ליגט זאַמד, די הויט שיילט זיך, פּלאַצט, און דאָס אָפּגעשוונדענע לייב טריפט ווי אַ רויע וואונד. קערפּערס דרייען זיך צונויף, קייקלען זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, געפינען זיך ניט קיין אָרט. דער הימל איז צעגאָסענער מעש, אויף די אַרומיקע שטחים באַוועגט זיך ניט

קיין אין געוויקס, עס פליט ניט דורך קיין פויגל, און די קורצע שאָטנס פון דיביימער וויקלען זיך אַרום די שטאַמען, ווי אויך די שאָטנס וואָלטן געזוכט אַ באַהעלטעניש פון דער היץ.

די באַן בלייבט שטיין אינמיטן פעלד, ניט ווייט פון אַ בלעטער־וואַלד, די עוואַקואירטע זאָלן אַנשניידן צווייגן צו פאַרשטעלן די פּלאַט־פאָרמען פון דער זון. אָבער די עשאַלאָנען, וואָס זיינען דאָ פאַרבייגעפאָרן פריער, האָבן שוין אַרומגעשניטן די צווייגן פון די פאָדערשטע ביימער־רייען. בלויז אויף די שפּיצן זיינען געבליבן בלעטער־קרוינען, וואָס קוקן אַרונטער פאַרטרויערט אויף זייערע נאַקעטע שטאַמען. גייען מיר טיפער אין וואַלד, צעשיטן זיך אין געדיכטעניש, און באַלד דערהערט זיך אַ טרוקענע קנאַקעריי פון צווייגן. איך נעם ברעכן אַ הויכע שלאַנקע אָסינע. אירע בלעטער, רונדלעכע, גלאַטע, געציינדלט ביי די ראַנדן, ציטערן און וויברירן אַן אויפהער, ווי זון שטראַלן. איך וואַרף אַן אַ שטויס צווייגן, הייב זיי אויף און וויל שוין צוריקגיין צום עשאַלאָן — בלייב איך שטיין אַ געפּלעפּטער פון דער פאַרטייעטער שטילקייט.

דער וואַלד האָרכט זיך צו אַ פאַרטיפטער אין שווייגן, אַ פאַרטראַכטער און פאַרוואונדערטער, ווי ער וואָלט ניט געגלייבט אַז מען מאַכט אים חרוב. די ציטערנדיקע בלעטלעך אויף די אָפּגעבראָכענע צווייגן, וואָס איך טראָג אויף די הענט, פילן מיך אַן מיט שוידער, ווי זיי וואָלטן געווען סודותדיקע לעבעדיקע ברואים אַרויסגענומען פון ים־טיפעניש. ערגעץ־וואו אין גראָז־געדיכטעניש טוט זיך עמעצער אַ ריר, ווי איינער, אַ פאַר־וואַקסענער מיט מאָך, וואָלט אויפגעשטאַנען פון זיין לאַנג־יאָריקן שלאָף. איך הייב אויף די אויגן און דערזע ווי אונטער אַ געפלעכט פון הויכע ביימער גייט אויף אַ טונקעלער שמאָלער סטעזשקע אַ קליינוואוקסיקע באָרוועסע פרוי מיט די שיך אין די הענט. זי קוקט זיך כסדר אום אומרואיק און שמייכלט פאַרגאַפט, ווי זי וואָלט זיך אי געפרייט און אי געשראָקן, וואָס זי האָט פאַרבלאָנדזשעט. איך קוק אויף איר מיט אויפ־געריסענע אויגן, מיט אַן אָפּגעשטעלט האַרץ, איך ווייס אַז איך טאָר ניט אַרויסלאָזן קיין פּיפּס, זי זאָל זיך ניט דערשרעקן. מיטאַמאָל טוט זי אַ דריי אויס צו מיר איר פּנים — און ווערט ניט. אויף דער סטעזשקע איז קיינער ניטאָ, קיינער ניט.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט אַז דאָרט גייט די מאַמע.

איך נעם אַריין דעם פּאַק צווייגן פעסטער אין די אָרעמס און גיי צוריק צום עשאַלאָן. אינאיינעם מיט מיינע שכנים פאַררוק איך די צווייגן אין די שפּאַלטן פון די ברעטער אַרום אונדזער פּלאַטפאָרמע, בייג אויס די שפּיצן אין דער הייך, פלעכט זיי צוזאַמען, און ווען אונדזער עשאַלאָן רירט זיך אין וועג — פאָרט אַ וואַלד.

איך באַגראָב זיך אין מיין ווינקל אונטערן שאָטן פון די בלעטער און טראַכט פון מיין גרויער טייבעלע. זי איז איצט געקומען צו מיר אַזוי אומגעריכט ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק גלייך נאָך מיין חתונה מיט פרומע ליבטשען. מיר האָבן זיך דעמאָלט ביידע אַרויסגעקליבן אין אַ דערפל ביי רעקוין. דאָרט וואו איך האָב פרומע ליבטשען איבערגעלאָזט, ווען מיר זיינען אַנטלאָפן פון ווילנע אויפן צווייטן טאָג פון דער מלחמה, דאָרט זיינען מיר ביידע, אין ערשטן זומער נאָך אונדזער חתונה, גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן אין וואַלד, געפּליושקעט זיך אין פלאַכן טייכל, און מיט־געגאַנגען מיטן באַלעבאָס פון אונדזער כאַטע קאָסיען דאָס גראָז אויף זיינע לאָנקעס. איטלעך מאָל ווען אונדזער באַלעבאָס איז געפאָרן אין שטאָט, איז ער צוגעפאָרן צו דער מאַמען, און אונדז געבראַכט פון איר אַ פּעקל פרוכט מיט זיסוואַרג. ווען די ווילדער האָבן זיך באַדעקט מיט דעם פרי־האַרבסטיקן לילאָוון ווזאָזש, פלעג איך אַרומקריכן אין געדיכ־טעניש, ווייט פון אונדזער דאָרף, זוכן באָראַוויקעס. איינמאָל האָב איך אויף דער שמאָלער וואַלד־סטעזשקע דערזען די מאַמע גיין אַ באָרוועסע מיט די שיך אין די הענט. זי האָט צוויי וואָכן ניט געהאַט געהערט פון אונדז, אונדזער פויער איז צוליב דער אַרבעט אויפן פעלד ניט געפאָרן אין שטאָט, האָט זי איבערגעלאָזט אירע קאָשיקעס און איז מיטן אויטאָבוס געקומען ביז רעקוין. אין רעקוין איז זי אַריין צו אַ יידן, זיך אויסגעפרעגט אויף אונדזער דאָרף, און זיך געלאָזט דורכן וואַלד אויפן אָנגעוויזענעם וועג. זי האָט אויסגעטאָן די שיך מיט די זאָקן און איז זיך געגאַנגען באָרוועס ווי אַ ישובניצע אויף דער גראָזיקער סאַמעט־ווייכער סטעזשקע, געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט.

— הלוואי העלפט מיר דער אייבערשטער איך זאָל קענען וואוינען אויף אַ ישוב, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — אַז מען וואוינט אויפן ישוב, קען מען זיך אַרויסכאַפּן באָרוועס, ווי חוה אין גן־עדן. אין שטאָט מוז איך מיט מיינע פלאַכע שיכלעך אַרומלויפן איבער די קרומע שפּיציקע ברוק־שטיינער.

און ווען איך האָב זי געפרעגט ווי אַזוי האָט זי עס געפועלט ביי זיך צו גיין אַליין דורך אַן אומבאַקאַנטן וואַלד, זי האָט דאָך געקענט אָפּבלאָנדזשען אַ גאַנצן טאָג, האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ געלעכטערל:

— איך בין ניט געווען אויף אייער חתונה אין וואַרשע, וויל איך האָבן דעם נחת צו זען אייך אינאיינעם איצטער. ס׳איז דאָך אייער האָניק־חודש.

ווען פרומע ליבטשע האָט אונדז ביידן דערזען אָנקומען פון וואַלד, איז איר פּנים געוואָרן ראָז און אירע אויערן־לעפלעך האָבן גענומען ברענען, ווי בעת זי איז געוואָרן מיין כלה און איז צום ערשטן מאָל

געקומען אין אונדזער קוזיניע־שטיבל צום פּריטיק־צונאַכטיקן עסן. אָבער מער ווי איין שעה האָט די מאַמע ביי אונדז בשום אופן ניט געוואָלט בלייבן. אַז איך בין צו איר צוגעשטאַנען, האָט זי מיר געענטפערט מיט כעס:

— דיינע קינדער וועסטו לערנען, ניט מיך. מיין סחורה איז אַ געבאַרגטע און ביז פאַרנאַכט וועט זי אין אַזוינע היצן פאַרוויאַנעט ווערן. האָסט אַ ווייב, טאָ פריי זיך מיט איר. פאַר מיר איז גענוג אַז איך זע אייך, אַ דאַנק גאָט, געזונט.

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט און פּרייכט אָ פאַרמאַטערטער איבער די רוסישע ברייטן. וואָס ווייטער אויף מזרח, ווערן די וועלדער אַלץ זעלטענער און די סטעפּעס גרעסער. עס פאַלט צו דער פאַרנאַכט, דער הימל באַדעקט זיך מיט כמאַרעס, און די שטראַלן פון דער שקיעה קריכן דורך די וואָלקנס ווי אַ ראַק מיט רויטע פיס אין וואַסער. פון סטעפּ בלאָזט אַ ווינט, צעשויבערט די צונויפגעפּלאָנטענע צווייגן איבער מיין קאָפּ, און די אָסינע־בלעטער, וואָס האָבן מיט עטלעכע שעה צוריק נאָך וויברירט לעבעדיקע, שאָקלען זיך איצט ווי געהאַנגענע. דאָס לייב, אָנגעגליט פון דער ביי־טאָגיקער היץ, ווערט אויף גיך אָפּגעקילט. איך קאָרטשע זיך צוזאַמען דורכגעציטערט פון קעלט, פאַרשליס די אויגן, און אין האַלב־וואַכיקן דרימל דערזע איך ווידער די מאַמע, ווי זי וואָלט מיטגעשוועבט פון קורסקער וואַלד אינאיינעם מיט די אָפּגעבראָכענע צווייגן. איך וויל זי אַ רוף טאָן, זי אַרומנעמען און דערוואַרעמען, נאָר איך האָב ניט קיין קול. איך וויל אַראָפּשפּרינגען פון עשאַלאָן און איר נאָכלויפן, נאָר די שאָטנס, וואָס פאַלן פון די צווייגן איבער מיין קאָפּ, בינדן מיך ווי שטריק. איך ווייס אַז איך חלום — און קען זיך ניט אויפכאַפּן. איך זע זי גיין, אַ קליינינקע און איינגעשרומפּענע, דורך די פינצטערע קורסקער וועלדער צוריק קיין ווילנע, אַקוראַט ווי דעמאָלט ווען זי איז צו אונדז געקומען אויף אַ שעה צו גאַסט און זיך באַלד צוריקגעאיילט צו איר געבאָרגטער סחורה; זי גייט און קוקט זיך ניט אום אַהינטער, כאָטש זי ווייס אַז איך קוק איר נאָך. און דער ווינט אין די בלעטער איבער מיין קאָפּ שאָרכעט און מורמלט מיט אַ מענטשלעך קול, מיט מיין מאַמעס קול: אָרעמע צוויי־געלעך, מען האָט אייך אָפּגעבראָכן פון אייער שטאַם און איצט וואָגלט איר איבער פרעמדע וועלטן, אָרעמע אָפּגעבראָכענע צוויגעלעך — — —

# אַ נאַכט ביי דער וואָלגע

אין קאָלכאָז „קראַסנאָיע זנאַמיאַ“, ביי דער סטאַנציע קיסטענדיי אין סאַראַטאָווער אָבלאַסט, האָב איך געאַרבעט פון אינמיטן זומער ביז אין האַרבסט ביים שניידן דעם קאָרן און בינדן די סנאָפּעס. די יוגנט איז אַוועק אויפן פראָנט און עס האָבן אויסגעפעלט הענט אַראָפּצונעמען דעם שניט. די טעג זיינען געוואָרן קורץ, די אָוונטן לאַנג, דער רעגן האָט צעווייקט דעם שוואַרץ־ערדיקן פעטן באָדן, און דאָס ברויט האָט געפוילט אויף די פעלדער, אַ טייל אין די סנאָפּעס און אַ טייל אין דעם נאָך ניט־אָפּגעשניטענעם קאָרן. פאַרביי אונדזערע פעלדער זיינען באַנען מיט פאַרוואונדעטע געגאַנגען צוריק פון פראָנט. אָפטמאָל האָבן זיך די באַנען אָפּגעשטעלט און מען האָט אַראָפּגעטראָגן אויפן דאָרפישן בית־עולם די רויט־אַרמייער, וואָס זיינען געשטאָרבן אונטערוועגנס. די געזינטערע סאָלדאַטן האָבן געלאָכט צו די דאָרפישע מיידלעך, זיי געוואָרפן שטיקער ברויט און געשריען צו די עלטערע קאָלכאָזניקעס: נעמט אַראָפּ דעם אוראָזשאַי! דער פאַרזיצער פון קיסטענדייער גאָר־איספּאָלקאָם איז צו אונדז אַראָפּגעקומען און גערעדט מיט גוטן: רעביאַטאַ, העלפט! ס'איז מלחמה. ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיך דער זאַווכאָז געוואָרפן אויף די פויערים מיט די פויסטן: הינטישע זין! אויב איר וועט ניט מאַכן צו צוויי טרודאָ־דני אין איין טאָג, וועט איר ביי מיר אַ גאַנצן ווינטער פגרן פון הונגער. האָבן מיר געאַרבעט פון פינצטער ביז פינצטער ביים שיין פון לאָמפּן. בלויז ווען דער הויכער וואַסיל, וואָס איז העכער פון זיין פערד, האָט זיך צעשריען: זאַקורים! האָבן מיר געוואָרפן די אַרבעט אויף פופצן מינוט און אָפּגערוט ביים רייכערן. ביים עסן האָט מען געטיילט שוואַרץ ברויט — זויער, קוואַטשיק, מער וואַסער ווי מעל — און אַמאָל אויך פלייש, פאַרהאַרטעוועטע שטיקלעך און ביינער. די פויערטעס האָבן געכאַפּט די צוגעוואָרפענע שטיין־האַרטע שטיקלעך פלייש מיט אַ פרייַלעך־קוויטשיקן געלעכטער, עס געגריזשעט זשעדנע און זיך אָזש באַלעקט.

געשלאָפן בין איך אויף אַ שטרויענעם געלעגער אין דער דאָרפֿי־שער שול, וואו אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ שטיק לייוונט מיט אַן אויסגעניייטן אויפשריפט: „אַ דאַנק דעם חבר סטאַלין פאַר אונדזער גליקלעך לעבן!״ אין די נעכט, ווען דער שטורעם האָט ניט געבושעוועט, האָב איך געהערט ווי די עשאַלאָנען רודערן פאַרביי די קאָלכאָז־פעלדער, רודערן, רודערן אָן אויפהער, און די לאָקאָמאָטיוו־סירענעס וואָיען מיטן געוואָי פון די נייע פליטים־מחנות. איך האָב גענומען פיבערן פון בענק־שאַפט אויפסניי צו וואָגלען.

דער קאָלכאָז האָט מיך באַפרייט, מיר באַצאָלט פאַר מיינע אַרבעטס־טעג מיט געטריקנטע פרוכטן, מיט אַ פאָר באַנקעס האָניק און צוויי לאַבנס ברויט. מיטן אָנגעפאַקטן רוק־זאַק אויף דער פלייצע בין איך אַוועק קיין קיסטענדיי אָפּוואַרטן אַן עשאַלאָן. אויף דער סטאַנציע האָבן איך געוואַרט קאָלכאָזניקעס, מאָביליזירטע אין דער אַרמיי. עס האָבן זיי באַגלייט פרויען, מאַמעס און קינדער. די פאַרוויינטע פויערטעס האָבן כסדר איבערגעצלמט זייערע מענער און זין, גאָט זאָל זיי היטן. די פויערים זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, אַראָפּגעלאָזטע הענט, און גע־מורמלט אומצופרידן וואָס די באַבעס באַקלאָגן זיי. מיך האָט קיינער ניט באַגלייט. אָבער אויך אין מיין זכרון איז געבליבן איינגעקריצט אַ קרייץ — דער קרייץ פון דער צעשטערטער דאָרפישער צערקווע. דער צלם, אַן אָפּגעבראָכענער און פאַרזשאַוועטער, איז געווען איינגעפלאָכטן אין אייזערנעם בריקל איבערן טייכל אין קאָלכאָז קראַסנאָיע זנאַמיאַ, און יעדן טאָג, ווען איך בין געגאַנגען צו דער אַרבעט אויף די ברויט־פעל־דער, האָב איך אים געזען.

איך בין אַרויפגעשפרונגען אויף דעם ערשטן טאָוואַרנעם צוג, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אָנגעגרוזעוועט מיט ברוכוואַרג, און זיך איינגע־גראָבן צווישן אייזן־שטיקער. דער קאָנדוקטאָר, צוגעוואוינט צו אַזעלכע ניט־געבעטענע געסט, האָט מיר אַריינגעלויכטן אין פנים מיט זיין טאַש־לאָמפּ, און ביי דעם נאָענטסטן אָפּשטעל אַראָפּגעטריבן. בין איך גלייך אַרויפגעשפרונגען אויף אַן אַנדער פלאַטפאָרמע פון זעלבן צוג און גע־פאָרן וויטער, ביז איך בין אויף אַ סטאַנציע מיט אַ באַן־קנופּ אַריבער אין אַן עשאַלאָן און זיך צונויפגעגאָסן מיט די נייע כוואַליעס בעזשענצעס, יידן פון אוקריינע און בעסאַראַביע.

איך געפין זיך אין אַ וואַגאָן אינאיינעם מיט אַ גרופּע יידן פון קאָנאָטאָפּ. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן זע איך די יידישע אוקריינע: יידן ברייט־פלייציקע, שוואַרץ־אויגיקע, מיט טשופּרינעס ווי שטיקער פעך. אויך זייערע ווייבער זיינען פליישיקע יידענעס, שווער־לייביקע, מיט פנימער ווי אויפגעגאַנגענער טייג. זי פאָרן משפחותוויז און

פירן אַ סך פעק, זיי האָבן באַוויזן מיטצונעמען בעטגעוואַנט, קליידער און עסנוואַרג. ווען זיי שטופּן זיך אין די רייען פאַר הייס וואַסער, ברויט און פּאַפּיראָסן, שרייען זיי: מי סאָוועטסקיע ליודי! נאָר צווישן זיך זיינען זיי גוטמוטיק־צעבייזערטע פּראָסטלעכע יידן. עס שמעקט נאָך פון זיי מיט ווינט און סטעפּ, מיט אַמאָליקע קרעטשמעס און שענקען, מיט דער גבורה פון שטעטלשע הענדלער, מיטן וואַרעמען מיסט פון ישובניקעס וואָס פאָרען זיך ביי בהמות אין שטאַלן, מיט גרינס און מילכוואַרג. די ווייבער קריגן זיך אויף רוסיש מיט אַ יידישן ניגון, ווי זיי וואָלטן עס אַרויסגעזונגען פון טייטש־חומש, און די מאַנסבילן וואַרפן פון צייט צו צייט אַריין אַ לשון־קודש־וואָרט מיט דער פאַרגרייזטער עברי פון פאַר־געסענעם חדר.

מיט מיר, דעם זאַפּאַדניק, האַלטן זיי זיך פון דער ווייטן. דער איינ־ציקער וואָס חברט זיך מיט מיר איז לעוו קאָגאַן. ער טראָגט אַ כאַקי־רובאַשקע מיט אַ לעדערנעם פּאַס און שווער־געפּאָדקעוועטע שטיוול. ער איז נידעריק געוואַקסן, מיט זייער ברייטע אַקסל, אַ קורצן האַלדז, מיט אַ גרויסן נאַקעטן קאָפּ און אַ קאַנטיק־האַרטער גאָמבע ווי אַן אָפּגעשלייפטער שטיין, מיט אַ גרויסן מויל־שניט, ווי אַ געבוירענער אָראַטאָר, אַ מאַ־סאָוויק. ער איז דער סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין קאָנאָטאָפּ.

אָבער גראָד ער איז אַ דערשלאָגן שטיל מענטשל, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צייט אָן אַ זייט פון די קאָנאָטאָפּער יידן, און אויך זיי האַלטן זיך פון אים אָפּגערוקט מיט מורא און דרך־ארץ. ווען עמעצער פון מיינע שכנים פאַרפירט מיט מיר אַ קריג צוליב אַ ווינקל, אָדער וויל איך רוק אָפּ די טיר פון דער טעפּלושקע, עס זאָל אַריין פרישע לופט, איז לעוו קאָגאַן שטענדיק אויף מיין זייט. ער וואַרפט אַ בייזן בליק אויף דעם בעזשענעץ, וואָס קריגט זיך מיט מיר, טוט שאַרף און קורץ אַ זאָג: איך הייס אַזוי! און יענער טרעט גלייך אָפּ.

לעוו קאָגאַן איז אָן גרויסע פּעק און אָן אַ משפּחה. ער דערציילט מיר, אַז זיין ווייב מיט זיינע צוויי קינדער זיינען געבליבן אין קאָנאָטאָפּ. זיין ווייב האָט בשום אופן ניט געוואָלט מיטפאָרן, ווייל זי גלייבט ניט אין דעם וואָס מען דערציילט וועגן די דייטשישע רציחות קעגן יידן. איז אַזוי ווי איך בין אַ זאַפּאַדניק, וויל ער איך זאָל אים זאָגן צי אַלץ וואָס מען דערציילט וועגן דייטש איז אמת.

— פאַרוואָס גלייבט ניט אייער ווייב אין די דייטשישע רציחות? — פרעג איך.

ער ענטפערט ניט, זיפצט, און פרעגט ווידער דאָס זעלבע צי ס'איז אמת. דערצייל איך אים פון איין פאַל וואָס איך האָב געהערט פון די

פוילישע פליטים אין ווילנע: ווען דער דייטש איז אַריין אין פוילן, האָט ער אין הרוביעשאָוו געכאַפּט פיר הונדערט יידן און זיי געטריבן קיין כעלם. אין כעלם האָט ער געכאַפּט פיר הונדערט יידן און זיי גע־טריבן קיין הרוביעשאָוו, און אויפן וועג האָט ער אַ העלפט פון ביידע מחנות אויסגעשאָסן.

— הייסט עס, אַז מיין ווייב איז דאָרט געבליבן אויף אַ זיכערן טויט, — נעמט ער שטיל שוידערן, — און מיינע קינדער אויך.

— ניין, ניין, קיין פרויען וועט ער ניט אומברענגען, איך האָב ניט געהערט, אַז דער דייטש זאָל אומגיין פון שטוב צו שטוב און אויסשיסן די פרויען, — נעם איך שרייען. אפשר די אינטעליגענץ, זאָג איך. אפשר די קענטיקע מענטשן, וואָס מען מסרט זיי, אַז זיי האָבן קעגן דייטש געפירט גרויל־פּראָפּאַגאַנדע.

— קיין מוסרים פעלן ניט, — מורמלט קאָגאַן, בלייבט אַ רגע אַנט־שוויגן, און אָטעמט דערנאָך אָפּ אַ ביסל פרייער, — אָבער פרויען און קינדער וועט ער ניט אומברענגען?

— ניין, ניין, סתם פרויען און קינדער גלייב איך ניט, בשום אופן ניט! וואָס האָט ער צו סתם פרויען און קינדער? — טרייסל איך זיך ווי אין אַ קדחת. איך דערציייל אים ווי אַזוי מיין ווייב איז געבליבן אונ־טערוועגנס ביי אַ באַקאַנטן פויער אין אַ דאָרף הינטער ווילנע. איז זאָל ער מיר זאָגן ווי מיינט ער: מיין ווייב האָט באַוויזן צוריקצוגיין אין שטאָט צו מיין מאַמען איידער דער דייטש איז אַריין? איך האָב נאָר מורא טאָמער איז זי געגאַנגען דורך דער שטאָט ווען אויף די גאַסן האָט זיך ניט געפונען קיין איין לעבעדיקער ווילנער איינוואוינער, נאָר דייטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע קאַסקעס און מאַשין־ביקסן אין די הענט. ווי מיינט ער?

— איך מיין אַז אייער ווייב האָט באַוויזן צוריקצוגייך אין שטאָט צו אייער מאַמען איידער דער דייטש איז אַריין, — זאָגט לעוו קאָגאַן ניט קוקנדיק אויף מיר, איך זאָל זיך ניט אָנשטויסן, אַז ער ענטפערט עס מיר כדי מיך צו באַרואיקן, — נאָר פאַר מענטשן פון דער פּאַרטיי, האַלט איר, איז געווען אַ געפאַר צו פאַרבלייבן?

— יאָ, פאַר פּאַרטיי־מענטשן איז אַ געפאַר, אָבער פאַר סתם פרויען און קינדער גלייב איך ניט. דאָס הייסט, אויך פאַר פרויען און קינדער איז דאָ אַ געפאַר, נאָר אַז דער דייטש זאָל אַרומגיין איבער די שטיבער זיי זוכן, גלייב איך ניט, — שריי איך צו אים מיט שרעק, מיט צאָרן און תחנונים, ווי איך וואָלט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל מיך ניט אויסטאָן מוטער־נאַקעט.

אונדזער עשאַלאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין סאַראַטאָוו, פאַרקערעוועט אויף צפון קיין פענזע. סאַראַטאָוו לאָזט אונדז ניט אַריין אויפן וואָקזאַל אויס מורא, אַז אַ טייל בעזשענצעס זאָלן ניט בלייבן אין דער שוין איבערגעפולטער שטאָט. אָבער אויך פענזע טרייבט אונדז אָפּ ווי אַ היישעריק. פאַרקערעווען מיר ווידער אויף מזרח און בלייבן שטיין איבער נאַכט צווישן סיזראַן און באַטראַקי אויף דער וואָלגע.

הינטער אונדז און פאַר אונדז, אויף דער זעלבער באַן־ליניע, שטייען נאָך עשאַלאָנען מיט בעזשענצעס, און אויף די אַנטקעגנדיקע רעלסן שטייט אַ לאַנגער מיליטערישער צוג מיט סאָלדאַטן וואָס גייען צום פראָנט. ס'איז אַן אויסגעלייטערטע האַרבסטיקע לבנה־נאַכט און די וואָלגע, אַ טונקל־בלויע און ברייט־צעגאָסענע, כוואַליעט רואיק אין גאָלד־געלבלעכן לבנה־שיין. אויפן וואַסער שטייען אומגעלומפּערט־גרויסע באַרקעס, עס הוידען זיך צוגעבונדענע רודער־שיפלעך, די ברעגן זיינען פאַרוואָלגערט מיט הילצערנע סקלאַדן, מיט נעצן, מיט אָנגעהויפטע קנופּן שטריק, האַקנס, אייזן, דראָט און ברעטער. די פרויען זיינען אַרונטער פון די טעפּלושקעס, אָנגעקליבן שפענער און צעלייגט פייערן, זיי קאָכן וועטשערע אין גרויסע טעפּ פאַר גאַנצע משפחות. די מאַנסבילן זיצן אַרום די שייטערן, רייכערן און שמועסן שטיל, געמיטלעך, ווי זיי וואָלטן געווען וואַנדערער אַלע זייערע יאָרן. אויך די בעזשענצעס פון אונדזער וואַגאָן זיינען אַרונטערגעקראָכן קאָכן נאַכט־עסן, בלויז איך און לעוו קאַגאַן זיינען געבליבן זיצן ביי דער טיר און קוקן אַרויס אינדרויסן. אַנטקעגן אונדז זיצן די סאָלדאַטן פון מיליטערישן צוג אויף די טרעפּלעך פון זייערע וואַגאָנען, אַ טייל אָן די שטיוול מיט ווייסע אָניטשעס אַרום די פיס. אַ פּאָר צענדלינג האָבן זיך אויסגעלייגט אויף אַ דערבייאיקן פעלד און זינגען. דער „זאַפּעוואַלע" פאַרציט אַ ליד:

איזוועלאַ מעניאַ קרוטשינאַ,
פאַדקאָלאָדנאַיאַ זמעיאַ —

און דער סאָלדאַטן־כאָר אַרום אים האַלט אים אונטער:

דאָגאָראַי, גאָרי, מאָיאַ לוטשינאַ,
דאָגאַריו ס'טאָבאָי אי יאַ.

דער זאַפּעוואַלע פאַרגייט זיך העכער, זיין קול ווערט אויסגעצויגן, קוויטשיק, און די סאָלדאַטן זינגען־מיט מיט פאַרטייעטן טרויער, מיט צעכראַסטעטן הפקר. מיר דאַכט זיך, אַז איך הער אין זייערע קולות די רוסיש־פאַרכמאַרעטע טויזנט־יאָריקע געדולדיקייט, די געוואוינטשאַפט אַריבערצוטראָגן ליידן, די רויִע גבורה אין גרויזאַמע שלאַכטן, און די

פאטאלע רואיקייט ביים גיין אין געפאנגענשאפט, ביים אויספאלן פון הונגער.

— מאקסים גארקיס בורלאקעס זיינען אין היינטיקן רוסלאנד מער ניטא, נאר די וואלגע איז נאך די זעלבע און עס שמעקט נאך אלץ פון איר מיט סטענקא ראזין, — רעדט צו מיר לעוו קאגאן ניט אראפנעמענדיק די אויגן פון מענטשן־געזעמל ארום די צעלייגטע פייערן, ווי ער וואלט פאר זיינע אויגן געזען זיין ווייב מיט די קינדער אין קאנאטאפ ביים היימישן פייער אויף דער פליטע. — וועליקאיא אטיעטשעסטווענאיא וואינא! די מלחמה קעגן נאפאלעאנען איז געווען די ערשטע נאציאנאלע מלחמה, און איצט, הייסט עס, איז די צווייטע, די גרויסע נאציאנאלע מלחמה. שוין ניט אין נאמען פון קאמוניזם און אלוועלטלעכן פראלעטאריאט, נאר אין נאמען פון מאטושקא ראסיא. — רעדט לעוו קאגאן מער צו זיך ווי צו מיר, מאכט דעם סך־הכל פון א לאנגן חשבון, — איז אויב מאטושקא ראסיא, טא צו וואס דארף מען איצט קאמוניסטן? האט מען אונדז טאקע פיינט, און אונדז, יידישע קאמוניסטן, נאך מער.

נאך א מינוט שווייגן פאנגט ער ווידער אן צו ריידן מיט אן ארונטערגעלאזטן קאפ און ציט אויס די ווערטער טרויעריק, ווי ער וואלט אריינגעפאלן אין טאן פון די סאלדאטן, וואס זינגען אויפן דערבייאיקן פעלד:

— איר האט געזאגט אז ווייבער און קינדער וועט ער ניט אנרירן. איך בין אין דעם ניט זיכער. אויב אפילו ער וועט ניט אומברענגען סתם פרויען און קינדער, וועט ער פרויען און קינדער פון קאמוניסטן ניט שאנעווען, באזונדערס יידישע. איך קען ווייטער ניט פארן. מיט יעדן טאג, מיט יעדער שעה וואס דער עשאלאן דערווייטערט זיך פון קאנאטאפ, רייסט זיך אפ אין מיר א שטיק הארץ. איך וועל בלייבן דא אין סיזראן, אדער צוריקפארן קיין פענזע און אפשר קיין סאראטאוו.

ער גייט אין דער טיף פון טונקעלן וואגאן, קומט גלייך צוריק מיט א קליין פעקל און זאגט מיר שטיל א גוטע נאכט. מיר איז א שאד ער זאל אוועקגיין, ער איז אין דער טעפלושקע דער איינציקער מיט וועמען איך האב זיך צונויפגעחברט. וויל איך ער זאל מיר זאגן פארן אוועקגיין כאטש איין זאך, בלויז איין זאך:

— ווי מיינט איר, מיין ווייב האט באוויזן צוריקצוגיין קיין ווילנע איידער דער דייטש איז אריין? און מיין מאמע? איך וועל נאך דערלעבן זי צו זען? מיין מאמע איז ניט קיין אלטע, ניט עלטער פון זעכציק יאר.

— איך ווייס ניט, — ענטפערט ער מיט א מיד קול, ווי ער וואלט זיך געקליבן צו גיין צו פוס ביז קאנאטאפ און איז שוין פארמאטערט פון געדאנק וועגן ווייטן וועג וואס ער וועט דארפן דורכמאכן, — איר האט

מיך געפרעגט פאַרוואָס מיין ווייב האָט ניט געגלייבט אַז די דייטשן באַ־גייען רציחות. וועל איך אייך זאָגן פאַרוואָס. זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט מען ביי אונדז כסדר גערעדט און געשריבן, אַז דער פאַשיזם וויל פאַרקנעכטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט, באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און אויסמאָרדן אַלע יידן. מיטאַמאָל איז צווישן מאָסקווע און בערלין געוואָרן שלום, און כאָטש אויף מערב איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען די מלחמה, האָט מען ביי אונדז אינגאַנצן אויפגעהערט צו שרייבן וועגן דעם ווי היטלער באַגייט זיך מיט אַרבעטער און יידן. ערשט ווען דער דייטש איז אויף אונדז אָנגעפאַלן, האָט מען ווידער גענומען ריידן וועגן זיינע רציחות. האָט מיין ווייב געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז ניט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע און ניט געוואָלט אַנטלויפן.

ער קריכט אַרונטער פון דער טעפּלושקע און לאָזט זיך גיין לענג אויס די וואַגאָנען צום עק פון אונדזער עשאַלאָן. איך בלייב זיצן ביי דער טיר אַליין, און הער זיך צו ווי די סאָלדאַטן זינגען. זייערע קולות גיסן זיך צונויף מיטן רואיקן גאַנג פון די כוואַליעס אין דער וואָלגע, מיט די פייערן אויף די שייטערן, און אויך איך נעם מיטזינגען אַ לידעלע, וואָס איך האָב געשעפּטשעט אין די פינצטערע נעכט אויף מיין שטרוי־ענעם געלעגער אין קאָלכאָז:

זי איז קליין, זי איז דאַר,
און גרייכט קוים צו מיין אַקסל,
נאָר זי איז אין איר צער
אַלעמען איבערגעוואַקסן.

אַ מאַמעלע, טייבעלע גרויע,
מיט אויגן פול שרעק און הכנעה,
אין ווינט און אין פינצטערניש ליג איך,
און דיך ווי אַן עופעלע וויג איך.

אויף מיין האַרץ ליגט איר קאָפּ.
איך וויש אָפּ אירע טרערן,
און זי ווישט אַראָפּ
דעם שוויס פון מיין שטערן.

איך הער פון דער וויטן איר קלאָגן:
— מיין זון, דו זאָלסט אַלץ איבערטראָגן.
איך צייל אויף איר פּנים די קאַרבן:
— זאָלסט, מאַמע, פון בענקשאַפט ניט שטאַרבן.

פון דער וואָלגע דערגרייכט צו מיר אַ ווייט אויסגעצויגן געשריי, איך זע ווי די מענטשן אַרום די שייטערן בייגן זיך אָן איינע צו די אַנדערע, פרעגן זיך עפּעס איבער, און דרייען אויס די קעפּ צום טייך. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער נעמען די מאַנסבילן פון מיין טעפּלושקע טראָגן צום וואַגאָן די הייסע טעפּ איינגעוויקלט אין טיכער, און די ווייבער גייען זיי נאָך מיט די קאָכלעפל אין די הענט. ווען זיי דערנעענטערן זיך צו דער טיר, דערהער איך זיי שמועסן צווישן זיך, אַז מענטשן, וואָס זיינען געלעגן אויפן סאַמע ברעג פון דער וואָלגע, האָבן עמעצן געזען זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער.

— לעוו קאַגאַן, — רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ געשריי, — לעוו קאַגאַן האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער.

די קאָנאָטאָפּער קוקן מיך אָן פאַרוואונדערט, נייגעריק, און פרעגן מיך פאַרוואָס מיר פּאַלט עפּעס איין, אַז דאָס איז געווען לעוו קאַגאַן. אַ צעטומלטער פון זייער גלייכגילטיקער רואיקייט, דערצייל איך זיי, אַז קאַגאַן האָט גענומען זיין פּעקל און איז אַוועקגעגאַנגען אין זייער אַ שלעכטער שטימונג.

— און איך האָב געמיינט, אַז ער האָט אייך געזאָגט אַז ער גייט זיך טרינקען, — פאַרקרימט זיך איינער מיט רוגזה, וואָס איך וויל אים פאַרשטערן די הנאה פון זאָט אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן.

— אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר שפּרינגט ניט אַזוי גיך אין וואַסער, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער און זאָגט אַרויס אַ השערה, אַז לעוו קאַגאַן וויל זיך ניט שלעפּן קיין צענטראַל אַזיע, ער וויל בלייבן אין איינער פון די גרויסע שטעט ביי דער וואָלגע. מיט זיין פּאַרטיי־בילעט וועט ער זיך לייכט איינאָרדענען.

— אונדזער פּאַרטיי־סעקרעטאַר קען גוט שווימען, איך האָב אים ניט איינמאָל געהערט רידן, — וויצלט זיך אַ דריטער און אַלע צעלאַכן זיך.

# קאַזאַכסטאַנער סטעפּ

ס׳איז שוין דער צווייטער טאָג ווי מיר פאָרן אויף דרום דורך די קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס. אונדזער לעצטער אָפּשטעל אויף צפון איז געווען טשקאַלאָוו, דאָרט, אויפן שוועל פון אַזיע, האָט מיך אַן אָרעמע רוסישע פּויערטע אָנגערופן „סינאָק״, זונעלע.

אויף אַ ליידיקער פּאָר באַן־רעלסן צווישן צוויי עשאַלאָנען איז האַסטיק און פריילעך אַריינגעפאָרן אַ פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געגאַנגען פון צענטראַל־אַזיע קיין טשעליאַבינסק און סווערדלאָווסק. דער פּאַסאַזשיר־צוג איז אין איין מינוט באַלאַגערט געוואָרן פון טשקאַלאָווער פרויען, ווינטערדיק־פאַרקוטעט אין פאַטשיילעס און אין הויכע וואַליקעס. זיי האָבן געטראָגן אויף די אויסגעשטרעקטע דלאָניעס שטיקער געזאַלצענע סאַלע, שטיקער פּוטער, אָדער אַ צענדלינג אייער אין אַ קערבעלע: סאָל, סאָל, סאָל! — האָבן זיי אַריינגעשריען אין די פענצטער פון פּאַסאַזשיר־צוג. פון צוג זיינען אַרויסגעקומען נאַטשאַלניקעס, האַלב מיליטעריש אָנגעטאָן, מיט זעקלעך זאַלץ אין די הענט, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בייטעניש, אַ דינגעניש. די פרויען האָבן אָנגעבאָטן פלייש, שמאַלץ און מילכוואַרג פאַר זאַלץ, און די אָנגעפּאָרענע הויכע באַאַמטע האָבן פאַר־זיכטיק אַרומגעטאַפּט די אָנגעבאָטענע סחורה.

אַנטקעגן אונדזער טעפּלושקע איז פון פּאַסאַזשיר־צוג אַרונטער־געקראָכן, מיט אַ האַלבן זעקל זאַלץ אין דער האַנט, אַ רוס מיט אַ גרויס קיילעכדיק און גוטמוטיק פּנים. פון וואַגאָן־פענצטער איבער אים האָט אַרויסגעקוקט אַ פרוי מיט פולע ראָזע באַקן, מיט העל־בלויע אויגן און אָנגעשמירטע ליפּן. אַן עלטערע פּויערטע האָט זיך צוגעשטופּט צום פּאַסאַזשיר און אים הכנעהדיק דערלאַנגט אַ שטיק פּוטער אין אַ לייוונטן טיכל. יענער האָט עס מיט אַ שמייכל אויפן פּנים איבערגעגעבן אויף מבינות דער פרוי, וואָס האָט אַרויסגערוקט פון וואַגאָן־פענצטער אירע ביידע הענט ביז צו די נאַקעטע ווייסע אויסגעוואָרעמטע עלנבויגנס. זי האָט לאַנג באַשמעקט און באַטאַפּט דאָס שטיק פּוטער און איז געבליבן

ניט צופרידן. די פויערטע, אַ דערשראָקענע וואָס איר סחורה געפעלט ניט, איז צוגעפאַלן צום רוס מיט געבעט און געוויין, אים געבענטשט און זיין ווייב געבענטשט, ביז זי האָט פון אים אַרויסגעקראָגן דאָס האַלבע זעקל זאַלץ. מיטן אוצר אין בײדע הענט האָט זיך די פויערטע אַ וואָרף געטאָן צו אונדזער טעפּלושקע און גענומען שרייען: סאַכאַר! איזיום! קישמיש! סאַכאַר, סאַכאַר! — האָט זי געקלאָגט ווי פון געוואוינטשאַפט, אָן גלויבן אַז זי וועט ביי אונדז עפּעס קריגן, וואָרום קיינע פון די הענדלערקעס האָט זיך צום עשאַלאָן פון די בעזשענצעס ניט דערנעענטערט.

— און מיט וואָס וועסטו באַצאָלן פאַרן צוקער? — האָט מיינער אַ שכן געלאַסן אַ פרעג געטאָן.

— מיט געלט. וויפל דו וועסט הייסן, אַזוי פיל וועל איך באַצאָלן, — האָט די פויערטע אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד דאָס האַלבע זעקל זאַלץ און גענומען אַרויסשלעפּן פון בוזעם אַ פּאַק פּאַפּיר־געלט.

מיינע אוקריינער מיטוואַנדערער, די קאָנאָטאָפּער יידן, האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין מיין רוק־זאַק האָב איך נאָך ליגן אין אַ פּאַפּירן זעקל דעם מעל־צוקער, וואו דער זאַוואָד־אַרבעטער האָט געטונקט זיינע ברודיקע פינגער. פון כעס און עקל צום זאַוואָד־אַרבעטער וואָס האָט פּראָוואָצירט מען זאָל דערשיסן דעם דוראַטשאָק, האָב איך זיך די גאַנצע צייט צום איבערגעבליבענעם צוקער ניט צוגערירט, נאָר ס'איז מיר אויך געווען אַ שאָד עס אַרויסצוואַרפן. האָב איך אויף גיך אויפגעשנורעוועט דעם רוק־זאַק, אַרויסגענומען דעם צוקער און דערלאַנגט דער אַלטיטשקער:

— סקאָלקאָ, — האָט זי אָן אָטעם אַ פרעג געטאָן, גרייט צו ציילן געלט. אָבער מיר איז פון מיינע אַכט הונדערט רובל, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך ווען איך בין אַרויס פון ווילנע, נאָך געבליבן איבער פינף הונדערט. אין קאָלכאָז איז מיר קיין געלט ניט אַוועק. איז ביי מיר ניט געווען קיין קרן אַרויסצורייסן ביי איר אַ פּאָר צענדלינג רובל:

— וואַזמי סטאַרושקאַ, — האָב איך געענטפערט.

— סינאָק, סינאָק, — האָט זי מיר גענומען קושן די הענט; און ווען אונדזער עשאַלאָן האָט זיך פלוצים אַ ריר געטאָן פון אָרט, איז זי נאָך געבליבן שטיין און מיר נאָכגעשריען, — סינאָק, סינאָק...

— ס'איז הא לחמא עניא, — האָט צו מיר אַ מורמל געטאָן אַן אָדערדיקער שוואַרץ־אַרומגעוואַקסענער ייד, אַ געוועזענער פאַרוואַלטער פון אַ קאָנאָטאָפּער שפּייז־מאַגאַזין. ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז פון די יידן וואָס דאַווענען נאָך, און אַז ביים פּאַקן זיך אין וועג, האָט ער ניט פאַרגעסן מיטצונעמען דעם טלית.

דער עשאַלאָן יאָגט אָן אָפּשטעל דורך די אָן־סופיקע שטחים, באַ־
וואַקסענע מיט אַ ברייט־צעבלעטערטן קרויט־גראָז, און שטעלט זיך אָפּ
בלויז ווען־ניט־ווען אינמיטן פעלד. הונגעריקע סטעפּ־הינט מיט דאַרע
אַרויסגעזעצטע ריפּן ווערן ניט מיד פון נאָכלויפן דעם עשאַלאָן. די סטעפּ־
הינט וואָיען ניט, בילן ניט, נאָר לויפן פאַרסאָפּעטע און שטשירען מיט
די ציין אַנטקעגן די אָפענע טעפּלושקעס, מען זאָל זיי אַרויסוואַרפן אַ
שטיקל פאַרדאַרט ברויט, אַ טרוקענעם ביין. אויף די סלופּעס פון די
טעלעגראַפן־דראָטן זיצן אויפגעפּעדערטע רויב־פייגל מרה־שחורהדיק־פאַר־
גולמטע, ווי די בעזשענצעס פאַרזונקענע אין זייערע טרויעריקע מחשבות.
מיטאַמאָל גיט זיך אַ שפּאַרבער אַ ריס אַרויס פון זיין פאַרגליווערטקייט,
טוט בלוטיק אַ בלינצל מיט די אויגן און שיסט אַרויף אין הימל. ער
קנאַקט טרוקן מיט די פליגל, דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער,
בלייבט אַ רגע הענגען אויף זיינע אויסגעשפּרייטע אָנגעשפּאַנטע פליגל, און
נעמט פּלוצים אַרונטערזינקען ווי אַ שטיין אין אַ גלייכער ליניע ערגעץ
ווייט אויפן האָריזאָנט.

אויף די אַנדערע פּאָר רעלסן, וואָס לויפן אַנטקעגן אונדזערע, אַרבעטן
קאַזאַכישע פרויען מיט לאָמען, רידלען און האַמערס ביים פאַרריכטן די
באַן־שוועלן. זיי זיינען אָנגעטאָן אין אויסגעריבענע מאַנסבילשע מלבושים,
אין פאַרפּעטסטע הויזן און אין געלאַטעטע רעקלעך. אַפילו אויף זייערע
געלבלעך־צעקנייטשטע פּנימער מיט די הויכע קינבאַקן און שמאָלע
קאַלמיקישע אויגן, איז שווער צו דערקענען אַז זיי זיינען פרויען. בלויז
מיט זייער קליינוואוקסיקייט און ריטמישן גאַנג גיבן זיי אויס זייער מין;
אַזאַ זינגעוודיק־ריטמישער און ווייבלעך־קאָקעטישער גאַנג, ווי זיי וואָלטן
מיט קאַסטאַניעטן אין די הענט געטאַנצט אויף אונטערגעבעטע טעפּיכער.
ווען זיי דערזעען אונדזער עשאַלאָן, וואַרפן זיי די אַרבעטס־מכשירים און
נעמען אונדז נאָכלויפן מיט אַ געשריי: טשאַי, טשאַי, טשאַי! — זינגען זיי
אויס פאַרבענקט און אויסגעצויגן מיט אַ ווייכן קלאַנג, און לויט דעם ווי
זיי ברענגען עס אַרויס, איז קענטיק אַז דאָס איז דאָס איינציקע וואָרט
וואָס זיי קענען זאָגן אין רוסיש. זייער גרעסטע תאווה איז טרינקען
גרינע טיי פון גרויס־געשניטענע בלעטער. די רייכערע קאַזאַכן האַנדלען
עס איין ביי די פּאַסאַזשירן אויף די סטאַנציעס, צאָלן פּאַר פּעקלעך טיי
מיט קאַווענעס, מיט גרויסע קיילעכדיקע האַרט־געבאַקענע פלאַכע קוכנס,
און מיט קעז פון ציגן־מילך. אָבער די אָרעמע באַן־אַרבעטערקעס בעטלען
עס ביי די עשאַלאָנען וואָס שטעלן זיך אויף די וואָקזאַלן ניט אָפּ:
טשאַי, טשאַי! — זינגען זיי אויס ווייבלעך־חנעוודיק, וויינען עס
אויס קינדיש־הילפלאָז, ביז זיי ווערן מיד פון נאָכלויפן און בלייבן הינ־
טערשטעליק.

עס פאַלט צו דער אָוונט און דער לאָקאָמאָטיוו יאָגט נאָך האַסטיקער, ווי ער וואָלט זיך געריסן צו אַנטלויפן פון דער נאַכט. עמעצער צינדט אָן אין אַ ווינקל פון אונדזער טעפּלושקע אַ נאַפט־לעמפּל, און די בעזשענצעס נעמען איינדרימלען, פאַרמאַטערטע פון גאָרניט טאָן, פון שווייגן און גלאָצן כסדר אויפן סטעפּ. נאָר איך קען ניט איינשלאָפן, אין מיין מח הויערט אַ פינצטערניש, ווי צוויי עלעקטרישע דראָטן וואָס פּלאָנטערן זיך צוזאַמען און שאַפן אַ קורצשלוס. איך האָב זיך איינגערעדט, אַז אויב לעוו קאָגאַן האָט זיך ניט אַריינגעוואָרפן אין דער וואָלגע, האָט פרומע ליבטשע באַוויזן אָנצוקומען אַהיים, איידער דער דייטש איז אַריין אין ווילנע, און זי איז געראַטעוועט. אויב אָבער לעוו קאָגאַן האָט זיך יאָ אַריינגעוואָרפן אין דער וואָלגע, האָט פרומע ליבטשע אויפן וועג אַהיים באַגעגנט די דייטשן מיט די אַרונטערגעלאָזטע קאַסקעס און מאַשין־ביקסן אין די הענט. איך ווייס אַז דאָס וואָס איך פאַרבינד פרומע ליבטשעס גורל מיטן גורל פון דעם פאַרשוואונדענעם לעוו קאָגאַן, איז אַ וויסטער אָבערגלויבן, אַ ווילדע משוגעת, נאָר איך קען זיך פון דעם ניט באַפרייען און מוז וועגן דעם מיט עמעצן רײדן.

אָבער די קאָנאָטאָפּער שלאָפן. אַ טייל האָבן זיך שוין אויסגעצויגן אויף זייערע פּעק, און אַנדערע האָבן איינגעדרעמלט זיצנדיק, ווי אויף דערוויילן. איינער הוידעט זיך, און אַ צווייטער זיצט אומבאַוועגלעך; ווי שטאַרק דער וואַגאָן זאָל זיך ניט טרייסלען, בלייבט ער זיצן ווי אַן אַריינגעראַבענער פּלאָקן; אַ דריטער שמייכלט אין חלום, אַ פערטער שאָקלט מיטן שלאַבעריק־אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ, און אַ פינפטער, מיט אַ שוויס־באַדעקטן פּנים, געגליכן צו אַ נאָך ניט גוט־פאַרקנאָטענער רויער שטיק טייג אין וואַסער, בלעזלט מיט די ליפּן, שנאָרכעט מיט דער נאָז און קרעכצט אַ פאַרזונקענער אין חלשותדיקער זיסקייט.

פאַרביי דער אָפענער טיר פון דער טעפּלושקע גיט אַ פינקל פון דער ווייט אַ בלוי וואַסער ווי געשליפענער אייז. אַן אויגנבליק שפּעטער דערזע איך דורך דער טונקלקייט אַ לאַנגע ריי מענטשן, וואָס שפּרינגען מגושמדיק־אומגעלומפּערט קעגן עשאַלאָן מיט שווערע זעק אין די הענט און שרייען: סאָל, סאָל, סאָל! דער קאָנאָטאָפּער מאַגאַזין־פאַרוואַלטער טוט אַ פאַרווירטער אַן עפן־אויף אַ פּאָר פאַרלאָפענע אויגן, גיט זיך אַ הייב־אונטער און זעצט זיך גלייך צוריק אַראָפּ. די באַן גייט מיט אַ געוואַלטיקער גיכקייט, ווי אויס מורא אַז עמעצער פון דער מחנה אינדרויסן זאָל ניט אַרויפשפּרינגען אויפן עשאַלאָן. די לאַנגע מענטשן־ריי ביי די רעלסן ענדיקט זיך גאָרניט: סאָל, סאָל, סאָל! — שפּרינגען זיי ווי די געשפענסטער.

— אַראַלסקאָיע מאָריע, — דערקלערט מיר דער מאַגאַזין־פאַרוואַלטער.

אַז מיר פאָרן פאַרביי דעם ים, וואו די אַרבעטער און פּויערים גייען אַרויס פאַרקויפן זעקלעך זאַלץ. דאָ האָט עס געקויפט זאַלץ דער פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס מיר האָבן געזען אין טשקאַלאָוו. אָבער מיר זיינען בעזשענצעס און צוליב אונדז וועט זיך די באַן ניט אָפּשטעלן. דער קאָנאָטאָפּער ייד מאַכט צו די אויגן און נעמט זיך וויגן, וויל איינשלאָפן, נאָר איך לאָז אים ניט, איך רוק זיך צו צו אים און מורמל:

— איך קלער אַז מענטשן פון דער זעלבער משפּחה האָבן דעם זעלבן גורל. איר פאַרשטייט? עס קען דאָך ניט זיין אַז איינער פון דער משפּחה זאָל זיך ראַטעווען און די אַנדערע זאָלן אומקומען.

— פאַרוואָס קען ניט זיין? — קוקט ער מיך אָן אַן אויסגעטשוכעטער,

— איר זעט אָט די אַלע יידן, פעלט ביי יעדן פון זיי אין דער משפּחה איינער אָדער עטלעכע קרובים, וואָס זיינען אומגעקומען אין די אוקריינער פּאָגראָמען בעת דער רעוואָלוציע. איינעם פעלט אַ ברודער, אַ שוועסטער, ביי אַ צווייטן זיינען אומגעקומען די עלטערן, און אַ דריטער איז געבליבן איינער אַליין פון אַ גאַנצער פאַמיליע. ווען עס איז באַשערט צו בלייבן לעבן, יענער לעבט.

— ניין, ניין, עס קען ניט זיין... ווי מיינט איר, אייער פּאַרטיי־סעקרעטאַר איז צוריקגעפאָרן קיין פּענזע, ווי ער האָט מיר געזאָגט, אָדער ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער וואָלגע?

— ער לעבט אונדזער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ער לעבט, — ציט אויס דער קאָנאָטאָפּער אַן אומגעדולדיק־געערגערטער וואָס איך לאָז אים ניט שלאָפן, — ער לעבט און וועט זיך נאָך איינאָרדענען אַזוי, אַז ער זאָל ניט דאַרפן גיין אויף מלחמה.

— זעט איר! — רוף איך אויס אַ דערפרייטער און רוק זיך גלייך פון אים אַוועק, ער זאָל ניט באַוויזן מיר צו זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיין דער היפּוך פון מיין איינגערעדטן סימן, אַז אויב לעוו קאָגאַן לעבט, האָט פרומע ליבטשע באַוויזן צוריקצוגיין אַהיים. איך פאַרגראָב זיך אין מיין ווינקל, הער ווי דער פינסטערער סטעפּ שווייגט מיט אַ פאַרטייעטער שטילקייט, און חלום פון מיין צוריקקער אַהיים.

עס וועט זיין אַזוי ווי עס איז געווען נאָך דער ערשטער מלחמה. איך געדענק ווי אַ שכן פון אונדזער גאַס, אַ רוסישער סאָלדאַט, איז צוריק־געקומען פון דייטשישער געפאַנגענשאַפט אין אַ לאַנגן שינעל. אין די אָוונטן האָבן זיך ביי אים אין שטוב געקליבן שכנים און ער האָט דער־ציילט, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער אַרמיי און ביי די דייטשן אין פּלען. זיינע געשיכטעס האָבן זיך גאָרניט אויסגענומען, און איך, אַ קליין יינגל, האָב זיך צוגעהערט אַ פאַרגאַפטער. איז ווען די איצטיקע מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועל איך זיצן מיט פרומע ליבטשען אין אַ קליין

שטיבעלע, אין אַ קליין שטיבעלע עס זאָל זיין היימישער, אויפן טיש וועט ברענען אַ קליין לעמפּעלע, אונדזערעביידנס שאָטנס וועלן זיך צונויפוועבן אין רויטלעכן אָפּשיין פון לעמפּעלע, און איך וועל דערציילן אַלץ וואָס איך האָב דורכגעלעבט. און די מאַמע? וועט זי נאָך זיין דערביי?...

איך נעם זיך ווידער אַרומקוקן אין וואַגאָן, זוך אויפסניי מיט וועמען צו ריידן.

אויף אַ שטויס מיט געפּעק זיצט אַן אַלטיטשקע מיט אַ צעקנייטשט פּנים און שאָקלט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי איז מיט גאָרניט ענלעך צו דער מאַמע, לחלוטין ניט ענלעך, נאָר איר שאָטן אויף דער וואַנט זעט אויס אַקוראַט ווי דער שאָטן פון דער מאַמעס פּראָפיל. לויטן שאָטן זע איך אַז די מאַמע פיבערט, אַז זי ליגט קראַנק אויפן בעט און קוקט אַרויס אינדרויסן דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטער פון ר׳ רפאלס דירה, אָט אַזוי ווי זי האָט יאָרן־לאַנג אַרויסגעקוקט שבת צונאַכט דורכן פענצטער פון אונדזער וואַרשטאַט און געוואַרט אויף שטערן, זי זאָל מעגן אָנצינדן פייער. איצט וואַרט זי איך זאָל אַריינשטעקן דעם קאָפּ אין פאַרקראַטעוועטן פענצטער פון ר׳ רפאלס דירה און זאָגן: מאַמע, איך לעב!... איך ווייס אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ שאָטן אויף דער וואַנט, אַ שאָטן פון אַ פרעמדער יידענע. איך קען זי, אָט די יידענע, זי איז אַ בייזע, אַ פאַר־ביסענע, אירע ביידע זין זיינען אויפן פראָנט, פאַרט זי מיט אירע שניר און קריגט זיך מיט זיי גאַנצע טעג. איך וועל באַלד פאַרטרייבן דעם שאָטן.

איך הייב זיך אויף, קריך פאַרזיכטיק איבער די אָנגעוואַלגערטע בעזשענצעס, וואָס ליגן אין ענגשאַפט צונויפגעדרייט, ביז איך דערשלאָג זיך צום ווינקל וואו עס הענגט דאָס לעמפּל און וויל עס אויסלעשן. אָבער אין דער זעלבער רגע עפנט די אַלטע אירע אויגן, גלייך זי וואָלט די גאַנצע צייט גאָרניט געשלאָפן, און נעמט בייז כריפּען און צישען אויף דעם אייגענעם אופן ווי זי קריגט זיך מיט אירע שניר, איך זאָל ניט אויסלעשן דאָס לעמפּל. אין אַזאַ ענגשאַפט קען מען אין דער פינצטער זיך ניט קיין קער טאָן. מען זאָל ניט געניזוקט ווערן, זאָגט זי. און עס איז איר בכלל אומעטיק אָן פייער. עס קומט איר אויס אַז מען פירט זי מיט פאַרבונדענע אויגן, זי ווייס אַליין ניט וואוהין.

— דער פּראָוואָדניק האָט אָנגעזאָגט מען זאָל ניט אָנצינדן קיין פייער, ווייל די וואַגאָנען זיינען הילצערנע און עס קען ווערן אַ שרפה, — פאַר־לעש איך דאָס לעמפּל און נעם צוריקקריכן אויף מיין אָרט. עס מוז זיין פינצטער, אינגאַנצן פינצטער.

# סטאַלינאָבאַד

נאָך אַנדערהאַלבן יאָר וואַנדערן איבער די סאָוועטישע רעפּובליקן פון צענטראַל־אַזיע, בין איך אָנגעקומען קיין סטאַלינאָבאַד, די הויפּט־שטאָט פון טאַדזשיקיסטאַן, אויפן גרענעץ פון כינע, אַפגאַניסטאַן און אינדיע. די פּליטים פון מערב האָבן כסדר געשטראָמט קיין מיטל־אַזיע מיטן אויסרייד, אַז דאָרט איז וואַרעם. אָבער אין זייערע אויגן האָט אויך געפיבערט דער חלום אַריבערצוגיין די גרענעצן קיין איראַן, קיין אַפגאַניסטאַן, און זיך דורכרייסן ווייטער קיין ארץ־ישראל. לסוף האָבן די פּליטים איינגעזען, אַז דורך דער וואַנט פון די רוסישע באַגנעטן קען זיך אַפילו קיין שאָטן נישט דורכגנבענען. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר שוין אויך געוואוסט, אַז דער דייטש אין מערב לאָזט קיינעם ניט איבער.

איך האָב שטענדיק געזען פאַר די אויגן דעם דורכגאַנגס־הויף, וואו די מאַמע האָט געוואוינט מיט ר׳ רפאל ראָזענטאַל. ס׳איז מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך מיין אַנטלויפן פון דער היים, אָדער מיט אַ יאָר שפּעטער, און אפשר איצט, אין אָט דער מינוט... אין הויף איז אַ בהלה, יידן לויפן צום טויער וואָס פירט אַרויס אויף דער ברייטער גאַס, נאָר ער איז פאַרצאַמט; לויפן זיי צום טויער אויף יאַטקעווער גאַס, איז ער אויך אָפּגעצאַמט מיט וועכטער וואָס איך זע ניט, נאָר איך הער זייערע קולות און שווערע טריט. די באַלאַגערער אינדרויסן שרייען, און די יידן אינעווייניק אין הויף לויפן אַהין און צוריק אַזוי פאַרטייעט־שטיל ווי שאָטנס איבער אַ וואַסער. בלויז די מאַמע שטייט מיט אַ פאַרשטאַרט פּנים, זעט נישט און הערט נישט די אַרומיקע מהומה, קוקט מיט פאַרגלעזערטע אויגן ערגעץ ווייט אין די מרחקים. אַלע שכנים זיינען שוין פאַרקראָכן אין באַהעלטענישן, נאָר זי רירט זיך נישט פון אָרט, שטייט אינמיטן אָפּגעליידיקטן הויף און הערט

זיך צו צו די קלעפּ אין די פּאַרמאַכטע טויערן, ווי זי וואָלט אין די קלעפּ און רוצחישע קולות אינדרויסן געוואָלט דערהערן צי איך לעב.

דאָס בילד האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מאַרך, געברענט אין מיינע אויגן, און איך האָב בלויז באַדאַרפט אַרונטערלאָזן דעם קאָפּ, האָב איך גלייך דערהערט די קלעפּ אין דער מאַמעס טויער און דערזען זי שטיין אינמיטן הויף.

אין! אַ גליאיק־הייסן זומער־טאָג בין איך אין סטאַלינאַבאַדער „פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו" געשטאַנען אין אַ ריי נאָך ביר. אין דער ריי פאַר מיר זיינען געשטאַנען אינוואַלידן, צוריקגעקומענע פון די פראָנטן, און געטרונקען ביר ביז צען האַלב־ליטערנע סלאָיען. זיך געמאַרדעוועט אַריינצוגיסן נאָך און נאָך. לעבן אַ קאַליקע אָן אַ האַנט האָט זיך געוואַקלט אַ צעשויבערטע פרוי מיט אַן אָנגעשוואָלן פּנים און אים געגלעט איבערן פּוסטן אַרבל. איך האָב באַמערקט, אַז די גאַנצע צייט האָט זי אים געגלעט נישט איבערן פּנים, נישט איבערן אַקסל מיט דער געבליבענער האַנט, נאָר דווקא איבערן ליידיקן אַרבל:

— קום, ליבינקער, קום אַהיים, — האָט זי זיך געבעטן ביי אים מיט אַ הייזעריקן געלעכטער, וואָס איז זיך צעפאַלן ווי די שמאַטעס אויף איר ברודיק אויסגעמאַגערט לייב.

— נאָך דריי באַנקעס, — האָט ער ווייטער געגאָסן אין זיך דאָס דורכזיכטיקע העל־געלבלעכע ביר. — איך וועל נישט אָפּטרעטן ביז איך וועל זיך נישט אָנזויפן, דעמאָלט וועט מיר גוט זיין, זייער גוט, — האָט ער פאַנאַנדערגעריסן דאָס העמד אויפן לייב און טיף אָפּגעצויגן דעם אָטעם, ווי אויף די טרוקענע הייסע שטויביקע לופט וואָלט אים געהאָלפן ווערן שיכור.

— קום, קום, ס'וועט זיין גענוג, — האָט זי אים גענומען שלעפּן פאַרן ליידיקן אַרבל, וואָס זי האָט פריער אַזוי צאַרט געגלעט. דער אינוואַליד איז אַריין אין רציחה און זי גענומען שלאָגן מיט דער פויסט איבערן אָנגעשוואָלענעם פּנים:

— וואָס האָסטו זיך צוגעקלעפּט צו מיר ווי אַ באַד־בלעטל צום הוילן לייב. דו ביסט מיר ניט קיין ווייב, מיין ווייב איז געבליבן ביים ניעמעץ, דו ביסט אַ צוטשעפּעניש, אַ בליאַד.

— שלאָג מיך, נאָר קום מיט מיר, — האָט די פרוי אים נאָך שטאַר־קער גענומען שלעפּן. ער איז שוין געווען שיכור, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אומגעפאַלן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד

אים אויפהייבן, האָט ער זי אָפּגעשטויסן און ווידער גענומען דערלאַנגען מיט די פויסטן. אָבער אויך זי איז נישט אָפּגעטראָטן, אים צוריקגעשלאָגן, געקושט און געשלעפּט איבער דער ערד.

ווען עס איז געקומען מיין ריי, האָב איך אויסגעטרונקען אַ האַלבן ליטער און אויסגעשפּיגן, דאָס ביר איז געווען שיטער און וואַרעם. דאָך האָב איך אויסגעטרונקען נאָך צוויי האַלבע ליטער און בין אַוועקגעקראָכן זיך אָפּרוען אויף אַ באַנק אין שאָטן. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז צו מיר צוגעקומען מישע טרוימאַן, אַ לאָדזשער פּליט.

טרוימאַן, פון פאַך אַ שניידער, אַרבעט אין שניידער־וואַרשטאַט פון ענקאַוועדע. מיט דער ענקאַוועדע גופא האָט ער קיין שייכות נישט, נאָר ווייל ער איז אַ גוטער בעל־מלאכה, טרויט מען אים צו נייען פאַר נאַטשאַלסטווע. ער איז נידעריק געוואַקסן, רירעוודיק, מיט אַ הויכן בולטן שטערן, אַ ווייסע איידל־געשניצטע נאָז און אַ גלאַט פּנים פון אַ פאַרצע־לייענער ליאַלקע. אָבער לויט זיין כאַראַקטער איז ער דווקא אַ היציקער, רעדט האַסטיק און געדיכט, מיט אַ סך לאָדזשערישע רישן. זיין ווייב און קינד זיינען געבליבן אין לאָדזש. אין סטאַלינאָבאַד לעבן זיך ברודערס ווייב און קינד, און מישע דאַרף זיי אויסהאַלטן, ווייל דער ברודער זיצט אין תפיסה. קלאָגט זיך מישע פאַר מיר שטענדיק, אַז זיינע פאַרדינסטן קלעקן אים ניט אויסצוהאַלטן דעם ברודערס משפחה.

אויך דאָס מאָל, ווען ער קומט צו צו מיר, נעמט ער רידן וועגן זיין ברודער, וואָס האָט זיך אין רוסלאַנד באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם. איז בעת מען האָט דאָ געמאַכט די אַרמיי פון די פאַרשיקטע פּאָליאַקן און ניט אַריינגענומען אין דער אַרמיי קיין פּוילישע יידן מיט סאָוועטישע פּאַספּאָרטן, איז דער לינקער ברודער זיינער, אינאיינעם מיט נאָך אַ כאַפּטע פּליטים, אַרויפגעגאַנגען און סטאַלינאָבאַדער גאָר־איספּאָלקאָם און זיי האָבן דאָרט דערקלערט אַן איטאַליעניש סטרייק, אַ זיץ־סטרייק. זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל ביי זיי צונעמען די סאָוועטישע פּאַספּאָרטן און זיי צוריקגעבן די פּוילישע, כדי זיי זאָלן קענען גיין אין דער פּוילישער אַרמיי. ער וויל צוריקפאָרן קיין פּוילן דאָרט העלפן איינפירן די סאָוועטישע אָרדענונג, האָט ער געשריען, דער לינקער ברודער זיינער. האָט מען אים איינגעזעצט. איצט דאַרף ער, מישע, האָבן פון דריי ביז פיר טויזנט רובל אַ חודש, אים זאָל קלעקן פאַר זיך, פאַר זיין שוועגערין מיט איר קינד, און אויף שיקן פּעקלעך דעם ברודער אין תפיסה. אָבער פאַרדינען פאַרדינט ער ביז פיר הונדערט רובל אַ חודש, און גנבענען אין וואַרשטאַט האָט ער מורא, ער קען קריגן פינף יאָר שפּילעוודיק. ס'וואָלט געווען אַ פיינע זאַך די מלחמה זאָל זיך ענדיקן און ער זאָל ניט קענען צוריק־

פאַרן צו זיין ווייב און קינד קיין לאָדזש, ווייל ער זיצט אין אַ סאָוועטישן לאַגער פאַר גנבה.

פון מיין אָנקוקן אים שטום און פינצטער, פאַרשטייט ער וואָס איך טראַכט. נעמט ער ריידן נאָך האַסטיקער, נאָך היציקער: ער איז זיכער, אַז דער דייטש באַהאַנדלט ניט אַלעמען גלייך. אין דער ערגסטער לאַגע זיינען די יידן פון די אַלטע סאָוועטישע געביטן, די יידן פון קיעוו און מינסק. זיי וועט דער דייטש ניט שאַנעווען. די יידן פון די נייע סאָוועטישע געביטן, אַ שטייגער ביאַליסטאָק און לעמבערג, וועט דער דייטש פאַר־נאַנדערטיילן אויף אַזעלכע יידן, וואָס זיינען געווען אויף דער זייט פון די סאָוועטן און אויף אַזעלכע וואָס זיינען געווען קעגן. אָבער די יידן פון וואַרשע, וואו די רוסן זיינען איבערהויפּט ניט געווען, דראָט ניט קיין שלעכטס. באַזונדער דאַרפן זיך ניט שרעקן די יידן פון לאָדזש, וואו עס לעבן פאָלקס־דייטשן, און זיי זיינען מיט די יידן לאַנגיעריקע פריינט און שכנים.

— טרוימאַן איז טאַקע אייער אמתער פאַמיליע־נאָמען, אָדער אַ צוגעטראַכטער? — פרעג איך אים, — איך פּאַסט זייער דער נאָמען טרוימאַן.

— איר האָט אַ טעות, איך בין נישט קיין טרוימער, — נעמט ער שיטן מיט רישן ווי צען פאַר רעדער וואָלטן געטראַסקעט איבער ברוק־שטיינער, — אַ טרוימער איז מיין ברודער, וואָס האָט געהאַט די נאַרישע איינריידעניש צו דערקלערן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ סטרייק.

ער בלייבט זיצן אַ ווילע אַ פאַרצאָגטער, קנייטשט מיטן הויכן בולטן שטערן און טוט זיך פלוצים אַ כאַפּ־אויף פון אָרט. ער בעט מיך איך זאָל גיין מיט אים צו די טאַדזשיקן טרינקען ווין און עסן שאַשליק. ער ווייסט אַ פלאַץ אין אַ קעלערל, וואו מען מאַכט גוטן שאַשליק פון פערדן פליישׁ. איך זאָג זיך אָפּ. נעמט ער ווידער קנייטשן מיטן שטערן, ווייל עפּעס זאָגן און פאַרהאַקט זיך, לסוף קרעקעט ער אַרויס אַ פאַרשעמטער:

— איך דאַרף אַ פרוי.

— נו?

— אַוודאי, קיין שיקסעס פעלן ניט אין סטאַלינאַבאַד און קיין צדיק בין איך נישט, — צערעדט ער זיך ווידער אויפגעלעבט און גיך. אָבער ער מיינט ניט איינע פון יענע, וואָס ער קען קויפן פאַר אַ קניילכל פּאַדעם, ער מיינט אַ פריינדין. און ער האָט אַ באַקאַנטע, אַן אינטעליגענטע, אַ שיינע, אָבער זיין געוויסן איז קעגן. ער קלערט וועגן טאָג וועגן ער וועט זיך אומקערן אַהיים קיין לאָדזש און דאַרפן קוקן זיין ווייב גלייך אין די אויגן. זי דאָרט האָט באַדאַרפט זיך ראַנגלען פאַר איר לעבן און ער דאָ האָט געלעבט אַ גוטן טאָג.

אין גאָרטן ברעכט אויס אַ געשלעג צווישן די אָנגעטרונקענע אינוואַלידן. צוליב דעם וואָס זיי קענען זיך ניט באַנוצן מיט די אייגענע הענט און פיס, שלאָגן זיי זיך נאָך פאַרביסענער מיט די הילצערנע קוליעס; וואָס איינער איז מער קאַליקע, אַלץ ווילדער ראַנגלט ער זיך מיט אַ געכאָרכל פון אַ צערייצטער חיה. אַ קריפּל אויף איין פוס שפּאַרט זיך אונטער אויף איין קוליע און וויל מיט דער צווייטער דערלאַנגען איבערן קאָפּ אַן אינוואַליד, וואָס איז אינגאַנצן אָן פיס. אָבער דער אָנפּיסיקער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד און פאָכעט מיט איינעם פון זיינע צוויי שטעקנס, זיין שונא זאָל זיך צו אים ניט קענען דערנענטערן. דער איינפוסיקער זעט, אַז צוקומען נאָענט קען ער ניט, טוט ער אַ שלידער זיין קוליע יענעם גלייך אין פּנים אַריין. דער זיצנדיקער גיט פלינק אַ כאַפּ די פליענדיקע קוליע און שלידערט זי צוריק אין דעם איינפוסיקן, וואָס פאַלט אום אַ געטראָפענער אין בויך פון אַ מוראדיקן זעץ. צוויי אינוואַלידן,ביידע אָן דער רעכטער האַנט, האַלטן זיך ביי די לינקע הענט, איינער זאָל דעם צווייטן ניט קענען אָנכאַפּן ביים גאָרגל, און שלאָגן זיך מיט די קעפּ פון אונטן אַרויף אין די נעז, אין די ציין, אין די גאָמבעס, ביז ביידע ווערן אָפּגעגאָסן מיט בלוט. אַ טראָט ווייטער האָבן זיך איינפיסיקע און איינהענטיקע צונויפגעפּלאָנטערט אינאיינעם, שפּרינגען ווי די טייוואָלים, דראַפּען מיט די נעגל איבער פּנימער, און קוליעס קרייצן זיך, זעצן איינע אין די אַנדערע אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן צעבראָכן.

— ס'איז דער אמתער פּאַרק קולטורי אי אָטדיכאַ, — לאַכט מישע.

איך לאָז אים איבער אין גאָרטן און שלעפּ זיך אַוועק צום אַרויסגאַנג. ביים טויער שטייען פּאַרטייעט עטלעכע מיליציאָנערן און קוקן זיך צו צום געשלעג פון דער זוויטן. זיי האָבן מורא זיך צו דערנענטערן, ווייל דעמאָלט וועלן זיך די צעקריגטע אינוואַלידן גלייך פאַראייניקן, ווי דאָס האָט ניט איינמאָל געטראָפן, און זיך וואַרפן זאַלבעצענט אויף איין מיליציאָנער מיט אַ געשריי: עך טי טילאָוואַיאַ קריסאַ! מיר אויפן פראָנט האָבן אונדזער לעבן אָפּגעגעבן, און דו באַהאַלטסט זיך אויס ווי אַ מויז אין הינטערלאַנד.

איך שפּאַן דורך דער לענינסקאַיאַ, וואָס איז זוניק, ליידיק און שטיל. פון איין זייט ציט זיך דער גאָרטן־פּאַרקאַן און אויף דער אַנדער זייט בלענדן אין דער זון די ווייס־אָפּגעשמירטע ווענט פון די נידעריקע הייזלעך, די קיביטקעס מיט די פלאַכע דעכער. פון אויסגעטרונקענעם ביר און פון דער היץ זעצט אַרויס אויף מיין שטערן אַ געדיכטער שוויס, אין קאָפּ שווינדלט, די פיס ברעכן, נאָר איך שלעפּ זיך אַלץ ווייטער, איך זאָל מער ניט הערן די שיכורע קולות. איצט דערגייט צו מיר אַן אַנדער ניגון, און כדי אים צו דערהערן, בין איך אַוועק פון שטאָט־גאָרטן.

דער ניגון ציט זיך דורך מיין געדעכעניש ליכטיק און שטיל, אָן אָן אָנהייב און אָן אַן ענד ווי אַ זון שטראַל, און איך גיי נאָך דער אָן־סופיקער שטראַליקער סטרונע צוריק קיין ווילנע, ביז צו דער מאַמעס שטיבל. פון קינדוויז אָן געדענק איך, אַז יעדן שבת, ערב ראש חודש, אײדער די מאַמע איז אַוועק אין קלויז, האָט זי געזאָגט אַ תּחינה אין פאָדער־שטוב ביים וואַרשטאַט, און איך האָב עס געהערט אַ פאַרזונקענער אין שלאָף אין הינטערשטן קוזניע־חדרל:

„אָנאָ, איך בעט דיך, גאָט יתברך, שיק מיין דערנערונג, און דו זאָלסט שפּייזן מיך און מיין הויזגעזינט און כל ישׂראל מיט נחת רוח און ניט מיט צער, מיט כּבוד און ניט מיט בזיון. און באַשירעם מיך פון דערשרעקענישן און פּורעניותן, און דו זאָלסט מיך מציל זיין פון בילבולים און פון אַלע בייזע באַגעגענישן, אָנאָ, איך בעט דיך".

איך שעפּטשע די ווערטער און פיל, אַז דער ניגון קריכט פון אַ קבר, איך פיל אַרום ניגון אַ בית־עולמדיקע שטילקייט, איך פיל, אַז די מאַמע זינגט אים ניט מער... איך דריי זיך אויס צוריקצוגיין אין פּאַרק. איך וועל אויפזוכן מישע טרוימאַן און גיין מיט אים צו די טאַדזשיקן טרינקען וויין, עסן שאַשליק פון פערדן פליש, איך וועל אים נאָר בעטן ער זאָל מיט מיר ניט רײדן וועגן דער היים.

אויפן טראָטואַר קומט מיר אַנטקעגן אַ ייד מיט אַ גרוילעך־שוואַרצער באָרד, אין אַ געהאַקטן שוואַרצן סורדוט. ער גייט מיט אַ געלאַסענעם טראָט, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, און טראָגט אַרום האַלדז אַ ווייס טיכעלע, ווי אַ שטעטלשער באַלעבאָס, וואָס שפּאַצירט שבת פאַרנאַכט נאָכן שלאָף צו מנחה און מעריב.

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאָר, — קוקט ער מיך אָן פאַרוואונדערט, — פון וואַנען איז אַ יונגערמאַן?

— פון ליטע, איך בין אַ ווילנער. און איר?

— ס'איז ניט קיין חילוק, — ענטפערט ער אומגערן, נאָר ווי ער וואָלט זיך אין דער זעלבער רגע מיישב געווען אַז עס שטעקט ניט אין דעם קיין סכנה, גיט ער צו, — איך בין אַ ווייס־רוסישער, אַ מאָהילאָווער. געלעבט האָב איך אַנדערשוואו, ניט אין מאָהילאָוו.

— ווי נאָר איך האָב אייך דערזען מיט דעם טיכעלע אַרום האַלדז, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז היינט איז שבת, — כאַפּ איך זיך אַרויס אַ דערפרייטער, — מיר איז קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו טראַכטן, צי סטאַלינאַבאַד האָט אַן עירוב.

— און איידער איר האָט מיך דערזען האָט איר נישט געוואוסט אַז היינט איז שבת? — קוקט ער מיך אָן זייטיק, און זיך לעגנלעכע,

קאַנטיקע באָרד, די שאַרפע נאָז און אָנגעבערענטער בליק זאָגן עדות, אַז דאָס איז אַ חסידישער ייד, אַ קנאי.

— איך האָב יאָ געפילט, אַז היינט איז שבת, — מורמל איך און טראַכט וועגן דער מאַמעס תחינה וואָס איז מיר פּלוצים געקומען אויפן זינען, — איר ווייסט דאָך, מען לעבט אין אַ סביבה, וואָס דערמאָנט איך מיט גאָרנישט אָן שבת. און ווי ווייסט איר ווען מען דאַרף ליכט־בענטשן, הבדלה מאַכן? אין רוסלאַנד איז דאָך ניטאָ קיין לוח?

— אַז מען וויל, גיט מען זיך אַן עצה, — שמייכלט ער סודותדיק. — ס'איז ניט קיין דין, אַז אַ לוח דאַרף זיין דווקא אַ געדרוקטער.

— אַזוי, אַ געשריבענער? אָבער פאַרט, ווי אַזוי מיידט איר אויס חילול שבת, דער טאָג ווען מען אַרבעט ניט איז דאָך זונטיק?

— אַז מען וויל, גיט מען זיך אַן עצה. — און ער דערציילט מיר, אַז ער איז אַן איינבינדער, אַ קוסטאַרניק. ער אַרבעט ביי זיך אין שטוב פון שטיק.

איך זע אַז ער קלייבט זיך שוין אַוועקצוגיין און מיר ווילט זיך נאָך מיט אים שמועסן, דערצייל איך אים, אַז איך האָב אַמאָל געלערנט אין אַ ישיבה. ער הערט מיך אויס אַ דערצאָרנט־פאַראומערטער, קוקט זיך אַרום אין דער פּוסטער גאַס און רעדט צו מיר שטרענג, פּאַמעלעך, מיטן טראַפּ אויף איטלעך וואָרט:

— וויבאַלד אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל געלערנט, דאַרף ער וויסן זיין, אַז שבת איז אַ געהיימער צייכן צווישן ידן און רבונו של עולם. און טאָמער האָט אַ יונגערמאַן אַ סיבה ניט אַרויסצואוויזן פאַר דער וועלט זיין יידישקייט, דאַרף ער זיך פירן ווי עס פירט זיך אַ יונגע פּאָר. ווען זיי זיינען צווישן פרעמדע מענטשן, ריידן זיי איינער מיטן אַנדערן אויפן וואונק, אַ זייטיקער פאַרשטייט ניט, נאָר זיי פאַרשטייען זיך יאָ. זיי האָבן שוין צווישן זיך זייערע באַהאַלטענע סימנים פון ליבשאַפט און טריישאַפט.

ער בלייבט שטיין אַ פאַרקוקטער אויף די שניי־באַדעקטע בערג. אויך איך פאַרקוק זיך אויף די שפּיצן און טראַכט וועגן די בערג־איינוואוינער. די פּליטים דערציילן, אַז די פּאַמירער בערג־איינוואוינער ווייסן אַ גע־היימען וועג, וואָס פירט קיין אינדיע, און זיי זיינען דאָרט עולה רגל צו זייערע הייליקע פּלעצער. אָבער מיר גלייבט זיך ניט, אַז די סאָוועטישע גרענעץ־וועכטער זאָלן פון דעם ניט וויסן און עס ניט קענען פאַרהיטן.

— די פּאַמירער בערג גרענעצן זיך מיט די הימאַלייען, מיט די העכסטע בערג אין דער וועלט. — זאָג איך צום מאָהילאָווער איינבינדער, — און אָט די באַרג־קייט הייסט סילסעלאַאי קוהי היסאַר. איר קענט איבער־זאָגן אַזאַ שווערן נאָמען? סילסעלאַאי קוהי היסאַר.

— ניט איך קען און ניט איך וויל, — קוועטשט דער ייד מיט די

פלייצעס, — איך טראַכט, אַז ווען איך וואָלט, חס ושלום, פאַרגעסן ווען עס איז דער יום השביעי, וואָלט איך דעם אָנקום פון דעם יום־מנוחה וקדושה דערפילט אין מיינע ביינער. אַ גוטן שבת.

איך בלייב שטיין אַליין אויף דער פאַרנאַכטיקער פוסטער גאַס און קוק אויף די פעלדזן, וואָס טורעמען זיך איינע איבער די אַנדערע. דער גאָלדענער זון־פאַרגאַנג האָט אָנגעצונדן מיט אַ כישוף־שיין דעם בלויען הימל, דעם קרישטאָל־ווייסן שניי און דאָס גרינע אייז אויף די באַרג־שפּיצן. אַלץ ברענט צונויפגעשמאָלצן אינאיינעם אין אַ דימענטענעם פייער. די פורפור־וואָלקנס, די שניי־בערג און די נאַקעטע פעלדזן זעען אויס ווי אַ ריזיק־גרויסע שטאָט מיט גלעזערנע ווענט און ווייסע טורעמס, וואו עס האָט זיך אָנגעצונדן דער שבת נאָכדעם ווי ער איז אויסגעגאַנגען אויף דער ערד.

# פּליטים

## I

דער סטאַלינאָבאַדער שטאָט־גאָרטן איז שוין פאַרשאָטן מיט געלע האַרבסטיקע בלעטער. אויף די פּליטים, וואָס דרייען זיך שטענדיק אַרום אין פּאַרק, האָבן באַקומען אַ געלבלעכע, אויסגעטריקנטע און דורכזיכטיקע הויט מיט אַרויסגעקראָכענע אָדערן אויף די הענט, ווי זיי וואָלטן מיטגעפיבערט מיטן האַרבסט. אַ סך פּליטים ליידן פון מאַלאַריע און אַ טייל זיינען קראַנק אויף שילשול. אין די אָוונטן שפּילט אין גאָרטן אַן אָרקעסטער און אויף דער פּלאַטפאָרמע טאַנצן מיידלעך מיט מיידלעך. די יונגעלייט האָט מען אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט, מען האָט זיי ביסלעכווייז אויסגעשעפּט ווי צוגעגרייטע לעבעדיקע פיש אין אַ באַליע מיט וואַסער. אויפן אָרט פון די אַוועקגעשיקטע יונגע געזונטע מענער, קומען אָן אַלץ מער אינוואַלידן, וואָס ווילדעווען אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק, אין די אָטשערעדס נאָך טאַבאַק און ביר, און קלייבן זיך אין אָוונט אין פּאַרק אַרום דעם אָרקעסטער. די אינוואַלידן פייפן, לאַכן, קרימען נאָך אויסגעלאַסן מיט זייערע אָנהענטיקע און אָנפיסיקע קערפּערס ווי די מיידלעך טאַנצן. אָפּטמאָל קריכן זיי אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און כאַפּן די מיידלעך אַרום ביי די טאַליעס, ווער מיט זיין איינציק־געבליבענער האַנט, ווער מיט זיין צוגעמאַכטער האַנט, וואָס האָט אַ ניקלנעם האָקן אַנשטאָט פינגער, און ווער עס דריקט זיך צו די פריילינס אומישנע מיט זיין אַקסל, איבער וועלכן עס באָמבלט זיך אַן אָפּגעהאַקטער נאַקעטער פאַרדאַרטער ביין. די מיידלעך האָבן מורא אָפּצוזאָגן, טאַנצן זיי און שמייכלען פיינלעך מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ציטערן פון שרעק, עקל און באַהאַלטענעם תענוג. אויך צווישן די פּליטים, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט און פאַרדינען, זיינען דאָ אַזעלכע וואָס טאַנצן, שיכורן און ווילדעווען, ווי צו באַווייזן אַז זיי האָבן שוין אַלץ מפקיר געווען.

— קאַרטאַגאַ! — זאָגט צו מיר דער אַדוואָקאַט אָרענשטיין פון וואַר־שע. איך קען אים נאָך פון ווילנע, וואו ער איז געקומען צולויפן גלייך ווי עס איז אויסגעבראָכן די דייטשיש־פּוילישע מלחמה. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין דער הויפּט־שטאָט פון אוזבעקיסטאַן, אין טאַשקענט, וואָס ער האָט אָנגערופן „האַנג־קאָנג", ווייל דאָס קלינגט מער אַזיאַטיש. אין טאַשקענט האָט אָרענשטיין נאָך געטראָגן אַ ווייסן לייוונטענעם אָנצוג און ווייסע שיך. איצט איז ער שוין אײַנגאַנצן אַרומ־געריסן, גייט כמעט ווי באָרוועס, און פון דעם אַמאָליקן אַדוואָקאַט אָרענ־שטיין זיינען געבליבן בלויז זיינע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן:

— סטאַלינאַבאַד איז קאַרטאַגאַ, און דער געץ פון קאַרטאַגאַ צו וועמען מען האָט מקריב געווען לעבעדיקע מענטשן, האָט געהייסן בעל־המון. קאַרטאַגאַ, דאַרפט איר וויסן זיין, איז געווען אַ קאָלאָניע פון צור, פון די פיניקער, וואָס האָבן מקריב געווען לעבעדיקע מענטשן צו זייער געץ מלקרת. בעל־המון, מלקרת און מולך איז דער זעלבער בלוט־דאָרש־טיקער אָפּגאָט. איצט פאַרשטייט איר שוין? — דערקלערט מיר אַדוואָ־קאַט אָרענשטיין אויף זיין אופן, אַז טאַדזשיקיסטאַן איז אַ קאָלאָניע פון גרויס רוסלאַנד און דאָ הערשט דאָס זעלבע אייזערנע געזעץ. — קומט מיט מיר אויפן מאַרק, וועל איך אייך אויסלערנען ווי צו לעבן אויף דער וועלט. איך לעב פון פאַרזוכן.

דער מאַרק איז פאַרפלייצט מיט טאַדזשיקן, וואָס האָבן געבראַכט אויף קליינע אייזעלעך זייערע צייטיקע פּרוכטן. אויף פאַרשפּרייטע ראָ־גאָזשעס ליגן בערג מיט קאַוועס. זייער שאָלעכטס, פון אַ בלוילעכן וואַסער־קאָליר דורכגעשטרייפט מיט גרינע אָדערן, זעט אויס ווי שטי־קער מאַרמאָר. דערביי ליגן שטויסן מיט דיניעס, קיילעכדיקע און לענג־לעכע, דורכזיכטיקע ווי פרישע אייער. אָרענשטיין שטעלט זיך אָפּ ביי צוויי קאָשיקעס, וואו עס ליגן פערסיקעס מיט רויט־אָנגעצונדענע בעק־לעך און צייטיקע מאָרעלן ווי קליינע זונען. ער נעמט פון יעדן מין צו איין פרי, די סאַמע גרעסטע, און עסט עס אויף אין איין אויגנבליק:

— שטיינער פאַרקויפסטו, ניט קיין פּרוכטן, — שרייט ער אויס צום טאַדזשיק, און אײדער יענער קומט נאָך צו זיך פון זיין געפּלעפּטקייט, שלעפּט מיך אָרענשטיין אַוועק ווייטער. מיר גייען פאַרביי געשטעלן מיט עפּל, בערנעס, פאָמידאָרן און זיסן רעטעך. אָרענשטיין קוקט מיט פאַר־פינצטערטע אויגן און דערוועגט זיך ניט צו פאַרזוכן. ביי די געשטעלן שטייען פרויען, און פרויען, זאָגט אָרענשטיין, זיינען זייער קליינלעך, זיי קענען פאַר איין עפּל אויסדראַפּען ביידע אויגן.

מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן שמאָלע הויכע געפלאָכטענע קערב ביז צו די ראַנדן פאַרלייגט מיט וויינטרויבן, קיילעכדיקע און טונקל־בלויע ווי

שוואַרצאַפּלען, לענגלעכע ווי פינגער און געלבלעך־קלעפּיקע ווי האָניק. אָרענשטיין רייסט אָפּ אַ גרויסן הענגל, וואַרפט די ווינטרויבן אין מויל מיט גרויס געשווינדקייט, און ווען אויפן הענגל בלייבן בלויז אַ צוויי־דריי טרויבן, לייגט ער עס צוריק אַריין אין קאָרב און זאָגט צום טאַדזשיק מיט אַ פאַרקרימט פּנים:

— זויער ווי עסיק.

דער טאַדזשיק גלאָצט אויף אים מיט אַ פּאָר אַרויסגעקראָכענע אויגן: מען זאָל זאָגן אין האַרבסט אויף זיינע ווינטרויבן אַז זיי זיינען זויער, האָט ער נאָך אין זיין לעבן ניט געהערט. אָבער אָרענשטיין שפּאַנט שוין אַוועק ווייטער מיט ביידע הענט אין די קעשענעס, ווי ער וואָלט זיך גע־היט מען זאָל פון דאָרט ניט אַרויסגנבענען אַ פּאַק מיט געלט. מיר גייען פאַרביי אַ געוועלבל, וואו אין צענדליקער לייוונטענע זעקעלעך ליגן אויס־געלייגט פאַרשיידענע מינים פון געווירצן, פעפער, לאָרבער־בלעטער, צימ־רינג און זאַפּראַן. פון דעם קען אָרענשטיין ניט פאַרזוכן.

— איר ווייסט ווי מען קאָכט דאָ פּלאָוו? — פרעגט ער מיך מיט פאַרטריקנטע ליפּן און אויף זיין פּנים איז קענטיק אַז די אינגעווייד דרייען זיך אים איבער פון הונגער. פּלאָוו, זאָגט אָרענשטיין, קאָכן די טאַדזשיקן אַליין; זיי טרויען עס ניט זייערע ווייבער, ווייל ס'איז אַ גרויסע קונסט. פריער מאַכט מען אויפן הויף אַ פייער און מען שטעלט אַוועק אויף אַ דרייפוס אַ שיסל מיט בוימל. ווען דער בוימל ווערט גוט הייס, וואַרפט מען דאָרט אַריין אַ גאַנצן טאָפּ מיט אָפּגעשיילטע ציבעלעס. עס גיט אַ זעץ אַרויס אַ פייער, עס ווערט אַ זידעניש, אַ פּרעגלעניש, ביז דאָס גאַנ־צע ביטערניש פון די ציבעלעס גייט אַוועק מיטן רויך און זיי ווערן זיס ווי צוקער. דערנאָך נעמט מען רינדערן פלייש, אָדער קעלבערן פלייש, און מען לייגט עס אַריין אין אַ גרויסן טאָפּ אינאיינעם מיט די ציבעלעס, מיט רייז און מיט קישמיש, ווי די אַזיאַטן רופן ראָזשינקעס. דעם טאָפּ, וואָס איז גרויס ווי אַ סאָלדאַטסקער קעסל, שטעלט מען אַוועק אויף אַ פּיטשעמאָנטשיקן פייערל, און מען קאָכט עס צוויי שעה, דריי שעה, פיר שעה, ווי לאַנג נאָר עס פאַלט זיי איין, די אַזיאַטן, און ערשט דער־נאָך דעקט מען דעם טאָפּ אַרום מיט טיכער, אַלץ זאָל זיך גוט איינטושן. איז אַז מען נעמט שפּעטער אַרויס דעם פּלאָוו, איז יעדע ציבעלע די גרויס ווי אַ גענדזענע איי, די ראָזשינקעס און דאָס רייז זיינען אויפגעקוואָלן, לוי־טער ווי די זון, און דאָס פלייש איז פעט, שמאַלץ רינט פון דעם און אַ פאַרע שלאָגט פון דעם. זיי עסן עס מיט די הענט און טרינקען נאָך צו וויין.

— מיט די הענט? — פרעג איך.

— וואָס איז, איר וואָלט ניט געגעסן? — שטשירעט אָרענשטיין מיט

די ציין, — איך וואָלט אַפילו געגעסן מיט די פיס, אַבי נאָר זיי זאָלן געבן. איך האָב געזען ווי זיי עסן. זיי גיבן מיט צוויי פינגער אַ פאַר־קנעט אינאײנעם רייז, ראָזשינקעס מיט אַ שטיקל פלייש און וואַרפן עס אַרײַן אין מויל, אַ קנעט מיט צוויי פינגער און אַ וואָרף אַרײַן אין מויל, — חזרט אָרענשטיין איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ווי ער וואָלט געווען אַ געפּלאַצטע מוזיק־פּלאַטע, וואָס דרייט זיך אויפן זעלבן אָרט און לאָזט אַרויס די זעלבע פאַרזשאַווערטע גרילצנדיקע קולות.

זײַנע אויגן צעפינקלען זיך. ער דערזעט אין אַ ווינקל אַ טאַדזשיק, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד מיט אַ גרויסער קאַווענע צווישן בײדע קני, שנײַדט מיט אַ מעסער פּאַסן, גיט אַ ביס אין דאָס רויטע זאַפּטיקע פלייש און וואַרפט עס גלייך אַוועק. אָרענשטיין זעצט זיך אַראָפּ לעבן טאַדזשיק, רעדט, פּאָכעט מיט בײדע הענט און קלאַפּט יענעם איבער דער פּלייצע. דער טאַדזשיק קוקט אים אָן, ווישט אַרום די גאָמבע פון די צוגעקלעפּטע שוואַרצע יאָדרעס און שענקט אָרענשטיי־נען אַוועק די איבערגעבליבענע האַלבע קאַווענע. דער טאַדזשיק גייט אַוועק און אָרענשטיין גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין דער האַלבער קאַווענע, בײסט מיט די ציין די זײַטן, פאַרכליניעט זיך מיטן זאַפט, און דער־לאַנגט מיר לסוף דעם צעפּאַלענעם שאָלעכטס, איך זאָל פאַרענדיקן. איך זאָג זיך אָפּ, אַ פערד וואָלט אויך ניט געטרונקען פון אַזאַ ברוד.

— דאַרף מען ניט, — שטעלט ער זיך אויף, — איצט וויל איך פאַררייכערן. איך וועל בעטן אַ פּאַפּיראָס ביים צדיק.

דער ווען אָרענשטיין רופט מיט חוזק „צדיק“, איז אַ פּליט פון אַ שטעטל אין וואָלין, יאַנקל גראָט. ער איז אַ קלײנינקער מיט זייער אַ הויך שרײַאיק קול, מיט געשוואָלענע פיס, מיט הענט ווי שטיקער צעווייקטע האָלץ, און מיט אַזוי פיל שטויב אין די האָר, ווי עס וואָלט אויף אים געפאַלן דער גאַנצער שטויב פון מדבר קאַראַקום. ער גלייבט אויך ווי מישע טרוימאַן, אַז ער וועט נאָך טרעפן אין דער היים זײַן ווייב און קינדער, נאָר ער רעדט ניט וועגן דעם אַזוי אָפט ווי מישע טרוימאַן. יאַנקל גראָט איז אַ פאַרדינער, ער שטאָפּט פּאַפּיראָסן און פאַרקויפט עס אויפן מאַרק. אָפטמאָל טרעפט, אַז נאָך אַ טאָג שטיין אויפן מאַרק, האָט ער ניט צו באַצאָלן דעם חוב פאַרן טאַבאַק מיט די גילזן, ווייל די אינ־וואַלידן רייסן אים אַרויס פון האַנט אַלע אָנגעשטאָפּטע פּאַפּיראָסן. פונ־דעסטוועגן קריגט ביי אים אָרענשטיין פון צייט צו צייט אַ דרייערל ניט אָפּצוגעבן, ער דאַרף בלויז אויסהערן אַ פאַרציע מוסר:

— הער אַדוואָקאַט, — בעט זיך ביי אים יאַנקל גראָט, — לאָזט זיך ניט אָפּ, וועט איר נאָך זוכה זיין עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. טוט אַ קוק אויף מיר, איך האָב שוין ניט קיין כח צו שלעפּן די פיס, דאָך

שטאַרק איך זיך. ווען אַ מענטש ברעכט זיך איך ווי אַן אַלטער פּאַרקאַן, צעשלעפּט מען אים שטיקערווייז.

אַרענשטיין זאָגט צו אַז ער וועט זוכן אַרבעט. עסט גלייך אויף שטייענדיק אויפן מאַרק די געשענקטע פּאַר רובל, און מיט אַ וואָך שפּע־טער קומט ער ווידער צום פּאַפּיראָסן־שטאָפּער. דאָס מאָל איז נאָך ניט אַריבער אַ וואָך זינט ער האָט גענומען, וויל ער בעטן ביי יאַנקל גראַט בלויז אַ פּאַפּיראָס. אָבער ווען מיר קומען צו, דערזעען מיר ווי יאַנקל גראַט שטייט אַ פאַרגולמטער און פון זיין האַלב פאַרמאַכטער פויסט שטעקן אַרויס אַ צוויי טוץ גילזן אַן טאַבאַק.

— איר פאַרקויפט שוין גילזן אָן טאַבאַק? ווער קויפט עס איינ־ציקע גילזן? — פרעגט אים אַרענשטיין און קוקט זיך מיט מיר אי־בער, צי דער פּאַפּיראָסן־שטאָפּער איז ניט אַרונטער פון זינען.

— דער ווינט האָט אויסגעבלאָזן דעם טאַבאַק, — ענטפערט יאַנקל גראַט אַ פאַראומערטער, אָן כח צו ריידן און אָן כח אַוועקצוגיין.

מיר טרעטן אָפּ פון אים שווייגעוודיק און פאַרלאָזן דעם מאַרק. אַדוואָקאַט אַרענשטיין נעמט פּלוצים לאַכן מיט אַ ביטער געלעכטער. אין קאַרטאַגאַ, זאָגט ער, איז אַפילו דער ווינט אַ גזלן, ער בלאָזט אויס דעם טאַבאַק פון יאַנקל גראַטס גילזן.

צוריק פון מאַרק פאָרן אויף קליינע אייזעלעך טאַדזשיקישע פרויען אין רויטע לאַנגע קליידער מיט גרינע זיידענע פּאַלערינעס אויף די אַקסל, אין רויטע הויכע קיילעכדיקע היט, אַרומגעהאַנגען מיט גלעקלעך, וואָס זעען אויס ווי צילינדערס אָן ראַנדן, מיט קרענצלעך מטבעות אויף דער ברוסט, און דאָס פּנים ביז צו די אויגן פאַרשטעלט מיט אַ שוואַרצן שלייער, אַ פאַראַנדזשאַ. איינע צווישן זיי, אַ מיידל, טראָגט ניט קיין שלייער. איר פּנים איז טונקל ברוין, די נאָז אויסגעבויגן ווי ביי אַ רויב־פויגל, די אויגן גליווערדיק־שוואַרץ, נאָר אירע האָר זיינען רויט, ברע־נען ווי פייער. זי זיצט אויפן אייזל מלכותדיק־אומבאַוועגלעך, ווי אַן אַדלער אויף אַ פעלדזן־שפּיץ, און איך קען ניט אָפּרייסן פון איר מיינע בליקן.

— קומט אַוועק! איר ווילט כאַפּן פון אַ טאַדזשיק מיט אַ מעסער אין רוקן? — שלעפּט מיך אַרענשטיין ביי דער האַנט, — אַזיאַטן האָבן פיינט אַז מען קוקט אויף זייערע ווייבער.

— איך זע צום ערשטן מאָל אַ היגע איינגעבוירענע מיט רויטע האָר. אַלע זיינען זיי דאָ שוואַרצע, — קוק איך אַראָפּ אויף מיין קלאָגע־דיקן הילוך, גלייך איך וואָלט געוואוסט, אַז די וואונדער־שיינע מיידל מיטן טונקל־ברוינעם פּנים האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט, ווייל איך בין אָפּגעריסן.

— די טאַדזשיקן האָבן גאַנצע קאַסטענעס מיט טשערװאָנצעס פאַר זייער אָפּגעלייזטער סחורה, — טראַכט אָרענשטיין הויך אויפן קול און טוט מיר װידער אַ שלעפּ ביי דער האַנט, — קומט, איך װעל אייך באַ־קענען מיט אליהו הנביא, אַ בוכאַרער ייד, אַ שוסטער, װאָס פּוצט די פּליטים די שיך אָן געלט. ער האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין אַ געסל מיט אַ קעסטעלע.

דורכן גאַנצן זומער האָב איך אויף לעבינסקאַיאַ ביים טויער פון שטאָט־גאָרטן געזען אַ שוסטער־אַרטעל פון בוכאַרער ידן, װאָס האָבן גע־אַרבעט אינדרויסן אונטער אַ לאַנגן שמאָלן דאַך. זיי זיינען געװען אַ חברה שװאַרצע יונגעץ מיט פריילעכע אויגן, שטענדיק צװישן זיך געשמועסט, הויך געלאַכט און דערביי געאַרבעט פליסיק. מיינע פּאַדעש־װעס מיט די קאָפּקעס האָבן גענומען פאַנאַנדערפאַלן, האָב איך זיי גע־בעטן זיי זאָלן פאַרריכטן מיינע שיך אויפן אָרט, װייל איך האָב ניט קיין אַנדער פאָר איבערצוביטן. אָבער די שוסטער, פאַרװאָלגערט מיט אַר־בעט, האָבן מיר געהייסן װאַרטן, ביז זיי װעלן האָבן אַ פרייע מינוט. אײדער איך האָב באַװיזן אָפּצוהיטן זייער פרייע מינוט, זיינען פון דער גאַנצער שורה שוסטער געבליבן צװיי אין רעכטן װינקל, צװיי אין לינקן װינקל, און אינמיטן זיינען די בענקלעך געװען פּוסט. מען האָט זיי צו־גענומען אין דער אַרמיי. די געבליבענע האָבן אויפגעהערט שמועסן צװישן זיך, אויפגעהערט לאַכן, נאָר געזעסן איבערגעבויגן איבער די קאָפּולן און געהאַרעװעט מיט גרויסע טראָפּנס שװייס אויף די שטערנס. אַ שטיקל צייט שפּעטער זיינען פאַרשװאונדן די לעצטע שוסטערס און אויך זייערע בענקלעך. אונטערן דעכל פון אַרטעל האָבן זיך געװאָלגערט שיכורע אינװאַלידן. דעריבער דערפריי איך זיך שטאַרק מיט אָרענ־שטיינס שוסטער, אפשר װעט ער מיינע שיך פאַרריכטן אויפן אָרט.

דער שוסטער זיצט אויף אַ זייטיקער גאַס װאו איך גיי זעלטן פאַרביי. װען איך דערזע אים, פאַלט מיר איין, אַז ער איז אַ טאַטע אָדער אַ שװער פון איינעם פון די אַרטעל־שוסטערס, װאָס מען האָט צוגענומען אין דער אַרמיי, און ער איז אַרויס פאַרדינען פאַר דער איבערגעבלי־בענער משפּחה. ער זעט אויס אַ זקן פון איבער אַכציק, זיין לאַנגע שניי־װייסע באָרד פאַרפּליצט זיין גאַנצע ברוסט ביז צום שוך־בענקעלע. ער טראָגט אַ פאַרביקן כאַלאַט און אַ יאַרמלקע װי די טאַדזשיקן טראָגן, אַ טיובעטייקע. בעת ער באַמערקט אונדז, נעמען זיינע שװאַרצע גוטע ייִדישע אויגן שמייכלען, ער װינקט צו אונדז מיר זאָלן צוקומען. אָרענ־שטיין איז ביי אים געװען אַ סך מאָל און דער זקן דערקענט אים. אָבער

אָרענשטיינס ווייסע שיך זיינען אַזוי צעפּאַלן און פאַרשלומפּערט, אַז מען קען זיי מער ניט פּוצן. טוט אָרענשטיין אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אַ שקלאַף אין קאַרטאַגאַ קען זיך באַגיין אָן שיך. איך גיי אין פּאַרק זיך צולייגן אויף אַ באַנק. ווען איר וועט פאַרטיק ווערן, קומט צוגיין.

איך זעץ זיך אַראָפּ אויפן בענקל אַנטקעגן דעם זקן, בעט אים ער זאָל פאַרריכטן מיינע שיך. אָבער דער בוכאַרער ייד פאַרשטייט ניט קיין רוסיש. קלער איך, אַז ער דאַרף פאַרשטיין לשון־קודש. איך צי אַראָפּ אַ שוך, ווייז אים אויף דער אויסגעטראָטענער פּאָדעשווע און גיב אים צו פאַרשטיין וואָס איך וויל פון אים. איך ווייז אים אויך געלט פאַר אַ סימן, אַז איך מיין ניט אומזיסט, איך וועל באַצאָלן. דער אַלטער פאַר־שטייט קיין העברעאיש אויך ניט, ער רעדט בלויז טאַדזשיקיש, נאָר ער שטויסט זיך אָן וואָס איך מיין. ער ווייזט מיר מיט אַ טרויעריקן שמייכל, אַז ער האָט ניט קיין לעדער, קיין דראַטווע, קיין שטיפטן, און נעמט פאַ־נאַנדער די הענט מיט באַדויערונג: ער קען ניט.

איך טו אָן דעם שוך און וויל שוין אַוועקגיין, האַלט ער צו מיין פוס און ווייזט מיר, אַז ער וועט מיינע שיך אַרומפּוצן. ער שלעפּט אַרויס אַ בערשטל, שואוואַקס, און איידער ער ווישט אָפּ מיט אַ שמאַטע דעם שטויב פון שוך, קוקט ער זיך גוט איין אין נאָסיק, אין די קאַפּקעס, ווי ער וואָלט אויף זיי דערקענט דעם וועג וואָס איך האָב דורכגעוואַנ־דערט. איך באַווייז מיט אַ פינגער אויף זיך און זאָג איין וואָרט:

— ווילנע.

אַ רגע בלייבט דער זקן זיצן מיט אַ פאַרקנייטשטן שטערן, וויל זיך אָן עפּעס דערמאָנען. ער פאָרעט זיך ביי זיין פוס־בענקעלע און שלעפּט פון דאָרט אַרויס אַ ספר מיט צעפליקטע טאָוול, דערלאַנגט אים מיר און טייטלט מיט זיין ווייז־פינגער אויפן אויפגעמישטן שער־בלאַט, איך זאָל אַ קוק טאָן.

ס'איז ערב ראש השנה און דער בוכאַרער ייד האַלט ביי זיך אַ סליחה. אויפן שער־בלאַט שטייט מיט גרויסע אותיות, אַז די סליחה איז געדרוקט אין ווילנע.

דער זקן פאַרענדיקט פּוצן מיינע שיך און איך טו זיך אַ כאַפּ צו דער קעשענע אים צו באַצאָלן, נאָר ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, ערנסט און מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער נעמט זיך ווידער פאָרען ביי זיין קעסטעלע, ציט פון דאָרט אַרויס אַ גרויסן מילגרוים מיט אַ האַרטער ברוינער גערונצעלטער הויט און שטרעקט עס מיר אויס:

— שהחינו, — זאָגט ער דאָס איינציקע וואָרט פאַר דער גאַנצער

צייט; און ער זאָגט עס מיט אַזוי פיל געבעט און טריישאַפט, אַז איך נעם גלייך צו דעם מילגרוים.

— אַפילו ריקנין שבך מלאין מצות כרמון, — שריי איך צום זקן, כדי אים אָנצוטאָן אַ נחת רוח. איך זע אַז ער פאַרשטייט ניט, דאָך שאָקלט ער מיטן קאָפּ, צופרידן וואָס איך האָב אָנגענומען זיין מתנה און וואָס איך זאָג לשון־קודשדיקע ווערטער. ער בלייבט זיצן אַ טרויעריק־פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט געקלערט וועגן זיין זון אָדער אײדעם, וואָס איז אַוועק אויף דער מלחמה. אויך איך בלייב זיצן אַ פאַרגולמטער מיט מיינע אַלטע אַרומגעפּוצטע שיך, מיט דער סליחה אין איין האַנט און מיטן מילגרוים אין דער אַנדערער האַנט, שוין באַלד אַזוי ווי יאַנקל גראַט אויפן מאַרק מיט די פּוסטע גילזן, וואָס דער ווינט האָט פון זיי אויסגעבלאָזן דעם טאַבאַק.

אויף צו מאַכן שהחינו לכבוד ראש השנה האָט עס מיר דער אַלטער געגעבן. די מאַמע מיט פרומע ליבטשען דאָרטן, און איך דאָ מיט אַ מיל־גרוים אין דער האַנט אויף שהחינו.

## II

דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט אָרענשטיין האָט באַשלאָסן, אַז ער פאָרט אַוועק פון קאַרטאַגאַ, ווי ער האָט אָנגערופן סטאַלינאַבאַד, קיין סדום ועמורה, קיין סאַמאַרקאַנד אָדער בוכאַראַ. ער האָט געהערט דער־ציילן, אַז סאַמאַראַקאַנד און בוכאַראַ זיינען אמתע מזרח־שטעט מיט מע־טשעטן, מינאַרעטן, און מיט טשאַי־כאַנאַס, וואו די אוזבעקן זיצן מיט די פיס אונטער זיך און טרינקען גרינע טיי. וויל ער, אויך זיצן אין אַ טשאַי־כאַנאַ מיט די פיס אונטער זיך, טרינקען גריגע טיי, רייכערן — און גאָרניט טאָן.

איך האָב אָרענשטיינען געהאַלטן אַ ביסל פאַר משוגע און זיך היפּש געשראָקן בעת ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן אינמיטן מאַרק, ביים פאַר־זוכן פון די טאַדזשיקישע קאַשיקעס, האַלטן פאַר מיר לעקציעס אין גע־שיכטע. איינמאָל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיר דערציילן, אַז די בלוטיקע גלאַדיאַטאָרן־שפּילן פלעגן פאָרקומען ניט בלויז אין רוים, נייערט אין אַלע רוימישע קאָלאָניעס. גערעדט האָט ער דווקא הויך און דערביי געלאַכט פון מיר וואָס איך טרייסל זיך פון פחד, אַז עמעצער אַ זייטיקער זאָל ניט דערהערן און פאַרשטיין דעם נמשל צו זיין משל. איך האָב אים אי מקנא געווען וואָס ער קען זיין אַזאַ הפקר־מענטש, אי אים דערפאַר שטאַרק געטאַדלט, און אים געגומען אויסמידן. אָבער ווען ער

איז אָוועקגעפאָרן, איז מיר געוואָרן אומעטיק. איך האָב זיך אויפן סטאַ־לינאַבאַדער מאַרק אַרומגעדרייט איינער אַליין. ס'איז געווען סוף האַרבסט, די איבערצייטיקע פרוכטן זיינען געוואָרן בזיל־הזול, און פאַרנאַכט, נאָכן יאַריד, פלעגן מיר די טאַדזשיקן פאַר צוויי רובל אָפּגעבן צוויי פונט צו־געפּוילטע ווינטרויבן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָב איך אויפן מאַרק דערזען אַ גרויס געע־זעמל אַרום אַ האַלב־בלינדן זינגער און שפּילער, וואָס האָט שלעפּעריק־פּויל געזונגען און געגרימפּלט אויף אַ צוויי־סטרונעקער מאַנדאָלינע. מיט־אַמאָל האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ ווילד געשריי, ווי דער מדבר קאַראַקום און די שניי־באַדעקטע בערג וואָלטן געשריען, און זיינע פינ־גער זיינען האַסטיק געלאָפן איבער די צוויי סטרונעס. ביסלעכווייז איז ער זיך ווידער פאַרגאַנגען אין אַ שטיל קלאָגעניש און זיינע פינגער אויף די סטרונעס זיינען אָפּגעשטאַרבן. ווען איך האָב גערעכנט אַז ער ענ־דיקט שוין, האָט ער אויפסניי אַרויסגעלאָזט זיין הייזעריק ווילד מדבר־דיק קול. געענדיקט האָט ער פונקט אַזוי אומגעריכט ווי ער האָט אָנ־געפאַנגען, און אויסגערופן, אַז ער וועט איטלעכן טרעפן אויף דער האַנט זיין צוקונפט. אַרום אים זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען טאַדזשיקן מיט פאַרפרומטע פנימער באַגאַסן מיטן קופּערנעם שקיעה־שיין, אָבער דער ערשטער, וואָס האָט זיך צוגערוקט צום האַלב־בלינדן טרעפער, איז געווען מישע טרוימאַן. דער טרעפער האָט אַרומגעטאַפּט מישעס דלאָניע און אויסגעזונגען זיין נביאות אויף טאַדזשיקיש געמישט מיט רוסיש. איך האָב גענומען אַוועקגיין פון געזעמל, מישע האָט צוגעוואָרפן דעם טרעפער אַ מטבע און מיך אָנגעיאָגט:

— איך מאַך זיך נאַריש. וואָס וייס דער טאַדזשיק וועגן מיין ווייב און קינד אין לאָדזש? — און מישע נעמט אַרויס פון קעשענע אַ הויפן שפּולקעס פאָדעם. — איר האָט מיך אָנומלט געבעטן פאָדעם. די קנעפּ־לעך פון אייער רעקל, האָט איר געזאָגט, האָבן זיך אָפּגעריסן. איז וועל־כע דאַרפט איר, שוואַרצע, ווייסע, ברוינע?

— וואו האָט איר עס גענומען אַזוי פיל מיט אַמאָל? — קוק איך זיך אַרום אין אַלע זייטן.

— דאָרט וואו איך אַרבעט. איר מיינט, אַז איך קען לעבן מיט זייערע דריי־פיר הונדערט רובל אַ חודש? — לייגט טרוימאַן אַריין די קלעצלעך פאָדעם אין קעשענע און באַגלייט מיך צום שטאָט־גאָרטן, דער שטענדיקער מקום מקלט פאַר די פליטים. אויפן וועג דערציילט ער מיר, אַז אַזוי לאַנג ווי זיין שוועגערין איז געווען געזונט, האָט ער געקענט האָבן צו איר אַ טענה, זי זאָל אַליין פאַרדינען פאַר זיך, פאַר איר קינד, און אויף שיקן פעקלעך איר מאַן אין תפיסה. אָבער איצט ליגט זיין שווע־

גערין קראַנק אין שפּיטאָל אויף טיפוס, איר מיידעלע איז ביי פּרעמדע מענטשן, און בײדע קענען אַוועקשטאַרבן אָט אַזוי ווי עס שטאַרבן אויס אַנדערע פּליטים. אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און ער, מישע, מיט זיין ברודער וועלן צוריקקומען קיין לאָדזש, וועט זיין ברודער אַ גאַנצן לעבן אים אויפוואַרפן: דיין ווייב און קינד, וועט דער ברודער אים זאָגן, האָסטו געפונען לעבעדיקע, און מיין ווייב מיטן קינד האָסטו אין סטאַ־לינאַבאַד, בעת איך בין געזעסן אין תפיסה, געלאָזט אויסגיין פון הונגער. מוז ער העלפן זיין שוועגערין.

— אָבער איר אַליין האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר קענט קריגן פינף יאָר שפּילעוודיק, — רייד איך צו אים, ווען מיר גייען אַריין אין גאָרטן.

— אין ראַטן־פאַרבאַנד, חבר, גייט אַרום אַ ווערטל, אַז מענטשן טיילן זיך אויף דריי קאַטעגאָריעס, אויף אַזעלכע וואָס זיינען געזעסן, זיצן, און וועלן זיצן. קיינער קען ניט לעבן פון די שכירות וואָס ער קריגט. איז וועלכע פאַדעם דאַרפט איר, שוואַרצע, ווייסע, אָדער ברוינע? — נעמט מישע ווידער אַרויס פון קעשענע דעם הויפן קלעצלעך, — האָט קיין מורא ניט, טאָמער פאַל איך אַריין, וועל איך ניט דערציילן, אַז איך האָב אייך געגעבן אַ קניילכל פאַדעם.

איך נעם ביי אים אַ שפּולקע און ער וואַרפט די איבעריקע אַריין אין זיין קעשענע נאַכלעסיק און מיט גרינגשעצונג. דערנאָך לייגט ער איבער פון איין טאַש אין אַנדערן אַ פּאַק טשערוואָנצעס, וואָס ער קנייטשט אין הויפן אויפן זעלבן אופן ווי דאָס טוען סאָוועטישע מענטשן. דאָס ניט האַלטן געלט אין אַ פּאַליאַרעס אויסגעגלייכט און צונויפגעלייגט ראַנד צו ראַנד, איז אין רוסלאַנד אַ סימן פון אַ פּאַרדינער, פון אַ ברייטער נאַטור, און דער לאָדזשער פּליט, זע איך, וויל איבערנעמען די רוסישע נאַטור.

מישע ציט אַרויס פון אַ זייטיקער הויזן־קעשענע אַ שיין אויסגעניייט סאַמעטן זעקעלע און נעמט פון דאָרט אַרויס אַ גאַנצע קאָלעקציע מיט אוזבעקישע קעפּקעס. זעקסקאַנטיקע, פּירקאַנטיקע און רונדע יאַרמלקעס מיט אַ שטייפן אונטערשלאַק און פאַרביק־אָריענטאַליש אויסגעניייטע ראַנדן.

— די טיובעטייקעס קליב איך פאַר מיין יינגעלע, — שטאַמלט ער אַ האַלב־פאַרשעמטער. ער דערציילט מיר, אַז ער געדענקט ניט אָפּט־מאָל ווי זיין יינגעלע זעט אויס. מסתמא איז עס דערפאַר וואָס בעת ער איז אַוועק פון לאָדזש, איז זיין יינגעלע נאָך געווען קליין און דאָס אויסזען פון אַ קליין קינד איז שווער צו געדענקען. ער האָט געהערט זאָגן, אַז ווען מיט אַ מענטשן טרעפט אַן אומגליק, קומט פאַר אַ פאַרענדערונג אויך אויף זיין פאָטאָגראַפיע, זיין פּנים אויפן בילד נעמט איינגיין און ווערט פאַרגעלט ווי ביי אַן אמתן מת. ער, מישע, גלייבט ניט אין דעם,

דאָך איז ער מקנא זיינעם אַ פריינט, אַ פּליט, וואָס האָט ביי זיך אַ פאָטאָ־גראַפיע פון זיין ווייב מיט זיינע צוויי מיידעלעך. דער פריינט זיינער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט ביי זיך אויפן טישל אוועקגעשטעלט די פאָטאָגראַפיע, און ווען ער גייט אַרויס פון שטוב, האָט ער אַ געפיל, אַז אין זיין סטאַלינאַבאַדער שטיבל בלייבן וואַרטן אויף אים זיין ווייב מיט זיינע צוויי מיידעלעך.

— דערפאַר קלייב איך פאַר מיך יינגעלע די היטעלעך, איך שפיגל זיך אין זיי ווי אין אַ פאָטאָגראַפיע, — נעמט מישע צוזאַמען זיינע טיו־בעטייקעס און גייט האַסטיק אַרויס פון פאַרק, איך זאָל ניט באַווייזן צו זאָגן אַ וואָרט וועגן זיינע חלומות.

די ביימער אין פאַרק, וואָס זיינען אין פרי־האַרבסט געווען שאַרלעך־רויט, זיינען שוין געוואָרן געל, און דער ווינט טראָגט איבערן גאָרטן קופּעס בלעטער, ווי אַ שטראָם וואָס שלעפּט מחנות אַראָפּגעפאַלענע דער־טרונקענע פייגל. אין די נעכט איז נאָך דער הימל ריין, טונקל־בלוי, און די שטערן זיינען גרויס, ווי איבערצייטיקע צעגליטע בלומען. אין איינער אַ נאַכט זע איך אַ גרויסע קיילעכדיקע לבנה פון געלבלעכן גאָלד־קאָליר, וואָס ווערט ביסלעכוויז פאַרצויגן מיט וואָלקנס. דער הימל לייטערט זיך מער ניט אויס, עס פאַנגען זיך אָן די שפּעט־האַרבסטיקע רעגנס, טאָג און נאַכט גיסט און ליאַפּעט אָן אויפהער, ביז דער גאַנצער אָנגעטראָגענער שטויב פון מדבר, די אַרונטערגעפאַלענע בלעטער און דער גרוי־זאַמדיקער באָדן ווערט פאַרוואַנדלט אין בלאָטע.

איך וואוין אין אַן ענגן צימערל אינאיינעם מיט דער באַלעבאָסטע און איר צוועלף־יאָריקן יינגל. די באַלעבאָסטע האָט מיך אַריינגעלאָזט, ווייל זי איז אָפּטמאָל ניטאָ אין דער היים עטלעכע טעג אין דער וואָך. זי איז אַ שאַפער, פירט אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ, און ברענגט סחורה פון די אַרומיקע קאָלכאָזן אין די שטאָטישע מאַגאַזינען. אויך ווען זי איז אין דער היים, רעדט זי מיט מיר ווייניק, און נאָך ווייניקער רעדט זי מיט איר יינגל פון צעשיידטן מאַן. אַנשטאָט אים זאָגן אַ וואָרט, דערלאַנגט זי אים מיט איר מאַנסבילשער פויסט גלייך אין פּנים אַריין. זי האָט אַן איבער־געבראָכענע נאָז מיט אַזעלכע ברייטע נאָז־לעכער ווי די אויערן פון אַ הונט. אין די נעכט נעמט זי אַריין מענער און רעכנט זיך להלוטין ניט וואָס איך און איר צוועלף־יאָריקער יינגל שלאָפן אין זעלבן צימער. קיינער פון אירע איינגאַכטיקע ליובאָווניקעס איז ניט אַזוי מיאוס און ניט אַזוי גראָב ווי זי. ביז זי שיכורט זיי ניט גוט איין, שעמען זיי זיך פאַר מיר

און פּאָר איר יינגל אויסצוטאָן. איך ליג אויף מיין געלעגער מיטן פּנים צו דער וואַנט און עס וואַרגט מיך דער עקל.

אָבער זינט עס האָבן גענומען גיין די האַרבסט־רעגנס, טראַכט איך ניט מער וועגן מיין באַלעבאָסטעס ביינאַכטיקע הוליאַנקעס. איך טראַכט בלויז ווי אַזוי־צוצוקומען אינדערפרי אין שטאָט און ווי אַזוי צוריקצוגיין ביינאַכט אַהיים. מיינע שיך זיינען זיך אינגאַנצן צעפאַלן, און די געגנט, וואו איך וואוין, איז אַ טאָל פאַרוואַלגערט מיט הייזלעך, אַ שפּאַלט אין דער ערד פאַרפּלייצט מיט בלאָטע. ביינאַכט מוז איך בלאָנדזשען דורך דער שטאָק־פינצטערניש. לאַמטערנעס אָדער עלעקטרישע לעמפּלעך זיינען אין דער גאַס ניטאָ, די אָרטיקע איינוואוינער האַלטן זייערע פענצטער פאַר־לאָדנט, ווי זיי וואָלטן געזשאַלעוועט דעם דרויסן דעם אָפּשיין פון זייערע נאַפט־לעמפּלעך. דער ערגסטער מאָמענט איז ווען איך דערשלעפּ זיך שוין צו מיין קאָנורע און די באַלעבאָסטע דערזעט מיך אַריינקומען אין איר שטיבל מיט דורכגעווייקטע און פאַרבלאָטיקטע שיך.

איך הער אויף טראַכטן וועגן דער מלחמה, וועגן אָפּעסן, אַפּילו וועגן דער מאַמען און פרומע ליבטשען טראַכט איך ניט מער, מיין איינציקער חלום איז אַ פּאָר שיך. איך פיל אַז די בלאָטע, וואָס האָט זיך איינגעקלעפּט צווישן מיינע פוס־פינגער און האָט פאַרוואָקסן מיינע פּיאַטעס, נעמט אויך אָנוואַקסן אויף מיין רוקן. איך שפּיר, אַז די בלאָטע פאַרקריכט אונטער מיינע אָרעמס, לייגט זיך אויף מיין האַלדז און נאַקן, אויף די האָר, אויף די ברעמען, קריכט אַריין אין די אויערן, אין די נאָזלעכער, צווישן די ציין, צווישן די אויגן־דעקלעך... איך פיל אַז איך ווער משוגע.

בייטאָג דריי איך זיך אַרום אויפן טראָטואַר פון לענינסקאַיאַ, אָדער איך שטעל זיך אונטערן דעכל, וואו עס איז געווען דער שוסטער־אַרטעל פון די בוכאַרער ידן, און קוק נאָך די פאַרבייגייער. ניט אויף זייערע פנימער, ניט אויף זייערע קליידער קוק איך, נאָר אויף זייערע שיך. אָט גייען דורך אַ פּאָר פרויען־פיס אין הויכע גומענע שטיוול, און ווי זיי גלאַנצן עס, די שטיוועלעך, גלייך מען וואָלט זיי מיט אַ מינוט צוריק אַרומגעשמירט מיט לאַק. אַ צווייטע פּאָר פרויען־פיס שטאָלפּערן אין געוואַנטענע באָטן מיט קנעפּ וואָס שפּיליען זיך אָן אַ זייט. עס קנאַקן פאַרביי אַ פּאָר מאַנסבילשע ספּאָרט־שיך מיט נעגל אין די זוילן, די הויזן־ראַנדן פאַררוקט אין די האַרטע לעדערנע געשנורעוועטע קאַפּקעס. און אָט גייען אַ פּאָר גלייכע שטייפע מאַנסבילשע פיס אין הויכע שטיוול מיט טיפע קאַלאָשן, אי שטיוול און אי קאַלאָשן! איך דערזע אַ פּאָר פיס איינ־געוויקלט אין אויסגעווייקטע שמאַטעס נאָך ערגערע ווי מיינע, און די פיס שטעלן זיך אָפּ לעבן מיר. איך הייב אויף די אויגן, ס׳איז יאַנקל גראָט,

דער פּליט פון וואַלין. אויך זיין פּנים איז צעווייקט און אָנגעבלאָזן ווי אַ געשוואָלענע אוגערקע:

— איר האַנדלט נאָך מיט געשטאָפּטע פּאַפּיראָסן? — פרעג איך.

— ווי אַזוי קען איך אין אַזעלכע וועטערן האַנדלען אויפן מאַרק מיט פּאַפּיראָסן? דער רעגן וועט דאָך זיי צעווייקן, — קוקט ער מיך אָן פאַרוואונדערט. חוץ דעם, זאָגט ער, האָט מען אים שוין איינמאָל אַרעסטירט און געמשפּט פאַר ספּעקולירן מיט טאַבאַק. ער האָט געטענהט, אַז ער ספּעקולירט ניט, ער נעמט בלויז עטוואָס טייערער פאַר די גילזן און פאַר זיין אַרבעט אָנצושטאָפּן די פּאַפּיראָסן. האָט מען אים דאָס מאָל באַפּרייט און אָנגעזאָגט אַז מער זאָל ער ניט האַנדלען.

— באַפּרייט?

— יאָ, די יידישע ריכטערין האָט מיך באַפּרייט, — זאָגט יאַנקל גראָט.

איך קען זי, די יידישע ריכטערין, דאָס געריכט איז אויף לענינ־סקאַיאָ און איך זע זי אָפּט פאַרבייגייען. זי טראָגט נידעריקע באָטן מיט אַ פוטערנעם איבערגעניי לענג־אויס די קנעפּלעך און אַרום די ראַנדן. זי איז אַ הויכע דיקלעכע פרוי מיט אַ פּאָר קלוגע, גוטע, שוואַרץ־גלאַנציקע און יונגע אויגן. אָבער ווען זי גייט פאַרביי מיט אַרונטערגעלאָזטע ברעמען, זעט זי אויס אַ סך עלטער און שטרענגער.

— און וואו שלאָפט איר?

— אין געריכט, — ענטפערט יאַנקל גראָט. די ריכטערין, דערציילט ער מיר, האָט נאָך זיין משפּט גערעדט מיט אים באַזונדער און זיך באַקלאָגט אויף די פּליטים וואָס ברעכן דאָס געזעץ. אויף קלייניקייטן, האָט זי גע־זאָגט, קען זי פאַרקוקן, נאָר גרעסערע פאַרברעכנס טאָר זי ניט און וויל אויך ניט שענקען. זי האָט אים געפרעגט וואו ער שלאָפט, און ווען ער האָט איר דערציילט, אַז ער וואַלגערט זיך אַרום, טאָגט ניט וואו ער נעכטיקט, האָט זי אים געהייסן קומען יעדן אויפדערנאַכט אין געריכט. אָבער קיינער זאָל ניט זען ווען ער וועט אַריינגיין און אַרויסגיין.

— חבר גראָט, טוט מיר אַ געפעליקייט און באַקענט מיך מיט דער ריכטערין, — כאַפּ איך אים אָן ביי דער האַנט, — אפשר וועט זי מיך אויך לאָזן שלאָפן אין געריכט. זאָל זיין אויף אַ האַרטער באַנק, זאָל זיין אויף דער ערד, אַבי איך זאָל ניט דאַרפן קריכן דורך די בלאָטעס צו מיין מכשפה מיט דער איבערגעהאַקטער נאָז.

— איצט איז עס שוין ניט מעגלעך, — זיפצט יאַנקל גראָט און ציט קוים דעם אָטעם. ער האָט איין מאָל און אַ צווייט מאָל אַריינגענומען צו זיך איבערשלאָפן אַ פּאָר פּליטים. דער סוף איז געוועז אַז מען האָט פון געריכט אַרויסגעגנבעט די פאָרהאַנגען, די גרינע דעקעס פון די טישן און אַפילו די שטולן. ער זאָגט ניט, אַז דאָס האָבן געטאָן די פּליטים, נאָר

ווען די ריכטערין האָט זיך עס דערוואוסט, האָט זי זיך געכאַפּט ביים קאָפּ. עס דראָט אים אַ גרויסע שטראָף, און די ריכטערין האָט מאָביליזירט די גאַנצע מיליץ מען זאָל זוכן די גנבים, כדי ער זאָל ניט דאַרפן גיין אין לאַגער פאַר דער גנבה.

— גוט - האָט געטאָן אַרענשטיין וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן פון סטאַלינאָבאַד, — רייד איך צו זיך אַליין הויך אויפן קול, — אין סאַמאַרקאַנד אָדער אין בוכאַראַ איז אים אפשר ניט אַזוי מיאוס דאָס לעבן ווי אונדז דאָ.

— אַרענשטיין, דער אַדוואָקאַט אַרענשטיין? — קוקט מיך אָן יאַנקל גראָט מיט זיינע שטילע אויגן און איז זיך אַ רגע ווי מיישב צי ער זאָל ריידן, — איר ווייסט ניט אַז דער וואַרשעווער אַדוואָקאַט אַרענשטיין איז געשטאָרבן?

— געשטאָרבן?!

— ניט לאַנג צוריק, — ציטערט יאַנקל גראָט פון קעלט און נעץ, — אין סאַמאַרקאַנד און בוכאַראַ האָט ער זיך ניט געקענט איינאָרדענען, איז ער אַוועקגעפאָרן אין אַ אוזבעקישן קאָלכאָז און איז דאָרט געשטאָרבן. אַ פּליט וואָס איז געקומען פון טאַשקענט האָט עס מיר דערציילט.

אַז פּליטים זאָלן שטאַרבן פון שילשול, פון כאָלעריע, אָדער פון מאַלאַריע, איז שוין פאַר מיר קיין נייס ניט. אָבער אַרענשטיינען קען איך נאָך פון ווילנע, פון טאַשקענט, און מיט קאַרגע צוויי חדשים צוריק האָב איך זיך נאָך מיט אים אינאיינעם אַרומגעשלעפּט איבערן היגן מאַרק, בלייב איך שטיין אַ פאַרשטומטער, אַ דערשלאָגענער. צוליב דעם, טראַכט איך, האָט אַרענשטיין באַדאַרפט לויפן פון וואַרשע קיין ווילנע, און פון ווילנע ביז קיין צענטראַל־אַזיע, ער זאָל שטאַרבן אין אַ האַלב ווילדן אוז־בעקישן דאָרף? ווען ער ווייס פריער וואָס עס דערוואַרט אים, וואָלט ער זיך גלייך הינטער וואַרשע אַוועקגעלייגט אויפן וועג, די דייטשע חיילות זאָלן איבער אים אַריבערגיין. ווען ער ווייס עס פריער, וואָלט ער ווי איוב ניט געוואָלט אַרויסגיין פון זיין מאַמעס בויך.

— ס׳פאַרדריסט מיך וואָס איך פלעג אים מוסרן, אַז ער זאָל זיך אַזוי ניט אָפּלאָזן, ער זאָל גיין אַרבעטן, — טוליעט זיך יאַנקל גראָט אין זיינע דורכגעווייקטע שמאַטעס, — איך האָב אים לעצטנס אויפגעהערט צו געבן יעדע וואָך די דריי רובל, ווייל איך האָב מער ניט פאַרדינט. אויב ער וואָלט קראַנק געוואָרן דאָ אין סטאַלינאָבאַד, וואָלטן מיר געגאַנגען צו אים אין שפּיטאָל און אים, קען זיין, געראַטעוועט. ווי מיינט איר?

— איך ווייס ניט, — ענטפער איך און עס צופּט מיך ביים האַרצן וואָס אויך איך האָב זיך לעצטנס אויפגעהערט צו חברן מיט אַרענשטיינען, ווייל מיר איז ניט געפעלן זיין חוצפּה, — איך ווייס ניט צי מיר וואָלטן

אָרענשטיינען געראַטעוועט, מיר וואָלטן אָבער געווען ביי זיין לוויה. זינט איך בין אַנטלאָפן פון דער היים, טראַכט איך, אַז דאָס שרעקלעכסטע מוז זיין צוצומאַכן די אויגן און וויסן, אַז קיינער פון די אַרומיקע פרעמדע מענטשן וועט ניט טרויערן און אַפילו ניט געדענקען דעם נאָמען פון דעם וועמען זיי באַגראָבן.

יאַנקל גראָט קוקט מיך אָן מיט אַ טענה אין זיינע שטילע אויגן פאַרוואָס איך רייד מיט אַזוי פיל יאוש, די טענה וואָס ער האָט שטענדיק צו אַלע פּליטים.

— צייטנווייז קלער איך, אַז אין אַרויסזאָגן דעם יאוש איז אויך דאָ אַ שטיקל נחמה, — טוט יאַנקל גראָט אַ שמייכל און שלעפּט אַוועק זיינע דורכגעווייקטע פיס. איך נעם ווידער אַראָפּקוקן אויף די שיף פון די פאַרבייגייער און דערזע אַ פּאָר הילצערנע קוליעס, וואָס גיבן זיך אַ הייב־אויף און אַ לאָז אַרונטער אויפן טראָטואַר פריילעך און מיט אַ קנאַק, ווי זיי וואָלטן אָפּגעחוזקט פון יאַנקלס אַרומגעבונדענע פיס און פון מיינע שיך. דעם אינוואַליד איז איצט גוט, ער האָט ניט קיין מורא איינצונעצן און איינצושמירן זיינע הילצערנע קוליעס.

# מישע טרוימאַן

## I

אין סטאַלינאַבאַד איז פרילינג, די ביימער זיינען פאַרשאָטן מיט בליעכטס און דער ריח פון יאַסמין שיכורט אין ווי וויין. מישע טרוימאַן האָט מיר פלוצים דערקלערט, אַז ער האָפט ניט מער צו טרעפן זיין ווייב און קינד, און אַז ער האָט זיך איינגעליבט אין זיין רוסישער מידל, לידיאַ הייסט זי, די זעלבע וואָס ער קען זינט ער איז אין סטאַלינאַבאַד. מישעס שוועגערין, וואָס איז נאָכן טיפוס אַרויס פון שפּיטאָל מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, האָט מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אין גאַס און אים פאַרמסרט, אַז ער האָט זיך מיט אַ כיוון איינגערעדט, אַז זיין ווייב און קינד לעבן ניט מער, כדי ער זאָל קענען פירן אַ ראָמאַן מיט זיין שיקסע. ער קלייבט זיך מיט איר חתונה האָבן, זיך פאַרשרייבן אין „זאַגס".

— פאַרוואָס קען ער ניט פירן זיין ראָמאַן אָן חתונה האָבן? — האָב איך געפרעגט ביי דער שוועגערין, — אַ סך פּליטים האָבן דאָ געליבטע, נאָר זיי קלערן ניט פון חתונה האָבן און גיבן אויך ניט אויף די האָפענונג צוריקצופאָרן אַהיים צו זייערע משפחות.

— אַזאַ מענטש איז ער, מיין שוואָגערל, ער קען זיין אַ מאַן, ניט קיין געליבטער. — און די שוועגערין האָט מיר דערציילט, אַז מישע גיט אויס זיין גאַנץ געלט אויף דער שיקסע. ער נייט איר קליידער, צאָלט פאַר איר צימער, פירט זי אין די ווינקעלערס און פראַוועט ביי איר אין שטוב וועטשערינקעס פאַר איר מיט אירע חברטעס. אָבער איר, זיין שוועגערין און איר קינד, העלפט ער ניט מער, ער האָט אַפילו אויפגעהערט צו שיקן פעקלעך זיין לייבלעכן ברודער אין תפיסה.

— איך בעט איך, רעדט איר מיט אים, — האָט די שוועגערין מער געשריען ווי געבעטן, — זאָגט אים, אַז שיקסעס פעלן ניט אין סטאַלינאַבאַד, און אַ ברודער האָט ער בלויז איינעם; אַ ברודער אין תפיסה און אַ שוועגערין וואָס איז אַרויס פון שפּיטאָל אַ קראַנקע.

ס'איז האַלבער טאָג. אין שטאָט־גאָרטן, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרמאַכט, קומט פאָר אַ פּראָבע פון אָרקעסטער וואָס שטעלט איין צום נייעם סעזאָן אַ נייע פּראָגראַם אינאיינעם מיט זינגער און טענצער. די פּליטים זיינען גליקלעך וואָס מען האָט געעפנט דעם פּאַרק. זיי האָבן ניט וואו צו גיין, זיצן זיי דאָרט, שמועסן און קוקן זיך צו צו די פּראָבעס פון אַקטיאָרן־אַנסאַמבל. אָבער מיר שפּילן די העוויות פון די עסטראַדנע אַקטיאָרן אויף די נערוון. דריי איך זיך אַרום הין און צוריק אויף לענינ־סקאַיאַ, ביים טויער פון שטאָט־גאָרטן. די פאַרבייגייער אין גאַס הערן די מאַרשן, די טאַנץ־מוזיק פון צוניפגעשפּילטן אָרקעסטער, און זיי נעמען גיין ריטמישער, שטעלן די טריט צום טאַקט מיט צעשמייכלטע פּנימער. מיטאַמאָל ווערט אַ פייפעריי, וואָס זאָגט אָן, אַז די באַוועגונג פון פוסגייער און וועגענער זאָל זיך אָפּשטעלן, גלייך עס וואָלטן געפאָרן די פייערלעשער, אָדער די שפּיטאָל־קאַרעטע פון גיכער הילף.

פון אַרויפצו לענינסקאַיאַ קומט אָן אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן, אַרומ־גערינגלט פון אַלע פיר זייטן מיט מיליציאָנערן, דאָס רוב טאַדזשיקן, מיט אָנגעצילטע ביקסן און בלעכענע פייפלעך. אינמיטן פון אָפּגעשלאָסענעם פּירעק גייען די אַרעסטאַנטן צו פיר אין אַ ריי אין אַ פינף־זעקס שורות, מיט פּעקלעך וועש אונטער די אָרעמס, ווי מען וואָלט זיי געפירט פון באָד. זיי גייען פאַמעלעך, גלייכגילטיק, מיט פאַרטעמפּטע צורות. לויט דעם ווי מען פירט זיי צופוס איבער די גאַסן אינמיטן העלן טאָג, ניט ביינאַכט אין פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן, איז לייכט צו דערקענען, אַז דאָס זיינען נישט קיין ערנסטע פאַרברעכער, נאָר פאַרמשפּטע פאַר קליינע גנבות, פאַר כוליגאַנסטווע און פלוידעריי. אָבער די מיליציאָנערן הייבן אויף אַזאַ ווילדע פייפעריי, ווי זיי וואָלטן געפירט קאַטאָרזשניקעס, וואָס קענען אַ ליאַדע מינוט צעריסן די קייטן און אַנטלויפן. עס בלייבן שטיין די אויטאָ־מאָבילן אויף די ראָגן, די פאַרבייגייער אויף די טראָטואַרן, עס ווערט טויט־שטיל. מען הערט בלויז דעם אָרקעסטער שפּילן אין גאָרטן, די שווערע טריט פון די מיליציאָנערן, און ווי די אַרעסטאַנטן פּלאָנטערן מיט די מידע פיס.

בלויז איינער, אַ שיכורער רוס, רעכנט זיך ניט מיטן באַפעל צו בלייבן שטיין. ער שפּאַנט אַ ביסל וואַקלדיק איבערן טראָטואַר, און רעדט זיך איבער מיט אַן אַרעסטאַנטקע, וואָס טראָגט אונטערן אָרעם אַ צוניפּ־געלייגטע קאָלדרע. זי גייט די לעצטע אין אַ שורה ביים סאַמע טראָטואַר, פאַרשטעלט פון טאַדזשיקישן מיליציאָנער, וואָס שפּרייזט ביי איר זייט:

— וואַלענטין ווילדעוועט, — דרייט דער שיכור אַזוי שווער מיט דער צונג ווי שווער ער שטעלט זיינע טריט, — ער וויל זיך ניט לערנען, דער ניעגאָדיאַי.

— דערלאַנג אים אין דער מאָרדע, — זאָגט נאָכלעסיק די אַרעס־טאַנטקע מיט דער קאַלדרע אונטערן אָרעם, — ביסט אַ טאַטע, דאַרפסטו דערציען דיינע קינדער, גיב אַכטונג ליובאַ זאָל זיך ניט צופיל אַרומ־שלעפּן מיט יונגען.

— ניע גאַוואַריט! — זינגט אויס דער טאַדזשיקישער מיליציאַנער, וואָס שפּאַנט צווישן דיביידע איבערשמועסער.

— אונדזער שכן האָט זיך אויך צעבושעוועט, — רעדט דער רוס זיך ווייטער איבער מיט זיין ווייב, — ער זאָגט צו מיר: דו, טימאָפּיי וואַסיל־יעוויטש, ביסט איצט אַליין מיט צוויי קינדער אין אַ גרויסן צימער, און איך מיט פינף קינדער בין אין אַ קליין צימערל. דו מוזט זיך מיט מיר בייטן מיט די צימערן, זאָגט ער, דער פּראַכוואָסט.

— זאָג אים, טימאָפּיי, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועל איך אַהיים קומען און אים די ציינער אויסהאַקן, די אויגן אויסדראַפּען, — ענטפערט רואיק די אַרעסטאַנטקע.

— סקאַזאַל: ניע גאַוואַריט! — גיט זיך נאָכאַמאָל אַ צעזונג דער טאַדזשיקישער מיליציאַנער.

דער רוס אויפן טראָטואַר בלייבט שטיין אַ צעוואַקלטער און רייבט זיך מיט דער דלאָניע דאָס פּנים, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסניכטערן. ער דערזעט ביי זיינע פיס אַ האַלבן ניט־דערדייכערטן פּאַפּיראָס, בייגט ער זיך פאַרזיכטיק איין ניט אומצופאַלן, פאַרשטאָפּט דעם פּאַפּיראָס צווישן די ציין, און גלייכט זיך פּאַמעלעך ווידער אויס. אָבער די פּאַרטיע אַרעס־טאַנטן איז שוין אַוועק פאָראויס און אַפילו זיין ווייב דרייט ניט אויס דעם קאָפּ אַהינטער אויף אים אַ קוק צו טאָן. בלייבט דער שיכור שטיין מיט צעשפּרייטע פיס, קוקט נאָך דער מחנה פון וויטן, שאָקלט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק, און זידלט זיך אויס פאָ מאַטושקע: אין די קישקעס, אין דער הינטישער נשמה, אין טאַטנס טאַטן און אין גאָטס מוטער.

פון אַרויפצו לעניסקאַיאַ קומט אָן מישע טרוימאַן. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר און דערציילט מיר אָן אויפגערעגטער, אַז ער איז היינט שיר ניט אַריינגעפאַלן ביים אָפּזעצן אויפן מאַרק די טרייפע סחורה, וואָס ער טראָגט אַרויס פון זיין שניידעריי. ווען ער האָט געטאַלקעוועט מיט זיין איבערקויפער אין אַ ווינקל, האָט ער דערזען אַ ציווילן פאַרשוין, וואָס האָט זיי נאָכגעקוקט. דער איבערקויפער האָט געלאַכט, ער איז אַן אינוואַליד, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן, אָבער ער, מישע, האָט זיך אַ ביסל יאָ דערשראָקן.

— מישע, איר שפּילט מיט פייער, — קוק איך זיך אַרום אין אַלע זייטן, — מען האָט דאָ נאָר וואָס פאַרבייגעפירט אַרעסטאַנטן, האָט איר באַדאַרפט זען ווי זיי זעען אויס. אָסיען־צייט האָט איר מיר געזאָגט, אַז

איר טוט עס צוליב אײער קראַנקער שװעגערין אין שפּיטאָל, צוליב איר קינד און צוליב אײער ברודער אין תּפיסה. אָבער איצט, װײס איך, העלפט איר זײ נישט מער, פונדעסטװעגן טוט איר עס װײטער.

— פון װאַנען װײסט איר, אַז איך העלף זײ נישט מער? איך פאַרשטײ! מײן שװעגערין האָט אײך דערצײלט. זי האָט מיך געסטראַשעט, אַז זי װעט דערצײלן אַלע מײַנע פרײַנט, אַז איך פאַרלאָז מײן משפּחה צוליב אַ שיקסע.

מישע נעמט קאָכן, שױמען, צערעדט זיך נאָך האַסטיקער און גערדיכטער װי שטענדיק: זײן שװעגערין האָט נישט געאַרט װען ער האָט אַרױס־געטראָגן פון װאַרשטאַט און איר אָפּגעגעבן זײנע פאַרדינסטן, אָבער זינט ער האָט באַשלאָסן, אַז ער אַלײן מעג נאָך אױך לעבן אױף דער װעלט, פּרוּװט זי אים אײנשרעקן, אַז מען װעט אים כאַפּן. ער װעט עס זײן שװעגערין קײנמאָל ניט מוחל זײן! ער װעט איר אױך ניט מוחל זײן, װאָס כּדי אים אָפּצורײסן פון לידיאַ, זאָגט זי אים, אַז זײן װײב און ײנגעלע אין לאָדזש לעבן און מאַטערן זיך, און ער דאָ הולטײעװעט מיט אַ שיקסע.

— איר װילט מיר טאָן אַ טובה? — פרעגט מישע מיט אַ צעפלאַמט פּנים, — טאָ קױפט אױף מײן חשבון דרײ בילעטן אין לענינגראַדער טעאַטער־קאָמעדיע, צװײ פאַר מיר מיט לידיאַ און אײן בילעט פאַר אײך. מיר װעלן גײן זאַלבעדריט. די קאָסע עפנט מען פאַרנאַכט און איך אַרבעט דעמאָלט, מוז איך אײך באַמיען.

איך זאָג אים צו אַז איך װעל קױפן דרײ בילעטן. מיט רױטע פלעקן אױפן פּנים פון נאָך נישט געשטילטן כּעס אױף דער שװעגערין, דערצײלט מיר מישע, אַז לידיאַ האָט גלײך בײם אָנפאַנג פון דער מלחמה פאַרלאָרן איר חתן און צוליב דעם איז זי נאָך ביז איצט זײער טרױעריק. אים געפעלט דװקא איר טרײשאַפט צו איר אומגעקומענעם חתן, נאָר ער װיל זי צעשטרײען. איז אַזױ װי זי האָט ליב טעאַטער, פּירט ער זי איבער־מאָרגן אין היגן רוסישן דראַמאַטישן טעאַטער און ער האָט איר אױך צו־געזאָגט צו נעמען אין לענינגראַדער טעאַטער־קאָמעדיע, װאָס איז צוליב דער מלחמה אַנטלאָפן קײן סטאַלינאָבאַד און שפּילט דאָ אין בנין פון דער טאַדזשיקישער אָפּערע.

עס פאַרהאַלט אונדז אַ הױכער ײד מיט אַ צעפלאָשעטער געלער באָרד, אין אַן אױסגעריבן כאַלאַט און אין גרױסע אױסגעקרימטע שיך. ס'איז אַ חסידיש־פרומער ײד פון ערגעץ אַ שטעטל אין פּױלן, װאָס איז מיט זײן משפּחה, אַ װײב מיט זיבן קינדער, געװען פאַרשיקט אין אַ „פּאָסיאָ־לאָק". נאָכדעם װי מען האָט אים באַפרײט, האָט ער מיט זײן משפּחה געװאַנדערט איבער סיביר, איבער צענטראַל־אַזיע, און אונטערװעגנס באַ־

גראָבן דריי קינדער. דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט ער זיך דערשלעפּט קיין סטאַלינאַבאַד און לעבט דאָ פון נדבות.

— איך געדענק אָן אייך ביים דאַוונען, — שטרעקט דער ייד אויס זיין האַנט צווישן מיר און מישען, — פאַר זיך אַליין פועל איך גאָרנישט. נאָר אַז איך בעט פאַר אַנדערע, ווייס איך, אַז מיין תפילה ווערט דערהערט.

מישע גיט אים אַ פינפעדל, איך גיב אים אויך אַ פאָר רובל, און דער ייד נעמט זיך שאָקלען איבער אונדזערע קעפּ מיט גרויס כוונה, ווינטשט אונדז מיר זאָלן נאָך זוכה זיין צו טרעפן אונדזערע בני־בית.

— איך האָב אייך עטלעכע מאָל געזאָגט, איר זאָלט מיר נישט דער־מאָנען מיינע בני־בית, איך וועל אייך מער קיין קאָפּיקע ניט געבן, אויב איר וועט מיר דערמאָנען מיינע בני־בית, — ווערט מישע אויפגערעגט און צערעדט זיך ווידער מיט אַ סך לאַדזשערישע רישן. ער איז אַן אַרבעטער, האָלט ניט פון קיין פּסוקים, האָלט ניט פון קיין ברכות, און האָלט איבערהויפּט ניט פון דעם אונטערשייד צווישן ייד און גוי.

— מען טאָר זיך ניט מיאש זיין, — קרעכצט אַרויס דער ייד מיט דער צעפּלאָשעטער געלער באָרד און שפּאַנט אַוועק. ער וויל זיך ניט אַריינלאָזן מיט מישען אין אַ וויכוח און פאַרלירן אַ נדבה־געבער.

— אַ פאַלשער ייד, ער גלייבט אַליין ניט אין דעם וואָס ער זאָגט, אַז מיר וועלן דאָרט נאָך עמיצן טרעפן, — זאָגט מישע מיט כעס און דערמאָנט מיר נאָכאַמאָל וועגן לענינגראַדער טעאַטער. ער בעט מיך אים אָפּוואָרטן אויף לענינסקאַיאַ איבערמאָרגן ביינאַכט, ווען ער און לידיאַ וועלן אַרויסגיין פון היגן רוסישן טעאַטער. ער וויל וויסן צי איך האָב געקראָגן בילעטן, אויף וועלכן טאָג און אויף וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקל. ער וויל מיך אויך באַקענען מיט זיין פריינדין און איך וועל אַליין זען וואָס פאַר אַן אידעלע, קלוגע און איבערגעגעבענע זי איז, נישט אַ שיקסע וואָס וויל אים אויסנוצן, ווי עס באַרעדט זי זיין שוועגערין.

## II

אין לענינגראַדער טעאַטער־קאָמעדיע האָט מען געגרייט אַ נייע פּרעמיערע, „די באַלאַגערונג פון לענינגראַד". איך האָב געקויפט דריי בילעטן, פאַר מישע טרוימאַן מיט זיין מיידל און פאַר זיך. אין פאָיע פון טעאַטער איז געווען פּוסט, קיל און שטיל, בלויז דאָס קליינע קאַסע־פענצטערל איז געווען אָפן. דאָס פענצטערל איז געווען אַזוי שמאָל, אַז איך האָב ניט געקענט זען דעם קאַסירס פּנים. זיך צונויפגערעדט מיט אים און אַריינגעשטופּט געלט, האָבן זיך צו מיר אַרויסגעקוקט צווי הענט

מיט בילעטן, צוויי דאַרע צעקנייטשטע הענט מיט לאַנגע אומרואיקע און הונגעריקע פֿינגער, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן און געלעבט פֿאַר זיך, ווי אָפּגעהאַקטע פֿיס פֿון שפּינען.

צוליב דעם, וואָס עס איז געשען דערנאָך ביים סוף פֿון טאָג, האָב איך שפּעטער אָפּטמאָל איבערגעטראַכט, אַז בעת איך האָב דערזען די אַרויסגערוקטע פֿאַר הענט אין קאַסע־פֿענצטערל, האָב איך אפשר גאָרניט פֿאַראויסגעפֿילט, און אַז איך רייד זיך עס איין איצטער, אַז די פֿינגער האָבן ביי מיר שוין דעמאָלט אַרויסגערופֿן שרעק און איבל. אָבער איך געדענק גענוי, אַז איך האָב דעמאָלט אַריינגערוקט מיין קאָפּ אין ענגען פֿענצטערל אָנצוקוקן דעם קאַסיר, אַזוי אומהיימלעך איז מיר געוואָרן פֿון זיינע פֿינגער. איך געדענק גענוי, אַז איך האָב אים אָנגעקוקט — און זיך נאָך מער פֿאַרוואונדערט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן קיילעכדיקן קאָפּ, אַ קיילעכדיק פּנים און געטראָגן גרויסע קיילעכדיקע ברילן. זיינע אויגן האָב איך ניט געזען, ווייל ער האָט זיי געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אויף די בלעטער פֿון אַ בוך, וואָס ער האָט געלייענט, און אויך זיינע הענט זיינען געווען אַרונטערגעלאָזט. אַזאַ קאָפּ, אַזאַ פּנים און אַזעלכע אַקסל, קענען בשום אופֿן ניט האָבן אַזוינע הענט, וואָס האָבן זיך צו מיר אַרויסגערוקט, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ משונהדיקער געדאַנק און איך האָב אַפֿילו אַ ציטער געטאָן: ער מאַכט זיך אַז ער לייענט, כלומרשט, איך זאָל בישט כאַפּן, אַז ער האָט מיר אַרויסגערוקט אַ פּאָר פֿרעמדע צוגעשטעלטע הענט... אָבער איך האָב גלייך אַליין איינגעזען, אַז איך האָב משוגענע מחשבות. בין איך אַוועק פֿון פֿענצטערל נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויפֿצוהייבן די אויגן. פֿונדעסטוועגן האָט זיך מיר אויף צוריקוועגס פֿון לענינגראַדער טעאַטער ווידער אויסגעדאַכט, אַז איך זע אויפֿן ווייס־צעגליטן זאַמד די שאָטנס פֿון קאַסירס לאַנגע בייזע פֿינגער.

דער טאָג איז מיר אַוועק ווי שטענדיק אין אַרומדרייען זיך אויף דעם מאַרק, אין אָפּוואַרטן די צייט ווען מען וועט עפֿענען די קיך, וואו מען קריגט אַ טעלער שוואַרצע לאָקשן, „לאַפּשאַ“, און אין זיצן דעם גאַנצן אויפֿדערנאַכט אין שטאָט־גאָרטן. אַרום צוועלף ביינאַכט בין איך אַרויס אויף לענינסקאַיאַ, אַנטקעגן בנין פֿון סטאַלינאַבאַדער רוסישן טעאַטער, אָפּוואַרטן מישע טרוימאַן מיט זיין מיידל. איך האָב זיי ביידן געטראָפֿן אויף די ברייטע טרעפּ פֿון אַרויסגאַנג. דער ספּעקטאַקל האָט זיך נאָר־וואָס געענדיקט, און זיי זיינען אַרויס די ערשטע, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז איך וואַרט אויף זיי. מישע האָט מיך באַקענט מיט זיין פֿריינדין. לידיאַ איז געווען אַ הויכוואוקסיקע, העכער מיט אַ קאָפּ פֿון מישען, מיט סאַטינע האָר גלאַט פֿאַרקעמט אַהינטער, מיט אַ מידלעכן גאַנג און אויסגעמאַטערטן שמייכל אויפֿן פּנים. ס'האָט מיר אויסגעזען, אַז זי מאַכט אַן

אָנשטרענגונג צו זיין מיט אים צערטלעך, אָדער ווייל זי האָט אים ניט ליב, אָדער ווייל זי טרויערט טאָקע נאָך איר ערשטן אומגעקומענעם חתן, ווי מישע האָט מיר דערציילט. ער האָט זי געפּירט אונטערן אָרעם און מיט גרויס טריישאַפט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. איך האָב זיי איבערגעגעבן, אַז איך האָב געקראָגן דריי בילעטן אין לענינגראַדער טעאַטער אויף דער פּרעמיערע „די באַלאַגערונג פון לענינגראַד", אויפן פערצנטן אַפּריל.

— היינט איז דער זיבן־און־צוואַנציקסטער מאַרט און די בילעטן זיינען אויפן פערצנטן אַפּריל? — האָט זיך מישע פאַנאַנדערגעלאַכט הויך אויפן קול, — ביז דעם פערצנטן אַפּריל קען איך שוין זיין אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן אויפן אוראַל. איך האָב היינט ווידער באַקומען אַ פּאָווסטקע זיך צו מעלדן איבערמאָרגן אין וואָיענקאָמאַט.

אויף די גאַסן פון סטאַלינאַבאַד זעט מען אָפטמאָל גרויסע מחנות טאַדזשיקן זיך שאָקלען אין גאַנג מיט שווערע זעק אויף די פּלייצעס, ווי אָנגעלאָדענע קעמלען אין טיפן מדבר־זאַמד. דאָס שיקט מען די עלטערע טאַדזשיקן אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען קיין צפון, פאַרבייטן די רוסן, וואָס גייען אַוועק אויפן פראָנט. מען דערציילט וועגן זיי, אַז זיי האַלטן ניט אויס דעם סיבירער קלימאַט, די שווערע פּראַצע, און פאַלן דאָרט אויס ווי די פליגן. „זיי האָבן ווייכע ביינער", זאָגן וועגן זיי די רוסן. אויך די פּליטים דינען אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען. צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט קיין סאָוועטישע דערציאונג, טרויט מען זיי ניט אַריינ־צונעמען אין דער רויטער אַרמיי אינאיינעם מיט די רוסן. מישען האָט מען שוין עטלעכע מאָל גערופן אין וואָיענקאָמאַט, אָבער איטלעך מאָל האָט מען אים אָפּגעלאָזט.

— מען וועט דיך אויך דאָס מאָל באַפרייען, — טרייסט אים לידיאַ, — זיי האָבן ניט אין דער מאַסטערסקאַיאַ נאָך אַזאַ גוטן אַרבעטער ווי דו ביסט. נאַטשאַלסטווע וועט זיך פאַר דיר איינשטעלן.

— ביז איצט האָט מיך ניט געאַרט טאָמער נעמט מען מיך אין סטראָי־באַטאַליאָן, נאָר איצט וואָלט איך ניט געוואָלט אַוועקפאָרן פון סטאַלינאַבאַד, — גיט מישע לידיאַן צו פאַרשטיין ווי ליב ער האָט זי, — פונדעסטוועגן האַלט די בילעטן ביי זיך, — לאַכט ער ווידער צו מיר מיט אַ געמאַכטן געלעכטער, — טאָמער מאָביליזירט מען מיך פאַרט, וועט איר דעם פערצנטן אַפּריל גיין אין לענינגראַדער טעאַטער מיט לידיטשקאַן און מיט אירס אַ פריינדין.

— מילי מאַלטשיק מאַי, — גלעט אים לידיאַ איבערן פּנים.

איך האָב געזען, אַז דאָס פּאָרל איז שטאַרק פאַרנומען מיט זיך און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטער, איך האָב געוואָלט אָנקוקן דער עולם

וואָס איז געגאַנגען פון טעאַטער. אָבער יענע זײַנען נאָך געװען װײַט בײַם שטאָט־גאָרטן. אויפן לײדיקן טראָטואַר הינטער אונדז איז אונטערגעשפּרונגען אַ קאַרליקל — אַ קאָפּ און אַ האַלבער גוף פון אַן אינוואַליד אָן פיס. אין שטאָט איז געווען טרוקן, האָט ער, אַנשטאָט זײַנע קוליעס, גענוצט די הענט, פלינק און געשיקט זיי אײַנגעשפּאַרט אין טראָטואַר און אונטער־געשפּרונגען אַזוי שטיל ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגנבעט. איך האָב אים אָפּגעטראָטן דעם וועג, נאָר מישע און לידיאַ, וואָס זײַנען געגאַנגען געאָרעמט פאַראויס, האָבן אים ניט באַמערקט. דער אינוואַליד, געוואוינט, אַז מען זאָל אים יאָ באַמערקן און אָפּטרעטן דעם וועג, איז מיט איין פּלי צוגעשפּרונגען ביז צו די פּיאַטעס פון פּאַרל, מיט דער רעכטער האַנט אָפּגעשטופּט פון הינטן מישען, מיט דער לינקער האַנט אַוועקגעשטופּט לידיאַן, און זיך דורכגעקייקלט צווישן זייערע פיס. לידיאַ האָט פון שרעק אַ געשריי געטאָן. דער אינוואַליד האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זיך צעלאַכט מיט אַ מויל ווייסע ציין, וואָס האָבן אַזש אַ בליאַסק געטאָן אין דער פינצטערניש, און זיך אַוועקגעקייקלט פאַראויס ניט זאָגנדיק קיין איין וואָרט. גלײַך ער וואָלט אויסן געווען אונדז נאָך מער איבערצושרעקן מיט זײַן שוויגן.

— פאַרוואָס האָסטו זיך, לידיטשקאַ, אַזוי דערשראָקן, ס׳איז דיר אַ נײַס צו זען אַן אינוואַליד? — האָט מישע זי געפּרואווט באַרויִקן.

— ער איז אַרויסגעשפּרונגען אַזוי אומגעריכט, — האָט לידיאַ גע־ענטפערט מיט אַ שוואַך קול, — מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס קייקלט זיך אַ קאָפּ אָן אַ גוף.

מיר האָבן גענומען גיין עטוואָס גיכער און אַ פּאָר מינוט שפּעטער זײַנען מיר שוין געווען אויפן הילצערנעם בריקל בײַם ראָג, וואו די לעניני־סקאַיאַ ווערט איבערגעשניטן פון אַ גאַס אין דער ברייט. דורך דער גאַס איז אָנגעפאָרן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן ביז ער וועט פאַרבײַפאָרן. דער ערשטער און נאָענטסטער צום גרוזאַוויק בין איך געווען, לידיאַ איז געשטאַנען אינמיטן און פון איר אַנדערער זײַט איז געשטאַנען מישע.

פּלוצים האָט דער גרוזאַוויק, אַנשטאָט צו גיין אינמיטן ברוק, אַ קערעווע געטאָן מיט זײַן פינצטערן פּאַרנט אויפן טראָטואַר — און איך האָב אַ פלי געטאָן אין דער לופט ווי אויף אַ הוידלקע, גרינג געפלויגן און שווער אַרונטערגעפאַלן. איך האָב דערפילט אַ זעץ אין רעכטן קני, אָבער איך בין גלײַך צוריק אויפגעשפּרונגען. „איך לעב?!״ האָב איך מיט אַ מאָדנער רויִקייט און פאַרוואונדערונג אַ טראַכט געטאָן. דער הויז אויף מײַן רעכטער קני איז געווען צעריסן און עס האָט געטריפט בלוט, נאָר איך בין געווען גאַנץ מיט אַלע אבֿרים און בײַם קלאָרן באַוואוסטזײַן. איך האָב נאָך אַפילו באַוויזן צו זען דעם הינטערשטן טייל פון גרויסן לאַסט־אויטאָ,

וואָס האָט זיך געדרייט און געוואַקלט פון איין טראָטואַר צום אַנטקעגאיבערדיקן טראָטואַר, ביז דער שאָפער אינעווייניק האָט באַהערשט די ראָד און איז אַנטלאָפן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויפן הילצערנעם בריקל, וואו עס זיינען מיט אַ מינוט צוריק געשטאַנען לידיאַ און מישע — און זיי דאָרט ניט געפונען. האָב איך אַ זוך געטאָן מיט די אויגן און ביידן דערזען ליגן אויפן ברוק, ווייט אַוועקגעשלידערט איינער פון אַנדערן.

לידיאַ איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ניט געאָטעמט. איך האָב זי געגומען טרייסלען, נאָר זי איז געבליבן אומבאַוועגלעך ווי אַ שטיק האָלץ. איך בין צוגעלאָפן צו מישען — ער איז געלעגן צונויפגעדרייט און געקרעכצט: „לידיאַ, לידיאַ"... איך האָב אים גערופן בײם נאָמען און געפרואווט אויפשטעלן, האָט ער זיך צעשריען פון ווייטיק:

— אוי, איך קען נישט, ער האָט מיר צעבראָכן די ביינער. — און איז שטום געבליבן.

מיט דער לענינסקאַיאַ זיינען אָנגעקומען די טעאַטער־באַזוכער, וואָס זיינען געגאַנגען ווייט הינטער אונדז. זיי האָבן דערזען לידיאַן, זי אַרומגערינגלט, אַריינגעקוקט אין פנים און גענומען אויפהייבן. אַ טייל האָבן זיך איינגעבויגן אויפצוהייבן מישען, אָבער זיי זיינען אַלע גלייך אָפּגעטראָטן צוריק.

— פּאַמאַגיטיע! — האָב איך געשריען און אויפגעהויבן מישען אויף מיינע פּלייצעס. ער איז ווידער געקומען צו זיך, אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט מיין האַלדז ניט־אַראָפּצופאַלן, און מיטאַמאָל צוריקגעקראָגן דאָס לשון, גענומען רידן הויך, גיך:

— איך אַרבעט אין דער מאַסטערסקאַיע פון ענקאַוועדע, אין דער שניידעריי פון ענקאַוועדע, איך דאַרף ענדיקן אַ נייעם מאַנטל פאַר אַ קאָמיסאַר, פאַר אַ נאַראָדנעם קאָמיסאַר פון סאָוונאַרקאָם, — האָט ער זיך געבעטן נעבעכדיק, ווי דער יחוס וואָלט אים געקענט העלפן נושא חן צו זיין ביי די אַרומיקע. אָבער ווען ער האָט דערזען אַז קיינער לייגט ניט צו אַ האַנט, און אַז איך בין דער איינציקער וואָס שלעפּט אים אויף די אַקסל, האָט ער האַסטיק און אַ סך מאָל מיך געגומען קושן אין קאָפּ; דאָס בלוט איז גערונען פון אים איבער מיין פנים, איבער מיינע אויערן, איבער מיין מאַנטל, און ער האָט מיך געקושט אין קאָפּ מיט הייסע און קלעפּיקע ליפּן. אין דער רגע איז אונטערגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס און בייניק פנים, אָן אַ הוט, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע, אין אַ מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער:

— טראָגט אים אין שפּיטאָל, אין „רעפּובליקאַנאַ", ס'איז דריי טריט פון דאַנען, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפן געסל, וואו דער לאַסט־אויטאָ

איז אַנטלאָפֿן, — לאָמיר אָפּפֿירן די מיידל, זי איז ניט פֿאַרבלוטיקט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די אַרומיקע.

די פֿאַרבייגייער וואָס זיינען די גאַנצע צייט געשטאַנען שווייגעוודיקע, פֿאַרפֿרוירענע, גלייך זיי וואָלטן זיך ניט געקענט אַראָפּבייגן און אויך ניט אַוועקגיין, האָבן זיך איצט אַ לאָז געטאָן אינאיינעם מיטן יונגנמאַן צו לידיאַן.

— לידיאַ, לידיאַ, זי לעבט? — האָט מישע אויף מיינע אַקסל אַרויס־געקלאָגט, — העלפֿט איר, מענטשן, העלפֿט איר.

איך ווייס ניט ווי אַזוי איך האָב געטראָפֿן צום שפּיטאָל און וואו איך האָב גענומען כּח צו טראָגן דעם פֿאַרוואונדעטן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקריצט מיט די ציין ניט צו שרייען פֿון ווייטיק. ווען איך האָב זיך דערשלעפּט צום שפּיטאָל, האָב איך אַזוי שטאַרק גענומען רייסן דעם גלאָק פֿון פֿאַרמאַכטן טויער, אַז עס איז אינעווייניק גלייך געוואָרן אַ געלאַף. מען האָט געעפֿנט דעם טויער און איך האָב דערזען וועכטער. הענט האָבן פֿון מיינע פּלייצעס אַראָפּגענומען דעם פֿאַרוואונדעטן און עמעצער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ קאַנצעלאַריע, מיר געהייסן וואַרטן אויפֿן דיזשור־נעם דאָקטאָר.

איך בין לאַנג געזעסן אין צימער איינער אַליין, אַ פֿאַרטעמפּטער, אַ פֿאַרגליווערטער, שווער געסאָפּעט, און דער דיזשורנער דאָקטאָר האָט זיך ניט באַוויזן. לסוף האָב איך דערהערט לאַנגזאַמע טריט. איך האָב אויף גיך אַרומגעווישט מישעס בלוט פֿון מיין פּנים און פֿאַרשטעלט מיטן מאַנטל די צעריסענע הויז אויף דער קני, וואָס האָט מער ניט געבלוטיקט.

אין צימער איז אַריינגעקומען אַ יונגע פֿרוי, אויפֿן אויסזען ניט עלטער פֿון צוויי אָדער דריי־און־צוואַנציק יאָר, מיט געדיכטע שוואַרץ־גלאַנציקע האָר, מיט פֿולע זאַפֿטיקע ליפּן, מיט אַרויפֿגעקאַשערטע אַרבל, וואָס האָבן אויפֿגעדעקט אַ פּאָר בלענדיק־ווייסע אָרעמס, אָנגעטאָן אין אַ שנייאיק־ווייסן כאַלאַט, וואָס האָט נאָך שאַרפֿער אָפּגעצייכנט איר וואונדער־לעכע שוואַרץ־חנעוודיקייט. זי האָט אויף מיר פֿריינטלעך אַ קוק געגעבן, אָבער גאָרנישט געזאָגט. אַ קראַנקן־שוועסטער, האָב איך אַ טראַכט געטאָן און זיך צוגעקוקט ווי זי נעמט דעם טעלעפֿאָן, רעדט מיט עמעצן מיט אַ צעשיינט און אַ ביסל פֿאַרשעמט פּנים. אין דער ערשטער מינוט איז ביי מיר קיין ספֿק ניט געווען, אַז אָט די קראַנקן־שוועסטער רעדט מיט אירע עלטערן, אָדער מיט אַ געליבטן, אָבער איך האָב באַלד אויפֿגעכאַפּט אירע אַ פּאָר ווערטער וועגן צעבראָכענע ריפּן און איבערגעריסענע אָדערן. זי האָט ביי עמעצן עפּעס געפֿרעגט און דערנאָך זיך צוגעהערט מיט אַ נייגעריקן שמייכל אויף איר צעשיינט פּנים. בלויז פֿון צייט צו צייט האָט זי יענעם איבערגעריסן מיט איינציקע ווערטער: „ניעאָוזשעלי? איז וואָס דאַרף איך

טאָן?”... איך האָב זיך קוים דערוואַרט ביז זי האָט פאַרענדיקט דעם שמועס און אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן טרייבל:

— איך האָב געבראַכט אַ פאַרוואונדעטן און וואַרט אויפן דיזשורנעם דאָקטאָר, — האָב איך זיך אויפגעשטעלט.

— איך בין דער דיזשורנער דאָקטאָר, — האָט זי געענטפערט, — איך האָב דעם קראַנקן שוין באַטראַכט און וועל באַלד דורכפירן די אָפעראַציע.

— ער דאַרף אַן אָפעראַציע? און אַ כירורג וועט ניט זיין דערביי?

— איך בין אַ כירורג.

איר יונג און שיינענדיק אויסזען, איר שמייכעלע און איר פרעגן זיך ביי יענעם אויפן טעלעפאָן וואָס זי דאַרף טאָן, האָט מיך צעררודערט, איך בין געווען זיכער, אַז זי האָט ניט קיין שום פּראַקטיקע. האָב איך גענומען שטאַמלען, אַז ביי דער אָפעראַציע וואָלט באַדאַרפט זיין אַן עלטערער דערפאַרענער כירורג. דערנאָך האָב איך זיך ביין און ווילד צעשריען, אַז איך וועל ניט דערלאָזן זי זאָל אָפּערירן דעם פאַרוואונדעטן. דער פאַרוואונדעטער אַרבעט אין דער מאַסטערסקאַיע פון ענקאַווערע, האָב איך ווי ניט ביים זינען איבערגעחזרט מישעס נעבעכדיקע רייד וועגן זיין יחוס.

— קיין אַנדער דאָקטאָר וועט די נאַכט ניט קומען, און אויב איר ווילט, מעגט איר דעם קראַנקן צוריקנעמען, — איז די שיינענדיקע דאָקטאָרשע געוואָרן אַ קאַלטע שטיינערנע שטיק זוויסקייט. דערזען אַז זי האָט מיך שטום געמאַכט, האָט זי הערשעריש־שטיל און רואיק צוגעגעבן,

— איר ווילט זען דעם קראַנקן פאַר דער אָפעראַציע?

— ער איז אין געפאַר? ס'איז ערנסט? — האָב איך זיך אינגאַנצן איינגעבראָכן. מיר איז פאַרגעקומען ווי זי וואָלט מיר געהייסן מיט אים זיך געזעגענען.

די דאָקטאָרשע האָט ניט געענטפערט. זי איז אַרויס און איך בין איר נאָכגעגאַנגען אַ פאַרמשפּטער. ביי אַ פאַרמאַכטער טיר האָט זי מיר געוויזן מיט אַ פינגער אַריינצוגייך און איז אַליין אַוועקגעגאַנגען. אין אַ גרויסן האַלב־טונקעלן פוסטן צימער איז אויף אַ לאַנג און שמאָל בעטל מיט אייזערנע פיס־רעדלעך געלעגן מישע טרוימאַן, איבערגעדעקט מיט אַ ליילעך ביזקל האַלדז. אויך זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט, עס האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען זיינע איינגעפאַלענע אויגן און די נאָז, וואָס איז געוואָרן לענגער, פאַרשפּיצטער. ער האָט מיך דערקענט און גענומען רידן מיט אַ דייטלעך אָבער אויסגעהוילט קול, ווי אַ ווינט וואָס פייפט דורך צעבראָכענע רערן.

— נעמט אַרויס מיין זייגער, ער ליגט אין מיין וועסטל־קעשענע,

מען קען אים דאָ צונעמען. גייט צו מיין שוועגערין, זאָגט איר, זי זאָל קומען. אוי, איך וועל עס ניט איבערלעבן.

— איר וועט לעבן, מישע, איר וועט לעבן, — האָב איך מיט טרייסלענדיקע הענט געגומען זוכן אין זיינע קליידער אויפן דערבייאיקן שטול, ביז איך האָב געפונען זיין קעשענע־זייגער. — איך גיי צו אייער שוועגערין, איר וועט לעבן, איר זייט נאָר פאַרוואונדעט.

— און וואָס וועט זיין מיט די היטעלעך וואָס איך האָב געקליבן פאַר מיין יינגעלע? — האָט זיין קול זיך איבערגעריסן און ער האָט גענומען כאָרכלען, — איך האָב ניט געגלייבט אַז מיין יינגעלע לעבט, ווייל איך האָב פאַרגעסן זיין אויסזען. איצט זע איך אים פאַר מיינע אויגן אַ לעבעדיקן... איך פיל, אַז איך וועל ניט בלייבן לעבן, איך וועל שטאַרבן.

— איר וועט לעבן, מישע, איר וועט לעבן, איך גיי צו אייער שוועגערין, איר וועט לעבן. — און איך בין אַרויסגעלאָפן פון צימער, פון שפּיטאָל, פון הויף, און גענומען לויפן דורך די פינצטערע אויסגע־שטאָרבענע גאַסן צו מישעס שוועגערין. יעדע פּאָר מינוט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט: גאָט מיינער ווי וועל איך עס איר אָנזאָגן? גאָט מיינער, זי קען דאָך שטאַרבן פון שרעק! און איך בין ווייטער געלאָפן, און די גאַנצע צייט פון מיין לויפן געפילט, אַז איך בריקע מיט די פיס אַ קאָפּ מיט אַ האַלבן גוף — דעם קאָפּ מיטן האַלבן גוף פון אינוואַליד, וואָס מיר האָבן פריער באַגעגנט. דער קאָפּ האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף מיינע פיס, מיר געביסן אין די קני און געשטשירעט זיינע ווייסע ציין: ער וועט שטאַרבן, ער וועט שטאַרבן, ער וועט שטאַרבן! און איך האָב דעם קאָפּ געבריקעט אין פנים: ער וועט לעבן, ער וועט לעבן! זיין שוועגערין זאָל נאָר ניט שטאַרבן פון שרעק ווען איך וועל איר אָנזאָגן, אַז אַ לאַסט־אויטאָ איז אים איבערגעפאָרן — — —

**מישעס** שוועגערין איז פון שרעק ניט געשטאָרבן; געשטאָרבן איז מישע טרוימאַן אין דערזעלבער נאַכט בעת דער אָפּעראַציע, און מיר האָבן אים באַגראָבן אויפן בית־עולם פון די בוכאַרער יידן, וואָס איז שוין ביז העלפט געווען פאַרלייגט מיט פּליטים פון פּוילן. יידן האָבן מיר געזאָגט און איך אַליין האָב זיך געזאָגט, אַז איך דאַרף גומל בענטשן, מיט מיר איז געשען אַ נס. אָבער דאָס האָט מיך ניט באַרואיקט. איך בין כסדר אַרומגעגאַנגען און געפרעגט ביי מיינע רוסישע באַקאַנטע: פאַרוואָס האָבן די טעאַטער־באַזוכער מיר ניט געוואָלט העלפן אַוועקטראָגן מישען אין שפּיטאָל? זיי האָבן געקוועטשט מיט די אַקסל אויף מיין תמעוואַטער פראַגע

און אַלע האָבן זיי מיר געגעבן דעם זעלבן ענטפער: די טעאַטער־באַזוכער האָבן ניט געוואָלט איינשמירן אין בלוט זייערע איינציקע יום־טובדיקע קליידער. אַ סימן האָב איך: די דורכגייער האָבן אָפּגעפּירט אַהיים די מיידל, וואָס איז ניט געווען פאַרבלוטיקט, נאָר געליטן אַ קאָנטוזיע. אָבער גראָד וועגן יונגנמאַן, וואָס האָט מיר געוויזן דעם וועג אין שפּיטאָל, האָבן די רוסן געזאָגט, אַז ער איז אַ פּאָדליעץ, ווייל ער האָט מיר ניט געהאָלפן טראָגן דעם פאַרוואונדעטן. זיי קענען אים, ער איז אַן אַקטיאָר אין סטאַלינאָבאַדער טעאַטער, און אַקטיאָרן האָבן קליידער — סקאָלקאָ אוגאָדנאָ!

איך האָב אויך געוואָלט וויסן, צי די דאָקטאָרשע מיט די ווייסינקע הענטעלעך, וואָס האָט מישען אָפּערירט, איז ניט שולדיק אין זיין טויט? און פאַרוואָס האָט זיך די גאַנצע צייט פון אומגליק ניט באַוויזן קיין מיליציאָנער? און פאַרוואָס האָט מען נאָך ביז איצטער ניט אָפּגעזוכט און אַרעסטירט דעם שאָפער דעם מערדער?

— ניע זנאַיעם, — האָבן מיינע רוסישע פריינט געענטפערט פאַר־כמאַרעטע, — מוטשע זיך ניט און מוטשע ניט קיין אַנדערע. לעב ווי לאַנג דו לעבסט.

דעם פערצנטן אַפּריל, ווען איך, מישע און לידיאַ האָבן געזאָלט גיין אין לענינגראַדער טעאַטער־קאָמעדיע, בין איך געגאַנגען אָפּגעבן די דריי בילעטן וואָס זיינען ביי מיר געלעגן. אויפן וועג האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט דאָך געקענט געמאָלט זיין, אַז דער שאָפער וואָס האָט מישען דערהרגעט, זאָל אָפּקויפן מישעס בילעט, און ניט וויסן אַז ער זיצט אויף מישעס ביינער. און אויב אַפילו דער שאָפער זאָל עס יאָ וויסן, וועט עס אים אויך ניט אַרן. איך האָב אויך געטראַכט וועגן קאַסיר מיט די מלאך־המוותדיקע הענט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיינע לאַנגע הונגעריקע פינגער האָבן מיט זייער מיאוסער צאַפּלעניש מיר פאַראויסגעזאָגט מישעס גורל, און אַז ער האָט נאָך אַ פּאָר הענט ווי אַן אינדישע געצקע. אָבער אין קאַסע איז געזעסן אַן אַנדער קאַסיר מיט אַ פּאָר פליישיקע הענט, און ער האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס געלט גלייך ווי איך האָב אַוועקגעלייגט די בילעטן, נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט. די פאַר־שטעלונג „די באַלאַגערונג פון לענינגראַד" האָט מען אַראָפּגענומען ערב דער פּרעמיערע, און דער קאַסיר האָט שוין געוואוסט, אַז ער דאַרף צוריקצאָלן דאָס געלט פאַר די פאַרקויפטע בילעטן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער ספּעקטאַקל איז אַראָפּ־גענומען געוואָרן, ווייל דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טאַדזשיקיסטאַן, וואָס איז געקומען אויף דער גענעראַל־פּראָבע, האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין דער פּיעסע קומט נישט גענוג צום

אויסדרוק דער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם פון די באַלאַגערטע לענינגראַדצעס.
דער מחבר פון דער פּיעסע, אַ לענינגראַדער אַקטיאָר, אַ מיטגליד פון אַנסאַמבל, וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט די באַלאַגערונג פון לענינגראַד, האָט צוגעזאָגט איבערצואַרבעטן די פּיעסע לויט די אָנווייזונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טאַדזשיקיסטאַן.

לידיאַ איז אָפּגעלעגן זעקס וואָכן אין בעט, ביז זי איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען. איך האָב זי איינמאָל באַזוכט און זי האָט מיט מיר לאַנג גערעדט סיי וועגן איר ערשטן חתן, וואָס איז אומגעקומען אויפן פראָנט, און סיי וועגן מישען:

— מילי מאַלטשיק מאָי, — האָט זי שטיל און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, און איך האָב ניט געוואוסט וועמען זי מיינט: איר ערשטן חתן אָדער מישען.

איטלעך מאָל ווען איך האָב דערזען דורכגיין מישעס שוועגערין, בין איך צו איר צוגעגאַנגען. אויך זי האָט טרויעריק־שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ און גערעדט וועגן צוויי מענער:

— צוויי ברידער טרוימאַן זיינען זיי געווען, צוויי לאַדזשער ברידער. ליגט איינער אין מדבר, אין זאַמד אויפן סטאַלינאַבאַדער בית־עולם, און דער צווייטער ברודער, מיין מאַן, זיצט אין סטאַלינאַבאַד אין תפיסה.

בעת מישעס שוועגערין האָט גערעדט, האָב איך געשוויגן. אָבער ווען זי איז אַוועק, האָב איך גערעדט צו זיך אַליין: צו וואָס האָט מישע טרוימאַן געקליבן טיובעטייקעס פאַר זיין ייִנגעלע? ווער וועט איצט טראָגן די זעקסקאַנטיקע, די פינפקאַנטיקע און קיילעכדיקע היטעלעך מיט די פאַרביק־אויסגענייטע ראַנדן.

# די זיבן
# געטלעך

# צוריקגעקומען...

זינט איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע, בלאָנקע איך אַרום אין די זיבן געסלעך, וואו עס איז געווען די געטאָ. די שמאָלע זאַוואולקעס האָבן מיך פאַרפּלאָנטערט און געפּאַנגען ווי אונטערערדישע קאָרידאָרן און היילן, וואָס זיינען פול מיט פאַרצייטיקע קברים. זייער פאַריתומטקייט פאַרכישופט מיך, זייער פוסטקייט הויערט אין מיין מח, זיי הענגען זיך אָן אויף מיר ווי זיבן שטיינערנע קייטן, נאָר איך וויל ניט פון די קייטן זיך באַפרייען. איך וויל אַז זיי זאָלן זיך נאָך טיפער אַריינשניידן אין מיין לייב, אין מיין פלייש. איך פיל ווי אונטער מיין הויט פאַרקריכט די פינצטערע גליווערניש פון פאַרמאַכטע טויערן און טירן. אויסגעהאַקטע פענצטער גלאָצן אַרויס פון מיינע אויגן, און איינער אין מיר שרייט הויך אויפן קול:

— גוט אַזוי! איך וויל ווערן אַ חורבה.

דאָס שרייט אין מיר דער דיבוק, דער גילגול פון רואינען. זינט איך בין צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער זיך אין מיר באַזעצט און איך בין מער ניט קיין באַלעבאָס אויף מיינע געדאַנקען, אַפילו ניט אויף מיינע ליפּן. דער דיבוק אין מיר רעדט אָן אויפהער. איך הער איטלעך וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס און בעט זיך ביי אים ער זאָל אַנטשוויגן ווערן, נאָר ער טענהט ווייטער, אַמאָל מיט אַ ווילד געוויין, און אַמאָל מיט אַ ביטערער רואיקייט, ווי אַן אָבל וואָס איז שוין היינעריק פון שרייען. אָבער גראָד דעמאָלט ווען איך וויל ער זאָל יאָמערן, ווערט ער אַנטשוויגן און שוויגט אַזוי הויך, אַז איך ווער פאַרטויבט. ער שטומט מאָוימדיק, סודותדיק־פאַרברעכעריש, ווי ער וואָלט געווען אַן אונטערצינדער, ווי ער וואָלט עס אָנגעמאַכט אַלע שרפות אין געטאָ.

איצט רעדט ער, דער דיבוק אין מיר: ס'איז אַ קלאָג צו מיר נאָכסאָל איך בין אַהיים געקומען. דאָרט, אין צענטראַל־אַזיע, זיינען הויכע שניי־באַדעקטע בערג, און דאָ זיינען איינגעפאַלענע הייזער. איך טרעט איבער ברוק־שטיינער, און מיר דאַכט זיך, אַז איך גיי איבער אויסגעברוקירטע קעפּ. יעדער שטיין האָט אַן אַנדער פּנים, אַן אַנדער מאַסקע. הלוואַי וואָלט

מיר איצטער געשמיסן אין פּנים דאָס זאַמד פון מדבר קאַראַקום, בעסער וואָלט איך איצט געקוקט אויף דעם מדבר־בוים סאַקסאַאול מיט די אויס־געדרייטע צווייגן און פאַרקריפּלטן שטאַם — איידער איך זאָל דאַרפן האַלטן אין מיינע דלאָניעס אַש פון געטאָ, און קוקן אויף אַ הויכן שוואַרצן קוימען, וואָס גלאָצט ווי איך צום הימל און פרעגט ווי איך: פאַרוואָס? וואָלט כאָטש אין קוימען אַ וואָיע געטאָן אַ ווינט! ליגט אַפילו דער ווינט אַ פאַרסמטער, אַ געשאָכטענער, פּוסט, שטיל, טויט. פון דער מאַמען האָב איך יינגלווייז געהערט, אַז אין אַ מפּולת טאַנצן אַרום ניט־גוטע. הלוואַי וואָלט איך אָנגעטראָפן אויף אַ כנופיה שדים, וואָלט איך דאָך געזען אַז עס איז פאַראַן אַ גיהנום, וואָלט איך דאָך געוואוסט אַז עס איז דאָ אַ חשבון.

געבליבן זיינען וועגט, דעכער, זיילן, געזימסן און בעלקעס וואָס הענגען אויף משקולת. געבליבן זיינען צעבויגענע אייזערנע בעטלעך, פאַר־ראָסטע שטיקער פון פּרימוס־מאַשינקעס, צעדרייטע גאָפּלען, מעסערס, לעפל — אָן די מיילער; און איך בין געבליבן מיט אויגן אָן טרערן, ווי די פענצטער־לעכער אָן די ראַמען און אָן די שויבן. איך קען פון מיינע אויגן ניט אַרויסקוועטשן קיין איין טרער, ווי דורך די פענצטער־לעכער רוקט זיך ניט אַרויס דער קאָפּ פון קיין איין ייִדן. זע! אַ גאַנצע ריי פון גע־וועלבער פאַרמאַכט אויף די לאָדנס און די שטאַכעס, אַ גאַנצע גאַס מיט פאַרשלאָסענע טויערן און טירן. דאַכט זיך, אַז מען לאַכט, הינטער אַ פאַר־מאַכטן טויער שטיקט זיך עמעצער פון געלעכטער, אָדער וואַרגט זיך מיט אַ שווינדזיכטיקן הוסט:

— עפן, גזלן, עפן!

קיינער לאַכט ניט, קיינער הוסט ניט, קיינער ענטפערט ניט.

אָט אַזוי בושעוועט אין מיר דער דיבוק אָן אויפהער, רעדט אָן אָפּשטעל, זעצט מיט מיינע פויסטן אין די פאַרמאַכטע טויערן, און די אויס־געמאָרדעטע געסלעך ענטפערן מיט אַ קרעכצעניש, קלאָגן זיך וואָס מען פאַרשטערט זייער טויטע רו. גאַנצע טעג, האַלבע נעכט, טאָג־איין טאָג־אויס שלעפּ איך זיך אַרום דורך די זעלבע זיבן זאַוואולקעס פון דער צווייטער געטאָ, די „גרויסע". ס'איז נאָך דאָ אַ קליינע אויך, די ערשטע געטאָ. זי איז באַשטאַנען פון שול־הויף און פון עטלעכע אַרומיקע געסלעך. די דאָרטיקע יידן האָט דער דייטש אויסגעשאָכטן נאָך מיט פיר יאָר צוריק און די געגנט פוסטעוועט די גאַנצע צייט. אַהינצו האָט אַפילו מיין דיבוק מורא מיך צו שלעפּן. דאָרטן האָט געוואוינט די מאַמע.

ניט איינמאָל טרעפט, אַז איך קום צו פאַרטראַכטערהייט צום אַרויס־גאַנג פון געטאָ, דאָרט וואו עס איז געווען דער טויער, איין טראָט — און איך וועל זיין אויף דער אַנדערער זייט. ס'איז פאַרנאַכט, צווישן די חורבות

ווערט טונקעלער פֿריער ווי אומעטום. פֿון דאַנען קריכט אַרויס די פֿינצטערניש אין שטאָט, וואו מענטשן שפּאַצירן, שמועסן און לאַכן. ווילנע נעמט ביסלעכווייז צוריק אויפֿלעבן. איך דערהער פֿון ווייטן שווערע געמאַסטענע זעלנערישע טריט. ס׳נעמט שפּילן אַ מיליטערישער אָרקעסטער און סאָלדאַטן זינגען. יענע דאָרט וואָס מאַרשירן און זינגען זיינען די זיגער, אָבער די געטאָ האָט דעם זיג ניט דערלעבט. האַסטיק דריי איך זיך צוריק אַריין אין די געסלעך. איך בין דער שומר וואָס טאָר ניט אַוועקגיין. איך הער ווי די פּאַרטייעטע שטומקייט פֿרעגט מיך: שומר מה מלילה, שומר מה מליל? און דער גילגול פֿון די רואינען אין מיר ענטפֿערט: דער טאָג איז דאָ אויסגעשטאָרבן און וויסט ווי די נאַכט. די וואָך האָט דאָ גאַנצע זיבן שבתים ווי די זיבן זאַוואָלקעס. אָבער דער שבת דאָ איז פֿון דער תוכחה, אַן אייביק פֿאַרשאָלטענער שבת.

איז וואָס זוכסטו דאָ? וואָס דערוואַרטסטו נאָך? פֿרעגט די סודותדיקע שטילקייט, און דער פֿאַרשאָלטענער אין מיר פֿאַרגייט זיך אויפֿסניי אין אַ שטיל געוויין: איך וואַרט אַז די לבנה זאָל אויפֿגיין און אויסשפּינען פֿון אירע קאַלטע שטראַלן אַ זילבערנע באָרד פֿון אַן אַלטן ייִדן, וואָס בייגט זיך אַרויס צו מיר פֿון אַ פֿענצטער. אפֿשר וועט איבער איינגעפֿאַלענע טרעפּ אַראָפּפֿלאַטערן אַ ייִדישע טאָכטער אין אַ ווייס לבנהדיק העמד. זי וועט מיט צעלאָזענע שוואַרצע האָר אַרויסשפּרינגען פֿון איר באַהעלטעניש, אַרויספֿאַלן אויף מיין האַלדז און זיך טוליען צו מיר. אפֿשר לעבט נאָך עמעצער אין אַ מאַלינע און וויל ניט גלייבן אַז די ישועה איז געקומען. זאָל ער, דער משוגע־געוואָרענער פֿון שרעק, אַרויסקריכן פֿון זיין לעבעדיקן קבֿר און לאַכן מיט אַן אונטערערדיש געלעכטער. ער וועט לאַכן — און איך וועל שוידערן. איך וויל מיך זאָל שוידערן! איך וויל מיך זאָל טרייסלען!

נאָר די לבנה וויכט פֿון דער געטאָ, און די נאַכט־געשטאַלטן, אויסגעשפּונענע פֿון מיינע קראַנקע דמיונות, ווייזן זיך ניט צו מיר.

אין די געסלעך ווערט שטאָק־פֿינצטער. פֿון אַ לאַמטערן ביים אַרויסגאַנג פֿון געטאָ פֿאַלט אַ רויטער שטראַל, ווי עס וואָלט זיך צו מיר אויסגעצויגן אַ בלוטיקער מעסער. איך דערהער ווי עפּעס שאָרכט ביי מיינע פֿיס. דאָס זיינע צעקנאָדערטע שמות, צעשאָטענע בלעטער פֿון ספֿרים. די געטאָ איז שוין יאָרן אויסגעקוילעט, נאָר די בלעטער וואַלגערן זיך נאָך אַלץ אַרום, ווי די טויטע וואָלטן ביינאַכט געקומען זיך פֿאַרטיפֿן אין זייערע ספֿרים און ביכער. די בר־מינַנס רייסן אַרויס דעם דורכגעלערנטן דף, די דורכגעלייענטע זייט, און גיבן עס אָפּ דעם ווינט, ער זאָל עס מיר דערלאַנגען, איך זאָל זען וואָס עס איז געוואָרן פֿון דעם עם הספֿר. איך

הייב אויף די בלעטער און שטופּ אָן מיט זיי די טאַשן. אין שטוב וועל איך זיי פאַנאַנדערנעמען און גלעטן. אפשר וועל איך דערקענען די פינגער, וואָס האָבן זיי געקנייטשט. אפשר וועל איך דערהערן דאָס קול פון למדן, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין וויכוח פון אבייען מיט רבאן אין דער גמרא. אפשר וועלן פאַר מיר אויפלייכטן די טרערן, וואָס זיינען איינ־געזאַפּט אין די תחינות. אפשר וועט פאַר מיר אויפשיינען מיין אייגן יינגלש פּנים און איך וועל ווייטער קענען חלומען איבער אַ בוך מיט אַ וואונדער־מעשה.

געדענקסטו, מורמל איך צו זיך אַליין, געדענקסטו די מעשה נפלאה, וואָס דו האָסט געליענט יינגלווייז? אַ פרומער ייד האָט פרייטיק פאַרנאַכט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. די זון איז אונטערגעגאַנגען און דער ייד האָט געוויינט פאַר צער, וואָס ער וועט ניט קענען אָפּהיטן שבת. פּלוצים דערזעט ער ווי צווישן די ביימער שטייט אַ פּאַלאַץ. און עס קומט אים אַנטקעגן אַן אַלטער מאַן און ווייזט אים אויף שטום־לשון ער זאָל אים נאָכגיין. דער אַלטער מאַן פירט דעם פאַרבלאָנדזשעטן יידן זיך טובל זיין אין אַ שמעקעדיקן טייך, און דערנאָך גיט ער אים טייערע בגדים, ער זאָל זיי אָנטאָן לכבוד שבת. דער אורח וויל וואָס פרעגן, ווינקט אים יענער ער זאָל שווייגן. און ער פירט אים אַריין אין ערשטן חדר, וואָס פינקלט פון זילבער און גאָלד, פון אבנים טובות ומרגליות. און ער פירט אים אַריין אין צווייטן חדר, וואו מנורות און הענגלייכטער שיינען מיטן שיין פון די שבע המאורות אין די ששת ימי בראשית. אַזוי גייט דער גאַסט אַ פאַרבלענדטער און פאַרכישופטער פון חדר צו חדר, וואָס איז אויסגעצירט אַלץ שענער און רייכער. ביז אין זיבעטן לעצטן זאָל קומען אים אַנטקעגן זיבן זקנים מיט ווייסע בערד און זיי זעען אויס ווי אַ וואַלד מיט פאַר־שנייטע דעמבעס. זיי גיבן אים אָפּ שלום און זאָגן, אַז מיט אים איז אַ מנין. איז דער אָרעמער ייד נבהל ונשתומם: די זקנים זיינען זיבן, ער איז אַן אַכטער, און דער אַלטער מאַן, וואָס האָט אים באַגעגנט, איז אַ ניינטער, נאָר דעם צענטן זעט ער ניט. אָבער פילן פילט ער, אַז דער צענטער איז אומעטום ווי די שטראַלנדיקע שכינה. און ער ווערט דורכגענומען פון גוואַלטיקער יראת הרוממות, אָבער די פּשוטע שרעק, וואָס מאַכט ציטערן די גלידער פון אַ מענטשן, איז ניטאָ אין זיין האַרצן. ביים עמוד שטעלט זיך אַ זקן אין אַ קיניגלעכער קרוין און ער איז מקבל שבת מיט אַ מתיקות ווי ער וואָלט געווען דער בעל־התהילים. און נאָכן דאַוונען הייסט מען אים זיך וואַשן, און ער עסט פלייש, וואָס האָט דעם טעם פון שור הבור, און וויין טרינקט ער, וואָס האָט דעם טעם פון יין המשומר. אַזוי פאַרברענגט ער אַ גאַנצן שבת מיט די זקנים, אין דאַוונען, אין זינגען

זמירות און אין לערנען. און וויל ער אַרויסזאָגן איין וואָרט שיחת חולין, ווינקט מען צו אים ער זאָל שווייגן. און מוצאי־שבת גיט מען אים צו שמעקן אַזעלכע בשמים, וואָס האָבן די ריחות פון עץ־החיים. דערנאָך פירט אים דער זעלבער אַלטער מאַן, וואָס האָט אים געבראַכט, צוריק אַרויס אין וואַלד און רוימט אים איין, אַז ער איז געווען אין גן־עדן. און די זקנים זיינען אברהם, יצחק און יעקב, משה און אהרן, דוד און שלמה, און ער, דער שמש פון היכל, איז אליעזר, דער קנעכט פון אברהם אָבינו. און דער צענטער צום מנין איז געווען הקדוש ברוך הוא אַליין. דער פּאַלאַץ פאַרשווינדט און דער ייד דערזעט, אַז אַנשטאָט אין די זיבן חדרים פון היכל, געפינט ער זיך אין די זיבן אבלותדיקע געסלעך פון ווילנער געטאָ. און די אָבות, וואָס זיינען אים אַנטקעגן געגאַנגען, זיינען די שאָטנס פון די אומגעקומענע. און די תפילות, וואָס ער האָט געהערט, זיינען די שמות וואָס שאָרכן ביי זיינע פיס.

דער דיבוק אין מיר איז שוין טויט־פאַרמאַטערט, איך וועק אים און ער ענטפערט ניט, ער ליגט ווי אין אַ הינער־פלעט. איצט קען איך גיין אַהיים. איך וואוין אויף געדימינאַ, אַ גאַנץ־געבליבענער גויאישער קוואַרטאַל, וואו עס וואוינען די צוריקגעקומענע יידן. קריך איך דורך די פינצטערע געסלעך און פון הינטן שלעפן זיך מיר נאָך הייזער מיט אַרויסגעזעצטע שויבן, הוילע ווענט און שוואַרצע פאַררייכערטע קוימענס, געהויקערטע דעכער און הינקענדיקע שטיבער — אַ מחנה קאַליקעס, אַ מחנה בלינדע בעטלער וואָס טאַפּן מיט די הענט דעם וועג.

אַ פּאַס ליכט פאַלט אויפן ברוק פון אַ פינצטער געטאָ־געסל און שניידט מיר איבער דעם וועג. איך שפּרינג אָפּ אַהינטער ווי איך וואָלט אַרויפגעטראָטן אויף אַ לעבעדיקן יידן, וואָס איז אָקאָרשט ערשט אַרויסגעקראָכן פון אַ מאַלינע. דאָס ליכט זיפּט זיך פון אַ קעלער־פענצטער האַרט ביי דער ערד. אין פענצטער הענגט אַ שוואַרצער שטיוול מיט אַ שפּיציקער נאָז, אַ שילד, אַז דאָ וואוינט אַ שוסטער. איך קוק אַריין דורך דער שויב, מיר דאַכט זיך אַז ס'איז אַ ייד. דאָס פאַמעלעכדיקע שלעפעריקע קלאַפּעריי פון קעלערל טוט אויף מיר אַ ווייע מיט היימישער וואַרעמקייט, מיך ציט אַראָפּצוגיין אַ קוק טאָן ווער ס'איז דער בעל־מלאכה. טאַפּ איך אָן די טיר און לאָז זיך אַרונטער אויף האַלב איינגעפאַלענע גליטשיקע טרעפּ. עס גיט מיר אַ שלאָג אין נאָז דער ריח פון שימל, פוילעניש און קויט. איך עפן די אונטערשטע טיר אין קעלער אַריין, און דאָס נאָפטלעמפּל, וואָס הענגט אויף אַ דראָט איבערן נידעריקן שוסטער־וואַרשטאַט, צעשאָקלט זיך. דאָס פייערל אין רויכיקן לעמפּל גיט זיך אַ צעפלאַקער, נעמט אונטערשפּרינגען און צוקן, ווי עס וואָלט זיך דערפרייט מיט מיר, דעם האַלב־נאַכטיקן אורח.

# דער שוסטער

## I

אַ הויכער ברייט־פּלייציקער מענטש זיצט אויף אַ בענקעלע מיטן רוקן צו מיר און אַרבעט אויף אַ שטיוול, וואָס איז אָנגעטאָן אויף אַן אייזערנעם פוס. ער דרייט עטוואָס אויס דעם אַקסל אין מיין זייט און וואַרט מיטן אויפגעהויבענעם העמערל אין דער האַנט:

— אַ ייד? — פרעג איך.

— אַ ייד.

ער כריפּעט עס אַרויס בייזלעך, ווייזט אַפילו ניט אַרויס קיין חשק מיך אָנצוקוקן, און נעמט קלאַפּן אין זויל האַסטיקער, העכער, איך זאָל זען, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען. איך בלייב שטיין ביים אַריינגאַנג איינגעוועבט אין די שאָטנס, וואָס גליווערן אויף די ווענט, אויפן סופיט, און זייַנען דורכגעפלעקט מיט די רויטלעכע ליכט־שטרייפן פון פאַררייכערטן לעמפל:

— איך אַרט ניט צו וואוינען אין אַט דער חורבה? — פרעג איך.

— מיך אַרט ניט, — טוט אונטער אים אַ סקריפּע דאָס בענקל און ער אַרבעט נאָך פלייסיקער.

— איך פאַרשטיי. קיין בת־קול פון די חורבות הערט איר ניט, איך הער אויך ניט, — קוק איך זיך אַרום, — פונדעסטוועגן קומט מיר אויס מאָדנע וואָס איר וואוינט דאָ, ניט אינאיינעם מיט אַלע יידן אויף געדימינאָ.

— און איר? וואָס דרייט איר זיך דאָ אַרום אַזוי שפּעט? — שלעפּט ער מיט אָנשטרענגונג אַראָפּ דעם שטיוול און שטופּט אָפּ פון זיך דעם אייזערנעם קאָפּול.

— מיך ציט אַהער, — ענטפער איך, — איר זייט געווען אין ווילנער געטאָ?

— געווען.

— און זיך געראַטעוועט? — פרעג איך ווייטער און וואונדער זיך

אַליין אויף מיין פראַגע: אַוודאי האָט ער זיך געראַטעוועט, ער לעבט דאָך. דער שוסטער, ווי ער וואָלט מיט זיין פּאַטילניצע דערהערט מיין מחשבה, ענטפערט:

— איך האָב זיך ניט געראַטעוועט, איך בין געבליבן לעבן.

— ריכטיק, — זאָג איך, — ניט איר, ניט איך און ניט קיין אַנדערער האָבן זיך געראַטעוועט, מיר זיינען בלויז געבליבן לעבן.

דער שוסטער ציט אויס זיין לינקע האַנט, וואָס גרייכט ביז דער ערד, און זוכט אין אַ קופּע אַלטע שיך. ער בלייבט זיצן אַן אויסגעגלייכטער מיטן פּנים צום קעלער־פענצטער, מיטן רוקן צו מיר, און זיין האַנט זוכט, ביז ער געפינט אַ שטיקל לעדער, און ער נעמט ווייטער אַרבעטן פלייסיק־שווייגעוודיק, גלייך ער וואָלט צווישן די ליפּן געהאַלטן הילצערנע שטיפטן אַריינצוהאַקן זיי אין דער פּאָדעשווע. איך זע, אַז איך שטער אים, אַז אים איז ניט ניחא מיין נייגעריקייט, דאָך קלער איך ניט אָוועקצוגיין. ס׳איז מיר גוט זיך צו געפינען מיט אַ יידן אין איין שטוב דווקא אין דער חרובער געטאָ. ביים וואַרשטאַט שטייט אַ ליידיק בענקל, טו איך אַ שפּאַן און זעץ זיך אַרונטער. איך קוק אָן דעם בעל־מלאכה. ער האָט אַ ברייט פּנים מיט צעקנאָדערטע באַקן־בערד, אַ קאָפּ גרויע האָר, קורץ געשוירן, און אַ פּאָר לאַנגע אַראָפּגעהאַנגענע וואָנצעס. ער זעט אויס ווי אַ געבוירענער פּאָליאַק.

— באַלבערישקין! — טו איך אַ געשריי, — איר זייט געבליבן לעבן? יאָ, איר זייט דער שוסטער באַלבערישקין.

— איך הייס ניט באַלבערישקין, — זאָגט ער אַן אויפגערייצטער, אָבער ניט קיין איבערראַשטער, ווי ער וואָלט דערוואַרט איך זאָל מאַכן דעם טעות.

— אַזוי, איר הייסט ניט באַלבערישקין? ווי דען הייסט איר?

— איך הייס ניט באַלבערישקין, — ציט ער אַ דראַטווע צווישן די ליפּן און נעמט עס דערנאָך דורכציען דורך דעם לעכל פון אַ גרויסער שוסטערשער נאָדל. אָבער עס ציטערן זיינע הענט אינאיינעם מיטן שטיוול, וואָס ער האַלט פאַרקוועטשט צווישן זיינע קני.

— איר זייט זייער ענלעך צו יענעם, — ווער איך נאָך מער פאַר־וואונדערט, — נאָר איך האָב באַלבערישקינען ניט געזען זינט אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה, האָב איך, ווייזט אויס, פאַרפּלאָנטערט, אַ טעות געהאַט. אין מיין קאָפּ האָט זיך אַלץ אויסגעמישט, דאָרט שווימען אַרום קעפּ און פּנימער פון פאַרשוואונדענע מענטשן, ווי נאָך אַ שיף־ברוך דערטרונקענע. וואָס מאַכט עס אויס? אַבי אַ ייד איז געבליבן לעבן.

איך ווער אַנטשוויגן. אָבער דער דיבוק אין מיר האָט זיך שוין אויפ־געכאַפּט פון זיין הינער־פּלעט און רעדט צו זיך אַליין: אַוודאי וואָלט איך

זיך באַדאַרפט פרייען מיט יעדן געבליבענעם, דאָך פריי איך זיך ניט, לכל הפחות ניט אַזויפיל וויפיל איך באַ׳טענה יעדן יידן, וואָס איז ניט געבליבן. ווען איך טרעף אַלעמען, וואָלט איך זיך געפרייט מיט איטלעכן באַזונדער, אָבער איצט זיינען מיר די געראַטעוועטע פרעמד, ווי איך בין זיך גופא פרעמד. דאַכט זיך, מיר האָבן געלעבט איטלעכער פאַר זיך, ניט פאַרן כלל, נאָר ס׳איז גוט געווען צו לעבן פאַר זיך, ווען איבער דער וואַנט איז געווען אַ שכן. איצט, ווען איבער דער וואַנט איז קיין שכן ניטאָ, זיינען מיר — ווענט פאַרבליבענע, קוימענס פאַרשוואַרצטע, טרעפּ אין דער לופטן, אָבער ניט קיין בנין, ניט פאַר זיך און ניט פאַר אַנדערע.

— ס׳איז מיר אַליין זייער מאָדנע, — נעם איך ריידן צום שוסטער ווי איך וואָלט געהאַלטן מיט אים אין אַ מיטן שמועס, — איך פאַרשטיי, עס ווערט טייער אַ קינד, וואָס איז געבליבן לעבן אין אַ לאַגער. איך פאַרשטיי, מען קריגט ליב אַ פרוי, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון אַ מאַלינע, אָדער זיך געראַטעוועט אויף דער אַנדערער זייט. עס ווערט טייער אַ העלד, אַ פאַרטיזאַנער פון די וועלדער, אָדער אַ פליט אַ צוריקגעקומענער פון רוסלאַנד. אָבער איר האָט ווען־ניט־איז אין אייער לעבן געהערט, אַז מען זאָל זיך איינליבן אין טויטע געסלעך, אין חורבות? און איך גיי שטענדיק אַרומגעהאַנגען מיט די זיבן שטיינערנע זאַוואולקעס ווי מיט זיבן יתומים. אָן יידן זיינען זיי אַזוי קליין געוואָרן, די געסלעך, אַז ווען איך שטיי אויף אַ ראָג און צעשפרייט ביידע הענט, דאַכט זיך מיר אויס, אַז מיינע אָרעמס פאַרנעמען די לענג פון צווייַ געסלעך און די פינגער זיינען שוין אינדרויסן מחוץ דער געטאָ.

— פון וואַנען קומט איר איצט? — פרעגט דער שוסטער.

— פון מאָסקווע קום איך. איך האָב עטלעכע יאָר געלעבט אין צענטראַל־אַזיע און איצט לעב איך אין מאָסקווע.

דער שוסטער אַרבעט ניט מער. ער האַלט פאַרריסן דעם קאָפּ צום לעמפּל און קוקט אויפן פייערל מיט פאַרזשמורעטע אויגן, גלייך ער וואָלט זיך געוואָרעמט אויף דער זון. ער שווייגט און איך וויל אויך שווייגן. איך וויל זיצן אַ פאַרזונקענער אין זיך, אַט אַזוי ווי ער, דער מרה־שחורהדיקער ייד. דאָך רייד איך אָן אָפּשטעל, ווי איך וואָלט געווען אַ ווינטמיל, וואָס מוז זיך דרייען אין ווינט:

— דער שוסטער באַלבערישקין האָט אויך געוואוינט אין אַ קעלערל, אין אַ קעלערל אַנטקעגן דעם וואָקזאַל האָט ער געוואוינט. ער האָט געהאַט אַ צווייטע ווייב. די ערשטע האָט ער קיינמאָל ניט דערמאָנט. משמעות, אַז ער איז געווען גליקלעך מיט דער צווייטער. און זי, זיין צווייטע ווייב, איז אויך געווען גליקלעך. קיין וואונדער ניט. פריער איז זי געווען אַן עלטערע מיידל, מורא געהאַט, אַז זי וועט בלייבן אַ פאַרזעסענע, און דאָ

האָט איר גאָט באַשערט אַ מאַן מיט צווײ שײנע קינדערלעך. זי איז געווען אַ קלײנוואוקסיקע, אַ דאַרלעכע, מיט קרענקלעכע אויגן, נאָר אַ מײדעלע האָט זי געהאַט — אַ גאָלדן נעדעלע, אַ נעדעלע פון גאָלד. אָט אַזוי האָט זי מיר שטענדיק אויסגעזען, דאָס מײדעלע, בעת איך האָב געזען ווי דער טאַטע, דער ריז, נעמט זי אויף זײנע אָרעמס, און די גרויסע הענט ציטערן בײ אים, ער זאָל זי ניט פאַרלירן אין די קופּעס אַלטע שיך, קאַלאָשן, שטיקלעך לעדער און געצײג. נאָך מער טשיקאַווע איז געווען אָנצוקוקן ווי אַזוי דער טאַטע רעדט זיך איבער מיט זײן טעכטערל. פון זיצן אַ גאַנצן טאָג אײנגעבויגן איבערן וואַרשטאַט האָבן אים געבראָכן די פּלײצעס, דער קאַרק, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגליכן די אַקסל און פאַרריסן דעם קאָפּ צום באַלקן. פלעגט אונטערקומען דאָס מײדעלע, אויך פאַרריסן איר קעפּעלע און זיך איבערגעשמועסט מיטן טאַטן, וואָס איז געשטאַנען און געשמײכלט מיט פאַרזשמורעטע אויגן, אָט אַזוי ווי איר טוט עס איצטער. נאָר פון דער שוסטערײ אַלײן האָט אויף חיונה ניט געקלעקט, כאָטש באַלבערישקין האָט געאַרבעט פופצן־זעכצן שעה אַ מעת־לעת, האָט די ווײב זײנע אַרײנגענומען לאָקאַטאָרן, אָרעמע לערער און סטודענטן, און צו די לאָקאַטאָרן, מײנע חברים, פלעג איך עס אַרײנקומען.

— און דער זון? איך מײן דאָס צווײטע קינד, — רעדט דער שוסטער מיט אַ נידעריק קול, — איר זאָגט דאָך, אַז ער האָט געהאַט צווײ קינדער?

— זײער אַ מאָדנער ײנגל געווען, — דערפרײ איך זיך וואָס דער שוסטער שטומט ניט מער ווי אַ וואָלקולאַק. באַלבערישקינס ײנגל, דערצײל איך אים, איז דעמאָלט אַלט געווען מסתמא אַ יאָר צוועלף־דרײצן. ער איז געווען אַ קלײנוואוקסיקער און דאַרינקער ווי די מאַמע זײנע, נאָר אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ גרויסן, און געטראָגן ברילן ווי אַ ײד אַ זקן. ער איז געווען אַ ציטערדיקער, אַן איבערגעשראָקענער, זיך ניט געחברט מיט קײן ײנגלעך, טאָג און נאַכט געלײענט ביכער. זײן מאַמע האָט געוואָלט ער זאָל ווי אַנדערע ײנגלעך גײן שפּאַצירן, שטיפן, זיך שפּילן, פלעגט זי אים אַרויסטרײבן אין גאַס. איז ער גלײך צוריק אַרײנגעפאַלן אין שטוב מיט אַ געוויין: די ײנגלעך שלאָגן אים. אַז מען שלאָגט דיך, גיב צוריק! שרײט צו אים די מאַמע. זי האָט ניט געוואָלט ער זאָל אויסוואַקסן אַ פּחדן, אַ מענטש, וואָס טויג זיך ניט אויס אין לעבן. נאָר דער טאַטע האָט זיך געשמאָלצן פון נחת. דווקא ווײל ער איז געווען אַ ײד אַ ריז, אַ מגושם, האָט ער אָנגעקוואָלן וואָס זײן ײנגל איז אַן אײדעלער, אַ ציטערדיקער און וואַקסט אַ פּראָפעסאָר.

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס דערצײלט איר מיר פון פרעמדע

צרות, איך האָב געננוג מיינע אייגענע, — שרייט אויס דער שוסטער און פון צווישן זיינע קני פאַלט אַרויס דער שטיוול. — אויב איר זייט אַריינ־געקומען, דאַרפט איר דאָך עפּעס. איר האָט שיך צו פאַרריכטן? איר זוכט עמעצן? — נעמט ער אַליין זוכן דעם אַראָפּגעפאַלענעם שטיוול און קען אים ניט געפינען, כאָטש ער ליגט ביי זיינע פיס.

— איך זוך קיינעם ניט, — ענטפער איך אים, ווי איך וואָלט גאָרניט געהערט, אַז ער שרייט, — איך דריי זיך אַרום אין געטאָ, זע אַ באַלויכ־טענעם פענצטער, אַ ייד, בין איך אַריין אַ קוק טאָן. ס'איז מיר געווען אַ וואונדער, וואָרום קיינער וואוינט דאָ ניט. אָבער איך זע, אַז איך זיינען ניט ניחא קיין אורחים, כאָטש ידן זוכן היינט איינע די אַנדערע.

איך שטעל זיך אויף אַוועקצוגיין. דער שוסטער כאַפּט מיך אָן מיט ביידע הענט ביי די עלנבויגנס און ציט מיך צוריק אַראָפּ אויפן בענקל.

— זיצט, זיצט, גייט ניט אַוועק. האָט קיין פאַראיבל ניט וואָס איך האָב זיך געבייזערט. און אַז איך בין ניט באַלבערישקין, דאַרפט איר זיך ניט פריינן וואָס איך בין געבליבן לעבן? אַדרבא, דערציילט מיר נאָך עפּעס וועגן אָט דעם באַלבערישקין; איך האָב אים, דאַכט זיך, געקענט. מיר זיינען דאָך פון דעם זעלבן פּאַך. דערציילט מיר טאַקע פון זיין משפּחה, איך וויל הערן, — בלייבט ער זיצן מיט פאַרשלאָסענע אויגן און אַן אָנגעע־שפּאַנט פּנים, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע זיינע כּוחות דורכצומאַכן אַן אָפּעראַציע אָן אַ שלאָף־טרונק.

— ניין, עס איז שפּעט, איך וועל גיין, — זאָג איך פאַרטראַכט; עפּעס גראָבט זיך אין מיין מח און איך שטרענג אָן מיין פאַרטונקלט געדעכעניש, — אָ, איך האָב דאָך אים געזען!... אַ שאָד וואָס איר זייט ניט באַלבערישקין, איך האָב געטראָפן אין טאַשקענט זיין יינגל.

דער שוסטער בלייבט אַ רגע זיצן מיט אָגעשפּיצטע אויערן, גלייך ער וואָלט דערזען אַ בליץ און וויס, אַז עס האָט אויך געקראַכט אַ דונער, נאָר דער דונער איז נאָך צו אים ניט דערגאַנגען. ער שטעלט זיך פּאַמעלעך אויף, צעשפּרייט די הענט און עפנט דאָס מויל. ערשט איצט זע איך ווי הויך ער איז, און ביי מיר איז מער קיין ספק ניט, אַז ער איז באַל־בערישקין:

— ער לעבט מיין זון?... מען האָט דאָך געזאָגט, אַז ער איז אומ־געקומען אונטערוועגנס ביים אַנטלויפן?

— איך האָב אים אַליין געזען אין טאַשקענט. איר האָט דאָך אָבער געזאָגט אַז איר זייט ניט באַלבערישקין?

— ער לעבט מיין זון?... איך בין יאָ באַלבערישקין! איך האָב ניט געוואָלט איר זאָלט מיך באַדויערן, איך האָב ניט געוואָלט געדענקען, אַז איך בין באַלבערישקין וואָס האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

איך בין געבליבן אינגאַנצן אַליין... ער לעבט מיין יינגל! וואו? — כאַפּט ער מיך אַרום מיט זיינע גרויסע שווערע הענט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב אים געטראָפן אין טאַשקענט. ס'איז אַ שטאָט ווייט אין אַזיע.

— און ווען האָט איר אים געזען, דאָרט אין טאַשקענט?

— אין איין־און־פערציקסטן יאָר האָב איך אים דאָרט געזען, צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, אַך ערך.

— מיט פיר יאָר צוריק? — בלייבט ער שטיין אין ענגן קעלערל אַ צעשאָקלטער, אַ צעטומלטער, אַ צערודערטער, ווי אַן אומגעהויער גרויסע באַשעפעניש, וואָס איז אַרויסגעקראָכן פון דער אונטערערד, — און זינט דעמאָלט האָט איר אים ניט געזען?

— ניט געזען. עס קען זיך, אַז ער איז אַוועק אין דער אַרמיי, — זאָג איך אַרויס פאַרטראַכט, און ווען איך דערהער וואָס איך האָב געזאָגט, איז שוין שפּעט צוריקצוכאַפּן. באַלבערישקין גיט זיך מיטאַמאָל אַ זעץ אַרונטער אויף זיין בענקעלע אַן איינגעבראָכענער:

— ער איז אַוועק אויף מלחמה? — זיין פּנים ציט זיך אויס, זיינע הענט הענגען אַרונטער, און ער קוקט שטאַר אויף דער וואַנט, ווי ער וואָלט דאָרט געלייענט אַ געהיימע שריפט, — ער איז אַוועק אויף דער מלחמה.

— איך האָב עס אייך ניט געזאָגט. איך האָב אייך געזאָגט, אַז ער איז אפשר אַוועק אין דער אַרמיי, און אין דער אַרמיי קען מען אויך אַרבעטן אין שטאַב, אין אַ קאַנצעלאַריע, ער איז דאָך אַ געבילדעטער, אייער זון, — שלעפּ איך פון זיך די ווערטער מיט געוואַלט. דווקא איצט, ווען איך דאַרף דעם יידן באַרויִקן, דערפיל איך אַזאַ שווערקייט אין די גלידער, אַז איך וואָלט זיך באַדיי אויסגעצויגן אויפן דיל, אַבי איינצושלאָפן.

— אָבער אַ בריוול, אַ בריוול דעם טאַטן, — רעדט דער שוסטער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ.

— טאַקע, אַ בריוול?! איר מיינט אַוודאי, אַז אַ מלאך פון הימל האָט אייער זון צו וויסן געגעבן, אַז אַלע יידן האָט מען אויסגעקוילעט, נאָר איר לעבט. און אויף וועלכן אַדרעס האָט ער אייך געזאָלט שיקן דעם בריוו?

מיינע רייד באַרויִקן אים אַ ביסל. ער נעמט אַזש ציטערן פון פרייד. זיין פּנים צעשמייכלט זיך מיט אַ ברייטן, פאַרגולמטן און יאָמערלעכן שמייכל. ער הייבט אויף פון דער ערד דעם ניט־פאַרענדיקטן שטיוול, וואָס איז פריער אַרויסגעפאַלן פון צווישן זיינע קני:

— און אויב אַפילו אויף דער מלחמה, איז עס אויך ניט ווי ביים דייטש. פון דער מלחמה קען מען נאָך צוריקקומען אַ לעבעדיקער, — גלעט

ער די כאַלעווע פון שטיוול, גליך ער וואָלט געטראַכט, אַז זיין זון וועט צוריקקומען פון פראָנט מיט איך גאַנצן פוס, — און ווי האָט ער אויס־געזען בעת איר האָט אים געטראָפן?

— ס'איז דאָך געווען ערשט אַ פּאָר חדשים נאָכן אַנטלויפן פון ווילנע, האָט ער אויסגעזען ווי אין ווילנע, — ענטפער איך אַ פּאַר־פּייניקטער פון זיינע פראַגעס.

— מיין יצחקל איז מער ניט יענער יינגל, וואָס איר האָט געקענט אַמאָל אין ווילנע. ער איז איצט איין־און־צוואַנציק יאָר, — צעגלאַנצן זיך טרערן אין באַלבערישקינס אויגן, — און וואָס האָט ער דעמאָלט גערעדט מיט אייך? ער האָט דערמאָנט זיינע טאַטע־מאַמע, די היים?

— דערמאָנט.

איך שפּאַר אָן דעם עלנבויגן אויפן ראַנד פון וואַרשטאַט, דעם קאָפּ אויף דער דלאָניע, און בלייב זיצן אַ טויט־מידער מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך דערמאָן זיך מיין באַגעגעניש מיט באַלבערישקינס בחורל.

טאַשקענט האָט אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה אויסגעזען ווי אַ ריזיקער טייך, וואָס איז אַרויס פון די ברעגעס צוליב דעם געוואַלטיקן צושטראָם פון זיינע ביי־טייכן. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען צענדלינגער עשאַלאָנען מיט פּליטים פון אוקריינע, בעסאַראַביע און גרויס־רוסלאַנד. די בעזשענצעס זיינען געלעגן אויף זייערע פּעק אין די אוזבעקישע טשאַי־כאַנאַס, אין די שטאָטישע פּאַרקן, און אויף די גאַסן אונטערן פרייען הימל. די פּליטים פון ליטע און פּוילן האָבן זיך געזאַמלט אין אַ סעדל אַנטקעגן וואָקזאַל. אַ טייל זיינען דאָרט געשלאָפן, אַ טייל האָבן דאָרט אַראָפּגעפּאַר־קויפט פון זיך די קליידער פאַר ברויט, און אַ טייל האָבן געזוכט משפּחה־לייט, וואָס זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אונטערוועגנס. אין איינעם אַ פרי־מאָרגן האָב איך זיך אין דער ליאַרעמדיקער ענגשאַפט אָנגעשטויסן אויף באַלבערישקינס בחורל. כאָטש איך האָב אים ניט געהאַט געזען אַ יאָר פיר, און ער איז נאָך פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסן, האָב איך אים דערקענט לויט זיין ברייט־בייניק פּנים מיט די ברילן אין די מעשענע רעמלעך: דו אויך? האָב איך צו אים אויסגעשריען, דו ביסט אויך אַנטלאָפן פון דער היים? ער האָט, ווייזט אויס, זיך זייער באַליידיקט, וואָס איך האַלט אים נאָך פאַר אַ יינגל און געענטפערט מיט אַ להכעיסדיקן שמייכל: און פאַרוואָס זייט איר אַנטלאָפן? איך בין אויף אַ מינוט שטום געבליבן, ניט געפונען קיין ווערטער, און דערווייל האָט אים זיינער אַ חבר אַוועקגעשלעפּט. מער האָב איך אים קיינמאָל ניט באַגעגנט. אָבער זיין שמייכל איז אויף מיר געבליבן הענגען, ווי ער וואָלט מיר אָנגעטאָן אַ שוואַרצן זאַק אויפן קאָפּ. איך בין געווען אין אַ משונהדיקן גרימצאָרן אויף זיין חוצפּה: וואָס גלייכט ער זיך צו מיר? ער איז דאָך נאָך אַ יינגל!

נאָר זיין ענטפער האָט מיך געפייניקט: אפשר האָט אָט דער חוצפּהדיקער יינגל, מיטן גרויסן קאָפּ און דינעם קערפּערל פון אַ סידזון, פאַרשטאַנען בעסער פון מיר די סכּנה? שפּעטער, ווען צו אונדז, פּליטים, האָבן גענומען דערגיין די פינצטערע בשׂורות, פלעג איך זיך אָפטמאָל דערמאָנען מיין באַגעגעניש מיט באַלבערישקינס יינגל.

— פאַרוואָס איז אייער זון אַנטלאָפן אָן אייך? — פרעג איך ביים שוסטער, וואָס קוקט נאָך אַלץ אַראָפּ אויפן שטיוול אין זיינע הענט.

— ער איז געווען אַ קאָמסאָמאָלעץ, חברים האָבן אים אַריינגעצויגן, און אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז פאַר קאָמוניסטן איז צו בלייבן ביים דייטש אַ סכּנה. אָבער אַז דאָס איז אַ גזרה אויף אַלע יידן האָט קיינער ניט געגלייבט.

— און איך גלייב נאָך היינט אויך ניט! — שריי איך אויס, — ווען מען וואָלט מיר דערציילט, אַז מען האָט די יידן אַריינגעטריבן אין געטאָ און זיי זיינען דאָרט אַלע אויסגעשטאָרבן פון אַן עפּידעמיע, וואָלט איך געגלייבט; אַן ערדציטערניש האָט זיי איינגעשלונגען, וואָלט איך געגלייבט. נאָר אַז דאָס האָבן געטאָן מענטשן, וואָס האָבן הענט און פיס ווי איך, שלאָפן ווי איך און עסן ווי איך, גלייב איך ניט. איך ווייס, אַז זיי האָבן עס געטאָן, נאָר איך גלייב ניט. וויפל מען רעדט ניט צו מיר און וויפל מען גיט עס מיר ניט צו פאַרשטיין, פאַרשטיי איך נאָך אַלץ ניט פאַרוואָס זיי האָבן עס געטאָן — און וועל עס קיינמאָל ניט פאַרשטיין!

— איך האָב אַמאָל געהערט זאָגן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן חיות זאָלן אים עסן, — ווישט דער שוסטער אַראָפּ מיט דער דלאָניע דעם באַגליקטן שמייכל פון זיין פּנים אינאיינעם מיט די טרערן פון די אויגן, ווי איינער וואָס דערזעט, אַז צוזאַמען מיטן גרינעם בלאַט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ בוים אויף אים, איז אויך אַראָפּגעפאַלן אַ וואָרעם. באַלבערישקין דערציילט מיר, אַז ווען די ווילנער יידן זיינען שוין געווען אין געטאָ און די הריגות אויף פּאָנאַר זיינען פאָרגעקומען טאָג־איין טאָג־אויס, האָבן יידן נאָך אַלץ ניט געגלייבט. אַפילו ווען אין דער געטאָ זיינען צוריקגעקומען איינציקע אַנטלאָפענע פון גרוב, און באַוויזן זייער דורכגעשאָסן פאַרבלוטיקט לייב, און דערציילט ווי אַזוי זיי האָבן געהערט אַ כאָרכלעניש, גוססדיקע קרעכצן און אַ קאָכעניש פון מענטשלעכע אינגעווייד פון יענע, וואָס זיינען געפאַלן איבער זיי — האָט מען זיי, די געראַטעוועטע פון אונטער דעם באַרג מתים, פאַרבונדן די וואונדן, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי זיינען גערירט פון זינען. ער אַליין, באַלבערישקין, האָט נאָך דעמאָלט אויך ניט געגלייבט. ערשט ווען עס איז מער ניט געבליבן קיין ספק וועגן דעם וואָס דער דייטש טוט מיט די אַרויסגעשיקטע אין די כלומרשטע אַרבעטס־לאַגערן, האָט ער גענומען מאַכן

פלענער ווי צו ראַטעווען זיין משפחה. אַזוי ווי ער זעט אויס ווי אַ ניט־ייד און רעדט גוט ווייס־רוסיש, האָט ער זיין ווייב און מיידעלע אַרויס־געגנבעט פון געטאָ און זיי באַהאַלטן אין שטאָט אין אַ מאַלינע. קיין אָנגעגרייט געלט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער אָפּטמאָל פאַרלאָזן זייער באַהעלטעניש און איז געגאַנגען צו די פויערים הינטער ליפּאוועקע פאַרריכטן זייער שוכוואַרג און צוריקגעבראַכט אַ זאַק עסנוואַרג. פאַר די גוים האָט עס געהייסן, אַז ער, דער ווייס־רוס, האָט ערגעץ אַ הונגעריקע משפּחה און טראָגט אַהין דאָס ברויט, דאָס מילכוואַרג און די שטיקער סאַלע, וואָס ער קריגט פאַר זיין אַרבעט. איינמאָל האָט ער זיך פאַרזאַמט ביי אַ פויער עטלעכע טעג, און די גויע, וואָס איז געווען אַוועק אין שטאָט, איז צוריק־געקומען מיט אַ נייס, אַז מען האָט געפונען אונטער אַ קלויסטער אויף סובאָטש אַ באַהעלטעניש פון זשידעס. דאָס איז געווען די מאַלינע, וואו עס זיינען געלעגן זיין ווייב און מיידעלע און נאָך אַנדערע ידן. פונדעסט־וועגן האָט דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע אויף אים גאָרניט דער־קענט. ער האָט געענדיקט נייען די שטיוול, אָפּגענומען זיין פאַרדינסט אין עסנוואַרג, ווי שטענדיק, און ווייל ער האָט מער ניט באַדאַרפט שפּייזן זיין ווייב און מיידעלע, האָט ער דעם פולן זאַק מיט עסנוואַרג אַוועקגעטראָגן ערגעץ אַנדערשוואו און עס פאַרקויפט. ער איז געווען רואיק. ער האָט זיך בלויז געוואונדערט וואָס דער איינקויפער זעט ניט, אַז אַנשטאָט אַ לאַבן ברויט קויפט ער אַ ידיש מיידעלע...

דערנאָך איז ער אַוועק אויף אַן אַנדער פאַרשטאָט, וואו מען האָט אים ניט געקענט, און איז דאָרט צווישן די גוים געבליבן. אים איז שוין געווען אַלץ איינס, צי ער וועט לעבן אָדער שטאַרבן, און דווקא זיין קאַלטקייט און רואיקייט האָט אים געראַטעוועט. קיינער האָט אים ניט חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד. ער איז געווען זיכער, אַז אויך זיין איינ־ציקער זון איז אומגעקומען. עטלעכע יינגלעך וואָס זיינען מיט זיין זון אינאיינעם אַנטלאָפן צופוס אויפן צווייטן טאָג פון דער מלחמה, זיינען מיט אַ טאָג שפּעטער צוריקגעקומען קיין ווילנע און דערציילט, אַז די דייטשן האָבן זיי אַריבערגעיאָגט, און אַז אַ סך אַנטלאָפענע זיינען אונטער־וועגס אומגעקומען פון די באַשיסונגען. זיי האָבן געזאָגט, אַז צווישן די אומגעקומענע איז אויך געווען זיין יינגל, און ער האָט אין דעם געגלייבט. נאָר זיין ווייב האָט פריער איך געטאָ און שפּעטער אין מאַלינע כסדר צו אים געטענהט, אַז איר האַרץ זאָגט איר, אַז זייער זון לעבט. האָט ער צייטנווייז זיך געלאָזט פון זיין ווייב איבעררידן.

אָבער זינט זיין ווייב און מיידעלע זיינען אַוועק קיין מיידאַנעק, האָט ער פאַרלאָרן די לעצטע האָפענונג, אַז זיין יצחקל לעבט, און נאָך דער באַפרייאונג האָט ער באַשלאָסן: ער וויל מער ניט זיין באַלבערישקין. ער

איז ניט פון יענע ידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט צוליב זייער ניט־ידישן אויסזען און ווילן אויך איצט בלייבן פאַררעכנט פאַר גוים, ווייל זיי האָבן נאָך מורא, אָדער כדי אויסצוהיטן זייערע געראַטעוועטע קינדער, זיי זאָלן מער ניט דאַרפן ליידן צוליב זייער יידישן אָפּשטאַם; ער וויל מער ניט זיין באַלבערישקין, כדי קיינער פון זיינע באַקאַנטע, וואָס זיינען לעבן געבליבן, זאָלן אים ניט דערמאָנען זיין משפחה, אים באַדויערן, און ער אַליין וויל אויך ניט געדענקען זיין אַמאָליקן נאָמען. לעבט ער אויף דער פאַרשטאָט צווישן די גוים, האָט דאָרט זיין וואַרשטאַט און פאַרריכט שיך. נאָר צייטנווייז ציט אים צוריק אין געטאָ. האָט ער דאָ אין קעלערל, וואו ער האָט געלעבט מיט זיין ווייב און מיידעלע אין דער צייט פון געטאָ, געמאַכט זיין וואַרשטאַט, און קומט אַהערצו זיין דער אַמאָליקער באַל־בערישקין. אָבער אַמאָליקע באַקאַנטע וויל ער ניט טרעפן, דערפאַר האָט ער זיך געמאַכט, אַז ער קען מיך ניט, כאָטש ער האָט מיך גלייך דערקענט. ער קומט אַהערצו זיצן שבעה, אַ שבעה, וואָס גייט קיינמאָל ניט פאַראיבער. זיצט ער דאָ און אַרבעט, און אַז ער וויל זיך אַ ווײַלע אָפּרוען, קוקט ער אין פייערל פון נאַפּט־לעמפּעלע אויף זיין מיידעלע.

— אין פייערל פון נאַפּט־לעמפּעלע זעט איר אייער מיידעלע? — פרעג איך אים איבער. איך זע אַז אין שוסטער זיצט אויך אַ דיבוק ווי אין מיר.

— אָט אַזוי ווי איך פאַרקוק זיך אין פייערל, דערזע איך דאָרט גלייך מיין מיידעלע, מיין יענטעלען, — פאַרזשמורעט דער שוסטער ווידער זיינע אויגן קעגן לעמפּל מיט אַ נחתדיקן אויסזען, ווי ער וואָלט זיך געוואַרעמט קעגן דער זון. — פריער בעת איר האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז איך בין באַלבערישקין, האָט איר מיר געזאָגט, אַז דעם באַלבערישקינס מיידעלע האָט אייך שטענדיק אויסגעזען ווי אַ גאָלדן נעדעלע. פאַר די יאָרן, וואָס איר זייט צו אונדז ניט אַריינגעקומען, איז מיין טעכטערל אַ ביסינקע אונטערגעוואָקסן, נאָר אַ קליינינקע איז זי געבליבן, געראָטן אין דער מאַמען. און ווען איך קוק אין פייערל, זע איך זי אַ קליינינקע, אַ שוואַכינקע, אַ דאַרינקע, מיט אַ פּאָר גליאיקע אייגעלעך. איך דערמאָן זיך ווי זי פלעגט קליינערהייט אַרומקריכן איבער מיינע קני, ווי דאָס פייערל קריכט אַרום אין פאַררייכערטן גלעזל. אַריבערקריכן איבערן ראַנד קען ניט מיין מיידעלע. ציט זי זיך אויף אַ דין פעדעמל רויך, ווי אַ פייגעלע אויף אַ שנירעלע, און קען זיך ניט אָפּרייסן, קען ניט אַרויספליען. דאָ שפרינגט זי און שטיפט, דאָ ווערט זי אומעטיק און הויקערט זיך צונויף, און מיטאַמאָל נעמט זי וואַרפן מיט די הענטלעך, מיט די פיסלעך, ביז זי פאַרזינקט אין קנויט. נעם איך אַראָפּ דאָס גלעזל און פאַרריכט דעם קנויט, ער זאָל אַזוי ניט קאָפּטשען. און אַז איך דערפיל אין דער דלאָניע אַ ברי

פון אויפגעפלאַקערטן פלעמל, איז מיר דער ברי אַזוי ליב און זיס, ווי איך וואָלט מיט מײַן האַנט געגלעט מײַן יענטעלעס קעפּעלע. מען האָט דאָך זי מיט איר מאַמען אַוועקגעפירט קיין מײַדאַנעק און זיי דאָרט פאַרברענט.

דער שוסטער, וואָס רעדט די גאַנצע צײַט מיט אַ קול פון אַ לעבעדיק־באַגראָבענעם ווי ער וואָלט צו מיר אַרויפגערעדט פון אונטערן קעלער־דיל, ווערט אַנטשוויגן. איך פריי זיך וואָס ער רעדט ניט מער, ווײַל איך קען בעסער הערן דעם שטומען געוואַלד פון מײַנע חורבות אינדרויסן. זיי שטייען אין דער נאַכט פאַרלאָזענע, אין דער פינצטערניש צונויפגעטוליעטע, און זייער גליווערדיקע פוסטקייט, זייער שטיינערנע שטומקייט איז פול מיט טרויער און שרעק. סוף כל סוף וועט מען די חורבות אַראָפּנעמען און פון דער געטאָ וועט בלײַבן אַ נאָך קלענערער שטח ווי עס איז אַן אָרעמע פויערשע נחלה. אַ גערטנדל אין שטאָט, וואו עס שפּילן זיך קינדער, וועט אויסזען גרעסער ווי דאָס אָפּגעריניקטע פלעצל פון אַלע מײַנע זיבן געסלעך אינאיינעם. אָבער פאַר מיר זײַט איר, מײַנע זיבן געסלעך, גרעסער פון דער האַלבער וועלט, וואָס איך האָב דורכגעוואַנדערט. אייער לײדיקייט רעדט צו מיר מער ווי אַלע שטעט און מדינות, וואָס איך האָב געזען. און ווען מען וועט אַרונטערוואַרפן אייער ברוכוואַרג און איך וועל אַוועקפאָרן, וואָרום איך וועל אַוועק פון דער היגער בלוטיקער ערד, וועל איך סיי ווי בלאָנדזשען דורך אייערע ניט־דאָאיקע חורבות וואָך־איין, וואָך־אויס, יאָר־איין, יאָר־אויס, אָט אַזוי ווי איך ווער איצטער ניט מיד זיך אַרומשלעפּן גאַנצע טעג און האַלבע נעכט איבער אייער קרומען ברוק. ווי גרין עס וועט ניט זײַן דער וואַלד, וואָס איך וועל נאָך אפשר זען דורך מײַנע פענצטער; ווי הויך עס זאָלן ניט זײַן די בערג, וואָס איך וועל נאָך אפשר זען אין מײַן לעבן — וועט איר, מײַנע רואינען, אַריבערוואַקסן אַלע וועלדער און אַלע שניי־בערג. ווען איך וועל רײדן, וועל איך אײַך הערן שווײַגן; ווען איך וועל שלאָפן, וועט איר מיך אַרומרינגלען; און ווען איך וועל לאַכן, וועל איך הערן דעם ווידערקול פון מײַן געלעכטער יאָמערן צווישן אייערע שוין ניט־פאַראַנענע זאַוואָלקעס.

— איר גלייבט אין תחית המתים? — פרעג איך דעם שוסטער.

— אין תחית המתים? — חזרט ער איבער און פון זײַן גרויסן שווערן גוף נעמט זיך רײַסן אַ פאַרשטיקט געוויין, ווי פון ערגעץ הינטער אַ וואַנט; דאָס געוויין קומט נענטער, נענטער, ביז די טרערן גיבן זיך אַ גאָס פון זײַנע אויגן, — די מאַמע זײַנע, מײַן יצחקלס מאַמע, וועט אים שוין ניט זען, און ער וועט אויך מער ניט זען זײַן שוועסטערל. די מאַמע זײַנע

האָט זיך שטענדיק געשראָקן ער זאָל ניט בלייבן קיין שטוב־זיצער, ער זאָל ניט אויסוואַקסן אַ מענטש פון ביכער, וואָס האָט מורא פאַר דער וועלט. איצט וואָלט זי געזען ווי ער איז אַ מאַנסביל געוואָרן און אַ וועלט אויסגעוווען. איז איר ניט באַשערט געווען האָבן נחת פון זון, און איך וועל זיך נאָך דאַרפן פאַר אים פאַרענטפערן ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן אַליין, אָן זיין מאַמען און אָן זיין שוועסטערל.

— איך האָב אייך ניט געפרעגט צי איר גלייבט אין תחית המתים צוליב אייער משפחה, אָדער צוליב אַן אַנדער משפחה; צוליב דעם דייטש האָב איך אייך געפרעגט, צי איר גלייבט אין תחית המתים, — פיבער איך און שעפּטשע מיט דער סודותדיקער שטילקייט פון די אינדרויסן־געבלי־בענע חורבות, — ביי אונדז איז געשריבן, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פון תחית המתים, וועלן אויך די רשעים אויפשטיין צוגלייך מיט די צדיקים. און די רשעים וועלן נאָכאַמאָל שטאַרבן, נאָכאַמאָל פאַרברענט ווערן און ווערן אַש אונטער די פיס פון די צדיקים. אַמאָל איז עס מיר זייער ניט געפעלן. די רייד האָט געזאָגט דער לעצטער פון אונדזערע נביאים, מלאכי הייסט ער, און געזאָגט האָט ער עס אין די סאַמע לעצטע פסוקים פון זיין נבואה, אַן אָנזאָג אויף אייביקע דורות. פלעג איך טראַכטן: אַ נביא זאָל זיין אַזאַ אַכזר? צו וואָס זאָלן די רשעים אויפשטיין, אויב זיי וועלן גלייך ווידער מוזן שטאַרבן? און וואָס פאַר אַ פרייד וועט עס זיין פאַר די צדיקים צו האַלטן די פיס אויפן אַש פון פאַרברענטע מענטשן? נאָר איצטער פאַרשטיי איך עס! און איך פאַרשטיי אויך וועמען דער נביא האָט געמיינט מיט די רשעים! און אויב עס איז דאָ אַ תחית המתים, און אַלע געשטאָרבענע וועלן אויפשטיין, אַ קינד פון יתומים־הויז וועט ניט פעלן, אַ זקן פון מושב זקנים וועט ניט פעלן, אַ ידענע פון האַלץ־מאַרק וועט ניט פעלן, קיין איין ביינדעלע וועט ניט בלייבן אין דער ערד — מוזן אויך אויפשטיין אַלע רוצחים. אַלע! קיין איין רוצח זאָל ניט פעלן! אַלע מערדער, וואָס זיינען געשטאָרבן מיט זייער אייגענעם טויט, און אַפילו די, וואָס זיינען אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד, אָדער סתם אַזוי דער־טרונקען געוואָרן אין אַ חזירשער בלאָטע, נאָר ניט באַצאָלט פאַר זייערע רציחות, מענטשן זאָלן עס זען, זיי אַליין זאָלן עס וויסן — זיי אַלע מוזן אויפשטיין און נאָכאַמאָל שטאַרבן, נאָכאַמאָל פאַרברענט ווערן, אַש ווערן פאַר די אויגן פון זייערע אויפגעשטאַנענע קרבנות. די געקוילעטע יידן זאָלן זען, אַז עס איז דאָ אַ חשבון אויף דער וועלט. אויב ניט, וועלן אַלע אויפגעשטאַנענע, און אינאיינעם מיט זיי דער נביא, וואָס האָט פאַראויס־געזאָגט אַז זיי וועלן אויפשטיין, אַרומגיין איבער דער וועלט מיט פינצטערע פנימער, ווי אין אַ וועלט אָן זון און שטערן, ווי אין אַן אייביק־פינצטערער נאַכט. די אויפגעשטאַנענע זאָלן אַפילו לעבן טויזנט יאָר, צען טויזנט יאָר,

וועט זיי דאָס לעבן ניט איינגיין, וועט זייער יאוש און יאָמער ניט קלענער ווערן, ווי לאַנג הינגסט, וויס, מורער און קיטעל, די תלינים פון ווילנער געטאָ, ליגן רואיק אין דער ערד און פוילן. זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער ערד ווי אין אַ באַהעלטעניש. שטאַרבן מוז דאָך יעדער, ליגן זיי אין דער ערד און לאַכן טויטערהייט, צעפוילטערהייט, ווייל זיי האָבן אויסגעמיטן די שטראָף. אַ בחור האָט מיר דערציילט, אַז בעת מען האָט אויפגעריסן די מאַלינע, וואו ער און זיינע עלטערן האָבן זיך אויס־באַהאַלטן, האָט אַ דייטש פריילעך אַ זאָג געטאָן: „קומט, יידישע הינט, אין דער ערד איז נאָך דאָ אַן אָרט פאַר אייך”. אָבער איך זאָג, אַז פאַר אים, דעם דייטש, איז אַפילו אין דער ערד ניטאָ קיין אָרט. ער מוז אויפ־שטיין און נאָכאַמאָל פאַרברענט ווערן!... און אין גאָט גלייבט איר? — שריי איך צום שוסטער און איך פיל, אַז דאָס האַרץ אין מיר וויל אַרויסשפּרינגען. — איר האָט מיר ניט געענטפערט, צי איר גלייבט אין תחית המתים. אָבער אין גאָט גלייבט איר?

— איצט גלייב איך, — לאָזט באַלבערישקין פון מיר ניט אַרונטער די אויגן, ווי עס וואָלט אין אים אויפגעקומען אַ חשד, אַז איך בין ניט אינגאַנצן ביים זינען, — וויבאַלד מיט מיר האָט געקענט טרעפן אַזאַ נס, גלייב איך אין גאָט. איר האָט דאָך געזען מיין זון? איך האָט זיך דאָך ניט אויסגעדאַכט?

— געזען, געזען, מיר האָט זיך ניט אויסגעדאַכט, — צעגוואַלדעוועט איך זיך נאָך העכער, — איר חשבונט בלויז פאַר זיך. און די אַלע ייִדן, מיט וועלכע עס האָט ניט געטראָפן דער נס וואָס מיט אייך, זאָלן יאָ גלייבן אין גאָט, אָדער ניט גלייבן אין גאָט? איך בין מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַריינגעגאַנגען אין דער חרובער שטאָט־שול. ערשט איך דערזע דאָרט אַ יונגנמאַנטשיק מיט אַ שוואַרץ־רבניש בערדעלע און מיט אַ יונגער רביצן. איך האָב גלייך דערקענט, אַז ער איז פון די צוריק־געקומענע, ניצול געוואָרן. און אַ ווייבעלע האָט ער פון רוסלאַנד מיט־געבראַכט, אַ ווייבעלע אין אַ שייטעלע. שטייט ער און באַווייזט זיין יונגער רביצן די חרובע שול. רייד איך צו זיך, צו אים, צו זיין יונגער רביצן און צו דער חרובער שול: פוסט געוואָרן, זאָג איך, פוסט געוואָרן. ענטפערט מיר דאָס רבילע: דאָס איז דערפאַר, וואָס פריער איז דאָ אויך געווען פוסט. זאָג איך צו אים: וואָס הייסט פוסט? אין אַ שבת און אין אַ יום־טוב איז דאָך דער שול־הויף געווען געפּאַקט מיט טויזנטער ייִדן? ענטפערט ער מיר: די ייִדן זיינען געקומען הערן דעם חזן, ניט דאַוונען. אין די הערצער איז געווען פוסט. פרעג איך ביי אים: וואָס הייסט אין די הערצער איז געווען פוסט? אין די ימים־נוראים איז דאָך דער שול־הויף געשוואומען אין ייִדישע טרערן? ענטפערט ער מיר: איר זייט אַן אַפּי־

קורוס. און צו זיין ווייבעלע האָט ער געזאָגט: קום, רייד ניט מיט אים. די רשעים טוען אַפילו אויפן שוועל פון גיהנום ניט קיין תשובה. איר הערט? צוליב די ווילנער ייִדן איז חרוב געוואָרן די ווילנער שטאָט־שול. איינער פון די פּאָנאַרער מתים־ברענער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, האָט מיר דערציילט, אַז איטלעך מאָל ווען מען האָט אויף פּאָנאַר אויפגעגראָבן אַ גרוב מיט טויטע ייִדן, האָט ער זיך געמוזט וואונדערן: ווי אַזוי האָבן עס אַזוי פיל ייִדן אין דער לעצטער רגע פאַרן טויט באַוויזן אָנצוטאָן זייערע טליתים? און אויף אָט די ייִדן האָט עס מיר דאָס רבילע געזאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט פּוסטע הערצער. דעם רב ר׳ לוי הורוויץ פון שלמה קיסינס הויף געדענקט איר? איר האָט אים געקענט?

— אַוודאי האָב איך אים געקענט, — מורמלט דער שוסטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, — אַלע ווילנער ייִדן האָבן אים געקענט. ער איז געווען זייער אַ שטרענגער ייִד.

— זייער! — שריי איך מיט פונקען אין די אויגן און קריץ מיט די ציין, ווי דער דיבוק אין מיר וואָלט זיך קעגנגעשטעלט אַ בית־דין, וואָס וויל אים מיט חרמות און קללות אַרויסטרייבן, — ווען דער רב ר׳ לוי הורוויץ האָט געלעבט און אַלע ווילנער ייִדן האָבן געלעבט, האָט ער אויך געזאָגט, אַז די ווילנער ייִדן האָבן פּוסטע הערצער. ער האָט געהאַט טענות, אַז זיי זיינען ניט גענוג פרום. אָבער ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער מיוחס, אַ גרויסער ערלעכער ייִד, און מער פון אַלץ אַ גרויסער בעל־יסורים. זיין ווייב איז צוואַנציק יאָר אָפּגעלעגן אין אַ משוגעים־הויז און אויך זיין טאָכטער משוגע געוואָרן. ער איז אַפילו צוליב אַ מעשה שהיה אַוועק אויף אַ שטיקל צייט פון ווילנע, געוואָרן אויס רב, ניט געוואָלט טראָגן די אחריות פאַר דעם וואָס די ווילנער ייִדן זיינען ניט גענוג פרום. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען. איז בעת די דייטשן זיינען אַריין און מען האָט אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך באַהאַלטן, ווייל מען קען אים אין שטאָט און ער וועט זיין פון די ערשטע קרבנות, האָט ער געענטפערט: „גאָט וועט מיך היטן". ווען די רוצחים זיינען געקומען אים נעמען, האָט ער זיך קעגנגעשטעלט, מיט די פויסטן זיך קעגנגעשטעלט. האָבן אים די רוצחים געשלאָגן, אויסגעריסן שטיקער באָרד, שטיקער פליישׁ, מיט די פיס געטראָטן, און אַ פאַרחלשטן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ מיסט־וואָגן און אַוועקגעפירט אין תפיסה. פון דאָרטן האָבן אים די ייִדן, וואָס זיינען מיט אים אינאיינעם געגאַנגען אויף פּאָנאַר, געמוזט טראָגן אויף די הענט. די ווילנער ייִדן האָבן ניט איבערגעלאָזט אויפן וועג זייער האַלב טויטן רבין. זיי האָבן אים אויף די הענט געטראָגן, ווי אַ ספר־תורה געטראָגן. און דער ווילנער מורה־הוראה האָט אין דער לעצטער מינוט דערזען ווער עס זיינען די אָרעמע־לייט, וועמען ער האָט אַ גאַנץ

לעבן געמוסרט. ער האָט דערזען מיט וועמען אינאיינעם ער וועט שטאַרבן און ליגן אין איין קבר. און איך זאָג אייך, איך שווער אייך, כאָטש איך בין דערביי ניט געווען, אַז דאָס איז געווען ר׳ לוי הורוויצעס לעצטע נחמה; דער גמילות חסד של אמת, וואָס די ווילנער ייִדן אויפֿן וועג צו זייער אייגענעם קבר טוען מיט אים, איז געווען זיין לעצטע נחמה. קומט איצט דאָס רבילע אין דער חרובער ווילנער שטאָט־שול און האָט שוין געמאַכט דעם חשבון. דער זיידענער יונגערמאַנטשיק האָט אַ פּאַרטיקן פּסוק, דער פּאַסקודניאַק אין דער קאַפּאָטע האָט אַלץ פאַרענטפערט. אַפּי־קורוס רופט ער מיך, רשע רופט ער מיך...

— איך רייד דאָך ניט אַזוי. איך בין דאָך אַליין געבליבן, אינגאַנצן אַליין, — שטרעקט אויס צו מיר דער שוסטער זיינע ברייטע דלאָניעס, און זיינע הענט ריידן צו מיר, אַז זיי וואָלטן אויך געטראָגן דעם רב ר׳ לוי הורוויץ. איך דערשפיר אַ וואַרגעניש אין האַלדז, איך פיל, אַז אָט וועלן די טרערן פון מיר אַ פליייץ טאָן און אויסברענען מיינע אויגן. נאָר איך דערשטיק די טרערן, פאַרבייס די ליפּן און הייב זיך אויף:

— אַ גוטע נאַכט.

— איר גייט שוין? — גיט זיך באַלבערישקין אַ כאַפּ־אויף פון בענקל און לויט זיין אומרואיקן אויסזען דערקען איך גלייך, אַז מיט מיין ריידן האָב איך נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין חשד, צי בין איך ניט קיין קרענקלעכער מענטש, וואָס לעבט מיט אויסדאַכטענישן. — איר האָט טאַקע געזען מיין זון אויף אַן אמת?

— אויף אַן אמת, אויף אַן אמת, — שריי איך אַן אויפגעבראַכטער, — איך בין נאָך ניט משוגע. איך האָב גערעדט זאַכן, וואָס אָדער איר האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער אייך אינטערעסירט עס ניט, מיינט איר, אַז איך בין ניט ביי די געדאַנקען. עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען בלויז זיך אַליין גינציק. דאָס אומגליק האָט געטראָפן אַלעמען, און זיי געדענקען בלויז וועגן זיך און זייער משפחה.

— איר זייט גערעכט, טאַקע גערעכט. אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! און איך האָב אייך אויפגענומען אין אַ חורבה. ווען איך גיי אַהער, נעם איך גאָרניט מיט, חוץ די אַרבעט וואָס איך דאַרף מאַכן און טרוקן ברויט. אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט! — דרייט ער זיך אַרום איבערן קעלערל אַ פאַר־שמייעטער, און גיט זיך מיטאַמאָל אַ שטעל־אָפּ קעגן מיר, ווי ער וואָלט ענדלעך פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך בין אין כעס אויף אים. — און וועגן אייער משפחה האָט איר זיך עפּעס דערוואוסט? איר האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי ביי עמעצן זיינען ניט געבליבן אייערע זאַכן? אַנדערע געפינען אָפּ זייער האָב־און־גוטס ביי די פּאָליאַקן, ביי די ליטווינער.

— איך האָב ניט געמיינט, אַז איר זאָלט פרעגן ביי מיר וועגן מיין

משפחה. איך זוך ניט מיין האָב־און־גוטס, איך האָב ניט געהאַט קיין פאַרמעגן.

— אַפילו די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פאַרמעגן, אָדער געהאַט און קענען עס ניט אָפּגעפינען, ווילן אויך האָבן אָן אָנדענק.

— איך וויל ניט האָבן קיין אָנדענק, איך זוך עס ניט, — שריי איך און פיל, אַז מיין שאַרבן צעפּאַלט זיך, ווי אַ געפּלאַצטער ליימענער טאָפּ, — איך האָב זיך פון דער געטאָ קיינמאָל ניט אַרויסגעקליבן; כאָטש איך בין יאָרנלאַנג געווען אין אַזיע, אין מאָסקווע, האָב איך זיך פון דער ווילנער געטאָ קיינמאָל ניט אַרויסגעקליבן און דאַרף זיך ניט צוריק אַריינקלייבן, ווי איר טוט עס. איך וועל די׳ געטאָ קיינמאָל ניט פאַרגעסן, דאַרף איך ניט קיין אָנדענק. גראָד ווייל איך וועל ניט פאַרגעסן, דאַרף איך ניט קיין אָנדענק. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, — מורמלט ער אַן איבערגעשראָקענער, אַ צערודערטער, און איך זע, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט, — ביי דער ליקווידאַציע, מיט צוויי יאָר צוריק, ווען מען האָט אויף סובאָטש צעטיילט די יידן אויף לינקס און רעכטס, בין איך שוין אין געטאָ ניט געווען. אָבער ווען איך האָב נאָך געוואוינט אין געטאָ, האָב איך געקענט אייער ווייב. זי איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער און געאַרבעט אין יידישן שפּיטאָל ביי די קינדער. מיין מיידעלע איז איינמאָל קראַנק געווען און געלעגן אין שפּיטאָל, האָב איך דאָרט געהערט רופן אַ קראַנקן־שוועסטער מיט אייער פאַמיליע־נאָמען און פאַרשטאַנען אַז זי איז אייער ווייב. איך האָב איר דערציילט, אַז איר פלעגט בחורויז צו אונדז אַריינקומען. איר האָט געהערט אַז אייער ווייב האָט געאַרבעט אין יידישן שפּיטאָל ביי די קינדער?

— געהערט.

— דערנאָך האָט זי זיך אַריינגעקליבן מיט נאָך אַ פּאָר חברטעס אין אַ שאַלקע אָט דאָ איבער מיר אין דער הייך, — וויזט מיר באַלבערישקין אויפן סופיט, — איך האָב איך שוין פריער געזאָגט, אַז איך האָב דאָ אין קעלערל געוואוינט אין דער צייט פון געטאָ. דער אַרויפגאַנג צו דער שאַלקע איז פון הויף, און אויף דער טיר איז מיט ווייסן קרייד אָנגעשריבן נומער 9. איר האָט געוואוסט, אַז אייער ווייב האָט אין געטאָ געוואוינט אָט דאָ אין הויף, נומער 9?

— ניין, דאָס האָב איך ניט געוואוסט, — ענטפער איך.

— זעט איר! — רופט באַלבערישקין אויס אַ דערפרייטער, וואָס ער קען מיר מיט עפּעס אָפּדינען, — קומט, מיר וועלן אויפרייסן די טיר און אַרויפגיין. אפשר האָט זיך דאָרט עפּעס פאַרוואַלגערט, וועט איר האָבן אַן אָנדענק, — נעמט באַלבערישקין אַרויס דאָס נאָפּט־לעמפּל פון דראָטענעם הענגער.

— איך האָב איך געזאָגט, אַז איך זוך ניט קיין אָנדענק, — לויף איך אַרויס פון קעלער, ווי באַלבערישקין וואָלט געוואָלט מיטן לעמפּל מיך אונטערצינדן. אָבער ער דעריאָגט מיך אין פּירהויז מיטן לעמפּל אין דער האַנט:

— און ווען וועל איך וויסן וועגן מיין זון?

— איך וועל זיך נאָכפרעגן ביי די צוריקגעקומענע פּליטים, ביי די יידישע סאָלדאַטן, — רוף איך אויס און וויל אַרויף אויף די טרעפּ.

ער כאַפּט מיך אָן ביים אָרעם, לאָזט מיך ניט אַוועקגיין. דאָס לעמפּל אין זיין צוויטער האַנט צעשאָקלט זיך, און דאָס פּיערל אונטערן גלעזל נעמט זיך וואָרפן, צוקן, ראַנגלען זיך מיטן ווינט, וואָס בלאָזט פון דרויסן. באַלבערישקין לאָזט אָפּ מיין אָרעם און פּרוּווט מיט בײדע דלאָניעס פאַרשטעלן דאָס גלעזל מיט אַזוי פיל שרעק אויפן פּנים, ווי אין פּיערל וואָלט זיך טאָקע געפונען זיין מיידעלע. איך האָב מורא ער זאָל ווידער ניט באַשטיין אויף דאָס זייניקע מיר זאָלן אַרויפגיין אין נומער 9, גיב איך האַסטיק אַ שפּאַן אַרויף איבער די איינגעפאַלענע טרעפּלעך. ער גיט אַ שפּאַן הינטער מיר, און איך דערהער אַ קנאַק פון גלאָז. דאָס לעמפּל איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, זיך צעקרישלט, און אויף די קעלער־טרעפּ איז געוואָרן פינצטער.

— און טאָמער לעבט ער ניט, מיין זון? — יאָמערט ער מיר נאָך פון דער חושכדיקער טיפעניש.

אָבער איך ענטפער אים ניט מער. איך לויף אַרויס אינדרויסן און ווער פאַרפאַלן אין די ליידיקע געסלעך פון דער חרובער געטאָ.

# די קינדער־דאָקטאָרין

## I

די קינדער־דאָקטאָרין אַננאַ איטקין האָט זיך געראַטעוועט מיט איינעם פון אירע צוויי זין. איר מאַן און איר צווייטער זון זיינען אומגעקומען. איך קען זי פון פאַר דער מלחמה, און אויף איר אויסזען האָט זי זיך קיין סך ניט געביטן. זי איז אַ הויכע, אַ שטייפע, מיט אַ טונקל־ברוינלעכער הויט, טונקעלע אויגן און גרויע שלייפן. אויף איין זייט פנים האָט זי אַ בראָדעווקע, וואָס גיט איר צו אַ באָבעשע גוטסקייט. ווען זי שמייכלט, זעט זי אויס אי יינגער און אי אָנגעצויגענער. איר קלוגע און רואיקע באַנעמונג האָט זי אַמאָל באַליבט געמאַכט ביי די באַלעבאַטישע ווייבלעך פון די יידישע קוואַרטאַלן. פאַר דער מלחמה האָב איך זי אַ סך מאָל געזען גיין דורך די געסלעך מיט אַ דאָקטאָר־רענצעלע אין דער האַנט און זיך אָפּשטעלן אויף די ראָגן לעבן די יונגע מאַמעס, וואָס האָבן געוואַרעמט זייערע עופעלעך אויף דער זון. אַננאַ איטקין האָט געדענקט גענוי די קראַנקייט פון איטלעך עופעלע, און דאָס איז די יונגע מאַמעס זייער געפעלן. נאָך מער איז זיי געווען געפעלן וואָס די דאָקטאָרשע שטייט ניט לעבן זיי צו־לאַנג און באַלאַקעט ניט ווי אַ יידענע. אַ פרעג געטאָן קורץ ביי איין ווייבל וואָס עס מאַכט איר מיידעלעס מעגעלע, ביי דער צווייטער וועג;  ‑.. אויסשיט אויף איר יינגעלעס קערפערל, און ביי דער דריטער וועגן אַ שטיקל אָפּגעקראָכענער הויט צווישן די פיסלעך — איז זיך אַננאַ איטקין געגאַנגען ווייטער אויף אירע וויזיטן. האָבן די ווייבלעך פאַר איר גרויס דרך־ארץ געהאַט, און אַז די דאָקטאָרשע האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן צו אַ יונגער איבערגעשראָקענער מאַמע זי זאָל ניט זיין אַזוי צעיאָכמערט, האָט זיך יענע גלייך באַרואיקט.

זינט איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע טרעף איך די דאָקטאָרין גיין מיט איר רענצעלע אַזוי געלאַסן און בכבודיק ווי אַמאָל. נאָר אירע

אויגן זוכן ניט מער קיין יונגע מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך אויף די ראָגן פון זאַוואַלנע, רודניצקער און סטעפּאַן־גאַס. דאָך איז זי נאָך אַלץ אַ קינדער־דאָקטאָרין אין אינטערנאַט, וואו מען האָט צונויפגעקליבן די געראַטעוועטע יתומים. גייט זי יעדן טאָג אַהינצו, און איך האָב באַמערקט, אַז זי מאַכט אַ גרויסן אומוועג, זי זאָל ניט דאַרפן דורכשניידן די געטאָ.

ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט זי מיר דערציילט, אַז פרומע ליבטשע האָט מיט איר אינאיינעם געאַרבעט אין געטאָ אין דער קינדער־אָפּטיילונג פון יידישן שפּיטאָל. אַזוי ווי איך בין געשטאַנען און געשוויגן, האָט זיך אַננאַ איטקין אַנגעשטויסן, אַז מיר איז שווער וועגן דעם צו ריידן און עס מער ניט דערמאָנט.

נאָך דעם אויפדערנאַכט, ווען דער שוסטער האָט מיך געוואָלט אַרויפּ־פירן אויף דער שאָלקע נומער 9, וואו פרומע ליבטשע האָט געוואוינט, בין איך אין אַ פרימאָרגן אַוועק צו דער קינדער־דאָקטאָרין. איך האָב געוואָלט זיצן און סתם אַזוי ריידן מיט דער פרוי, וואָס האָט אינאיינעם מיט מיין ווייב געאַרבעט אין קינדער־שפּיטאָל. נאָר אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך געשראָקן, אַננאַ איטקין זאָל מיט מיר ניט נעמען ריידן וועגן פרומע ליבטשען.

די טיר האָט מיר געעפנט די באַלעבאָסטע אַליין און אַריינגעבעטן אין איר קאַבינעט פאַר פּאַציענטן, נאָר איך האָב באַוויזן צו כאַפּן אַ קוק אין דער אָפענער טיר פון איר פּריוואַט שטוב. אַננאַ איטקין האָט אויסגעזען צו זיין אַ פרוי, וואָס אַלע אירע זאַכן ליגן אויסגעסדרט אין איר מח פּונקט ווי אין אירע אַלמערס. האָב איך זיך געוואונדערט, וואָס פון איר שטוב, אָפּגעטיילט אינדערמיטן מיט אַ פּאַראַוואַן, האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסע אומאָרדענונג. לענג אויס די ווענט זיינען איך ענגשאַפט געשטאַנען עטאַזשערקעס, אַלמערס, אין די ווינקלען זיינען געלעגן נאָך ניט אויפ־געהאַנגענע אַלטע אָפּגעבליאַקעוועטע אויל־בילדער, צונויפגעדרייטע טעפּי־כער, און אויפן טיש אינמיטן שטוב — שטויסן מיט געשיר. איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז מסתמא האָט זי אָפּגעפונען די מעבל פון איר פאַר־מלחמהדיקער וואוינונג און עס צונויפגעשלעפּט אין איר איצטיקער ענגער דירה.

אין גרויסן קאַבינעט, וואו זי האָט מיך אַריינגעבעטן, איז געווען געערוים און ליידיקלעך. דאָרט איז געשטאַנען אַ קושעטקע, אַ גלעזערן שענקל מיט מעדיצינישע מכשירים, אַ שרייב־טיש ביים פענצטער, און אויף אַ מאַרמאָרנעם טישל אַ וואָג צו וועגן עופעלעך. דער חדר מיט די פריש־געפאַרבטע ווענט און די עטלעכע מעבל־שטיקער האָט געבלענדט ווי איינגעפראָרן אין אַ קאַלטער שנייאיקער ווייסקייט. אויך די באַלעבאָסטע, גלייך ווי זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש מיטן רוקן צום

פענצטער און מיטן פנים צו מיר, האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט איינגעפראָרן. איך האָב געקוקט אויף דער וואָג פאַר עופעלעך, אַ גרויסע עמאַלירטע ווייסע שופל, און געטראַכט: ערד איז געבליבן צו וועגן, ניט קיין קינדער.

— און וואו איז דער זון? — האָב איך געפרעגט.

— באַלעק שלאָפט נאָך דאָרט הינטערן פאַראַוואַן, — האָט די מאַמע אָפּגעזיפצט, ווי זי וואָלט אויף פאַר מיין אַריינקומען געזעסן און געטראַכט וועגן זון, — ווען איך האָב מיין מאַן פאַרלאָרן, האָב איך, זיין ווייב, אים פאַרלאָרן, אָבער ווען עס איז אומגעקומען מיין זון, האָט דאָך אים אויך די וועלט פאַרלאָרן. ער איז נאָך געווען יונג און געקענט דער וועלט ברענגען גרויסע נוצן. איצט איז מיר געבליבן בלויז איינער. בעט איך זיך ביי אים ער זאָל טראַכטן וועגן ענדיקן זיין שטודיום, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַר דער מלחמה. אָבער אים ליגט עפּעס אַנדערש אין זינען.

אַננאַ איטקינס זון, באַלעק, איז אַ שוואַרצער, ברייט־פּלייציקער בחור מיט אַן אידל אינטעליגענט פנים און שפּילעוודיקע אויגן פון אַ לעב־יונג. ס'איז אויף אים לייכט צו דערקענען, אַז ער האָט קינדווייז געקראָגן אַ גוטע דערציאונג, שטאַמט פון אַ רייך הויז. פון זיין אומגעקומענעם פאָטער איז אים געבליבן אַ ביסל געלט, וואָס ער האָט אין דער געטאָ גוט אויס־געהיט, און גלייך נאָך דער מלחמה האָט ער גענומען האַנדלען. ער רעכנט זיך ניט מיט די סאָוועטישע געזעצן קעגן ספּעקולירן: איך האָב איבער־געלעבט גרעסערע געפאַרן, זאָגט ער, און האַנדלט מיט אַלץ וואָס מען טאָר ניט. ער פאַרשוועדט געלט אויף חברים, אויף פרויען, שפּילט אין קאָרטן און טרינקט אַפילו מיט דער סאָוועטישער נאַטשאַלסטווע אין די ניי־געעפנטע רעסטאָראַנען. ער רעדט קיינמאָל ניט וועגן דער געטאָ, באַרימט זיך ניט מיט זיינע פאַרדינסטן, דערציילט ניט וויפיל געלט עס קאָסטן אים חברים, גלייך ער וואָלט גאָרניט געדענקט וועגן דעם. ער רעדט בלויז וועגן פרויען, דערציילט וויצן און לאַכט דערביי מיט אַ פול מויל.

— גוט טוט אייער זון, — זאָג איך צו דער דאָקטאָרין, — אַלע האַלטן איצט אין איין ריידן: פאַרגעס ניט וואָס עס איז געשען! נאָר דאָס זיינען סתם ווערטער. עס קען זיין בלויז איינס פון די ביידע: אָדער געדענקען וואָס עס איז געשען און ניט קענען לעבן; אָדער לעבן און פאַרגעסן די געטאָ.

— גראָד דאָס פאַרדריסט דאָך מיך וואָס מיין זון לעבט נאָך אין געטאָ, — זיפצט די דאָקטאָרין. לויט איר באַלעקס כאַראַקטער, זאָגט מיר די מאַמע, וואָלט ער באַדאַרפט זיין אַ שטילער סטודענט, ניט קיין סוחר, אָדער ווי מען רופט עס ביי די סאָוועטן, אַ ספּעקולאַנט. לויט זיין נאַטור, וואָלט ער באַדאַרפט זיין פאַרליבט אין איין מידל, האָבן אַ צוויי־דריי אידעלע חברים, און רויט ווערן פון אַ ניט־אַנשטענדיקן וויץ. דאָס וואָס

ער וואַרפט זיך אַזוי פאַרשווענדעריש מיט געלט, איז ניט איבערקלייבעריש מיט חברים, מיט פרויען, און קריכט אין געפערלעכע געשעפטן, טוט ער עס גראָד דערפאַר, ווייל ער לעבט נאָך אין געטאָ. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן הולטייעווען און הולטייעוועט נאָך ביז איצטער. אָבער אַפילו ווען זי און איר מאַן זיינען געווען איך געטאָ, האָבן זיי זיך באַמיט צו לעבן ווי אין די נאָרמאַלע ציטן. מענטשן האָבן זיך ביינאַכט ניט אויס־געטאָן, טאָמער קומט פאָר אַן אַקציע און מען וועט דאַרפן לויפן זיך באַהאַלטן אין די מאַלינעס; זי האָט זיך יאָ אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. זי באַמיט זיך צו טראַכטן וועגן איר לעבן מיט איר מאַן אָט אַזוי ווי זייער צוזאַמענלעבן האָט אויסגעזען אידער דער דייטש איז אַריין. און ווען זי טראַכט שוין יאָ וועגן דער געטאָ, טראַכט זי וועגן די נאָרמאַלע טעג, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט.

— איך מייד אַפילו אויס צו גיין דורך דער געטאָ, און איר, זע איך, דרייט זיך דאָרט אַרום גאַנצע טעג — טוט זי אַ לאַך און האַקט גלייך אָפּ אַ דערשראָקענע, גלייך זי וואָלט דערפילט, אַז אין איר געלעכטער ליגט באַגראָבן ווי אין אַ תהום איר אומגעקומענער מאַן און זון.

ס'איז אמת, ענטפער איך, אַז איך קריך גאַנצע טעג אַרום אויף די חורבות און זוך דאָרט צו פאַרשטיין דאָס וואָס זי, אַננאַ איטקין, רופט די נאָרמאַלע טעג און מינוטן אין געטאָ. איך ווייס גענוי די גרייס פון געטאָ, וועלכע הויפן עס האָבן צו איר געהערט, און איך בין אַפילו אַראָפּ־געקראָכן אין אַ פאָר אונטערערדישע מאַלינעס וואו ידען האָבן זיך באַהאַלטן. איך ווייס אויך דעם סדר פון די רציחות, די כראָניק פון די שחיטות. נאָר וואָס איך פאַרשטיי ניט איז — ווי אַזוי האָט מען געלעבט פון איין שחיטה ביז דער צווייטער, לידער געזונגען, אויף קאָנצערטן געגאַנגען, חתונה געהאַט און יום־טובים געפראַוועט. ווי מען איז אומגעקומען אין געטאָ, פאַרשטיי איך, נאָר איך פאַרשטיי ניט ווי מען האָט געלעבט אין געטאָ.

— די מענטשן, וואָס זיינען געווען אין געטאָ, פאַרשטייען עס שוין אויך ניט, — זאָגט אַננאַ איטקין אַן אויסגעגלייכטע, ווי אַן איינגעגעסענער רעוומאַטיזם וואָלט געבראָכן אַלע אירע ביינער און זי שטרענגט זיך אָן צו זיצן שטייף, גלייך, — זינט איך בין אַרויס פון געטאָ, פאַרשטיי איך אַליין אויך מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער ווי אַזוי איך האָב דאָרט געקענט לעבן, און מיט דער צייט וועל איך עס אינגאַנצן אויפהערן צו פאַרשטיין.

— איר פאַרשטייט ניט, זאָגט איר, איר וועט ניט פאַרשטיין, זאָגט איר, — און איך וויל ניט פאַרשטיין! דאָס הייסט, פאַרשטיין וויל איך, נאָר איך וויל עס ניט אָננעמען! — שפּרינג איך אויף מיט אַ געשריי און זעץ זיך גלייך צוריק אַרונטער אויפן שטול, — איך וויל ניט אָננעמען

דאָס, וואָס איר רופט די נאָרמאַלע מינוטן אין געטאָ, און אויך דאָס צוריקקערן זיך איצטער צו אַ כלומרשט נאָרמאַל לעבן. אידער איך גיי צוריק אַריין אין מיינע האַלאָבליעס, אידער איך נעם ווידער לעבן דאָס פאַרשאָלטענע לעבן, מוז איך קענען שלום־מאַכן מיט דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

— די צוריקגעקומענע זיינען נאָך היסטערישער פון די יעניקע, וואָס זיינען געווען אין געטאָ, — שמייכלט די קינדער־דאָקטאָרין ביטער און פיינטלעך.

— אָט דאָס וואָס מיר, די צוריקגעקומענע, זיינע היסטעריש, באַוויזט, אַז מיר זיינען נאָרמאַלע מענטשן; און די יעניקע פון די געטאָ־מענטשן, וואָס קענען אריבערגיין פון געטאָ צוריק צו דעם, וואָס זיי רופן אַ נאָרמאַל לעבן, זיינען ערשט אויף אַן אמת משוגע. זיי זיינען משוגע צו זיין נאָרמאַל, — נעם איך ריידן האַסטיק, מיט כעס, און קען שוין ניט איינהאַלטן דעם דיבוק אין מיר, וואָס צעברענט זיך מיט סם המות אויף מיינע ליפּן, — אַזוי ווי איר זייט אַ קינדער־דאָקטאָרין, וועל איך אייך דערציילן עטלעכע זאַכן פון דעם, וואָס איך האָב דאָ געהערט, בלויז עטלעכע זאַכן און בלויז וועגן מאַמעס און קינדער. איך האָב געהערט וועגן אַ מוטער, וואָס האָט אויסגעשריען: „אַזאַ קרבן! אַזעלכע דריי קינדער! גאָט! זאָל מען מיך שיסן די ערשטע, איך זאָל ניט זען ווי זיי פאַלן אין גרוב”. דאָס מוז איך פאַרשטיין אידער איך לעב ווייטער. דאָס הייסט, איך מוז פאַרשטיין ווי אַזוי קען איך אַזוינס וויסן און לעבן ווייטער. איך האָב געהערט וועגן אַ מוטער, וואָס האָט געקראַגן אַ קויל אין האַרצן און נאָך באַוויזן אויסצושרייען צו איר יינגל: „ראַטעווע זיך, מיין קינד, און זאָג אָן יאַנקלען ער זאָל זאָגן קדיש”. און פון נאָך אַ מוטער האָב איך געהערט, וואָס האָט אויסגעשריען ביי דער גרוב: „אַנטלויף, מיין קינד, און איך וועל היטן דיינע אויגן”. איך ווייס פון אַ מיידעלע, וואָס האָט געפרעגט ביי דער מאַמען: „מאַמע, אַז מען שיסט, טוט וויי?” אַ פערצן־יאָריק מיידעלע פון אייער אינטערנאַט האָט מיר דערציילט, אַז בעת מען האָט געשאָסן אירע עלטערן, איז זי אַנטלאָפן אין פעלד און דאָרט איינגעשלאָפן. אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געהערט ווי די פייגעלעך צוויטשערן און לאַכן אָפּ פון איר אויף זייער פייגלשער שפּראַך: „זע, זי לעבט נאָך?!” דאָס אַלץ זאָל האָבן געשען און איך זאָל קענען לעבן ווייטער, מוז זיין איינס פון די ביידע: אָדער אַלץ פאַרגעסן, אָדער איך און יעדערער פון די געבליבענע זאָלן האָבן דערהרגעט כאָטש איין רוצח. דעמאָלט קען אפשר זיין, אַז מען זאָל אי געדענקען און אי קענען לעבן ווייטער. זיך אויסגערעכנט! נאָר אַזוי לאַנג ווי אַלע רוצחים לעבן נאָך, און ניט איך און ניט קיין אַנדערער פון מיין גלייכן האָט ניט

געכאַפּט קיין האַק און איז ניט געלאָפן זוכן דעם רוצח, און אַזוי ווי פאַר־געסן וואָס עס איז פאָרגעקומען, קען איך אויך ניט — ווען איך טאָג־איין, טאָג־אויס אַרומגיין אין געטאָ אַפילו איך זאָל מגולגל ווערן אין אַנדער עק וועלט, אַפילו ווען פון ווילנער געטאָ וועט אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט בלייבן! אַז איך וויל גאָרניט פון דאָרט אַרויסגיין, ס'איז מיר דאָרט זייער גוט.

— אין אינטערנאַט זיינען פאַראַן קינדער, וואָס זיינען געלעגן אין מאַלינעס און געוואוסט, אַז מען טאָר ניט וויינען, האָבן די קינדער ביז איצט נאָך מורא אַרויסצולאָזן אַ קלאַנג פון די ליפּן, זיי זיצן בלייך און שטום. כאָטש מען זאָגט זיי, אַז איצט מעג מען שוין שטיפן, לאַכן און אַפילו וויינען, — בלייבט די דאָקטאָרין אַליין אויך זיצן אַ שטום־פאַר־גליווערטע, אַ פאַרפראָרענע, און אירע אויגן נעמען זיך אָנפילן מיט שטילע לויטערע טרערן, ווי אין אירע שוואַרצאַפּלען וואָלט אַריין די פאַרטייעטע שטילקייט פון טיפע גריבער.

## II

פון דער אַנדערער שטוב רופט באַלעק, און די טרערן אין דער מוטערס אויגן ווערן גלייך איינגעזאַפּט אין שמייכל, וואָס לייגט זיך אויס אויף איר פּנים. זי אַנטשולדיקט זיך פאַר מיר: דער זון איז אויפגעשטאַנען און זי דאַרף מאַכן פאַר אים פרישטיק. זי גייט אַרויס און מיט אַ מינוט שפּעטער רוקט זיך באַלעק אַריין אין קאַבינעט מיט איין זייט, ווי ער וואָלט זיך געהיט ניט צו צעשפּאַרן די טיר מיט זיינע ברייטע אַקסל. באַלעק איז ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, קריכט ער אַרום אַ באָרוועסער, אין אַ פאַר העל־בלויע הויזן, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע און צעכראַס־טעטער האָריקער ברוסט. ער דערלאַנגט מיר שוויגעוודיק די האַנט, און זעצט זיך אַראָפּ אויף דער קושעטקע ביי דער וואַנט, מיט די באָרוועסע פיס אויפן דיל. באַלעק ציט זיך אויס, גענעצט, שויבערט מיט אַלע פינגער די טשופּרינע, רייבט מיט דער דלאָניע דעם קינבאַק און צעלאַכט זיך:

— ווען פרויען זאָלן ניט מורא האָבן פאַר פאַרשוואַנגערן און פאַר בייזע צינגער, וואָלטן זיי געווען טויזנט מאָל ערגער פון די מענער. זיי וואָלטן ניט אַרויסגעקראָכן פון בעט.

— וואו זייט איר עס געווען די נאַכט, געטרונקען? — פרעג איך.

— אַ קאַפּ ניט גענומען, איך האָב געמאַכט אַ קערטל ביי דעם נביא, — צעלאַכט ער זיך נאָך העכער. אַזוי ווי ער זעט, אַז איך ווייס ניט וועד עס איז דער נביא, דערציילט ער מיר, אַז מיט דעם נאָמען רופט

ער צאַלקען דעם בירזשעוויק. ווען די סאָוועטן האָבן אַ וואָך פאַר דער מלחמה אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט די סוחרים, האָט מען אויך צו־גענומען צאַלקען. איז בעת ער איז געשטאַנען אויפן גרוזאָוויק און די ענקאַוועדעניקעס האָבן אים געהיט, האָט ער אַראָפּגעשריען צו די יידן אויף די ראָגן: קינדערלעך, איר וועט נאָך מיך מקנא זיין! איצט איז צאַלקע צוריקגעקומען פון סיביר, און די יידן אויף די ראָגן זיינען טאַקע ניטאָ. האָט ער, באַלעק, אים אַ נאָמען געגעבן „דער נביא". ער קען גוט שפּילן אין קאָרטן, דער נביא.

— און אין דער רודער־סעקציע פון ווילנער מכבי פלעגט איר קומען? — באַלעק דערציילט מיר ווי אַזוי אים האָט זיך אָנוסטן פאַר־גלוסט אַ קוק טאָן אויפן מכבי־סטאַדיאָן ביי דער ווילִיע. אַמאָל זומער־צייט איז דער ברעג פול געווען אַזש ביז דער גריטער אָזערע מיט יונגוואַרג. מען האָט זיך געבאָקן אויף דער זון, געשוואומען, געזונגען, געשפּילט אויף מאַנדאָלינעס, און די שיפלעך מיט די מיידלעך אין די באָד־קאָסטיומען האָבן אויסגעזען ווי מולטערס אָנגעפּאַקט מיט רויטע פּאָזימקעס. גייט ער אַהין אַוועק — אַ מדבר. דאָס טרעפט אים צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אַז אַ טייך, וואָס איז פול מיט וואַסער פון ברעג ביז ברעג, זאָל אים אויסזען אַזוי פּוסט און וויסט. ערשט ער גיט אַ קוק, איין קאַיאַק מיט אַ לאַנגן שפּיץ שווימט יאָ אויפן וואַסער, און אין אים זיצט קרימסקי, אַן אַמאָליקער אינסטרוקטאָר פון דער שווים־סעקציע. דער קרימסקי איז שטענדיק געזעסןביים שפּיץ פון קאַיאַק, אים אַנטקעגן אַ פיר אָדער זעקס מכביסטן, און ער האָט קאָמאַנדעוועט: אַלע מיט איין מאָל אויפהייבן דעם רודער! אַלע מיט איינמאָל אַראָפּלאָזן דעם רודער! איצט האָט ער גע־רודערט איינער אַליין, געאַרבעט מיט די וויאָסלעס אַזוי גיך, אַז דאָס שיפל איז געפלויגן ווי אַ בליץ אַרויף־שטראָם און אַראָפּ־שטראָם. דער קרימסקי איז דאַר, לאַנג און שפּיציק ווי אַ פלאָקן, האָט עס אויסגעזען ווי דעם קאַיאַק וואָלט געטריבן דער טייוול. נאָר אַקוראַט ווי ער איז אַ בריה מיט די וויאָסלעס, אַזאַ שלים־מזל איז ער ביי אַ טאַליע קאָרטן.

— באַלעק, איך וויל מיט אייך עפּעס ריידן, — רוק איך זיך צו צו אים נעענטער, זיין מאַמע אין אַנדערן צימער זאָל ניט הערן. ער פאַרשטייט אַליין, זאָג איך צו אים, וויפל מענטשן עס וואָלטן איצט אָפּגעגעבן אַ שטיק פון זייער לעבן זיי זאָלן קענען הערן זייער מאַמען אַרומגיין אין צווייטן צימער, קענען אַרויפלייגן זייערע הענט אויף אירע אַקסל, אַ גלעט טאָן אירע האָר, קוקן אויף אירע הענט בעת זי דערלאַנגט צום טיש עסן, און נאָך מער גליק איז, קענען צוטראָגן דער מאַמען עסן, קענען זי באַדינען. נאָר דאָס האָט ניט צום ענין. וואָס איך וויל אים זאָגן איז, אַז צוליב דער מאַמען זיינער וואָלט ער זיך באַדאַרפט פירן אַ ביסל גע־

זעצטער, רואיקער, וויניקסטנס זיך היטן פאַר איר. פאַר אַזאַ צדיק ווי איך בין, מעג ער טרינקען, שפּילן גאַנצע נעכט אין קאָרטן און טאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט. נאָר מצער זיין די מאַמען לוינט ניט! בפרט ווען לויט זיין נאַטור איז ער אַ שטילער בחור, און זיין איצטיקע פירונג איז ניט מער ווי די געוואוינשאַפט וואָס איז אים געבליבן פון געטאָ, וואו מען האָט געלעבט מיטן טאָג, מיט דער מינוט.

— די מאַמע לעבט ניט נאָר מיט דער געטאָ, זי לעבט מיט פּאָנאַר, — בייגט זיך באָלעק אָן צו מיר און קוקט צו דער טיר, — מיר וואַרפט זי פאָר, אַז איך פיר ווייטער דאָס ניט נאָרמאַלע געטאָ־לעבן, און זי אַליין מאַכט מיך חתונה מיט טויטע כלות.

— וואָס טוט זיך מיט איך, באָלעק? איך פאַרשטיי קיין וואָרט ניט.

— איך פאַרשטיי אויך ניט, — שעפּטשעט דער ברייט־צעוואַקסענער בחור מיט אַ פּנים פון אַן איבערגעשראָקענעם יינגל. — די מאַמע זאָגט עס מיר ניט אָפן, איך פאַרשטיי עס פון אירע איינציקע ווערטער און נאָך מער פון איר שוויגן. ריידן רעדט זי וועגן מיין אומגעקומענעם ברודער, אַז די אָדער יענע מיידל מיט וועלכער דער ברודער איז אַ שטיקל צייט אַרומגעגאַנגען, וואָלט געווען פאַר אים, דאַכט זיך איר, אַ גוטע כלה, זאָגט מיר די מאַמע, און פרעגט מיך מיין מיינונג. ענטפער איך איר, אַז איך פאַרשטיי ניט צוליב וואָס זי פרעגט עס, מיין ברודער איז ניטאָ און זיינע מיידלעך זיינען ניטאָ. שוויגט זי לאַנג אַ פאַרטראַכטע און פרעגט מיך דערנאָך מיט וועלכע פון מיינע מיידלעך האָב איך גערעכנט חתונה צו האָבן. קוועטש איך מיט די פּלייצעס: וואָס איז איצט דער אונטער־שייד? ווערט זי אין כעס און זאָגט מיר, אַז מען טאָר ניט פאַרגעסן קיין נאָענטע פריינט.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, — מורמל איך דערשטוינט, — די מאַמע אייערע האָט מיר פאָרגעוואָרפן וואָס איך דריי זיך כסדר אַרום אין געטאָ און מיך פאַרזיכערט, אַז זי באַמיט זיך צו געדענקען בלויז די גוטע צייטן. איז ווי שטימט עס מיט דעם וואָס איר זאָגט?

— אָט דאָס איז עס דאָך! — קריגט באָלעק צוריק זיין אויפגע־הייטערט און לאַכעדיק פּנים. די מאַמע זיינע וואַרפט אים פאָר, אַז אויך איצט נאָך דער באַפרייאונג פירט ער דאָס זעלבע לעבן וואָס פריער, און זי אַליין לעבט אין געדאַנק מיט די פאַרברענטע פון פּאָנאַר. אין דער אמתן, זאָגט באָלעק, רעכנט ער ניט אַזוי צו לעבן שטענדיק, ער וועט זיך אַרומקוקן. ער מיט דער מאַמען קלייבן זיך אַרויסצופאָרן קיין פּוילן, און פון פּוילן וועלן זיי פאָרן ווייטער. איז ווען זיי וועלן קומען קיין אויס־לאַנד, וועט ער אפשר צוריקגיין אין אוניווערזיטעט.

— און מיין ווייב האָט איר געקענט אין געטאָ? — טו איך אים אַ פרעג אומגעריכט פאַר זיך אַליין.

— זייער אַ וואוילע געווען, — ענטפערט ער. איינמאָל, דערציילט ער מיר, האָט מען אין געטאָ אַ זאָג געטאָן, אַז עס גרייט זיך אַן אַקציע. איז ער געלאָפן צו זיין מאַמען אין שפּיטאָל זי מיטנעמען אין דער צוגע־גרייטער מאַלינע. אַ טייל פון פּערסאָנאַל, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, האָבן זיך ערגעץ וואו באַהאַלטן. פרומע ליבטשע האָט אין דער ערשטער מינוט אויך געוואָלט אַנטליפן, אָבער נאָכדעם האָט זי זיך מיישב געווען, אַז זי וועט ניט איבערלאָזן די קינדער. דער סוף איז געווען, אַז דאָס מאָל האָבן די דייטשן אַ כאַפּ געטאָן די יעניקע פון פּערסאָנאַל, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, און אין דער פּאַלאַטע צו די קינדער זיינען זיי ניט אַריין. אפשר זיינען זיי יאָ אַריין, נאָר זיי האָבן דאָס מאָל ניט געהאַט קיין באַפעל צו נעמען די קראַנקע מיט זייער באַדינערשאַפט. ער געדענקט שוין ניט.

— און אויסער דעם וועל איך אייך זאָגן דעם אמת: עס לוינט זיך ניט! — פאַרענדיקט באָלעק זיינע מחשב׳ת נאָך אַ מינוט שוויגן, — ס׳איז ווי מען וואָלט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין זאַמד. נעמסט אַרויס דעם פוס, ווערט די גרוב פון זיך אַליין צוריק פאַרשאָטן. מיר ווילן לעבן ווייטער. די צוריקגעקומענע האָבן צו אונדז טענות פאַרוואָס מיר האָבן זיך ניט קעגנגעשטעלט, און ווי איך האָב געהערט האָט איר אויך די זעלבע טענה. האָב איך פאַר אייך אַן עצה: אין ווילנע דרייען זיך נאָך אַרום אויף דער פריי געננוג מערדער, פּאַליאַקן, ליטווינער. טאָ קויפט אַ רעוואָלווער, (איר קענט עס היינט קריגן פאַר גראָשנס, ניט ווי אין דער צייט פון געטאָ) געפינט אויס איינעם פון די רוצחים, און דערשיסט אים אינמיטן גאַס... זעט איר! ניט איר וועט עס טאָן, ניט איך און ניט אַ דריטער וועלן עס טאָן, ווייל דערביי איז דאָ אַ סכנה, און מיר ווילן פאַר יעדן פּרייז לעבן ווייטער.

— איר אַליין האָט מיר נאַר־וואָס דערציילט, אַז מיין ווייב איז ניט אַוועק פון שפּיטאָל און ניט איבערגעלאָזט די קינדער, — רייד איך שטיל צו באָלעקן, — זעט איר דאָך, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס ווילן ניט ראַטעווען דאָס לעבן פאַר יעדן פּרייז.

— איך בין הונגעריק. וואָס געדויערט עס ביי דער מאַמען אַזוי לאַנג? — שטעלט זיך באָלעק אויף, — וואָס פאַרגלייכט איר! אין געטאָ האָבן מיר געגלייבט, אַז די וועלט איז נאָך אַ וועלט, מער ניט דער דייטש איז אַ רוצח, און אייער ווייב אין געטאָ איז ניט געווען די איינציקע אידעאַליסטקע. איצט זעען מיר, אַז די גאַנצע וועלט האָט אונדז אין דער ערד. אייערנעכטן האָב איך געטרונקען מיט נאַטשאַלסטווע. איך האָב

באַדאַרפֿט זיי זאָלן פֿון עפּעס אָועקקוקן... האָב איך זיי געפֿונדעוועט אַ שנאַפּס מיט אַ צוביים, וואָס זיי האָבן אין זייער לעבן ניט געזען. איז אַז זיי האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען. זאָגן זיי צו מיר: איר, יידן, מישט זיך צופֿיל. איר, יידן, זייט אויף דער מלחמה ניט געגאַנגען און געוואָלט, אַז מיר זאָלן פֿאַר אייך די קעפּ אָוועקלייגן. איר, יידן, זאָגן זיי צו מיר, זייט זייער בלוט־דורשטיק, נאָר איר האָט מורא פֿאַרן טויט. ווילט איר, אַז מיר זאָלן פֿאַר אייערע ברידער נקמה־נעמען. אָבער אונדזער פּראָוויטעל־סטווע האָט איר אייגענע פּאָליטיק. אונדז האָט דער דייטש אויך געקוילעט. האָבן מיר אים צוריקגעצאָלט — און באַסטאַ! נאַשאַ זיעלאַ מאַלענקאַיע. איצט דאַרפֿן מיר זיי האָבן, די דייטשן הייסט עס.

אין קאַבינעט קומט אַריין אַננאַ איטקין און זאָגט, אַז דער פֿרישטיק איז אויפֿן טיש. זי לייגט מיר פֿאָר אַריינגיין עסן אינאיינעם מיט באַלעקן. זי האָט געגרייט דעם טיש פֿאַר צווייִ. נאָר ווען איך זאָג זיך אָפּ, זע איך אַז זי איז צופֿרידן וואָס איך וועל בלייבן מיט איר אין קאַבינעט.

נאָך באַלעקס אַרויסגיין, זעצט זיך אַננאַ איטקין צוריק אַוועק אויף איר אָרט ביים שרייב־טיש, און איך, אַ שטאַרק צערודערטער פֿון דעם וואָס באַלעק האָט מיר דערציילט, אַז די מאַמע מאַכט אים חתונה מיט טויטע כּלות, נעם ריידן האַסטיק, מיט אַ צעפּיבערטן אימפּעט, און צעלאָך זיך אַפֿילו פֿון פֿאַרוואונדערונג:

— מייַן מאַמע האָט דאָך געהאַט אַ צווילינג־שוועסטער. כ׳האָב קיינמאָל פֿון דעם ניט געטראַכט, נאָר לעצטנס, זינט איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע, גייט עס מיר ניט אַרויס פֿון געדאַנק. בעת איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל און די מאַמע פֿלעגט פֿאַלן אַ מידע פֿון דער שוועסטער פּראַצע, פֿלעגט זי זיך פֿאַר מיר פֿאַרענטפֿערן, אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס זי האָט ניט קיין כּח אַזוי פֿיל צו האָרעווען. „איך בין דאָך אַ האַלבע נשמה״, פֿלעגט זי זאָגן. איר צווילינג־שוועסטער האָט גע־לעבט אין קרייצבורג, אָדער אין יאַקאָבשטאָט ביי דער דווינע, און ווי מיר האָבן געהערט, איז איר דאָרט געגאַנגען גוט. זי האָט געהאַט אַ פֿולע שטוב מיט קינדער מוזיקאַנטן. איז בעת די מאַמע האָט מיר דערציילט וועגן איר צווילינג־שוועסטער, האָב איך געטראַכט: מאָדנע, איין האַלבע נשמה אין ווילנע לויפֿט אַרום אויף די מערק, און די צווייטע האַלבע נשמה אין לאַטוויע הערט ווי אירע קינדער שפּילן אויף פֿידלען. אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ קול צום זינגען, האָב איך פֿאַר דער מאַמען געזונגען, איר האַלבער נשמה אין ווילנע זאָל ניט זיין אומעטיקער ווי איר שוועסטערס האַלבער נשמה אין קרייצבורג ביי דער דווינע. דעמאָלט פֿלעגט די מאַמע

זיך פאַנאַנדערלאָכן און זאָגן, אַז איך און מיין שוועסטער־קינד, די פידל־שפּילערקע פון לאַטוויע, וואָלטן געווען אַ צוגעפּאַסטע פּאָר. טשיקאַווע איז וואָס מיין מומע האָט אויך געהאַט די זעלבע מחשבות. בעת די מאַמע האָט איר געשריבן, אַז איך האָב חתונה געהאַט, האָט איר יענע געענטפערט אַ פאַרברוגזטע, אַז אויך איר טאָכטער וועט ניט פאַרזיצן. אין די בריוו, וואָס זיי האָבן איינע צו די אַנדערע געשריבן, האָבן זיי קיינמאָל ניט דערמאָנט, אַז איך און מיין שוועסטער־קינד זאָלן ווערן חתן־כלה, נאָר אין געדאַנק, ווייזט אויס, האָבן זיי עס ביידע געהאַט.

אַננאַ איטקינס בלאַס און פאַרעלטערט געזיכט ווערט פלוצים פאַרגאָסן מיט אַ ראָזלעכן גלי, וואָס מאַכט זי אויסזען יינגער, ווייבלעך־חנעוודיקער און שעמעוודיקער. איך כאַפּ זיך אַז איך האָב זיך פאַררעדט. פון מיינע רייד פאַרשטייט זי, אַז איר זון האָט מיר דערציילט פון איר שוואַכקייט צו ריידן מיט אים וועגן זיינע מיידלעך וואָס זיינען שוין ניטאָ. ביסלעכווייז פאַרשווינדט די צעגליטע ראָזע פאַרב פון אירע באַקן, זי ווערט ווידער פאַרקילט, שטייף, רעדט צו מיר שטיל, און קוקט בשעת מעשה אַראָפּ אויף אירע פינגער, וואָס ליגן אויפן קאַנט פון טיש:

זי דערמאָנט מיר מיינע פריערדיקע רייד, אַז כדי צו קענען לעבן ווייטער, בלייבט איינס פון די ביידע: אָדער פרוואוון אַלץ פאַרגעסן, אָדער נעמען נקמה, ווייל בלויז מיטן געפיל פון געזעטיקטער נקמה איז אפשר מעגלעך אי צו געדענקען און אי צו לעבן ווייטער. אָבער זי, אַננאַ איטקין, גלייבט ניט, אַז מען קען מיט נקמה זיך לאַנג טרייסטן, בפרט אַז מיר זיינען צו שוואַך צו באַשטראָפן די רוצחים. און ווען אַ העלדישער יונגערמאַן וואָלט זי געפרעגט, צי ער זאָל איינשטעלן זיין לעבן אומצוברענגען אַ רוצח, וואָלט זי דעם יונגנמאַן געענטפערט, אַז מיר זיינען געבליבן אַזוי ווייניק, אַז אַפילו פאַרן פרייז פון אומברענגען אַ מערדער, טאָרן מיר ניט אָפּגעבן אונדזער לעבן. אָבער אויך פאַרגעסן קענען מיר ניט און טאָרן ניט. דאַרפן מיר לעבן מיט אונדזערע דערמאָנונגען פון די אומגעקומענע, ניט מיט די דערמאָנונגען פון זייער שרעקלעכן טויט, נאָר מיט זייערע אַמאָליקע ליידן און פריידן. די עלנטע און פרעמדע, וואָס האָבן ניט געלאָזט קיין קרובים, דאַרפן אין אונדזער האַרץ פאַרנעמען אַזאַ אָרט ווי אונדזערע אייגענע. אַ יונגערמאַן דאַרף געדענקען אַ זקן, און אַ זקן אַ יונגנמאַן. דער יעניקער פון זיי, וואָס איז געבליבן לעבן, דאַרף נאָכן צווייטן זאָגן קדיש מיטן האַרצן, ניט מיט די ליפּן. זי זאָגט איר באַלעקן אָפן, אַז זי טראַכט פון פרעמדע מאַמעס, וואָס האָבן ניט דערלעבט קיין נחת פון זייערע קינדער, אָט אַזוי ווי זי טראַכט וועגן זיך און וועגן איר אומגעקומענעם זון, באַלעקס ברודער. אַ פרוי טאָר ניט זיין אייפערזיכטיק, ווען איר מאַן זעט פאַר זיינע אויגן די אומגעבראַכטע כלות פון אַנדערע

יונגע מענער. און אויב די פרוי איז אַזוי איינגעליבט אין זיך און אין איר רו, אַז זי שוידערט פון דעם, וואָס איר מאַן טראַכט פון פרעמדע טויטע כלות, טאָ זאָל זי שוידערן מיט אויפגעריסענע אויגן, אָט די קאַלטע עגאָאיסטישע פרוי. זאָל זי וויסן, אַז זי דאַרף צאָלן פאַר דעם, וואָס זי איז געבליבן לעבן. זי מוז גרייט זיין, אַז איר מאַן זאָל אַוועק־שענקען אַ טייל פון זיין ליבשאַפט צו די אַוועקגעגאַנגענע פרויען, וואָס קיינער בענקט ניט נאָך זיי און געדענקט זיי ניט מער, די אָרעמע שטימע טויבן.

— דאָס הייסט, אַז אַנשטאָט נקמה־נעמען פון די רוצחים זאָלן מיר נקמה־נעמען אָן זיך אַליין, — זאָג איך מיט אַ פאַרקרימט פּנים, — און וואָס וועלן האָבן פון דעם די אומגעקומענע?

— זעט איר, און איך גלייב, ניט אַזוי איך גלייב ווי איך פיל, אַז די אַוועקגעגאַנגענע ווערט לייכטער, ווען מיר געדענקען אָן זיי, — זאָגט אַנאַ איטקין מיט אַ גלייכגילטיקן שמייכל, מיר צו וויזן, אַז איר איז אַלץ איינס וואָס איך וועל וועגן איר טראַכטן. זי האָט אַ געפּיל, זאָגט זי, אַז די אַוועקגעגאַנגענע בלאָנדזשען אַרום פאַראַבלטע און פאַרטרויערטע, ווייל מיר לעבן ניט אויס זייער לעבן, ווייל מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט אין די גריבער. איר דאַכט זיך אַז אונדזערע שטיבער זיינען פול מיט זייערע שאָטנס, און ווען קיינער איז ניטאָ, רוקן זיי זיך צו צו אינדז נעענטער, טוליען זיך צו אונדז. נאָר ווען עס קומען אַריין מענטשן און מען נעמט לאַכן, הויך ריידן, באַליידיקן זיך די שאָטנס און פאַרקריכן אין די ווינקלען. ניט צוליב נקמה־נעמען אָן זיך אַליין מוזן מיר גע־דענקען די אַוועקגעגאַנגענע. פאַרקערט, כדי אונדז זאָל לייכטער ווערן, מיר זאָלן קענען ווייטער אָנגיין מיט אונדזער לעבן. עלעהיי אַ מוטער, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ קינד, דאָך לעבט זי ווייטער צוליב די געבליבענע קינדער, און פאַרדאָפּלט נאָך איר זאָרג און ליבשאַפט צו זיי, נאָר אין איר האַרץ לעבט אויך דאָס אַוועקגעגאַנגענע קינד. וואָלטן מיר געקענט לעבן מיט אַזאַ דאָפּלט לעבן, לעבן אויך מיט אונדזער געדעכעניש, וואָלט אונדזער וואונד זיך ביסלעכווייז אויסגעהיילט. גראָד דאָס זוכן מיטלען ווי צו פאַר־געסן און דאָס פאַרגעסן טאָקע צייטנווייז, ברענגט אונדז שפּעטער צוריק צו נאָך גרעסערע יסורים. וואָרום אינגאַנצן און אויף שטענדיק פאַר־געסן קען דאָך ניט אַ מענטש מיט האַרץ, לויפן מיר אָפּ אַ שטיקל צייט און שטעלן זיך דערנאָך ווידער אָפּ, דערפילן זיך נאָך זינדיקער און שולדיקער.

— לעבן אין חלום, לעבן מיט שאָטנס, — דריי איך זיך אומגעע־דולדיק אויפן שטול, — דאָס איז אַ פילאָזאָפיע פון ניט האָבן קיין אַנדער ברירה. איך האָב אויך ניט קיין ברירה, נאָר איך זוך ניט קיין

תירוצים. אַלץ וועט פֿאַרענטפֿערט ווערן אויף אַ פּשוטן אופֿן: די מענטשן וואָס פּייניקן זיך וועלן מיט דער צייט אויסשטאַרבן, וועלן זיי אויפֿהערן מאַטערן זיך אַליין און אויך מער ניט אַרויסרופֿן קיין כעס ביי די, וואָס האַלטן אַז זיי האָבן שוין גענוג מיטגעקרעכצט, נאָר מיר, די געליטענע, דערמאָנען זיי כּסדר אָן אומגליק און לאָזן זיי ניט רויִק לעבן ווייטער.

— איך צווישן די געליטענע זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס טראַכטן און פֿילאָזאָפֿירן וועגן דער טראַגעדיע, זיי זאָלן ניט דאַרפֿן טראַכטן וועגן זייערע סאַמע נאָענטסטע, — זאָגט אַננאַ איטקין. און כאָטש זי זיצט אַנטקעגן מיר פֿון דער אַנדערער זייט שרייב־טיש, זעט עס מיר אויס ווי זי וואָלט געזעסן אין אַ גלעזערנעם קאַסטן, אָדער געווען אַרומגעפּראָרן מיט אַ דינעם שיכט דורכזיכטיק אײַז. איך שווייג און וואַרט וואָס זי וועט ווייטער זאָגן. ביי מיר איז מער קיין ספֿק ניט, אַז זי וועט איצט נעמען ריידן וועגן פֿרומע ליבטשען.

— אייער ווייב איז די גאַנצע צייט געווען זיכער, אַז איר לעבט, — קנאַקט אַננאַ איטקין אויס אירע פֿינגער, וואָס ליגן ווי פֿאַרחלשטע אויפֿן קאַנט פֿון שרייב־טיש, — אייער ווייב האָט אָפּגעהיט אייערן אַן אָנצוג, און אויך אייערס אַ פּעקל מאַנוסקריפּטן. זי האָט איבער דעם געציטערט און געפֿלאַטערט. וויפֿיל מאָל מען איז זיך ניט געלאָפֿן באַהאַלטן, האָט זי קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן עס מיטצונעמען. איך האָב איר ניט איינמאָל געזאָגט, אַז זי זאָל פֿאַרקויפֿן אייער אָנצוג און קויפֿן וואָס זי האָט נייטיק פֿאַר זיך. אָבער זי האָט פֿון דעם ניט געוואָלט הערן. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מייַן מאַן וועט צוריקקומען פֿון רוסלאַנד, וועט ער דעם אָנצוג דאַרפֿן זייער נייטיק, פֿלעגט זי מיר ענטפֿערן. אָט אַזוי זיכער איז זי געווען אַז איר לעבט. — די דאָקטאָרין קריגט מיט אַמאָל אַן אויפֿגעלעבט און אויפֿגעשיינט פּנים. — אייער פֿרומע ליבטשע האָט אין געטאָ אויפֿגעבליט. איך האָב דאָך זי געקענט פֿאַר דער מלחמה, נאָר אין געטאָ איז זי נאָך שענער און ייִנגער געוואָרן. פֿון וואַרטן אויף אייך האָט זי אויפֿגעבליט.

עס קען זיין, אַז פֿון אַננאַ איטקינס ווערטער וואָלט מיר טונקל געוואָרן פֿאַר די אויגן, די קני וואָלטן זיך מיר איינגעבראָכן. נאָר דער אופֿן ווי זי זאָגט עס אַרויס, פֿילט מיך אָן מער מיט פּאַרדרוס ווי מיט טרויער. אין דער מינוט בין איך זיכער, אַז זי נעמט אָן מיר נקמה, ווייל איך האָב געלייקנט אין איר משוגענער פֿילאָזאָפֿיע וועגן די אומגעקומענע.

— וואָס האָט איך פֿרומע ליבטשע געזאָגט וועגן דעם, וואָס איך בין אַוועק קיין רוסלאַנד און זי איבערגעלאָזט? זי האָט אויף מיר געטראָגן אַ כעס? — פֿרעג איך.

— ווי קען איך עס וויסן? — ציט אַננאַ איטקין מיט די אַקסל, און מיר דאַכט זיך, אַז זי זאָגט עס אַרויס מיט ביטול, פון אויבן אַרונטער, גלייך ווי איך וואָלט געקומען צו איר בעטן איר טאָכטער פאַר אַ ווייב, און זי, די אַריסטאָקראַטקע, וויל מיר ניט אָפּגעבן איר איינציקע טאָכטער.

— זי האָט ניט געקענט זיין אויף מיר אין כעס, מיר זיינען ביידע אַנטלאָפן פון ווילנע, נאָר זי איז מיד געוואָרן פון גיין צופוס, און קיינער האָט זיך ניט געריכט אויף דעם וואָס עס איז דערנאָך געשען, — קוק איך בייז פון אונטער די צונויפגעצויגענע ברעמען אויף דער דאָקטאָרין. — און די מאַמע מיינע האָט אויך געגלייבט, אַז איך לעב? איך פרעג עס איך ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דער מאַמען. אויב זי האָט געגלייבט אַז איך לעב, איז איר לייכטער געווען צו גיין דעם לעצטן וועג. נאָר אויב זי האָט גערעכנט, אַז איך בין אומגעקומען אונטערוועגס, אָט אַזוי ווי מען האָט דערציילט, איז איר געווען שווער, זייער שווער... איז וואָס האָט אייך וועגן דעם דערציילט פרומע ליבטשע?

— זי האָט מיט מיר וועגן דעם ניט גערעדט. און וואָס איז אייך איצט דער אונטערשייד וואָס אייער מאַמע האָט דעמאָלט געטראַכט? איר האַלט דאָך, אַז אָט־דער שטילער חשבון פון די לעבעדיקע מיט די טויטע איז אַן איינריידעניש, אַ קראַנקייט, — בלייבט אַננאַ איטקין זיצן אויף איר שטול אַ צונויפגעהויקערטע, אַ צעקנייטשטע און מידע. — איר וואָלט באַדאַרפט זוכן אייערע מאַנוסקריפּטן. ווען מען האָט גענומען רײדן, אַז מען גייט ליקווידירן די ווילנער געטאָ און די געבליבענע אַריבערפירן אין אַנדערע לאַגערן, האָט אייער ווייב באַהאַלטן אייער פּעקל. איך געדענק אַז זי האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם, נאָר איך געדענק ניט וואו זי האָט עס באַהאַלטן.

— גלייבט מיר, איך דאַרף ניט מער יענע מאַנוסקריפּטן, — קען איך קוים בייקומען די בלייענע שווערקייט, וואָס צעגיסט זיך איבער אַלע מיינע גלידער.

— אפשר האָט אייער ווייב אַריינגעלייגט צווישן די מאַנוסקריפּטן אַ בריוו, אפשר שרייבט זי דאָרט וועגן זיך און אייער מאַמען, — קומט אַננאַ איטקינס קול פון דער ווייט, ווי פון די געטאָ־חורבות. — אייער ווייב האָט אין געטאָ געוואוינט אין אַ בוידעם־שטיבל נומער 9, קען זיין, אַז זי האָט דאָס פּעקל איינגעמויערט דאָרט אין דער וואַנט. איר זייט שוין געווען אין נומער 9?

— איך וועל דאָרט זוכן, — ענטפער איך פּאַמעלעך מיט אַן אונ־טערערדיש פאַרטויבט קול; מיטן קול פון שוסטער באַלבערישקין, וואָס וואַרט אויף מיר אין זיין קעלערל איך זאָל אים ברענגען אַ ידיעה וועגן זיין זון. — פרומע ליבטשע האָט שטענדיק געחלומט פון אַרבעטן

ביי קינדער. „איך וויל אַרבעטן ביי קינדער, וואו דאָס לעבן הייבט זיך אָן, ניט ביי אַלטע לייט, וואו דאָס לעבן ענדיקט זיך", פלעגט זי מיר זאָגן, נאָר איר האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבן עס דורכצופירן. ערשט אין געטאָ, זע איך, האָט זיך איר איינגעגעבן צו קריגן אַרבעט ביי קינדער, וואו דאָס לעבן הייבט זיך אָן...

אַננאַ איטקין ענטפערט ניט. זי בלייבט זיצן אַ פאַרשפּינטע אין דער לידיקער שטומקייט פון איר קאַבינעט, און די טרויעריקע שטילקייט, וואָס ליגט אויף איר געזיכט, פאַלט ווי אַ שאָטן אויך אויף מיין פּנים. מיר קוקןביידע שווייגעוודיק אויפן מאַרמאָרנעם טישל, וואו עס שטייט די וואָג צו וועגן עופעלעך. דער ווייסער עמאַלירטער שופל פון דער וואָג זעט אויס ווי ער וואָלט פאַרפראָרן געוואָרן וואַרטנדיק מען זאָל אין אים אַריינלייגן דאָס ראָזע קערפּערל פון אַ לעבעדיק עופעלע.

# נומער 9

מיינע בית־עולם־זאַוואולקעסריידן צו מיר: פאַרוואָס גייסטו ניט עסן? פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן? זיי פרעגן עס מיך מיטן זעלבן קול ווי די מאַמע, בעת איך בין יינגלוויז לעבן איר געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביי מיין געשטאָרבענעם טאַטן, וואָס איז געלעגן אויף שטרוי, באַדעקט מיט אַ שוואַרצן בגד און אַרומגעשטעלט מיט ליכט. די מאַמע האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, קיין ביסן אין מויל ניט גענומען, מער קיין כח ניט געהאַט צו וויינען, בלויז אירע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוועגט, נאָכגע־שעפּטשעט די צווי פאַרשלאָפענע תהילים־זאָגער. אין אירע טרוקענע אויגן האָבן שטאַר געבערענט די ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום טאַטן, און פון צייט צו צייט האָט זי צו מיר די זעלבע פּאָר ווערטער אַרויסגערעדט: פאַרוואָס גייסטו ניט עסן? פאַרוואָס גייסטו ניט שלאָפן? אַט אַזוי ווי עס ריידן איצט צו מיר מיינע בית־עולם־זאַוואולקעס.

ווי איך האָב דעמאָלט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון טאַטנס שוויַיגן אונטערן שוואַרצן בגד, פון דער מאַמעס טרויער, פון דעם תהילים־ניגון, און פון די נאַכטיקע שאָטנס אויף די קוזניע־ווענט, דורכגעוועבט מיטן רויטלעכן אָפּשיין פון די טויטן־ליכט — אַזוי קען איך איצט זיך ניט אָפּרייסן פון מיינע געסלעך. מיין האַרץ איז מספּיד די חורבות מיט אַ ביטער געוויין: אַ בר־מינן דאַרף דאָך ליגן צוגעדעקט, און איר ליגט אַזוי נאַקעט אָפּגעדעקט. ווי קען איך גיין עסן און שלאָפן, אַז איך פאַרשטיי נאָך אַלץ ניט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ווען זיי וואָלטן אויסגעשטאָרבן אין אַ מגפה, וואָלט איך פאַרשטאַנען; ווען זיי וואָלטן אין עפּעס שולדיק געווען, וואָלט איך פאַרשטאַנען; ווען זיי וואָלטן אַן אויסוועג געהאַט זיך צו ראַטעווען פון טויט און עס ניט געטאָן, וואָלט איך פאַרשטאַנען; אָבער דער רוצח האָט דאָך זיי אַפילו ניט געגעבן די ברירה פון שמד. און פאַרוואָס באַדויערן אונדז ניט די ערלים, אונדזערע אַמאָליקע שכנים? זייערע ברידער האָט ער דאָך אויך געקוילעט און באַגראָבן אין די פּאַנאַרער גריבער. פאַרוואָס האָבן זיי אונדז אַזוי פיינט, אַז עס אַרט זיי אַפילו ניט וואָס אויך זיי האָט עס בלוט געקאָסט?

אַז דו וועסט אַלץ קענען פֿאַרענטפֿערן, וועט עס דיר מער ניט זיין אַזוי שרעקלעך, איז פֿאַרוואָס זאָלסטו וועלן דיר זאָל זיין ניט־שרעקלעך? — ענטפֿערן מיר מיינע בית־עולם־זאַוואָלקעס, און דערמאָנען מיך ווידער איך זאָל גיין עסן, גיין שלאָפֿן, און גיין אין נומער 9, וואו עס האָט געלעבט פרומע ליבטשע.

גיי איך עסן און שלאָפֿן, און אויף מאָרגן אינדערפֿרי הער איך אין דער דירה, וואו איך וואוין, אויף געדימינאַ, דאָס זעלבע, וואָס איך האָב יעדן פֿרימאָרגן. אויף יענער זייט וואַנט וואוינט אַ יונג פּאָרל, אַ ליטווין מיט אַ ליטווינקע, וואָס זיינען צוריקגעקומען פֿון רוסלאַנד. אַזוי האָט מיר דערציילט דער באַלעבאָס פֿון מיין וואוינונג. און יעדן אינדערפֿרי הער איך די ליטווינקע לאַכן. די וואַנט קומט אַרויס אין אַן אַנדער הויף, און איך האָב דאָס פּאָרל קיינמאָל ניט געזען, נאָר אין ווייבלעכן געלעכטער דערקען איך, אַז די ליטווינקע מוז זיין אַ יונגע, אַ שיינע, אַ וואוקסיקע, מיט אַ פעט לייב און אַ גוטמוטיק־נאַרישעוואַטע. ווי דער געליבטער זעט אויס קען איך זיך ניט פֿאָרשטעלן, ווייל ער שוויגט, און מיטאַמאָל ווערט אויך די ליטווינקע אַנטשוויגן. דאָס שווייגעניש גליט דורך דער וואַנט מיט פֿאַרטייעטער תאווה, מיט פֿאַרפֿלאַמטן אָטעם, און שטיל איז דאָרט אויף דער אַנדערער זייט, הייס און דושנע, ווי די זון וואָלט אַריינגעגליט אין געדיכטעניש פֿון באַבלעטערטע ביימער. דערנאָך דערהערט זיך ווידער דאָס געלעכטער, ניט מער הויך און פֿאַרשייט ווי פֿריער, נאָר שלעפעריק און צופֿרידן, אַ מרוקעניש פֿון אַ זאַטער בהמה. זי ליגט דאָרט איצט מסתמא מיטן גרויסן אויפֿגעקוואָלענעם גוף אויף די צעקנאָדערטע בעטגעוואַנט, האַלט אונטערגעשפאַרט אירע הענט צוקאָפּנס, גענעצט, און קוקט דורכן פֿענצטער אויף דער זון, וואָס בריט מיט אירע שטראַלן אירע אָפּגעדעקטע קופּערנע ברוסטן. פֿאַר מיר וועט קלעקן! איך בין שוין זאַט מיטן לעבן אויף דער אַנדערער זייט וואַנט. טו איך זיך אָן און גיי אין געטאָ.

איך ווייס ניט צי איך וואָלט אויך דאָס מאָל געהאַט כח אַרויפֿצוגיין אין פֿרומע ליבטשעס שטיבל. אָבער דער פֿאַרטאָגיקער געלעכטער פֿון יענער זייט וואַנט האָט מיך היינט איינגעשיכורט מער פֿון יעדן אַנדערן טאָג, יאָגט מיך נאָך אַזש פֿון געדימינאַ ביז צו דער געטאָ, און יאָגט מיך אַריין אין הויף, וואו דער שוסטער באַלבערישקין וואוינט. איך געפֿין גלייך דעם אַרויפֿגאַנג, וואו עס איז מיט ווייסן קרייד אָנגעשריבן אַ גרויסער 9, גיב עטלעכע מאָל אַ שטויס מיט די אַקסל און רייס־אויף די פֿאַרקלאָפּטע טיר. איך גיי האַסטיק אַרויף די בוידעם־טרעפּ... גאָרניט! זיך אומזיסט געשראָקן. נאַקעטע פֿיר ווענט, אויפֿן דיל שטיקלעך גלאָז, שטיקלעך ציגל, אַפֿילו ניט קיין בערגל ברוכוואַרג, וואו זיך צו זעצן שבעה. איך נעם

אַרומטאָפּן די אָפּגעשיילטע ווענט און זעצן אין זיי מיט די פויסטן. אָבער איך געפין ניט אויף די ווענט קיין שום סימן, וואָס זאָל אָנדייטן, אַז דאָרט ליגט עפּעס פאַרמויערט. און איך וויל שוין אַרונטערגיין — וואַקסט אויס אין דער טיר דער שוסטער באַלבערישקין, און פאַרשטעלט מיט זיין הויכן ברייטן גוף דעם אַרויסגאַנג:

— דאָס זייט איר גאָר! איר האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין זון? — רופט ער אויס אין איין אָטעם און נעמט אָפּיר מיט זיין רעכטער האַנט פון אונטער דעם לינקן אָרעם דעם לאַנגן אייזערנעם קאָפּול, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן זיינע קני אין דער נאַכט ווען איך בין געוועזן ביי אים.

— צו וואָס האַלט איר עס? — שפּרינג איך אָפּ אָן אַ זייט.

— איך האָב דערהערט אין מיין קעלער ווי מען רייסט אַ טיר אין הויף, האָב איך געמיינט, אַז גויים זיינען געקומען זוכן אין די חורבות פאַרגראָבענע אוצרות. ס'האָט ניט איינמאָל געטראָפן, גויים זאָלן דאָ קומען זוכן, — שטעלט באַלבערישקין אַראָפּ אויפן דיל דעם אייזערנעם פוס, — איר האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין זון?

— דערוואוסט. איך האָב זיך דערוואוסט ביי אַ יידישן סאָלדאַט, וואָס האָט געדינט אין דער ליטוויש־רוסישער דיוויזיע אין באַלאַכנאַ, אַז דאָרט איז אייער זון ניט געוועזן. די יידן האָבן דאָרט איינע די אַנדערע געקענט. אין דער רוסישער אַרמיי האָט מען ווילנער בחורים ניט גענומען, איז אַ סימן אַז אייער זון האָט ניט געדינט אין מיליטער, — נעם איך ניט אַראָפּ די אויגן פון דעם אייזערנעם קאָפּול, — און וואָס וואָלט געוועזן, ווען איר טרעפט דאָ גויים זוכן פאַרגראָבענע אוצרות? איר וואָלט זיי דערלאַנגט מיטן אייזן?

— דערלאַנגט, — ענטפערט ער און פאַרגייט זיך אין אַ קלאָגעניש.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז מיין זון דינט אין דער אַרמיי.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז עס קען זיין, אַז ער דינט, ניט אַז איך בין זיכער. איר דאַרפט זיך דאָך פרייען וואָס אייער זון איז ניט געוועזן אויף מלחמה, — און פלוצים, קעגן מיין אייגענעם ווילן, צעשריי איך זיך אויפן שוסטער, אַז אין געטאָ האָט ער אויך געהאַט אַן אייזערנעם קאָפּול, אַ האַמער, פונדעסטוועגן האָט ער מיט אים ניט געגעבן קיין איין דייטש איבערן קאָפּ.

— און איר וואָלט יאָ דערלאַנגט אַ דייטש מיטן אייזערנעם קאָפּול?

— מאַכט דער שוסטער אַ תמעוואַטע צורה, — איר האָט זיך דאָך דער־שראָקן, ווען איר האָט מיך דערזען מיטן אייזן.

— וואָלט איך געוועזן אין געטאָ, וואָלט איר ביי מיר געפרעגט, — צעגוואַלדעווע איך זיך נאָך העכער, — נאָר אין געטאָ זייט איר געוועזן,

ניט איך, פרעג איך ביי אייך: פאַרוואָס האָט איר געשוויגן דעם מערדער קיטעל ווען ער פלעגט קומען אין געטאָ אַן אַ וואָך, אַפילו אָן אַ מאַשין־ביקס, און זיך דאָ אַרומגעדרייט די הענט אין די קעשענעס? פאַרוואָס איז ער געווען זיכער, אַז קיינער וועט אים ניט אָנרירן?

— וואָס בין איך שולדיק, אַז איר האָט דאָ גאָרניט געפונען, — גיט דער שוסטער מיטאַמאָל אַ בלעקערץ.

— אַזאַ איינער זייט איר? — טו איך צו אים אַ שפרונג מיט ווילדן כעס, — איר מיינט, אַז דאָס קאָכט אין מיר, ווייל איך האָב דאָ גאָרניט געפונען? ווען אייער זון וועט צוריקקומען פון רוסלאַנד, וועט ער אייך אויך פרעגן דאָס זעלבע וואָס איך פרעג.

— מיין זון וועט עס מיך ניט פרעגן. ער קען זיין טאַטן און וויס, אַז איך בין ניט קיין איבערגעשראָקענער. ער וועט נאָר פרעגן וואו איז די מאַמע און זיין שוועסטערל. אַלע צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד האָבן צו אונדז טענות. מען האָט אונדז דאָרט באַרעדט, — ווישט דער ברייט־צעוואָקסענער ייד מיט די פויסטן די טרערן פון די אויגן אַזוי אומ־באַהאָלפן און קינדיש־געקרענקט, אַז איך נעם שילטן מיט טויטע קללות דעם דיבוק אין מיר, וואָס שפּרינגט אַרויף אויף מיינע ליפּן און ברענט מיט סם המוות. אַנשטאָט צו ווערן אַ גואל הדם, שילט איך ווי אַ זשאַבע. איך האָב מיט מיינע טענות צוגעגעסן ווי אַ ביטערע ציבעלע די געבלי־בענע יידן פון געטאָ און אַפילו די פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער. זיי זידלען מיך און שרייען צו מיר: „ווען פאַרסטו צוריק קיין מאָסקווע? דאָרט וועט מען דיר דערציילן וועגן העלדישקייט, וועסטו זיך באַרואיקן". ווער איך אויף אַ טאָג, אויף צוויי אַנטשוויגן, און הייב ווידער אָן אויפסניי.

איך נעם ריידן צו באַלבערישקינען ווייך און מיט גוטן, זאָג אים נאָכאַמאָל דאָס זעלבע, אַז ער דאַרף זיך פרייען וואָס זיין זון איז ניט געווען אויפן פראָנט. דער זון זיינער מוז אַרבעטן ערגעץ־וואו אין אַ פאַבריק אָדער אין אַ קאָלכאָז. וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, טאָר ער ניט וואַרפן די אַרבעט אָן אַ דערלויבעניש. פאַר דעם קומט אַ גרויסע שטראָף. מען דאַרף אויך האָבן אַ ספּעציעלע קאָמאַנדיראָווקע אַריבערצופאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און אין ווילנע איז נאָך איבערהויפּט שווער אַריינצופאָרן, ווייל דאָ איז געווען אַ מלחמה־געביט.

דער שוסטער גלייבט מיר ניט. אומזיסט, זאָגט ער, רייד איך אים איין, אַז מען איז נאָך דערווייל ניט צוריקגעקומען. ער איז געגאַנגען זיך נאָכפרעגן אין קהילה, די קהילה איז איצט וואו אַמאָל איז געווען די כאָר־שול. האָט ער דאָרט געטראָפן אַ סך יידן, און פעק מיט בריוו פון ווילנער, וואָס פרעגן זיך נאָך אויף זייערע קרובים. נאָר דעם זון זיינעם האָט ער דאָרט ניט געטראָפן, און קיין בריוו פון אים איז אויך ניט אָנ־

געקומען, — פֿאַרענדיקט באַלבערישקין מיט אַ זיפֿץ און הייבט אויף פֿון דיל דעם אײַזערנעם קאַפּול, גרייט צוריקצוגיין צו זײַן אַרבעט אין קעלערל.

איך לאָז אים ניט אַוועקגיין און דערצייל אים, אַז איך בין געווען בײַ דער קינדער־דאָקטאָרין אַננאַ איטקין, וואָס האָט געאַרבעט אינאיינעם מיט מײַן ווײַב אין ייִדישן שפּיטאָל. האָט מיר די דאָקטאָרין דערציילט, אַז מײַן ווײַב איז געווען זיכער, אַז איך לעב. נאָר ער דאַרף וויסן מער וועגן מײַן ווײַב. זיי זײַנען דאָך דאָ געווען שכנים.

— אַוודאי איז די קראַנקן־שוועסטער געווען זיכער, אַז איר לעבט, ווי מײַן ווײַב איז געווען זיכער, אַז אונדזער יצחקל לעבט, — רופֿט באַל־בערישקין אויס אַ דערפֿרייטער, ווי דאָס, וואָס פּרומע ליבטשע האָט געטראָפֿן, וואָלט מיטאַמאָל פֿאַרשטאַרקט זײַן האָפֿענונג, אַז אויך זײַן זון לעבט.

— און מײַן מאַמע? איר ווייסט ניט, מײַן מאַמע האָט אויך געגלייבט אַז איך לעב?

— וועגן דעם ווייס איך ניט, — ענטפֿערט באַלבערישקין נאָך אַ לאַנגן נאָכקלערן, — איך ווייס נאָר, אַז די קראַנקן־שוועסטער האָט זייער שטאַרק אָפּגעהיט אייער מוטערס אַ שאַל.

— אַ שאַל? דער מאַמעס שאַל? אַ שוואַרצע זײַדענע שאַל?

— איך אַליין האָב די שאַל ניט געזען, מײַן ווײַב האָט זי געזען, — ענטפֿערט באַלבערישקין און לויט זײַן פֿאַרוואונדערט פּנים פֿאַרשטיי איך, אַז איך מוז איצט אויסזען ווי אַ וואַלד־גזלן, — ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך דאָ אַרײַנגעקליבן מיט אירע חברטעס, האָבן מיר זיך באַפֿרײַנדעט. און בעת אונדזער יענטעלע פֿלעגט ווערן ניט געזונט, האָט זי מײַן ווײַב אַרויפֿגעפֿירט צו דער קראַנקן־שוועסטער. נאָך יעדן אַזאַ וויזיט האָט מיר מײַן ווײַב דערציילט וואָס פֿאַר אַ ליבער מענטש די קראַנקן־שוועסטער איז, און אַז זי היט אָפּ אַ שאַל, וואָס איז געבליבן פֿון אייער מאַמען. ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט גערעדט וועגן אײַך און אייער מאַמען, האָט זי געוויינט און באַהאַלטן אין אייער מאַמעס שאַל איר פֿאַרוויינט פּנים. אַזוי האָט מיר דערציילט מײַן ווײַב און בעת מעשה אַליין אויך געוויינט.

— די שאַל, דער מאַמעס שאַל, איר שוואַרצע זײַדענע שבתדיקע שאַל, — קוק איך זיך אַרום אין פּוסטן שטיבל, ווי די אָפּגעשיילטע ציגל־ווענט וואָלטן זיך פֿאַרוואַנדלט אין כוואַליעס, וואָס גייען אויף מיר פֿון אַלע זײַטן און ווילן מיך אַרונטערציען אין תהום. איך דערצייל באַלבע־רישקינען, אַז די קינדער־דאָקטאָרין האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ ערגעץ אין וואַנט ליגט, קען זײַן, אײַנגעמויערט אַ פּעקל, וואָס מײַן ווײַב האָט אָפּגעהיט, און אפֿשר האָט זי דאָרט אויך אַרײַנגעלייגט דער מאַמעס שוואַרצע זײַדענע שאַל.

— דאָ איז עס ניטאָ, — שאָקלט באַלבערישקין טרויעריק מיטן קאָפּ. ער דערציילט מיר, אַז נאָכדעם ווי איך בין פון אים אַנטלאָפן און ניט געוואָלט מיט אים דאָ אַרויפגיין זוכן אַן אָנדענק, איז ער אויף מאָרגן אַליין אַרויפגעגאַנגען. ער האָט געקלערט, אַז אויב ער וועט עפּעס געפינען און מיר ברענגען, וועל איך זיך פונדעסטוועגן ניט אָפּזאָגן. האָט ער דאָ אויסגעקלאַפּט אַלע ווענט און גאָרניט געפונען. אַ שאָד, ס'איז אים אַ גרויסער שאָד. ער האָט געוואָלט מיט עפּעס מיר אָפּדינען פאַר דער גוטער בשורה, וואָס איך האָב אים געבראַכט, כאָטש דערווייל הערט ער ניט פון זיין זון...

— הייסט עס, ניטאָ. קומט! — טו איך אים אַ כאַפּ ביים אָרעם און שלעפּ אים אַרויס אויף די טרעפּ. איך זאָג אים צו, אַז איך וועל זיך נאָכפרעגן וועגן זיין זון ביי וועמען איך וועל קענען, נאָר ער זאָל מיר אויך צוזאָגן, אַז ער וועט פאַרהאַקן אונטן די טיר מיט אַ ברעט און טשוועקעס, און אָפּהיטן, אַז קיינער זאָל דאָ ניט אַרויפגיין.

— ווען מיין יצחק וועט צוריקקומען, וועל איך דאָ צווישן די חורבות מער ניט וואוינען, — זאָגט באַלבערישקין מיט אַ נעבעכדיקן תחנונים־שמייכל, — איר דאַרפט טאַקע אַלעמען פרעגן וועגן מיין בן־יחיד. איר זעט דאָך ווי דער גורל האָט אונדז שטענדיק צוזאַמענגעפירט. פאַר דער מלחמה זייט איר געווען אַן איינגייער ביי מיינע קוואַרטיראַנטן. אין געטאָ האָבן מיר געוואוינט אין שכנות מיט אייער ווייב, און אין רוסלאַנד האָט איך גאָט צונויפגעפירט מיט מיין זון.

— גוט, איך וועל פרעגן, איך וועל זוכן, — וואַרף איך צום לעצטן מאָל אַ קוק דורך דער אָפענער טיר אויף די פוסטע ווענט, — פאַרקלאַפּט די אונטערשטע טיר מיט אַ ברעט און טשוועקעס. איך וויל ניט מען זאָל דאָ אַרומקריכן און נישטערן. נאָר טוט עס ניט פריער ווי איך וועל אַוועק. איך וויל ניט הערן די קלעפּ.

באַלבערישקין שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט אַלץ וואָס איך רייד צו אים. איך שלעפּ זיך אַרונטער פון די בוידעם־טרעפּ, קום אַרויס אינדרויסן, און וויל זיך לאָזן לויפן, נאָר די פיס טראָגן ניט. קריך איך קוים, ציטער, איך זאָל ניט דערהערן די קלעפּ — און דערהער זיי ווען איך דערשלעפּ זיך צום ראָג פון געסל. דורך דער לידיקער טויבער שטיל־קייט פון דער חרובער געטאָ הילכן די קלעפּ פון האַמער גלייך מיר אין די שלייפן אַריין. אין דער זעלבער צייט פיל איך, אַז איך בין ניט דער, וואָס אַנטלויפט דורך קופּעס ברוכוואַרג; איך בין געבליבן דאָרט אין פוסטן צימער, און דער שוסטער פאַרהאַקט מיט טשוועקעס די טיר אין מיין קבר פון בוידעם־שטיבל נומער 9.

# שפּינוועבס

## I

דער מאַמעס שטיבל איז גאַנץ געבליבן. נאָר איבערן אַריינגאַנג, דאָרט וואו די טיר איז געווען, הענגט אַרונטער פון אושאַק ביזקל שוועל אַ געדיכטע נעץ פון גרויען שפּינוועבס.

בין איך אַנטלאָפן מיט אַ שוידער אין אַלע מיינע גלידער און געפילט אַז דאָס שפּינוועבס איז געבליבן ליגן אויף מיין פּנים, זיך צונויפגעוועבט מיט מיינע האָר, מיט מיינע ברעמען און וויעס. יאָרן־לאַנג האָב איך זיך געגרייט צום טאָג ווען איך וועל צוריקקומען אַהיים און געפינען רואינען. האָב איך דער מאַמעס שטיבל געפונען — גאַנץ. נאָר אַ פּאָרהאַנג פון שפּינוועבס לאָזט מיך ניט אַריין אינעווייניק, ווי די כרובים מיט די פייערדיקע שווערדן האָבן ניט אַריינגעלאָזט אדם און חוה צוריק אין גן־עדן.

איך בלייב שטיין אויף דייטשישער גאַס, צווישן יידישע גאַס און גיטקע־טויבעס זאַוואולעק, און איך פיל, אַז אויך די זון איז געבליבן שטיין איבער מיין קאָפּ, אַ שטילע, אַ מילדע, אַ גאָלד־האַרבסטיקע און רואיקע. פון די כתבי הקודש ווייס איך, אַז ווען די נביאים ווילן אָפּמשלען אַ צרה וואָס וועט קומען, זאָגן זיי, אַז די זון וועט אונטערגיין אינמיטן העלן טאָג. אָבער מיר איז באַשערט צו זען די זון שיינען די גאַנצע צייט. זי שיינט היינט ווי מיט פיר יאָר צוריק, אין טאָג פון מיין אַנטלויפן, און מיר דאַכט זיך, אַז ערשט מיט אַ מינוט צוריק האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט דער מאַמען. איך הער נאָך ווי זי לויפט אין אירע שווערע שיך איבער די קרומע ברוק־שטיינער, באַגלייט מיך צום טויער...

אַנטקעגן מיר אויפן ראָג יידישע גאַס שטייט אַ קליינוואוקסיקע פרוי און קוקט אַראָפּ אויפן ברוק. זי איז פאַר דער מלחמה געווען אַ מאַרק־העַנדלערקע און איז פון די איינציקע לעבן־געבליבענע, וואָס האָבן

געקענט די מאַמע. איך האָב געוואוסט אַז זי איז לעבן געבליבן, נאָר ביז איצט האָב איך זי אויסגעמיטן, ניט געוואָלט זי אויספרעגן.

— איך האָב שוין געהערט, אַז איר זייט צוריקגעקומען פון רוס־לאַנד, — זאָגט זי צו מיר.

— ווי אַזוי האָט איר זיך געראַטעוועט? — פרעג איך.

— אָט דאָ, — ווייזט זי מיטן פינגער אויפן ברוק וואו זי האָט פריער אַראָפּגעקוקט.

— וואו דאָ? — קוק איך זיך אַרום.

— אָט דאָ אין אָפּגוס, — ווייזט זי נאָכאַמאָל מיטן פינגער אויפן ברוק, אויף דער קראַטע פון די קאַנאַליזאַציע־רערן. זי האָט זיך געראַטעוועט אין ברודיקן וואַסער פון די אונטערערדישע רערן.

— און וועגן מיין מאַמע ווייסט איר גאָרניט? די מאַמע מיינע האָט געוואוינט אין דער קליינער געטאָ. איר צווייטער מאַן, ר׳ רפאל ראָזענטאַל, האָט פאַר דער מלחמה געהאַלטן אַן אויפּס־קעלערל אויף ברייטע גאַס.

— צי איך האָב געקענט וועלע די אויפּס־פאַרקויפערקע! מיר האָבן דאָך יאָרן־לאַנג געקויפט סחורה ביי די זעלבע הורטאָווניקעס, — רעדט די יידענע מיט אַ פאַרחלשט קול, — אין דער קליינער געטאָ זיינען געווען עטלעכע אַקציעס. איינע פון די ערשטע אַקציעס איז דאָרט געווען יום־כפור בייטאָג. נאָר ווען אייער מאַמע איז אַוועק, ווייס איך ניט.

יום־כיפור איז זי אַוועק, זאָג איך צו זיך אַליין. זי איז פאַרגליווערט געוואָרן און איז אַוועק פון די ערשטע. זי האָט אַ גאַנץ לעבן געלעבט מיט שבת און יום־כיפור, איז זי אַוועק אויף פּאָנאַר ווי זי איז געגאַנגען אין שול. ווען איך בין נאָך געווען אין אַזיע, האָב איך באַשלאָסן, אַז דער מאַמעס יאָרצייט פאַלט אויס יום־כיפור.

— דאָ איז געווען די ערשטע געטאָ, — ווייז איך מיט איין האַנט אויף יידישע גאַס, — און דאָ די צווייטע געטאָ, — ווייז איך מיט דער אַנ־דערער האַנט אויף גיטקע־טויבעס זאַוואולעק, — אינגאַנצן צוויי־דריי שפּאַן איינע פון די אַנדערע. פונדעסטוועגן האָב איך געהערט דערציילן, אַז אין דער צווייטער געטאָ האָט מען גערעדט: מען זאָגט אַז אין דער ערשטער געטאָ קומט פאַר אַן אַקציע, מען זאָגט, אַז מען פירט פון דאָרט אַרויס אַלע יידן. „מען זאָגט!"

— אינגאַנצן צוויי־דריי שפּאַן, אָבער דאָ אויף דייטשישע גאַס זיינען געשטאַנען לעבעדיקע דייטשן, — ווייזט די פרוי ווידער מיט איר פינ־גער, — און פון איין געטאָ ביז דער צווייטער איז געווען ווייט, זייער ווייט, — ציט זי אויס די ווערטער, איך זאָל זען ווי ווייט ס׳איז געווען.

די קליינוואוקסיקע מאַרק־הענדלערקע פלעכט צונויף אירע פינגער

אויף דער ברוסט, ווי זי וואָלט געטראָגן אויף אירע אָרעמס אַ פּאָר שווערע קאַשיקעס, פּאַררייסט דעם קאָפּ און רעדט צו מיר אַרויף מיט אַן אויסגעהוילט קול, גליך זי וואָלט נאָך געשטאַנען אין די אונטערערדישע קאַנאַליזאַציע־רערן און אַרויפגערעדט אינדרויסן דורך דער קראַטע פון אַפּגוס:

ווען זי זעט ווי צוויי־דריי רוסישע סאָלדאַטן טרייבן אַ גאַנצע מחנה דייטשישע פלעניקעס, גלייבט זי ניט אירע אויגן, אַז אָט די געפאַנגענע האָבן עס געקענט זיין אַזעלכע רוצחים, אַזוי פאַרשלומפּערט און נעבעכדיק זעען זיי אויס, די דייטשן. בעת די רוסן זיינען אַריין אין ווילנע, האָבן יידישע פּאַרטיזאַנער דערקענט אַ מערדער און אים געפירט הענגען. זי האָט דעם מערדער געזען פירן, און אין איר לעבן האָט זי נאָך ניט געזען אַ מענטשן אַזוי זיך טרייסלען פון שרעק פאַרן טויט. ער איז געווען אַזוי בלייך און פאַרקרימט, אַז איר האָט אַזש אָפּגעעקלט פון קוקן אויף זיין מיאוסן פּרצוף. די גאַנצע שנאה וואָס זי האָט געפילט צו אים, איז פון איר מיטאַמאָל אַוועק און זי האָט נאָר געוואָלט אויסברעכן.

— און ווי זיינען די יידן געגאַנגען? — פרעג איך.

— שטיל זיינען די יידן געגאַנגען, — ענטפערט די מאַרק־הענדלערקע.

זי רעדט מיט אַ פרעמד־יענוועלטיק קול, ווי די זון איבער אונדזערע קעפּ וואָלט אויסגעזויגן איר לעצטן בלוט־טראָפּן, און אין דער אַרומיקער פאַרגליווערטער פוסטקייט הילכט אָפּ איר ווידערקול נאָך גליווערדיקער און פוסטער:

זי איז איינמאָל געגאַנגען מיט אַ גרופּע צו דער אַרבעט אויסער דער געטאָ, האָט זי אין אַ פּאַרטיע יידן, וואָס מען האָט געטריבן אויף פּאָנאַר, דערזען אַ זקן מיט אַ זקנה. איטלעכער פון די צוויי אַלטיטשקע האָט געטראָגן אַ קישן אונטערן אָרעם. ביידע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט ווי צוויי קינדער, און זיינען געגאַנגען אַזוי שטיל, אַז זי האָט נאָך אין איר לעבן ניט געזען אַזאַ שטילקייט. אירע אויגן זיינען איר געווען פאַרצויגן מיט טרערן, פונדעסטוועגן האָט זי באַמערקט, אַז די ציכלעך אויף די קישנס ביי דער אַלטיטשקער פּאָר זיינען געווען אויסגעפּרעסטע, פריש און ווייס, ווי מען וואָלט זיי ערשט אָנגעצויגן.

— צוליב וואָס האָבן די אַלטיטשקע מיטגעטראָגן מיט זיך די קישנס? זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס פּאָנאַר איז, אָדער זיי האָבן געמיינט, אַז מען פירט זיי אין אַן אַנדער געטאָ? — פרעג איך און איך פיל, אַז די זון אין דער הייך וואַרט אויך אויפן ענטפער פון דער מאַרק־הענדלערקע.

זי ווייס ניט פאַרוואָס די אַלטיטשקע האָבן מיטגענומען די קישנס,

זאָגט די הענדלערקע. עס קען זיין, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי, און אפשר האָבן זיי יאָ געוואוסט, נאָר אין אַזעלכע מינוטן קומען אין קאָפּ זייער משונהדיקע געדאַנקען. עס האָט זיי געקענט איינפאַלן מיטצונעמען די קישנס, כדי זיי זאָל זיין ווייכער צו ליגן אין קבר. זי אַליין איז אויך עטלעכע מאָל געווען אַ האָר פון טויט, ווייס זי, אַז דעמאָלט קומען אין קאָפּ מאָדנע ווילדע זאַכן.

די הענדלערקע בלייבט ווידער שטיין אַ פאַרקוקטע אויף דער קראַטע פון אָפּגוס, זי קען זיך נאָך אַלץ ניט אָפּוואונדערן פון נס ווי אַזוי זי איז דאָרט לעבן געבליבן. דערנאָך דרייט זי זיך אויס צו מיר און נעמט זיך שאָקלען ווי דער שפּינוועבס־נעץ איבער דער מאָמעס טיר:

— אין געטאָ פלעגט מען זינגען אַ ליד אין גראַמען: פּוסט זיינען געוואָרן די שטיבער און פול זיינען געוואָרן די גריבער, — זאָגט די מאַרק־הענדלערקע און גייט פּאַמעלעך אַוועק אַראָפּצו יידישע גאַס, ביז זי ווערט פאַרפאַלן אַהינטער די בערגלעך ברוכוואַרג.

פּוסט זיינען געוואָרן די שטיבער און פול זיינען געוואָרן די גריבער, מורמל איך און קוק אַ פאַרגולמטער אויף מיין שאָטן, וואָס ליגט אומבאַוועגלעך אויפן ברוק, ווייס ניט וואו ער זאָל גיין און צו וועמען ער געהערט: צו די פּוסטע שטיבער אָדער צו די פולע גריבער.

איך לאָז זיך גיין דורך גיטקע־טויבעס זאַוואולעק און פריי זיך אין האַרצן, וואָס די זון איז געבליבן שטיין אויף דער דייטשישער גאַס, איבער דער קראַטע פון אָפּגוס, און גייט מיר ניט נאָך. אָבער פאַראויס פון מיר גייט די אַלטיטשקע פּאָר. איך זע ניט זייערע פּנימער, איך זע בלויז זייערע געהויקערטע פּלייצעס און די קישנס אונטער זייערע אָרעמס. זיי בלאָנדזשען איבער די חורבות זיך האַלטנדיק ביי די הענט..., יידן זיינען געגאַנגען שטיל, האָט געזאָגט די מאַרק־הענדלערקע. דאָס איז דער ענטפער אויף אַלע פראַגן, וואָס פּייניקן מיך און מיט וועלכע איך פּאַרפּייניק אַנדערע. איצט מעג דער דיבוק אין מיר איינגעמען אַ מיתה משונה. יידן זיינען געגאַנגען שטיל.

איך דערפיל אַז די זון, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט איבער דער קראַטע פון אָפּגוס, האָט מיך ווידער דעריאָגט און איז געבליבן הענגען איבער מיין קאָפּ. פאַר מיינע אויגן וואַקסט אויס פון אונטער דער ערד דער שוסטער באַלבערישקין. צווישן די איינגעפאַלענע הייזלעך זעט ער אויס נאָך העכער, ברייטער, און ער טוט ניט קיין ריר מיט קיין אבר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער זאָל ניט צעשפּאַרן דאָס ענגשאַפּט פון געסל. זיינע קליינע אויגן זיינען אויפגעריסן, ער גלאָצט אויף מיר און שווייגט מיט דעם שווייגעניש פון אַ הרוג וואָס איז געקומען צו חלום זיין רוצח. אָבער איך דערשרעק זיך ניט פאַר אים, איך נעם זיך אָן מיט דער רעכטער

האַנט ביי דער גאָמבע, ווי אַ בן תורה נעמט זיך אָן ביי דער באָרד ווען ער לערנט אַ בלאַט גמרא, און רייד מיט אַ ניגון:

— ווען אַ מלאך מיט פליגל, כדומה למשל, וואָלט אַראָפּגעקומען פון הימל און מודיע געווען אַ זקן מיט אַ זקנה, אַז זיי האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן, און אַז עס איז געקומען זייער צייט צו גיין צו זייערע אָבות, נאָר כדי זיי זאָלן אַריינגיין גלייך אין גן־עדן, באַדאַרפן זיי מסכים זיין צו גיין אויף פּאָנאַר מיט צוויי קישנס אונטער די אָרעמס און דאָרט דער־שאָסן ווערן, קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז וויבאַלד דער זקן מיט דער זקנה האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן און האָבן אמונה אין גאָט, קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז זיי וואָלטן מסכים געווען צו שטאַרבן אויף קידוש השם, כדי זיי זאָלן פאַרשפּאָרן דורכצוגיין חיבוט הקבר, גיהנום, און אַריינגיין גלייך אין גן־עדן. נאָר ביי מיר איז פאַרקערט. ווען די אַלטיטשקע שטאַרבן מיט זייער אייגענעם טויט — שטאַרבן זיי! אַ נייס דאָס איז! בפרט אַז זיי האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן. אָבער דאָ האָט מען זיי צוגעטריבן צו דער גרוב מיט צוויי קישנס אונטער די אָרעמס, און די שיסער האָבן נאָך געלאַכט פון זיי וואָס זיי האָבן מיטגענומען קישנס — פאַרשטיי איך ניט ווי אַזוי די זון קען שיינען. פאַר דעם זקן מיט דער זקנה איז אפשר דער טויט גאָרניט געווען אַזוי שרעקלעך ווי איך שטעל זיך עס פאָר. עס קען זיין אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט גע־גלייבט אין יושר פון דער וועלט. אָבער איך האָב יאָ געגלייבט אין יושר פון דער וועלט, איך האָב געגלייבט אין מענטשן, איז מיר דער אופן פון זייער טויט שרעקלעכער ווי ער איז געווען דעם אַלטיטשקן פאַר אַליין. איר פאַרשטייט?

דער שוסטער ענטפערט ניט, ער קוקט מיך אָן נאָך שאַרפער, און די שטומקייט אין די קנייטשן פון זיין פנים ווערט נאָך שרייאיקער. איך שוויג אויך, איך פיל אַז איך שטום אַקוראַט ווי ער, נאָר דער דיבוק אין מיר, וואָס וויל נאָך אַלץ ניט איינגעמען אַ מיתה משונה, צעלאַכט זיך מיט אַ ווילד געלעכטער:

— שפּינוועבס, אויף דער מאַמעס טיר הענגט אַ געדיכטע נעץ פון שפּינוועבס. איך געדענק, אַז חנוכה־צייט, בעת די רייכע באַלעבאָסטעס האָבן גענומען פּרעגלען גענדזן־שמאַלץ אויף פּסח, האָט אויך די מאַמע זיך גענומען גרייטן צום פּסח. זי האָט זיך געשטעלט אויף אַ בענקעלע און מיט אַ בעזעם אַראָפּגעקערט דאָס שפּינוועבס פון באַלקן אין אונ־דזער קוזניע־שטיבל. איך פלעג שטיין דערביי און לאַכן. ביז פּסח, פלעג איך זאָגן, וועט דאָס שפּינוועבס פון אונדזער קוזניע־שטיבל נאָך דריי מאָל צוריק אָנוואַקסן. איצט הענגט דאָס גאַנצע אַראָפּגעקערטע שפּינ־וועבס פון אונדזער קוזניע־שטיבל איבער דעם אַריינגאַנג פון ד׳ רפאלס

דירה. די מאַמע האָט ערב דער מלחמה נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, און איר צווייטער זיווג איז געווען נאָך מזלדיקער פון ערשטן...

באַלבערישקין קוקט אויף מיר מיטן זעלבן אויסדרוק, וואָס איך האָב עטלעכע מאָל געזען אויף זיין פּנים, בעת איך האָב גערעדט צו אים. ער האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם. איך כאַפּ אים אָן ביי די עלנבויגנס און שריי אים אַריין אין געזיכט:

— איך וועל ניט אַריינגיין אין דער מאַמעס שטוב. איך האָב חרטה וואָס איך האָב אייך געפאָלגט און בין אַרויף אין נומער 9, דאָרט וואו מיין ווייב האָט געוואוינט. סיי ווי סיי האָב איך דאָרט גאָרניט געפונען, און עס גייט מיר נאָך פון דאָרט אַ פּוסטקייט. וועל איך אין דער מאַמעס דירה ניט אַריינגיין, ניט אַריינגיין.

באַלבערישקין ענטפערט מיר נאָך אַלץ ניט, לאָז איך אים שטיין און שלעפּ זיך אַוועק ווייטער, ווי ניט אַ מענטש וואָלט מיר פאַרצאַמט דעם וועג, נאָר אַ סלופּ. איך פאַרזינק גלייך צוריק אין מיינע מחשבות וועגן דער אַלטיטשקער פּאָר: עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז זיי האָבן ערגעץ־וואו מעבר לים קינדער, וואָס האָבן זיי אויף דער עלטער אויסגעהאַלטן. פיינע קינדער! און ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, וועלן זיי איינע צו די אַנדערע זאָגן: עס זיינען פאַרשניטן געוואָרן אַזויפיל יונגע מענטשן, איז וואָס זאָלן מיר ריידן? נאָך אַלעמען זיינען אונדזערע טאַטע־מאַמע געווען עלטערע מענטשן. אָט אַזוי, בערך, וועלן זאָגן די קינדער, און ביסלעכווייז דעם זקן מיט דער זקנה פאָרגעסן. נאָר איך וועל זיי ניט פאַרגעסן, צוליב זייער גיין מיט די צוויי ווייסע קישנס אונטער די אָרעמס וועל איך זיי ניט פאַרגעסן.

— וואָס האָט איר געהאַט צו מיר! — דעריאָגט מיך פון הינטן אַן אויסגעצויגן יאָמערלעך געשריי, — איך האָב גלייך דערקענט אַז איר זיינט אַ שטיק משוגענער. איר האָט מיר דערציילט אַ מעשה אַז מיין זון לעבט, נאָר אַלע זיינען צוריקגעקומען, און מיין זון איז ניטאָ, ניטאָ.

איך האָב געפילט, אַז דער שוסטער קוקט מיר נאָך, און אַז עפּעס וועט נאָך געשען. דריי איך זיך אויס צו אים, מאַך אַ פּאָר טריט נעענטער, און שריי אַריבער איבער די חורבות, ווי איבערן אַנדערן ברעג פון אַ גרויסן ווייסטן טייך:

— איך האָב אייער זון געזען אין טאַשקענט אַ לעבעדיקן. ניט אַלע ווילנער קומען צוריק. אַ סך קומען ניט צוריק, ווייל זיי גלייבן ניט, אַז זיי וועלן נאָך עמעצן געפינען. אייער זון לעבט, נאָר ער ווייס ניט אַז איר לעבט.

— אייערע רייד האָבן טאַקע אַ האַפט ווי שפּינוועבס, — גיט באַלבע־

רישקין נאָכאַמאָל אַ יאָמער און ווערט פּלוצים אַנטשוויגן, שטום־פאַרגלי־ווערט.

איך ענטפער אים ניט מער, קוק אויף אים ניט און גיי ווייטער. איך האָב אָנגעמאַכט אַן אומגליק. דער ייד האָט זיך שוין געהאַט מייאש געווען. בין איך געקומען און אים אַרויסגעריסן פון זיין יאוש אויף נייע יסורים. דער זון זיינער האָט דאָרט אין אַזיע געקענט שטאַרבן פון הונ־גער, צי פון אַ קראַנקייט, ווי טויזנטער אַנדערע פּליטים זיינען געשטאָרבן, אָדער ער האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט און מען האָט אים פאַרשיקט אין לאַגער. אָבער איך בין ניט שולדיק, איך האָב געזאָגט דעם אמת. און וואָס מיט דעם יונגן באַלבערישקין זאָל ניט האָבן געשען, איז אים נאָך אַלץ בעסער פון אַנדערע. ס'איז אים געבליבן אַ טאַטע וואָס וועט אים געדענקען.

## II

ערב יום־כיפּור פאַר כל־נדרי בין איך ווידער אַוועק צו דער מאַ־מעס שטיבל. דאָס שפּינוועבס איבערן אַריינגאַנג האָט אויסגעזען נאָך גע־דיכטער. נאָר איך בין מער ניט אַנטלאָפן ווי דאָס ערשטע מאָל. איך האָב געקוקט אויף די אויסגעוועבטע רעדער, וואָס זיינען געווען קונציק איינגעפּעדעמט איינע אין די אַנדערע, און געטראַכט, אַז זיי זעען אויס ווי די גלגלים אין הימל. אויף דער מאַמעס טיר דרייען זיך אין אַ ראָד אַלע מזלות, און פון צווישן זיי קוקט אַרויס דאָס גרויסע קלוגע גאָלד־אַפּל פון דער שקיעה; אַ צונטער־רויטע, אַ בלוט־פאַרפּראָרענע, אייביק־פאַרנאַכטיקע, אייביק ערב יום־כפּורדיקע זון, וואָס גייט קיינמאָל ניט אונטער און גייט קיינמאָל ניט אויף.

פון הינטערן שפּינוועבס איז אַרויסגעקראָכן אַ פעט־אָנגעקאָרמעטע גרויע קאַץ, זיך אויסגעצויגן אויפן שוועל, און מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ווילדע גרינע אויגן. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער מיין לייב, ווי אירע קעציש־גרינע שוואַרצאַפּלען וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען פון איר קאָפּ און זיך גענומען קייקלען איבער מיין רוקן אונטער די קליידער. איך האָב זי געפּרואווט אַוועקטרייבן, האָט זי אויפגעעפּנט דעם פּיסק און גענומען שפּייען, אָבער האָט ניט מיאַאוקעט. אַ שטומע. דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן און איז פאַרשוואונדן אינעווייניק, ווי זי וואָלט גע־וואוסט, אַז איך וועל זיך ניט דערוועגן צו צערייסן די נעץ און איר נאָכ־יאָגן אין שטוב. אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי זיך נאָכאַמאָל באַוויזן אויפן שוועל און זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיסלעך, מיט די פאָ־

דערשטע לאָפּקעס קעגן שפּינוועבס, ווי מיט מיר זיך געריצט און מיך גע־סטראַשעט, אַז אויב איך וועל ניט אַוועקגיין, וועט זי צערייסן די נעץ.

איך בין אַוועק צו כל־נדרי אין כאָר־שול, די איינציק געבליבענע קלויז אין ווילנע. אַמאָל האָבן דאָרט געדאַוונט משכּילים און אויפגע־קלערטע גבירים, די בימה איז געשטאַנען ביים אָרון־קודש ווי אין טעמפּל, און די גבאים האָבן געטראָגן קורצע טליתים ווי האַלדז־טיכער. איצט האָט זיך דאָרט צונויפגעקליבן די גאַנצע שארית הפליטה, די פּאַרטיזאַנער פון די וועלדער, די אַרויסגעקראָכענע פון די מאַלינעס, און די צוריקגעקומענע פון רוסלאַנד. אַלע האָבן זיך צונויפגעפּלאָכטן אינאיינעם אין אַ יאָמערלעך געשריי, ווי עס האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אינאיינעם די פלאַמען פון די יאָרצייט־ליכט. אָבער פאַר מיינע אויגן האָט געשוועבט דער בייגאַכטיקער חרובער שול־הויף און דער מאַמעס שטיבל. זי זיצט דאָרט מיט איר מאַן הינטערן פאַרהאַנג פון שפּינוועבס און זיי ווילן ניט איך זאָל אַריינ־גיין אינעווייניק, איך זאָל זיי ניט שטערן ווי איך האָב זיי געשטערט ביים לעבן.

צוויי יאָר האָט די מאַמע אָפּגעלעבט מיט ר׳ רפאלן, דאָך זיינען זיי זיך געבליבן פרעמד. צווישן זיי זיינען געשטאַנען די יאָרן פון זייער באַזונדער לעבן, צער און נחת פון קינדער. ר׳ רפאל, אַ שוויגער בטבע, איז דורך די יאָרן פון זיצן אַליין אַן אַלמן, געוואָרן נאָך מער פאַרזונקען אין זיך. די מאַמע האָט געהאַט צו זיך תרעומות הלמאי זי לעבט אין גערדאַנק מער מיט איר זון און מיט איר שנור ווי מיט איר צווייטן מאַן. זי האָט געהאַלטן, אַז וויבאַלד זי האָט מיט ר׳ רפאלן חתונה געהאַט, דאַרף זי אים זיין איבערגעגעבן אַפילו מיטן גערדאַנק. זי האָט זיך אויך געפילט פאַר אים שולדיק, ווייל זינט זי האָט מיט אים אַ חופּה געשטעלט, איז זי פאַרשלאַפט געוואָרן, און איר איז אויסגעקומען אַז זי האָט אים אָפּגענאַרט. איר האָט לעצטנס שטאַרק געשווינדלט פאַר די אויגן, געקלונגען אין מח, אירע באַקן האָבן זיך נאָך מער איינגעצויגן און זי האָט שטענדיק געפיבערט. בין איך אָפטמאָל געבליבן זיצן ביי איר בעט איבער נאַכט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט באַמיען ר׳ רפאלן ער זאָל אַראָפּגיין זי באַ־דינען.

פרייטיק צונאַכט פלעג איך קומען עסן וועטשערע. אויך דעם לעצטן פרייטיק אויפדערנאַכט, צוויי טעג פאַרן אָנפאַנג פון דער מלחמה, בין איך געקומען. די מאַמע האָט ליכט געבענטשט, דורך אירע צעשפּרייטע פינגער, מיט וועלכע זי האָט פאַרשטעלט איר פּנים, זיינען געראָנען גרויסע טרערן. נאָך ליכט־בענטשן האָט זי מיר שטיל געזאָגט „גוט שבת" און אַ קוק געטאָן אַהינצו וואו ר׳ רפאל איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער, ווי זי וואָלט ניט געטאָרט מפסיק זיין בעת דער

מאַן איז מקבל שבת. ס׳איז אַריבער אַ היפשע ווײַלע און ר׳ רפאל האָט נאָך אַלץ קיין הויך וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט, פון אָרט זיך ניט גערירט. מיר האָבן ניט געוואוסט, דאַוונט ער, אָדער ער שטייט עס סתם אַזוי ווי עס איז זיין געוואוינשאַפט. די מאַמע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ גערונצלטן שטערן אַראָפּגעקוקט פאַרטראַכט אויף אירע אויסגעהאָרעוועטע הענט. שטענדיק, בעת ס׳האָט זי עפּעס שטאַרק פאַרדראָסן, נאָר זי האָט ניט געוואָלט אַרויסזאָגן איר פאַרדרוס, האָט זי אַראָפּגעקוקט אויף אירע הענט. לסוף האָט זי מיך געפרעגט פאַרוואָס פרומע ליבטשע איז ניט געקומען צו וועטשערע. איך האָב געענטפערט, אַז פרומע ליבטשע איז געבליבן אין שפּיטאָל ביי די קראַנקע. די מאַמע האָט אָפּגעזיפצט און גאָרניט געזאָגט. איך האָב געזען אַז זי איז חושד, אַז פרומע ליבטשע איז מיט אַ כיוון געבליבן אויף נאַכט־אַרבעט אין שפּיטאָל, ניט צו דאַרפן זיצן מיטן שווייגער ר׳ רפאל ביי איין טיש.

נאָך וועטשערע האָט זיך ר׳ רפאל אויסגעבעט אויף דער קאַנאַפּע אין פאָדער שטוב און איך בין געבליבן זיצן לעבן דער מאַמעס געלעגער אין שלאָף־שטוב. זי האָט געפּיבערט, שווער געאָטעמט, געקרעכצט און גע־שוויגן. איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון איר בעט און גענומען איינדריימלען. די מאַמע האָט אומגעריכט, שטיל און פאַרשעמט גענומען לאַכן.

— דו האָסט דאָך אַמאָל געלערנט, מיין זון, — האָט זי צו מיר גע־שעפּטשעט, — טאַ זאָג מיר, וועמענס פּוסבענקעלע וועל איך זיין אין גן־עדן, דיין טאַטנס, עליו השלום, אָדער ר׳ רפאלס, אים צו לאַנגע יאָר?

די מאַמע האָט געוואָלט זיין מיין טאַטנס פּוסבענקעלע. נאָר ווען זי איז אינאיינעם מיט ר׳ רפאלן געגאַנגען אויף פּאַנאַר, איז ער איר אין דער שעה, קען זיין, נעענטער געווען ווי מיין טאַטע, וואָס איז געשטאָרבן אויף זיין בעט אין אונדזער קוזניע־שטיבל. זי איז געגאַנגען אַ שטילינקע, אַ קליינינקע, אַן איינגעשרומפּענע. און אפשר האָט זי זיך אויך געהאַלטן מיט ר׳ רפאל פאַר די הענט, ווי יענע אַלטיטשקע פאַר מיט די ווייסע קישנס אונטער די אָרעמס. דערנאָך איז פרומע ליבטשע געלאָפן פון דער צווייטער געטאָ אין דער ערשטער געטאָ אין ר׳ רפאלס דירה, און דאָרט קיינעם ניט געפונען. האָט זי פון דאָרט גענומען דער מאַמעס שוואַרץ־זיידענע שבתדיקע שאַל. אָבער זי איז ניטאָ, די שאַל, ניטאָ.

איך בין אַרויסגעלאָפן פון כאָר־שול אינדרויסן, און די שאָטנס וואָס האָבן געציטערט אויף די ברוק־שטיינער, באַלויכטענע פון די לאָמפּן אין די קלויז־פענצטער, האָבן מיר אויסגעזען ווי עס וואָלט זיך אין דער יום־כיפּורדיקער נאַכט געוואַלגערט אינדרויסן דער מאַמעס שוואַרץ־זיידענע שבתדיקע שאַל.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט ווי דער שוסטער באַלבערישקין שטייט צווישן די חורבות אַן אויסגעצויגענער, אַ פאַרגליווערטער, און קוקט אויף מיר מיט אַ פאָר טויטע אויגן פון אַ הרוג וואָס איז געקומען צו חלום זיין רוצח, אָט אַזוי ווי ער האָט געקוקט אויף מיר דאָס לעצטע מאָל ווען איך האָב אים באַגעגנט אין געטאָ. יום־כּיפּור אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אים נעכטן ביינאַכט ניט געזען צו כּל־נדרי. מיר איז איינגעפאַלן אַז דער ייִד האָט זיך געקענט פון פאַרצווייפלונג אויפהענגען. איך בין אַוועק צו זיין וואַרשטאַט, אָבער דאָס פענצטער, האַלב איינגעגראָבן אין דער ערד, איז געווען פאַרלאָדנט פון אינעווייניק, און די טיר פון זיין קעלערל פאַרקלאַפּט פון דרויסן מיט אַ ברעט. דער שוסטער באַלבערישקין איז מסתּמא צוריק אַוועק אויף דער פאַרשטאָט צו די ווייס־רוסן אָדער פאָליאַקן, וואו מען האַלט אים פאַר אַ גוי, ווי ער אַליין האָט עס מיר דערציילט. ער וויל דאָרט צווישן די ערלים פאַרגעסן, אַז ער האָט אַמאָל געהייסן באַלבערישקין און געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ביז עס וועט אויף אים ווידער אָנקומען די בענקשאַפט צו קומען אין זיין געטאָ־קעלערל זיצן שבעה נאָך זיין אַמאָליקן ייִדישן לעבן. און אפשר וועט ער איצטער מער קיינמאָל ניט צוריקקומען אין געטאָ, ווייל איך האָב אָפּגענאַרט די האָפענונג, וואָס איך אַליין האָב אין אים אויפגעוועקט, אַז זיין זון לעבט; ער וועט ניט צוריקקומען — און איך וועל מער ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר אים, אַז ער זאָל זיך ניט באַווייזן פון הינטער אַ חורבה און מאָנען ביי מיר זיין פאַרלאָרענעם זון.

# חרובע קלויזן

די עטלעכע מנינים יידן, וואָס זיינען געבליבן פון דער ווילנער קהילה, שטייען איצט אין כאָר־שול און זאָגן יזכור. זיי האָבן זיך דאָרט פאַרפלאָנטערט אין זייערע געוואַלדן, ווי אין די שטריק פון אַ זינקענדיקער שיף, און טרינקען זיך אין זייערע טרערן. אָבער איך זאָג ניט קיין יזכור, און אַרום מיר איז שטיל, שלווהדיק־רואיק. איך שטיי ביים אייזערנעם טויער פון ווילנער שול־הויף, און די זון אינמיטן פון לויטערן הימל שפּרייט גינגאָלד ווי מיט פיר יאָר צוריק אויף דעם וואַלדיק־געהיימען וועג צווישן מינסק און באָריסאָוו. אויף דעם וועג פון מיינע געפאַרן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין מיר אַ זיסע שרעק, אַ סודותדיקע שטילקייט און אַ בענקשאַפט. די זון שיינט היינט ווידער ווי אין יענעם טאָג אין דער ווייטער אַזיאַטישער שטאָט סטאַלינאָבאַד, ווען איך בין שיר ניט אומגעקומען אינאיינעם מיטן לאָדזשער פּליט מישע טרוימאַן.

פון די ווענט אַרום ווילנער שול־הויף שרייען אַראָפּ אויפשריפטן פון פאַר דער מלחמה. רויט־אָנגעמאָלענע אותיות רופן צו שטימען פאַרטייאיש אין די קהילה־וואַלן. לעבעדיקע פנימער איינגעמויערט אין די ציגל שרייען אַריבער איינע די אַנדערע:

— זאָל לעבן די יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי!

— דורך בלוט און קאַמף פאַר פרייהייט אין ארץ ישראל!

— קויפט תוצרת הארץ! — בעט זיך אַ פּלאַקאַט פון פּרויען־פאַראיין.

— באָד און וואַנעס אויפן שול־הויף, — איז מודיע אַ שילדל אויפן אייזערנעם טויער.

איך מאַך צו די אויגן: אפשר איז אַלץ ניט מער ווי אַ בייזער חלום? איך עפן אויף די אויגן און דערזע אַ גאַנצע ריי אויסגעהאַקטע פענצטער פון סטראַשון־ביבליאָטעק. פון דער געביידע, וואָס שטייט קעגנאיבער, פאַלט אויף די ווענט מיט די פּלאַקאַטן אַ גרויסער שאָטן, ווי אַ שוואַרצער טוך וואָס הענגט אויף אַ שפּיגל אין הויז פון אַ געשטאָרבענעם.

איך קריך איבער גרויסע קופּעס ברוכשטיקער און מיסט, איך וויל אַרויפגיין אין ווילנער גאונס קלויז. נאָר די טרעפּ זיינען אָפּגעריסן, ווי דער לייטער פון יעקבס חלום וואָלט זיך איבערגעקערט. איך קוק אַרויף צום שוואַרצן חלל פון דעם גאונס בית־מדרש, וואו איבער דעם אַריינגאַנג איז געבליבן די אויפשריפט: בהמ״ד הגר״א ז״ל. די אויפשריפט הענגט איבער דעם אַריינגאַנג, ווי אַ פויגל וואָס קערט זיך אום צו זיין נעסט און געפינט זיין בוים — אונטערגעזעגט. דערשראָקן פון דער פאַרנאַכטיקער וואַלד־שטילקייט טוט ניט דער פויגל קיין פּיפּס, נאָר בלייבט הענגען אין דער לופט אויף זיינע פאַרמאַטערטע פליגל.

אָט איז די קברנישע שול. זי אַליין איז איצטער — אַ קבר. אויך דאָ זיינען די שטאַפּלען איינגעבראָכן. גאָט וויל זי־נע שולן זאָלן שוועבן אין דער לופטן ווי וואָלקנס, מע זאָל צו זיי ניט קענען צוקומען. איך קוק אַרויף: דאָרט איז געשטאַנען די בימה. בעת איך בין נאָך געווען אַ יונג בחורל, בין איך איינמאָל תשעה־באב געזעסן אין די זאָקן אויף אַ קליין בענקעלע אויף דער בימה פון קברנישער קלויז און געזאָגט איכה פאַר די מתפּללים. ניטאָ מער קיין בימה, און ניטאָ מער דאָס פרומע בחורל וואָס האָט געקלאָגט: צדיק הוא, גאָט איז גערעכט וואָרום איך האָב ווידערשפּעניקט זיין מויל. אויף דער מזרח־וואַנט אין דער הויך, דאָרט וואו עס איז געשטאַנען דער אָרון קודש, איז געבליבן הענגען איין וואָרט אויסגעשלאָגן פון קופּערנע אותיות: „אנכי״. איך וויל שרייען, נאָר מיין אָטעם איז פאַרשטיינערט, מיינע פיס ווערן געליימט, און די געליימטקייט קריכט נעענטער, נעענטער צו מיין האַרצן. אַרום איז טויט־שטיל און איבער די חורבות ברענט דאָס ערשטע וואָרט פון ערשטן געבאָט אין די עשרת הדברות: „אנכי, איך בין גאָט דיין גאָט״. און אפשר איז עס פון פּסוק אין ישעיה: „אנכי הוא מנחמכם, איך בין אייער טרייסטער״? און אפשר מיינט עס: „אנכי, איך בין דער שולדיקער״...

אַ ציטערניש נעמט מיך דורך, מיר דאַכט זיך אַז דער „אנכי״ רירט זיך, באַלד וועט ער אַראָפּפליען ווי אַן אָדלער, און אויספּיקן מיינע אויגן פאַר דער לעסטערונג. איך שטיי אַ דערשראָקענער ווי קינדוויז יום־כיפּור אין קלויז, בעת דער גאַנצער עולם פלעגט פאַלן כורעים. איך קוק אויף די בערגלעך ערד פון צעגראָבענעם שול־הויף, און זיי זעען מיר אויס ווי די געבויגענע רוקנס פון גרייז־גרויע ייִדן, וואָס קניען ביי דער עבודה. איך דריי זיך אום און דערזע קלויז־ישן.

קלויז־ישן, אויף דיר קלאָגט דער נביא: „גאָט האָט פאַרלאָזט זיין מזבח, אַוועקגעשליידערט זיין הייליקטום, איבערגעענטפערט אין האַנט פון שונא די מויערן פון אירע פּאַלאַצן״. דיין פאָדערשטע וואַנט איז אַראָפּ־געריסן ווי דיין זיידענער פּרוכת. די טמאים די ערלים זעען ווי דיינע

צעוואָקלטע זיילן מאַטערן זיך אונטערצוהאַלטן דיין געוועלבטן סופיט, און זיי לאַכן, די אומריינע ערלים. וואַרטסטו ניט, קלויז־ישן, אויף אַ שמשון הגבור וואָס זאָל איינוואַרפן דיינע זיילן און באַגראָבן דיינע לעסטערער און פלינדערער? זיי קלעטערן אויף דיינע פענצטער אַרויס־צונעמען די הילצערנע ראַמען. זיי ברעכן אַרויס די דעמבענע טירן פון דיינע איינגעמויערטע ספרים אַלמערס. דיינע געשניצטע לייבן און הירשן רייסן זיי אַרונטער, פאַרברענען עס און קאַכן אויף דעם זייערע טרייפע טעפּ. וואָס דער דייטש האָט איבערגעלאָזט, צעשלעפּן אונדזערע שכנים די אדומים, די פּאָליאַקן און די ליטווינער. קלויז־ישן, פאַר מיר איז דיין חורבה דער באַרג נבו וואו משה איז געשטאָרבן. פאַר מיר ביסטו דער הר הבית וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען. דיינע צעקרישלטע ווענט פאַרצאַמען מיר דעם וועג, איך זאָל ניט קענען אַריבערגיין אויף דעם צווייטן האַלבן שול־הויף. דיינע צעוואָקלטע זיילן קענען פּלוצים איינפאַלן אויף יעדן וואָס קריכט צום פאַרבאַטענעם, מיט ברוכוואַרג־פאַרשאָטענעם, הייליק־געפּייניקטן באָדן. אָבער פון דאָרט רוישט אַ געהיימע שטילקייט, וואָס שרעקט מיך און ציט מיך מיטן סוד פון אומקום. ווי איין־באַדעקטע באַרג־שפּיצן, וואָס שרעקן מיט די אָפּגרונטן אַרום זיי, און ציען־צו מיט זייער שנייאיקער שטילקייט, מיט דער האָפענונג, אַז ווער עס וועט זיי דערגרייכן, וועט דערזען אַלע אייביק־פאַרהוילענע סודות, וואָס ליגן דאָרט אָפן.

איך קלעטער איבער אָנגעוואַלגערטע שטיינער און אייזערנע בעלקעס, קריך דורך לעכער און שפּאַלטן, ווער פאַרשאָטן מיט טינק און שטויב, ביז איך קום אַריין אין דער צווייטער העלפט פון שול־הויף — און בלייב שטיין אַן אַרומגערינגלטער מיט ווילדע שטעכיקע געוויקסן. פלאַנצן פויזען אויף די ווענט, וויקלען און פלעכטן זיך אַרום פוסטע בנינים, פאַרשטעלן די קלויזן חברה־פּועלים, תפארת־בחורים און קוידענאָווער שטיבל, זיי זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן פאַר זייער נאַקעטקייט. אָבער די אויפשריפטן אויף די געביידעס לאָזן זיך ניט פאַרוואַקסן מיט פלאַנצן. די אותיות ברענען און פאַלן אויף מיין פּנים ווי פונקען: מיר זיינען געבויט געוואָרן, דערציילן די בתי־מדרשים, אין שנת תרמ״א, אין שנת תרל״ה, אין שנת תק״ה. פּה נקבר, שרייען די שטומע שולן, דאָ ליגן באַגראָבן די תפילות פון יידן פאַר הונדערטער יאָר.

אַלט־נייע קלויז, דו קלויז פון יסו״ד, דו זאָלסט ניט איינפאַלן, האָט מען דיך אונטערגעשפּאַרט מיט אַ וואַנט פון דרויסן, און פון אינעווייניק האָבן דיך די דאַוונער אונטערגעהאַלטן מיט זייערע תפילות. דער גרויסער נדבן און גביר, יהודה ספרא ודיינא, וואָס האָט דיך געבויט, האָט אָפּ־געזאָגט אַ פאַרמעגן פאַר קהל, בתנאי אַז זיין איידעם ר׳ שמואל זאָל

ווערן ווילנער רב. די פרנסים האָבן מסכים געווען, אָבער נאָכן טויט פון שווער האָבן זיי קעגן דעם אידעם פאַרפירט אַ מחלוקת. זיי האָבן אים פאַרשעמט און געררודפט, ביז ער האָט געמוזט פון שטאָט אַנטלויפן. נאָך זיין פטירה האָט שטאָט חרטה געהאַט אויף די בזיונות וואָס זי האָט אָנגעטאָן איר רבין, און פון זיין כבוד וועגן אָוועקגעשטעלט אין ווילנער שטאָט־שול לעבן ארון־קודש אַ שטיין, קיינער זאָל זיך ניט זעצן אויפן אָרט פון לעצטן ווילנער רב. איצט איז גאַנץ ווילנע אַ מצבה־שטיין נאָכן לעצטן יידן, און אויפן אָרט פון די יידן זיצן ערלים ווי סאָוועס אין חורבות.

מיר דאַכט זיך, אַז פאַר דער צייט וואָס איך שטיי צווישן די געוויקסן, זיינען זיי אויסגעוואַקסן העכער. די פלאַנצן פאַרוועבן און פאַרפלאָנטערן מיך, איך זאָל ניט קענען אַרויסגיין. איך רייס זיך אַרויס פון זייער געפלעכט און וויל אַריבערקריכן צוריק אין ערשטן הויף. אָבער פון קלויז־ישן פאַלן ציגל, ווי גאָט וואָלט דערהערט דאָס געבעט פון חרובן מקום קדוש און וואַרפט אים איין, די רויבער זאָלן אים מער ניט קענען פאַר־שוועכן און אויספלינדערן. אַ שרעק באַפאַלט מיך: וועל איך דאָ בלייבן אַ געפאַנגענער צווישן די איינגעפאַלענע ווענט? איך דערזע האַרט ביי דער ערד די הינטערשטע פענצטער פון ווילנער שטאָט־שול. איך קריך אַרונטער דורך די פענצטער־לעכער אין דער טיפעניש פון בית הכנסת, כדי דורך דאָרט אַרויסצוקומען אינדרויסן.

איך גיי דורך דער שטאָט־שול מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, איך וויל מער גאָרניט זען, געזעגן זיך אָנגעגעסן מיטן שטויב פון די חורבות. די מעשענע געלענדערס פון די פאַראַדנע טרעפּ, וואָס פירן אַרויס אינ־דרויסן, פינקלען פונקט ווי אַמאָל אין די יום־טובדיקע טעג ווען דער עולם פלעגט זיך שפּאַרן הערן דעם חזן מיט די משוררים. פון פאַליש קוקן מיר אָנטקעגן די גאַנץ־געבליבענע צדקה־פושקעס פאַר קראַנקע, פאַר מושב־זקנים, פאַר די לערנער און פאַר ר׳ מאיר בעל־הנס. די פוסטקייט פון דער שול בלאָזט אין מיין רוקן מיט דער קעלט פון ים הקרח, פרירט צו מיינע פיס צו די טרעפּ און לאָזט מיך ניט אַנטלויפן. פאַמעלעך דריי איך אויס דעם קאָפּ צו דער שול און דערזע אַז דער בית הכנסת איז אויסגעוואַקסן, ווי אַ טויטער וואָס זיינע נעגל און האָר וואַקסן. אַן די רייען בענק איינע הינטער די אַנדערע, זעט אויס די שטאָט־שול דאָפּלט גרעסער און גראַמער. די פיר ריזיקע זיילן אַרום דער בימה און די קאַלאָנאַדע פון געשטרייפטן מאַרמאָר אויף דער בימה זעען אויס ווי פאַנטאַנען, וואָס גיסן זיך צוזאַמען אין האַלבע בויגנס. איבערן עמוד, וואו עס זיינען געהאַנגען דודס כלי־זמר און די חיות הקודש, איז געבליבן הענגען אַ פאַריתומטער פסוק: „ושמת את שמי על

בני ישראל ואני אברכם". דער פסוק קוקט אַראָפּ אויף די צעמענטענע טרעפּלעך פון ארון־קודש, וואו עס זיינען געשטאַנען די כוהנים מיט אויסגעצויגענע הענט און געדוכנט; די כוהנים, וואָס וועלן מער קיינמאָל ניט דוכענען, ווייל זייערע הענט זיינען פאַרברענט.

איך דערהער אַ געהיימען גערויש און קוק זיך ווידער אַרום. פון באַלקן קאַפּען רעגן־טראָפּנס פּאַמעלעך און איינטאָניק ווי אין אַ שטיינערנער הייל הויך אין די בערג. אין ווילנע איז חדשים־לאַנג ניט געגאַנגען קיין רעגן, טריפט פון צעפוילטן דאַך דאָס אָנגעזאַמלטע וואַסער נאָך פון פאַראַיאָרן, נאָך פון פאַר צוויי יאָרן. די אייז־טראָפּנס פאַלן אויפן צע־מענטענעם דיל איינציקווייז, איינציקווייז, און זייער ווידערקלאַנג אין דער גליווערדיקער פּוסטקייט איז אַזוי אויסגעצויגן־סומנע, אַזוי טרויעריק־באַנג, ווי זיי וואָלטן געווען די טרערן פון ווילנער יידן; טרערן וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אין סופית פון דער אַלטער שטאָט־שול, און זיי ריידן, דערציילן, באַקלאָגן זיך און טענהן, זיפצן שטיל, שטיל, מיט אַ קול דממה דקה:

דו ביסט צוריקגעקומען פון ווייטע מקומות מיט אַ פאַרבאָרגענער תביעה אין האַרצן. דו ביסט אַנטרונען קיין צפון און געלעבט צווישן אַן עם לועז, וואָס איז געלערנט אין תכסיסי מלחמה. זיי האָבן זיך געשלאָגן מיטן דייטש, זייער שונא, וואָס איז זיי באַפאַלן פון מערב. די ווילדע גבורה פון די זיגער האָט דיך מבלבל געווען, און דו מאָנסט אויך ביי אונדז גבורה: פאַרוואָס האָט איר זיך ניט קעגנגעשטעלט? — שרייסטו. דו האָסט געראַטעוועט דיין לעבן, איצט ווילסטו, אַז מיר, די אומגעקומענע זאָלן אויך נאָך ראַטעווען דיין איינגערעדטן כבוד, דו זאָלסט זיך קענען באַרימען פאַר דער וועלט, אַז דו ביסט דער לעצטער פון פאַרטיליקטע העלדן. פאַר די עזי־נפש, פאַר די שטאַרקע, וואָס לעבן אויף זייער שווערד, פאַר־לאַנגסטו אַז מיר זאָלן זיך פאַרענטפערן פאַרוואָס מיר האָבן ניט גענומען קיין נקמה.

ווייסטו ניט אַז מען האָט אונדז אָפּגענאַרט? די רוצחים האָבן געשיקט צו אונדז בוגדים, וואָס זאָלן אונדז איינריידן, אַז דורך אַרבעט וועלן מיר זיך אויסקויפן פון טויט. פון קבר איז קיינער ניט צוריק געקומען, און די וועלדער אַרום פּאָנאַר האָבן אויך פאַר די פויגל געהיט דעם סוד פון די בלוטיקע גריבער. די שוטרים און נוגשים פון אונדזער אייגן פאָלק, כדי צו לעבן מיט איין טאָג לענגער ווי מיר, האָבן נאָך יעדער גזרה אונדז געטרייסט, אַז קיין נייע גזרות וועלן מער ניט זיין. און מיר זיינען געווען מיט קינדער באַהאַנגען, מיט ווייבער און אַלטע טאַטע־מאַמע. מע האָט אונדז געפּייניקט, מיר זאָלן פאַרלירן דעם צלם אלוהים, מע האָט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט, מיר זאָלן פון בושה ווערן

איינגעבראָכן, און אונטער אַ האָגל פון קלעפּ און געלעכטער זיינען מיר געלאָפן צו דער גרוב. מיר זיינען אַליין געלאָפן! ווייל ווייסטו וואָס דאָס מיינט צו ליגן אויף אַ פעלד אַרומגערינגלט מיט תלינים און זען ווי מע פירט אַנדערע צום טויט, נאָר דו בלייבסט אויף שפּעטער, אויף שפּעטער? ווייסטו וואָס פאַר אַ גרויסע אויסלייזונג עס איז דעמאָלט צו שטאַרבן כאָטש מיט איין רגע פריער? און דו מאָנסט נאָך ביי אונדז העלדישקייט, מיר מיט אונדזערע טויטע הענט זאָלן אונטערהאַלטן דיין חשיבות ביי די אומות העולם, וואָס פאַלן כורעים פאַר כח, ניט פאַר יסורים.

און דו, אמיך־לב, וואָס האָסטו געטאָן ווען מיר זיינען געשטאָרבן? און דיינע ברידער אין די מרחקים אין דער פרייער וועלט — וואָס האָבן זיי געטאָן? האָבן זיי זיך געוואָרפן די פעלקער צו די פיס און געבעטן פאַר אונדז רעטונג? פאַרוואָס האָט איר ניט באַלאַגערט די מנהיגים פון די מלוכות? פאַרוואָס האָט איר זיך ניט אויסגעלייגט אויף די גאַסן, די וועלט זאָל ניט קענען אַריבערגיין איבער אונדזער הריגה? פאַרוואָס האָסטו זיך אַליין ניט פאַרהונגערט צום טויט און ניט געריסן קריעה יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע? דו האָסט קיין ידישע מסירת־נפש פאַר אונדז ניט אַרויסגעוויזן און ביי אונדז מאָנסטו עשוס גבורה? ווער עס זאָגט אַז מיר זיינען חייב פאַר אונדזער שוואַכקייט, דער האָט ניט קיין רחמים אין זיין האַרץ. ווער עס זאָגט אַז מיר זיינען געווען זינדיק, דער לעסטערט גאָט. היינט איז יום־כיפור, דאַוון פאַר אונדז. מע האָט איבערגעריסן אונדזער לעבן, מע האָט איבערגעריסן אונדזער תפילה.

אַזוי האָבן די טראָפּנס אַריינגעוויינט אין מיר. אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. איטלעך וואָרט האָט אָפּגעהילכט אין מיין שאַרבן, יעדער טראָפּן האָט מיך דורכגעשוידערט, ווי אַ נאָדל וואָלט זיך אַריינגעשטאָכן אין מיין לייב. אָבער איך בין ניט אַוועק, ווי איך וואָלט נאָך לאַנגער זוכעניש ענדלעך אָפּגעפונען די גייסטער וואָס מאַטערן מיך: לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אָפּ, פייניקט מיך ניט מער, האָב איך געמורמלט. וויפיל געלע שמות ווילט איר איך זאָל נאָך אויפעסן? וויפיל מאָל זאָל איך נאָך צעררייסן מיינע פינגער אָן פאַרראָסטע טשוועקעס און פאַרזשאַווערט געשיר? וויפיל אַש ווילט איר זאָל זיך נאָך אָפּזעצן אויף מיינע ליפּן און אַריינגיין אין מיינע לונגען? וויפיל שימל זאָל זיך נאָך איינעסן אין מיין הויט? וויפל פּסוקים זאָלן זיך נאָך איינקריצן אין מיין מאַרך און זיך אויסלייגן אין די קנייטשן פון מיין פּנים? איך פאַרגייס דעם קאָפּ אין דער הויך און זוך די אותיות, וואָס זיינען געבליבן הענגען אויף די באַלקנס פון די קלויזן ווי איינציקע אברים פון אַ צעריסענעם גוף. און אין געטאָ־תפיסה האָב איך זיך געמוזט איינבייגן ביז דער ערד, ביז דער ערד, איך זאָל קענען איבערלייענען די אויפשריפט וואָס אַ קליין

יידיש יינגעלע האָט איינגעקריצט אין דער וואַנט: „יאָסעלע גרייט זיך צו פּאַנאַר״...

לויט דער זון וואָס האָט אַריינגעשיינט פון דרויסן האָב איך דער־קענט, אַז עס איז שוין אַריבער די שעה פון מוסף. די קראַטעס פון דער ווייבער־שול, באַלויכטענע פון דער זון, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שטאַבעס גאָלד. אויף דער מערב־וואַנט, וואו עס איז אַמאָל געהאַנגען דער שקיעה־זייגער, האָט זיך צעפינקלט אַ ליכט־ראָד ווי אַ געשליפענער שפּיגל. אַ סנאָפּ שטראַלן האָט דורכגעשניטן די גאַנצע לענג פון דער שטאָט־שול ביז דער מזרח־וואַנט, און איז אַריינגעפאַלן אין דער פינצטערער פאַר־טיפונג פון אַרויסגעבראָכענעם ארון־קודש. דער שטראַלן־סנאָפּ אין שוואַרצן חלל פון חרובן היכל האָט געבלענדט ווי אַ דימענט, געשיינט מיט אַלע פאַרבאָרגענע שימערן פון די אָוועקגעגזלטע ספר־תורה־קרוינען, געבליצט און געמיניעט מיט אַלע פאַרבן פון מענטעלעך, אויסגעהאַפטענע מיט זיל־בער־פעדעם און באַזעצט מיט אידל־שטיינער. פּלוצים איז דער זוניקער דימענט אַרויסגעשוואומען פון זיין באַהעלטעניש און האָט האַסטיק זיך צו מיר דערנעענטערט, ווי אַ פייערדיקער שרף וואָלט מיך געטריבן פון שטאָט־שול. איך בין אָפּגעטראָטן הינטערווייליעכטס איבער די טרעפּ און בין אַרויס אינדרויסן אַ באַהערשטער פון אימה, מיט אַ פיבער אין אַלע גלידער, ווי עס וואָלט אין מיר איינגעזונקען דער צעשטראַלטער דימענט — איך האָב געפיבערט מיט דער שעה פון נעילה.

# נעילה

איך בין געלאָפֿן אין ר׳ שאולקעס קלויז אויף יאַטקעווער גאַס, אַנטקעגן דעם הויף פֿון דער גענדזליאַרניע וואו מיר האָבן געוואוינט, און אַנטקעגן דעם טויער, וואו די מאַמע האָט אַלע אירע יאָרן, ביז צו איר חתונה מיט ר׳ בערלען, געדינט צו גאָט ביי אירע קאַשיקעס מיט די פֿאַרפֿוילטע עפּעלעך. איצט, אין דער שעה פֿון נעילה, איז די רעכטע צייט איך זאָל גיין אין בית־מדרש וואו איך האָב קינדוויז געשטיפֿט צווישן די בענק און געלערנט אין מיין יוגנט. דאָרט זיינען אַלע ווענט געווען פֿאַרשטעלט מיט גרויסע אַלמערס ספֿרים און די בענק באַזעצט מיט די פֿרומע בעלי־בתים. ניט אומזיסט האָט מען אין ווילנע גערעדט, אַז אין ר׳ שאולקעס קלויז לערנט מען טאָג און נאַכט אַזוי פֿיל תורה, אַז די בענק זיינען טרייף פֿון אָנגעשמאַלצענעם חלב, נאָר די הערצער זיינען כשר.

אָט איז ר׳ שאולקעס קלויז! איך האָב מיט ווילדן כח אַ שטויס געטאָן די פֿאַרשלאָגענע טיר, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ פֿאַרשטיקטן קרעכץ, ווי אַ הילצערנע תליה וועז מען נעמט אַראָפּ דעם געהאָנגענעם. אין דער אויסגעשטאָרבענער געטאָ האָט זיך די שטילקייט צערוישט, גלייך די חורבות וואָלטן אויפֿגעציטערט וואָס איך בין מחלל יום־כּיפּור. איך האָב מיט רציחה געריסן ווייטער, ביז די צעפֿוילטע ברעטער האָבן נאָכגעלאָזט. איך בין אַרויף אין בית־מדרש... חרוב ווי אַלע קלויזן. אין דעם דרום־מערבדיקן ווינקל איז געבליבן הענגען אויף דער וואַנט אַ טאָוול, וואָס זיין נוסח האָב איך נאָך געדענקט פֿון יינגלוויז: די אשה ליבע בת ר׳ עזריאל העלין האָט געלאָזט דריי טויזנט רובל אונטער־צוהאַלטן די לומדים פֿון קלויז. איך האָב אַ שפּאַן געטאָן איבערן שולכל און דערזען אַ צווייטן לוח אויף דער וואַנט: דער שטיין איז אַ דערמאָנונג נאָך ר׳ יוסף שרגא טראַקיניצקי, וואָס האָט דאָ אין בית־מדרש איינ־געשטעלט זיין געצעלט פֿאַר תורה און תפֿילה קרוב צו פֿופֿציק יאָר.

און גבאי איז ער דאָ געווען פערציק יאָר. געשטאָרבן איז ר׳ יוסף שרגא אין יום־כּיפּור תרצ״ב, אין דער שטאָט סיאַטעל בארצות הברית, אין אַמעריקע, ווען ער איז דורך דאָרט געפאָרן קיין ארץ ישראל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער בימה, וואו עס איז שבת געשטאַנען דער הויכער גבאי ר׳ שרגא און געטיילט עליות, און איך האָב זיך דער־מאָנט אָן אַ צווייטן יידן, וואָס איז אויך געשטאַנען אויף דער בימה, דער שמש ר׳ דוב־בער גאַליין. ר׳ דוב־בער, אַ שוחט און אַ שמש, איז געווען אַ גוואַלטיקער קנאי. זיין שוואַרצע געדיכטע באָרד און די שוואַרצע גרויסע אויגן האָבן שטענדיק געברענט פון כּעס אויף די וועלטישע יידן. ער האָט געמאַכט זיינע זין פאַר רבנים און איז דערפאַר געווען ביי זיך אַ גרויסער יחסן. ווען איך האָב אויפגעהערט לערנען, פלעגט ער אויף דער גאַס אַוועקדרייען פון מיר דעם קאָפּ. יום־כּיפּור איז ער געשטאַנען אויף דער בימה און פאַרקויפט פּתיחה מיט אַ ניגון:

— צוואַנציק גילדיין הוא פּתיחת ארון הקודש.

ר׳ דוב־בער קוקט זיך אום: ווער גיט מערער? אַ באַלעבאָס אין מזרח טוט אַ הייב־אויף אַ פינגער, דער שמש פאַרשטייט דעם וואונק און רופט אויס:

— פינף־און־צוואַנציק גילדיין הוא פּתיחת ארון הקודש.

ווערט דער ערשטער געבער אָן אָנגעצונדענער און הייבט אויף אַ גאַנצע האַנט. דער שמש זינגט ווייטער:

— דרייסיק גילדיין הוא פּתיחת ארון הקודש.

ווערט דער צווייטער אָנבאָטער רעכט אין כּעס און לאָזט זיך גיין פון זיין „שטאָט" צו דער בימה. דער ערשטער באַלעבאָס בלייבט ניט הינטערשטעליק. ביידע שטעלן זיך פון ביידע זייטן באַלעמער און פאָכען מיט די הענט צום שמש. אָבער ווען ר׳ דוב־בער זעט, אַז דאָס שטייגעניש פאַרפליט צו הויך, גיט ער תקיפותדיק אַ פּאַטש אין שולחן: מער פאַר־קויפט ער ניט! אויב מען שטייגט זיך איבער צוליב להכעיס טאָן און גאווה, איז דאָ אַ חשש אַז מען וועט שפּעטער ניט באַצאָלן.

איך קוק אויף דער בימה און פון מיין קעל שפּאַרט אַ געכאָרכל, אַ געשריי, ווי עמעץ וואָלט מיך געוואָרגן:

— צוואַנציק טויזנט יידן הוא פּתיחת ארון הקודש. אָבער דער טויער פון הימל האָט זיך ניט געעפנט.

— פערציק טויזנט יידן הוא פּתיחת ארון הקודש. אָבער דער שער פון רחמים איז געבליבן פאַרשלאָסן.

— זיבעציק טויזנט יידן זיינען אומגעקומען, קהילות האָבן איינע די אַנדערע איבערגעשטיגן: ווער וועט געבן מער קרבנות? און קיינער פון די האָט ניט געפּועלט, אַז דער שער פון רחמים זאָל זיך עפענען.

ר׳ בער, גיט אַ פּאַטש אין שולחן: געננג קרבנות! ר׳ בער, דרייט אויס צו מיר אייערע שוואַרצע פּייערדיקע אויגן און פאַרברענט מיך פאַר מיין חירוף און גידוף. ר׳ בער...

אין בית־מדרש אין פּוסט, שטיל. איך גיי אַרונטער פון די טרעפּ.

וואוהין גייט מען? וואו טוט מען זיך אַהין? אַלע יידן זיינען אויסגעהרגעט, נאָר זייער יום־כּיפּור זיצט אין מיר, וויינט אין מיר, אָבער איך קען ניט דאַוונען, ניט פאַר זיי און ניט פאַר זיך... ווידעה אַ קלויז!

דאָס איז דער מנין אויף שאָוולער גאַס, וואו עס האָבן געדאַוונט אָרעמע בעלי־מלאכות און וואו פאַרהאָרעוועטע קרעמער זיינען אַריינגעפאַלן אָפּזאָגן אַ קדיש. זוען איך האָב געלערנט, בין איך זעלטן אַריינגעקומען אין דעם בית־מדרש. איך בין געזעסן צווישן די גרויסע מופלגים פון ר׳ שאולקעס קלויז און געחלומט צו ווערן איינער פון זיי. איך שלעפּ זיך אַרויף אין יאָגיכעס קלויז — און בלייב אַ פאַרגאַפטער.

פון צעגראָבענעם באָדן איז אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנץ פעלד מיט זון־רויזן. די בלומען מיט די צעבלעטערטע געלע קעפּ זיינען הויך איבער מיין קאָפּ און שטראַלן מיט אַזאַ גאָלדענער ליכטיקייט, ווי טויזנטער זונען וואָלטן געקרייזט איינע אַרום די אַנדערע. זיי ציטערן דבקותדיק־פריידיק, ווי די אָרעמע יידן, די דאַוונער פון יאָגיכעס קלויז, וואָלטן מגולגל געוואָרן אין די זון־רויזן. זיי שאָקלען מיט די קעפּ צום פּוסטן ארון קודש, גליך דער אָפּענער היכל וואָלט פול געווען מיט ספרי־תורות.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן, זיך שטום מיטגעוויגט און געפילט אַז איך ווער אַריינגעוועבט אין דער התלהבותדיקער זיסער שטילקייט. איך האָב ניט אַרויסגעלאָזט קיין קלאַנג, נאָר געשמייכלט צו זיך און אָפּגעווישט דעם שוויס פון שטערן. מיט בלחשדיקע טריט בין איך אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ, ניט אויפצואוועקן די שמונה־עשרהדיקע שטילקייט פון די צעגליטע זון־רויזן.

ווען איך בין אַרויס אינדרויסן, האָב איך זיך געלאָזט שפּאַנען מיט האַסטיקע טריט: איך מוז אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס די שקיעה צו נעילה אין שפּינגעוועב אויף דער מאַמעס טיר, ווי איך האָב דאָרט נעכטן געזען די שקיעה פאַר כל־נדרי. ניט קיין שפּינוועבס הענגט, מאַמעלע, אויף דיין טיר, נאָר אַ גאָלדענער פּרוכת, און הינטער אים איז אַ קדשי־קדשים. אין קדשי־קדשים האָט די שכינה געשוועבט צווישן צוויי כּרובים, און אין דיין שטיבל האָט פרייטיק צונאַכט די שכינה געשוועבט צווישן צוויי אָרעמע בענטש־ליכט אין קופּערנע לייכטערלעך. בעת מיר האָבן נאָך געוואוינט אין אונדזער קוניע־שטיבל, פלעגסטו זיך פאַר מיר קלאָגן, אַז מער ווי צוויי ליכטלעך צו צען גראָשן קענסטו זיך ניט פאַרגינען

אָנצוצינדן לכבוד שבת. די ליכטלעך ברענען גלייך אויס און אַ גאַנצן פרייטיק צונאַכט קאָפּטשעט דער פאַררייכערטער נאַכט־לאָמפּ. איצט, מאַ־מעלע, האָט דער שיין פון דיינע אויסגעברענטע גראַשנדיקע בענטש־ליכט זיך צונויפגעוועבט אין אַ זוניקן גאָלדענעם פּרוכת אויף דיין טיר.

יינגלוויז בין איך איינמאָל פּאַר נעילה אַנטלאָפן פון ר׳ שאולקעס קלויז מיט אַ חברה יינגלעך צום קלויסטער אויף רודניצקער גאַס רייסן קאַשטאַנעס. מיר זיינען אַריבערגעקראָכן איבערן הויכן צאַם מיט די אייזערנע שטאַכעטן אויפן קלויסטער־הויף, געקלעטערט אויף דיביימער און אַראָפּגעשאָקלט פון די דיקע צווייגן סאַמעט־גלאַטע ברוינע קאַשטאַנעס אין אויפגעשפּאָלטענע שטעכיק־גרינע שאָלעכטסן. איך בין צוריקגעקומען אין שטוב ווען דער טאַטע האָט שוין געמאַכט הבדלה און ס׳איז דעמאָלט געווען ביי אונדז אַ פאַרשטערטער מוצאי יום־טוב. דער טאַטע האָט מיר לאַנג ניט געקענט מוחל זיין מיין אַוועקגיין פון קלויז צו נעילה. די מאַמע האָט מיר אָפּטמאָל דערציילט, ווי אַזוי זי האָט אין יענעם יום־כיפּור פאַרנאַכט אַרויסגעקוקט דורכן פאָרהאַנגל פון ווייבער־שול, מיך געזוכט מיט די אויגן, און זיך באַגעגנט מיט דעם טאַטנס אָנגעצונדענע בליקן, ווי זי וואָלט געווען די שולדיקע, וואָס איך בין אַנטלאָפן פון קלויז.

דער קלויסטער אויף רודניצקער גאַס שטייט ביז איצטער אַ ניט־געריררטער, אַפילו דער הויכער צאַם מיט די אייזערנע שטאַכעטן איז דער זעלבער, און אויף די זעלבע אַלטע ביימער הענגען ווידער געדיכטע צווייגן מיט צייטיקע קאַשטאַנעס. אָבער ייִדישע יינגלעך אַנטלויפן ניט מער פון ר׳ שאולקעס קלויז אין דער שעה פון נעילה רייסן קאַשטאַנעס. פון יענע יינגלעך בין איך בלויז געבליבן לעבן, און איך יאָג זיך צו דיין שטיבל, מאַמעלע, זאָלסט אַ קוק טאָן אויף מיר דורכן גאָלדענעם פאָרהאַנג פון דיין קדשי־קדשים, זאָלסט אַ קוק טאָן אויף מיר דורכן שפּינוועבס איבער דיין חרוב שטיבל און זען אַז איך בין צוריקגעקומען צו נעילה. נאָר וואו נעמט מען כח צו דערלויפן? איך האָב דורכגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט, אָבער דער וועג צווישן די חורבות דורך די עטלעכע טויטע געסלעך איז לענגער און שווערער. גאָט! איך בין אַפילו גרייט אויף אַ ווײַלע מיט דיר שלום זוערן, נאָר גיב מיר כח צו דערלויפן.

דער אַריינגאַנג אין דער מאַמעס שטיבל איז געווען אָפן, פון אינעווייניק האָט אַרויסגעגלאָצט פינצטערניש ווי פון אַ טיפן אויסגעע־טריקנטן ברונים. עמעצער האָט אַראָפּגעריסן דאָס שפּינגעוועב, אָדער דער ווינט האָט עס פאַרטראָגן. איך בין אין שטוב ניט אַריין, איך בין געבליבן שטיין אויפן הויף אַ פאַרגליווערטער, ביז די בערגלעך ברוכוואַרג האָבן

זיך צוגעדעקט מיט די נאַכטיקע שאָטנס, און אין הימל איז אויפגע־גאַנגען דער יונגער מולד, וואָס האָט געוואַרט איך זאָל מחדש זיין די לבנה, ווי דאָס האָבן געטאָן די פרומע בעלי־בתים פון ר׳ שאולקעס קלויז יום־כיפור נאָך מעריב.

פון דער אָפענער פינצטערער שטוב איז אַרויסגעקראָכן די קאַץ און זיך אַוועקגעלייגט אויפן שוועל. איך האָב זיך דערמאָנט ווי די מאַמע פלעגט שטענדיק יום־כיפור פאַר מנחה איבערררייסן אירע תחינות און איז געגאַנגען געבן עסן דער קאַץ, וואָס האָט זיך ביי אונדז געהאָדעוועט. איך האָב זיך דערנעענטערט צו דער ווילדער קאַץ אויפן שוועל ניט מיט שרעק ווי נעכטן, נאָר היימיש־פאַרטרוילעך ווי צו אַן אַלט־באַקאַנטער, און אויך זי איז מער ניט אַנטלאָפן, ניט געשפּיגן, נאָר אויפגעהויבן דעם קאָפּ און טרויעריק־באַנג מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. איך האָב דערפילט אַז מיין פּנים איז נאַס פון טרערן און געשעפּטשעט אַן אַ זין צו דער פרעמדער איינזאַמער קאַץ, פאַרענטפערט די מאַמע, וואָס האָט זי, גאָטס באַשעפעניש, געלאָזט אַ גאַנצן יום־כיפור הונגערן:

— די מאַמע איז אַוועק אין שול און קען ניט צוריקקומען, די מאַמע קען ניט צוריקקומען פון נעילה, זי וועט ניט צוריקקומען, ניט צוריק־קומען.

# אינהאַלט:

## דער מאַמעס שבתים


דער גאָרטן ........ 7
דער אוצר ........ 13
בלומעלע ........ 21
נייע שכנים ........ 28
דאָס ווייסע טיכל ........ 33
אַ נאַכט אָן שלאָף ........ 40
די משפחה ........ 48
אַראַנטשיק ........ 58
ראַמיילעס הויף ........ 67
פּריטיק נאָך האַלבן טאָג ........ 75
וועלוול דער שניידער ........ 83
דער נסיון ........ 92
מען געזעגנט זיך ........ 98
אַ בריוו ........ 106
דער תרגום שני ........ 112
דער טאָג פון די בעטלער ........ 119
ווייבער בײם טשאָלנט ........ 138
די כלה ........ 155
וואָס עס ווערט פון אַ מענטשן ........ 169
דער מחותן ........ 191
דער בן־הרב ........ 201
דער זאָקן־הענדלער ........ 221
נאָכאַמאָל חתונה געהאַט ........ 255


## עק וועלט


עס האָט זיך אָנגעהויבן ........ 267
אויף דער עלטער ........ 279
די ליקוי־חמה ........ 286
אויף פרעמדער ערד ........ 294

עלטערן און קינדער ........ 306
דער מאָסקווער שאָסיי ........ 313
וועג־חברים ........ 320
דער עשאַלאָן ........ 328
אַרעסטאַנטן ........ 336
אַ רעגן ........ 344
נע־ונד ........ 348
אַ נאַכט ביי דער וואָלגע ........ 356
קאַזאַכסטאַנער סטעפּ ........ 364
סטאַלינאָבאַד ........ 370
פּליטים ........ 378
מישע טרוימאַן ........ 393

## די זיבן געסלעך

צוריקגעקומען ........ 409
דער שוסטער ........ 414
די קינדער־דאָקטאָרין ........ 431
נומער 9 ........ 446
שפּינוועבס ........ 452
חרובע קלויזן ........ 462
נעילה ........ 469

## ביכער פון חיים גראַדע

### פּאָעזיע:

יאָ — ווילנע, 1936
יאָ — צווייטע אויפלאַגע, ווילנע, 1937
מוסרניקעס — ווילנע, 1939
דורות — ניו־יאָרק, 1945
פּאַרוואַקסענע וועגן — פּאַריז, 1947
פּליטים — בוענאָס־איירעס, 1947
דער מאַמעס צוואה — ניו־יאָרק, 1949
שׂיין פון פאַרלאָשענע שטערן — בוענאָס־איירעס, 1950

### פּראָזע:

דער מאַמעס שבתים — ניו־יאָרק, 1955
שבתותיה של אמא — ישראל, 1957
דער שול־הויף — ניו־יאָרק, 1958
דער מאַמעס שבתים — צווייטע אויפלאַגע, ניו־יאָרק, 1959

## ווערט געגרייט צום דרוק

### פּאָעזיע:

אַ בוך לידער
אַ בוך פּאָעמען

### פּראָזע:

די עגונה
ר' צמח אַטלאַס (די ישיבה)